This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש היימלאַנד

1

1975

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

יאַנואַר

1

1975

אינהאַלט

אונדזערע מיטצײַטלער. לעאָניד שקאָלניק. די מאגיסטראל פון פרײַנטשאפט 4
נאטאן זאבארע. אינמיטן העלן באטאָג (ראָמאן) . . 11
כאַים ביידער. אלץ, וואָס איז דעם מענטש געגעבן (לידער) 52
איציק קיפּניס. ס׳פעלט א מענטש. — וועגן אייגענער אָפּפרישונג. אויך וועגן דעם נעס בא נאכשענען מיט זײַן שטוב־געזינד. — ברידער. — מײַן שטוב (דערציילונגען) 55
פּיניע קיריטשאנסקי. אין הארץ בא זיך און אין זיקאָרן (לידער) 71
הענריך האָפּמאן. דער איבערזעצער פון געסטאפּאָ (דאָקומענטאלע דערציילונג. סאָף) 74
לעבעדיקע גרוסן. יעכיעל טשיטשעלניצקי. בא די קיִעווער ייִדישע שרײַבער אין צוויי יאָר ארום . . 127
מאָטל גרוביאן. א גאנץ לעבן געטרוימט... (לידער. פון דער שעפערישער יערושע) 138
מאקס פּאָליאנאָווסקי. באגעגענישן מיט אינטערעסאנטע מענטשן 141
פובליציסטיק. ווי האלט עס מיט דער „אליא״ הײַנט . . 146
א בריוו פונעם אויסערן־מיניסטער פון פּסרס צו דעם מעלוכע־סעקרעטאר פון פּשא 156

ליטעראטור־קריטיק. ביבליאָגראפיע. פראגן פון קונסט

הערש רעמעניק. א קרעפטיקער טאלאנט 157
אירמע דרוקער. לייענענדיק „פון אלעף ביז טאָף״ (אייניקע געדאנקען וועגן ארן ווערגעליסעס דיכטערישער שאפונג) 162
אונדזער רעפליק. ארום דער פראגע וועגן דער גרינדונג פון א ייִדיש־אראבישן שרײַבער־פארבאנד אין ייִסראָעל 172
צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאגע. די קונסט פון סאָציאַליסטישן רעאליזם 176
דאָס איז טשיקאווע. י. גינעווסקי. ביבליאָפילן . . 177
פאָטאָ־כראָניק. ביראָבידזשאן הײַנט 178
איבערוף פון צײַטן. י. פּײַוווּסאָוויטש. מיט די אויגן פון קינדער 180
כראָניק 145, 175, 176, 181, 187
פארשיידנס 182
נאָטיצן אפן קאלענדאר 184
לאָמיר זינגען נײַע לידער. באם שווארצן יאם. ווערטער פון שיקע דריז, מוזיק פון ריווע באָיארסקאיא . . . 186
פריילעכע שורעס. וויצן פון ייִסראָעל 188
עליע פאלקאָוויטש. שמועסן וועגן ייִדישער שפראך 190

הויפּט־רעדאקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער, א. גאָנטאר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, י. טשיטשעלניצקי (שטעלפארטרעטער פון הויפּט־רעדאקטאָר), נאָטע לוריע, מ. לעוו, ב. מילער, כ. מעלאמוד, ה. פּאָליאנקער, ס. פּרײַ.

פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאר

י. שוסטער

א הארציקן
נײַיאָר-ווּנטש
די לייענער פון
„סאָוועטיש היימלאנד"

אונדזערע מיטצײַטלער

לעאָניד שקאַלניק

די מאַגיסטראַל פון פרײַנטשאַפט

די כעוורע, וואָס זיַינען פון פארשיידענע ערטער געקומען אין כאבאראָווסקער קאנטקאָם פון קאָמיוג, האָבן זיך גענומען באקאנען איינע מיט די אנדערע: די ביראָבידזשאנער האָבן נאָך פריִער זיך געטראָפן אין געגנטקאָם, ווּהין זיי האָבן זיך געווענדט מיט א באקאָשע, מע זאָל זיי שיקן ארבעטן אף דער ביַיקאל־אמורער מאגיסטראל.

דאָס איז שוין געווען דער צווייטער קאָמסאָמאָלישער „דעסאנט”, וועלכן כאבאראָווסק האָט אָפּגעשיקט אפן באַם. דער פאָרשטייער פונעם שטאב פון צענטראל־קאָמיטעט פון קאָמיוג אפן מיזרעכדיקן באצירק האָט, באגלייטנדיק אים, געזאָגט צו די כעוורע:

— דאָרט, אין דער טיַיגע, וועט איר טרעפן ניט קיין אספאלט, נאָר זומפן און קאָטשקא. ניטאָ קיין טעאטערס און טאנץ־זאלן. ס'איז איַיך באשערט צו באלעבן די ראכוועסן, אויסראָטן אין זיי די ווילדעניש...

שפעט אין אָוונט האָט מען די יוגנטלעכע באגלייט אין וועג, פונקט ווי מיט א כוידעש צוריק, ווען עס איז פונדאנען אָפּגעפאָרן אף דער מאגיסטראל די ערשטע גרופּע קאָמיוגיסטן.

דער צוג האָט זיך גערירט. לאנגזאם שוועבן פארביַי די פיַיערן פונעם קאנטישן צענטער. עס גייען אָפּ אין א זיַיט זיַינע ברייטע, מיט שיַין פארגאָסענע פּראָספּעקטן.

איך האָב געטראכט: אייגנטלעך, פאָרן אצינד אפן באַם די קינדער און אייניקלעך פון די, וואָס האָבן געבויט אמאָל קאָמסאָמאָלסק־אפן־אמור, ביראָבידזשאן.

די קינדער גייען מיטן וועג פון די טאטעס. זאָלן זיי האָבן א גליקלעכן וועג!

אין א מעסלעס ארום איז דער צוג אָנגעקומען אף דער סטאנציע אורגאל פונעם ווערכניעבורייער ראיאָן. דאָס ערשטע, וואָס האָט זיך דאָ געוואָרפן אין די אויגן, איז געווען דער גרויסער פלאקאט אף דער וואָקזאל־געביַידע מיט קורצע און בוילעט אָנגעצייכנטע צוויי ווערטער: „דאיאָש באַם!”.

דאָ, אין אורגאל, געפינט זיך די גרונט־באזע פון דער עקספּעדיציע, וועלכע פירט א געאָלאָגיש־אויספּירערישע ארבעט אפן מיזרעכדיקן באצירק פון דער מאגיסטראל, אן ערעך אף א מעהאלעך פון טויזנט קילאָמעטער.

ביראָבידזשאנצעס פאָרן בויען דעם באַם

דער שעף פון דער עקספּעדיציע ווסעוואָלאָד וועניאַמינאָוויטש סטעפּאַנאָק האָט אונדז דער־ציילט:

— אהער, אַף דער באַזע, קומען אָן יעדיעס וועגן דער אַרבעט פון אַלע אויסשפּיר־פּאַר־טיעס, און פון דאַנען ווערן מיט א ווערטאָליאָט צוגעשטעלט אין טײַגע מענטשן, אויסשטאַטונג, שפּײַז, פּאָטשט.

די מאַגיסטראַל איז אײַנגעטיילט אין באַזונ־דערע באַצירקן. כוץ סטעפּאַנאָקס עקספּעדיציע, פירן דאָ זייערע אויסשפּירונגען אויך דער כאַ־באַראָווסקער און לענינגראַדער געאָלאָגישע אינסטיטוטן און דער אַלמאַ־אַטאַער פיליִאַל פונעם אינסטיטוט „קאַזאַכטראַנספּראָיעקט”. עס ווערן צוגעגרייט די אַרבעטס־צייכענונגען פאַר דער בויונג פון דער קינפטיקער מאַגיסטראַל, פון די יִשוּווים, אײַזנבאַן־בריקן און אווטאָמאָ־ביל־וועגן.

גלײַך נאָך די געאָלאָגן גייען געאָפיזיקער, הידראָלאָגן.

— דאָס סאַמע פּאָפּולערע וואָרט בא אונדז, — באַמערקט ווסעוואָלאָד וועניאַמינאָוויטש, — איז, ווי איר האָט זיך שוין געקאָנט איבערצײַגן, דאָס וואָרט „קינפטיקע”. אין ערטער, אַף וועלכע עס האָט נאָך ניט געטראָטן קיין מענטשלעכער פוס, דערהערט זיך צום ערשטן מאָל דער גע־קלאַנג פון מאָטאָזעגן, דער גערויש פון אווטאָ־מאָבילן, און, דעריקער, עס קומען אָן מענטשן, און אַלע האָבן איין ציל — אָט דאָ, אין דער טײַגע־ווילדעניש, דורכלייגן די טראַסע פון דער קינפטיקער מאַגיסטראַל.

אַלעקסאַנדער מאַלאַמוד און סאַשע טשודינאָוו פון ביראָבידזשאַן, אַנדריי קאָלונדזיוגאַ פונעם אולטשיִער ראַיאָן, איוואַן קוזנעצאָוו פונעם האַפן וואַנינאָ שלינגען מאַמעש יעדעס וואָרט פונעם שעף פון דער עקספּעדיציע. איך קוק אַף זיי און טראַכט וועגן דעם, ווי גוט עס איז, וואָס אין די ביִאָגראַפיעס פון אָט די יונגע מענטשן, דער־ווײַל נאָך ניט קיין רײַכע מיט וויכטיקע געשעע־נישן, וועט זיך באַווײַזן אַזאַ באַדײַטונגספולער פאַקט: זיי האָבן געבויט די בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל.

און נאָך טראַכט איך וועגן אים אַליין, דעם שוין ניט יונגן ווסעוואָלאָד וועניאַמינאָוויטש סטעפּאַנאָקן, וועלכער איז א פאַרקערפּערונג פון דער לעבעדיקער געשיכטע פונעם באַם. נאָך אין די דרײַסיקער יאָרן איז ער צום ערשטן מאָל געקומען אַפן ווײַטן מיזרעך. דאָ האָט ער געפירט געאָלאָגישע אויסשפּיר־אַרבעטן פאַר דער בויונג פון די אײַזנבאַן־ליניעס איזוועסט־קאָוואַיאַ — טשעגדאָמין, קאָמסאָמאָלסק־אַפן־אַמור — סאָוועגאַוואַן. נאָך דער מילכאָמע איז ער ווידער צוויי מאָל געווען אַפן ווײַטן מיזרעך — אין 1959 און אין 1967. ער האָט געטרוימט וועגן דער צײַט, ווען מע וועט אָנהייבן בויען די בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל, און מוירע גע־האַט, אַז ס׳וועט אים אויספאַלן פריִער אַרויסגיין אַף פּענסיע.

— איך וואָלט ניט פאַרדינט מײַן אָפּרו, — זאָגט ווסעוואָלאָד וועניאַמינאָוויטש, — ווען כ׳זאָל ניט האָבן געאַרבעט אַף אָט דער מאַגיי־סטראַל...

די קאָמיוגיסטן שווײַגן, זיי קוקן פאַרטראַכט אַפן גראָוון מענטשן, וואָס פערציק יאָר לייגט ער שוין דורך אין דער טײַגע וועגן.

זיי שווײַגן. וואָס טראַכטן זיי אין אָט דער מינוט, אַזעלכע פאַרשיידענע לויטן כאַראַק־טער — באַדאַכטע און „היציקע קעפּ”, ראָמאַנ־טיקער און „טרוקענע פּראַקטיקער”? זיי ווייסן עפּשער נאָך ניט דאָס, וואָס עס ווייסט אָט דער



גראָוווער מענטש: די בײַקאל־אמורער מאגיסטראל וועט ווערן בײַ א סאך פון זיי דער לעבנס־גוירל.

מאָרגן אינדערפרי וועט א ווערטאָליאָט זיי אופהייבן איבער דער טײַגע און אין אָנדערהאלבן שאָ ארום אראָפלאָזן זיי צווישן וואלד און זומפן...

דאָ, אפן באם, רופט מען דעם העליקאָפטער — „טײַגע־אווטאָבוס", און אזוי איז עס טאקע. די אויסשפיר־פארטיעס זײַנען אף אזויפיל דערווײַטערט איינע פון דער אנדערער און זיי געפינען זיך אין ערטער, וווּהין עס איז אזוי שווער צו קומען, אז דער העליקאָפטער איז דאָ געוואָרן דאָס איינציקע מיטל פון פארבינדונג.

צוזאמען מיט אונדז האָט דער „טײַגע־אווטאָבוס" געבראכט פאר דער פארטיע, מיט וועלכער עס פירט אָן ראָבערט גורקיס, עטלעכע פעקלעך פרוכטן פון אלמא־אטא, בריוו, נײַע ביכער. די געאָלאָגן האָבן גלײַך גענומען בלעטערן די נײַ־אָנגעקומענע ביכער, לייענען די בריוו פון דער היים. די פעקלעך האָט מען איבערגעגעבן אף דער קיך — גרויסע עפל, ווי אָנגעגאָסענע מיט דער הייסער קאזאכסטאנער זון, גרויסע, העלברוינע בארן...

אונדזערע ביראָבידזשאנער כעוורע אליק מאלאמוד, סאשע טשודינאָוו און טאָליע סאָקאָלאָוו זײַנען, לויטן באשלוס פונעם שעף פון דער עקספעדיציע סטעפאנאָק, אָפגעשיקט געוואָרן אין גורקיסעס קאָמפלעקס־פארטיע, אינעם שטעטל פון די פאלאטקעס, פונוואנען צום נאָענטסטן באפעלקערטן פונקט איז א מעהאלעך פון קנאפע 400 קילאָמעטער.

— לאָמיר זיך באקענען, — איז צוגעגאנגען צו זיי דער שטעלפארטרעטער פונעם שעף פון דער פארטיע, דער עלטערער אינזשעניער־געאָלאָג סטעפאן טימאָפייעוויטש קאפסארגין. דריקנדיק די הענט די נײַ־אָנגעקומענע, האָט ער אופמערקזאם זיך אײַנגעקוקט אין יעדן פון זיי, ווי פרווונדיק קלאָר מאכן, וואָס זיי שטעלן מיט זיך פאָר און וויאזוי זיי וועלן זיך אופירן דאָ, אין דער טײַגע, ווו עס זײַנען אזוי נייטיק מוט און אויסגעהאלטנקײַט.

בײַ קאפסארגינען איז די בײַקאל־אמורער מאגיסטראל שוין די פערטע גרויסע בויונג. פריער האָט ער געבויט די סאיאנאָ־שושענסקער הידראָעלעקטראָסטאנציע, די וועגן אבאקאן — טײַשעט און טיומען — סורגוט. פאר א קורצער צײַט (אין דער עקספעדיציע ארבעט ער א האלב יאָר) האָט ער בײַ אלעמען אויסגענומען מיט זײַן ערנסטן און גוטן כאראקטער, מיט זײַן קענען קומען צוהילף אין א שווערער מינוט.

גורקיסעס פארטיע איז אן „אינטערנאציאָנאלע". אליין ראָבערט איוואנאָוויטש איז א לעט, קאפסארגין — אן אווארעץ, דער געאָלאָג בולאט אישאנאָוו — א קאזאך (אין דער יוגנט האָט ער געשפילט אינעם אלמא־אטאער „קײַראט", געווען אן אויסגעצייכנטער פוטבאָליסט, אצינד איז ער איינער פון די סאמע געניטע געאָלאָגן אינעם אינסטיטוט „קאזאכטראנספראָיעקט"). צוזאמען מיט אים פירן דאָ די געאָלאָגישע אויסשפיר־ארבעטן דער רוס גענאדי שוסטאָוו און דער ייד דאוויד צוועליכאָווסקי.

בײַ דאווידן איז עס די ערשטע זעלבשטענדיקע ארבעט נאָכן פארענדיקן דעם מאָסקווער אינסטיטוט פון אינזשעניערן פון געאָדעזיע, אעראָפאָטאָגראפירונג און קארטאָגראפיע.

— ווען איך בין געפאָרן אהער אף דער מאגיסטראל, — דערציילט ער, — איז אפן וואָקזאל מיך געקומען באגלייטן די גאנצע מישפּאָכע: די מאמע, פיר ברידער און צוויי שוועסטער. כוץ דעם מיזיניק באָריס, וועלכער לערנט זיך אין נײַנטן קלאס, האָט יעדערער פון זיי זײַן פראָפעסיע און באליבטע ארבעט. אנאטאָלי האָט פארענדיקט דעם מאָסקווער אוויא־אינסטיטוט און ארבעט איצט אין איינעם פון די וויסנשאפטלעך־פאָרשערישע אנשטאלטן פון דער הויפטשטאָט. די שוועסטער סאָפיע איז סעקרעטאר אין א ראיאָנישן אָפטייל פון פאָלקסבילדונג, סעמיאָן איז א טאקסיסט, ראָמאן פארוואלטעט מיט א ווארשטאט פון מעטאל־רעמאָנט, מאניע איז א דיספעטשער אין אווטאָפארק.

— צו וואָס דערצייל איך אײַך דאָס אלץ? — האָט צוגעגעבן דאוויד. — באגלייטנדיק מיך אהער, זײַנען אלע מײַנע אייגענע אף א גוטן אויפן געווען מיר מעקאנע...

דאוויד צוועליכאָווסקי שרײַבט אָפטע בריוו אהיים. מערסטנטייל אדרעסירט ער זיי דעם ייִנגערן ברודער און טוט עס ניט צופעליק: בײַ זיך אין שול איז באָריס אצינד א פאָפולערער מענטש — א קלייניקײַט, זײַן ברודער בויט דעם באם! לאָזט מען אים טאקע ניט צורו, מע האלט זיך אין איין אָנפרעגן, ווי גייט דאָרט די ארבעט, אפן באם. און באָריס צוועליכאָווסקי ענטפערט באדאכט און ערנסט:

— אפן באם איז אלץ נאָרמאל...

ראוזא אזיזבײַעווא האָט זיך אופגעכאפט פון שלאָף מיט א פריידיקן געפיל. זי וואָלט ניט געקאָנט דערקלערן, פונוואנען ער האָט זיך גענומען, דער דאָזיקער געפיל, נאָר די פרייד האָט זי איבערגעפולט אינגאנצן...

ראוזא האָט זיך ארויסגעקליבן פונעם פוטערנעם זאק, אין וועלכן זי איז געשלאָפן, האָט אָפגעבויגן דאָס טירל פון דער פאלאטקע און זיך ארומגעקוקט. קיין אויסערגעוויינלעכס האָט ניט פאסירט. דאוויד צוועליכאָווסקי און וויקטאָר פאָלאָווטשיקאָוו האָבן זיך געקליבן פריי־

שטיקן. עטוואָס ווײַטער האָט מען אָנגעלאָדן אַף אַ מאַשין אַ בויערער־ווערקשטעל. נאָך עמעצער האָט אונטערגעקליבן אַף אַ גיטאַרע די מעלאָדיע פון אַ נײַער ליד וועגן באַם...

וואָס זשע פאַרט איז געווען די סיבע פונעם פרייד־געפיל, מיט וועלכן ראוזא האָט זיך הײַנט אופגעכאַפּט? מיטאמאָל איז עס קלאָר געוואָרן: דער פאָטער! פונקט מיט פינף און דרײַסיק יאָר צוריק האָט ער דאָ, אין דער בײַאַמורער טײַגע, געאַרבעט. ער האָט דאַן געפירט אַ טאָגבוך, און די ערשטע פאַרנאָטירונגען אין אים האָט ער געמאַכט אין אַזאַ אינדערפרי, ווי הײַנט, אין 1939 יאָר.

ראוזא האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר רוקזאַק. ווי די טײַערסטע רעליקוויע פירט זי אַרום מיט זיך דעם טאַטנס מאַטאָנע — זײַן טאָגבוך. אָט איז דאָס ערשטע זײַטל:

„28 אויגוסט. ענדלעך האָבן מיר זיך דערקליבן צום אָרט, וווּ מיר וועלן אַרבעטן. אופגעשטעלט אַ לאַגער. אַרום — טײַגע און זומפּן. עס גלייבט זיך אַפילע ניט, אַז אין אַ צײַט אַרום וועט דאָ זײַן אַן אײַזנבאַן, וועלכע וועט פאַרבינדן די טראַנססיבירער מאַגיסטראַל מיטן רײַכסטן קוילן־ראַיאָן פונעם ווײַטן מיזרעך".

ראוזא האָט איבערגעמישט אַ בלעטל און געלייענט ווײַטער:

„איך וויל זייער, אַז בא מיר זאָל געבוירן ווערן אַ זון און ער זאָל זײַן פונקט אַזאַ ליבהאָבער צו וואַנדערן, ווי איך. ווען ער וועט אונטערוואַקסן, וועל איך אים נעמען מיט זיך אין טײַגע, ער זאָל וואָס גיכער קאָנען באַגרײַפן: דאָס בעסטע און שענסטע אַף דער וועלט איז אויסבויען אַן אייגענעם וועג.

און טאָמער וועט געבוירן ווערן אַ טאָכטער, וואָלט איך וועלן, זי זאָל ענלעך זײַן אַף איר מוטער, וועלכע האָט צוזאַמען מיט מיר געטיילט דאָס שווערע ברויט פון אַ בויער אין אָט די נײַע ערטער".

ראוזא האָט פאַרמאַכט דעם טאָגבוך. אין דער שכיינישער פּאַלאַטקע האָט מען געשפּילט אַף אַ גיטאַרע, נאָר מיטאמאָל האָט די קלאַנגען פאַרהילכט אַ קלאַפּערײַ פון אַ מאָטאָר. ס'איז שוין צײַט צו גיין אַף דער טראַסע. ראוזא האָט אַרופגעוואָרפן אַף זיך דאָס ברעזענטענע רעקל און איז אַרויס פון דער פּאַלאַטקע.

די הויכע זון האָט אָנגעזאָגט אַן אויסגעצייכנטן טאָג. ראוזא האָט געקוקט אַף דער טײַגע, אַף דער פּראָסעקע, וווּ אין עטלעכע יאָר אַרום וועלן זיך ציִען שטאָלענע רעלסן פון דער מאַגיסטראַל, און זי האָט ניט אופגעהערט צו טראַכטן וועגן די אָקאָרשט דורכגעלייענטע זײַטלעך פונעם טאַטנס טאָגבוך.

„דאָס שווערע ברויט פון אַ בויער אין אָט די נײַע ערטער..."

דאַוויד צוועליכאָווסקי

ראוזא ווייסט, וואָס עס באַטײַטן די דאָזיקע ווערטער. פאַרענדיקט דעם מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט, האָט זי געבויט וועגן אין יאַקוטיע. אין אַ פופציקגראַדוסדיקן פראָסט, אָפּבריענדיק די פינגער אינעם שטאָל פונעם טעאָדאָליט, האָט זי דאָך געפילט זיך גליקלעך און וועגן קיין אַנדערן, לײַכטערן גורל ניט געטרוימט.

דערנאָך איז געווען מאָנגאָליע מיט אירע הייסע סטעפּעס און זאַמד־שטורעמס. אויך דאָרט, בא די מאָנגאָלישע פרײַנט, האָט זי זיך געפילט ווי אין דער היים.

די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט. דאָ האָט זיך געענדיקט די פּראָסעקע, איבער וועלכער ס'זײַנען נעכטן געגאַנגען די אויספירער. ראוזא איז אַרויסגעשפּרונגען פון דער קאַבינע און גלײַך אַרײַן ביז די לענדן אין אַ טיפן זומפּ...

אַ נײַער אַרבעטסטאָג הייבט זיך אָן. עס שטייט פאָר דורכגיין איבער דער טראַסע פון דער קינפטיקער מאַגיסטראַל פיר קילאָמעטער

פון די אכציק, וועלכע זײַנען פאַרפּלאַנירט אַף דעם הײַנטיקן סעזאָן.

— מיר וועלן זיי אומבאַדינגט דורכגיין, — זאָגט ראַוזאַ אַף א קאָל.

יאָ, אַזוי טאַקע וועט זײַן. זי וועט דורכגיין אירע קילאָמעטערס אין דער טײַגע — ווי איר פאָטער אין די איצט שוין ווײַטע, לעגענדאַרע דרײַסיקער יאָרן.

דעם הימל האָבן פאַרצויגן געדיכטע כמאַרעס, און איינגיכן האָט אָנגעהויבן גיין א האַרבסטיק נודנער קאַלטער רעגן. אין אַזאַ וועטער האָט זיך אַפילע ניט געוואָלט אַרויסגיין פון דער פּאַ־לאַטקע, ווו עס איז געווען געמיטלעך און וואַ־רעם און פונעם טראַנזיסטאָר האָבן זיך געטראָגן פריילעכע מעלאָדיעס.

מיטאַמאָל האָט אינעם גערויש פונעם רעגן זיך אַרײַנגעריסן דאָס קלאַפּן פונעם מאָטאָר פון אַן אווטאָמאַשין און ס׳האָבן זיך דערהערט פריי־לעכע שטימען און א געלעכטער. איך בין אַרויס פון דער פאַלאַטקע און דערזען דאַוויד צוועלי־כאָווסקין, בולאַט אישאַנאָוון און סטעפאַן קאַפּ־סאַרגינען. זיי האָבן זיך געאַמפּערט. פון דער מאַשין איז אַראָפּגעשפּרונגען א ברייטפּלייצי־קער יונגערמאַן מיט א געדיכטער שוואַרצער באָרד און האָט גלײַך גענומען עפּעס דערווײַזן מײַנע באַקאַנטע. זיי האָבן אויפמערקזאַם אים אויסגעהערט, דערנאָך, ניט לייגנדיק קיין אכט אַפן רעגן, אָנגעהויבן דערווײַזן זייערס, און מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז עס גייט א רייד וועגן דעם פלאַסט אייביק פאַרפרוירענער ערד, וואָס ליגט אונטערן נאָענטן באַצירק פון דער קינפּ־טיקער מאַגיסטראַל.

דער יונגערמאַן מיט דער שוואַרצער באָרד איז אַרײַנגעשפּרונגען צוריק אין דער מאַשין, און זי איז אָפּגעפאָרן. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז געווען דער אָנפירער פון דער געאָלאָגישער פאַרטיע באָריס סאַנד־לערסקי. אַזוי זײַנען דורכגעלאָפן עטלעכע טעג, און אַלע מאָל, ווען כ׳האָב געפּרווּווט זיך טרעפן מיט אים, האָבן עקסטרע איניאַנים זיך אַף אים אַרופגעוואַלגערט און ער איז ווידער פאַר־שווּנדן. סאָפקאָלסאָף אָבער האָבן מיר זיך באַ־געגנט. געשען איז עס אינעם סעלעמדזשינער ראַיאָן, אין דעם יישעוו פּעווראַלסקי, ווו עס געפינט זיך די באַזע פון דער עקספּעדיציע פון „מאָסגיפּראָטראַנס".

מיר זײַנען געזעסן מיט באָריסן אין קליינעם צימערל פונעם הויפּט־אינזשעניער פון דער פאַרטיע וואַלערי אַראָנאָוויטש פאָזין. דער באַ־לעבאָס פונעם צימער איז ניט געווען הי. אַלס סעקרעטאַר פון דער פאַרטיי־אָרגאַניזאַציע פון דער עקספּעדיציע איז ער וועקגעפלויגן איבער דער טראַסע זיך דורכצושמועסן מיט די קאָמו־ניסטן וועגן די אַקטועלע איניאָנים.

פאַרצײַענדיק זיך מיט א סיגאַרעט, האָט באָריס דערציילט:

— געאָלאָגיע איז באַ אונדז א מישפּאָכע־פּראָפעסיע. די מוטער, עספיר יאַקאָוולעוונע, איז הויפּט־אינזשעניער פונעם מאָסקווער פּראָיעקט־אינסטיטוט „מאָססטראָי". מיט א געאָלאָגישער פאַרטיע איז קיין אַרכאַנגעלסק וועקגעפאָרן מײַן פרוי ווערע. אין דער היים, אין מאָסקווע, איז מיטן זיידן און מיט דער באָבען פאַרבליבן אונדזער פּיריאָריקער זון יאַשע.

— אָט דאָ, באַם נידערפלוס פונעם טײַך סע־לעמדזשאַ, — שמייכלט באָריס, — האָב איך גע־פונען שיינע שטיינדלעך: א סערדאָליק, אַן אָפּאַל, א נעפריט. איך וועל זיי ברענגען דעם זון א מאַטאָנע — א גאַנצע קאָלעקציע!

אין 1967 האָט באָריס סאַנדלערסקי פאַרענ־דיקט דעם מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט, ווו ער האָט זיך געלערנט אַף דער קאַטעדרע פון פאָרשן די אייביקע פאַרפרוירנקײַט, גע־אַרבעט אין דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פונעם הידראָמעטעאָראָלאָגישן אמט אין דער קירגיזי־שער סטר און פון דאָרטן וועקגעפאָרן אַף טיאַן־שאַן, ווו ער האָט א גאַנץ יאָר נאָכאַנאַנד דערלערנט דעם כאַראַקטער פון די שניי־לאַ־ווינעס. ער האָט זיך אויך פאַרנומען מיט פאָרשן די איסיק־קולער פאַרטיפונג און האָט אָנגע־שריבן וועגן דעם א רעפעראַט, וועלכער ווערט ברייט אויסגענוצט אין דער וויסנשאַפטלעכער וועלט.

— דערנאָך, — זאָגט ער, — האָב איך ווידער זיך אומגעקערט צו מײַן „ערשטער ליבע" אין די קאַנטן, ווו די ערד איז אייביק פאַרפרוירן. געאַרבעט אַפן טײַמירער האַלב־אינדזל, אַף יאַמאַל, אין נאָרילסק, אין דער טיומענער געגנט.

זײַן פאָטער, אַראָן מאָיסייעוויטש, האָט איינ־מאָל געזאָגט דעם זון:

— געדענקסט, עס זײַנען פאַראַן אַזעלכע פּאָעטישע שורעס: „און אייביק איז א שלאַכט! רו זעט מען בלויז אין כאָלעם". דו, באָריס, קאָנסט לייענען די דאָזיקע שורעס אַזוי: „און אייביק — ערד אין פראָסט! רו זעט מען בלויז אין כאָלעם..."

און אַזוי איז עס טאַקע. באַנאַכט כאַפּט באָריס זיך אויף און הערט זיך אײַן אינעם רוישן פון די סאָסנעס איבערן קאָפּ: ער טראַכט וועגן דעם, וואָס אים שטייט פאָר הײַנט אָפּצוטאָן. אין מעשך פונעם טאָג איז יעדע רעגע — אַפן דיסקאָנט. דאָ אָבער, אינעם צימערל פונעם הויפּט־אינזשעניער, בײַס אונדזער ניט פאַרפלאַנירטן געשפּרעך, דערלויבט ער זיך ריידן אויך וועגן

„זײַטיקע" זאַכן. אשטייגער, וועגן דעם, אַז אין דער היים, אין מאָסקווע, האָט ער אַ פּראַכטיקע ביבליאָטעק. דערוווּסט זיך, אַז איך בין פֿון ביראָבידזשאַן, רופֿט ער מיר אָן גלײַך די שרײַבער, וועלכע האָבן געשאַפֿן ווערק וועגן דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט — דאַוויד בערגעלסאָן, עמאַנויִל קאַזאַקעוויטש... ער ווייסט אויך די נעמען פֿון אייניקע שרײַבער, וואָס לעבן איצט אין ביראָבידזשאַן. זייערע ביכער, זאָגט ער, זײַנען פֿאַראַן בא אים אין ביבליאָטעק.

ער טראָגט מיט זיך אין זײַן פֿעלד־טאַש, צווישן דאָקומענטן און פֿאָטאָגראַפֿיעס, אַ ביכעלע לידער פֿון ראַסול גאַמזאַטאָוון.

— אַ שאָד, — זאָגט ער, — וואָס איך קען קיין לידער ניט שרײַבן. בא אונדז אין עקספּעדיציע זײַנען פֿאַראַן אַזעלכע מענטשן, וואָס יעדערער פֿון זיי פֿאַרדינט אַ פּאָעמע.

אָט, אשטייגער, לידע קאָזעלטשוק. אַ כיינעוודיק מיידל פֿון אַלמאַ־אַטאַ. לויט דער ספּעציאַליטעט אַן אינזשעניער־עקאָנאָמיסט. אַרבעט דערווײַל אין דער געאָלאָגישער פּאַרטיע אַלס פֿאַרוואַלטער פֿון דערווירטשאַפֿט. זי טרוימט אָבער אַוועקגיין מיט די געאָלאָגן ווײַטער אין דער טײַגע, איבער דער טראַסע פֿון דער קינפֿטיקער מאַגיסטראַל. צי נעמט דעם צווילינג — קלאַרע און טאַניע בישעווס. אָפֿן באַם זײַנען זיי געקומען נאָכן פֿאַרענדיקן דעם צעלינאָגראַדער טעכניקום פֿון טראַנספּאָרט־בויונג. די צוויי שוועסטער זײַנען אַזוי ענלעך, אַז קעדיי מע זאָל זיי קענען אונטערשיידן, טראָגט קלאַרע אָפֿן קאָפּ אַ טיכל און טאַניע — אַ היטעלע. אויך אין דער אַרבעט איז זיי שווער אונטערצושיידן איינע פֿון דער אַנדערער — אַזוי פֿלײַסיק, מיט פֿאַרשטאַנד און מיט ליבע מיִען זיי זיך.

וועגן זײַנע כאַווייריִם רעדט באָריס סאַנדלערסקי מיט באַגײַסטערונג. איך האָב זיך אײַנגעהערט אין זײַנע באַדאַכטע, ניט צוגעפּוצטע רייד און געטראַכט וועגן דעם גליקלעכן גורל פֿון אָט דעם מענטשן, וואָס איז שטענדיק פֿאַרנומען מיט זײַן וויכטיקער אַרבעט און וואָס אים איז, ווי ער אַליין האָט זיך אויסגעדריקט, אינטערעסאַנט צו לעבן אויף דער וועלט!

אַ ייִדישער באָכער, האָט ער פֿאַרענדיקט דעם באַרימטן אוניווערסיטעט אויף מיכײַלאָ לאָמאָנאָסאָווס נאָמען, געאַרבעט אין קירגיזיע, איז פֿאַרליבט אין די לידער פֿון אַ דאַגעסטאַנער דיכטער, האָט אַ רוסישע פֿרוי, און זײַן בעסטער פֿרײַנט אָפֿן באַם איז געוואָרן דער קאַזאַך בוראַט אישאַנאָוו.

אַזוי לעבט ער, דער געאָלאָג באָריס סאַנדלערסקי, לעבט אינטערעסאַנט, און קיין אַנדער גורל וויל ער ניט.



באָריס סאַנדלערסקי

אין יענעם טאָג האָט אויף דער בויונג פֿונעם מיזרעכדיקן באַצירק פֿון דער בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל, אין אורגאַל, אין ווסעוואָלאָד וועניאַמינאָוויטש סטעפּאַנאָקס ענגן און אָנגערייכערטן קאַבינעט, זיך פֿאַרזאַמלט דער „גרויסער ראַט". פֿון מאָסקווע זײַנען געקומען דער הויפּט־אינזשעניער פֿונעם פּראָיעקט פֿון דעם באַם מיכאיל לעאָנידאָוויטש רעקס און דער הויפּט־אינזשעניער פֿונעם פֿאָרשונגס־אָפּטייל פֿונעם אינסטיטוט „מאָסגיפּראָטראַנס" נאָום יאָסיפּאָוויטש אַלפּערט. פֿון פּעווראַלסק איז געקומען דער פּאַרטאָרג פֿון דער עקספּעדיציע פֿון „מאָסגיפּראָטראַנס" וואַלערי אַראָנאָוויטש פּאָזין.

דער געשפּרעך איז געווען אַ גענויער, קאָנקרעטער. סטעפּאַנאָק האָט מיטגעטיילט, וואָס עס טוט זיך אויף דער טראַסע און וויאַזוי עס גייען די פֿאָרשונג־אַרבעטן. די געסט האָט, כּוץ ציפֿערן און סוואָדקעס, אינטערעסירט בוכשטעבלעך אַלץ: די באַדינגונגען, אין וועלכע עס לעבן און אַרבעטן די געאָלאָגן און פּראָיעקטירער, זייערע שטימונגען.

נאַטירלעך, אַז אָט די אַלע פֿראַגן האָט הויפּטזאַכלעך געענטפֿערט פּאָזין, ווײַל ווער נאָך, אויב ניט דער פּאַרטאָרג, דאַרף זײַן אין קורס פֿון אַלץ, וואָס עס טוט זיך אָפֿן מיזרעכדיקן באַצירק? וואַלערי אַראָנאָוויטש, אַ פֿינף־און־דרײַסיקיאָריקער אינזשעניער און געאָלאָג, דערציילט און שיט דערבײַ מיט וויצן. דער ערנסטער, זאַכלעכער געשפּרעך רײַסט זיך אָפּטמאָל איבער מיט אַ פֿריילעכן געלעכטער, און דאָס כאַראַקטעריזירט אַמבעסטן די אומגעבונג פֿון אײַנגעשפּאַרטער און מוטיקער אַרבעט אויף דער טראַסע.

יאָ, דאָ אַרבעט מען פֿריילעך און מיט פֿלײַס, און ס'איז קיין כידעש ניט — פֿאַר דער יוגנט איז אַלץ נײַ, אַלץ איז אינטערעסאַנט, אַלץ צום ערשטן מאָל: די ערשטע פּאַלאַטקעס, די ערשטע מאָזאָליעס אויף די הענט, די ערשטע בריוו...

די געאָלאָגן מאַקס גרינבערג און מאַריאַ מאַקאַראָווא

וועגן זײַן היימשטאָט כאַרקאָוו דערציילט מיר דער אינזשעניער־געאָלאָג מאַקס גרינבערג.

— איר פֿאַרשטייט, — זאָגט ער, — אָט דאָ, טויזנטער קילאָמעטער פֿון מײַן שטאָט, האָב איך ערשט אָף אַן עמעס באַנומען די שיינקײַט פֿון אירע גאַסן און פּראָספּעקטן. דאָ, אין טײַגע, אַרויסגייסנדיק פֿון שטיוול דאָס זומפּיקע וואַסער, טראַכסטו גאָר אַנדערש וועגן אַלץ, וואָס איז פֿאַרבליבן אין דער היים. און דאָך בין איך צופֿרידן, וואָס איך בין געקומען אַהער!

איך האָב בײַ אים געפֿרעגט:

— דער היגער ווײַטמיזרעכדיקער האַרבסט שיידט זיך שטאַרק אונטער פֿונעם אוקראַיִנישן?

— ניט זייער. בײַ אונדז אין כאַרקאָוו פֿליִען אויך איצט פּונקט אַזוי אָפּ פֿון די ביימער די געלע בלעטער...

ער פֿאַרטראַכט זיך אָף אַ ווײַלע און גיט צו:

— איך האָב ליב דעם האַרבסט, ווען אַלדאָס איבערפֿלעכלעכע פֿליט אָפּ און עס פֿאַרבלײַבט דער איקער...

אין אָט די ווערטער איז פֿאַרקערפּערט ער אַליין, מײַן נײַער פֿרײַנט מאַקס. איך האָב געזען זײַן פֿאָטאָ אין דער צײַטונג „סאָוועטסקי ספּאָרט" — ער איז טשעמפּיאָן פֿון דער רעפּובליק לויטן קאַמף אָף ראַפּירעס. איך ווייס, אַז זײַן פֿאָטער, לעוו סאַמוילאָוויטש, איז אַ דאָצענט פֿונעם כאַרקאָווער מעלוכע־אוניווערסיטעט. און וואָלט מאַקס שטאַרק געוואָלט, וואָלט ער געקאָנט פֿאַרבלײַבן אין דער גרויסער שטאָט. נאָר ער איז געקומען אין טײַגע און לעבט דאָ אין אַ פּאַלאַטקע. דאָס זעלבע האָבן אויסגעקליבן אויך ראָזאַ אַזיזבײַעוואַ און גענאַדי שוסטאָוו, בולאַט אישאַנאָוו און באָריס סאַנדלערסקי, סטעפּאַן קאַפּסאַרגין און ראָבערט גורקיס.

אַ טאָטערן און אַ רוס, אַ קאַזאַך און אַ ייִד, אַן אוזבעק און אַ לעט, — אַלע צוזאַמען בויען זיי דעם וועג, און דער וועג בויט זיי, העלפֿט זיי געפֿינען זיך אַליין, לערנט זיי מוט און מעסירעסנעפֿעש.

די מאַגיסטראַל פֿון פֿרײַנטשאַפֿט — אָט איז, דאַכט זיך מיר, די סאַמע פּינקטלעכע כאַראַקטעריסטיק פֿון דער בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל. די ברידערלעכע פֿרײַנטשאַפֿט וועט העלפֿן די בויער דורכלייגן דעם שטאָלענעם וועג אָף אַ שעטעך פֿון העכער 3 טויזנט קילאָמעטער, דורכשלאָגן אין די פֿעלדזן טונעלן, אויסבויען בריקן איבער באַרג־טײַכן, אויפֿשטעלן נײַע שטעט און ייִשוּווים. די ברידערלעכע פֿרײַנטשאַפֿט וועט דורכציִען די קינפֿטיקע מאַגיסטראַל בײַ די לאַגערונגען פֿון אָנצאָליקע רײַכטימער, וואָס עס היטן אין זייערע ערדטיפֿענישן סיביר און דער ווײַטער מיזרעך.

ווען מיר האָבן זיך געזעגנט, האָט מאַקס גרינבערג, שטייענדיק לעבן אונדזער העליקאָפּטער, מיט אַ שמייכל געזאָגט:

— איך האָב אָנגעשריבן אַהיים, מע זאָל מיר אַרויסשיקן די ראַפּירע.

— צוליב וואָס? — האָב איך זיך פֿאַרכידעשט.

— איך וועל זיך מיט איר דאָ שלאָגן קעגן די קאָמאַרן...

דער העליקאָפּטער הייבט זיך אוף אינעם רייַנעם הימל. מיר קוקן אַרויס דורך די אילומינאַטאָרס. אונטן זעט מען די פּאַלאַטקעס פֿונעם טײַגע־שטעטל פֿון די געאָלאָגן און די פּראָסעקע, וואָס ציט זיך דורך דער טײַגע. דאָ וועט דורכגיין די טראַסע פֿון דער קינפֿטיקער מאַגיסטראַל.

אָט איז דערווײַל אַלץ, וואָס עס ווילט זיך מיר אָנשרײַבן וועגן מײַן רײַזע אָפּן באַם. עפּשער איז קעדײַ צוגעבן, אַז דאָ ניט לאַנג האָב איך באַקומען פֿון דאָרט אַ בריוו. אַליק מאַלאַמוד, דער געוועזענער אַרבעטער פֿונעם ביראָבידזשאַנער זאַוואָד „דאַלסעלמאַש", שרײַבט וועגן זײַן אַרבעט, וועגן זײַנע נײַע פֿרײַנט. ער פֿאַרענדיקט דעם בריוו אַזוי: „דאָ, אָפּן באַם, האָב איך דערפֿילט דעם טאַם פֿון עמעסער אַרבעט".

גוט געזאָגט, ניט עמעס?

ביראָבידזשאַן — באַם

נ א ט א ן ז א ב א ר ע

אינמיטן העלן באַטאָג

ראָמאַן

ד אָ ס ע ר ש ט ע ק א פ י ט ל

דער ריטער־טורניר, וואָס האָט קיין סאָף ניט

דער הערצאָג האָט די טרובאַדורן און מינעזינגער[1] ניט דערלויבט פאַרלאָזן דעם שלאָס. צוליב זיי איז שוין אויך פאַרהאַלטן געוואָרן די גאַנצע קאַטלעצאָנים־קאַפּעלע — די קאַטאָוועס־טרײַבער און האָקוס־פּאָקוס־לײַט. זיי וועלן אַלע צוניץ קומען בײַסן צונויפפאָר אַפן גרויסן ריטערלעכן טורניר, וואָס ס׳ווערט דאָ געגרייט פאַרן גאַנצן אַרום. אין די ווײַטסטע ווינקלען פון פּראָוואַנס און לאַנגעדאָק האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז האיאַר האָט דער גוטער ריימונד געלאָזט באַשטעלן בײַ אַ וווּנדערלעכן מײַסטער אַזאַ קינסטלעכן בוים מיט אַ מענגע זילבערנע און גאָלדענע בלעטער אַף אים. דער ריטער, וואָס וועט באַווײַזן צו צעברעכן זײַן שפּיז אינעם קעגנערס פּאַנצער, וועט באַקומען אַלס באַלוינונג אַ זילבער־בלעטל, און דער, וואָס וועט אַרויסשלאָגן דעם קעגנער פון זאָטל, וועט קאָנען אַראָפּרײַסן פונעם בוים אַ בלאַט פון ריינעם גינגאָלד. דאָ אין הויף לאַכט מען זיך אויס פון דער גוזמעדיקער אויסטראַכטעניש: זייער האַר, דער הערצאָג, איז צו ניכטער און קלוג אַף צו פאַרגינען זיך אַזאַ אומגעלומפּערטע פּאַזראָנעס[2].

אָן אַנדער זאַך איז מיט די מירמלשטיינער. דאָס קאָנען באַשטעטיקן ניט נאָר די הויפּלײַט, נאָר די גאַנצע באַפעלקערונג פון די נאָענטע יִישוּוים. זיי האָבן אַלע געזען און באַוווּנדערט די גלאַנציק שווערע מאַרמאָר־פּליטן אַף דעם פאָרוואַרג מיט אַ דרײַאָקסן־געשפּאַן, וואָס מע האָט צו עטלעכע מאָל אַרײַנגעטריבן אין הויף אַרײַן. מע זאָגט, אַז דאָס איז אַף אויסצופלאַסטערן אַ מאַרמאָרנעם דיל אינעם יעגער־צימער. נאָך דערציילט מען: אינעם גרויסן סודעכיידער האָט מען אָנשטאָט די רויכערדיקע פאַקעלן אופגעהאַנגען איין גרויסע מענוירע מיט אַ סאַך רערן, ווו ס׳וועלן אַרײַנגעשטעקט ווערן שטײַף־גראָבע און קײַלעכיקע ברענהעלצער,

---

די ערשטע צוויי טיילן פונעם דאָזיקן ראָמאַן זײַנען פאַרעפנטלעכט אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ. 9, 10 פאַרן 1972 און נומ. 9, 10 פאַרן 1973.

[1] טרובאַדורן און טרוווערן — פּראָוואַנסאַלער, ווי אויך איטאַליענישע וואַנדער־פּאָעטן אין פּעריאָד פונעם 11־טן ביזן 13־טן יאָרהונדערט; מינעזינגער — וואַנדערנדיקע ריטערלעכע פּאָעטן — זינגער אין מיטלאַלטערלעכן דײַטשלאַנד. האָבן באַזונגען די העלדישקײַטן פון די ריטער און די ליבע (אַף אַלט־דײַטש — מינע); [2] פאַרשווענדערישקײַט.

געמאַכטע פונעם האַניק־וואַקס, וואָס די ליַיבייגענע קוועטשן אויס פונעם בין־וועבס און שטעלן צו פאַרן הויף.

נאָר אַט די אַלע ניַיִעלעכקייטן, וואָס ווערן איצט איַינגעפּירט אינעם שלאָס, אַפילו דער פּריז־געדעקטער סופּיט מיט די אויסטערליש געשניצטע רויבבייַעס און געפליגל, גייען איצט וויניק וואָס אָן דעם הערצאָג. אויב מיט א צייַט צוריק איז ער נאָך געווען פאַרכאַפּט און ביז איבערן קאָפּ אַריַינגעטאָן אין אַט די אַלע קלייניקייטן און האָט אַליין אַכטונג געגעבן באַם צעהענגען די טעפּיכער, און אָן אים האָט מען ניט געטאָרט בייַטן דעם גלימער־פאַרמעט אין די פענצטער־ראַמען, — איז ער איצט פאַרהאַוועט מיט דער איין־און־איינציקער אַרבעט פון צונויפשטעלן די טורניר־צעטלען. דערבייַ מוז מען איבערבלעטערן די אַלטע טורניר־ביכער, אויסגעפינען דעם ייִחוס און דעם הערב פון דעם אָדער יענעם ריטער, די פאַרדינסטן און באַלוינונגען — זייַנע אייגענע, אַזוי אויך פון זייַנע אָוועס. סע זאָל, גאָט באַהיט, ניט אַריַינפאַלן צווישן די טורניר־אָנטיילנעמער אַזעלכער, וואָס זייַנע אורעלטערן זינט עטלעכע דורות זאָלן ניט האָבן געווען זיין פון די אַדללייַט און דערצו מיט א גענוגנדיקן פאַרמעגן אַף אויסצוהאַלטן דעם הויף און זייַנע אונטערטאַנען. ס'איז דאָך איצט א צייַט, ווען ס'זייַנען פאַראַן אויסערן אַדל גאַנץ גענוג פאַרמעגלעכע פּריַיע מענטשן, דערהויפּט צווישן די שטאָט־לייַט, דאַרף מען דעריבער גוט נאָכזוכן און נאָכפאָרשן דעם אָפּשטאַם פון יעדן ריטער, וואָס קומט אָנטיילצונעמען אינעם טורניר, און צי ער איז פון די קריגסלייַט מיטן עכטן רייַט־געווער.

דער הערצאָג איז אַזוי אַריַינגעטאָן געווען אין דעם גריבלען זיך אין דער העראַלדיק פון יעדן איינעם באַזונדער, אַז ער האָט שוין עטלעכע טעג אַפילו ניט אַריַינגעקוקט אין זייַנע הונט־שטאַלן — די גרעסטע און טייַערסטע אין גאַנץ דאָרעם־פראַנקרייַך. צווישן אַדל און אין די ריטער־קרייַזן איז דער הערצאָג באַרימט געווען מער ווי א יעגער־מייַסטער, איידער ווי א קריגער. אויסער דעם, וואָס ער איז דער לייַדנשאַפטלעכסטער בייסן יאגד, האָט ער נאָך דערהויבן די געיעג־קונסט ביז צו א לערע, א לערע מיט א גאַנצער ריי אומבאַשטרייַטבאַרע קלאָלים. ער האָט נאָך א טעווע צו לאָזן פאַרשרייַבן מיט אַלע איינצלהייַטן דעם גאַנצן גאַנג פון דעם אָדער יענעם יאַגד־אַרויספאָר. דאָס טוט פאַר אים אָפּט דער קאַפּעלאַן פון דער הויף־קירכע. האָגאַם ער מוז אַלץ פאַרשרייַבן און אויסלייגן אַזוי ווי דער הערצאָג דיקטירט אים, דרינגט ניט איין מאָל אַרויס פון זיין געשריפטס אַן אייגענער, א גאָטספאָרכטיקער געדאַנק. אַזוי האָט אין די צווישן־שורעס וועטוריע אַנומלטן אַרויסגעלייענט דעם געדאַנק, אַז יעגערייַ איז שוין גאָרניט אַזא גאָטסוויליקע זאַך, נאָר פונדעסטוועגן איז בעסער צו פאַרטיליקן בייזע און ווילדע כייַעס, איידער פאַרניכטן אין א קריג די ערגסטע מענטשן.

וועטוריע פאַרנעמט זיך אויך אַמאָל מיטן פאַרשרייַבן פאַרן פאָטער די איַינדרוקן פון געיעג. זי האָט פון אים, אַפּאָנעם, געיאַרשנט די לייַדנשאַפט צו אַט דעם מין פאַרגעניגן, און בא איר באַקומט זיך דאָס פאַרשרייבענע ווי לעבעדיק, ווי א זאַך, וואָס מע קאָן עס דערפילן און זען מיט די אויגן. ווען מע לייענט עס פאַר דעם הערצאָג, האָט ער האַנאָע פון דעם שיינעם אויסלייג און פון דעם נאַטירלעכן איבערדערציילן, טאַקע אַזוי ווי סע איז. „דער פאַלק־פויגל איז נאָך אַף דער האַנט, — באַשרייַבט זי אין איין אָרט, — און ווי נאָר מע נעמט פון אים אַראָפּ דעם קאַפּ־שירעם, טוט ער זיך אַליין פון זיך א הייב אויף און קעהרעף־אייַען[1] דעריאָגט ער פלינק און שנעל דעם קאָרבן, אין וועלכן ער עסט זיך איַין מיט זייַנע שאַרפע נעגל". „אַט דער מין פויגל, — דערציילט זי ווייַטער, — איז געלערנט ניט גלייַך צו פאַרצוקן זיין רויב, און נאָכן מינדסטן רוף לאָזט ער זיך גלייַך אַראָפּ אַף דער ערד מיטן רויב אינעם שנאָבל".

דעם הערצאָג איז איצט ניט דערבייַ זיך אַוועקצוזעצן מיט איר און דערציילן, קעדיי זי זאָל פאַרצייכענען דעם לעצטן גרויסן פויגל־פאַנג. און וועטוריע אַליין איז איצט אויך מערער פאַרנומען מיט דער מוטער און מיט יויעלן.

ס'האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז די הערצאָגין בעלאַדאָנע האָט אָנגעהויבן גענעזן ווערן. פון זינט די פּענסולינע איז פונעם הויף פאַרשוווּנדן, האָבן קימאַט ווי אופגעהערט דער הערצאָגינס שאַענלאַנגע אָנפאַלן פון באַוווּסטלאָזיקייַט. עמעס, עס טרעפט נאָך אַמאָל איצט אויך, אַז זי בלייַבט זיצן, ווי די אייוורים וואָלטן בא איר פאַרקראַמפּעוועט געוואָרן. ס'קאָן אַמאָל געדויערן א שאָ און צוויי, ביז זי זאָל זיך באַפרייַען פון אַט דער פאַרטויבטקייַט, פון דעם טעמפּן גלייַווער־צושטאַנד, און אירע פאַרשטאַרטע אויגן זאָלן באַקומען דעם געוויינלעכן גלאַנץ, אָבער דאָס קומט פאָר אַלץ זעלטענער.

יויעל איז בא דער מיינונג, אַז זי האָט נאָך עפּעס פון די גיפט־קייַלעכלעך. זי האַלט זיי טיף פאַרבאָרגן און נעמט זיי איַין אין גאָר קליינע דאָזעס, ביכדיי צו פאַרציִען אַף וואָס לענ־

---

[1] אויגנבליקלעך.

גער אָט די פֿאַלשע טרופּע. נאָך אַ גרינטלעכער אונטערזוכונג איז ער געקומען צום געדאַנק, אַז עפּשער געפֿינט זי נאָך עפּעס אַזוינע גראָזן, וואָס פֿאַרבײַטן איר טײלוויַיז דעם שטאַרקן גיפֿט פֿון די שוואַרצע בערעלעך. מע האָט אָנגעהויבן נאָכשפּירן אירע שפּאַציר־גענג, איר אַרומבלאָנקען אויף יענער זײַט שלאָס. ער מיט וועטוריען האָבן געמאַכט עטלעכע אויספֿלוגן איבער די פֿעלדער און לאָנקעס, צווישן הויכע זאַנגען און ווילדגעוויקסן.

אַנומלטן שטעלט אים אָפּ אײנמיטן הויף אײנער פֿון די טרובאַדורן. יויעל האָט אים באַלד דערקענט. דאָס איז דער מיט דער באָרד, וועמען ער האָט געהערט זינגען דעם ערשטן אָפּדערנאַכט, ווען זײ האָבן זיך צוריקגעקערט פֿון דער ווײַטער נסיעה. ער האָט זיך אַפֿילו געקליבן אים דעמלט אַ פֿרעג טאָן: צי וואָס טויג אים אַזאַ גדיכטע באָרד, ער איז דאָך נאָך גאָר יונג? ער וואָלט אויסגעזען גענוג בראַוו און שײן אָן אָט דער פּעך־שוואַרצער מענערישער באַוואַקסונג. האָט אים וועטוריע דעמלט אָפּגעהאַלטן דערפֿון.

איצט שטײען זײ פּאָנעם־על־פּאָנעם, און יענער, אַ צעשמײכלטער, ווישט זיך קלומערשט אַרום דעם שווײס פֿונעם שטערן, פֿון אַרום מויל און פֿונעם קרעפּטיק אָדערדיקן האַלדז. יויעל וואַרט, וואָס ער וועט זאָגן. ענדלעך צעלאַכט זיך דער טרובאַדור און ברענגט אַרויס מיט אַ לעצאָנעס־טאָן:

— אַזאַ כמימע דאָ בײַ אײַך... און איך האָב הײַנט דערזען שנײ, — צעלאַכט ער זיך אויף אַ קאָל, — אין כוידעש טאַמוז האָב איך מיטאַמאָל דערזען שנײ, כאַ־כאַ־כאַ, אויפֿן מיטן פֿעלד... צווישן די אָראָפּגעשניטענע ווײצן...

יויעל שטעלט אויף אים אָן אַ פּאָר אויגן און ווײסט ניט וואָס צו זאָגן. און יענער רעדט ווײַטער:

— אין די אַלפּן־בערג איז דאָס קײן כידעש ניט, אָבער דאָ אין דער נידער? אין דעם דאָרעמדיקן פּראָוואַנס? — און ווען ער זעט, אַז יויעל פֿאַרשטײט אים נאָך אַלץ ניט און קוקט אים פֿאַרכידעשט אָן, באַווײַזט אים דער טרובאַדור מיט אַ שפּאַט־שמײכל צווײ פֿינגער, דעם טײַטפֿינגער און דעם מיטלסטן, און אין די אויגן צעשפּילן זיך בײַ אים פֿאַרשײַטע פֿײַערלעך. — שנײ... צווײ! אַ יונגערמאַן מיט אַ פֿרעמדער אישע...

יויעל איז שטײנגעבליבן געפּלעפֿט, ניט אַזוי פֿון יענעמס אָפּלאַכן, ווי פֿון דער אומדערוואַרטער אַנטפּלעקונג. ער האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט דאָס אײנע וואָרט: „מעאַכײנו?“[1]. און נאָך דעם, ווען זײ זײַנען שוין געגאַן צוזאַמען, האָט ער נאָך אַלץ געגאַפֿט, זיך ניט געקאָנט אָפּוווּנדערן.

— איך האָב זיך גאָרניט פֿאַרגעשטעלט... — האָט ער געמורמלט. — איך האָב געמײנט... דער גאַנצער אויסזען אײַערער... און די האַלבאָשע...

— וואָס זשע האָט איר געוואָלט? איך זאָל זיך אײנעם טאַלעס אײַנהילן? — האָט דער טרובאַדור זיך נאָך אַלץ געוויצלט. — ער ווײנט מיר גוט אָפּ די יאָרן, דער טאַלעס מײַנער, ווען איך לאָז זיך אָן אים אײנעם ווײַטן וועג אַרײַן. ער ווײנט נעבעך מיט ביטערע טרערן. זאָג איך אים: וואַרט צו... — דער קאַטאָוועס־שמײכל וואַרפֿט זיך בײַ אים איבער פֿון די אויגן צו די מויל־ווינקלען, און ער פּלאָנטערט זיך אַרײַן צווישן די געדיכטע וואָנצן אונטער דער נאָז. — ווען איך וועל זיך לאָזן אין נאָך אַ ווײַטערן וועג, און שוין אויף שטענדיק, וועל איך אַלץ איבערלאָזן, און נאָר דיך וועל איך מיטנעמען מיט זיך...

בײַ יויעלן אין צימער זײַנען זײ דערנאָך בײדע געזעסן איבער די פֿולע קוכלען יין־נסך[2]. זײ האָבן מער גערעדט, ווי געטרונקען און געגעסן. יויעל ווײסט שוין דעם טרובאַדורס אשקענאַזישן נאָמען — זיסקינד, און אַז מע רופֿט אים זיסקינד פֿון טרימבערג, ווײַל ער איז געבוירן געוואָרן אינעם בײַערישן דאָרף טרימבערג, ניט ווײַט פֿון ווירצבורג, וווּ ס׳איז ביז פֿאַר די צווײ קרײץ־צוגן געווען אַ רײַכע ייִדישע קהילה. די ייִדן האָבן זיך דאָרט באַשעפֿטיקט מיט ווײַנציכטלערײַ. אַ סך האָבן פֿאַרמאָגט אײגענע ווײַנגערטנער הינטער דער שטאָט, און אַנדערע — אַפֿילו רײַכע גיטער. דער ראָש־הקהל איז געווען דער מינצמאַכער פֿון בישאָפֿס הויף, וועמעס נאָמען „יעכיעל“ איז געווען אויסגעקריצט אויף די מאַטבײעס. דער בישאָף האָט געלעבט אין פֿרידן מיט זײַנע אונטערטאַנער, די ווירצבורגער ייִדן, ביז... ביז מע האָט ניט געפֿונען אַ טויטן קריסטלעכן קערפּער אין טײַך. דעמלט האָבן די קרײצטרעגער אַוועקגעהאַרגעט צווײ און צוואַנציק ייִדן. אַ טײל האָבן זיך געראַטעוועט באַם בישאָף אין שלאָס. די איבעריקע האָט מען מיט גוואַלד געצוווּנגען צום שמד, נאָר דער בישאָף האָט זײ דערלויבט דערנאָכדעם זיך אומקערן צו זײער גלויבן. (ער אַלײן, זיסקינד פֿון טרימבערג, איז אויך געווען צווישן די געשמדטע און נאָך דעם צוריק ייִדן געוואָרענע). די הרוגים האָט דער בישאָף

[1] פֿון אונדזערע ברידער; [2] י א י ן נ ע ס ע ך — ניט קאָשערער ווײַן.

געלאָזט באַהאַלטן בײַ זיך אויף אַ שטיק פעלד. די ייִדן האָבן דערנאָך בײַ אים אָפּגעקויפט דעם פּלאַץ און געמאַכט אַ בעסוילעם. דאָרט ליגן זיסקינדס עלטערן די קדושים און זײַן שיינע שוועסטער איזאָלדע. מע האָט זי גערופן זעלדע. זי האָט זיך אַליין אַרײַנגעשטאָכן אַ מעסער אין האַרצן, ווען מע איז זי באַפאַלן.

וועגן בישאָף קאָן ער אויסזינגען אַ ליד, וואָס ער האָט אַליין פאַרפאַסט. דער בישאָף איז שיר אויך ניט אומגעקומען באַגלײַך מיט די ייִדן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו אַנערקענען דעם קריסטלעכן האָרוג פאַר אַ הייליקן, וואָס באַווײַזט וווּנדער. די קרייצטרעגער האָבן אים דערפאַר געמיימעסט, געשלאָגן. ער איז קוים פון זייערע הענט אַרויס אַ לעבעדיקער. וועגן די קדושים האָט דער מײַנצער ראָוו עליעזער בען נאָסן אָנגעשריבן אַ קלאָג־ליד אויף דער הייליקער שפּראַך פון די אָועס. ער, זיסקינד, האָט אויך געוואָלט אָנשרײַבן וועגן די אומגעקומענע ייִדן, אָבער ס׳וואָלט דאָך געווען אַ כילעל־האַשעם, ווען ער זאָל געווען עפּעס שאַפן און זינגען אויף זייער לאָשן, אויפן לאָשן פון די מערדער. און ניט געפרעגט די האַסקאָמע בײַ יויעלן, האָט זיסקינד מיטן ניגן פון קינעס גענומען זאָגן דעם ראָווס פּײַעט.

טאַנכום האָט אָנגעשטעלט מויל און אויערן, ווען ער האָט דערהערט דעם טישעבאָוו־ניגן זיך דערטראָגן פון יויעלס כיידער. ער ווייסט, אַז כוץ אים מיטן בערדיקן זינגער איז דאָרט קיינער ניטאָ. זײַן באַלעבאָס האָט לאַכלוטן ניט קיין שטימע צום זינגען, איז ווי קומט צו אָט דעם קריסטלעכן טרובאַדור אַ ייִדיש געזאַנג? ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די טאַץ מיט מײַכאָלים, דערצו אַ פרישן פענכער מיט ווײַן, און זיך געלאָזט צו זיי. האָט יויעל אויף דער שוועל אָפּגענומען בײַ אים די עסנס מיטן ווײַן און פאַרמאַכט פאַר זײַן נאָז די טיר, און ער איז געבליבן מיט די ליידיקע הענט פון יענער זײַט כיידער, און זיך געבראָכן דעם קאָפּ. הוילע כידושים, ניסים־וועניפלאָעס! איצט הערט מען שוין פון דאָרט אפילע קיין שאָרך ניט. ער וועט שוין ניט אָפּטרעטן פונדאַנען, ביז זיי וועלן אַלע אַרויסגיין. ווי קומט אַהין אַ דריטער? ער האָט, דוכט זיך, קיינעם ניט געזען אַרײַנקומען?

זיסקינד פון טרימבערג דערציילט איצט יויעלן וועגן זײַן פּאַטראָן, דעם באַרימטן מינעזינגער וואַלטער פאָן דער פאָגעלווײדע. אָט דער, מיט וועמען ער האָט אין יענעם אָפּדערנאַכט פאָרגעזונגען דאָס וויקועך־ליד וועגן דעם ווערט פון די פענדזל־שמירער אין פאַרגלײַך מיט די מענער פון דער פרײַלעכער קונסט — די מינעזינגער. דער דאָזיקער האַר זײַנער איז פון גאָר גרויסן אַדל, האַגאַם ער איז אָרעם ווי אַ מויז און ער לעבט נאָר פון זײַן זיס געזאַנג. אָבער ער איז דרייסט, ווי דער מוטיקסטער ריטער. ער האָט געשאַפן אַ באַגײַסטערט ליד וועגן דעם בריטישן קיניג ריטשאַרד לייבן־האַרץ, און ער האָט קיין מוירע ניט צו באַזינגען די העלדנטאַטן פון סאַלאַדין דעם סאַראַצינער. אין דער מאַכלויקעס צווישן פּויפּסט מיטן אימפּעראַטאָר האָט ער אָנגענומען דעם קיניגס צאַד, און אין בײַסנדיקע סערווענטן לאַכט ער אויס און מאַכט כוכע־אוטלולע[1] פון דעם ערגײַציקן גאָטס פאַרטרעטער אויף דער ערד. מע קען אים ניט נאָר אין זײַן געבוירן־לאַנד, אין עסטרײַך. ער איז אויסגעוועזן אין פיל לענדער. אָט אַזוי פאָרט ער אַרום אויף זײַן קליין פערדל, מיט דער האַרפע אויף די אַקסל, שטעלט זיך אָפּ בײַ די פאַרמעגלעכע שטאָט־בירגער, אין די ריטערלעכע שלעסער, אויף די מאַרק־פּלעצער, אויף די ענגע יאַרידן. און אומעטום נעמט מען אים אויף מיט גרויס פּאַראַד און מיט קאָוועד. ער, זיסקינד פון טרימבערג, האָט זיך מיט אים צונויפגעטראָפן אויף איינעם אַזאַ יאַריד אין דער פראַנקישער שטאָט פאַריזש. קעגן אָט דעם גרויסן מייסטערזינגער מיט זײַנע דערהויבענע לידער און מיט דער שיינער שטים האָט ער אויסגעזען, ווי אַ צעבראָכענער טאָפּ קעגן אַ האַרפע, ווי אַ מילב קעגן אַ העלפאַנד. יענער אָבער האָט אים מעקאַרעוו געווען, ניט ווײַל זײַן געזאַנג איז אים געפעלן געוואָרן, נאָר ווײַל ער האָט געקאָנט פאַרשרײַבן די לידער, וואָס אָט דער וואַלטער האָט געשאַפן. ביז אים האָט עס געטאָן עפּעס אַ שלימאַזל אַ קלעריקער, וואָס ער האָט געמוזט זיך מיט אים אַרומפירן, ווי אַ בלינדער מיט זײַן שטעקן. אַליין קאָן ער דאָך, דער מינעזינגער, קיין טמונעס־אָס[2] אויפן פאַרמעט ניט אַרויסברענגען.

צו פאַרנאַכט־צו זײַנען זיי שוין געזעסן אײַנדרײַען מיטן מינעזינגער וואַלטער פאָן דער פאָגעלווײדע. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן זיי פאַרבראַכט צוזאַמען. פון דאָרט איז יויעל אוועק צו וועטוריען. ער איז געווען אויפגעהייטערט און בעגילופן, ניט אַזוי פונעם ווײַן, וואָס ער האָט אויסגעטרונקען, ווי צוליב דער דערנעענטערונג מיט אָט דעם מין פאַרשוינען, וועגן וועלכע ער האָט ביז איצט קיין אָנונג ניט געהאַט. ער וועט שוין האָבן וועטוריען וואָס צו דערציילן. ער האָט נאָר געטראַכט, צי זאָל ער אויסגעבן, וויאַזוי ס׳איז פאָרגעקומען דער אָנהייב באַגעגעניש מיט אָט דעם דורכגעטריבענעם זיסקינדן, וויאַזוי ער האָט אים איידל און

[1] לאַכט אויס; [2] ווי אַן אָס זעט אויס.

שעלמיש געגעבן אָנצוהערן... א גאַסט זעט דאָך אַף א מײַל. דאָ אין הויף האָבן זיי דערווײַל בא קיינעם קיין כשאד ניט ארויסגערופן. אפילע בא זײַן טאַנכומען, וואָס איז שוין זיכער א מײַדים אין אָט די זאכן. אין עפּעס שטויסט ער זיך אוואָדע אָן, אָבער אז ס׳האַלט שוין בא גילוי עריות?[1] אַף דערוף האָט ער נאָך קיין שום סמאַך ניט. אזוי דוכט זיך. דאָס, וואָס אָפּט זונדערט ער זיך אָפּ פון אים אַף א גאַנצער נאַכט? אין סאַלערנאָ איז עס געווען א טאָגטעג־לעכע דערשײַנונג. איצטער אויך... ווי נאָר זיי זײַנען פונעם גראַף ראָזשער געקומען צו פּאָרן, האָט ער אים שטרענג אָנגעזאָגט, ער זאָל זיך ניט דערוועגן אים שטערן אין די אָוונטן, בייס ער פארשליסט זיך אַף א גאַנצער נאַכט אין זײַן כיידער־מעיוכעד. גענוג צו פארברענגען די צײַט בהבל וריק[2]. ער וויל זיך מאכן א רעגילעס אזוי ווי אין סאַלערנאָ. נאַכט נאָך נאַכט גוטע עטלעכע שאָ אָפּזיצן על התורה ועל העבודה[3].

ער האָט שוין געמיינט הײַנט דורכלאָזן דאָס באַהעפטן זיך מיט איר. אין קאָפּ איז מעטור־שטעש, און ער איז איבערגעפולט מיט אײַנדרוקן פון דער נײַער באַקאַנטשאַפט. אָבער דער יעיִצערהאָרע איז גרויס, און די גלוסטעניש צו איר פריש לײַב איז נאָך גרעסער, איז ער געקומען צו דער מאַסקאָנע: בעוד החבל בידיך, איז משוך פרתך...[4]

אין א פּאָר טעג ארום איז ער געקומען צו איר מיט די צוויי מינעזינגער. ווענטוריע האָט זיך געריכט אַף זיי, און זי האָט צוגעגרייט א גרויסאַרטיקן אָוונטברויט. דערבײַ איז דעם טאָג געקומען צו א מאכלויקעס מיט יויעלן. דאָס איז געשען דאָס ערשטע מאָל, פון זינט זיי האָבן זיך דערנעענטערט, אז זיי זאָלן אזוי אָנגרײַפן איינער דעם צווייטן. די קוכערס האָבן געפּרעגלט א גרויסן יאַגד־פויגל אַף פּוטער מיט צעריבענעם מוסקאַט און נעגעלעך. האָט עס יויעל אָפּגעוואָרפן ווי נעווילע. ווענטוריען האָט עס פארדראָסן. זי האָט פאַר אים באַשטעלט א באַ־זונדער געריכט פונעם פלייש, וואָס מע שטעלט צו פון טולוזע, געקויפט בא א יִידישן פליישהעקער. ווען דאָך אָבער זײַן נאָך דרײַ אירע, כוץ אים, און א לויב דעם געקרייציקטן, זײַנען זיי דאָך אלע רעכטגלויביקע...

יויעל האָט איר ניט געזאָגט, אז אין איינעם פון די דרײַ האָט זי א גרינטלעכן טאָעס. ער האָט בלויז געטײַנעט, אז א באַלעכײַ, וואָס ווערט צעריסן דורך אַן אַנדער געווילד, איז גלײַך ווי פּעגירע, ווײַל ס׳קען געדויערן א שאָ און מערער, ביז די געטראָפענע באַשעפעניש הויכט אויס דעם לעצטן אָטעם. פאַר דער צײַט קאָנען אנטשטיין קאַלערליי כאַלאַסן, וואָס זײַנען אָנשטעקנדיק און שעדלעך פאַרן מענטשלעכן געזונט. נאָך א זאַך: איינער פון די געסט, דער עלטערער, עסט לאַכלוטן קיין פלייש ניט, אזוי אז מע קאָן זיך ביכלאַל באַגיין אָן דעם גע־טראָפענעם פויגל.

יויעל איז די גאַנצע צײַט ניט אָפּגעטראָטן פונעם קוכער באַם צוגרייטן דאָס עסן. ווענטוריע האָט זיך מיט אים געאַמפּערט און געטריבן פון קיך. אָבער ס׳האָט ניט געהאָלפן, און אין אַלץ האָט ער זיך ארײַנגעמישט. פון די פּוטער־פיש, וואָס האָבן אַף זיך ניט קיין שופּן, האָט ער מיט עקל זיך אָפּגעשאָקלט. האָט ער דערזען א בלוטס־טראָפּן אין א ווײַסל פון אַן איי, איז ער באַשטאַנען, מע זאָל דאָס גאַנצע אייער־געשלעגעכץ ארויסגיסן.

— דאָס איז א ניט־אַנטוויקלטער אָנהייב אין פּראָצעס פון ווערן. דאָס איז דער עמברי׳אָן פון א קומענדיק לעבן, ס׳איז מוקצה מחמת מיאוס[5], ס׳איז א פארברעכן זיך צוצורירן צו דעם.

בא דער סודע האָט ווענטוריע צו זיך אליין געשמייכלט, ווען זי האָט זיך דערמאָנט, ווי ליבלעך זיי האָבן זיך דורכגעווערטלט הײַנט באַטאָג. זי האָט שוין קיין קויעך ניט זיך צו אַמפּערן מיט אים. זי פילט נאָך איצט אזא שלאַבעריקײַט אין די אייוורים, און אין קאָפּ שווינדלט. און דאָ האָבן זיי מיטאַמאָל גאָר פארפירט א רייד וועגן בלוט, וועגן מענטשלעך בלוט...

דער עלטערער זינגערמייסטער האָט לאַנגזאַם געגאָסן דעם רויטן ווײַן צו זיך אין קוכל, ניט געקוקט אַף קיינעם, און ווי צו זיך אליין גערעדט:

— איך האָב אין מײַן געבורטשטאָט געקענט איינעם א כוילע־נויפל[6], וואָס פלעגט נאָכן באַקומען דעם אָנפאַל ארומזוכן אַפּן מאַרק דעם בלוטצאַפּער, קעדיי אָפּצוקויפן בא אים דאָס אָפּגעצאַפּטע שלעכטע דאַם אַף אויסטרינקען, ער האָט עס געהאַלטן פאַר דער בעסטער טרופע.

— מע זאָגט, אז וואַרעם מענטשלעך בלוט איז א רעפוּע שליימע פאַר א קראַנקן האלדז, — האָט זיך אָנגערופן דער יִינגערער. — דערפון ווערט אפילע אויסגעלײַטערט די שטים...

---

[1] גילוי־אראָיעס — געשלעכטלעכע באַציִונגען; [2] בעהעוועל וואָריק — אין פוסטפּאַס־נעקײַט; [3] אל האַטוירע וועאל האָאַווידאָ; [4] בעויד האַכעוועל בעיאָדעכאָ מעשויך פּאָראָסכאָ — קאָלזמאַן די שטריק איז אין דײַן האַנט — שלעפּ דײַן קו; [5] מוקצע מאַכמאַס מיִוס — אָפּגעוואָרפן מאַכמעס עקל; [6] עפּילעפּטיקער.

דאָ ערשט האָט יויעל מיט היץ אָפּגעוואָרפן די אַלע אָבערגלויבנס און נאַרישע אײַנ־ריידענישן. יעדער מין בלוט, האָט ער געזאָגט, פון וואָס פאר א באַשעפעניש ס׳זאָל ניט זײַן, ביפראַט נאָך מענטשלעך בלוט, איז שעדלעך, ווײַל די דאָמים איז דאָך דער נעפעש פונעם באַלעכײַ, דאָס לעבעדיקע, וואָס אין אים. אפילע עסן פלייש צוזאַמען מיטן בלוט איז ניט נאָר פארדאַרבלעך, נאָר אויך ניט צו פארדײַען, ס׳האָט א טאַם ווי מע וואָלט געגעסן אייווער מין האַכײַ[1]. בא די גאָר אוראַלטע שוואַטים איז געווען א מינהעג בײַסן שליסן פרײַנטשאַפט אויס־צוטרינקען מענטשלעך בלוט, געמישט מיט קוואַל־וואַסער; אויך די גריכישע קריגער, ווען די גריכן זײַנען נאָך קיין פאָלק ניט געווען, פלעגן האַרגענען דעם סוינעס קינדער, צעבויטען זייער בלוט מיט ווײַן און באַם אויסטרינקען שווערן, אַז זיי וועלן מיט מעסירעסנעפעש זיך שלאָגן ביזן פאַרטיליקן דעם לעצטן סוינע. אויך דער קיניג קאָנסטאַנטין דער גרויסער, איידער ער איז געוואָרן אויס געצנדינער, האָט געהיילט זײַן בײַסיק לײַב מיט וואַרעם מענטשלעך בלוט. איז שוין אויך צו גלייבן, אַז די אוראַלטע מיצרישע פאַרעס האָבן געהיילט זייערע צרעתן[2] מיטן בלוט פון ייִדישע קינדער.

— איצט פאַרשטיי איך. אָט דערפאַר עפּשער איז בא דיר אַזאַ ווידערגעפיל צו א מינדסטן בלוטס־טראָפּן אפילע אין אַן איי? — האָט אים וועטוריע מיט א שמייכל א גלעט געטאָן איבערן קאָפּ.

— ניט נאָר דערפאַר. ווען דער קיניג דאָוויד האָט זיך פירגענומען בויען דעם הייליקן טעמפּל, האָט אים נאָסן דער נאָווי געוואָרנט: „דײַנע הענט זײַנען אײַנגעטונקען אין בלוט. דו האָסט אַזויפיל מילכאָמעס געפירט, ווילסטו מיט פאַרבלוטיקטע הענט אופשטעלן גאָטס הויז? זאָל עס בעסער טאָן דער זון דײַנער. עפּשער וועט ער שוין זײַן דער קיניג פון שאָלעם, דער קיניג, וואָס וועט ניט וועלן וויסן ניט פון קיין אומגערעכטע און ניט פון קיין גערעכטע קריגן". אָט אַזוי, טײַערע, פירט זיך בא מײַן אַכזאָריעסדיק־ווידערשפּעניק פאָלק, בא מײַן עם קשי עורף...[3] און נאָך פאַלש־גלויביקע דערצו.

— לאָמיר בעסער עפּעס זינגען, — האָט זיך אופגעהויבן דער ייִנגערער, דער בערדיקער מינעזינגער. ער האָט מיט האַנאָע אַרײַנגעגאָסן אין זיך דעם מויסער[4] ווײַן פונעם קוכל, מיט די פינגער פוןביידע הענט האָט ער צוגעקעמט די בעזעם־באָרד און זיך פאַרקוקט אפן ווינקל, ווו ס׳איז געשטאַנען דער אותו האיש, דער תלוי[5]. דער עלטערער, וואָלטער פאָן דער פאָ־געלוויידע, האָט אופגעכאַפּט זײַן בליק, ווען ער האָט זיך שוין אָפּגעקערט פונעם קרוציפיקס, און מיט אַראָפּגעלאָזטע האַלב־צוגעמאַכטע אויגן האָט זיסקינד גענומען זינגען, צערשט שטיל, דערנאָך אַלץ העכער און היציקער:

זאָג זשע מיר, דו געטשקעלע, וואָס מאַכסטו?
זאָג זשע מיר, דו גוילעמל, וואָס טראַכסטו?
אַז אָך און ווי איז צו זיי, א געשניצטן מויעך פאַרמאָגן זיי!

דו האָסט א מויעכל, און קאָנסט ניט קלערן.
דו האָסט אויערן און קאָנסט ניט הערן.
אַז אָך און ווי איז צו זיי, א טויבן פסל[6] האָבן זיי!

דו האָסט אייגעלעך און קאָנסט ניט קוקן.
דו האָסט צוויי קני, און קאָנסט זיך ניט בוקן.
אַז אָך און ווי איז צו זיי, א בלינדן פסל האָבן זיי!

דו האָסט א נעזעלע און קאָנסט ניט שמעקן.
דו האָסט צוויי ליפּן און קאָנסט ניט לעקן.
אַז אָך און ווי איז צו זיי, א ליימענעם גוילעם פאַרמאָגן זיי!

דו האָסט הענטעלעך און קאָנסט זיי ניט צענעמען.
דו האָסט הערעלעך און קאָנסט זיי ניט פאַרקעמען.
אַז אָך און ווי איז צו זיי, א ליימענעם גוילעם האָבן זיי!

[1] לעבעדיקן גליד; [2] צאָראַאסן — קרעץ; [3] אַם קשיי אוירעף — א האַרטנעקיק פאָלק; [4] רעשט;
[5] אויסוי האָיש, דער טאָלוי—יענער מאַן, דער געהאַנגענער—געמיינט: קריסטוס; [6] פּעסעל—געץ.

וועטוריע איז געבליבן זיצן אָן אומרויִק באַליידיקטע, מיט אַ פאַרדראָסיק אומצופרידענעם אויסדרוק אויפן פּנים, און נאָך אָט דער אָפּלאַכעניש פונעם קרוציפיקס האָט זי מוירע געהאַט אַ קוק צו טאָן אויפן הייליקן יעזוס.

— דאָס איז, סיניאָרע, אַן אַלט קריסטלעך ליד, — האָט דערקלערט דער עלטערער, וואַלטער פאָן דער פאָגעלווײדע.

יויעל האָט אַ דערשטוינטער אַף אים אַ קוק געטאָן און איינצײַטיק געכאַפּט אַ בליק אויפן צווייטן שפּילמאַן, דעם ייִדן, וועמענס האָפערדיקער גלאַנץ מיט די אויגן האָט ווי גערעדט: אָט דער מענטש איז משלנו[1], ער איז פון די חסידי אומות העולם[2]. און וואַלטער פאָן דער פאָגעלווײדע האָט דערציילט וועטוריען, אַז די ליד האָט מען נאָך געזונגען אין די גאָר אַלטע צײַטן, ווען די אוראַלטע גערמאַניער האָבן נאָך געגלייבט אינעם אָפּגאָט וואָטאַן, דעם גאָט פון שטורעמס און שלאַכטן.

— און איצט הערט, — זאָגט ער צו איר, ער נעמט די האַרפּע אין דער האַנט, — מײַנע אַן עכט־פּראָוואַנסאַלישע פרויען־ליד, — און מיט זײַן ברוסטיק־ווייכער שטים האָט ער אָנגעהויבן:

אונטער דער לינדע באַם וועלדל
בין איך געלעגן מיט אים זאַלבעצווייט.

זיסקינד פון טרימבערג האָט אים אונטערגעהאַלטן אַף אַ בײַקאַל, ערטערווײַז קאָלבעכ:עס־דיק[3].

זיי האָבן נאָך אַ סאַך לידער אויסגעזונגען — לידער וועגן הייסער ליבע, און טאַנץ־לידער, ברענענדיק־לײַדנשאַפטלעכע נאַכט־אידיליעס, און פאַרטאָגיק־בענקענדיקע מאַדריגאַלן. זיי האָבן אויך אויסגעזונגען אַ כאָראַל־ליד וועגן קרייץ, וועגן דעם שווערן אָל און דער גרויסער געפאַר, וואָס באַדראָעט דעם קרייצטרעגער. און אָט איז מען אַריבער צו אַ הימנען־געזאַנג צום גערעכטן מײַנצער טראָן־פאַרטרעטער פיליפּ דעם שוואַב. אָט דער פיליפּ איז, אַפּאָנעם, אַ האַרץ־פרײַנט פונעם עלטערן מינעזינגער. זיסקינד פון טרימבערג זיצט שוין ווי אַן אויסגע־שעפּטער, און זײַן כאַווער זינגט נאָך אַלץ וועגן שוואַבישן פּרינץ איין שפּרוכליד נאָך דער צווייטער.

וועטוריע איז שוין שטאַרק מיד. זי זיצט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אַף יויעלס אַקסל, און בײַס די איבערײַסן סוידעט זי אים עפּעס אַרײַן אין אויער.

שפּעטער האָט ער געמיינט צוזאַמען מיט די זינגער פאַרלאָזן אירע פליגל־כאַדאָרים. גייט ער איצט איינער אַליין צו זיך אינעם פּוסטן כיידער, און דער קאָפּ איז בײַ אים פול מיט בייזע מאַכשאָוועס. ער טראַכט וועגן איר שלעכט, און נאָך פיל ערגער טראַכט ער וועגן זיך. ער דערמאָנט זיך אין שמועל האַנאָגידס אַ מיזמער[4] וועגן אַ פרוי, וואָס איר פּאָנעם, אירע טיפע אויגן, די געשמאַקע ליפּן אירע זײַנען אַ הייל־באַלזאַם, און אונטער די קליידער בײַ איר איז פאַרבאָרגן דער טויט. צו וואָס סאָפּקאָלסאָף קאָן עס דערגיין? און ווי לאַנג קאָן עס אַזוי גע־דויערן? מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיקן, אויב ער וועט אַזוי ווײַטער זײַן צוגעבונדן צו אירע צערטלערײַען, צו איר וואַרעמען גוף, צו די אומופהערלעכע אָנצינדענישן פון אירע קושן, ביז צום פאַרגעסן זיך און פאַרלירן דעם זינען? און וואָס וועט זײַן, אַז ס׳וועט זיך בײַ אים טרעפן דאָס, וואָס בײַ בויאַזן?[5] זי איז ווײַט פון צו זײַן אַ רוט, קיין דאָוויד־האַמעלעך וועט זי אים ניט געבוירן...

אַ מאָדנע זאַך, אין סאַלערנאָ איז אים קיינמאָל אויפן געדאַנק ניט געקומען, ער זאָל זיך פאַרטראַכטן וועגן איר האָב און גאָב, וועגן אירע פרויִשע פאַרגעניגנס, האַגאַם זי איז שטענ־דיק געווען גוט מיט אים און אָפט אַפילע גאַנץ פרײַנטלעך. זי האָט אויסגענומען בײַ די קריסטלעכע לערן־באַכורים ניט נאָר מיט איר ייִכעס אָדער מיט איר קלוגער באַנעמונג, נאָר אויך מיט איר אויסערלעכקײַט. אָבער קטינע קעגן איר איז אַ יעפאַס־טויאַר (ווו קאָן זי איצט זײַן, דער קליינער אויצער פונעם ווײַטן רוסיאָ־לאַנד?). אויך קצינע דעם פּעטער שעמטאָווס, די איישעס־איש, איז שענער פון וועטוריען. נאָר אָט, אַפּאָנעם, אין די זאַכן איז ניטאָ קיין יותר[6]. און ביכלאַל איז, ווײַזט אויס, אין דעם איניען דאָס בעסטע: די גאָלדענע מיט. די סאַמע געוויינלעכע מעסיקײַט. דער „צו״ איז, עפּשער ווי אומעטום, אויך דאָ איבעריק. אַזוי איז אויך

---

[1] מ י ש ע ל אָ נ ו — דאָ: פון אונדזעריקע; [2] כ ס י ד י י א ו מ ו י ס ה אָ ו י ל אָ ם — די פרומע לײַט פון אַלע פעלקער; [3] וויינענדיק; [4] ש מ ו ע ל ה אַ נ אָ ג י ד (982—1056) — אַ דיכטער און געלערנטער פון דער „גאָלדענער טקופע״ פון ייִדישער פּאָעזיע און פילאָסאָפיע אין שפּאַניע אונטער דער הערשאַפט פון די כאַליפן. איז געווען הויפּט־וויזיר בײַם כאַליף האַבוס; מ י ז מ ע ר — געזאַנג; [5] געמיינט, אַז זי וועט אים אַרײַנבאַקומען פאַר אַ מאַן, אַזוי ווי רוט דעם ייִדן בויאַז. זיי זײַנען געווען די אורעלטערן פון דאָוויד־האַמעלעך; [6] י ו י ס ע ר — צופיל.

אין דער נאַטור: אַ צו העלע זון מידט אײַן און שלעפערט. אַ פילפאַרביק שיינער זון־פאַרגאַנג מאַכט שווער דעם געמיט און ברענגט אָן אומעט. אָט די צו ווײַטע שטערן אין דער נאַכט רופן אַרויס אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט. ער וואָלט מיט פאַרגעניגן איצט געזעסן לעבן וועטוריען, אָפּגעטראָטן אַף צען טפאָכים ווײַט פון איר, און ער וואָלט געהערט, ווי זי רופט אים: יוליאַן... אַפּאָסטאַט[1] מײַנער...

ס׳איז שוין געווען אַמאָל אַזאַ יוליאַן, וואָס האָט אויסגעלאַכט די ערשטע קריסטן, זייערע ווילדע גלויבנס אין די לעכערלעכע וווּנדער־מײַסעס: וויאַזוי באַ דעם, וואָס האָט זיך צוגערירט צו דער מעוברעסער מאַריען, האָבן די הענט אָפּגעדאַרט, אָדער אַז די פייגעלעך, וואָס דער יויזל האָט געמאַכט פון ליים, ווען ער איז נאָך אַ קינד געווען, זײַנען לעבעדיק געוואָרן און אַוועקגעפלויגן. און ווען דער פאָטער יויזלס, יויסעף דער מעבלמאַכער, האָט אים געצוווּנגען זיך נעמען צו דער מעלאָכע, איז דער ערשטער טיש, וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט, באַדעקט געוואָרן מיט קאָלטוּוּ.

וועטוריע איז געווען אין אַ גאָר גוטער שטימונג דעמלט, ווען יויעל האָט דאָס אַלץ פאַר איר אויסגעלייגט, און זי האָט מיט קליינע פּעטשעלעך אים פאַרמאַכט דאָס מויל און ניט געלאָזט ווײַטער רעדן. אַליין האָט זי אויך וואָס צו דערציילן וועגן דעם זעלבן יוליאַן דעם קייסער. ווי מיִעס ער איז דערפאַר אומגעקומען, דער אָפּטריניקער. ווען זײַן פרײַנט און לערער, דער געלערנטער לעוואַני, האָט אין אַ שפּאַס געפרעגט באַם בישאָף פון אַנטיאָכיע: „וואָס מאַכט עפּעס דאָרט אין די הימלען דעם סטאָליערס זון?" האָט אים דער בישאָף געענטפערט: „ער מאַכט אַ טרונע פאַר דײַן שילער דעם קייסער". און אין אַ קליין שטיקל צײַט אַרום איז דער אָפּטריניקער קייסער טאַקע דערמאָרדעט געוואָרן, און בײַס דער גסיסע האָט ער נאָך באַוויזן אויסצושרײַען: „דו האָסט געזיגט, גאַלילייער!". „דאָס האָט ער אויך מיך געמיינט, — האָט יויעל געשפּאַסט, — עפּעס האָב איך דאָך אויך אַ שטיקל שײַכעס צום גאָליל".

אין אַ סאַך פענצטער פון די שלאָס־געבײַדעס לײַכט זיך נאָך. דער הויף ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ מער באַלעבט און באַפעלקערט. אַלע כאַדאָדים, וואָס די מערסטע צײַט פון יאָר פּוסטעווען זיי, זײַנען איצט פאַרנומען מיט געסט. אויך אייניקע וווינונגען פון דער דינערשאַפט ווערן שוין באַזעצט מיט אָנגעפאָרענע. אַליין וועט מען דערווײַל בײַס די פײַערטעג איבערזײַן אין די שטאַלן, אין די געווער־ און זאָטל־וואַרשטאַטן, אין דער גרויסער שמידערײַ, און אַפילע אין דער מיל.

אייניקע באַלייגן זיך ביכלאַל אונטערן פרײַען הימל, צווישן זיי אויך טאַנכום. פון זינט ער האָט אָנומלטן דערזען יויעלן אהיימגיין נאָך דער דריטער אַשמורע, ווען דער טורעם־וועכטער האָט שוין געגומען אויסשאַלן אַף זײַן האָרן דעם אָנקום פון טאָג, האָט זיך אין טאַנכומען באַזעצט דאָס ווערעמל פון כשאַד. איצט איז אים קלאָר, וואָס ס׳האָט באַטײַט דאָס פאַרשליסן זיך אַף באַנאַכט, און ס׳האָט אים אָנגעהויבן עסן דער אומרו. ער האָט ניט געקאָנט אויסשלאָפן די נעכט. ניט מאַכמעס דעם אָפּטן שאַלן לעקאָוועד די נײַע געסט, וואָס קומען אָנגעריטן אַפילע אין די נעכט, אויך ניט מאַכמעס מאַנצבלשער קינע און אייפערזוכט צו זײַן פּאַטראָנס „זיס לעבן": וואָס־וואָס, נאָר פון די ערשטע ביקורים[2] אירע האָט זי אַף געוויס ניט אים געגעבן צו פאַרזוכן, און דאָס, וואָס זי איז דעם הערצאָגס אַ טאָכטער, מיט דערמיט ווערט זי ניט בעסער אָדער ערגער פון יעדער אַנדער אישע. נאָר פון פאַרדראָס, וואָס יויעל איז ניט אַזוי יפה עושה, ווי ער איז יפה דורש[3] און האָט אין זיך אַליין בוגד[4] געווען. ער האָט זיך אַפילע אײַנגעשטעלט און אַ שטאָך געטאָן דעם באַלעבאָס זײַנעם מיט דער זעלבער מעמרע, וואָס יענער האָט אים אַמאָל געהאַט פירגעוואָרפן, בײַס זײַנער אַ פאַרפירעניש מיט אַן איישעס־איש: חביבת מלאה צואה, והכול רצים אחריה[5]. יויעל האָט זיך ניט געריכט, ער זאָל עס פאַרגעדענקען; אַז אין טאַנכומס קאָפּ זאָל זיך פּאָטויפען אַ פּאָסעק פון דער מעסיכטע שאַבעס. און פון ווען אָן איז עס זײַן טאַנכום געוואָרן אַ פרויען־פײַנט? מאַמעש אַ פאַרקערטע וועלט, און צוליב וואָס פּלוצעם זאָגט ער עס אים?

טאַנכום האָט ניט גאָר געלונגען זיך גענומען אַרויסדרייען, אַז ער זאָגט עס צוליבן באַראָנעט, אָט דעם וואָס באַם שטאַלמייסטער, דעם גוואַר עוורער, וואָס דאַרף די טעג געזאַלבט ווערן פאַר אַ ריטער.

יויעל האָט אָנגעשפּיצט מויל און אויערן: וואָס האָט עס פאַר אַ שײַכעס צום באַראָנעט? און ווי קומט ער גאָר צו אָט דעם נאַרישן פּאַזש־יונג? וואָס פאַראַ געשעפטן האָט ער מיט אים?

---

[1] אָפּטריניקער; [2] דאָ: מיידלשאַפט; [3] ניט אַזוי יאָפּע אויסע, ווי יאָפּע דוירעש — געמיינט: אין זײַנע מײַסים איז ער אַנדערש ווי אין זײַנע רייד; [4] בויגעד געווען — פאַראַטן; [5] כאָוויס מלייאָ צויאָ, וועהאַקויל ראָצים אַכאַרעהאָ — אַ פאַס, פול מיסט, און אַלע לויפן איר נאָך.

טאנכום האָט מיט אַ באַקלאַגערישן טאָן זיך פאַרענטפערט, אַז ער לאָזט אים ניט לעבן, אָט דער גוואַר, דער עוורר. ער וויל אַלץ וויסן, ווו און ווען דער האַר זײַנער פאַרברענגט מיט דער יונגער הערצאָגין, מיט אָט דער וועטוריען...

אינעם ביטל־טאָן, מיט וועלכן טאנכום האָט אַרויסגערעדט איר נאָמען, האָט יויעל דער־פילט אַ מין פאָרוואורף אינעם נוסעך פון אַ שטראָפזאָגער, וואָס וואָרנט. ער האָט זיך פאַרלוירן און באַלד איבערגעריסן דעם אומדערוואַרטן געשפּרעך.

ווען ער האָט זיך אָפּגעזונדערט, האָט אים מוירעדיק פאַרדראָסן אַף זײַן אומבאַהאָלפענער אָפּהענטיקײַט, מיט וועלכער ער איז געבליבן שטיין פאַר טאנכומען. פאַרוואָס האָט ער אים גלײַך אַפן אָרט ניט איבערגעשלאָגן, אַז ער זאָל וויסן זײַן מאָקעם. דער רועך זאָל עס נעמען: הקונה עבד עברי כקונה אדון לעצמו[1]. אָבער באַלד איז אים דער קאַס אַריבער. וואָס איז דאָ טאנכום שולדיק? אַז אַ מענטש טוט אַ זאַך לײַכטזיניק, קאָן אַפילע אַ שפּין אַף דער וואַנט איידעס זאָגן קעגן אים. וועט ניט זײַן טאנכום, וועט זיך געפינען אַן אַנדערער, און זײַן כאַוער האָט נאָך אַ כאַוער, און יענער האָט אויך אַ צווייטן, דער צווייטער אַ דריטן... אָט אַזויאַרום וועט פונעם דבר הסמוי מן העין[2] ווערן אויס סאָד.

דאָס, וואָס טאנכום האָט אַרײַנגעמישט דעם באַראָנעט אין זײַן פאַרענטפערן זיך, האָט ער עס לעגאַמרע ניט אויסגעזויגן פונעם פינגער. דער יונגער עוורר איז טאַקע בעעמעס אויסער־זיך און ווערט מאַמעש צעפרעסן פון פאַרדראָס און אייפערזוכט. דערצו האָט מען אים נאָך די לעצטע כאָדאָשים פאַרשאַפט אַגמעסנעפעש מיטן אַריבערפירן אין דינסט צום שטאַל־מײַסטער. ווען ער איז געווען צוגעפּעסטיקט צום טיש־צערעמאָניאַל, האָט ער נאָך געקאָנט פון מאָל צו מאָל זי זען, אופכאַפּן אירס אַ וואָרט, אַ שמייכל, און דאָ איז זי גאָר פאַרשוווּנדן אַף אַזאַ שטיק צײַט מיט אָט דעם פון גאָט פאַרשאָלטענעם יידן, דעם עסקולאַפּ[3]. ווען וועט ער שוין ענדלעך אָוועקפאָרן פונדאַנען? צי מיינט ער ניט אַמאָל דאָ פאַרבלײַבן אַף שטענדיק?

ער האָט געמוזט אָנקומען צום צווייטן יידן, צו דעם, וואָס רײַט שטענדיק אַפן אייזל, צו טאנכומען, ער זאָל זיך עפּעס וואָס באַ אים דערקונדיקן. ער האָט אים געגעבן צום רײַטן זײַן אָנגעזאָטלט פערד. ער איז אַליין מיט אים אַ פּאָר מאָל אַרויסגעפאָרן אַף יענער זײַט שלאָס. אָט דער געזונטער, הויכוווּקסיקער ייד קאָן פיל בעסער געפעלן, ווי יענער דאַר־אָדערדיקער, וואָס איז אַזאַ כאָשעוו באַ וועטוריען. דעם וועסטו ניט אָפּשרעקן מיטן ווילדסטן קאַריער אַפן שטאַרקסטן פערד, כאָטש ער איז מער ניט ווי אַן אייזל־טרײַבער און אַ פּאַשעטער דינער. ער קאָן אויך דערציילן פּיקאַנטע געשיכטעס וועגן פּרויען, וועגן זײַנע באַגעגענישן און פּאַסירונ־גען מיט זיי. דער באַראָנעט באַדויערט, וואָס ער קאָן מיט אים איצט קיין סאַך ניט פאַרברענ־גען. ס׳זײַנען שוין געקומען צו פאָרן זײַנע עלטערן.

דער פולגעפּאַקטער באַראָן בערנהאַרד מיט זײַן שיינער פרוי, דער באַראָנעסע וואַלענסיע, זײַנען געקומען אַהער ניט נאָר ווי כאָשעווע געסט צו די גרויסע טורניר־פײַערלעכקײַטן, נאָר אויך ווי די בעקאָוועדיקסטע אָנטיילנעמער אין דער פּראַכטפולער צערעמאָניע פון זייער זונס אַרײַנטרעטן אינעם ריטער־שטאַנד. דער מאָרגנדיקער ריטער עוורר האָט מאַיעסטעטיש העפ־לעך געהאָלפן דער מוטער אַראָפּשטײַגן פונעם פערד. די גלעקעלעך, וואָס זײַנען צוגענייט געווען צום זוים פון איר קלייד, האָבן זיך צעקלונגען באַ יעדן באַוועג אירן. זי איז געווען אײַנגעטונקען אין האָפטן און אין פּרעמדלענדישע פאַרביקע שטאָפן. דעם פּורפּור־רויטן הוט אַפן קאָפּ האָט אַרומגעקאַנט אַ בלויע סטענגע, און ווי אַף אַ הימל־רייפעלע איז אַף אים געווען אָנגעשטוקעוועט אַ מענגע ווײַסע פּערל. דעם זעלבן אויסזען האָט געהאַט דער גאַרטל אַף דער הויכער טאַליע. צו אים איז געווען צוגעבונדן אַ בײַטל מיט שמעקנדיקע גראָזן, בסאָמים־רערעלעך, אַ קעסטעלע מיט נאָדל־פאָדעם, פינגערהוטן, שפּילזן. דאָס אַלץ האָט אַרויסגע־שטאַרצט פון אונטער דעם מיט פוטער און זײַד באַפּוצטן לאַנגן מאַנטל, וואָס האָט זיך לײַכט געהאַלטן אַף אירע גלײַכע אַקסל, איבער וועלכע ס׳האָט זיך געהויכט דער שטאָלצער קאָפּ אירער.

דער באַראָן איז מיט דער פּילפּאַרביקײַט פון זײַנע בגאָדים אַף קיין סאַך ניט אָפּגע־שטאַנען פון זײַן ווײַב. באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט זײַן קאָפּ־צודעק, וואָס האָט אויס־געזען ווי אַ טורעם פון בלומען, באַפּוצט און אַרומגעשטעקט מיט קאָלירטע סטענגעס און מיט אַ בינטל פּאַווע־פעדערן. פון אונטער די צעלאָזענע לאַנגע האָר, איבערגעפלאָכטענע אין די־נינקע צעפּלעך, האָט אַרויסגעקוקט דאָס אָליוו־טונקעלע ברייט צעשמייכלטע פּאָנעם. מיטן

---

[1] האקוינע עוועד איווּרי, קעקוינע אָדוין לעאַצמוי — ווער עס קויפט אַ יידישן קנעכט, איז ווי ער וואָלט געקויפט אַ האַר איבער זיך; [2] דאַוואַר האַסאָמוי מין האַאַיִן — אַ זאַך, וואָס איז באַהאַלטן פון אויג; [3] רויפע.

באַפּערלטן גאַרטל איבערן לאַנגן קאַמזויל ביז צו די קני און מיטן אָנגעוואָרפֿענעם ברייטן ריטער־מאַנטל, אויך אַזוי אונטערגעשלאָגן מיט פֿוטער און זײַד, האָט ער זיך ניט פֿיל אונטערגעשיידט פֿון זײַן פֿרוי, סײַדן עפּשער מיט דער שווערד, וואָס איז אים געהאַנגען בײַ דער זײַט און איז אַזוי ניט צוגעפּאַסט געווען צום גאַנצן רעמל, אָנגעפּראָפּט מיט אַזאַ פֿילפֿאַרביקײַט. ..

די שווערד, וואָס ער טראָגט, איז אַ דעראָבערטע בײַ אַ פֿײַנטלעכן שאָכן. ס׳איז נאָך געבליבן אויף איר אויסגעקריצט יענעמס הערב, און ווען מע זאָל געווען ביז איצט ארײַנטראָגן דאָס אויסקויף־געלט פֿאַר זײַן סוינע, וואָלט דער שאָכן עפּשער שוין אויך געווען פֿונעם הערצאָגס טורניר־געסט. האָט מען דאָס נאָך ניט געטאָן, טאָ זאָל ער דאָרט ליגן אין דער פֿײַכטקײַט און קויט, צווישן די קעלער־פּרײַסן, וואַסער־מײַז, שטשורעס און קאָלערליי אַנדערע מיִעסקײַטן, מיט וועלכע ס׳ווימלט די פֿינצטערע גרוב, וווּ ער איז פֿאַרשפּאַרט. אונטערן דאָנזשאָן — דעם העכסטן קײַלעכיקן טורעם אין שלאָס — געפֿינט זיך די שאַצקאַמער, וווּ עס ליגן באַהאַלטן דעם באַראָנס אוצרעס, דאָס טײַערסטע געווער, די בעסטע האַלבאַשע, און אַפֿילע דאָס ביסל צירונג, וואָס ער פֿאַרמאָגט. און דאָ דערבײַ, אַ ביסל נידעריקער, געפֿינט זיך די שטיינערנע גרוב, וווהין ס׳דרינגט קוים ארײַן אַ ביסל לופֿט דורך די שמאָלע עפֿענונגען און אינמיטן טאָג קוקן אַהין ארײַן עטלעכע דינע שטויביקע שטראַלן. בײַ דער שײַן פֿון אָט די שטראַלן האָט דער באַראָן פֿאַרן אַרויספֿאָר זיך געזעגנט מיט זײַן געפֿאַנגענעם, בײַ וועמען דער רעכטער פֿוס איז פֿאַרקאָוועט אין אַ קייט.

דער אומגליקלעכער האָט זיך געקלאָגט אויפֿן פֿאַרדעמפּטן רייעך, אַף די פֿאַרשטונקענע עסנס, אַף דער באַנאַכטיקער קעלט. ער האָט געוויקעט און געקרעכצט און מיט אַ שוואַך קאָל געדראָעט דעם באַראָן, אַז דער הערצאָג, דער גוטער ריימונד, וועט זיך נאָך אָנעמען זײַן קריוודע, זאָל עס נאָר דערגיין צו אים.

בערנאַרד האָט מיט עקל און שפּאָט אים אָנגעקוקט, און בײַם אוועקגיין האָט ער אים גוט אויסגעלאַכט.

אָט דער אַפּגיך־פֿרישגעבאַקענער ריטער, אָן אַ שטאַנד און אָן אַ פֿאָטער־שטאַם, וואָס דאָס איינציקע אַף זײַן יִיכעס־צעטל זײַנען די פֿאַרדינסטן פֿון עפּעס אַן עלטערזיידן אין איינער אַ שלאַכט, האָט געהאַט די כוצפּע בײַ אַן אויסטרונק זיך אַ ווערטל טאָן איבער דער בלוטקרויוועשאַפֿט פֿון זײַן זון מיטן הערצאָג ריימונד! נאָך אַזאַ באַליידיקונג האָט דער באַראָן גלײַך באַלאַגערט זײַן שלאָס און אים ארײַנגעשיקט אַן אַרויסרוף צום קריג. דער העראָלד מיט דער הענטשקע האָט נאָך ניט באַוויזן צו פֿאַרלאָזן דעם סוינעס פּאַלאַץ, האָבן שוין בערנהאַרדס ווענטבערעכער געקרישלט דעם געמויער, און די שטיינוואַרפֿער האָבן דורך די דורכגעבראָכענע טויערן זיך ארײַנגעריסן אין הויף ארײַן.

אין דער צווייטער העלפֿט טאָג האָבן שוין געברענט דעם סוינעס שײַערן און די שטאַלן. די שלאַכט האָט זיך אַריבערגעוואָרפֿן אויפֿן אָפֿענעם פֿעלד. דעם באַראָנס לײַבייגענע האָבן שוין געפּלינדערט דאָס האָב־און־גוטס פֿון די שלאָפֿצימערן, אַרויסגעטריבן דאָס צעווילדעוועטע פֿי אַף עס פֿאַרנעמען, און די רײַטער אַף די פֿערד האָבן זיך נאָך געטראָגן איינער אויפֿן צווייטן, באַמיִענדיק זיך אַרויסשלאָגן פֿונעם זאָטל דעם קעגנער.

צו פֿאַרנאַכט־צו האָט דער באַראָן שוין געפֿירט דעם באַזיגטן שאָכן זײַנעם, אַן אַנטוואָפֿנטן און געבונדענעם, צו זיך אַהיים. דער געפֿאַנגענער איז נאָכגעלאָפֿן מיט פֿלאָנטערנדיקע טריט, ווײַל די קייט, וואָס האָט אים געבונדן, איז געווען צוגעפֿעסטיקט צום זאָטל פֿון פֿערד, אַף וועלכן דער באַראָן האָט געריטן.

איצט וועט ער דערציילן דעם הערצאָג, וויִאַזוי ער האָט זיך אָפּגערעכנט מיט אַזאַ ניטווירדיקן שאָכן, האַגאַם יענער איז פּונקט אַזוי דעם הערצאָגס אַ וואַסאַל, ווי דער באַראָן אַליין. דערווײַל האָט זיך נאָך ניט געמאַכט קיין געלעגנהײַט דערצו, ווײַל דער הערצאָג איז זייער פֿאַרהאָוועט מיט דער צוגרייטונג צום טורניר. דער באַראָן איז אויך פֿאַרשמײַעט מיטן זונס גרייטן זיך צו דער זאַלבונג.

זײַן עוורער, וועלכער האָט נאָך אין דער היים געקענט פֿאַר איין מאָל אופּעסן אַ פּאָר הינדעלעך, אַ האַלבן אינדיק און דאָס פֿאַרבײַסן מיט אַ בעקן געבראָטן שאָפֿן־פֿלייש, מוז איצט נאָכן אויסדערציילן פֿאַרן גאַלעך זײַנע זינד דעם גאַנצן טאָג זיך פֿײַניקן אָן עסן, און ביזן אָוונט־מאָלצײַט פֿאַרברענגען שאָענווײַז בײַם גאָטעסדינסט אין ליטורגישע געזאַנגען און ריטואַלן, וואָס דער הויף־פּריידיקער כאַזערט מיט אים אײַן. פֿאַרנאַכט־צו האָט מען אים נאָך געפֿירט אין באָד ארײַן, מע האָט אים אויסגעבאָדן אין אַ רעזערוואַר מיט לעבלעך וואַסער, באַשאָטן פֿון אויבן מיט רויזנבלעטער, אַלס אַ סימען, אַז ס׳איז פֿון אים אָפּגעוואַשן געוואָרן אַלץ, וואָס איז ניט ווירדיק פֿאַרן ריטערלעכן שטאַנד, און אַז דער ווײַטערדיקער וועג זײַנער וועט באַשאָטן זײַן מיט רויזן.

אין אָוונט, נאָך א לײַכטן צובײַסן, האָט מען אים איבערגעטאָן אין ווײַסע לײַנענע קליידער, און, מיט דער הוילער שווערד אין האנט, איז ער אוועק אף א גאנצער נאכט איבערזײַן אײנער אליין אין הויף־קאפליצע, ווו ער דארף מיט גאָטסווירדיקע מאכשאָוועס און מיט הארציק שטרענגע טפילעס ביז די פרימאָרגן־שאָען וואך זײַן באם געשטאלט פונעם הייליקן געאָרג, דעם באשיצער פונעם ריטערטום.

ווי נאָר מע האָט פארשלאָסן הינטער אים די שווערע טירן, האָט ער מיט דער אויסגעשטרעקטער שווערד זיך א וואָרף געטאָן אפן קני־קישעלע פארן אלטאר און מיט היסלײַוועס גענומען איבערכאזערן די צען ריטער־געבאָטן, וואָס ער האָט שוין פון לאנג געהאט אויסגעלערנט אף אויסווייניק. „זײַן געטרײַ דער הייליקער קירך", — האָט ער אויסגעזונגען מיטן ניגן פון אגנוס דעי[1]. „זײַן איר דינער און באשיצער". „באקעמפן די ניט־גלייביקע און אָפטרייניקע". „קיינמאָל ניט אָפטרעטן פארן סוינע, אפילע ווען ער איז שטארקער פון דיר". „זײַן אונטערטעניק דעם האר דײַנעם". „אויספילן דאָס געגעבענע וואָרט אונטער יעדער געפאר". „פארטיידיקן די ערע פון דײַן אויסדערווײלטער דאמע, ווײַל דעם ריטער ברענגט רום בלויז דער קאמף פאר גאָט און פאר דער פרוי, וואָס דו פארגעטערסט".

דאָ האָט ער גענומען טראכטן וועגן וועטוריען, צוליב וועמען ער איז גרייט דאָס גאנצע לעבן צו לײַדן און קעמפן. מיט איר נאָמען אף די ליפן וועט ער זיך ווארפן אין די בלוטיקסטע שלאכטן, האגאם ער ווייסט, ווי גרינגשעציק און נעבעכדיק עס איז נאָך דערווײַל זײַן אָנזען בא איר. זי קוקט אף אים, ווי א פאווע אין די פארביקע פעדערן אף אן ארומגעפליקט אָרעם הענדל. מיט וואָס פאר א פאראכטונג זי נעמט אוף יעדע געפעליקײַט, וואָס ער פרווט פאר איר טאָן! זי האלט אים נאָך, אפאָנעם, פאר א ניט־דערוואקסענעם, אים, דעם צוואנציקיאָריקן... און מיט וויפל איז זי אליין עלטער פון אים? זי וועט אוואדע נאָך דער זאלבונג אויך קוקן אף אים פון אויבן־אראָפּ, ווי אף עפּעס א נישטיקן פאזש. עפשער איז אין דעם שולדיק זײַן שטאנד? דער פאָטער... דער פאראָרעמטער באראָן?

ניין, ניט דאָס. דאָס איז ער, דער גאָטספארשאָלטענער, דער אומגלויביקער עסקולאפּ, אין א גרעסערער כשיוועס בא איר, ווי א קריסטלעכער אדלמאן! און ער שווערט איצט בא גאָט און באם הייליקן יעזוס, אז ער וועט זי ארויסבאפרײַען פון אָט דעם טײַוולאָנישן קלעם. ער וועט זי מיט דער שווערד באפרײַען! דאָס איז זײַן פליכט און ערע, ניט צו דערלאָזן, ס'זאָל פארשוועכט ווערן איר גוטער נאָמען. א קריסטלעכע נעשאָמע זאָל זיך אונטערגעבן אזא פארבלענדעניש — ווו איז דאָס געהערט געוואָרן? ער וועט מיט זײַן אייגן בלוט אָפּווישן אָט די שאנד, זײַן רום וועט זיך צעטראָגן איבער די ריטער־שלעסער פון גאנץ פראָוואנס. די טרוּווערן פון פראָוואנס און לאנגעדאָק וועלן באזינגען זײַן העלדנטאט. דעמלט ערשט וועט ער קומען צו איר, איר פאלן צו די פיס...

די זיס־פארשיקערטע טרוימען באהערשן אים. זיי קומען אוף, ווי די יאַם־כוואליעס. וואָס ווײַטער, הילט ער זיך אלץ מער אײַן אין טײַוו־זעונגען. ער צערייצט אליין די באגערן און די גלוסטונגען מיט פאָרשטעלונגען.

אים דוכט זיך, אז מיט די הענט בלאָנדזשעט ער ניצאָכנדיק ארום איבער איר קערפּער, און אָנשטאָט טפילע טאָן און אויסבעטן בא דער הייליקער דרײַ־אייניקייט א דערפּאָלגרײַך שטאָלץ ריטער־לעבן, אָנשטאָט זיך ציילעמען און אָפּציילן אף די קרעלן יעדע באזונדערע טפילע, זײַנען זײַנע הענט פארנומען מיט שענדלעכע מײַסים.

גאנצפרי, ווען מע האָט אופגעשלאָסן די קלויסטער־טירן און סע איז ארײַן א גאנצע פמליה[2], האָט מען אים געטראָפן א שלאָפנדיקן, מיטן בילד פון דער הייליקער מאריִע ארופגעלייגט אף די ליפן.

מע האָט אים אופגעוועקט. א מעוווּלוועלער אונטער די בליקן פון די פיל כשיוועסדיקע לײַט, וואָס האָבן אים ארומגערינגלט, איז זײַן פארשלאָפענער בליק געפאלן אף דער קײַלעכיק־נאקעטער ברוסט פון דער מאדאָנע, און ער איז רויט פארשעמט געוואָרן.

— נישקאָשע, — האָט דער קאפּעלאן, אָפּנעמענדיק דאָס בילד, אים געטרייסט, — מע זעט, אז דו ביסט א רעכטגלויביקער. גאָטס מוטער מעג מען ליב האָבן.

דער הערצאָג אליין האָט אים אָנגעטאָן די שווערד אפן אקסל, און ווען עוורער האָט האכנאָעדיק, מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ זיך דערנעענטערט צום טולוזער פירשט־ביסקופ, וואָס איז ספּעציִעל געקומען צו פאָרן צו דער בוימלונג, האָט יענער פון אים אויסגעטאָן די שווערד און זי אוועקגעלייגט אפן אלטאר מיט די אָנגעצונדענע ליכט. נאָך א לענגערער טפילע האָט ער זי אים צוריק אָנגעטאָן אפן האלדז און געזאָגט:

---

[1] „גאָטס שעפעלע" — א קאטוילישע טפילע; [2] פ א מ א ל י ע — קאָמפּאניע.

— נעם די דאָזיקע שווערד אין נאָמען פֿון גאָט דעם פֿאָטער, גאָט דעם זון און דעם הייליקן גײַסט. האָב אין זינען דעם רעטער אונדזערן, די פֿײַנען, וואָס ס'האָבן אים פֿאַרשאַפֿט די פֿאַריסייער, דער מערדערלעכער קיניג הורדוס, דער הענקער פּילאַטוס. מיט א צעריסן לײַב, פֿול מיט בלוטיקע ווונדן, איז ער פֿאַר די אויגן פֿונעם גאַנצן האַמוין געשלעפּט געוואָרן צו דער קרייצונג. איך באַשווער דיך שטענדיק געדענקען אין זײַנע ליידן און מיט דעם קרייץ אַפֿן האַרצן נעקאָמע נעמען פֿאַר זײַן טויט. זאָל די דאָזיקע שווערד זײַן א שוץ פֿאַר דער הייליקער קירך און א שרעק פֿאַר די סאָנים פֿונעם קריסטלעכן גלויבן און פֿון גאָטס קרייץ!

דערנאָך האָט ער מיט ארופֿגעלייגטע הענט אַף עווראַרס קאָפּ אים געגומען בענטשן און דאָס בענטשן פֿאַרענדיקט מיט א טפֿילע צו גאָט:

— הער צו, גאָט, מײַן געבעט, און בענטש מיט דײַן גרויס גנאָד אָט די דאָזיקע שווערד, וואָס דײַן קנעכט וועט טראָגן פֿאַר דײַן הייליקײַט וועגן.

די הויפּט־צערעמאָניע האָט זיך ערשט אָנגעהויבן באַם הערצאָג אין שלאָס. ווי נאָר די גאַנצע קאָהאָרטע, מיטן געזאַלבטן אין דער מיט, איז אריבער די שוועל פֿונעם גאַסטצימער, איז זיי אַנטקעגנגעקומען אַן אומגעהייער גרויסער בער. זײַן געדיכטהאָריקע פֿעל איז געווען איבערגעפֿלאָכטן מיט א מענגע פֿילקאָלירנדיקע סטענגעס, און ער האָט זיך געלאָזט מיט זײַנע שווערע טריט צום באַלסימכע. דער אוילעם איז פֿון זיי אָפּגעטראָטן. דער בער האָט מיט זײַנע פֿאָדערשטע פּיס צעריסן אַף זיך די פֿעל, און פֿון זײַן אינעווייניק האָבן זיך גענומען שיטן אַפֿן נאָך ניט דערגאַנצטן ריטער הויפֿנס מיט בלומען.

דער אוילעם האָט געגאַפֿט פֿונעם נײַעם אײַנפֿאַל, וואָס עס האָבן צוגעטראַכט די פּאָקוס־מאַכער. עווראַרס פֿאָטער, דער באַראָן בערנהאַרד, האָט זיך געקושט מיטן בער, וואָס האָט שוין אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די פֿעלן, און ער האָט אים אײַנגעלאַדן צו זיך אַף נאָך די טור־ניר־פֿײַערלעכקײַטן. די שיינע וואַלענסיע האָט ארומגעכאַפּט דעם זון, און אַלע האָבן זיך געצויגן צו אים מיט באַגריסונגען. די פֿרויען האָבן פֿון דער ערד געקליבן די צעוואָרפֿענע בלומען, און די בערן־פֿעלן האָט מען געשלײַדערט פֿון אָרט צו אָרט, ביז זיי זײַנען אינגאַנצן פֿאַרשוווּנדן פֿונעם פֿאַראַד־זאַל.

דער הערצאָג האָט קוים אײַנגעשטילט דעם אוילעם. דעמלט איז עווראַר צו צו אים און אים דערלאַנגט זײַן אויסגעטאָנענע שווערד, דערבײַ האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אַף די קני פֿאַר זײַן סעניאָר דעם הערצאָג. דער הערצאָג האָט אים א קוש געטאָן אין שטערן, געהייסן אויס־הערן דעם ריטער־סטאַטוט. ביז מע האָט פֿאַרענדיקט לייענען די לאַנגע מעגילע, האָבן די קני באַם יונג אָנגעהויבן ברעכן, און דאַן האָט דער הערצאָג מיט דעם יונגן ריטערס שווערד אים דרײַ מאָל א קלאַפּ געטאָן איבערן אַקסל, א קוש געטאָן אין די ליפּן, אים געהאָלפֿן זיך אופֿהייבן און באַפֿוילן, מע זאָל זײַן קאָפּ באַזאַלבן מיט שמעקנדיקן בוימל.

— אין נאָמען פֿונעם אַלמעכטיקן גאָט, פֿונעם פֿאָטער און זון און הייליקן גײַסט, פֿונעם באַשיצער אונדזערן דעם הייליקן געאָרג, ווערסטו פֿון איצט אָן געהייליקט אַלס ריטער. פֿון הײַנט און אַף ווײַטער דאַרפֿסטו געטרײַ אָפּהיטן אַלע קלאָלים און גוטע מידעס פֿונעם ריטער־שטאַנד. זײַ געהאָרכזאַם איבערגעגעבן דײַן האַר דעם סעניאָר. היט אָפּ די אַלע צוזאָגן און שוועס, די פֿאַרפֿליכטונגען, וואָס דו וועסט נעמען אַף זיך און וואָס דו וועסט מוזן אויספֿילן, ווען דאָס זאָל דיר אַפֿילע קאָסטן דײַן לעבן!

און דער נאָרוואָס געהייליקטער ריטער האָט געענטפֿערט:

— באַ דער אָנוועזנהײַט פֿון דעם ניט געזעענעם גאָט, באַ דער אָנוועזנהײַט פֿון מײַן סעניאָר דעם הערצאָג פֿון טולוזע און פֿון אַלע בײַשטייענדיקע, לייג איך אַרויף די הענט אַפֿן נײַעם טעסטאַמענט און שווער און זאָג צו אויסצופֿילן אַלע געזעצן, וואָס איך האָב דאָ אויס־געהערט. דאָס גאַנצע לעבן מײַנס פֿון הײַנט אָן ביזן לעצטן אָטעם מײַנעם וועל איך ווידמען אַף צו דינען געטרײַ אונדזער רומפֿולן ריטערטום!

באַ דער זײַט זײַנען שוין געלעגן גרייט פֿאַרזײַנעטוועגן אַלע ריטער־מאַכשירים: א נײַע שווערד מיט א געקרייצט הענטל, זילבערנע שפּאָרן, אַן אײַזערנער העלם־צודעק און א קייטן־פּאַנצער, א וואָפֿן־שילד און א שפּיז, א קורצע האַנט־שפּיז מיט א זילבערן קלינגל אַף צו פֿאַרבײַטן די צעבראָכענע שווערד. איצט איז ער שוין גלײַך מיט אַלע ריטער, אַפֿילע מיט די מעכטיקסטע צווישן זיי. זײַן סעניאָר דער הערצאָג אַליין טראָגט דאָס זעלבע געווער. אויך דער קיניג האָט ניט מער מאַכשירים, בייס ער טרעט ארײַן אין א שלאַכט. מע האָט אַף אים גענומען ארופֿציִען די אַלע מאַטאָנעס. צוערשט די שפּאָרן אַף די פּיס, דערנאָך דעם שווערן פּאַנצער מיטן יערושע־הערב אַפֿן האַרצן. דער העלם האָט נאָך געהאַט א זיפּנאַרטיקע דראָ־טענע נעץ אַף צו פֿאַרדעקן דאָס פּאָנעם בייסן געפֿעכט. א שלאָס־מיידל האָט געפּרוווט אים ארײַנשטעקן א שטרויס פֿעדערן אינעם העלם, האָבן איר די הענט ניט געפֿאָלגט. אָבער

פונוואַנען האָט זיך גענומען אַהער וועטוריע, וואָס האָט דאָס מיידל גלײַך פאַרביטן? ער האָט זיך די גאַנצע צײַט ניט אַרומגעקוקט, ווי ער וואָלט פאַרגעסן אין איר. איצט אײַסעקן זיך אירע שלאַנקע הוילע אָרעמס מיט זײַן העלם און מיטן פעדער־שטרויס. יעדע פּאַסמע האָר אַף איר שמעקנדיקן קאָפּ ציט אים צו מיט אומגעהייערער קראַפט. דער יעיצערהאָרע, וואָס איז געשלאָפן, האָט ווידער אופגעוואַכט, און ווען ער איז איצט איינער אַליין, וואָלט ער איבערגע־כאַזערט דאָס באַנאַכטיקע...

מיטיק־צײַט איז ער שוין געגאַנגען צו דער סודע ניט צום באַדינען, נאָר צום זעצן זיך באַם טיש באַגלײַך מיט אַלע אַדללײַט. אַף די ברייטע אַקסל האָט ער גײַוועדיק געטראָגן דעם אַרופּ־געוואָרפענעם אַף די פּלייצעס מיט פוטער פון העזעלעך באַזוימטן מאַנטל. ער האָט מיט אומ־געדולד געוואַרט אַפן אָרט, וואָס מע וועט פאַר אים באַשטימען באַם טיש. דער צערעמאָניען־מייסטער, וואָס האָט אַזויפיל צײַט אים געקענט פאַר אַ פּאַזש, וועלכער האָט געמוזט שטיין הינטער זײַן סעניאָר, בייס יענער האָט באַם טיש געריבן אַף ביידע באַקן, וועט אים איצט באַ־זעצן אַף אַ באַשטענדיק אָרט, אַף זײַן אייגן אָרט, וואָס קיינער וועט עס קיינמאָל ניט פאַר־נעמען. ווען ער האָט אָבער שוין דערזען באַם טיש וועטוריען באַנאַנד מיט יויעלן, איז אים פאַרבײַ דער גאַנצער פאַרגעניגן פונעם זעצן זיך באַם טיש צום ערשטן מאָל באַגלײַך מיט די כאָשעווסטע סעניאָרן. ס'איז אים אַפּילע אָפּגעפאַלן דער כיישעק צו די געשמאַקסטע מײַכאָלים, וואָס זײַנען דאָ אָנגעשטעלט און רייצן דאָס אויג און דעם גומען.

יויעל האָט הײַנט אויך געהאַט ניט קיין לײַכטן טאָג. די לעצטע צײַט, פון זינט ס'האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפאָרן די געסט, לאָזט מען אים ניט צורו. צווישן די אָנגעפאָרענע האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אין שלאָס איז דאָ דער פּריוואַטער רויפע פון דער הערצאָגין און אַז ער באַווײַזט ווונדער. קומט מען צו אים יעדערער מיט זײַן כאַלאַס.

אָט דאָ ערשט ניט לאַנג, פאַרן גיין צום טיש, איז באַ אים געוועזן אַ ריטער, וואָס דאַרף אָנטיילנעמען אין טורניר. אַ כוילע מיט אַ צאָראַאַס איבערן לײַב. ער האָט זיך פאַר אים אויס־געטאָן אָדאָם־נאַקעט, בלויז דער איינער ציילעם אַפן האַלדז האָט זיך געבאָמבלט. דער גאַנ־צער קערפּער איז באַ אים געווען באַדעקט מיט קויט און מיט צעראַצטע קרעצלעך. ער האָט אים גלײַך אָפּגעשיקט זיך אויסבאָדן, און אַליין האָט ער עפּשער אַ שאָ צײַט נאָכאַנאַנד צו טאָן געהאַט מיט נעטילעס יאָדאַיִם[1], ביז וועטוריע איז געקומען נאָך אים.

זי איז געווען אָנגעטאָן לויט זײַן באַגער נאָך, ווי אין אַ קיטל לעהאַוודל, אין הוילן ווײַסן. דאָס געפעלט אים זייער. אירע צעלאָזטע גאָלדענע האָר אַפן בלענדיקן אַטלאַס פון די אַקסל רופן באַ אים שטענדיק אַרויס אַ רייצנדיקע לײַדנשאַפט, און ער נייטיקט זיך שוין איצט אין דעם. אַהבה מקלקלת את השורה[2] — די ליבע פירט אַמאָל אַראָפּ פונעם נאַטירלעכן, — דאַרף ער אין איר די לעצטע צײַט האָבן נאָך עפּעס, קעדיי זיך צו דערוואַכן... עפּשער אויך דערפאַר האָט ער זיך לעצטנס געמאַכט אַ רעגילעס צו צעטיילן דעם טאָג זײַנעם אַף דרײַ כאַלאָקים. דעם גרעסטן כיילעק טאָג זיך אָפּגעבן מיט די כאַלאָיִם, דערהויפּט מיט דער קימאַט געזעגן־געז־וואָרענער הערצאָגין. די איבעריקע פרײַע צײַט זיך פאַרנעמען מיט די כיבורים, וואָס ער פירט מיט זיך, זיך פאַרטיפן אין זיי, זיי פעסטער דערלערנען, צושרײַבן צו זיי הערעס און האַגאָעס[3]. האַגאַם ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז קאָמענטאַרן צו אַ פאַרענדיקטן גוטן כיבור זײַנען געגליכן צו די אויערינגלעך, וואָס מע הענגט אָן אַף די אויערן פון אַ פרוי, וועלכע איז פאַר־כאַפּנדיק שיין אָן אָט דער נאַרישער באַפּוצונג, פונדעסטוועגן פאַרנעמט ער זיך אָפּט מיט אָט די צוגאָבן זײַנע. טאַקע צוליב דעם, קעדיי שלא להוציא את הגליון חלק[4], און אויך ס'זאָל פאַרבלײַבן וויניקער אַף מעוואַטל זמאַן[5] זײַן מיט וועטוריען.

עמעס, אין אָט דער באָטל־שפּיל איז אויך פאַראַן איר שולד. אַ פרוי, וואָס זאָל זיך פירן צוריקגעהאַלטן לאַהר המעשה[6], איז, אַפּאַנעם, ענלעך צו אַ ראָב מיט ווײַסע פליגל. און וועט־וריע קאָן אינמיטן העלן טאָג אים אַרומכאַפּן האַלדזן, קושן און זיך צעברענען אין אַ העליש פײַער. זי האָט אים אָנגעהויבן היטן די טריט און זיך נאָכפרעגן אַף זײַן יעדער פרײַער מינוט. זי איז כוישעד די פיר ווענט פון זײַן כיידער, ווען ער האַלט זיך דאָרט אָפּגעזונדערט. זי טראָגט אַ קינע צום דרויסן, ווען ער שפּאַצירט בעיעכידעס, צום מאַנטל, אין וועלכן ער איז אײַנגעהילט, צו דער קישן פון הינטער זײַן קאָפּ. און דאָס איז דער עמעסער סימען, אַז ליבע אָן אייפערזוכט איז קיין ליבע ניט. דאָס טוט אים האַנאָע, און אָפּט איז ער אַפּילע שטאַרק צו־פרידן דערפון, נאָר אים דוכט זיך, אַז אָט די וואַכזאַמקײַט אירע, איר שטענדיקע גרייטקײַט

---

[1] וואַשן די הענט; [2] אַהאַווע מעקאַלקעלעס עס האַשוראָ; [3] באַמערקונגען און צוגאָבן; [4] שעלוי לעהויצי עס האַגילויען כאַלאָק — ניט אַרויסצולאָזן (פון האַנט) אַ גלאַטן בויגן פּאַפּיר; [5] באַטלען די צײַט; [6] לעאַכאַר האַמײַסע — נאָכן געשעענעם.

צו די זיסטע צערטלערײַען וועט דערפירן דערצו, אַז סאָפּקאָלסאָף וועט זייער פאַרבינדונג מוזן אַרויסשווימען ווי בוימל אויף וואַסער... נאָר וואָס דאַרף ער זיך זאָרגן אויף פאָרויס? צו וואָס טראַכטן, וואָס עס וועט זײַן שפּעטער? ס'שלאָגט אין אים און ס'טוט זיך אַמאָל אַ צעעפן אַ קליין טירעלע פון כאַראַטע. וואָס זשע קומט אַרויס? איז עס דעם אַ מקדים רפואה למכה?[1] אַ מענטש, וואָס האָט כאַראַטע און טוט דאָס זעלבע ווײַטער, איז געגליכן צו איינעם, וואָס גייט אַרויס פונעם וואַסער און קריכט צוריק אין דער בלאָטע. אָדער ווי ער וואָלט נאָך נעטילעס יאָדאַיִם גענומען אַ שערעץ אין דער האַנט.

אָט שלעפּט ער זיך מיט איר איצט קיין טולוזע. ער וואָלט געוועון צופרידן פון אַזאַ רײַזע, ווען ער זאָל דאָרט קאָנען זיך אָפּשיידן פון איר און אַוועק צו די אָרטיקע טוישעווים־ייִדן, זיך זען מיט אַ פּאָר פרײַנט, וואָס ער האָט זיך דאָרט דערוואָרבן פאַר דער לעצטער צײַט. אַ רעד טאָן מיט לאָמדים וועגן כאַדאָשעס, וועגן אַ נײַעם כיבור. אַכוץ טאַנכומען מיטן אַשקענאַזי זיסקינד פון טרימבערג, האָט ער דאָך אין שלאָס קיין ייִדן ניט. איז איינער פון זיי גאָר אַ קנאַפּער קענער אין די שוואַרצע פּינטעלעך, און דער צווייטער ווייסט יאָ עפּעס... באמת ער זיך עס האַלטן אין געהיים. ער וויל ביכלאַל ניט, מע זאָל וויסן, אַז ער איז אַ ייִד. צו זײַן מקור של חיונה[2] טויג עס אים ניט. ער מוז אָפּטמאָל זינגען פאַר די כומרים[3], אָנטיילנעמען אין די מיסטעריעס, וואָס זיי שטעלן פאָר אויף די קלויסטער־פּלעצער. ווען מע זאָל זיך דערוויסן דאָרט, אין ערגעץ אַשקענאַז, אַז ער איז ניט קיין קריסט, וואָלט ער גלײַך פאַרזוכט דעם טאַם פון כיבוט־האַקייווער. און אַפילע אויך דאָ, בײַ די היגע קלעריקער, וואָלט די גאַנצע קאַפּעלע געליטן צוליב אים און ער וואָלט געוועון אויף גרויסע צאָרעס. ער האָט אַנומלטן זיך באַקלאָגט פאַר יויעלן, ווען ער איז געוועון מיט אים אויג אויף אויג, מיטן אויסזינגען די ווערטער פון אַ כצאָס־ליד: אדם דואג על איבוד דמיו, ואינו דואג על איבוד ימיו.[4]

די דאָזיקע ווערטער זײַנען גאַנץ גוט צוגעפּאַסט טאַקע צו אים אַליין, צו יויעלן. ער פּאַטערט דאָ די טעג מיט די יאָרן, ניט אַפילע צוליב געלט, נאָר גלאַט מיט האַוולעס.[5] די כוילאַניס, די הערצאָגין, וואָלט שוין גאַנץ גוט געקענט אויסקומען מיטן אויפזיכט פון דער איינער טאָכטער. ווענטוריע איז שוין געניט אין די אַלע זאַכן, מיט וואָס מע קאָן דעם כוילע העלפן... און ער האָט מיט בענקעניש זיך פאַרטראַכט וועגן מאָנפּעליע, וועגן דעם נײַעם מעדיצין־צענטער, וועגן דער סוויווע פון רויפאים מומכים[6], צווישן וועמען ער וואָלט זיך געפילט ווי אַ פיש אין וואַסער.

ווענטוריע האָט אים אַרויסגעשלאָגן פון די געדאַנקען. זיי זײַנען שוין צוגעפאָרן צום טורניר־פּלאַץ, וואָס איז אויפגעשלאָגן געוואָרן בײַם אַרײַנפאָר אין שטאָט. דער מעכטיקער שטעטעך איז פאַרגרייזערט אַרום־און־אַרום מיט אַ נידעריקער צוים. בײַ די טויערן פאַרן אַרײַנגאַנג זײַנען איצט אַרויסגעשטעלט געוואָרן די קליי־מאַכשירים פון די, וואָס ווילן אָנטיילנעמען אינעם טורניר. בײַ יעדן אָנגעוואָרף פונעם קלייזײַען מיט אַ העלם פון אויבן איז אַרײַנגעשטעקט אַ פאָן מיטן הערב און נאָמען פון דעם אָדער יענעם ריטער. ס'איז דאָ ענג, ווי אויף אַ יאַריד. בײַ יעדער שטעל קלײַבט זיך אַ געזעמל נײַגעריקע, אַמערסטן דאַמען און יוגנטלעכע, וועלכע באַהאַנדלען לײַדנשאַפטלעך די מײַלעס און כעסרוינעס פון יעדער באַזונדער שטיקל געווער.

דער טורניר־עלטסטער מיט זײַנע באַהעלפער זײַנען אַנטקעגנגעלאָפן די נײַ־אָנגעקומענע ווענטוריען מיט יויעלן. זיי האָבן אָפּגעטריבן פון אַרום זיי דעם נײַגעריקן האַמוין־אַם. דער עלטסטער האָט זיך געכאַפּט העלפן ווענטוריען אַראָפּשפּרינגען פונעם זאָטל, אַנדערע האָבן בײַ יויעלן צוגענומען ביידע פערד, און צווישן צוויי ווענט מענטשן האָט מען זיי גלײַך געפירט צו די כאָשעווסטע עקספּאָנאַטן פון דער אויסשטעלונג. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ פאָן מיט אַ פאַרשטרײַכטן נאָמען. דער הערב איז אויך געוועוען פאַרקלעפּט.

— אָט דער דאָזיקער ריטער, — דערקלערט דער טורניר־עלטסטער, — וועט אַרויסטרעטן מיט אַ שוואַרצן צודעק אויפן פּאָנעם, ער וועט זיך ניט אַנטפּלעקן, ביז ער וועט ניט האָבן פאַרטיידיקט דעם גוטן נאָמען און די ערע פון זײַן האַרץ־דאַמע, ביז ער וועט זיך ניט נוקעם זײַן אינעם סעניאָר, וואָס האָט זי באַליידיקט.

דערבײַ דערציילט ער, אַז אָט דער אינקאָגניטאָ איז געקומען פון אַ ווײַט אָרט, ערגעץ בײַ די פּירענייען־בערג, און דער קעגנער זײַנער איז פון הי, דעם הערצאָגס אַ וואַסאַל. מאָרגן

[1] מאַקדים רעפּואָ לעמאַקאָ — טראַכט צו די רעפּוע פאַר דער מאַקע; [2] מאָקויר שעל כאַיונע — כאַיונע־קוואַל; [3] קוימרים — קריסטלעכע גײַסטלעכע; [4] אָדאָם דויעג אַל איבוד דאָמאָוו, וועיינוי דויעג אַל איבוד יאָמאָוו — דער מענטש זאָרגט וועגן געלט־פאַרלוסט, אָבער ער זאָרגט ניט וועגן פאַרלוסט פון זײַנע טעג; כצאָס — טפּילעס, וואָס מע פּראַוועט האַלבע נאַכט; [5] פּוסטע זאַכן; [6] רויפים מומכים — דאָקטוירים־ספּעציאַליסטן.

וועט ער אים אַרויסרופן פאַרן גאַנצן עולם. דערווײַל ווייסט נאָך קיינער ניט, וועמען ער מיינט.

וועטוריע האָט באַטראַכט דעם פּאָנעם־צודעק. צום אײַזערנעם העלם איז צוגעפּעסטיקט אַ זייער געדיכטע נעץ פון מעטאַלענע רינגעלעך, מיט צוויי שמאָלע שפּאַלטן פאַר די אויגן, און אַ ברייטערע עפענונג פאַרן מויל. יויעל האָט דאָ דערזען אַ נײַעם סאָרט שפּיז. אויפן שאַרפן שפּיץ איז צוגעגעבן אַ קליין קײַלעכל, ווי אַ ווײַנשל די גרייס.

— דאָס האָט צוגעטראַכט אַ גאַנץ נאָבעלער ריטער, — האָט געשמייכלט דער טורניר־עלטסטער, — ער וויל ניט, אַז די וווּנד באַם קעגנער זאָל זײַן אַ צו טיפע. דערפאַר האָט אַ צווייטער געבראַכט מיט זיך אַ שווערד, וואָס קאָן ניט נאָר האַקן און בראָקן, נאָר ווי אַ שפּיז טיף זיך אַרײַנשטעכן אינעם לײַב, — און ער באַווײַזט זיי דעם נײַעם מין שווערד מיט אַ שאַרף פאַרשפּיצטן עק.

„גוט, אַז זי וועט אָנטרעפן אין אַ פאַרמאַכטן פּאַנצער, אַ מעטאַלענעם, — טראַכט זיך יויעל, — ווי בײַגעוודיק שטאַרק די שווערד זאָל ניט זײַן, וועט זיך דער דינער עק איבערברעכן, אָבער וויפל זײַנען נאָך דאָ פאַראַן אָנשטאָט עכטע פּאַנצערס לעדער־קאַמזוילן, אָנגעזעצט מיט אײַזערנע קנעפּ? מיט אַזאַ שפּיץ אַרײַנדרינגען צווישן די קנעפּ, קאָן מען דערלאַנגען ביז צום סאַמע האַרצן און טייטן... אָט די טורנירן וועלן זיך נאָך אַמאָל ענדיקן מיט דעם, וואָס דאָס וועט ווערן נאָך אַ מיטל אויף צו מאַכן אַ בלוט־באָד. מע האָט זיי אָנגעהויבן ווי אַ שפּיל, ווי אַ פּײַערלעכן פאַרמעסט פון געשיקטקײַט, קויעך און דרייסטקײַט. דאָ, אין פּראָוואַנס, און אינעם שיינעם צאָרפאַס־לאַנד[1], זײַנען זיי אויפגעקומען ווי אַ יאָמטעוודיקע פאַרווײַלונג, און ערגעץ־ווו האָט מען עס שוין פאַרוואַנדלט אין אַ פּאַשעטער בלוט־פאַרגיסונג. ווער האָט עס דערציילט?.. דוכט זיך, עמעצער פון די מינעזינגער: אַז אין זייערער אַ שטאָט פונעם אַשקענאַזי־לאַנד זײַנען בײַסן טורניר דערהאַרגעט געוואָרן ווי אויף אַ שלאַכטפעלד זעכציק ריטער, אַכוץ פאַרווונדעטע און באַלעמום־געוואָרענע...“

איצט שטייען זיי באַם קלייזײַען פון דעם גיבער פון לאַנגעדאָק, און דער באַגלייטער זייערער ציט אַרויס פון דאָרט אַ געווער־שטיק, באַווײַזט אויפן וואָגיקן זילבערנעם הענטל פון דער שווערד און דערציילט:

— אָט דאָ, זאָגט מען, ליגט באַהאַלטן אַ פּאַסמע האָר פונעם הייליקן דיאָניס. דער הייליקער דיאָניס איז געווען אַזוי שטאַרק, ווי שימשן פון דער ביבל. אויך אונדזער גיבער איז אַזאַ. ער וועט קעמפן מיט אַ קייט אויף די פּיס. אַ געגנוג לאַנגע, פאַרשטייט זיך, זי זאָל אים ניט שטערן אין די באַוועגונגען און אינעם זיצן אויפן פערד. ער וועט צוטרעטן צום געראַנגל ערשט דעמלט, ווען ער וועט דערזען, אַז ס'האַלט שוין באַ אַ ניצאָכן פון אָוועלכער־ס'איז מאַכנע, דאַן וועט ער זיך שטעלן אויף דער זײַט פון די שוואַכערע...

יויעל האָט איבערגעלייענט אויף אַ פּאָן דעם נאָמען פון אַ באַקאַנטן אַדלמאַן פון פּאַסקיער. ער האָט אים דאָרט געזען מיט עלקאָנען, דעם ברודער פונעם סאַגינאָהער[2]. ער וויל דערמאָנען וועטוריען, זי דאַרף אים אויך געדענקען... דערציילט וועגן אים דער טורניר־עלטסטער, אַז אָט דער פּאַסקיער ריטער האָט געמאָלדן: ער האָט געגעבן אַ שוווּע דער דאַמע זײַנער אַרויסשלאָגן פונעם זאָטל דעם קעגנער, נאָכדעם באַקעמפן נאָך צוויי קעגנער, און באַ אַלע דרײַ וועט ער ניט נעמען ניט דאָס געווער, ניט זייערע פערד און אויך ניט קיין אויסקויף־געלט.

דער באַגלייטער האָט זיי נאָך געוואָלט באַווײַזן די באַלוינונגען, וואָס זײַנען אָנגעגרייט פאַר די זיגער. מאַטאָנעס וועט מען אויך באַקומען פאַרן בעסטן קלייזײַען. מע וועט געבן מאַטאָנעס אויך פאַר די ריטער־מאַכשירים. באַזונדערס אויסגעצייכנטע מאַטאָנעס וועט באַקומען דער עלטסטער אָנטיילנעמער אין די געפעכטן און אויך דער ריטער, וואָס איז געקומען אַהער צום טורניר פונעם סאַמע ווײַטסטן אָרט. נאָר יויעלן האָט עס שוין אײַנגעמידט. ער האָט געוואָלט בעסער פאָרן אין שטאָט אַרײַן, ווו די טאַנץ־הײַזער זײַנען איצט איבערגעפּולט מיט די אָנגעפאָרענע געסט און אַליין די שטאָט־בירגער טאַנצן אונטערן פרײַען הימל. אויפן ברייטן פּלאַץ באַ דעם ראָטהויז טיילן די מאַגיסטראַט־לײַט דעם ערעוורייוו אומזיסטן ביר און ביליקן ווײַן. קינד־און־קייט פרייען זיך מיטן מאָרגנדיקן ערשטן טורניר־טאָג.

ביז צום מאָרגנדיקן טאָג איז נאָך ווײַט, און ביז ס'וועט פאַרגיין די זון, וועלן זיך נאָך אויך לאַנג ציִען די זומער־שאָען. נאָר באַ אַזאַ צעהוליעטן עולם איז שוין אַ קליינער כילעק פון טאָג ביז נאַכט. פאַרקערט, באַ דער שײַן פון שטורקאַצן וועלן זיך נאָך האַסטיקער צעפלאַקערן די געבליטן. מע וועט פּאָטער ווערן פון די ברענענדיקע זון־שטראַלן, דער דאָרשט וועט אַזוי ניט מאַטערן, און דאָס פײַער פון אינעווייניק וועט זיך נאָך לײַכטער אַרויסרײַסן אויף דער

[1] פראַנקרײַך; [2] בלינדער.

פּרײַ און וועט ביז גאָר צעכראַסטען די געמיטער. דאָס וועט דערנענטערן און צוניפֿקלאַ־מערן דעם גאַנצן אוילעם מענטשן, ווי זיי וואָלטן געווען איינס, ווי זיי וואָלטן זיך אַלע גלײַך אָנגעשלאָסן אין אָט דעם געווירבל פֿון טאַנץ און שפּיל.

יויעל האָט אַף זײַן לעבן נאָך ניט געזען אַזאַ גרויסע און פֿרידלעכע צוניפֿזאַמלונג פֿון קאָלערליי מענטשן. באַם טולוזער הערצאָג, דעם גוטן ריימונד, באַ וועטוריעס פֿאָטער, זײַנען אַלע גלײַך. דאָ זעט מען די קריסטלעכע רײַכע שטאָט־בירגער און די טולוזער טוישווים־ייִדן. דאָ זײַנען פֿאַראַן מענטשן, וואָס זײַנען באַזאָרגט מיט אַלדאָסגוטס, און אַזעלכע, וואָס לעבן אין הונגער־נויט. איינע זײַנען אויסגעפּוצט אין עסיק און אין האָניק, און אַנדערע אין צעפּוילטע טראַנטעס. ס׳וואַרפֿן זיך אין די אויגן די פֿעט־אויסגעבעטע טעמפּע און פֿרעכע פּענעמער פֿון די קליריקער און דער אויסגעצערטער אויסזען פֿון די לײַבייגענע, וואָס האָרע־ווען ווי די אָקסן און שפּײַזן זיך ווי די שטײַג־אויפֿעס. וואָס האָט זיי צוניפֿגעפֿירט און געבראַכט אַהער, אָט די מיקאָל האַמינים מענטשן? ניט שוין זשע בלויז די פֿײַערלעכקײַטן לעקאָוועד דעם מאָרגנדיקן שווערדן־געפֿעכט פֿון די נאַרישע ריטער? צי די איצטיקע הילולע[1] דאָ, ווו מע קאָן זיך אַרײַנפֿלעכטן אין אַ וויכער־טאַנץ אונטער די קלאַנגען פֿון אַזאַ באַרוישנ־דיקער מוזיק? און עפּשער געפֿעלט זיי גלאַט אַזוי דער געדראַנג און דאָס שטופּעניש צווישן אַזאַ גרויסן אוילעם? דאָס גיט דאָך דעם געפֿיל, אַז דו ביסט אויך אַ טיילכל פֿונעם גרויסן קלאַל אונטערטאַנען באַם מעכטיקן און לײַטזעליקן הערצאָג.

וועטוריע האָט אופֿמערקזאַם געמאַכט יויעלן אַף אַ געזעמל אַרום די זינגער. דאָס זײַנען גאַנץ אַנדערע טרובאַדורן. ניט פֿון די, וואָס דער הערצאָג האָט פֿאַרהאַלטן ביז איבערן טור־ניר. אין זייערע טורנאַמענטן־לידער באַזינגען זיי דערהויפּט דעם ריטער, זײַנע העלדנטאַטן, דעם גרויסן באַדײַט פֿון דאַמען־ערע. דעם אוילעם האָט אַ צי געטאָן צו אַן אַנדער רעדל. דאָרט ווערט געזונגען אַ פּאַסטאָראַל וועגן אַן אָרעמען פּאַסטעך מיט זײַנע שאָף און רינדער. זיי האָבן זיך ענדלעך דערקליבן צו אַ טרוּווער, וואָס האָט געזונגען ליבע־לידער. זיי האָבן זיך ניט געקענט דורכשטופּן נעענטער, קעדיי אים צו זען און גוט צו הערן. ס׳זײַנען צו זיי ניט דער־גאַנגען די אַלע שיינע ווערטער וועגן די פֿייגל אין וואַלד, וועגן דער אַנלעוואָנעדיקער זומער־נאַכט און וועגן דעם ווערט פֿון אַזאַ נאַכט פֿאַר אַ פֿאַרליבטער פּאָר. זיי האָבן זיך שוין דאָ לאַנג ניט געזאַמט. אַפֿן וועג האָבן זיי נאָך געדאַרפֿט פֿאַרפֿאָרן צו אַ שכײנעסדיקן שלאָס, אויך ניט אַף לאַנג. דער זון־פֿאַרגאַנג האָט זיי שוין געטראָפֿן אין דער היים, ווו זיי האָבן דאָס דעמערן און די ערשטע שטערן באַגעגנט אַף וועטוריעס הויכער בעט, אונטערן באַלדאַכין. ווען ס׳האָט זיך באַוויזן דער מאָרגנשטערן, זײַנען זיי נאָך געווען פֿאַרזונקען אין טיפֿן שלאָף.

דער נאָך אַלץ וואַכנדיקער אוילעם אַף די פּלעצער פֿון טולוזע האָט זיך ערשט באַם מאָרגנשטערן אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערצוגיין. די רעדלעך זײַנען שיטערער געוואָרן. די מער געניטע און געשיקט־באַוועגלעכע האָבן זיך באַצײַטנס געלאָזט הינטערן שטאָט צום טורניר־פּלאַץ, ביכדיי צו פֿאַרכאַפּן אַ באַקוועם אָרט ניט ווײַט פֿון די בענק, ווו מע וועט באַזעצן די כאָשעווע געסט פֿונעם אַדל. מיטן שאַריִען אַף טאָג האָבן שוין אָנגעהויבן פֿלייצן אַהער נײַ־געריקע פֿון די אַרומיקע ניט ווײַטע יִשוווים און דערפֿער. זיי זײַנען געקומען צופֿוס און אַף אייזלען, איינציקווײַז און מיט די מישפּאָכעס. זיי האָבן פֿאַרנומען די העכערע פּלאַכקײַטן און די בערגלעך פֿונדערווײַטנס. די באַטאַניער — די באַהעלפֿער אַף צו האַלטן אָרדענונג — האָבן די דאָזיקע לײַט נעענטער צום געדער ניט צוגעלאָזט. דאָ דאַרף זײַן אַ פּלאַץ פֿאַר די פֿיל באַגלייטער פֿון די הערשאַפֿטן. זיי ברענגען דאָך מיט זיך, כוץ דער פֿאַמיליע, זייערע פּאַזשן מיט דער איבעריקער דינערשאַפֿט.

מיטן פּעבל פֿון דער פֿרעמד קאָן מען נאָך ווי־ס׳איז אויסקומען. זיי לאָזן זיך אָפּטרײַבן, מע קאָן זיי פֿאַררוקן וואָס ווײַטער. ערגער איז מיט די היגע, די טולוזער, וואָס רײַסן זיך אַדורך מיט גוואַלד צום באַריער און באַזעצן די נאָענטע ביימער, אַפֿילע די הויכע הילצערנע טור־רעמס, וואָס זײַנען צײַטווײַליק אופֿגעשטעלט געוואָרן פֿאַר דער באַוואַכונג. דאָ דאַרף מען דורכלאָזן די אײַנגעלאַדענע כאָשעווע געסט, און אין דער זעלבער צײַט מוז מען צו טאָן האָבן מיט די אומגעבעטענע, אַן ערעוורעוו פֿון יונגטלעכע און מיטליאָריקע פֿון ביידע געשלעכטער.

די פֿרויען זײַנען נאָך מער פֿון די מאַנסלײַט לאָהוט און געוואַגט אַף דורכצורײַסן זיך דורך די אָרדנער און צוצוקומען וואָס נעענטער צום קאַמפּס־פּלאַץ. זיי זײַנען אויסגעפּוצט אינעם שענסטן, וואָס זיי פֿאַרמאָגן, אין די בונטאַרטיקסטע קליידער, גלײַך ווי פֿאַרזייערטוועגן איז דער גאַנצער אופּטו דאָ. פֿאַר זייער האַנאָע־וועגן ברעכן די ריטער די שפּיזן און האַקן און בראָקן איינער דעם צווייטן מיט די שווערדן. די פֿרויען וואַרפֿן דעמלט אַף דער שלאַכט־

---

[1] הוליאַנקע.

ארענע זייערע נאָזטיכלעך, די צעעפנטע פּעכערס, די אראָפּגעצויגענע האַנטשן פון די פינגער. אין גרויס אַזאַרט פאַרוואַרפט איינע אויך דאָס טיכל פון קאָפּ, און אַמאָל אַפילו די מאַנטיליע פון די אַקסלען. אַלץ קעדיי צו דערמוטיקן דעם ריטער, ווען זי האָט אויסדערוויילט און באַגערט, אַז ער זאָל זײַן דער זיגער און עפּשער אויך מיט דער צײַט איר פאַרערער.

די בענק זײַנען שוין אויך העכער האַלב פאַרנומען מיט די פאַרבעטענע, מיטן אַדלטום, וואָס שטראָמט אַהער מיט ווײַב־און־קינד. נאָך זיי שלעפּן זיך די דינער, וואָס טראָגן נאָך די פּענכער מיט ווײַן, די פּעק מיט עסנס און אַלץ, אין וואָס מע קאָן זיך נייטיקן בײַסן טורניר. די דאַמען זייערע, מיט די דערוואַקסענע טעכטער זײַנען געקומען אַהער, קעדיי צו בלענדן דאָס אויג מיט זייער פּוץ און באַצירונג, מיטן געשלייער פון פאַרביקע קליידער, באַזוימטע מיט האַפטן און מיט פּאָזומענטן און זילבערנע פעדעם. דאָ גייט אָן אַ שטילער פאַרמעסט, אויך אַ מין טורניר: ווער ס'איז אויסגעשטאַט מיט מערער פּראַכט און גלאַנץ, און וועמעס געשמאַק וועט מערער אויסנעמען, — פאַרשטייט זיך, ניט בײַ די אייגענע מענער, וואָס זיצן צווישן זיי מיט גרויס אָנזען און כשיוועס, יעדערער אַף זײַן באַקוועם בעקאָוועדיק אָרט... די ייִנגערע פון צווישן אַט די מענער זײַנען פאַרכאַפּט מיטן נאָכקוקן נאָך די צוגרייטונגען צום גרויסן בלוט־געראַנגל, וואָס דאַרף זיך באַלד אָנהייבן, און די עלטערע זײַנען געקומען אַהער זיך דערמאָנען אין זייערע אייגענע העלדנטאַטן, וואָס זיי האָבן געהאַט אַמאָל אַרויסגעוויזן אין די יוגנט־יאָרן. אָבער ניט זיי, נאָר די ריטער בלײַבן פאַר די צירלעך־אויסגעסטראָצלטע אַדל־פרויען דער איינציקער מין, וואָס איז ווערט באַוווּנדערט צו ווערן. און די זעלבע ריטער־מענער באַגײַסטערן אויך די פּאָשעטע בירגערלעכע פרויען, אָן שום שטאַנד און ייִכעס, די, וועלכע באַקלעפּן איצט דעם באַריער צום טורניר־פּלאַץ, — אַ קאַץ מעג דאָך אויך קוקן אַפן קיניג... די שטאָלצע קריגער, וואָס זײַנען שוין גרייט צום קאַמף, לייגן אָבער קיין אכט ניט אַף די באַריער־פרויען. זיי וואַרפן זייערע בליקן אַריבער די קעפּ פון אַט דעם געמיינעם גראַד פאַרערערנס, וועלכע שטייען אַף די פיס, און יעדערער פון זיי מערקט זיך אָן פון צווישן אַף די בענק זיצנדיקע סעניאָרינס אַן אָביעקט פאַר זײַן שטומער לײַדנשאַפט. ער וועט גליקלעך זײַן צו פאַרגיסן בלוט פאַר אַ שמייכל, וואָס זי וועט אים שענקען פאַר זײַן העלדנטאַט, און נאָכן זיג איבערן קעגנער דערוואַרטן אַוועלכע־ס'איז באַלוינונג פון אירע איידעלע הענט. זי קאָן באַשענקען מיט אַ פּאָשעטן בלומען־קראַנץ, אָבער אויך מיט אַ זילבערן צי אַ גאָלדן פינגערל, און אַמאָל אַפילו אַן אויסגעניייטן גאַרטל מיט אַן איידלשטיין אין דער מיט.

וועטוריע מיט יויעלן האָבן פאַרשפּעטיקט מיט זייער אָנקומען. זיי האָבן אויסגעקוקט די אויגן אַפן גראַף מיט זײַנע נויסע־קיילים[1] און אַף זייער פּריַינט, דעם געלערנטן ענגלענדער מיכאַיל סקאָט, וועלכער האָט באַם גראַף געפונען אַ רויִקע היים אַף דורכצופירן זײַנע פּרוּווּנ־גען און פאָרשונגען. זיי וועלן זיכער מיט זיך אויך פאַרכאַפּן דעם קליינעם בערטראַן, וועטוריעס ברודערל. זיי האָבן זיך גאָר ניט פאַרגעשטעלט, וויִאַזוי קאָן מען דעם טורניר אָנהייבן אָן אַזאַ מאַן פון הויכן ראַנג, אָן דעם גראַף ריימונד ראָזשער, וואָס איז ניט ווייניקער פונעם הערצאָג באַליבט און געשעצט אין גאַנץ פּראָוואַנס און לאַנגעדאָק.

יויעלן האָט שטאַרק געערגערט דאָס ניט־דערוואַרטן זיך אַף אַט דער כאָשעווער כאַווריַע. ס'איז אים איצט פּאָשעט ניט באַקוועם איינער אַליין מיט וועטוריען זיך דורכשלאָגן צו דער הויפּט־טריבונע, אונטער אַזויפיל פרעמדע און עפּשער אויך פײַנטלעכע קינע־בליקן. דערצו נאָך טראָגט מען זיי נאָך דעם גוט־אויסגעדרעסירטן געזונטן פאַלק־פויגל מיטן גיריק שאַרפן שנאָבל. ער צעברענט דעם נײַגער באַם אוילעם עפּשער נאָך מער פון וועטוריעס קלייד. זי האָט אָנגעטאָן די פּאַנאַשיורע — אַ לעוווש ווי פון אַ רעגנבויגן, מיט דורכויס בונטפאַרביקע פּאַסן פון קאָלערליי קאָלירן. אַף אירע אַקסל די אופגעוואָרפענע פּאַרדעסיו, אַ רויט־פּורפּורנער אויבערמאַנטל אָן אַרבל.

ער האָט זיך געבעטן בײַ איר, זיי זאָלן דערווײַל זיך באַזעצן ערגעץ אין אַ ווינקל אַף אַן עק באַנק, ניט אַף דער הויפּט־טריבונע, אין דער סאַמע מיט פון די רייען בענק, ווו ס'זיצט דער הערצאָג מיט די פּניי פונעם היגן אַדלטום. ער האָט אַפילו פאָרגעלייגט, זי זאָל אים ביכלאַל באַפרײַען פון בײַזײַן באַם אָנהייב פון די שפּילן. ס'איז ניט קיין מוז, און ער וועט גאָרנִיט פאַרשפּעטיקן אין דער צווייטער העלפט טאָג אָדער אַפילו מאָרגן און איבערמאָרגן. ס'איז נאָך ווײַט ביז צו סאָף וואָך. האָט זי געדראָעט בלײַבן מיט אים און זיך אַפילו ניט באַווײַזן אַפן טורניר־פּלאַץ, אויב ער וועט ניט אײַנוויליקן זײַן מיט איר דאָרט באַנאַנד.

זיצט ער איצט ניט ווײַט פונעם הערצאָג, צווישן די גרעסטע סראָרעס, אונטער אַזויפיל שטעך־אויגן. ס'קוקט אים אין פּאָנעם אַרײַן די שיינע וואַלענסיע, אין וועלכער ס'קלעפּט זיך

[1] וואָפנטרעגער.

דער מאַן אירער, דער פּירעקיקער באראָן. ס'איז נאָך פון זיי ניט אָפּגענומען געוואָרן דער גליקלעכער שמייכל, די גיַיוועו מיט זייער בענאָק, וואָס איז נעכטן געקרוינט געוואָרן מיטן ריטער־טיטל. פון הינטער דעם פֿאָרפאָלקס ברייטע פלייצעס קוקט ארויס זייערע א שלאָס־דאמע, אפאָנעם פון די סאמע אויסגעשפילטסטע און דרייסטע פרויען. זי איז נאָך רייצנדיק־שיין, ניט געקוקט אפן עלטער, און אין די הענט האלט זי אף א הילצערנער טאץ, אלע זאָלן זען, א געבראָטענע פאווע, אין וועלכער ס'זיַינען צוריק אריַינגעשטעקט די פארביק־שיינע צעלאָזטע פעדערן. אפן האלדז פונעם פויגל איז אָנגעהאנגען א גרויס שניר פערל מיט רויטע קארעלן דורכגעמישט. דאָס איז איר מאטאָנע פארן נייַגעבאקענעם ריטער, פאר עווראַרן, וואָס זי וועט אים אונטערטראָגן נאָך זיַין ערשטן זיג אפן טורניר־פעלד, — דאָס געבראָטענע פלייש פון דער פאווע פארן זיגער, און די פעדערן מיט די פערל־קרעלן פאר זיַין הארץ־דאמע, וואָס ער וועט פאר זיך אויסוויילן.

בא דער דאמע מיטן פויגל האָט זיך פלוצעם דער אויסזען אָנגעהויבן ביַיטן. זי האָט שיר ניט ארויסגעלאָזט די פאווע פון די ציטעריקע הענט, ווען דער העראָלד האָט דורכגעלאָזט עווראַרס נאָמען באם אויסרופן די ריטער, וואָס וועלן זיך באלד באטייליקן אינעם שלאכט. מיט א פינצטער פאָנעם קוקט זי זיך ארום און זוכט א באשייד בא די דערביַיזיצנדיקע. זי זעט פאר זיך דעם באוועגלעך־רויטן האלדז־און־נאקן פונעם באראָן און די אויסגעקיַילעכיקטע שלאנק־שטומע אקסל פון דער שיינער וואלענסיע, די מוטער פונעם באליידיקטן. ס'האָט זיי ווי פארגליווערט דער ערשטער סיגנאל, דער איין־און־איינציקער האָרן־שאָל, וואָס שניַידט זיך אריַין אין דער מיטאמאָל אופגעקומענער שטילקיַיט און זאָגט אָן באדראָענדיק פיַיערלעך דעם אָנהייב פון א געראנגל אף לעבן און טויט.

די ריטער, דערוויַיל נאָך פון דער זיַיט געדער, האלטן אין קלאמער דעם פערדישן אימפעט. מיטן רעכטן אָרעם דריקט יעדער איינער פעסט צו צום דיל די האלב־אראָפּגעבויגענע שפיז, בא וועלכער דער שארפער שפיץ בליַיבט הענגען איבערן פערדס לינקן אויער. אין דער צווייטער האנט האלטן זיי גרייט דעם שטאָלענעם הארץ־באשיצער, וואָס זעט אויס ווי א לענגלעכע שילד. אָנגעשטרענגט שפירט מען נאָך דעם שטריק, וואָס פארצוימט די גאנצע לענג פון דער ארענע. ווען נאָכן שאלן פון האָרן איז אויסגעבראָכן דער גערויש פון די טרומייטן און קעסל־פויקן און דער שטריק איז איבערגעהאקט געוואָרן, האָבן פון ביידע אנטקעגנאיבערדיקע זיַיטן פונעם טורניר־פעלד אין אליור זיך א לאָז געטאָן די ריַיטערזיער, א וואנט קעגן א וואנט. דער שאלנדיקער געפילדער פון די מוזיק־אינסטרומענטן האָט פארהילכט די אויסגעשרייען פון די ריטער: „מאנזשיי! מאנזשיי!”. אפן מיטן פעלד האָבן זיי זיך צונויפגעשטויסן, און ס'איז אנטשטאנען א באוועגלעכער קנויל, פונוואנען ס'האָט זיך דערטראָגן דער געבראזג פון אײַזן, דער צעשמעטערטער פונעם האקן און זעצן איינער אינעם צווייטן. ס'האָט זיי דאָרט באלד איַינגעהילט אזא שטויב, אז עס איז גאָרניט געוועזן צו זען פונדערוויַיטנס. מ'האָט ווי דורך א נעפל געזען דעם געדרענג פון פערד מיט מענטשן, מיט איַיזנס, וואָס האָבן געשניטן און געבליצט קעגן דער זון. ס'זיַינען שוין, אפאָנעם, אויך אין גאנג די קירצערע שווערדן, ארויסגעכאפטע פון די שיידלען. ס'הערט זיך דער צעשפליטער צי פון די שוץ־שילדן, צי פונעם ברעכן זיך פון די שפיזן. ס'דוכט זיך, אז דער געפלאָנטער פון די קעמפער ווערט אלץ געדיכטער. זאָל עס זיַין אפן כעזשבן פון די געוועדטרעגער, וואָס לויפן אלע מאָל אונטער מיט א ניַיעם שטיק קלייזיַיען אף צו פארביַיטן אָדער מיט אן אומגעקערטן פערד א צעפינעטן פערד זיַין אראָפּגעקלאפּטן סעניאָר דעם ריטער מיט ביידע פיס אף דער הוילער ערד.

די זונשטראלן צי א ליַיכט ווינטל האָבן א ביסל צעווייעט דעם שטויב, וואָס איז לעכאטכילע אופגעהויבן געוואָרן, און יויעל האָט דערזען, ווי א קריגער ווערט ארויסגעשטויסן פונעם זאָטל און פאלט אף דער ערד ווי א דוימעם[1]. אין זיַין שווערער אָפּגעפאנצערטקיַיט איז ער אומבאהאָלפן עפעס צו טאָן מיט זיך. אָן פרעמדער הילף וועט ער זיך אליין בעשום־אויפן ניט שטעלן אף די פיס. בליַיבט ער ליגן אונטער די טלאָען פון זיַין אייגענעם שלאכט־פערד. דאָס פערד, א באפריַיטס פונעם צוים, אָן דער וואָג אפן זאָטל, האָט מיט די הינטערשטע פיס אראָפּגעשליַידערט א צווייטן ריַיטערזיער. אָבער יענער בליַיבט א וויַילע הענגען אונטער זיַין פערדס בויך, און באלד דראפעט ער זיך צוריק ארוף אפן זאָטל. דער אוילעם איז באגיַיסטערט פון אזא באשיַימפערלעכער געשיקטקיַיט בא אָט די דרייסט־געוואגטע מענער. דאָ טראכט מען ניט וועגן לעבן און טויט. דער ריטער שטארבט, און זיַין רום בליַיבט. אָט טיילן זיך אויס אין אן איינצל־קאמף צוויי קריגער. זיי האָבן ביידע גליַיך פארלאָזט די שלאכט־רייען, און אין

---

[1] אומבאוועגלעכער קעגנשטאנד.

א זײַט זײַנען זיי באלד אָנגעפאלן אײנער אפן צווייטן. פאר די עטלעכע געפעכט־מינוטן איז שוין קלאָר געוואָרן, ווער פון זיי איז דער שוואכערער.

וועטוריע האָט אין אים דערקענט זייערן א הויף־ריטער, דעם פאָטערס א פאראָרעמטן וואסאל, וואָס פארמאָגט מער ניט ווי זײַן שלאכט־פערד און אן איין־און־איינציקן געווער־טרעגער. דער הערצאָג האלט אים בא זיך צוליב זײַן יִיכעסדיקן שטאם. ער האָט אים געשענקט א קליין שטיקל ערד מיט עטלעכע מישפאָכעס לײַבייגענע אף צו פירן זײַן אָרעמע ווירטשאפט. מע האָט אים כאסענע געמאכט פאר א געזונט־שיינער קאמער־פרוי, נאָר דאָס ווײַב האָט אים גיך אוועקגעוואָרפן. דער איצטיקער קעגנער זײַנער איז, אפאָנעם, דער, וואָס וויל ניט אנטפלעקן זײַן נאָמען און וואָס וועטוריע מיט יויעלן האָבן נעכטן באטראכט זײַנע קליי־נעשעק[1]. ער האלט זיך איצט פעסט אף זײַן שטארקערן פערד. מע האָט נאָך זײַן צעבראָכענע שפיז ניט געביטן, שלאָגן זיי זיך דערווײַל מיט די שווערדן.

דער פון די פרויען אויסדערוויילטער ערן־ריטער גיט אכטונג אף זייער קאמף, ער האָט די רעכט דעם קאמף אָפשטעלן, ווען ער זעט, ווי מע באגייט זיך ניט לויט די קלאָלים. אף זײַן עק שפיז איז אָנגעשטעקט דער אזויגערופענער „דאמען־גנאָד“, א מין פרויען־הוט, מיט וועלכן ער קאָן, לויטן ווילן פון די סעניאָרינס, באשיצן יעדן אָפגעשוואכטן קעמפער. ס'איז גענוג, ער זאָל זיך צורירן מיטן הוט אף דער שפיז צום ריטערס פלייצע, וועט דער קעגנער מער ניט וואגן אף אים אָנצופאלן. וועטוריע האָט שוין געוואָלט מאכן א סאָף צום ניט־גלײַכן פארמעסט־געראנגל, נאָר צו דער פרייד פון די פרויען האָט דער שוואכערער מיט דער טעמפער זײַט שווערד אראָפגעשלײַדערט דעם פאָנעם־צודעק פונעם אינקאָגניטאָ, און יענער האָט מיט די הענט פארשטעלט זײַן געזיכט. באלד אפן אָרט האָט זײַן נויסע־קיילים אים אונטערגעטראָגן אן אנדער העלם, וואָס האָט נאָכאמאָל פארדעקט דאָס פאָנעם זײַנס, און ער האָט מיט נאָך מער האסט גענומען דערשלאָגן דעם אָרעמען ריטער.

מיט דער דערלויבעניש פונעם העראָלד־מייסטער איז אף צו פארבײַטן דעם כאָלוש ארויסגעפאָרן עווראר. ס'האָט זיך געדוכט, אז אָט דער פרישגעבאקענער ריטער קלײַבט זיך אָט אזוי אפן פערד זיצנדיק אריבערשפרינגען זײַן קעגנער, — מיט אזא אימפעט האָט ער זיך א לאָז געטאָן צו אים, און באלד האָט זיך טאקע געלאָזט פילן די אָנגרײַף־קראפט פון א גוואר. האָ־גאם ס'איז געווען צו זען, אז ער איז נאָך ניט אזוי געניט און שלאכטפייִק, ווי דער צאד־שע־קענעגעד[2]. זיי האָבן אָנגעהויבן מיט א שפיזן־געפעכט, און דער פארשטעלטער ריטער האָט געשיקט, פלינק און דרייסט זיך געוואָרפן אפן נאָך ניט אויסגעפרווּוטן קעגנער. זײַן שפיז־עק האָט זיך אלעמאָל אָנגעטראָפן אפן אײַזן פון עווראַרס נײַעם ברוסטשיצער, אפן געפאנצער פון לעדער מיט מעטאלענע קנעפ איבער די היפטן, און ווי פלינק עווראר זאָל ניט באוועגן מיט זײַן וואָפן־שילד, קאָן ער זיך ניט באפרײַען פון די שטויסן, וואָס ער כאפט אלעמאָל אין גאנץ אומדערווארטע ערטער. ער איז שוין שיר ניט ארויסגעשלאָגן געוואָרן פונעם זאָטל. בא זיך האָט ער שוין געפויעלט אומגעוואָרפן צו ווערן, אָבער צוזאמען מיט אים זאָל אויך אראָפגעשלײַדערט ווערן דער סוינע. דאָס, וואָס ער וועט אף דער ערד דערפילן די באפאנצערטע שווערקײַט פונעם קעגנערס וואָג, שרעקט אים ניט אָפ. ער וואָלט מיט די ציין און מיט די פויסטן זיך ארויסגעבאפרײַט, און ער וואָלט זיכער דער ערשטער זיך צוריק אפן פערד ארופגעהויבן. דערווײַל גרײַפט יענער אָן אף אים אלץ האסטיקער און גרויזאמער. ער האָט נאָר־וואָס געקאָנט בלײַבן אָנעם העלם אפן קאָפ. זייערע שפיזן האָבן זיך איבערגעקרייצט. אין דעם מאָמענט האָט ער פאר זיך אָנגעמערקט דאָס ווײַטערדיקע. אָ, ווען ער קאָן דערלאנגען צווישן די העקלען, וואָס פארשפיליען דעם געקייטלטן פאנצער, אָדער אפילע צו די לעדערנע קני־באשיצער!.. דורכן לעדער וואָלט ער דעמלט מיט זײַן שפיז־שפיץ זיך דורכגעשלאָגן צום הוילן לײַב. די געדאנקען זײַנען אָבער ניט געווען אין איינקלאנג מיט די באוועגונגען פון די הענט. ער איז געצווּונגען געוואָרן זיך צו באנוגענען מיט דעם, וואָס ס'האָט זיך געלאָזט. ער האָט עטלעכע מאָל געצילט אין די צווישן־ערטער אפן סוינעס ברוסט־שילד, און מיטאמאָל האָט ער אָנגעטראָפן א ביסל העכער, אף א שטיקל נאקעטן, ניט באשיצטן האלדז־קנייטש אונטערן לינקן אויער. דאָ האָט א שטראָם בלוט פארגאָסן דעם גאנצן אקסל־גארטל, באם סוינע איז ארויסגעפאלן די שפיז פון דער האנט, און ער האָט אראָפגעבויגן דעם קאָפ, ווי אף אראָפוואלגערן זיך פונעם פערד. זײַנע וואָפנטרעגער זײַנען אונטערגעלאָפן אים אראָפצונעמען פונעם שלאכט־פערד. פאר עווראַרן האָבן זיי איבערגעלאָזט דאָס קלייזײַען און דעם קעגנערס פערד, פאר וועלכן ער וועט באם באזיגטן פאָדערן אויסקויף־געלט. וואָלט עווראר געווען א גלײַכ־

[1] וואָפן; [2] קעגנער.

באַרעכטיקטער אַנטיילנעמער פֿונעם טורניר, ניט קיין ריטער פֿון דער צווייטער ליניע, וואָלט
דער באַזיגטער זיך גערעכנט פֿאַר אַ געפֿאַנגענעם, און ער וואָלט אויך געמוזט באַצאָלן פֿאַר
דער אייגענער באַפֿרײַונג.

עוורואַר האָט זיך לאַנג ניט פֿאַרהאַלטן אויפֿן פֿעלד, ער שעמט זיך מיטן האַנאַע האָבן פֿון
נאָכאַמאָל אַ קוק טאָן אויף די ערשטע אין זײַן לעבן דערלאַבערטע טראָפֿייען. ער דרייט אויך
אויס דעם קאָפּ צו דער בעסערער העלפֿט, וואָס פּלאַצט אַלעמאָל אויס מיט יובל־געשרייען
און בײַ יעדן מינדסטן ניצחון פֿון אַוועלכן־ס'איז ריטער שרײַען זיי און קלאַפּן מיט די פֿיס:
„רום די דרייסטע און פֿלינקע!", „רום די מוטיקע זיגער!". אַזוי האָבן זיי זיכער אויך צו אים
געשריגן. ער איז דאָך אויך איינער פֿון די זיגער. מיט שטאָלץ טראָגט ער זיך אויף זײַן שלאַנקן
דעריש צום אָרט פֿון דעם אַלגעמיינעם געפֿעכט, אין דער סאַמע מיט פֿונעם גראַנגל. עפּשער
וועט ער נאָך באַקומען די טרי‎ומף־קרוין. איצט האָט ער די רעכט זיך אָנשליסן אין יעדער מין
צוזאַמענשטויס. די טורניר־עלטסטע האָבן געזען דעם ערשטן ניצחון זײַנעם איבער אַ קעגנער,
וואָס איז פֿיל עלטער און דערפֿאַרענער פֿון אים. ווען מע זאָל דערצו וויסן, אַז יענער איז באַ־
זיגט געוואָרן דורך אַזאַ איינעם, וואָס איז מיט עטלעכע טעג צוריק נאָך געווען אַ פּאַזש־יונג!
נאָר ס'איז קיין וווּנדער ניט: אָט די שטאָלץ־מוטיקע און בראַווע ריטער דאָ אין פּראָוואַנס
לאַנגווײַליקן זיך שוין יאָרנווײַז אָן אַן עכטער שלאַכט. זיי קומען אויף די טורנירן ווי אויף אַ
פֿאַרווײַלונג, ווי אויף אַן איינפּאַכן פֿאַרמעסט פֿון די קויכעס, ביכדיי זיי זאָלן ניט פֿאַרגליווערט
ווערן. אַן אַנדער זאַך זײַנען די קרייץ־ריטער, די, וועלכע האָבן פֿאַרזוכט דעם טאַם פֿון גרוי־
סע בלוטיקע שלאַכטן מיט די סאַראַצינער אינעם הייליקן לאַנד. ער וואָלט דאָ קיין איבעריקן
טאָג ניט געבליבן, ווען דער הערצאָג זאָל אים דערלויבן און ווען וועטוריע זאָל עס פֿאַרלאַנ־
גען... עטלעכע גרעפֿנס, בײַ אַ צוויי צענדליק באַראָנעסעס און וויקאָנטעסעס, הײַנט וויפֿל
דאַמען און טעכטער פֿון אַזויפֿיל ווילגעבוירענע אַדללײַט, וועלן באַלד צוזען דעם איבערוואָג
פֿון די קויכעס, ווי נאָר ער וועט זיך אַ וואָרף טאָן צוהילף דעם שוואַכערן צאַד! זײַן אָרט איז
איצט דאָרט, וווּ ס'הערט זיך אַמערסטן דאָס קרעכצן פֿון די געפֿאַלענע און פֿאַרוווּנדעטע און
די נאָך ניט געטראָפֿענע טרעטן אָפּ מיט צאָרן און מיט ציין־קריצעניש פֿון אונטער דעם
בלענדיקן שווערדן־געפֿלאַטער...

נאָר עוורואַר האָט דאָרט די לאָרבער־קרוין ניט געוווּנען. ער האָט זיך געמוזט באַנוגענען
מיט אַ געוויינלעכן זיגער־קראַנץ, אַזאַ, ווי ס'האָבן באַקומען פֿיל פֿון די ריטער. גלײַך נאָכן
פֿאַרענדיקן די צערעמאָניע האָט ער זיך דורכגעשלאָגן צו וועטוריען און דעם קראַנץ אַוועק־
געלייגט צו אירע פֿיס. דאָס שאַלן פֿון דער מוזיק האָט ניט געלאָזט דערהערן, וואָס זי האָט
אים געזאָגט. דער קאַרגער שמייכל אויף אירע ליפּן האָט גאָרנישט ניט אויסגעגעבן. אין דער
זעלבער צײַט איז צוגעקומען דער נעבעכדיקער הויף־ריטער, וועמען עוורואַר האָט פֿאַרביטן
אינעם גראַנגל און אַזוי גוט זיך אָפּגערעכנט מיט זײַן קעגנער. וועטוריע האָט זיך איבער־
געקוקט מיט איר ייִד. איר שמייכל איז ברייטער געוואָרן, ווען זי האָט גענומען דעם לעבעדיקן
פֿאַלק פֿון יויעלס הענט און האָט איבער עוורואַרס אַקסל אונטערגעטראָגן דעם פֿויגל דעם גע־
שלאָגענעם ריטער. יענער האָט פֿײַערלעך באַהאַרצט אָפּגעדאַנקט, גלײַך ווי ער וואָלט די
מאַטאָנע קאָשער פֿאַרדינט. אַ צעטומלט־פֿאַרשעמטער, האָט עוורואַר זיך באַמיט ניט אַרויס־
ווײַזן דעם פֿאַרדראָס און צאָרן, וואָס איז אין אים אויפֿגעקומען. ער האָט מוירע געהאַט נאָכאַ־
מאָל אַ קוק טאָן אויפֿן באַגליקטן אויסזען פֿונעם ריטער דעם שוואַכלינג, ווי ער שפּילט זיך דאָ
ניצאָכנדיק — אַלע זאָלן זען — מיט דער גרויסאַרטיקער מאַטאָנע, וואָס ער האָט נאַרוואָס
באַקומען פֿון דער ערשטער דאַמע אויפֿן טורניר. אַ לעבעדיקע מאַטאָנע! און ווי אָפּצולאָכעס
האָט נאָך איצט געדאַרפֿט אונטערקומען זײַן מוטערס הויף־דאַמע מיט דער טויטער פּאַווע אויף
ביידע הענט. זי האָט אַ צעיאָצט־פֿריילעכע אים געשטופּט דעם געשאַנק גלײַך אין פּאָנעם
אַרײַן. די נאַרישע פּאַווע־פֿעדערן האָבן אים צערייצט, געקיצלט דאָס געזיכט. אַ פֿאַרלוירע־
נער, האָט ער אומגעשיקט איבערגענומען דעם געבראָטענעם פֿויגל פֿון אירע הענט, איין עק
פֿונעם האַנטעך האָט זיך בײַ אים אַרויסגעגליטשט. די פּאַווע אויף דער הילצערנער טאַץ האָט
זיך אַ וואַקל געטאָן און איז געפֿאַלן צו זײַנע פֿיס מיט די אַרײַנגעשטעקטע פֿעדערן אויף אַראָפּ.
זײַן לעפֿישער אויסזען בײַסמײַסע, ווי ער איז געשטאַנען מיטן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ צו דער
ערד, ווי זיך ייִשעווענדיק וואָס צו טאָן מיט דער אין שטויב אויסגעוואַלגערטער מאַטאָנע, האָט
בײַ די אַרומיקע אַרויסגערופֿן שפּאָט־געלעכטערן און שפּאַסיקע אויסרופֿן. און נאָך איידער דער
באַראָן מיט דער באַראָנעסע, זײַן פֿאָטער און מוטער, האָבן עפּעס פֿירגענומען, האָט ער זײַן
קאַס אויסגעלאָזט צו דער אונטערטראָגערן. איר צוריק אָפּגעבנדיק, וואָס ס'איז אים אין דער
האַנט געבליבן, האָט ער זי אַזאַ שטויס געטאָן פֿון זיך, אַז זי איז אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט
פֿון אַ דערבײַשטייענדיקן, און יענער איז שיר ניט אומגעפֿאַלן מיט איר צוזאַמען. יויעל האָט

זיך אַ ריס געטאָן מיט אופגעהויבענע הענט צום גוואַר, האָט אים וועטוריע אָפגעהאַלטן. אויך אַנדערע זײַנען גרייט געווען אים באַפאַלן, נאָר זיי האָבן דאָס ניט געטאָן, ווײַל ס׳האָט זיי געשראָקן זײַן גוואַרישער אויסזען און דאָס אײַזן, וואָס אַף אים. דער סאָף איז געווען: ס׳איז אים פאַרווערט געוואָרן אָנטיילצונעמען אין די קאַמפן ביזן סאָף טורניר. ווען ניט דאָס בײַזײַן פון זײַנע הויכגעשטעלטע עלטערן, וואָלט מען זיך פונדעסטוועגן דאָ אַפן אָרט מיט אים אָפגערעכנט. ס׳וואָלט אים ניט געהאָלפן די באַפאַנצערונג מיטן ייִכעס־הערב אַף דער ברוסט. ריטער און ניט־ריטער, אַלע וואָלטן צוגעלייגט אַ האַנט דערצו. קיינער וואָלט צו אים גאָרנישט ניט געהאַט, ווען ער באַגייט זיך אַזוי מיט זײַן אייגן ווײַב. אַ ריטער קאָן אויך אופהייבן אַ האַנט אַף זײַנע טעכטער, אַף זײַנע שוועסטער — אַף זײַן אייגן בלוט און פלייש. אָבער מיט אַ דאַמע, אַ פרעמדע סעניאָרין, מוז ער שטענדיק און אומעטום זיך באַגיין ריטערלעך!

נאָכן דריטן טורניר־טאָג האָט מען געמאַכט אַן איבעררײַס, וואָס וועט דויערן פון דאָנערשטיק ביז מאָנטיק אײַנדערפרי. יויעל איז געווען פאַרנומען מיט היילן די ווונדן בײַ די צעשלאָגענע. בײַ עוורארס איינציקן קאָרבן — דעם ריטער מיטן פאַרשטעלטן פּאָנעם — האָט נאָך געיאַטערט די טיפע ווונד אַפן האַלדז. ווען ניט דער רינג אַפן שפיז־עק, וואָלט דאָס אײַזן דערלאַנגט צו דער ווייַשט[1], און ער וואָלט געבליבן אָן דעם בית הבליעה[2]. ער וואָלט עפשער אויך פאַרלאָרן דאָס לאָשן, ווײַל ס׳וואָלטן איבערגעריסן געוואָרן די שטים־בענדער, איז וויאַזוי אַרום וואָלט יויעל דעמלט זיך דערוווסט דעם סאָד פון אָט דעם אינקאָגניטאָ? ער האָט נאָך דערווײַל וועטוריען גאָרנישט ניט דערציילט. זי וועט זיך אומזיסט אופרעגן און פונדאָסנײַ איבערלעבן דאָס, וואָס זי מעג שוין פאַרגעסן. צו וואָס טויגן איר די אַלע פראַטים פון אָט דער גרויליקער געשיכטע? און וואָס וועט עס געבן, ווען זי זאָל אַפילע נאָכאַמאָל וועלן פירנעמען אַוועלכע־ס׳איז שריט? ווען יענע איז שוין אַזוי ווײַט פונדאַנען, אין אַ פרעמדער מעדינע... און ווער ווייסט, וווהין זי האָט זיך פון דאָרט פאַרקליבן?

...ער ליגט איצט אַליין בײַ וועטוריען אין שלאָף־צימער. אַפן דיל זײַנען צעוואָרפן בלומען: פרישע רויזן, געאָרגינען, מימאָזן. פון די טעפיכער אַף די ווענט קוקן אַראָפ בילדער פון די הייליקע שריפטן, פונעם ריטער־לעבן. אַפן טעפיך, וואָס אַנטקעגניבער דעם באַלדאַכין, איז אויסגעשטיקט דער הערצאָג אין אַ טורניר־שלאַכט, בייס ער איז נאָך געווען אַ גאָר יונגער ריטער. און בײַ דער שײַן פון די וואַקסענע ליכט מיט די פלעמלעך, וואָס טוקן זיך, זעט עס אַלץ אויס ווי באַוועגלעך לעבעדיק, ווי אַ בילד, וואָס ער האָט ערשט נעכטן־אייערנעכטן געזען דאָ אַפן טורניר־פלאַץ. דאָס קאַמין־פײַער צעבויטעט נאָך מער דעם האַלב־פינצטער פון כיידער, און יויעלן דוכט זיך, אַז ער געפינט זיך דאָ צווישן אופגעלעבטע שאָטנס. גוט, וואָס ס׳ברענט דער קאַמין. ס׳איז שוין סאָף זומער, און אין צימער וואָלט אָן אָט דעם פײַער איצט געווען גאַנץ קילבלעך צווישן אָט די שטיינערנע ווענט מיט די שמאָלע פענצטער, וואָס לאָזן קיינמאָל ניט אַדורך קיין זונענשטראַל.

וועטוריע איז אַרײַנגעקומען פון נאָך דער באָד. זי וואַרפט אַראָפ פון זיך דעם דעקמאַנטל, צעגאַרטלט זיך און בלײַבט אין איין נאַכט־העמד, אַ לײַנענס, אַ לאַנגס ביז די קנעכל. זי זעצט זיך לעבן אים אַפן בעט, מיט געהויבענע קני אײַנגעקלאַמערט אין ביידע הענט. די צעלאָזטע נאָך פײַכטע האָר אירע דערגרייכן צום בעטגעוואַנט, אַף וועלכן זי זיצט. מיט וואָס איז זי ניט זײַן אַספאַזיע, די באַרימטע פרײַנדן און געליבטע פונעם גריכישן הערשער פעריקל? זי איז אויך, ווי יענע, אי קלוג, אי שיין, אי זינדיק. ער פירט מיט דער האַנט איבער איר צוגעדעקטער פלייצע אונטער די נאַסע האָר און טראַכט דערבײַ, שמייכלענדיק צו זיך, וועגן דעם, וויאַזוי סאָקראַט, בייס ער האָט אַמאָל געזען הענגען אַ פרוי אַף אַ בוים, האָט געזאָגט צו זײַנע שילער: „ווי גוט וואָלט געווען, ווען אַלע ביימער זאָלן קאָנען ברענגען אַזעלכע טײַערע פרוכטן, ווי אָט דער בוים”... און ווי איינמאָל, זעענדיק, ווי אַ מאַן לערנט זײַן פרוי כאָכמע, האָט ער אים געזאָגט: „דו טונקסט אײַן אין סאַם דעם שפיץ שווערד, וואָס איז געווענדט קעגן דיר. דו פאַרגרעסערסט דערמיט דעם צויבער אירן, איר רייץ, זי זאָל נאָך מער מיטלען פאַרמאָגן אַף צו פאַנגען און פאַרקישעפן אונדזערן אַ ברודער פון דעם אומגליקלעכן מענלעכן מין...”

יויעל זוכט איצט און וויל געפינען עפעס אַ פגאַם אין איר אויסזען, אין דער פראָפאָרץ פון אירע גלידער. ער מעסט צערטלעך מיט די פינגער די לענג פון איר נאָז, די ברייט פון מויל, די דינקײַט פון די ברעמען. זי צעלאַכט זיך און באַווײַזט אים אירע שמייכלענדיקע פערל־ציין.

---

[1] שפײַז־רער; [2] ב ײ ס ה א ב ל י ע -- שלונג.

— וואָס שווײַגסטו? — פֿרעגט זי. — איך מיין, דו ווילסט מיר עפּעס זאָגן? — און ווען ער שאָקלט מיטן קאָפּ אַף ניין, גיט זי צו: — און איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט מיר באַלד זאָגן דאָס, וואָס מע זאָגט צו אַ געליבטער. ווילסט מיר גאָרניט זאָגן, אַז דו האָסט מיך ליב?

— טאַקע אַזוי פּאָשעט, מיט אָט די געוויינלעך גרויע אויסגעדראָשענע ווערטער זאָל איך עס דיר זאָגן? — האָט יויעל געשפּאָסט.

— זאָג, מיט וואָס פֿאַר אַ ווערטער דו ווילסט. נאָר זאָג עס מיר! איך וויל דאָס הערן!

— און אײַנגאַנצן אָן ווערטער פֿאַרשטייסטו ניט? מײַנע הענט זאָגן דיר גאָרנישט ניט?

— דײַנע ליפּן זאָגן מיר אַמאָל יאָ עפּעס, — האָט וועטוריע אַרומגענומען זײַן האַלדז און אים אַרײַנגעקוקט אין די אויגן, — און אויך די הענט דײַנע... — ער האָט ניט אויסגעהאַלטן אירע בליקן, געוואָלט אָפּדרייען דאָס פּאָנעם, האָט זי אַ לאַכנדיקע זיך ווארעם צוגעדריקט צו אים, — און מער דאַרפֿסטו מיר גאָרנישט ניט זאָגן. דײַן פּאָנעם־אויסדרוק, די שײַנענדיקע פֿרייד אין דײַנע אויגן־אַפּלען זאָגן מיר שטענדיק דאָס, וואָס איך וויל וויסן...

האָט ער זי אַראָפּגעבויגן צו זיך און אײַנגעפּרעסט זי אײַנגעקלאַמערט אין זײַנע אָרעמס. זי באַפֿרײַט זיך פֿון זײַנע צוואַנגען אַף אַזויפֿיל, אַז זי זאָל קאָנען גלעטן זײַן הוילע מענערישע ברוסט, אַ געדיכט־באַוואַקסענע מיט געקרײַזלטע דראָטיק־האַרטע הערעלעך. זי קוויקט זיך מיט זייער שטעכעוודיקן קיצל און וואַרפֿט אים אויס: דערפֿאַר, אַפּאָנעם, איז ער אַזאַ האַרטנעקיקער און אַ ווייניק נאָכגיביקער. ער איז מאַסקים מיט איר. ער גיט דערבײַ צו, אַז דאָס איז אויך אַ סימען פֿון מוטיקײַט און קראַפֿט. מיט ווייכע האָר זײַנען באַוואַקסן די נאַרישע שאָף. דער שרעקעוודיקער האָז האָט פּוכיק־לויזע גלאַטע הערעלעך. אָבער בײַ אַ לייב זײַנען זיי שטײַף־האַרט. אַזוי אויך בײַ געוואַגטע און דרייסטע פֿויגלען מיט די שטאָלץ־אויפֿגעהויבענע אָדלערישע קעפּ.

— און שטײַף־האַרט זײַנען אויך די האָר אַף די האַכנאָעדיקע, צו דער ערד אַראָפּגעבויגענע כאַזיירים־קעפּ, — האָט זי געשטיקט אין זיך דעם געלעכטער־אויסבראָך, צודעקנדיק מיט דער אייבערשטער ליפּ דאָס אונטערשטע ליפּל אירס.

ס׳זײַנען בײַ איר פּולבלעך־ווייכע לײַדנשאַפֿטלעכע ליפּן. יויעל האָט מיט זײַן אײַנגעביס זיי צעעפֿנט, זיך דערלאַנגט צו איר שפּיץ צונג, און דערבײַ האָט דעם הערצאָגס יעיצערהאָרעדיק בלוט זיך אין איר צעשפּילט...

אויפֿגעכאַפּט האָט ער זיך, ווען וועטוריע איז נאָך געשלאָפֿן. אוועקגיין אָבער האָט ער ניט געקאָנט, ווײַל אָן איר באַקוקן דעם אַרויסגאַנג וועט ער זיך פֿון אָרט ניט רירן. ס׳איז אים געוואָרן הייס לעבן איר. זי איז ווי אַ רײַפֿע פּיירע אום טישרע און ווי אַ צעבליטע בלום אום ניסן. אַזאַ איז זי שטענדיק, פֿון זינט ער קען זי. זי איז שוין אין סאַלערנאָ געווען אָן עכט צײַטיקע כאַוועס טאָכטער, ווען ער האָט זיך נאָך געהאַלטן פֿאַר אַ בן בקר[1]. ס׳איז שוין דעמאָלט געווען נאָכן דורכפֿאַל מיט קצינען, ווען ער האָט געמוזט פֿאַרלאָזן דעם פֿעטער שעמטאָוס הויז אין נאַרבאָנע. באַלד דערנאָך האָט אים ווי געטאָן די באַגדאַדער זיסע קליפּע, די האַרטנעקיקע קטינע. ער האָט אַזוי לאַנג ניט געטראַכט וועגן איר, און דאָ ערשט פֿאַרן אויפֿוואַכן האָט זיך אים געפּלאָנטערט אין כאָלעם אויך אַזאַ פּיצל מיט אַ יאַם כיין אויסגעגאָסן אַף אַלע אירע אייוורים, און צאַרט ווי אַ ליליע. ער האָט געוואָלט, אַז ס׳זאָל טאַקע זײַן זי, קטינע, אָבער דאָס איז גאָר אַסמו, אַ יידישע מעשוירערן[2] פֿון מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק, וועלכע פֿאַרבײַט אים שטענדיק אין די כאַלוימעס קטינען און שלעפּט אים ווידער מיט גוואַלד צום בעסדין. ס׳איז אים אַזוי ווייטעקלעך צו הערן, ווי זי שרײַט: מאָוס לי[3] — ער איז מיר דערווידער. איך קען מיט אים ניט לעבן, און זי פֿאָדערט טייקעף אַ געט. און ניט אַזוי דער געט טוט אים וויי, ווי דאָס, וואָס זי איז אַן אַנדערע, ניט קטינע.

און דאָ האָט ער זיך אויפֿגעכאַפּט. מיטן קלײנעם פֿינגער האָט ער אַ ריר געטאָן דאָס שווייסיקע גריבעלע אַף דער אייבערשטער ליפּ, דאָרט, וווּ ס׳האָט אים אַמאָל אַ שנעל געטאָן דער מאַלעך פֿון שיקכע[4], און ער האָט באַלד אַלץ פֿאַרגעסן.

ער האָט אָבער אויך פֿאַרגעסן, האַגאַם ער האָט עס גוט אין זינען געהאַט צו באַוואָרענען: אַז דער סאָד פֿונעם אינקאָגניטאָ, דעם פֿאַרשטעלטן ריטער, זאָל ניט דערגיין צו וועטוריען. אין אַ פּאָר טעג אַרום, נאָך דעם, ווי דער פֿאַרשטעלטער איז פֿאַרווונדעט געוואָרן, האָט וועטוריע אין דער אָנוועזנהײַט פֿונעם גראַף ראָזשער און דעם ענגלענדער סקאָט גענומען יויעלן לויבן פֿאַר זײַן גרויס באַהאַוונטקײַט אין דער מעדיצין־קונסט. זי ווייסט, אַז ער האָט עס ניט ליב. זי האָט עס קיינמאָל ניט געטאָן. זאָל עס האָבן אַ שײַכעס צו איר מוטער, דער הערצאָגין,

[1] בעןבאָקאָר — דאָ: אַ ניט־רײַפֿער יונגלינג; [2] דיכטערן; [3] מעויס לי; [4] פֿאַרגעסנהײַט.

וואָס ווערט פון טאָג צו טאָג בעסער? זי האָט אים אָבער באַלד געבראַכט אין א נאָך גרעסערער פאַרלעגנהייט.

— דו האָסט דאָך, יוליאַן, גלייך פעסטגעשטעלט, אַז דאָס איז געווען א מאָרד. איך מיין, איבער דער קישעפמאכערן. נאָך איידער אפילע מיר זיינען צוגעטראָטן צום פּאַלמעסן.

— מיינסטו, אַז איצט בין איך שוין שטאַרק אין דעם זיכער? — האָט יויעל זי געפאָרשט און איר געקוקט אין די אויגן אַריין. ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט אַרויסשטאַמלען, האָט זי אים איבערגעשלאָגן:

— אָך, אַזוי! איז פרעג באַם ריטער מיטן פאַרווונדעטן האַלדז, וועט ער דיר דערציילן, ווער די מערדערן איז!

זי האָט עס געזאָגט מיט א שטאָך און א פאַרדראָס, האַלעמיי האָט זי זיך געדאַרפט וועגן דעם דערוויסן פון גאָר אַן אַנדער מאָקער... און מיט וואָס פאַר א רעכט האָט ער עס געהאַלטן בעסאָד פון איר? לאָזט זיך אויס, אַז דער באַזיגטער ריטער, דער היגער, וועמען זי האָט אוועקגעשענקט דעם פאַלק־פויגל, איז דער מערדערנס מאַן. עמעס, א געוועזענער... דער דריטער מאַן באַ איר, וועלכן זי האָט אַליין פאַרטריבן. ער איז ערשט היינט געקומען צו וועטוריען און איר אַלץ אויסדערציילט. וויאַזוי זיין פּענסולינע האָט מיט אירע הענט דערשטיקט א קישעפמאכערן, מיט וועלכער זי האָט געהאַט טייוולאָנישע איניאָנים. פאַרן אַנטלויפן פון דאָרט האָט זי דעם ריטער אירן באַשווירן, ער זאָל זיך פאַר איר נויקעם זיין אין אים, אין איר געוועזענעם מאַן, וואָס האָט זי קלוימערשט אויסגעגעבן, און זי האָט צוליב דעם געמוזט פאַרלאָזן דעם הערצאָגס שלאָס...

— אָט דאָס איז ער אַהער געקומען נעקאָמע נעמען פאַר זיין האַרץ־דאַמע. איך ווייס שוין ניט, ווער פון זיי איז די עמעסע מעכאַשייפע? — האָט וועטוריע מיט א טרויעריקער שטים פאַרענדיקט איר דערציילן. — צי די, וועלכע איז אַזוי גרויזאַם דערשטיקט געוואָרן, צי די שוידערלעכע פּענסולינע, וואָס אומעטום, ווו זי זאָל זיך ניט באַווייזן, ברענגט זי מיט זיך אַזויפיל אומגליק און מאָרד? און ס׳זאָל זיך ניט געפינען, ווער ס׳זאָל וועלן אויסראָטן אָט דאָס שלעכטס פון דער ערד. יאָ, מע איז טאַקע גרויסע בעריעס אַרויסצוווייזן גוווּרעס אויף די טורנירן, אָבער ווו איז זייער ריטערלעכע אָפּפערווויליקייט דעמלט, ווען מע דאַרף באַשיצן פון בייז און זיך אָפּרעכענען פאַר די פאַרדאָרבענע, ניט־קריסטלעכע זיטן? די העלדישקייטן, וואָס זיי ווייזן אַרויס אויף די טורניר־פּלעצער, זאָלן זיי בעסער אויסנוצן באַם שטעלן זיך אויף דער זייט פון גאָטס קריגער, וואָס זייער געווער איז ניט נאָר פון אייזן, נאָר אויך פון גרויסמוט, גוטהאַרציקייט און יוישער...

דער טורניר איז פונדעסטוועגן, ווי פריער, זיך געגאַן מיט זיין גאַנג. מע האָט אים נאָך פאַרלענגערט אויף א פּאָר טעג, קעדיי דערציִען ביז סאָף פון דער צווייטער וואָך. דער גראַף ראָזשער מיט זיינע נויסע־קיילים, צווישן זיי אויך מיכאַיִל סקאָט, זיינען נאָך פאַרבליבן צוגאַסט אויף א לענגערער צייט. זיי וועלן נאָך עפּשער אָנטיילנעמען אינעם יאַגד די קומענדיקע וואָך.

אויפן טורניר־פּלאַץ האָט זיך דער געפּעכט קימאַט ווי געענדיקט, האָט ער זיך אָבער אָנגעהויבן צווישן וועטוריען מיט יויעלן, אין דעם בעיעכידעס אויף די שפּאַצירן, באַ איר אין שלאָפצימער. וועטוריע האָט שווער איבערגעלעבט דאָס אַנטרונען ווערן פון דער מערדערן פּענסולינע. ס׳האָט זי געערגערט, וואָס יויעל האָט געוואָלט פאַרבאַהאַלטן פון איר די גאַנצע געשיכטע. זי האָט אפילע כיישעק געהאַט, ער זאָל זיך מיט איר לאָזן פון יענער זייט פּירענייען־בערג נאָכצופאָלגן און אָפּזוכן די פאַרברעכערן אפילע פון אונטער דער ערד... אויף יויעלס ווידעררווילן און שפּאַס־טרייבעריי, אַז ער איז נאָך ניט געהייליקט פאַרן ריטער־ראַנג, אַז אויף דערויף דאַרף ער זיך צוערשט לאָזן בוימלען, האָט זי ברייט צעעפנט אירע גרויסע בורשטין־אויגן, ווי פאַר אַן אַנטפּלעקונג. ער האָט איר נאָך צוגעגעבן וועגן קריסטלעכער זינד־פאַרגעבונג, וועגן דעם כעט פון צו זיין א נויקעם־וועגויטער[1], וואָס איז ביכלאַל ניט אייגנטימלעך פאַר דער בעסערער העלפט, ביפּראַט נאָך פאַר א פרוי פונעם העכסטן אַדל... זי האָט זיך צעלאַכט. איר טערעץ איז געווען, אַז מע טאָר ניט דערלאָזן, ס׳זאָל קומען צו נאָך א מאָרד. אָט די דאָזיקע פּענסולינע איז דאָך דער טייוול אַליין. זי איז פּייִק צו די שוידערלעכסטע טאַטן.

וועטוריע האָט נאָך ניט איין מאָל יויעלן געלאָקט און גערייצט מיט דער מעגלעכקייט צו מאַכן אַזאַ געהויבענע נעסיִע אינעם וווּנדערבאַר־שיינעם שפּאַניען־לאַנד. זי האָט ניט געוווּסט, אַז שפּאַניע איז זיין געבוירן־לאַנד, דאָס לאַנד פון זיינע קינדער־ און יינגל־יאָרן. גוט, וואָס דער פאָטער איז איצט אין איטאַליע. מער פעלט אים ניט, יויעלן, עמעצער פון פאָטערס און מוטערס קרויווים אָדער גלאַט באַקאַנטע זאָלן אים דאָרט באַגעגענען אויף א געמיינזאַמער

[1] א נעקאָמע־נעמער.

נעסיִע מיט א קריסטלעכער פרוי. זײַן פֿאָטער, דעם אלטן זאבארע, דעם רײַזע־ליבהאָבער, קען מען דאָרט אינעם ספֿאַראַד־לאַנד אין יעדן מאָקעם, ווו ס׳יאז נאָר פֿאראַן א ייִדישער ייִשעוו. וועטוריע האָט יויעלן ניט איין מאָל פֿאַרגעוואָרפֿן:

— דו ביסט פֿאַר מיר מיט גאָרנישט ניט גרייט צו אָפּפֿערן. ס׳פֿעלט דיר דאָס נאָבעלע, דאָס קאָנען ריטערלעך זיך באַנעמען מיט דער פֿרוי, וועלכע דו האָסט גערן... לאָז מיך אַמאָל לעבן אין טאָעס... דו קאָנסט אפֿילע ניט שאַפֿן דעם אײַנדרוק, איך זאָל מיינען, אז בעעמעס... אז דו ביסט אַן עכטער...

— טײַערינקע, — האָט ער מיט א קוש איר צוגעמאַכט דאָס מויל, — די רייכעס פֿון געמאַכטע זאַלבן דויערן א סאַך לענגער, ווי דער אַראָמאַט פֿון דער סאַמע טײַערסטער און עכטער בלום.

— ניין, — איז זי נאָך פֿונדעסטוועגן אַלץ אַנטויִשט אין אים, — אַזעלכע, ווי דו, קאָנען ניט אָפּפֿערווויליק, שיין און שטאַרק ליב האָבן.

— אַזוי שטאַרק, עס זאָל שטאַרקער זײַן פֿונעם טויט, — האָט יויעל איראָניש צוגעגעבן, — דאָס איז עמעס. דאָס זעט מען אין דער ליד פֿון אַלע לידער, וואָס מײַן שטאַם האָט געשאַפֿן.

ער ווייסט אפֿילע ניט, צי מיטן „אַזעלכע, ווי דו“ האָט זי געמיינט זײַן ניט אָנגעהעריקײַט צו איר פֿאָלק, צו אַזאַ געהויבענעם ריטער־שטאַנד, נאָר ס׳איז אים שוין דערווידער געוואָרן איר אַרויסוווײַזן, דערהויפּט די לעצטע צײַט, דעם יותר משהעגל רוצה לינוק, הפרה רוצה להניק[1]. ס׳איז שוין דערגאַן דערצו, אז מיט א פּאָר טעג צוריק, נאָכן אופשטיין קאַיאָר, ווען ער האָט זיך שוין געקליבן אַוועקצוגיין, האָט זי גענומען באַקלאָגן דעם גוירל זייערן, דאָס מוזן זיך אויסבאַהאַלטן מיט די געפֿילן אפֿילע פֿאַר אַזאַ נאָענטן פֿרײַנט, ווי מיכאַיִל סקאָט. אָט דערפֿאַר וואָלט זי געוואָלט אַנטלויפֿן פֿונדאַנען אין א ווײַטער פֿרעמדער מעדינע, ווו קיינער זאָל זיי ניט קענען. דאָרט וואָלט זי געטאָן אַלץ, די באַהעפֿטונג זייערע זאָל ווירדיק פֿרײַ ווערן און אויף אייביקע יאָרן.

יויעלן איז קאַלט געוואָרן אין אירע הייסע אָרעמס, וואָס האָבן אַרומגעוויקלט זײַן האַלדז. ער האָט איר אַרײַנגעקוקט אין די אויגן. זי איז גרייט איבערצוהאַקן דעם שטאַמבוים אירן, צערײַסן די גאָלדענע קייט פֿון דאָר־דוירעסדיקער סראָרעשאַפֿט. דאָס וועט דאָך אופֿרודערן דעם גאַנצן אַדלשטאַנד און דעם וויסטן קלער! ס׳וועט דערגיין ביז צום מאַיעסטעט דעם קיניג, ביז צום וואַטיקאַן אין רוים! דער נאָבעלער הערצאָג, באַ וועמען וועטוריע איז די איינציקע און אין אַזאַ גרויס כשיוועס, וואָלט דאָס נאָך עפּשער אַראָפּגעשלונגען, אָבער דער פּירסום[2] איבער דער גאַרער קריסטלעכער וועלט, און אויך אין דער ייִדישער! מיט אַזאַ גערטע וואָלט מען געקאָנט שטאָלצירן, ווען דאָס זאָל זיך דערנאָך ניט אָפּרופֿן, אפֿילע דאָ אינעם שטילן פּראָוואַנס, אין אַזאַ צײַט פֿון אומרועס, קריגן און קרייץ־צוגן, — אויפֿן גוירל פֿון קאָל־ייִסראָעל.

ער האָט עס אַלץ איבערגעטראַכט אין זיך, און דאָס, וואָס ער האָט גאָרניט געענטפֿערט אויף אירע ווערטער, האָט זי, אָפּאָנעם, באַפֿרידיקט. זי האָט מיט האַנאָע זיך געטוליעט צו אים, געגלעט זײַן קאָפּ, און נאָך א לענגערן שטילשווײַגן האָט זי צוגעגעבן:

— איך האָב אין דער שטאָט באַרסעלאָנע דער מאַמעס א פֿרײַנט, מײַן טויף־פֿאָטער... ער וועט אונדז אָפּפֿירן צום דאָרטיקן בישאָף, און אינעם זעלבן טאָג וועט ער אויך בענטשן אונדזער צוזאַמענבונד אויף שטענד...

זי האָט ניט באַוויזן צו פֿאַרענדיקן דאָס וואָרט: „אויף שטענדיק“, האָט זיך יויעל א ריס געטאָן פֿון אירע אָרעמס און איז שטיין געבליבן, אַזוי ווי מע וואָלט אים שוין געהאַט אָפּגעטויוולט. ער ווייסט אפֿילע ניט, וויאַזוי און וואָס ער האָט איר אָפּגעענטפֿערט. ער געדענקט נאָר, ווי ס׳איז אים שווער געוועזן זיך צו באַהערשן. דאָס ערשטע מאָל האָט ער דערשפּירט, אז ער שטייט פֿאַר א פֿרוי מיט א קורצן סייכל און אז ער איז איצט אין דער מאַכט פֿון א גרעסערער לײַדנשאַפֿט, פֿון א לײַדנשאַפֿט, וואָס האָט גאָרנישט ניט צו טאָן מיט יעיצערהאָרע און טײַווע. ס׳האָט זיך אים דערמאָנט דער פּיסגעם[3] פֿון רעב שמועל האַנאָגיד, דער שפּרוך האָט אים איצט באַצוווּנגען זיך האַלטן רויִק־ניכטער און ווירדיק. רעב שמועל האַנאָגיד האָט געזאָגט: „מיט אָט די דרײַ זאָלסטו זיך אופֿירן ווייך און איידל, אפֿילע ווען זיי באַנעמען זיך גראָב מיט דיר: מיט דײַן הערשער, וואָס האָט בעיאַד דיר שלעכטס צו טאָן; מיט א מענטשן, וואָס איז אופּגעשטאַנען פֿון א שווערער קרענק; און מיט א פֿרוי, וואָס האָט דיך ליב“.

וועטוריע האָט זיך שטאַרק פֿאַרלוירן. אָן אָפּהענטיקע, האָט זי זיך גענומען פֿאַרענטפֿערן און מיט אים אײַנטײַנען:

---

[1] יויסער מישעהאָייגעל רויצע לינויק, האפּאָראָ רויצאָ לעהאַניק — נאָך מער ווי דאָס קעלבל וויל זויגן, וויל די קו געבן זויגן; [2] באַוווּסט ווערן; [3] שפּרוך.

— זײַנען מיר דען ניט אלצײַנע מענטשן? גלייבן מיר דען ניט אין איין און דעם זעלבן גאָט? איז דען דער רעטער אונדזערער, דער הייליקער יעזוס, ניט פון אײַערע ברידער? מיר האָבן דאָך גענומען אַלץ בא אײַך, פון אײַער הייליקער שריפט.

— כל שהוא כביצה ביצה טובה הימנו[1], — האָט ער איר בייז אָפּגעענטפערט מיט א מעמרע פון דער מעסיכטע בראָכעס. נאָר באלד האָט ער כאראָטע געהאט, און מער געלאָסן שוין, מיט א ווייטעק, וואָס ער האָט געשטיקט אין זיך און ניט געוואָלט ארויסווײַזן, האָט ער איר גענומען דערציילן וועגן די מײַסים־טאטוים[2], וואָס ווערן אָפּגעטאָן אין נאָמען פון זייער „רעטער". אינעם דאָרף בעדוען, וואָס אפן צאָפּן פון לאנד, אף דער ערד, וואָס געהער צום פראנקישן קיניג, האָט מען די איידע ייִדן צונויפגעטריבן אפן קלויסטער־פלאץ, און, ביז אן אָנגעצונדענע ליכט וועט אויסברענען, האָבן זיי געמוזט באשטימען: צי וועלן זיי אָנעמען דעם גלויבן פונעם הייליקן יעזוס, דעם ברודער אונדזערן, צי פארברענט ווערן אפן שײַטער? דעם קרייצטרעגער, וואָס איינער פון די ייִדן האָט ארײַנגעשלעפט מיט זיך אינעם פײַער, האָט מען אויך געמאכט פאר א הייליקן.

ווענטוריע האָט מיט א פארקרימט פּאָנעם זיך אָנגעכאפּט פארן קאָפּ, ווי זי וואָלט עס הערן ניט געוואָלט. און ער האָט ווײַטער גערעדט:

— עפּשער מיינסטו, ס'איז אן אויסגעטראכטע זאך? טאָ פרעג בא די מינעזינגער. זיי האָבן נאָך דעם שלאָס ניט פארלאָזט. פרעג בא אזא גוטן קריסט, באם עלטסטן זייערן, בא וואלטער פאָן דער פאָגעלווײדע. ער וועט דיר דערציילן פון זײַן אָפּשטאם־לאנד, פונעם ערעץ אשקענאזי, ווי־אזוי מע האָט דאָרט א גאנצע מישפּאָכע לעבעדיק באגראָבן פאר ניט וועלן אָנעמען דעם גלויבן אינעם געקרייציקטן; ער וועט דיר דערציילן אויך וועגן איינעם, וואָס מע האָט מיט גוואלד אָפּגעטויפט און ער האָט זיך אונטערגעצונדן און מיטן פײַער אף זיך אונטערגעצונדן דאָס געבעט־הויז, וואָס מע האָט געזאָלט פארוואנדלען אין א קאטוילישער קירך. ער וועט דיר דערציילן פון א פרוי מיגנא, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פונעם ביסל טויף־וואסער, וואָס וואָלט איר געקאָנט ראטעווען דאָס לעבן, און האָט בעסער אויסגעוויילט א פײַער־טויט...

— איז צוליב וואָס אזא ביטערע אקשאָנעס? — האָט זיך ווענטוריע געערגערט. — וואָס וואָלט איר אזוי שלעכט געווען צו ווערן א רעכטגלויביקע קריסטן?

יויעל האָט זיך א ווײַלע געקווענקלט, און נאָך א קורצן ייִשעוו־האדאאס האָט ער געלאָסן, ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך, איר געענטפערט:

— דער יעגער־הונט וווּנדערט זיך אויך אף דער פלינקפיסיקײַט פון דער שוואכער גאזעל, וועלכע ער קאָן ניט דעריאָגן. זײַן געהאָרכזאם־קנעכטישער הינטישער מויעך קאָן ניט באנעמען, אז די גאזעל אנטלויפט צוליב סאקאָנעס־נעפאָשעס, צוליבן ראטעווען דאָס אייגענע לעבן, אין דער צײַט, ווען דער הונט לויפט פארן גוטן ביסן, וואָס ער וועט דערפאר באקומען פונעם באלעבאָס. די ערד דאָרף ארויסוואָרפן פון זיך די האנט, וואָס ווערט אופגעהויבן אף צו פארשנײַדן דעם פאָטערס קיִעם; די ליפּן, וואָס פארשעמען די מוטער, ווען מילך זיי האָבן געזויגן, דארפן פארטריקנט ווערן.

מיט דעם איז ער אוועק פון איר. ווענטוריע איז געבליבן אליין, א דערשראָקן־צעדולטע. ס'האָט אף איר געדריקט דער ייִעש. אין איר נעשאָמע־געפאלנקײַט האָט זי פונדעסטוועגן געזוכט עפּעס א בארעכטיקונג פאר אים. אָט איז איר אפן געדאנק געקומען דער געוויסער יעוואנגעלישער פּאָסעק, וווּ דער הייליקער יעזוס וואָרנט: „ווער ס'וועט אָפּרעדן איינעם פון די ווייניקע, וועלכע גלייבן אין מיר, איז בעסער זאָל ער א מילשטיין זיך אופהענגען אפן האלדז און זיך ארײַנוואָרפן אין יאם ארײַן". פארוואָס זשע זאָל יויעל זיך לאָזן אָפּרעדן פון זײַן גלויבן? אָבער באלד טוט א ברי א פארדראָס: פארוואָס זאָל ער זיך אפילע ניט וועלן באמיִען פרווון פארדארבן א קריסטלעכע נעשאָמע? פארוואָס זאָל ער ניט וועלן זי אָפּווענדן פונעם גערעכטן גלויבן אין דער דרײַ־אייניקײַט? דאָ טוט זי זיך א כאפּ פארן קאָפּ, און א פארצווייפלטע נעמט זי איבערטראכטן, וואָס ס'וואָלט זיך געטאָן, ווען זי גיט זיך אים אונטער. וואָס פאר א שטורעם איר פאראט וואָלט ארויסגערופן אין דער קריסטלעכער וועלט. ווּ זשע איז דער אויסוועג? ווידער הייבט אָן וואקסן אין איר דער טארומעס־געפיל אף יויעלן. צוליב וואָס האָט ער זיך פארופן אף די שוידערלעכע טאטן פון די קרייצטרעגער? פארשטייט זיך, אז ס'איז אומגעהייער אכזאָריעסדיק אָט דאָס, וואָס ער דערציילט וועגן די אומגעקומענע אפן פײַער. אָבער דאָס הייסט נאָך ניט, אז די ייִדן זײַנען גערעכט געווען מיט זייער אײַנגעשפארטקײַט. ניט שטענדיק איז דער מארטירער א קאָרבן פאר דער גערעכטיקײַט. פונקט ווי די, וואָס האָבן די ייִדן

---

[1] קאָל שעהו קעבייצאָ, בייצאָ טויוואָ היימענו — געמיינט: ענלעכקײַט צו דעם איי קומט ניט צו אן עכט איי; [2] דאָ: שוידערלעכע מײַסים.

געבראַכט דערצו, זײַנען ניט די גערעכטע גאָטס־קעמפּער. דער געקרייציקטער האָט געהייסן ליב האָבן די פאַרבלאָנדזעטע, זיי וועלן דאָך סאָפּקאָלסאָף דעם ריכטיקן וועג געפינען. ווײַל דער עמעס איז ניט עפּעס אַזוינס, וואָס ס׳קאָן אים האָבן איינער און דער צווייטער זאָל אים קיינמאָל ניט קאָנען פאַרמאָגן. דער עמעס, דוכט זיך איר, איז איין און דער זעלבער, ער איז פאַר אַלעמען גלײַך צוגענגלעך... און דאָפקע אָט די לײַטיש־פרומע קריסטלעך־שיינע געדאַנקען האָבן זי אַרײַנגעבראַכט אין אַ פּײַנלעכן צווייפל און אין אַ וואַקלעניש: צי האָט זי געטאָן אַלץ אָף צו ברעכן די אַקשאָנעס בא איר אויסדערוויילטן?

יויעל איז שוין דעמלט געוועזן פון יענער זײַט מויער־וואַנט, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם שלאָס־הויף. ער איז געגאַנגען ניט מיטן וועג, נאָר גלאַט אַזוי איבער די ווילדגראָזן אָפן ברייטן פעלד. די ערד אונטער זײַנע פיס איז געווען נאָכגיביק ווייך, ערטערווײַז גאַנץ פײַכטלעך, דאָך האָט ער אויסגעמיטן די טרוקענע שטעגן, וועלכע קרייצן זיך איבער, שלענגלען זיך און פירן ערגעץ אין אַ יִישעוו צו מענטשן. ער האָט אויך ניט געוואָלט אומקערן זיך אין זײַן ליידער־מעיוכעד[1], טאָמער וועט ער זיך דאָרט טרעפן מיט טאַנכומען. ס׳איז נאָך ווײַט צום זון־אונטערגאַנג. ער וואַנדלט שוין אַזוי אַ גוטע פאָר שאָ, און דער קאָפּ איז נאָך אַלץ פול מיטן איבערגעלעבטן. אינעם פּלאָנטער פון געדאַנקען יאָגן אַלעמאָל אָן נײַע טראַכטעניש, אויס־פירן, פּלענער. אָפּט מאַכן זיי האַסטיקער קלאַפּן דאָס האַרץ. בייסן אויסבאָדן זיך אין איינעם פון די שמאָלע גיך־לויפנדיקע טײַך־שטראָמען האָט ער זיך דערמאָנט, ווי ער האָט אַנומלטן דערציילט וועטוריען וועגן הילעלן. דעמלט, ווען זי האָט אים אײַנגעריבן די פּלייצע אָף דער באָד־באַנק און ער האָט פון איר געלאַכט, אַז דאָס טוט זי אַ גאָטווילִיקע זאַך. און אָף איר כידעשן זיך האָט ער איר אויפגעקלערט, אַז דאָס זײַנען געווען די ווערטער פון איינעם אָן אַלטן הייליקן מאַן.

„מאַדאָך, — האָט ער געזאָגט, — אַז פאַר דעם קיניגס אַ שטיינערנע סטאַטוע האַלט מען מעשאָרסים זי שטענדיק צו פּוצן און רייניקן און וואַשן, הײַנט ווי דאַרף מען ריין האַלטן דעם קערפּער פון אַ לעבעדיקן מענטשן?“. זי האָט עס גלײַך פאַרשטאַנען, ווי אָן אָנדײַטונג אָף די פּילצאָליקע קרוציפיקסן פונעם יויזל, וואָס מע קאַרגט ניט פאַר זיי קיין גאָלד און זילבער און מע האַלט זיי אין איין רײַבן און שײַערן... דעמלט האָט זי עס פאַרשוויגן, און זי איז ביכלאַל געווען צו אים אַ דימענט, איבערהויפּט פאַר דער לעצטער צײַט. ער האָט איר שטענדיק אַלץ געקאָנט זאָגן און אויך טאָן, ווי:אַזוי ער וויל. איצט וועט ער זיך מוזן צעשיידן מיט אָט דעם טײַערן דימענט, אַזוי ווי דער פּאָטער פון ראַשע, וועלכער האָט געפונען, ווי מע דערציילט, אָן עכטן דימענט די גרייס פון אָן איי. ווען מע האָט אים געגעבן צו וויסן, אַז אָף אַזאַ טײַערן איידלשטיין איז פאַראַן נאָר איין קוינע, דער אָרטיקער בישאָף, וואָס האָט שוין איינעם אַזאַ שטיין און ער זוכט אַ צווייטן צו דער פּאָר אָף אַרײַנשטעקן זיי אין דער תמונה[2] פון גאָטס זון, זיי זאָלן אים דינען פאַר אַ פּאָר אויגן, — האָט ער לאַנג ניט געטראַכט און דעם דימענט אַרײַנגעוואָרפן אין וואַסער. אין דעם זכוס איז ער געהאָלפן געוואָרן מיט אַ זון ווי ראַשע[3], וואָס באַשײַנט נאָך ביז הײַנט די ברידער זײַנע מערער פון אַלע דימענטן אין דער וועלט.

מיט וואָס זשע וועט ער, יויעל, געהאָלפן ווערן נאָכן אַוועקוואַרפן זײַן דימענט? וואָס וועט זײַן די רעפוע אָף אויסצוהיילן די וווּנד, וועלכע וועט נאָך לאַנג נאָך זייער צעשיידונג וויי טאָן? ער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, אַז ס׳וועט אים אַזוי שווערמוטיק זײַן דאָס מוזן אַוועק־גיין פונדאַנען. נאָר ס׳איז שוין, אַפּאָנעם, די העכסטע צײַט אָף צו מאַכן אַ סאָף דערצו. ער מוז איצט זיך אַליין זאָגן מיטן פולן מויל: רויפע, הייל זיך אַליין. בחיל וברעדה[4] טראַכט ער וועגן דעם גרויסן אַוורואָהאָם איבן עזרע, דעם אומגליקלעכן מקונן[5], וואָס האָט אָפּגעלעבט אַ לוי־יוצלעכדיק לעבן אין דאַכקעס און אין ענויִים קשים[6]. „ווען איך זאָל פאַרקויפן ליכט, וואָלט די זון ביז מײַן טויט קיינמאָל ניט אונטערגעגאַן, — האָט ער זיך געקלאָגט אין זײַנע פּײַוטים. — ווען איך וואָלט געניייט טאַכריכים, וואָלטן מענטשן קיינמאָל ניט געשטאָרבן“, — איז ער זיך מיסראַעם אין איינעם פון זײַנע שירים. האָט אים געדאַרפט טרעפן, אַז זײַן איין־און־איינציקער זון יִיצכאָק זאָל אויסבײַטן דאָס רענדל און ווערן אַ מוסולמענער.

ער, יויעל, וועט זײַן טאַטן פון אַזאַ אומגליק אויסהיטן. ער וועט עס ניט טאָן — און ניט נאָר צוליב וועטוריען, נאָר אָפילע ווען ער זאָל שטיין אין לעבנס־געפאַר. ער קען ווע־

[1] באַזונדערער צימער; [2] טמונע — בילד; [3] ר ש י (1105—1040) — איינער פון די באַרימטסטע קאָ־מענטאַטאָרס פון טאַנאַך, פון טאַלמוד און פיל אַנדערע רעליגיִעזע ספאָרים; [4] ב ע כ י ל א ו ו י ר אָ ד ע — מיט שרעק און ציטערניש; [5] מ ע ק ו י נ ע ן — פאַרפאַסער פון קלאָגלידער; [6] א י נ ו י ם ק אָ ש י ם — שווערע פּײַנען.

טוריען, זי וועט אים קיין שלעכטס ניט טאָן, און ער דאַרף זיך אויך באַמיִען ניט צו באַליידיקן אירע געפילן. זיי דאַרפן זיך צעגיין ווי גוטע פרײַנט, אָן קריגערײַ און אָן טאַרומעס איינער אפן צווייטן. גוט, וואָס ער האָט זיך ניט אָנגעצונדן און איז ניט ארויס פון די קיילים, ווען ס׳איז צו אים דערגאַן איר פאַרטראַכט. ער האָט, אים דוכט, זיך געהאַלטן געדולדיק. קימאַט ווי הילעל־האַזאָקן, בײַס די צוויי פּראָסטע יונגען זײַנען געגאַן אין געוועט, אַז זיי וועלן אים ארויספירן פון געדולד. איינער האָט הילעלן פאַרשאָטן מיט נארישע פראַגן, אָף וועלכע דער אַלטער האָט געלאַסן געענטפערט, און דער צווייטער איז אים באַפאַלן מיט זידלערײַען, מיט קלאָלעס אוכראָמעס; און געטײַנעט, אַז צוליב אים וועט ער פאַרלירן גאַנצע פיר הונדערט גילדן. האָט אים דער אַלטער געמיטלעך געענטפערט: „בעסער, מײַן זון, זאָלסטו פאַרלירן פיר הונדערט זוזים, איידער איך זאָל איינמאָל פאַרלירן מײַן געדולד״. ער, יויעל, איז אָבער ווײַט ניט אַזאַ סאָוולען[1], ווי אָט דער הילעל, האַגאַם ער האָט פעסט באַשטימט זיך מיט איר אופירן אַ סאַך אײַנגעהאַלטענער און מעיושעוודיקער.

אין דער זעלבער נאַכט זײַנען זיי ווידער געווען צוזאַמען. זי איז געקומען צו אים אין כיידער אים איבערבעטן. ער האָט זיך געלאָזט ריידן און איז געווען צו איר גוט און ליבלעך, ווי ביז דעם הײַנטיקן אויסברוך. און דערנאָך האָט זיך איר אַפילע געדוכט, אַז ער איז איצט מער גענייגט אויסצוהערן די רייד אירע וועגן דעם הייליקן יעזוס, וואָס איז געגאַן אפן קרייץ פאַר אונדזערע און פאַר אַלעמענס זינד, פאַר די זינד פון דער גאַנצער מענטשהײַט. ער האָט איר נאָר געזאָגט, אַז קיינער האָט יעזוסן ניט געבעטן, ער זאָל זײַן דער קאָרבן פאַר דער וועלטס כאַטאָיִם... און נאָך האָט ער געזאָגט: צו קליין איז דער קאָרבן פאַר אַזאַ באַרג מיט זינד פון אַ גאַנצער וועלט. אין ערעץ הוידו[2], דערציילט ער איר, שלאָגט מען זיך נאָך ביז הײַנט און מע פאַרגיסט טײַכן בלוט פאַר איין צאָן פון זייער מענטשן־גאָט, דעם בודאַ. די מוסולמענער רײַסן זיך נאָך אַלץ אַרום צווישן זיך שוין עטלעכע הונדערט יאָר פאַר דער פאָן און דער האַלבאָשע פון זייער נאָווי מוכאַמעד, און איר, קריסטן, האָט געמאַכט אַ הייליקײַט פונעם קרייץ, אָף וועלכן ער איז קלוימערשט...

— אָבער וועגן גאָטס זון האָבן דאָך פאָרויסגעזאָגט די נעוויִים! — לאָזט זי אים ניט דערזאָגן די אַפּיקאָרסעס זײַנע. זי געדענקט אָף אויסווייניק די פּסוקים באַם נאָווי יעשײַע: די בסולע וועט גיט נאָר טראָגעוודיק ווערן, נאָר אויך געבוירן; און באַ יעכעזקל דעם נאָווי — וועגן די טויערן פון דער הייליקײַט, וועלכע וועלן בלײַבן געשלאָסן און דורך וועלכע קיינער וועט ניט אַדורך, נאָר איינער, דער גאָט פון יִסראָעל. מיינט ער דאָך די הייליקע יונגפרוי מאַריִע, דורך וועמען ס׳האָט געדאַרפט קומען אָף דער ערד דער רעטער, דער מאָשיִעך אונדזערער, וואָס האָט געבראַכט מיט זיך גאָטס גנאָד פאַר דער מענטשהײַט.

יויעל האָט פאַרשטיקט אין זיך דעם געלעכטער. אין דער פינצטער האָט זי ניט געזען דעם ברייטן שמייכל אָף זײַן פּאָנעם. אין סאַלערנאָ האָט איינער פון די פרײַדענקערישע מעדיצינער געמאַכט אַ שפּאַס וועגן דעם אינגעווייד פון דער הייליקער מאַריִע, וואָס איז געגליכן געווען צו אַ שטייסל, אין וועלכן דער הייליקער גײַסט האָט געשפּילט די ראָל פונעם אייבערשטן פונעם שטייסל, און פון דעם געמיש פון גאָט און מענטש איז ארויסגעקומען דער הייליקער יעזוס. אַן אַנדערער האָט דערציילט וועגן אַ גײַסטלעכן, באַ וועמען מע האָט אַנומלטן געפרעגט: ווי קאָן מעגלעך זײַן די דרײַ־איינִיקײַט, — איין גאָט אין דרײַען? דער גײַסטלעכער האָט זיך ניט פאַרלאָרן און אָפּגעענטפערט: „האַלעמײַ אַ פּאָר הויזן? זיי האָבן דאָך אויך דרײַ לעכער, פונדעסטוועגן איז דאָס איין פּאָר פלודערן״.

יויעל האָט עס איר ניט איבערדערציילט. זי וועט דערפון ניט לאַכן. דאָס וועט זי גיכער באַליידיקן ווי פריילעך מאַכן, און ער וויל זי איצט ניט ערגערן. זי האָט שוין פאַרן הײַנטיקן טאָג איבערגעלעבט גענוג פאַרדראָס, אַנטוישונג און צעטראָטענע זעלבסטווירדע. זי איז געקומען צו אים צו לויפן ווי מיט אַ פאַרסאַמטן געוויסן. זי האָט זיך וויינענדיק פאַרענטפערט און אים ארומגענומען מיט אירע וואַרעמע הענט, געקושט מיט די פײַכטע ליפּן. איצט אויך דאָס זעלבע. צוזאַמען מיט די צערטלערײַען שמוגלט זי אַדורך די באַגײַסטערונג אירע, דעם עקסטאַז פאַר דעם, וואָס זי רעדט צו אים איצט. זי איז זיכער, אַז מיט די רייד פון די נעוויִים וועגן דער מעשיכישקײַט פון גאָטס זון האָט זי געטראָפן, ווי אין פינטל. דאָ האָט ער שוין ניט מיט וואָס אַנטקעגנצוקומען. זי איז אין אַזאַ היסלײַוועס פון איר ניצאָכן, אַז זי בייטיקט זיך שוין אַפילע ניט אין קיין סימען פון צושטימונג. זי רעדט אַלץ אַליין אי פאַר זיך, אי פאַר אים. יויעל האָט איר געמוזט איבערשלאָגן און אַ זאָג טאָן:

---

[1] געדולדיקער; [2] אינדיע.

— יאָ, גאָטס גנאָד... גאָטס זון... די נעוויִים האָבן פֿאָרויסגעזאָגט: ווען מאָשיִעך וועט קומען, וועט אָפּגעטאָן ווערן דאָס שלעכטס פֿון דער ערד. ס׳וועלן לאַכלוטן אויסגעמיטן ווערן מילכאָמעס און בלוט־פֿאַרגיסונגען. אָבער זינט איַיער מאָשיִעך, דער רעטער פֿון דער מענטשהייַט, איז געקומען, האָט מען זיך נאָך קיינמאָל אַזוי ניט געבאָדן אין בלוט, ווי איצט. נעם די קרייץ־צוגן... די קאַמפּסלוסטיקע בלוטגיריקע ריטער איַיערע...

— זיי זיַינען דאָך ניט קיין גיַיסטלעכע.

— ניט קיין גיַיסטלעכע, זיי זיַינען דאָך אָבער רעכטגלויביקע קריסטן! און די גיַיסטלעכע? צי ווייסטו וועגן צווייטן סינאָד, וועלכן מע האָט אָנגערופֿן „דער סינאָד פֿון די מערדער״? זיי האָבן מיט דער שווערד אין האַנט געצוווּנגען מענטשן צו ווערן קריסטן. דער בישאָף פֿון אַלעקסאַנדריִע קיריל האָט אַליין אָנגעפֿירט מיט דער האַריגע פֿון טויזנטער ייִדן, אין אַ שטאָט, וווּ זיי האָבן שוין געוווינט העכער זיבן הונדערט יאָר. צווישן אַ סאַך אַנדערע האָט מען אויך די טאָכטער פֿונעם געלערנטן גריך פּעאָן, — זי איז געווען די געליבטע פֿונעם פֿילאָסאָף אימאַטי, — אַראָפּגעשלעפּט פֿונעם ריַיטוואָגן, צעריסן אָף איר די קליידער און אַ האַלב־נאַקעטע געשטויסן אין קלויסטער אריַין. ווען דאָס זאָל זיַין גאָטס גנאָד און אַזאַ גליק פֿאַר די מענטשן, וואָלט מען דען געמוזט אָט דעם כעסעד איַינפֿירן מיט צוואַנג און מיט גוואַלד? עפּשער וואָלט אָן אָט דעם אומרעכט דאָס קריסטנטום איצט ניט געווען די הערשערן איבער פֿעלקער און לענדער און פֿאַרבליבן ניט מער ווי אַ זיטלעכע לערע, ווי אַ גלויבן באַ אַ קליינינקער איידע אָרעמע באַלמעלאָכעס און פֿישער פֿונעם באָרגיקן גאַליל? די דאָזיקע פּאָשעטע אויסגעמאַטערטע עוויוינים האָבן ניט מוירע געהאַט פֿאַרן טויט. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו אָנערקענען דעם וועלט־רעגירער, דעם רוימישן אימפּעראַטאָר, פֿאַרן הערשער איבער זייער לאַנד, איבער זייער אָרעם לעבן.

וועטוריען איז געפֿעלן געוואָרן דער געלאַסענער טאָן און די וואַרעמקיַיט, וואָס ס׳פּילט זיך איצט אין זיַינע ווערטער. דאָס רעדט ער דאָך אַזוי וועגן די ערשטע קריסטן. זי זאָגט עס אים. ער גלעט איר קאָפּ.

— דאָס רעד איך אַזוי וועגן די אומוויסנדיקע נאַיִווע ברידער מיַינע פֿון יענער אַלטער ציַיט. זיי האָבן זיך ניט פֿאָרגעשטעלט, אַז זייערער אָן אָנהענגער וועט אין זייער נאָמען זיך איצט קרוינען מיט אַזאַ כּתר מלכות[1], וואָס אַפֿילע קיין איינער פֿון די רוימישע אימפּעראַטאָרן האָט וועגן דעם ניט געטרוימט. ער וועט זיך באַצירן מיט אַ קראַנץ פֿון שטראַלן און וועט זיך אָנרופֿן „גאָטס פֿאַרטרעטער אָף דער ערד״, האַגאַם ער איז אַ פּאָשעטער באַסערוועדאָם, אַזאַ, ווי דו, ווי איך. און ווי דער פּריַינט אונדזערער, דער בריט, דערציילט, איז ער אַפֿילע אַ גאַנץ געמיינער נעפֿעש, מיט די אַלע שלעכטע מידעס, וואָס סע פֿאַרמאָגט אַן אינטריגאַן, אַ טיראַן...

זי האָט אים צוגעמאַכט דאָס מויל מיט דער האַנט און ניט געלאָזט וויַיטער ריידן. נו, מיט מיכאיִל סקאָטן האָט וועטוריע געהאַט אַ רייד באַזונדער. זי האָט זיך אָפּט געקריגט מיט אים פֿאַרן קאָוועד פֿונעם הייליקן פֿאָטער, דעם פּויפּסט: וויִאַזוי קאָן מען זיך אויסדריקן מיט אַזעלכע ווערטער וועגן גאָטס פֿאַרטרעטער אָף דער ערד? און דאָס זאָגט ער, אַליין אַ קריסט, — איז וואָס זאָלן שוין זאָגן די סאָנים פֿון דער קריסטלעכער קירך, די אַלע אומגלויביקע? און אַזאַ, ווי יוליִאַן?..

און איינמאָל, ווען זי האָט אַזוי גערעדט מיטן ענגלענדער וועגן די אומגלויביקע און דער שמועס איז אַרופֿ אָף יוליִאַנען, האָט זי זיך מיטאַמאָל צעוויינט. מיכאיִל סקאָט איז געבליבן זיצן אָן אָפּהענטיקער, ער האָט זי געוואָלט באַרויִקן, איבעריידן, אָבער ער איז גאָר געוואָרן צעטומלט, בייס זי האָט מיט טרערן אין די אויגן גענומען זיך אַראָפּריידן פֿאַר אים פֿון האַרצן וועגן דעם, אַז ענדלעך וועט זי זיך מוזן צעשיידן מיט יויעלן, און אַז זי וועט דערפֿון שטאַרק ליַידן, וויַיל ער איז איר נאָענט און זי האָט אים ליב. האָט זי געשלונגען די טרערן און זיך מוידע געווען: זי וואָלט מיט יויעלן אַוועק הינטער די האָריי־כווישעך, ווען ער זאָל וועלן אַריבערגיין צום ריכטיקן גלויבן. זי וואָלט מיט פֿרייד אָנגענומען אָט דעם דערנער־וועג, דעם שאָפּעלן וועג פֿון געפּאַלנקיַיט, דערנידעריקונג און כאַרפּע. זי ווייסט, אַלע וואָלטן זיך פֿון איר אָפּגעשאָקלט. מע וואָלט זי עפּשער געראַדעפֿט, פֿאַרשאָלטן מיט טויטע קלאָלעס. נאָר זי איז גרייט אָנטאָן אָף זיך די מאַרטירער־קרוין, זיַין פֿאַרטריבן פֿון דער היים, זיך אָפּזאָגן פֿון אַלץ און אַלעמען...

דער ענגלענדער האָט ניט געקענט עפֿענען דאָס מויל. ס׳האָט אין אים געברענט אַ פֿיַיער. מיט אייפֿערזוכט און קינע האָט ער איצט געטראַכט וועגן יויעלן. אים האָט ניט אַזוי געאַרט

[1] קעסער מאַלכוס — קיניגלעכע קרוין.

זײַן אייגענער דאלעס, ווי יענעמס אשירעס. וועטוריע איז געווען דער ניט־דערגרייכבארער טרוים זײַנער, דער בארג־שפּיץ, צו וועלכן ער האָט שטענדיק געקוקט אַף אַרוף. ער האָט באהאלטן געשטיקט אין זיך די טײַווע, די אומייגנגוציקע געהענעם־ליבע, וואָס האָט אין אים געסארפּעט. דאָס געגועים[1]־געפיל האָט בא אים נאָר געדינט אַף זי צו באוווּנדערן און פאַרגעטערן. און דאָ... מאמעש א הימל־געשריי! אָט די שטאָלץ־נאָבעלע הויכגעשטעלטע סעניאָרין פון גרעסטן אדל שלאָגט זיך אָן, אז א ייִכעסלאָזער עסקולאָפּ זאָל איר דורכלויכט געבן זײַן יאָ־וואָרט!

ער איז דערשטוינט און פארלוירן. דערצו עסט אים נאָך דאָס ווערעמל פון כשאד אין זייער פיזישער נאָענטקײַט. ער געפינט איצט סימאָנים, פארדעכטיקע באווײַזן, וואָס זאָגן איידעס, אז אזוינס האָט שוין פון לאנג געקאָנט פאָרקומען. ער האָט עס באַשײַמפּערלעך געקאָנט זען און פארשטיין פאר אזא לאנגער צײַט פון זייערביידנס צוזאמען־זײַן. עפּשער ציִען זיך נאָך די פעדעם פון סאלערנאָ?

ער כאפּט א בליק אַף דער פארוויינטער וועטוריען. איר האלב־ליגן מיט די פּיס אַף דער באנק, דאָס וויקלען זיך אינעם געבלימלטן טוך אַף די אקסל מאכט איר אויסזען נאָך פאַרוּמערטער און אזוי אומבאהאָלפן־אומגליקלעך. און מעגלעך... אז אָט די אײַנגעהילטקײַט פארדעקט נאָך א גרעסערן סאָד? א סאָד, וואָס באהאלט זיך אויס אונטער די פאלדן פונעם זײַדנס... דערפון נעמט זיך אויך געוויס די פארצווייפלונג אירע. ער האָט זיך געריכט דעם גאנצן עמעס דערגיין בא יויעלן.

בא דער ערשטער באגעגעניש זייערער האָט ער יויעלן געגעבן אָנצוהערן, אז ער ווייסט וועגן אלץ. ער איז דער ערשטער, און דערווײַל דער איינציקער, וועמען וועטוריע האָט זיך פארטרויט. ער רעדט מיט אים, ווי ער וואָלט גענומען אַף זיך די ראָל פון א שאָליש[2]. דאָס איז ווײַט ניט קיין לײַכטע מיסיע זיך פאנאנדערקלײַבן אינעם געפילן־געפלאָנטער פון אזא פּאָר, ווי זייביידע. און דאָך...

— אין אזא פאל דאַרף מען, דוכט זיך, האָבן די האסקאָמע אויך פונעם צווייטן צאד, — האָט אים יויעל ניט געלאָזט דערעדן.

— דו האָסט עפּעס קעגן מיר, יויעל? מיר זײַנען, דוכט זיך, גוטעפרײַנט?

— ניין, איך האָב גאָרניט קעגן דיר... אלס א שאָליש, — האָט יויעל זיך אָפּגעקערט פון אים און גענומען שפּאנען אין דער לענג פון צימער. סקאָט האָט געשוויגן.

— איך פארשטיי, אז דער גאנצער אָפּהאלט איז אינעם גלויבן, — האָט ער נאָך א לענגערער ווײַלע גענומען רעדן ווי צו זיך אליין. ער איז געווען אײַנגעהאלטן, קאַרג אַף ווערטער. דאָך האָט ער אונטערגעטראָגן דעם געדאנק זײַנעם גאנץ בוילעט און קלאָר, — בא מיר, צום בײַשפּיל, וואָלט עס א קליינע ראָליע געשפּילט, דער אלטער צי דער נײַער גלויבן. מיר זײַנען דאָך מיט דיר פאָרגעשריטענע מענטשן.

יויעלן האָט עס אופגעקאָכט, ס'איז אים שווער געווען זיך צוריקצוהאלטן, און ער האָט היציק גענומען ריידן:

— אָט די פארטרעטער פון די נײַע גלויבנס קומען מיר פאָר, ווי ראָצכישע כאווריַיעס. אין איין פאל אָבער זײַנען זיי נאָך ערגער פון די גאזלאָנים. דער גאזלען רויבט און הארגעט און זוכט ניט קיין זכוס־אָוועס. ער בארעכטיקט זיך ניט, אז ער טוט א גאָט־זאך, א הייליקע טאט. אָבער אָט די אלע מינים קריסטן, ווי נאָר זיי זײַנען געוואָרן די הערשער, האָבן זיי גענומען פארניכטן די געצנדינער דערפאר, וואָס יענע גלייבן ניט אינעם רעטער. די מוסולמענער הארגענען קריסטן דערפאר, וואָס זיי גלייבן יאָ אינעם רעטער, און ניט אין זייער נאָווי מוכאמעד. די קריסטן ווידער קעמפן מיט די מוסולמענער דערפאר, וואָס זיי גלייבן אינעם נײַעם נאָווי. די קאטויליקן זײַנען גרייט אײַנשלינגען ביזאנץ, ווײַל זי אנערקענט ניט דעם פויפּסט אלס גאָטס פארטרעטער אַף דער ערד... און דער פויפּסט? ער וואָלט מיט פײַער און שווערד פארטיליקט די אלע, וואָס פּרוּוון אין אים ווידערשפּעניקן, וואָס ווילן זיך אָפּווענדן פון דער רוימישער קירך!

— וועגן פויפּסט דארפסטו מיר ניט דערציילן, — האָט סקאָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, — דו ווייסט אליין, ווי איך האָב זיך קוים ארויסגעריסן פון זײַנע הענט.

— און די אלע איבעריקע? — איז יויעל ניט אָפּגעשטאנען פון אים. — אפילע ווען איך זאָל ניט זײַן דער, וואָס איך בין, ווען איך זאָל זײַן א ווילדער געצנדינער, וואָלט איך אויך קיינמאָל ניט צוגעשטאנען צו די פארגוואלטיקער און באצווינגער.

---

[1] גאַאַגוים — בענקשאַפט; [2] אַרביטער.

— אָט אַזוי איז מיט אַלע גלויבנס... — האָט סקאָט מיט אַ האַלב מויל אַרויסגעשטאַמלט, נאָך אַלץ ניט אופגעהויבן דעם קאָפּ. — ווען דער יעזוס זאָל קאָנען אופשטיין טכ׳עס־האַמייסים און אַ קוק טאָן, ווי מע האָט פאַרקריפּלט זײַן לערע...

— „זײַן לערע״... — האָט אים יויעל נאָכגעקרימט, צעצי׳ענדיק דאָס וואָרט „לערע״. — וועטוריען וואָלט איך עס ניט געזאָגט, מיט דיר אָבער קאָן איך רעדן אָפן. ער איז מיר איבלדיק־דערווידער, דער רעטער אײַערער פון דער מענטשהײַט, מיט זײַן גאַנצער אופירונג, מיט דער האַכנאָעדיקײַט פאַרן הענקער, מיט זײַן קוויקן זיך מיט די ליידן, דאָס בייגן דעם קאָפּ פאַר די פרעמדע באַדריקער און אָפּשפּעטער, קושן דעם שטעקן, וואָס שלאָגט דיך, און נאָך פריידיקן מעכילע און ליבע צו די אַלע, וואָס טוען דיר שלעכטס! ניט קעגנשטעלן זיך, ניט פײַנט האָבן, נאָר אונטערטעניק זײַן, בעטן ראַכמים, ליב האָבן דעם פײַנט דײַנעם.

דער ענגלענדער האָט זיך אַלץ ניט אונטערגעגעבן, באַזונדערס נאָך צוליב דעם, וואָס וועטוריע איז נאָרוואָס אַרײַנגעקומען און האָט זיך שטיל צוגעזעצט אָן אַ זײַט. דאָס האָט אים ווי דערמוטיקט.

יויעל האָט זיך צוריקגעהאַלטן. ניט איצט איז דער מאָמענט אָף אָפּצושלאָגן אַזאַ געמיינע פרעכהײַט. ער וועט עס אים נאָך דערמאָנען. איצט האָט ער זיך געמאַכט קעלוי־יאָדע און האָט גערעדט צו אים, ווי דורך אַ זײַדן טיכל.

— ס׳האָט נאָך קיינמאָל אַזוי ווי איצט ניט געהערשט אַזאַ ביי׳זוויליקײַט און סינע פון מענטש צו מענטש, — האָט יויעל געזאָגט. — יעזוס האָט געלערנט וועגן אָרעם און רײַך, און ס׳האָט נאָך קיינמאָל אַזאַ אומרעכט ניט געוועלטיקט צווישן מענטשן פון פאַרשיידענעם שטאַנד. דער לײַבייגענער איז דער זעלבער קנעכט, ווי אין די רוימישע צײַטן, און מע טאָר עס אַפילע ניט דערמאָנען. די נעוויִים אין זייער צײַט האָבן טאָג און נאַכט גערעדט וועגן גערעכטיקײַט און וועגן דעם ווילקיר פון די רײַכע, הײַנט אָבער הערט מען עפּעס ניט, אַז עמעצער פון די גײַסטלעכע זאָל זיך אָנעמען פאַרן אָרעמען פאָלק.

— אין די קלויסטערס איז ניטאָ קיין אָרעם און רײַך, דאָרט זײַנען אַלע גלײַך! — איז וועטוריע אופגעשפרונגען.

— כ׳ווייס ניט, וואָס ס׳טוט זיך הינטער די מאָנאַסטירישע ווענט, — האָט יויעל געזאָגט, — איך פאַרשטיי אָבער, אַז דאָס אָרעמע אויסזען פון די ברידער און שוועסטער — די אינאָקן איז ניט מער, ווי אַ שילד. ווײַל ווו קומען אַהין די רײַכע אויצרעס, וואָס ס׳ברענגען אַרײַן די פילצאָליקע מאַטאָנעס און ירושעס? די אַבאַטן זײַנען ניט קיין איבערקלײַבער אין מיטלען אָף צו פאַרגרעסערן זייער אשירעס. זיי קאָנען באַנוצן האַכנאָע און כניפע פּונקט אַזוי גוט, ווי גוואַלדטאַטן. זיי זאָגן זיך אַפילע ניט אָפּ פון רײַכטימער, וואָס געהערן צו אַנדערשגלויביקע.

ער האָט איצט צוריקגעפונען דעם געדאַנק, וואָס ער האָט פון סאַמע אָנהייב געוואָלט אַרויסברענגען, נאָר וועטוריע הערט אים שוין ניט. זי האָט זיך פאַרטרוימט וועגן דער שטילער רוּיִקײַט אין די קלויסטער־צעלן, וועגן דער ריינקײַט און הייליקײַט פון די, וואָס געפינען זיך דאָרט. זי האָט דורכגעלאָזט ווי דורך אַ טויבער וואַנט יויעלס רייד וועגן די אַבאַטן. זי איז נאָך אַלץ פאַרכושט, און ס׳דערגייען צו איר ניט זײַנע כאָלעם־ווי׳זיעס וועגן דער צײַט, ווען ס׳וועלן פאַרשווינדן די אַלע פאַלשע פּריסטער און ווען די קירכן־גלאָקן וועלן שטום בלײַבן, פּונקט ווי די מיצרישע ספינקסן. די הויך־געבויטע קאַטעדראַלעס און די רײַכע טעמפּלען וועלן, ווי איצט די פּיראַמידעס, שטיין פאַרוואָרלאָזט, עלנט, און קיינער וועט אין זיי ניט אַרײַנגיין. ווײַל סאָפּקאָלסאָף וועט אַמאָל קומען די גערעכטיקײַט פאַר אַלעמען גלײַך — פאַרן פּראָסטן פאָלק, ווי פאַר די סראָרעס, פאַר די קליינע, ווי פאַר די גרויסע פעלקער.

וועטוריעס צאַד, דער ענגלענדער, האָט אָנגעווירן דעם גלויבן, אַז יויעל וועט זיך לאָזן בייגן. דאָס האָט אים אין אַ געווי׳סער מאָס צופרידנגעשטעלט. ס׳וואָלט פאַר אים געווען אַ קאַטאַסטראָפע, ווען ער ווערט מיטאַמאָל אָן דעם הערצאָגס שלאָס, וועטוריען, אַזאַ ווי זי איז, און אַפילע יויעלן. ס׳וואָלט אים אומגעהייער ווײ געטאָן דאָס פאַרשווינדן זייערס צוזאַמען. ער האָט צו יויעלן גאָרנישט ניט. פאַרקערט — ס׳איז מיט אים אַ פאַרגעניגן האָבן אַ מאַגע־מאַסע, דיספּוטירן, אַרומרעדן און באַטראַכטן קאָלערליי איניאָנים, זיך אַמפּערן. ער איז אים נאָענט מיט אַלע זײַנע פעלערן און ווידערשפּרוכן. אַלץ אין אָט דעם מענטשן, דער גאַנצער טאָך זײַנער איז אים ניכע, אַכוץ, פאַרשטייט זיך, זײַן צויבער־קראַפט איבער וועטוריען. מיט דעם קאָן ער בעשום־אויפן ניט שאָלעם מאַכן. האַגאַם ער גופע האָט אָף איר קיינמאָל, ביפראַט נאָך איצט, קיין שום אויסזיכטן ניט געהאַט, דאָך קאָן ער פאַרדאַנען ניט אוועקפאָרן, ביז ס׳וועט ניט קלאָר ווערן, מיט וואָס די שפּיל וועט זיך ענדיקן. שוין עטלעכע טעג, אַז דער גנעדיקער גראַף ראָזשער מיט זײַן סוויטע האָבן פאַרלאָזט דעם שלאָס, און ער איי־

נער איז דאָ נאָך פאַרבליבן אױף צו פאַרברענגען מיט זײַנע יונגע פרײַנט אין געלערנטע װיקוכים. אַזױ, אַלנפאַלס, האָט עס געהײסן פאַר די אַרומיקע.

װעטוריע האָט זיך שױן, אפֿשר, אױך צוגעװױנט צום געדאַנק, אַז די צעשײדונג איז אומפאַרמײַדלעך. נאָר זי האָט זיך נאָך ניט אײַנגעגעבן באַפֿרײַען פֿון איר געפֿאַלנקײט באַ זיך. דערהױפּט פון זינט יוליעל האָט זיך אָנגעהױבן גרײטן אין װעג אַרײַן. דער טאָג, װען ער האָט דאָס ערשטע מאָל א רעד געטאָן װעגן אָפּפֿאָר, האָט זיך מיט גאָרנישט ניט אונטערגע־שײדט פֿון אַן אַנדער ענלעכן טאָג. זי האָט מיט דעם זעלבן באַװאָלטן אױסזען אים שפּעט אין דער נאַכט געװונשן צו זיך, אים אַדורכגעפֿירט באַהאַלטענערהײט דורך די פֿינצטערע כאַ־דאָרים ביז צו איר שלאָפֿצימער. דאָרט איז אַלץ װי ביז איצט. דער טיש איז װי שטענדיק געװען געגרײט מיט זײערע באַליבטע מײַכאָלים. זײ האָבן די געשמאַקע עסנס פֿאַרטרונקען מיט װײַן, און דאָס שװײַגן זײערס, דער געדריקטער געמיט אױף די געזיכטער, די זיך טוקנ־דיקע ליכט־פֿלעמלעך און די געהײמע שאָטנס אױף די װענט האָבן װעטוריען דערמאָנט דעם לעצטן אָװנטברױט אין דער הײליקער נאַכט, װען גאָטס זון האָט זיך געזעגנט מיט זײַנע טאַלמידים ערעװ דעם גײן אױפֿן קרײץ.

זי האָט אַלײן צונישט געמאַכט די גאַנצע פֿײַערלעכקײט, װען זי האָט אים מיטאַמאָל געװונען צערטלען און האַלדזן. א געמיט־קראַנקע, האָט זי זיך מיט האַרצקלאַפּעניש צוגע־דריקט צו אים. זי האָט שױן דעם װאַסערפֿירער אין די אױגן, באַלד װעלן א שטראָם טאָן די טרערן. יוליעל האָט מיט זײַנע ליפּן צוגעמאַכט אײן אױג אירס, דאָס צװײטע. נאָכדעם האָט ער זי אױפֿגעהױבן אױף די הענט צוצוטראָגן צום געלעגער. אירע פֿאַרקלאַמערטע אָרעמס אַרום זײַן האַלדז זײַנען שלאַבעריק געװאָרן. זי איז מיטאַמאָל אַראָפּגעשפּרונגען פֿון אים און האָט האַסטיק געװונען אַראָפּװאַרפֿן פֿון זיך די קלײדער. ער איז שטײן געבליבן באַם ראַנד בעט, הינטערן באַלדאַכין. זי האָט זיך פֿאַרוקט אין װינקל, און װי נאָר ער האָט געפּרוּװט זיך א זעץ טאָן אױפֿן בעט־לײַסטל, האָט זיך באַ איר אַרױסגעריסן א געשרײ:

— גײ ניט צו!

זי האָט זיך א כאַפּ געטאָן פֿאַרן האַרצן, װי בײַס א שװערן נעשאָמע־קלעם. דערנאָך האָט זי מיט א נידערגעשלאָגענער שטים קױם אַרױסגעפּליסטערט:

— איך קען איצט ניט, יוליאַן...

די אױגן זײַנען באַ איר געװען לאַכלוטן טרוקן און דאָס קאָל אירס אײַנגאַנצן א געענ־דערטס. א פֿרעמד־װײַטע שטים רעדט צו אים, און ער קאָן ניט באַנעמען: צי האָט ער פֿון איר װען געהערט אַזעלכע האַרט־קאַלטע רײד? זײַנע גוטע און האַרציקע װערטער, מיט װעלכע ער איז זיך פֿאַר איר מיסנאַצל[1], װירקן אױף איר ניט. ער פּרוּװט איר העלפֿן באַזיניקן דעם מוח, װעלכן זײ זײַנען בײדע גלײַך געצװוּנגען זיך אונטערגעבן. דער מוח, װאָס שײדט זײ פֿאַנאַנדער... נאָר זי לאָזט אים קײן סאַך ניט רעדן.

...שױן פֿון יענער זײַט טיר, װען ער איז אַריבערגעטראָטן די שװעל אױף צו פֿאַרלאָזן איר שלאָפֿצימער, האָט זי אים א קאַלטן קוש געטאָן אין שטערן, װי מע טוט עס מיט א מעס, אױף אָפּצוגעבן דעם לעצטן כיװוד. זי האָט אים ניט נאָכגעבאַגלײט װי שטענדיק דורך די פֿינצ־טערע כאַדאָרים ביזן דרױסן אַרױס. זי האָט, װי נאָר ער האָט זיך אױסגעקערעװעט, שטיל צוגעמאַכט הינטער אים די טיר, און איז אײנע אַלײן געבליבן מיט די דערשטיקטע פֿאַר־לאַנגען, װאָס זי האָט נאָרװאָס מיט אַזאַ גװאַלד זיך אָפּגעטרײסלט פֿון זײ. אָט דאָ איז ער פֿאַר איר געשטאַנען שלאַנק און שײן װי א צעדער, און בײסן שטאַרקסטן באַגער, װען זי איז מיט אַלע אירע אײװורים געלעגן אין גלי, האָט איר אײן קאָפּ א שלאָג געטאָן: סאַראַ בעשוט־פֿעסדיקער גוירל באַ איר מיט דער מוטער! װער קאָן זאָגן, װעמעס גוירל איז ביטערער? די מאַמע איז אָפּגעשטױסן געװאָרן פֿונעם אײגענעם מאַן, מיט װעלכן זי האָט א פֿאַמיליע גע־שאַפֿן, קינדער געהאַט. און זי? װאָס האָט זי געהאַט פֿון יוליעלן, אױסער לײדן?.. אױסער דעם פּײַן פֿונעם געװױסן, דעם פֿאַרבאַהאַלטענעם בױשעס־פּאָנעם[2] און דעם שטענדיקן שולד־געפֿיל? בלױז א קלײן ביסעלע זיסן פּײַן...

אָט אַזאַ איז דער קלאָגװירדיקער שיקזאַל פֿון דער פֿרױ, די נאַריש־פֿאַלשע לאַגע אירע: מע באַזינגט זי מיט די שענסטע לױבגעזאַנגען. די ריטער בײגן פֿאַר איר די קני. די טרובאַ־דורן דערהײבן זי ביזן הימל, און אײנדערעמעסן װערט דאָך אַפֿילע די קיניגין פֿונעם פֿראַנקן־לאַנד, די אומגליקלעכע אײנגעבאָרג, אַזױ געטראָטן מיט די פֿיס דורך איר אײגענעם מאַן — דעם קיניג פֿיליפּ אױגוסט. הײַנט װאָס װערט שױן געטאָן דורך די, װאָס פֿון א נידעריקן ראַנג? שױן אָפּגערעדט פֿון דעם, װאָס ס׳טוט זיך באַם פּאַשעטן פֿאָלק.

[1] פֿאַרענטפֿערט זיך; [2] בושע.

אף מאָרגן פרי איז יויעל געווען בא דער הערצאָגין — וועטוריעס מוטער. פאַרן אוועק־פאָרן איז ער בא איר טאָגטעגלעך, און אָפּט א צווייטן מאָל אין טאָג, קעדיי אײַנצושטודירן מיט די פלעגערנס די הייל־מיטלען, וואָס דאַרפן ניט דערלאָזן די הערצאָגין בעלאַדאָנע אַרײַנ־פאַלן אין איר פּרײַערדיקן צושטאַנד. פון דאָרט איז ער אוועק צו וועטוריען. הינטער דער טיר פון איר גאַסטצימער האָט ער דערהערט איר געזאַנג. ער האָט געמיינט, דאָס זינגט זי אַזוי די פרימאָרגן־טפילע צי עפּעס א טרויעריקן פּסאַלם. נאָר ער האָט דערהערט די ווערטער פון א קאַנצאָנע־ליד, וואָס די טרוּווערן האָבן געבראַכט אַהער, און איצט זינגען עס אַלע מיידלעך פון דעם הויף.

זאָל איך זײַן א נאָנע־שוועסטער?
יאָ, אָדער ניין...
זאָל איך זײַן א נאָנע־שוועסטער?
איך מיין, אַז בעסער ניין...

דערנאָך גייט א סטראָפע, ווי שיין ס'זינגט דער נאַכטיגאַל, נאָר צום באַדויערן —

ניט פאַר דער אַלמאָנע,
וועלכע לעבט אַליין,
זײַנע קלאַנגען וואַרעמע
שענקט ער איר ניט, ניין.

ער הערט זיך אײַן אין וועטוריעס זיס־טרויעריק קאָל, און ניט אַרויסברענגענדיק די ווערטער אף די ליפּן, זינגט ער מיט איר מיט:

ביימער אומגעוואַלגערטע
בליִען שוין ניט מער,
ווען דער ליבער וואַרפט אוועק —
זײַן אַליין איז שווער.
צעשפּילט זיך איצט אין האַרץ בא מיר
פון טיפן ווײַ א קוואַל,
ניט פאַר מיר די האַרציקע
ליד פון נאַכטיגאַל.

אָן איבערגעפּולטער מיט ראַכמים־געפילן און מיט שולד־מאַכשאָוועס, האָט ער שטיל געעפנט די טיר. ער האָט געוואַרט טרעפן וועטוריען אַזא, ווי ער האָט זי נעכטן איבערגע־לאָזט — א דערשלאָגן־פאַרקראַמפּטע, א פאַרביטערטע. האָט זי אים גראַד באַגעגנט מיט א באַזונדערן פרימאָרגן־שמייכל, ווי אין די טעג פון זייער ערשטער באַהעפטונג. די צעהעלט־קייט איז אָבער באַלד צעשוווּמען געוואָרן, ווי נאָר זי האָט אַרופגעלייגט די האַנט אף זײַן אַקסל, אים אַרײַנגעקוקט אין די אויגן און קאַלט און טרוקן אים צו וויסן געגעבן, אַז זי האָט אויך באַשטימט זיך צעשיידן ניט נאָר מיט אים, נאָר אויך מיט אָט דעם אומגעלומפּערטן הוועל־האוואַלעמדיקן לעבן.

זי האָט דערזען, ווי ער איז טויט־בלאַס געוואָרן, זײַנע ליפּן האָבן א ציטער געטאָן, און ער האָט ניט געקאָנט קיין וואָרט פון מויל אַרויסברענגען. האָט זי זיך טייקעף געכאַפּט פאַריכטן:

— שרעק זיך ניט, יוליאַן. דאָס מיין איך זיך צו צעשיידן מיטן ביליק־נאַרישן וועלטלעכן לעבן...

זי האָט בא זיך פעסט אָפּגעמאַכט ווערן א קלויסטער־שוועסטער, אַן אָרעמע אינאָקן, ביז גאָט וועט בא איר צונעמען די זינדיקע נעשאָמע.

דאָס האָט אים אויך גאַנץ געוווּג געפּלעפט. נאָר פון דערפון איז ער לעכאַלהאַפּאַכעס באַ־וואָרנט, אַז ער וועט ניט הייסן קיין הוירעג־נעפעש[1]. ווי נאָר ער איז א ביסל צו־זיך געקומען, האָט ער זי גענומען אָפּרעדן פון אָט דעם ווילדן געדאַנק. ער האָט געטײַנעט צו איר מיט גוטן און מיט בייזן, האָט זי אויסגעלאַכט, זיך געבעטן בא איר. אָבער זי האָט זיך געהאַלטן בא אירס:

— מיר זײַנען מיט דיר ביידע געוווּג זינדיק, יוליאַן! לאָז מיך לײַדן פאַר מײַנע און פאַר דײַנע זינד. אַזוי ווי אונדזער רעטער, גאָטס זון, האָט געהייסן.

„ליידן... — האָט יויעל פאַר זיך געטראַכט. — ליידן און זינד, אף וועלכע מע קאָן פאַר א שיבעש באַקומען מעכילע... וואָס פאַר א ווערט האָט שוין דאָס ריין זײַן פון זינד, ווען

[1] מערדער.

דער מענטש ווייסט, אַז מע איז זיי אים גלײַך מעכאַפּער[1], ווי נאָר ער ווערט זיך מיסוואַדע זײַן? דעמלט איז שוין גאָרניט שווער צו טראָגן אַף זיך אַ גאַנצן באַרג מיט כאַטאָים. דעמלט איז שוין ניטאָ וואָס מוירע צו האָבן פּאַרזונקען ווערן אין אווייִרעס... זי מיינט מיט די ליידן זיך ריינוואַשן פונעם זינדיקן מיט אים, אַן אַנדערשגלויביקן, און דערמיט וויל זי אָפּקומען סײַ אַף דער־וועלט און סײַ אַף יענער־וועלט"...

איר זאָגט ער עס ניט. מיט איר רעדט ער צאַרט־ווייכע דיבורים, ווי מיט אַ קינד, וואָס האַלט באַם אָפּטאָן אַ נאַרישקײַט.

— איך ווייס, אַז דו קאָנסט לײַדן, וועטוריע, — האָט זיך פון זײַן פּאָנעם ניט אָפּגענומען דער באַדויערנדיקער אויסדרוק, — דו האָסט פיל געליטן פאַר דײַן יונג לעבן... די מוטער... און נאָך פּריִער... אויך איצט. לײַדן איז אַ גוטע אייגנשאַפט. אָבער דאָס לעבן איז צו קורץ אַף זיך אָפּגעבן מיט הוילע ליידן, און דו האָסט נאָך אַזוי ווייניק געלעבט, וועטוריע...

ער גלעט איר קאָפּ באַם לענגלעכן שרונט פון די געדיכטע באַגילדעטע האָר. זי קוקט מיט ליבע אַף אים, און די שטים אירע איז נאָך אַלץ קאַלט און ניכטער.

— דו ווייסט וועגן פּריִער? אין סאַלערנאָ? דאָס מיינסטו דעם גראַף אַמאַרי דע אַמיציוס? ער איז גערעכט געווען. ער האָט מיך ווירקלעך ליב געהאַט. ער האָט מיר נאָך דעמלט גע־זאָגט: לאָמיר זיך ביידע אָפּגעבן צו גאָט, וועטוריע. איך האָב איצט כאַראָטע, וואָס איך האָב אים ניט געפאָלגט.

— וואָלסטו מיך ניט געקענט... נאָר אויב דו האָסט כאַראָטע און ס'טוט דיר באַנק... אונדזער דערנענטערונג... — ער האָט ניט געוואָלט צוגעבן: „ניט איך בין דער שולדיקער דערין", נאָר ער האָט אַזוי צעצויגן און מיט אַזאַ פאַרזיכט געציילט די ווערטער, אַז זי האָט אים פאַרשטאַנען און אים נאָכגערעדט אין זײַן טאָן:

— ס'טוט מיר ניט באַנק, יוליאַן. איך בין דיר אַפילע דאַנקבאַר דערפאַר.

און מיט צוגעמאַכטע אויגן האָט זי גענומען דערציילן וועגן איר וווּנדערבאַרן כאָלעם, ווי זי איז באַהערשט געוואָרן פון אַן איליוזיע, וואָס האָט געענדערט און פאַרזיסט איר לעבן. מיט אָט דער איליוזיע וואָלט זי געקאָנט אַדורכברעכן די אַלע שטרויכלונגען, אַלץ איבער־טראָגן, און אַלע אירע יאָרן, ביזן לעצטן אָטעמצוג, אַדורכגיין מיט אָט דעם שיינעם טרוים. ס'איז נאָר שלעכט, וואָס אין אָט אַזאַ צושטאַנד זעט מען ניט די זאַכן ווי זיי זײַנען אין דער ווירקלעכקײַט. מע נאַרט זיך אַליין אָפּ, און די דערוואַכונג, דער ביטערער סאָף, פאַרזאַמט ניט צו קומען...

דרײַ רײַטעריִער זײַנען געבליבן פון דרויסן, פאַר די מיט אײַזן־פאַרקאָוועטע מאָנאַסטיר־טויערן, וועלכע מע האָט נאָרוואָס אַזוי פעסט פאַריגלט. פון יענער זײַט טויער איז געבליבן וועטוריע. נאָך אַ ווײַלע אָפּוואָרטן האָבן די רײַטעריִער זיך געלאָזט מיטן צוריקוועג. דאָס זײַ־נען געווען יויעל מיט מיכאַיִל סקאָטן, און אַף אַ מעהאַלעך פון זיי איז געריטן טאַנכום. יויעל האָט מיט אַ זיפץ זיך אַ ווענד געטאָן צום ענגלענדער:

— ווײַ, וואָס ס'האָט אָנגעמאַכט אָט דער נאַרישער צופאַל!.. און אַלץ צוליב אַ יונגפרוי, וואָס האָט פאַרלוירן איר אומשולד...

דאָס צווייטע קאַפּיטל

אַף די געשטרויכלטע וועגן פון רוים

דער בייסהאַקיסע־צימער איז הויל און קליין, און די וועלט איז אַזוי ראַכוועסדיק און גרויס, אַזויפיל לענדער און פעלקער זײַנען נאָך פאַראַן, וועלכע ווילן ניט ויסן פונעם ריכ־טיקן גלויבן און פון אים, גאָטס פאַרטרעטער אַף דער ערד — דעם הייליקן פויפּסט אינאָקענ־טיוס דעם דריטן.

דאָרט, אינעם אַאודיִענץ־זאַל, וואַרט אַף אים דער קרוינפּרינץ אַלעקסיס, דער זון פונעם ביזאַנטישן אימפּעראַטאָר איסאַק ענגל, באַ וועמען דער אייגענער ברודער האָט צוגערויבט די קרוין, דערצו נאָך אים אויסגעשטאָכן די אויגן און אַליין פאַרנומען זײַן אָרט אַפן טראָן.

[1] מ'איז אים מויכל.

דער דאָזיקער פארכאפער, דער אוזורפאטאָר, דער פאלשער קייסער, האָט אפילע הערן ניט געוואָלט וועגן אן אוניע[1] מיט דער רוימישער קירך. איצט אָבער וועט מען בא זײַן ברודערס זון, באם עמעסדיקן יורעש, אויספּויעלן שוין ניט קיין אוניע, נאָר די פולסטע אונ־טערטעניקײַט פון די סכיזמאטיקער[2]. די גריכישע קירך דארף זײַן פולקאָם אונטערגעוואָרפן דער רוימישער. דאָס ביזאנטישע קיניגרײַך דארף באנאנד מיט די מײַרעוו־פעלקער ניט קארגן קיין געלט און קיין קרייצטרעגער אף צו פארכאפן דאָס הייליקע לאנד און אף אייביק פאר־טרײַבן פון דאָרט די סאראצינער[3]. געבענטשט זאָל זײַן יענער שיפסקאפיטאן פון פיזע, וואָס האָט באוויזן ארויסצובאקומען פון הינטער די גראטעס דעם טראָנפאָלגער, אים איבער־טאָן אין לאטײַנישע קליידער און מיט די זעגלען פון זײַן שיף פארווישן די שפורן פונעם אנטלאָפענעם. איצט וועט מיט גאָטס הילף צוריקגעשטעלט ווערן די גערעכטיקײַט. קאָנסטאנ־טינאָפּאָל וועט ווידער באקומען איר געזעצלעכן הערשער — דעם יונגן קייסער אלעקסיס. מע דארף נאָך דערצו אָנשטעלן דעם שוואָגער זײַנעם, דעם דײַטשישן קיניג, דעם שוואב פיליפּ. ער טאָר ניט דערלאָזן, אז די גריכישע קרוין זאָל פארפרעמדט ווערן און דאָס קריסטלעכע ביזאנץ זאָל זיך אזוי דערווײַטערן פונעם ריכטיקן גלויבן!

מיט אָט דעם פיליפּ דעם שוואב איז אויך צאָרעס געננג. צוליב אים טאקע איז דאָס לאנד פון די דײַטשן צעשפּאָלטן אף צוויי קיניגרײַכן. ער האָט אומגעזעצלעך פארכאפּט די קרוין פון זײַן פארשטאָרבענעם ברודער הענריך דעם זעקסטן, וועלכער געהער לויט אלע פאָר־שריפטן צום קליינעם פרידריך, דעם קיניגס זון. דערפאר האָט די הייליקע קירך זיך אָפּגעזאָגט צו זאלבן דעם פיליפּ פאר דײַטשלאנדס אימפּעראטאָר, האגאם די מערהײַט פון די לאנד־פירשטן זײַנען באשטאנען דערויף. צי שוין זשע דארף די קירך נאָכגעבן דאָס, וואָס זיי ווילן האָבן פאר א הערשער א פארשוועכער, א גאָטלעסטערער, א קאָלבוי? אויב דעם פּויפּסט איז געגעבן געוואָרן די רעכט אָנצוטאָן די קרוין, מעג ער זיך דערלויבן זי ארופלייגן אף דעם קאָפּ, וואָס ער געפינט פאר פּאסיק! אים איז אוואדע מערער צום הארצן דער בראונשווײַגער הערצאָג, דער הערשער פון צאָפן־דײַטשלאנד אָטאָ, טאָ זאָל ער זיך קיניגן געזונטערהייט, ביז דער קליינער פרידריך וועט אונטערוואקסן! אָבער אָט דער פיליפּ, וואָס איז שוין אמאָל געוועזן אויסגעשלאָסן פון דער הייליקער קירך, האָט צוגעצויגן אף זײַן זײַט דעם קיניג פון בעהמען און מעהרן, די הערשער פון זאקסן און שטיריע, אויך פון עסטרײַך, און אפילע די ביסקופן פון גאנץ דאָרעם־דײַטשלאנד האָט ער איבערגערעדט; אויך דער אויסגעלאסענער פיליפּ אווגוסט, דער פראנקישער קיניג, שפּילט אים אונטער... נאָר ס'מאכט ניט אויס. ער וועט זיי נאָך אלע איבערצײַגן, אז דער ווילן פון דער אפּאָסטאָלישער[4] קירך דארף זײַן א געזעץ. זיי דארפן וויסן, אז זייער וועלטלעך־ערדישע מאלכוס איז ניט מער, ווי א פּאָרהויז, און אז זייער גאנצע הערשונג איז נאָר א מין שטיין בא דער טיר פאר דעם וווירקלעך־אייביקן הימלשן קיניגרײַך. דער קרייץ פונעם הייליקן יעזוס האָט אף שטענדיק אָפּגעבראָכן די פליגל בא די אָדלער פון די צעזארס. די שווערד פונעם הייליקן פּעטער[5] איז געוועזן בייגיק־שאר־פער פון די שווערדן פון די רוימישע אימפּעראטאָרס.

— אונדזער פּאָרצוג אין פארגלײַך מיט דער קיניגלעכער מאכט, — האָט זיך דער פּויפּסט מיטביידע הענט געגלעט דעם נאקעטן בויך, — איז דאָס, וואָס מיר שעפּן אונדזער קראפט פונעם הימל און פונעם הייליקן גײַסט. דערפאר קאָנען מיר זיך אמאָל אפילע פארגינען זיי מויכל זײַן זייערע שווערע זינד... טאקע דעם זעלבן פיליפּ דעם שוואב און פיליפּ אווגוסט דעם פראנקישן קיניג, וואָס האָט זיך אנומלטן שוין געהאט אויסגעדריקט, אז ער איז מע־קאנע דעם סאראצינער סאלאדין, ווײַל יענער האָט אף זיך ניט קיין פּויפּסט. נו, דאָס וועט אים נאָך אמאָל בא א געלעגנהײַט דערמאָנט ווערן... ער מיינט געוויס, אז ער האָט דאָ צו טאָן מיט יאָהאן דעם אָנערדיקן, דעם קיניג פון די בריטן...

יאָ, אָט דער אומדערטרעגלעכער אלביאָן[6], אָט דער יאָהאן, איז פארדאָרבן און פול מיט הימלשרײַענדיקע זינד. ער האָט זיך דערלויבט צו פארכאפּן די שיינע פּרינצעסן זשאנע, די קאלע פונעם גראף הוגאָ דע לא מארש. ער האָט אויך אף זײַן געוויסן א שווערע מאָרד־שולד. דערגיין צו אזא העפקיירעס, מיט די אייגענע הענט דערשטיקן א מענטשן. און וועמען? דעם אייגענעם ברודערס זון ארטור, וועמען ער האָט פריִער פארשפּארט אין טפיסע. דער קיניגלעכער ראנג האָט נאָך קיינמאָל ניט באפרײַט פון די פליכטן צו זײַן א קריסט, צו זײַן א נאָבעלער מאן, און ניט קיין מערדער...

---

[1] פאראייניקונג; [2] אָפּגעשפּאָלטענע פון דער קירך; [3] מאכמעדאנער; [4] רוימיש־קאטוילישע קירך; [5] אפּאָסטאָל און ערשטער פּויפּסט; [6] ענגלענדער.

אוואדע האָט ער מיט זיי גענוג קלעמעניש, מיט די וועלטלעכע הערשער. סײַ דאָ, אַף מײַרעוו, און נאָך מערער אין די צאָפן־לענדער. וויפל האָט ער צו טאָן געהאַט מיטן געפערלעכן וואריאַג, מיטן ווילדן סוועדער, דעם קיניג פון נאָרוועגיע? וויפל ער האָט ניט געפּרווּוט אים צוימען, אָפּהאַלטן פון זײַנע געצנדינערישע זינדיקע גענג! דעמלט ווען אין נאָרוועגיע האָט זיך שוין אָנגעהויבן פאַרפעסטיקן דאָס קריסטנטום און די גײַסטלעכע האָבן אים גענומען שטערן אין זײַנע גזזעצברעכערישע מײַסים, האָט ער פון זיי געמאַכט טיל־טעל. דאָ האָט ער זיי צעשענקט רײַכע גיטער, און דאָ האָט ער בא זיי צוגענומען דאָס לעצטע קירכלעכע פאַרמעגן און די אויסגעליידיקטע קלויסטער־געבײַדעס פאַרוואַנדלט אין שאַנדהײַזער!

אָט אַזעלכע ניט־פריילעכע געדאַנקען קומען אוף דעם הייליקן פאָטער אין די מאָמענטן, אָבער דאָך, ניט געקוקט אַף די אַלע אַגמעסנעפעשן, באַווײַזט זיך אַף זײַנע פליישיקע ליפּן א האַנאָעדיק שמייכעלע, ווי נאָר ער דערמאָנט זיך אין דעם מײַסן דורכפאַל פון דעם פאָרגייער זײַנעם, דעם פויפּסט צעלעסטין, דעמלט, ווען דער נאָרוועגישער גאָטלעסטערער האָט מיט גרויס כאַרפּע און זידלערײַען איינעם נאָכן אַנדערן פאַרטריבן פון זײַן לאַנד די ערשטע לעגאַטן[1] פון דער קאַטוילישער קירך. איצט אָבער איז שוין דאָרטן פול און פול מיט גײַסטלעכע, און דאָס איז אַדאַנק אים, אינאָקענטיוסן, וועלכער האָט פאַרשטאַנען, ווי מ׳דאַרף זיך באַגיין מיט אַזאַ ווידערשפּעניק־צעברויזטער ווילד־וואַריאַגישער נאַטור! ער האָט אים גענומען מיט גוטן. וויפל רײַכע מאַטאָנעס מיט קלייזײַען ער האָט אים איבערגעשיקט! ווי האָבן זײַנע שליכים מיט האַכנאָעע זיך געבייגט פאַר אַלע זײַנע ווילדסטע אויסברוכן! ווי האָבן זיי אים נאָכגעגעבן... אָבער ניט שטענדיק — זיי האָבן דערבײַ אים אויך געלערנט, געגעבן אייצעס, אָפּטמאָל אַפילע געטאַדלט זײַנע מײַסים — אָבער אַלץ לײַכט און מילד, און ביסלעכווײַז האָבן זיי אים געצוווּנגען זיך צוהערן צו זייער לערע, אים צוגעוווינט צו די גוטע מידעס פונעם קריסטלעכן גלויבן. ער האָט ענדלעך צעטריבן די ווײַבער זײַנע און איז געבליבן נאָר בא איינער, בא דער סאַמע יינגסטער. ער האָט אָנגעהויבן פירן א מער גאָטספאָרכטיק לעבן, האָט אַרויסגעוויזן א גוט־נייגונג צו דער קירך און צו אירע דינער. א סאַך, פאַרשטייט זיך, האָבן אויך מיטגעווירקט די שכיינעסדיקע לענדער: דאָס פינען־לאַנד, די שוועדן, בא וועלכע ס׳איז שוין פעסט געווען אַרײַנגעדרונגען דער ריכטיקער קריסטלעכער גלויבן, וואָס איז איצט שוין פאַרשפּרייט ביז דער גאָרער ווײַט אַפּן גאַנצן פלאַכלאַנד, וואָס ציט זיך ביזן פינישן יאַם־אײַנגוס.

עמעס, די באַווינער פון דעם גרויען קאַנט ווײַזן נאָך טיילווײַז אַרויס אײַנגעגלייבטקײַט אין דער געצנדינערײַ. אָט, דאַכט זיך, האָבן זיי זייערע אָפּגעטער פערון, טאָר און דעם הויפּטגעץ יומאַלו געוואָרפן אינעם דווינע־טײַך, — און אָט האָבן זיי זיך אַליין אין וואַסער געוואָרפן אַף אָפּצושווענקען פון זיך די הייליקע טויפונג! אַפילע די מײַסים זייערע האָבן זיי באַערדיקט צוזאַמען מיטן עסנוואַרג און מיטן געווער, און מיט א געטשקע דערבײַ — זאָלן זיי כאָטש אַף יענער־וועלט זײַן באַפרײַט פונעם קאַטוילישן יאָך! באַהאַלטענערהייט האָבן זיי טפילע געטאָן צו דיביימער אין וואַלד, צו די אָפּגיך אויסגעשניצטע פּענאַטן און לאַרן[2]. מע האָט מיט זיי גאָרניט געקאָנט מאַכן. די גײַסטלעכע, וואָס זײַנען אַהין אַרײַנגעדרונגען צוזאַמען מיט די ברעמענער סאָכרים, זײַנען געווען צו ווייניק אין צאָל. די ערשטע קירכע אין אוקעסקול, וואָס ס׳האָט מיט גרויס מי אויסגעבויט דער ברעמענער ביסקופּ מיינהאַרד, האָט מען פאַרומווירדיקט. זײַן נאָכפאָלגער בערטאָלד האָט געמוזט אַנטלויפן, קעדיי זיך צו ראַטעווען מיטן לעבן. ס׳איז געווען צו זען, אַז אָן צוואַנג וועט מען דאָ גאָרניט קאָנען אופטאָן. נו, האָט ער אָנגעווענדט צוואַנג אין גאָטס נאָמען...

ער דערמאָנט זיך אויך, אַז ווי נאָר ער איז אַרוף אַף דעם אַפּאָסטאָלישן שטול, האָט ער גלײַך אַרויסגעלאָזט א רוף אונטערצונעמען א קרייץ־צוג קעגן ליוואָניע[3]. דעראָבערן פאַר דער קאַטוילישער קירך די דאָרטיקע אַקשאָנעסדיקע קליינע פעלקערלעך, וואָס זײַנען פאַרזונקען אין געצנדינסט, — די עסטן, די ליטווינער און די לעטן — איז פאַר אים איצט וויכטיקער געווען, ווי אַפילע דער קאַמף פאַרן הייליקן לאַנד, וואָס איז נאָך דערווײַל פולבאַזעצט מיט די פון גאָט פאַרשאָלטענע סאַראַצינער.

ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז מיט די איינצלנע פריידיקער אין ליוואָניע, מיט די האַנדלסאונטערנעמונגען, וואָס ס׳האָבן דאָרט פאַרברייטערט די דײַטשישע האַנזאַ־סאָכרים, וועט ער

---

[1] שליכים; [2] פּענאַטן — הויז־געטער אינעם אַלטן רוים; לאַרן — געצנדינערישע שוץ־גײַסטער פון שטוב און היים; [3] אַלטער נאָמען פון די באַלטישע מעדינעס.

ווייניק וואָס דערגרייכן. ביז ס'וועלן זיך אין אָט דעם נײַעם קאַנט ניט אײַנוואָרצלען אַף שטענדיק גאַנצע אײדעס גאָטספּאָרכטיקע קריסטן, וועט מען צו קיין פעסטן דערפאָלג זיך ניט דערשלאָגן. אָן די ברידער פונעם ריטערלעכן דינסט, די געטרײַ־גלויביקע מיט דער אַנטבלויזטער שווערד אין האַנט און מיטן הייליקן קרייץ אַף דער ברוסט, וועט מען צו גאָרנישט ניט קומען. דאָס האָבן זיי מיט אַ פּאָר יאָר צוריק פאַרלייגט אין ליוואָניע אַ זאַמלפּונקט פאַר די אַלע, וואָס ווילן דאָרט פאַרבלײַבן. אַ סאַך פון דער ברודערשאַפט, די מער עלטערע ריטער, האָבן זיך דאָרט אײַנגעפונדעוועט און פאַרפעסטיקט, געגרינדעט דעם שוואַרצעלטערע־ריטער...

דאָ האָבן די מאַכשאָוועס עטוואָס אָנגעווירן זייער האַפּערדיקן כאַראַקטער. דער פּויפּסט האָט זיך דערמאָנט: אינעם זעלבן געשריפט גיט אים דער בישאָף צו וויסן, אַז דאָס שכיינעסדיקע סלאַוון־פאָלק, די רוסן, שטערן באַהערשן די דאָזיקע קליינע מעדינעס, דערהויפּט דעם קאַנט פון די ליטווינער. אָט דאָס אומבאַקאַנטע סלאַוון־פאָלק, וואָס איז אַזוי ווײַט און פרעמד, האָט אים שוין גענוג בייז בלוט פאַרשאַפט. נאָך די דערפאָלגן אין לאַנד בעהמען און מעהרן, ווי אויך באַ די פּוילן, איז ער זיכער געווען, אַז ער וועט אַרויסרײַסן פון די ביזאַנטישע נעגל אויך דאָס גרויסע קיִעוו־לאַנד. נאָר וואָס ער האָט ניט פּירגענומען, די אַלע שליכים, וואָס ער האָט אַהין געשיקט, האָבן נישט געהאָלפן: די האַרטנעקיקע קיִעווער פּירשטן — ס'מעגן אַף זיי פאַלן שטיינער פונעם הימל — זײַנען טויב צו דעם גוטס, וואָס מע וויל פאַר זיי. ער איז גרייט צו באַוועגן הימל און ערד אַף אײַנצובײַסן אָט די אײַנגעשפּאַרטע פּראָזים.

ער האָט אונטערגעצויגן די פּיאָלעטעווע שטײַף־שמאָלע רייטוזן. זיי האָבן געשטעקט אין וואָלענע ווײַסע זאָקן, לאַנגע ביז איבער די קני. דערנאָך האָט ער אַ וויש געטאָן מיטן אַרבל דעם רויטן שוך פון דעם לינקן פוס, פאַריכט די קאַמורע — דאָס רויט־סאַמעטענע היטעלע אַפן קאָפּ — און מיט שווערע טריט זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג.

פון יענער זײַט טיר האָט שוין געוואַרט אַף אים זײַן קאַמערהער, אָבער דאָס מאָל ניט זײַן קוביקולאַריוס — דער שטענדיקער קאַמערהער אַף צו באַדינען אין די פרימאָרגן־שאָען,— נאָר ניקאָלאַס דאַנין, וועלכער האָט אים הײַנט פאַרבעטן. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ קורצן מאַנטעלעט, אַ מאַלבעש, וואָס ס'טראָגן די גאַלאָכים, ווען זיי פאַרנעמען זיך מיט ווײַט ניט קיין גײַסטלעכע איניאָנים. אַף דער לינקער האַנט איז באַ אים געווען אָנגעבונדן די מאַניפּולע־סטענגע, אַלס אַ צייכן פון דינסט, און אַפן האַלדז איז געהאַנגען די מאַטער דאָלאָראָזע — דאָס בילד פון דער פאַרצווייפלטער גאָטס־מוטער.

ווי נאָר דער פּויפּסט האָט זיך באַוויזן אַף דער שוועל, האָט ניקאָלאַס אים אַרופגעוואָרפן אַף די אַקסל די מאַזעפּע — די שווערע מאַנטיליע פון רויטן סאַמעט, וואָס האָט אײַנגעהילט זײַן באַלײַבט פעטן גוף ביז די קנעכלעך פון די פיס. דאַנין איז שטיין געבליבן מיט אַ געבויגענעם קאָפּ. זײַנע ביידע הענט האָבן געבאָמבלט דאָס בילד פון דער הייליקער מאַריִע, און ער האָט מיט האַכנאָע און פאָרכט געוואַרט אַפן ווײַטערדיקן ווילן פון זײַן הייליקײַט. וווּהין וועט ער אים דאַרפן ווײַטער נאָכפאָלגן — צי אין דער סאַקריסטיע — די גאַרדעראָב־צימערן, ווו ס'געפינען זיך די הייליקע קליידער,— צי גלײַך אינעם נאָענטן כיידער? אָבער דער פּויפּסט האָט אים באַפוילן אַרײַנרופן זײַן עמינענץ — דעם וואַטיקאַן־דאָקטער, אַמאָרי דע אַמיציוס.

דאַנין ווייסט אַ סאַך וועגן אָט דעם געזונטן און שיינעם איטאַליענער, וואָס האָט שוין אַזויפיל דערגרייכט. מיט וויפל איז ער, דאַנין, ייִנגער פון אים? מיט אַ יאָר פיר־פינף, דוכט זיך. און צו וואָס פאַר אַ הייך יענער האָט שוין דערלאַנגט! וויפל איז דאָ דערין, אַז ער איז נאָך געווען אַ פּאָשעטער אינאָק אינעם קאַמינאַ־מאָנאַסטיר און געהיילט די מאָנאַכן פון קאָלערליי צאָראַאַסן און כאַלאַסן? איצט איז ער דער פּויפּסטלעכער מעדיקער, זײַן פּערזענלעכער און איינציקער רויפע. ווער האָט נאָך אַזאַ נאָענטן צוטריט צום הייליקן פאָטער? און ווער איז פאַר אַזאַ קורצער צײַט דערגאַן צו אַזאַ הויכער מאַדרייגע? אַלע דאָ, אין וואַטיקאַן, זײַנען געווען אומצופרידן, וואָס דער פּויפּסט האַלט אים אין איין דערהייבן, ווײַט ניט לויט זײַנע פאַרדינסטן. ס'האָט שוין געהאַלטן דערבײַ, אַז ער איז שוין געווען גאָר נאָענט אַף צו באַקומען דעם העכסטן קאַרדינאַל־ראַנג. דאָס האָט אַרויסגערופן אַן אומצופרידענעם געמורמל צווישן די עלטערע גײַסטלעכע און אַזעלכע, וואָס זײַנען שוין דאָ לאַנגע יאָרן באַם וואַטיקאַן. צוערשט האָט מען זיך באַנוגנט מיט קליינלעכער לאָשנהאָרע, רעכילעס־טרײַבערײַ, שטעכווערטלדיקע אַרויסזאָגונגען. דערנאָך האָט מען אים אַרומגעשטעקט מיט נאָכקוקערס

און נאָכשפּירערס. ס׳האָבן אָנגעהויבן גיין פון האַנט צו האַנט פּאַסקווילן און מעסירע־צעטעלעך. די פאַרלוימדער האָבן ניט גערוט, ביז זיי האָבן אים ענדלעך ניט אַרײַנגעכאַפּט אין איינע פון די פיל אויסגעשפּרייטע פאַר אים נעצן. דער הויף־מײַסטער פונעם וואַטיקאַן, דער מאַזשאָרדאָם אַליין, האָט בא אים אַנטפּלעקט אינעם נאָזיר־שטיבל אַ קעפּסוויַיבּ! ס׳איז געווען דעמלט אַ כאַגאַ־טאָג בא די גײַסטלעכע. אַזוינס זאָל זיך טרעפן אינעם פּויפּסטלעכן הויף! מע האָט אים גלײַך געשטעלט פאַרן פּעניטענציאַריום, און די געשווירענע פונעם גײַסטלעכן געריכט האָבן אָף זײַן פאַרענטפערן זיך קיין אַכט ניט געלייגט. זיי האָבן אַפילע ניט געוואָלט הערן זײַן טײַנע, אַז דאָס איז אַ לײַבלעכע שוועסטער. זאָל מען זיך דערפרעגן אין גענוע. אַלע קענען זי דאָרט, דעם געוועזענעם דאָזשס יינגסטע טאָכטער. זיי האָבן אים באַשולדיקט אין פאָרנאָקראַטיע — אינעם וועלן אומצוקערן די צײַט פון מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר צוריק, ווען דער וואַטיקאַן־הויף איז באַהערשט געוואָרן דורך דעם שוואַכן מין, בייס אַפילע אייניקע פון גאָטס פאַרטרעטער זײַנען געווען אונטערן קנאַפּל פונעם ערגײַציק אויסגעלאַסענעם שיינעם געשלעכט. דעריבער מוז ער גלײַך פאַרטריבן ווערן פון זײַן אַמט און פונעם וואַטיקאַן־הויף.

דער פּויפּסט האָט אָף זייער אורטייל אָנגעשריבן די ווערטער, וועלכע ער שרײַבט אָפּטמאָל אָן אָף אַוועלכער־ס׳איז וועלטלעכער ווענדונג, — דעם קאַטעגאָרישן אָפּזאָג: נאָן פּאָסומוס (מיר קאָנען ניט). און בא דעם איז עס געבליבן. נאָר פונעם קאַרדינאַל־טיטל האָט שוין קיין רייד ניט געקאָנט זײַן.

ווען דאַניִן האָט אָפּגעזוכט און געבראַכט מיט זיך דעם פּויפּסטלעכן רויפע, איז שוין דער הייליקער פּאָטער געזעסן אָפּגעזונדערט אין זײַן פאַרמאַכטן כיידער באַם פרימאָרגן־עסן. אהער האָט קיינער קיינמאָל קיין צוטריט ניט, אַכוץ דעם איינעם אַרכיטדיקלין[1], וואָס טראָגט אַלעמאָל אונטער נײַע מײַכאָלים. דער סערעניסימוס[2] אַמאָרי דע אַמיציוס קען בלויז דאָ, פון דער זײַט טיר, דורכקאָנטראָלירן די עסנס, זיך נאָכפרעגן, געבן אייצעס און מיט געדולד וואַרטן, ביז דער מאָלצײַט וועט זיך פאַרענדיקן.

דאַניִן, שוין אַ באַפרײַטער, איז אַוועק צו זיך. זײַן פליכט איז הײַנט געווען צו באַדינען גאָטס פאַרטרעטער פונעם אופשטיין ביז דעם ערשטן מאָלצײַט. איצט וועלן שוין אַנדערע, מער כאָשעווערע, זײַן אַרום אים. דאַניִן האָפט און גלייבט, אַז ס׳איז ניט ווײַט די צײַט, ווען ער וועט אויך זײַן צווישן אָט די מער כאָשעווערע, און עפּשער וועט ער זיי נאָך איבערשטײַגן און דערגרייכן צו אַ גאָר־גאָר הויכער מאַדרייגע. ער איז דאָך געקומען אהער מיט אַ קאָמענדאַטאָריום[3] פונעם קאַרקאַסאָנער ביסקופּ, אין וועלכן דער ביסקופּ שרײַבט צום פּויפּסט: „ס׳איז שוין צײַט צו זײַן מער איבערקלײַבעריש בענעגייע די, וואָס קומען אונטער די פליגל פון דער הייליקער קירך. די סאָנים פונעם געקרייציקטן גאָטס זון שפּעטן פון אונדז אָפּ, אַז מיר צעשפּרייטן אונדזערע אָרעמס און נעמען אוף מיט פרייד יעדן מין אויסוואורף און אונטערוועלט־מענטש, אַז מיר קוואַפּן זיך אָפּן קויט און אָפּפאַל פון זייערע פאַרשאָלטענע געמיינדעס. איצט אָבער האָבן זיי אַ גוטן בויכווייטעק. זיי לאַכן מיט אַ שטעכעניש און מיט אוי און ווײ, ווײַל אָט דער דאָזיקער מאַן, וואָס ווערט געשיקט צו אײַער הייליקײַט, איז אַ גרויס געווינס פאַר דער קריסטלעכער וועלט. ער וואָלט בא זיי געוואָרן אַ זײַל פון זייער אומווירדיק־זינדיקן גלויבן. זיי האָבן אַפילע געוואָלט אָפּנעמען בא אים דאָס לעבן נאָך דער טויפונג, ווען ער האָט שוין געטראָגן דעם נאָמען פונעם הייליקן ניקאָלאַס...״

דער פּויפּסט אינאָקענטיוס דער דריטער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט אין אָט דער טײַערער מאַטאָנע, האַגאַם דער אויסזען פון אָט דער פּיירע איז אים געווען היפּש דערווידער און ער האָט זיך אַ צײַט ניט געקאָנט צוגעוווינען צום אָפּשטויסנדיקן פאַרצעף פון אָט דעם פרעמדן יונגנמאַן, בא וועמען דער שפּיצעכיקער גאָרגל־קנאָפּ האָט אַרויסגעשטאַרצט און בייסן רעדן שטענדיק זיך געהאַלטן אין איין באַוועגן, אין איין לויפן אַרוף און אַראָפּ, דערבײַ האָט ער נאָך פאַרגלאָצט די אויגן, גלײַך ווי ער וואָלט אינעם שלונג געהאַט אַ שווערן ביסן אַראָפּצושלינגען.

דאַניִן אַליין האָט אָבער וועגן זײַן פּאָנעם שוין גאָר אַן אַנדער מיינונג, און ער איז פעסט איבערצײַגט, אַז זײַן אויסערלעכער אויסזען איז גראָד רעכט צוגעפּאַסט פאַר אַ קאַטוילישן גײַסטלעכן אַפילע פונעם העכסטן ראַנג. אַכוץ די געלע ברעמען, דעם איינציקן איידעס פון זײַן אָנשוילעך יידישלעכן האָר־קאָליר, איז ער מיטן גאַנצן איבעריקן מער ווי קאָנטעט. יעדן טאָג, פאַר דער פרימאָרגן־טפילע, מאַכט ער דורך די טאָנסורא — די צערעמאָניע פון גאָלן ניט

[1] פאַרוואַלטער פונעם פּויפּסטס באַשפּײַזונג; [2] דורכלויכטיקער; [3] רעקאָמענדאַציע.

בלויז דאָס פּאָנעם, נאָר אויך דעם גאַנצן קאָפּ־שפּיץ, ס'זאָל ניט בלײַבן קיין סימען פון א הערעלע. דער נאַקעטער אָנגעזיכט פונעם פאַרלענגערטן שטערן, ביז העט ארויס צום שאַרבן, זײַנע העל־ליכטיקע באָלעכעס־אויגן, די דין־פּאַרביסענע שנירלעך־ליפּן, וואָס מאַכן אויסזען שמעלער דעם אָנבערדיקן קינביין, דער הויך־שלאַנקער איידעלער וווּקס זײַנער, — איז ער דען ניט ענלעך מיט דעם אלעמען צו עפּעס א הייליקן פון דער קריסטלעכער קירך? ביפראַט נאָך דעמלט, ווען ער טוט זיך אָן אינעם ווײַסן אויבער־קיטל מיט די פראַנזן ארום די ברייטע ארבל און ווארפט אַף די אקסל ארויף דעם באַצירטן מיט שטיקערײַען פון גאָל־דענע און זילבערנע פעדעם עפּיטראַכיל, און אז ער נעמט נאָך דערצו אין די הענט ארײַן דעם קאַנטאָמאַריום, דעם גרויסן טפילע־בוך מיטן אָפּבילד פונעם געקרייציקטן יעזוס אַפן קופּער־נעם טאָוול, און ער לייענט פון דאָרט אין דער הייך די ווילקלינגעוודיקע לאַטײַנישע פּסו־קים, וועלכע דער כאָר כאַזערט איבער מיט א געזאַנג, — דעמלט איז ער דאָך געגליכן צו די עלטסטע גײַסטלעכע פון וואַטיקאַן...

וואָס שײַעך דער גרייס פון דער נאָז, האָט ער אליין ארויסגעלייענט באַם הייליקן גרע־גאָריוס, אז בא יעדן גײַסטלעכן פון הויכן ראַנג דאַרף זי האָבן די געהעריקע מאָס. א ניט גרויסע נאָז קאָן ניט אונטערשיידן פון גוטס ביז שלעכטס, פון גוטן ווײַרעך ביז א שלעכטן גערוך. ניט אומזיסט ווערט זי אזוי געלויבט און באַזונגען אינעם געזאַנג פון אלע געזאַנ־גען, אינעם שיר־האשירים פון דעם אלטן טעסטאַמענט: „דײַן נאָז איז ווי א טורעם אַף די הויכקײַטן פון לעוואָנען”. זי טאָר אָבער אויך ניט זײַן קיין קרום־אויסגעבויגענע, ווי א ייִדי־שער שויפער, דאָס גיט צו אָן אויסזען פון א מענטשן א דערשלאָגענעם, מיט א סאַך זאָרגן. און קאָן דען בא אים דאָ זײַן די רייד פון אוועלכע־ניט־איז זאָרגן? אינגאַנצן איז דאָך נאָך קיין צוויי יאָר ניטאָ, ווי ער געפינט זיך אינעם וואַטיקאַן־הויף, און ער באַקומט שוין גלײַך ווי אלע אלטגעזעסענע די לעבנסלענגלעכע פרעבענדע — הילף פון דער הייליקער קירך אַף דער אויסקומעניש און אויך אומזיסטע גרייטע גײַסטלעכע בגאָדים אין דער סאַקריסטיע. ער איז אָן אייגענער מענטש דאָרטן, און מיטן סאַקריסטאַן איז ער געקניפּט און געבונדן. וויִאזוי קאָן ער גאָר קומען צו אַגמעסנעפּעש, זײַן צוליב עפּעס געדריקט און דערשלאָגן, אז ער איז דאָ שוין מער אָנגעזען ווי פיל אנדערע? ער איז דער איינציקער פון צווישן זײַנס גלײַכן, וואָס קאָן שוין אַף אויסווייניק דעם גאַנצן קאַטעכיזיס, די אלע פראַגן און ענטפערן וועגן די הויפּט־איקאָרים פונעם קריסטלעכן גלויבן. אין דער קוועסטיאַנאַריִום־שול פון די סכאָלאַסטי־קער[1], ווו מע באַהאַנדלט די שווערסטע גלויבנס־אַטריבוטן, איז ער איינער פון די שאַרפסטע דיספּוטאַנטן. דער פּויפּסט אליין איז בײַגעווען אינעם קאַפּיטול, בא איינער א פאַרזאַמלונג פון פיל גײַסטלעכע, בייס ער, דאָנין, האָט באַוויזן, צו וואָס ער איז פייִק. פון דעמלט אָן האָט מען אים אײַנגעשלאָסן אינעם פּראָטאָנאָטאַריִאַט[2], ווו ער איז איינער פון די ייִנגסטע. ער איז אויך א כאָשעוו באַם עלטסטן פון דער קאַנצעליאַריע, צוליב דעם, וואָס ער איז שוין א לאַנגע צײַט איינער פון דעם פּויפּסטס בריוו־שרײַבער, און אין אונטערשייד פון א סאַך איבעריקע גײַסטלעכע דאָ אין וואַטיקאַן, ווערט ער אָפט געבעטן צום פּויפּסט פּערזענלעך. דאָס רופט ארויס א קינע־סינע מיט א פאַרדאַכט בא דער ארומרינגלונג, און האַגאַם אלע ווייסן וועגן זײַנע פליכטן פון א כאַרטולאַרייס[3], איז מען אים אָבער כוישעד אין מעסירע־אונטערטראָגערײַ. עפּשער האָבן זיי עפּעס אָנגעשמעקט וועגן זײַן דעלאַציע[4] אַפן קאַרקאַסאָנער ביסקופּ, וואָס מיט זײַן אונטערשטיצן איז ער דאָ געבליבן דינען באַם וואַטיקאַן?

און די געשיכטע איז געווען אזא: ווען ס'האָט זיך גענומען טומלען ארום דעם פּויפּסט־לעכן מעדיקער, דעם סערעניסיִוס אמאַרי דע אמיציִוס, מיט זײַן געליבטער, האָט ער זיך דערמאָנט אינעם זנוס־שטײַער, וואָס דער קאַרקאַסאָנער ביסקופּ האָט ארופגעלייגט אַף די גײַסטלעכע פון זײַן באַצירק. צוערשט האָט ער דאָס געצאָלטס גענומען בלויז בא די, וואָס מע ווייסט אַף זיכער, אז זיי זינדיקן טאַקע. (די גאָטספּאָרכטיקע קריסטן זײַנען צופרידן געווען, ווען זייער פּאַסטער האָט געהאַט א באַשטענדיק קעפּסווײַב, וועט ער עפּשער לאָזן צורו די ווײַבער זייערע מיט די אונטערגעוואַקסענע טעכטער). דערנאָך האָט דער ביסקופּ אָט דעם אויסטערלישן קאַטעדראַטיקום — דעם זנוס־צינש — גענומען פאָדערן בא יעדן גײַסט־לעכן פון זײַן רעגיִאָן, אומאָפּהענגיק, צי ער האָט יאָ א פילעגעש[5], צי ניט.

דאָנין האָט דאָס דערציילט דעם פּויפּסט אין א דערשיטערטן טאָן, מיט א מין פּאָרוווּרף אין דער שטים. זאָל מען זען, ווי ער איז פילבאַר, און ווי ווייטעקלעך ער לעבט איבער אָט די טיפע פּאַרזונקענקײַט אין זינד! און דעמלט האָט אים דער הייליקער פּאָטער צום ערשטן

[1] מיטלאַלטערלעכע אויסטײַטשער פון די רעליגיִעזע דאָגמאַטן; [2] קאָלעגיע פון צוועלף העכערע באַאַמטע פון דער פּויפּסטלעכער קוריע (קוריע — העכסטער אָרגאַן פון דער פּויפּסטלעכער מאַכט); [3] בריוו־שרײַבער; [4] מעסירע; [5] קעפּסווײַב.

מאָל אָנגערופֿן „מײַן זון", האָט געלויבט זײַן אופֿריכטיקן צאָרן, די אופֿגעבראַכטקײַט אַף די, וואָס זינדיקן, און צום סאָף האָט ער מיט אַ שמייכל צוגעגעבן:

— ווען איך זאָל וועלן באַשטראָפֿן פֿאַר אַלע זינד, וואָס די גײַסטלעכע באַגייען, וואָלט איך אין פֿיל־פֿיל מעקומעס געדאַרפֿט אַליין פֿראַווען די מעסע...[1]

דאָס איז געווען אין יענע טעג, ווען דאַנין איז געווען אַרײַנגעטאָן אינעם דערלערנען די לעבנס־געשיכטע פֿונעם פּויפּסט אַנאַקלעט דעם צווייטן, וואָס האָט געלעבט מיט אַ יאָר זיבעציק צוריק. ער האָט זיך אָנגעשטויסן אַף זײַן נאָמען, ווען ער האָט אַרײַנגעקוקט אינעם אַבאָמינאַריום — דעם קלאָלע־בוך, ווו מע קאָן געפֿינען די נעמען פֿון אַלע פֿאַרעטער, פֿאַר־דאַרבער און פֿאַרשווערער פֿון דער קאַטוילישער קירך. ער איז אַ דערשטוינטער ווי צוגעזאָטן געוואָרן צום אָרט, ווען ער האָט אָנגעהויבן לייענען וועגן דעם דאָזיקן פּויפּסט. דאַנין האָט נאָך ביז דעמלט ניט געהאַט איבערגעמאָזלט מיט דער קרענק פֿון פּאַפּאַלאַטריע — דער פֿאַר־געטערונג פֿון דעם הייליקן פֿאָטער, גאָטס פֿאַרטרעטער אַף דער ערד... און דאָ — אַזאַ ווי ער, אויך אַן אָפּשטאַמיקער פֿון ווידערשפּעניקע — אַ פּויפּסט! ער לייענט וועגן זײַן ייִכעסדי־קײַט, וואָס ציט זיך פֿון דער פֿאַרצווײַגטער פֿאַמיליע פּיערלעאָנע, וועלכע איז באַרימט געווען מיט איר רײַכקײַט, וועגן דעם פּויפּסטס אַן עלטערזיידן באָרוך, דעם רײַכסטן פֿון דער מיש־פּאָכע, וואָס איז בעשײַטע אַליינוויליק אַריבער צום ריכטיקן גלויבן, און דאָך... מיט וואָס פֿאַר אַן אַנאַטעמאַ פֿון זידלערײַען און כאַראָמעס מע באַפֿאַלט זײַן נאָכשטאַם? און אַוועלכן? אַזאַ, וואָס האָט דערגרייכט אין דער קריסטלעכער וועלט צו דער העכסטער הייך! ווו איז די צוטרוילעכקײַט צו דער פֿעסטגעשטעלטער דאָגמע, אַז טויזנט מאָל איז גערעכט די הייליקע קירך אונטער דער פֿירונג פֿון גאָטס פֿאַרטרעטער, דעם פּויפּסט?.. און דאָ לעסטערט מען און מע שענדט דעם גאָטס פֿאַרטרעטער מיטן זידלנאָמען „דער דרעקיש־ייִדישער פּויפּסט!" מע רופֿט אים אָן מיט די עקלהאַפֿטסטע צונעמענישן, מע שרײַבט, אַז ער איז דעם טײַוולס אַ שעליעך, אַן אָפּשטאַמלינג פֿון בלוט־שאַנד — זײַן מאַמע זאָל אים האָבן געבוירן פֿון אירן אַ לײַבלעכן ברודער! ער לייענט די שיק־בריוו פֿונעם הייליקן בערנאַרד פֿון קלערנאָס צום דײַטשישן אימפּעראַטאָר לאָטאַר דעם צווייטן און צום פֿראַנצויזישן קיניג לידוויק דעם זעקסטן, אין וועלכע דער הייליקער קלאָגט זיך פֿאַר זיי, אַז ס'איז אומגעהייער דער בראָך און ס'איז גרויס די שאַנד פֿאַרן קריסטנטום, אַז אַ מאַן פֿון ייִדישער אָפּשטאַמונג זיצט אַפֿן טראָן פֿונעם הייליקן פֿאָטער...

דאַנינען הייבט עס פֿונעם שטול. ער זיצט אַף קוילן. זײַן בליק פֿאַלט אַף דער וואַנט אַנטקעגניבער, ווו ס'הענגט דאָס גרויסע בילד פֿונעם געקרייציקטן מיטן דערנער־קראַנץ אַרום קאָפּ און פֿון ביידע זײַטן: גאָטס מוטער, די הייליקע יונגפֿרוי און יויכענען האַמאַטביל פֿון דער צווייטער זײַט. אַלע דרײַ ייִדן. פֿון דער זעלבער אָפּשטאַמונג, ווי דער געלעסטער־טער גאָטס פֿאַרטרעטער! אָט ליגט בא אים אַפֿן טיש דער פּאַסיאָנאַליע־בוך, די זאַמלונג פֿון עכט־קריסטלעכע מײַסעס און געשיכטעס. און ווידער טאַקע וועגן די אַפּאָסטאָלן און זייערע טאַלמידים, די פֿישער פֿון גאַליל!

ער ווענט זיך אָבער ניט אָפּוועגדן דערפֿון. ער וויל דערגיין דעם גאַנצן עמעס וועגן דעם הייליקן פֿאָטער, וואָס ווערט אַזוי באַשמוצט און איז דאָך געווען גאָטס פֿאַרטרעטער אַף דער ערד אַכט יאָר נאָכאַנאַנד, ביזן טויט זײַנעם!

ער פֿאַרטיפֿט זיך נאָכאַמאָל אינעם קלאָלע־בוך און געפֿינט אויס, אַז דעם דאָזיקן אַנאַ־קליט האַלט מען פֿאַרן סאַמע ערגסטן פֿון די גאָטס פֿאַרשאָלטענע ייִדן, ניט געקוקט אַף זײַן אַרויסקומען פֿון דרײַ דוירעס עכטע קריסטן. צווישן די קאָלערליי מיִעסע פֿאַרברעכנס, אין וועלכע מע באַשולדיקט אים, איז דער שוידערלעכסטער: דאָס אומפֿאַרשעמטע באַגאַנווענען די אויצרעס פֿון דער הייליקער קירך, דאָס באַרויבן און צעפּלינדערן דאָס האָב־און־גוטס פֿון די מאָנאַסטירן. נאָך ערגער — די גאַנצע ייִדן־איידע האָט אים געהאָלפֿן צו צעטרענצלען דאָס קריסטלעכע אייגנס, און דערצו נאָך געלעבט בא אים אונטערן שויס, אַף דער קאַטוילישער ערד, ווי אין אַ גאַניידן. דאָס האָט שוין דאַנינען פֿאַרדראָסן, און ער האָט זיך ערנסט פֿאַר־טראַכט. פֿאַר אַזעלכע מײַסים־טויוום וואָלט ער אַליין אים ווער ווייסט וואָס געטאָן. אים גייט דורך אַ קעלט דורך די געדערים, עס באַשלאָגט אים אַ שוויס, ווען ס'קומט אין אים אויף אַ ווידערגעפֿיל און אַ סינע צו אָט דעם שווער־פֿאַרזינדיקטן גאָטס פֿאַרטרעטער, צו וועלכן ער האָט נאָרוואָס געהאַט מיטלײַד, וואָס מ'זידלט אים אַזוי. ער, דאַנין, וועט שוין אַף זײַנע וועגן ניט גיין. אָ, ניין! פֿאַרקערט, אין אַלע זײַנע טרוימען וועגן דערהייבונג, אין זײַן מעכטיקן ווילן צו דערלאַנגען צו וואָס אַ העכערן שטאַפּל, האָט ער שטענדיק אין זינען צו טאָן אַלץ,

---

[1] גאָטעסדינסט.

אז מע זאָל אים אין דער קלענסטער מאָס ניט קאָנען כוישעד זײַן אָדער כאָלילע אים אויסווארפן זײַן אָפּשטאַם. ער האָט זיך שטענדיק באַמיט איבערצײַגן, אז ס׳איז ניט נאָר באַ אים עפּעס פאַרבליבן פונעם פריִערדיקן, נאָר ער איז גרייט אויסוואָרצלען דאָס ייִדישלעכע, וואָס קומט אין מינדסטן באַריר מיטן קריסטלעכן לעבן. דאָס האָט ער אופגעהויבן א טומל, האַלעמײַ גאָטספּאָרכטיקע קריסטן גיבן די אומגלויביקע זייער פּי אָף צו קוילענען, זייערע ווײַנטרויבן אָף אויסצוטרעטן ווײַן. אכוץ וואָס יענע פאַרומווירדיקן עס מיט זייערע פאַרשאַלטענע מינהאָגים, נעמען זיי נאָך פאַר זיך דעם בעסטן כיילעק, און דאָס פאַרייִדישטע רעשט ווארפן זיי צו די קריסטן אָף זינדיק צו מאַכן זייערע נעשאָמעס. טאָמיד איז ער געקראָכן פון דער הויט, אז ס׳זאָל זיך ווארפן אין די אויגן, ווי אומדערמידלעך ער פירט זײַן קאַמף מיט די ייִדן און מיט אַלץ, וואָס ייִדיש איז. ער איז אוועק פון זיי אָף אייביק, און אופריכטיק, מיטן גאַנצן האַרצן איז ער געקומען צום קריסטנטום. ער וועט קיינמאָל ניט אָפּקערעווען זיך פונעם גלײַכן וועג און איבערכאַזערן אָט די ווילדע גענג פון אַזאַ אַנאַקלעט דעם צווייטן, דעם פאַרשוועכער פון דער אַפּאָסטאָלישער קרוין. קעדיי עס זאָל אָף אים ניט פאַלן קיין פלעק אויך אָף ווײַטער, וועט ער זיך באַמיִען זײַן נאָך פויפּסטלעכער פונעם איצטיקן פויפּסט.

באַלד דערנאָך, באַ דער ערשטער געלעגנהײַט, ווען ער האָט געבראַכט צום הייליקן פאַטער די אָנגעשריבענע בריוו צום קיניג אַלפאָנס פון קאַסטיליע, האָט ער דאָס שוין טאַקע געפּרוּווט דערווײַזן. אין דעם בריוו, געשריבן שאַרף, אין דראָענדיקע טענער, פאַלט דאָנין אָן אָפן קיניג, האַלעמײַ יענער דערלאָזט ניט, די קריסטלעכע גײַסטלעכע זאָלן מיט צוואַנג אוועקנעמען באַ די ייִדן זייערע מוסולמענישע דינער, קעדיי זיי אַריבערצופירן אונטער די פליגל פון דער קאַטוילישער קירך. דער איניען איז פאַרפּריִער גוועזן ארומגערעדט מיטן פויפּסט. דאָנין האָט אָבער נאָך צוגעגעבן פון זיך א טאַדלונג דעם קיניג, פאַרוואָס ער דערלאָזט ניט נעמען א צענטל פונעם גערעטעניש אָף די ייִדישע פעלדער לעטויוועס די גײַסטלעכע. ער לייגט נאָך פאָר אָנשרײַבן א באַזונדער ענציקליקע[1] צו די דאָרטיקע בישאָפן, אז זיי זאָלן אויסרופן עקסקאָמוניקאַציע[2] פאַר די אַלע הערשער, וועלכע צווינגען ניט די ייִדן צו באַצאָלן דעם צענטכיילעק.

דער פויפּסט האָט מיט זײַן כסימע און שטעמפּל באַשטעטיקט די בריוו, אָבער דעם געדאַנק וועגן דער ענציקליקע האָט ער אָפּגעוואָרפן. דעמלט ערשט איז דאָנין ארויס מיט א פלאַם־פײַערדיק לאָשן. דאָ האָט ער באַוויזן, צו וואָס ער איז פּייִק. זאָל דער הייליקער פאַטער זען, אז ער איז ניט נאָר אליין א געטרײַ־איבערגעגעבענער קריסט, נאָר ער איז גרייט אויסצוּוואָרצלען ביזן גרונט די אַלע פון זײַן שטאַם, וואָס ווילן זיך ניט אונטערגעבן.

די געדיכט־געלע ברעמען און די ווײַסלען פון די אויגן האָבן זיך באַ אים אָנגעצונדן, דאָס מויל האָט געשאָטן פעך און שוועבל, און מיט שוים אָף די ליפּן האָט ער געטײַנעט:

— די הייליקע פון דער קירך לערנען אונדז, אז פאַרן צוריק־קומען פונעם געקרייציקטן אָף דער ערד מוז צוערשט באַזײַטיקט ווערן דער אַנטיקריסט, וואָס איז די פאַרקערפּערונג פון אַלדאָס בייז און פון אַלע מענטשלעכע זינד. ווי איך פאַרשטיי דאָס וואָרט „אַנטיקריסט”, איז עס ניט איין פאַרשוין, דאָס איז א גאַנצער קלאַל, א פאַרשאָלטענע אײדע. און די דאָזיקע אײדע, קעדיי צו דערמעגלעכן דעם צוריק־קום פונעם אויסלייזער, מוז מען פריִער אָפּרײַסן פון זייער פאַלשער עמונע. דערגרייכן קאָן מען עס אָדער דורך אויסשמאַדן זיי אַלע ביז איינעם, אָדער דורך פאַרטיליקן זיי ביזן לעצטן. דעמלט וועט אָפּדערעמעסן אַנטשטיין דאָס הימלישע קיניגרײַך אָף דער ערד, דאָס מאַלכוס שאָמאַיִם!

דער פויפּסט האָט גאָר אָנגעקוואָלן פון דאָנינס רייד. ער האָט אָנגעהויבן געפינען א טאַם אינעם פײַערדיקן היצן זיך פון אָט דעם זעלאָט[3], בייס ער רעדט וועגן זײַנע ברידער. צי מע קאָן מיט אים מאַסקים זײַן, צי ניט, נאָר ס׳טוט האַנאָע צוצוזען, ווי דער מענטש איז מיט לײַב און נעשאָמע צוגעבונדן צום נײַעם גלויבן.

דאָנין, פון זײַן זײַט, איז זיכער געווען, אז דער איצטיקער גאָטס פאַרטרעטער, אינאָקענטיוס דער דריטער, איז פאַרבלענדט פון א דורכויס פאַלשן געדאַנק, פון דער לאַכלוטן אומזיסטער האָפענונג, אז אים וועט זיך סאָפקאָלסאָף אײַנגעבן פאַרווירקלעכן דעם דוירעסלאַנגן טויזנטיאָריקן באַגער פון דער קריסטלעכער וועלט, און אז ער טראָגט זיך ארום מיט דעם טרוים, אז ער וועט באַווײַזן דעם גרויסן ווונדער פון „דעם אַלגעמיינעם ארײַנקום פון די ייִדן אינעם הייכל פונעם ריכטיקן גלויבן”. און צוליב דעם, האַלט ער, אינאָקענטיוס דער דריטער, אז זייער לײַב דאַרף אָפּגעהיט ווערן, ווײַל, וואָס מער די צאָל — אַלץ גרעסער דער נעס. דעריבער איז ער דער שאַרפסטער קעגנער פון אוועלכער־ס׳איז פאַרניכטונג און האַלט,

---

[1] פויפּסטלעכער צירקוליאַר־געשריפט; [2] אויסשליסונג פון דער קירך; [3] דאָ: רעליגיִעזער פאַנאַטיקער.

אז מע דאַרף זיי בלויז דערנידעריקן, זיי ברענגען צו דער מאַדרייגע, אַז זיי זאָלן זיך געפֿינען אפֿן לעצטן שטאַפּל פֿון דער געזעלשאַפֿט. דער גאַנצער האַמוין־אַם, די שטאָט־בירגער, די פּויערים, אַפֿילו די לײַבייגענע זאָלן זיך האַלטן כּאַשעווער און שטיין העכער פֿון זיי. מע דאַרף זיי פֿאַרוואַנדלען אין די געמיינסטע ווערזנס. דער פּלעבס[1] וועט זײַן צופֿרידן האָבן אונטער זיך לאַכלוטן דערשלאָגענע רעכטלאָזע באַשעפֿענישן, איבער וועלכע מע קאָן זיך איזדיעקעווען, טאָן מיט זיי וואָס מע וויל. דעמלט וועלן די פֿאַרשקלאַפֿטע זיך אַליין קערן צו דער הייליקער קירך.

דאָניִן גלייבט ניט אין דעם פּויפּסטס אײַנריידעניש. נאָר ער איז פֿונדעסטוועגן שטענדיק מוכן־אומזומען אויסצוזוכן קאָל־האַמינים טאַכבולעס, אַבי ס'זאָל צו שטאַנד קומען דערי־קער די ערשטע העלפֿט פֿונעם הייליקן פֿאָטערס ווילן, און דאָס ווײַטערדיקע... דאָס איז שוין געוואָנדט אין זיי אַליין, אין די פֿאַראַקשנטע פֿאַרנאַרישטע ייִדלאַקעס.

דערפֿאַר האָט אים ווי מיט אַ דראָנג איבערן קאָפּ געטראָפֿן, ווען ער האָט אַנומלטן דערזען אינמיטן העלן טאָג בײַ דער טיר פֿונעם פּויפּסטס שלאָפֿצימער שטיין אַ ייִדן. אַ פֿאַרשעמטן אַלטן ייִד מיט באָרד און פּייעס, אָט אַזאַ ווי דער טאַטע זײַנער! ס'איז בײַ אים אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון. ער איז מאַמעש פֿאַרשטיינערט געוואָרן דאָס זעענדיק, אָבער אינגאַנצן מעוווּלוול איז ער געוואָרן, ווען ער האָט דערזען, ווי די טיר האָט זיך געעפֿנט און דאָס ייִדישע באַשעפֿעניש איז אַהין ארײַנגעבעטן געוואָרן. וואָס הייסט עס? זאָל דאָס עפּשער גאָר זײַן עמעץ, וואָס איז געקומען אָפּ צו גיין אין זײַנע דראָכים? אַזוינער, וואָס וועט זיך אים שטעלן אין וועג, ווי אַ ביין אין האַלדז? און זע נאָר — ער ווערט ארײַנגעלאָזן אינעם פּויפּסטס מאָקעם־מענוכע, אין זײַן כּיידער־מעיוכעד, ווו ער, דאָניִן, וועט קיינמאָל ניט ארײַנדרינגען! דער קאָפּ האָט זיך אים געשפּאָלטן פֿון דעם, און ער איז אַוועק פֿון דאָרטן אַ צעטומלטער.

אָבער ווען ער זאָל ניט געווען אַזוי גיך אַוועק פֿונדאַנען, וואָלט ער געזען נאָך דעם אַרויסגיין דעם ייִדן אין דער באַגלייטונג פֿונעם פּויפּסט, און אויף אַ טראָט הינטער זיי איז נאָכגעגאַן דער פּויפּסטלעכער דאָקטער אַמאַרי דע אַמיציוס מיט אַ פֿאַרדעקטן בעכער אין האַנט, און ביידע — דער הייליקער פֿאָטער און זײַן רופֿע — האָבן זייער ערנסט עפּעס אַרומגערעדט מיט דעם ייִד. און געווען איז דער דאָזיקער ייִד יויעלס פֿאָטער, דער אַלטער יוסף בען מייער זאַבאַרע.

[1] האַמוין.

(פֿאַרזעצונג קומט)

אַלץ, וואָס איז דעם מענטש געגעבן

העמשער

כ׳בין ניט דער אָנהייב, ניט דער סאָף,
כ׳בין ניט די הייך און ניט דער מיטן.
ווי ס׳וואָלט מיך אופגעוועקט פון שלאָף,
ווען אף א כאָלעם כ׳האָב געריטן.

ניט אויסגעטאָן נאָך פון זײַן שפּיל,
איך קנײַפּ מײַן גוף און רײַב די אויגן,
אָט טאפּט שוין אָן מײַן פוס דעם דיל —
דער שלאָף אף פּיצלעך ווערט צעפלויגן.

און ווען איך טו דעם ערשטן טראָט,
מיר קומט די וואָר אפסנײַ אנטקעגן —
איך גיב זיך אָפּ אף איר באראָט,
ווי אָפן ווינט א פרײַער זעגל.

איך זע: מע זייט — א לעבן העלט,
עס רוישט, עס הילכט אין הייסן פלאקער,
כ׳באנעם: א העמשער דארף די וועלט,
און כ׳שפּאַן זיך ווידער אײַן אין אקער.

פאר מי איך זוך ניט קיין געשאנק,
קיין אָרדענס דארף מען אויך ניט געבן.
אבי אין פעלד וואקסט אויך מײַן זאנג —
איז ניט אומזיסט געווען מײַן לעבן.

מיטלײַד

וואָס זשע זאָל איך טאָן, אז ס׳טוט מיר ווײ
יעדער אומרעכט, יעדעס מינדסטע שטרויכל?

ווען ס׳קומט אויס צו גיין אף פרישן שניי,
זיך אליין איך קאָן ניט זײַן דאן מויכל.
ס׳דוכט מיר אויס: אונטער מײַן טראָט ער
שרײַט,
פונקט ווי ראכמים פאר זײַן ריינקײַט בעט ער...

אינעם שפּעטן הארבסט פון דעם איך לײַד,
וואָס עס טרעט מײַן פוס אף געלע בלעטער.

ווען די הייסע זון באם פעלד, וואָס רוט,
סארפּעגדיק זויגט אויס דאָס זאפטיק לעבן,
וואָלט איך יעדן גרעזעלע מײַן בלוט
טראָפּן נאָך א טראָפּן אָפּגעגעבן...

ס׳איז פון שוואכקײַט? צי פון דעם עס קומט,
וואָס אָן מיטלײַד ווערט די וועלט מיר ליידיק?
וואָס זשע זאָל איך טאָן, אז ווי א ווונד
יעדער אומרעכט אין מײַן הארצן ווייטעקט?

טרוים און וואָר

ווי לאנג די וועלט שטייט, האָבן וואָר און טרוים
געאמפּערט זיך סײַ אָפן, סײַ באהאלטן.

— איך ווייס ניט פון קיין ראמען, פון קיין צוים, —
דער טרוים פלעגט זאָגן, — ווער וועט מיך פארהאלטן?
איך הייס, און ס׳נעמט דער מענטש אין איין מינוט
ארײַנדרינגען אין סאמע טיפסטע סוידעס,
איך וויל — ער שטרעבט, און שיק איך אים — ער טוט,
אָן מיר זײַן לעבן אומנוצלעך און טויט איז!

— א שווינדל ס׳איז! — די וואָר מיט אים זיך שפּאַרט. —
ווען אין די פּוסטע מײַסעס וואָלט מען גלויבן,
וואָלסט אייביק, מיין איך, בלויז דעם מענטש גענאַרט,
מיט לופט־פּלענער די אויגן אים פאַרשטויבן...

נאָר ס׳האָט דער מענטש דעם טרוים מיט וואָר באַפרײַנד׳ט,
מיט זיי אין הויכע ווײַטן גוט איז גיין אים:
מיט כאָכמע און מיט מי זײַנער באַשײַנט,
זיי שאַפן אַלץ, וואָס נאָר ער וויל, אינײינעם...

ס ט י ר ע

ס׳זאָל ניט זײַן צו אַלץ קיין הייפּעך,
אויסגעזען ווי וואָלט די וועלט?
גאָר א סאַך, אַפּאָנעם, גלייב איך,
וואָלט צו שליימעס איר געפעלט.

פלאַטשיק, הויל און בלויז, פאַרשטיי איך,
זי געווען וואָלט, מינאַסטאַם —
אָן א פאַרב און אָן א רייעך,
אָן א זין און אָן א טאַם.

זײַטן צוויי פון איין מאַטבייע —
און א ניסל ס׳איז א האַרטס:
ווער אין איר די גרעסטע דייע
האָט, ווען אויסקלײַבן דו דאַרפסט?

אָדער עמעס — אָדער ליגן?
אָדער כאַשכעס — אָדער שײַן?
איינס מיט אַנדערן זיך קריגן —
ווער וועט וועמען גויווער זײַן?

פרייד — צי אומעט? גנאָד — צי גזיילע?
זאַלב — צי שטראָף? א היץ — א קעלט?
ס׳וואָלט געווען א פּוסטע קיילע,
און דערצו — קאַפּויער געשטעלט.

גליק — און אומגליק, טויט — און לעבן,
קלאָלע — בראָכע, גוטס — און שלעכטס...
אַלץ, וואָס איז דעם מענטש געגעבן,
נעמען האָט ער זיך די רעכט.

און ווי גוט, וואָס שאַרף דײַן אויג איז
און ס׳איז פילבאַר־וואַך דײַן האַרץ —
אָפּצוקלײַבן אין מאַכלויקעס
דאָס, צו וועלכן שטרעבסט און גאַרסט.

לויב די סטירע — ניט די פּשאָרע,
און אין קאַמף זאָל — ס׳איז דײַן כּיוו —
זיגן ניט דער יעיצערהאָרע,
נאָר, פאַרקערט, דער יעיצערטויוו!

מ ו ז י ק

אין זאַל אין פולן ערשט נאָרוואָס
א טויטע שטילקײַט איז געהאַנגען,
און מיטאַמאָל געטאָן א גאָס
האָט זיך א טײַך מיט וווּנדער־קלאַנגען.

ניטאָ קיין זאַל, ניטאָ קיין ווענט,
פאַרשוווּנדן באַלד איז אַלץ געוואָרן,
און אונטער צויבערדיקע הענט
א קישעף־כאָלעם ווערט געבאָרן.

און ניט קיין סטרונעס — קאָנסט דאָס קאָל
פון אייביקײַט אַצינד דערשפּירן,
מיט גאַנצן לעבן אים באַצאָל,
אַבי דעם כאָלעם ניט פאַרלירן.

דאָס טײַערסטע געשאַנק

איך ווייס, איך ווייס — ס׳איז אויסגעטראַכט,
ס׳איז פון א מײַסעלע גענומען,
אַז כאַוועס ניט פון מוטערס טראַכט
איז אויף דער העלער וועלט געקומען.

נאָר ווי דאָס איז דאָרט ניט געווען,
מיט גאַנצן סייכל איך באַנעם עס,
מיר גלויבן ווילט זיך, אַז געשען
איז טאַקע אָט אַזוי בעעמעס.

ווײַל ווי דאָס טײַערסטע געשאַנק,
וואָס ס׳האָט דער גוירל מיר געגעבן,
געוואָרן ביסטו שוין פון לאַנג
מײַן זעל, מײַן גײַסט, מײַן לײַב־און־לעבן.

וואָס זשע טוסטו

וואָס זשע טוסטו, גאזלען וואָס דו ביסט?
מיינסט, דו קערסט פון טראָטואר דאָס מיסט?
מיינסט, דעם שטויב דעם שטיקנדיקן קערסט?
ווארף אוועק דעם בעזעם דײַנעם — הערסט!

וואג ניט רירן דאָ דעם מינדסטן שטיין —
ווי פון גאָלד געקאָוועט, איז ער ריין.

שאַ... ס׳איז עפּשער נאָכאמאָל איר טראָט...
דאָ האָב איך איר אויסגעזאָגט דעם סאָד.
ס׳האָט דער אָוונט אלע זײַנע ליכט
אָפּגעשפּיגלט דאָן אַף איר געזיכט.

און פון דעמלט — ווו איך זאָל ניט זײַן,
כ׳דארף באנאכט ניט אײַנשליסן די שײַן.
לויפן נאָך ביז איצט אהער כ׳בין גרייט,
דורכגיין גרייט דעם וועג דאָ בלינדערהייט.

ווארף אוועק דעם בעזעם, קערער, ווארף —
ס׳מינדסטע שטויבל אָפּגילדן מע דארף!

וואָס זשע טוסטו, גאזלען וואָס דו ביסט?
מיינסט אוודע, אז דו קערסט דאָס מיסט?
ריין דו מאכסט די גאס, דיר ווײַזט זיך אויס? —
די נעשאָמע קערסט פון מיר ארויס!

שאפונג־גײַסט

דער דין פון גאָט
א פּאָנעם פון א מענטש
האָט שטרענג און הארב פארווערט דעם קינסטלער מאָלן.
און ווער עס איז מיט מוט געווען געבענטשט,
האָט מיטן לעבן זײַנס געדארפט באצאָלן.

ניט אַף פּאפּירוס, לײַוונט צי אַף זײַד,
און ניט אַף האָלץ, און ניט אַף שטיין צי אײַזן
האָט ניט געטאָרט קיין פארב, קיין פען, קיין קרײַד
אַן אויסזען פון א פּראָסטן מענטש באווײַזן.

נאָר ס׳האָט דער גײַסט אין קינסטלערס הארץ געברענט,
און פארב און שטיין אים פלעגן פלײַסיק דינען —
ארויסגעבראכט עס האָבן זײַנע הענט
געשטאלטן פון זײַן דאָר מיקאָל האמינים.

געמאָלט א לייב — פארקערפּערט האָט ער קראַפט,
א הירש געמאָלט — באטײַט ס׳האָט גוטס און שנעלקײַט,
א טויב — די רו, א שלאנג — וואָס בייזס פארשאפט,
א אינד — די ליבע מיט איר כיין און העלקײַט.

און ווען דערזען פון הימל־הייך האָט גאָט,
אז וויפל שטראָף דעם מענטש ניט דראָען זאָלן,
אומשטערבלעך איז זײַן קונסט, — דערלויבט ער האָט
אפילע אים אליין, דעם בוירע, מאָלן...

ס׳האָט פּאָשעט וויסן אים, ווײַזט אויס, געפעלט,
קעדיי פארשטיין און באם געדאנק זיך כאפּן:
ניט ער דעם מענטש געבראכט האָט אַף דער וועלט,
נאָר גאָר פארקערט — דער מענטש האָט אים געשאפן...

איציק קיפּניס

פון רעדאקציע: נאָכן טויט פונעם גרויסן סאָוועטישן ייִדישן שרײַבער איציק קיפּניס ווערט געפירט אַן ארבעט אַף צונויפזאמלען און סיסטעמאטיזירן זײַן ליטעראַרישע ירושה. בא דער געלעגנהײַט ווענדן מיר זיך צו אַלע לייענער, שרײַבער, קולטור־טוער, בא וועמען עס זײַנען פאראַן דעם שרײַבערס מאנוסקריפּטן, בריוו, פּאָטאָס, זיי אונדז איבערגעבן — רעפּראָדוצירט אָדער אין אָריגינאַלן.

ס׳פעלט א מענטש

...אַף שטיינער אייניקע
פון נאָך א שוך א קוטיקן, א נאַסן
געפעלט האָט היינט א שפור —
און גאַר...

ד. האָפשטיין

די ביבליאָטעק, וווהין איך קום אַרײַן, איז מיר באַליבט ניט נאָר מיט אירע מענטשן — אַפילע די פּאָליצעס און די שאַפעס, ווו ס׳זײַנען דאָ ביכער פון א גאַנץ יאָר און ביכער יאָמטעוודיקע מיט טײַערע אײַנבונדן, וואָס צו אַזעלכע שאַפעס גייט מען מיט א שליסל אין די הענט און מיט א געוויסער דערעכערעצדיקײַט אין האַרצן, אַפילע דער אַרײַנגאַנג אין ביבליאָטעק מיט די פאַרשיידענע דרייענדיקע טרעפּלעך צום לייען־זאַל און צום אבאָנעמענט־צימער — אַלץ איז מיר דאָרט ליב און נאָענט.

איצט איז מיר דאָרט עפּעס געמינערט געוואָרן. עפּעס ניט אַלע פון דעם ברייטן לייענער־עוילעם ווייסן פון דעם, אָבער די אַקטיווע און אָפטערע אײַנגייער ווייסן עס גוט און סע טוט יעדן פון זיי א ברי אַפילע באַם איבערטרעטן די שוועל.

דאָ האָט זיך געפעלט א מענטש. און גאַנץ אומגעריכט, איבער א גאָרנישט מיט נישט. נאָר קיין קוויטל מיט קיין גאַראַנטיע קען מען דאָך אַף אַזעלכע זאַכן ניט אַרויסנעמען.

אין א ביבליאָטעק פון א גרויסן פאַרנעם איז, ווי איר ווייסט, די ארבעט אײַנגעטיילט אַף פאַרשיידענע פאַכן: ווער סע ארבעט אין לייען־זאַל, ווער — באַם אבאָנעמענט, ווער ס׳איז בא דער אָנפירונג, בא דער ווירטשאַפט, ווער ס׳אינווענטאַריזירט די ביכער און ווער ס׳אַרבעט ליפנײַ וועליפנים — אין דער טיף פון די זאַלן צווישן די פּאָליצעס און די שאַפעס אין דעם סאַמע אינווייניק פונעם ביכער־אוצער.

דער לעצטער איז עפּשער צווישן ברייטן לייענער־עוילעם ווינציק אָנגעזען, אָבער יעכיידײַ־סגולע קענען אים גוט. זיי קומען אַפילע צו אים אָפּט נאָך א טויווע. אַדאַנק זײַן געניטקײַט און צוגעלאָזנקײַט גראָבן זיי דאָ אויס אַזעלכע אַנטיקלעך, וואָס ווער וואָלט זיך גאָר צו זיי דערלאַנגט.

דאָוויד־יעשוע אַקעריַזן איז פֿון יאָרן אָן דאָ אין ביבליאָטעק געווען אָט דער פּאַק־קענער און וויכטיקער מענטש, וואָס, קומענדיק אַף דער אַרבעט, פֿלעגט ער גלײַך פֿאַרשלונגען ווערן צווישן דער טונקלקייט, וואָס איז מיט פּאָלי־צעס אַרומגעשטעלט, ווו יעדער פּאָר גאַנג־פּאָליצעס איז פּאָר זיך אַן אַלקער אָדער אַ גאַנצע דירע.

ער האָט אין איינעם פֿון די דאָזיקע „אַלקי־רעס" געהאַט אויך זײַן שרײַב־טישל, זײַן זיך־אָרט מיט אַ פּאָר שטולכלעך זײַנע, ווײַל מענטשן ליבהאָבער פֿלעגן אַהערצו צו אים טרעפֿן, מיט אָדער אָן ספּעציעלער דערלויבע־ניש פֿלעגן זיי צו אים אַפּזוכן דעם וועג און אַפּאַרברענגען אַ היפּשע ווײַלע.

זײַן פֿאַמיליען־נאָמען איז טאַקע אַקעריַזן, נאָר ער איז ווײַט אָפּגעשיידט פֿון אײַזן. ער איז דאָס, וואָס מע רופֿט אָן אַ שטיק רוכניעס: דריבנע און גענוג דאַר, אויך גאַנץ וואַכעדיק געקליידט. מיט זײַן כאַנען, דער ליבער, עט־וואָס פּולבלעכער פּרוי, פֿאַרמאָגן זיי צוויי גע־ראָטענע זין, וואָס אַפֿילו צווישן געראָטענע זעט מען ווינציק אַזעלכע. ס'איז אויך דאָ אַ שוויגער, דעם ווײַבס מוטער, וועלכע מע האַלט אין קאָוועד אי צוליב דעם, וואָס זי איז עס ווערט, און סײַווי איז דען עפּעס אַ נײַס, אַז בײַ איידעלע קולטורעלע מענטשן, אַפֿילו ניט קיין פֿאַרמעגלעכע איז אַן עלטערע מוטער צו־געזען און אין קאָוועד?! די פֿאַרדינסטן אַף אַזעלכע שטעלעס זײַנען, ווי געוויינלעך, ניט קיין גרויסע, איז פֿאַרשטאַנדיק, אַז פֿון על־כעט ווערט מען ניט פֿעט!

אויב עס איז בײַ אים עפּעס יאָ געווען פֿון זײַן פֿאַמיליען־נאָמען, איז דאָס אײַזערנע אָדער בלעכענע רעמל פֿון די ברילן, וואָס זײַנען אויך געווען ניט הוילע אײַזן, ערטערווײַז זײַנען די האַלאָבליעס געווען צוגעפּעסטיקט מיט אַ בײַ־וועלע, אַ שוואַרץ צי אַ ווײַס — קיין כּילעק ניט, וועלכע ס'האָט זיך אין דער נייטיקער רעגע געמאַכט. אָבער אַף זײַן מאָגער־געגאָלטן פּאָנעם מיט די קליינע האַרטלעכע וואַנציעס איז שטענדיק געווען עפּעס אַ דערהויבנקייט, אויך אַ צופֿרידנקייט, ווען מענטשן האָבן בײַ אים אָפּגעזוכט אַן ענטפֿער אַף אַ פֿראַגע, מיט וועלכער זיי האָבן זיך יאָרן אַרומגעטראָגן. דאָס הייסט, ניט בײַ אים דירעקט, נאָר בײַ די ביכער! אָבער בײַ די ביכער, וואָס ער האָט פֿון די טיפֿסטע טיפֿן געקענט אַרויסבאַקומען און אַמאָל אַפֿילו אָנווײַזן אָפּן בלעטל, זײַט און שורע. דאַן איז צו זײַן פֿרייד, כאָטש זי האָט זיך אויס־געדריקט מער אין זשעסטן, ווי אין ווערטער, גאָר קיין שיר ניט געווען. די ברילן אַף דער נאָז און בײַ די אויערן האָבן זיך באַוועגט, דער שטערן האָט געשמייכלט. יאָ, אַפֿילו דער שטערן האָט געשמייכלט... פֿרייד פֿון ניצאָכן, ניצאָכן, פֿאַרשטייט זיך, פֿונעם בעסערן אַרט, איז געווען אין זײַן אומרו.

אינעם ערשטן האַלבן טאָג פֿלעגט ער איי־נער אַליין זיך גראָבן אין די ביכער. אין דער דאָזיקער שטילקייט פֿלעגט זיך צו אים ווען־ניט־ווען פֿאַרגאַנווענען דער יעיצערהאָרע, אָט דער אונטערזאָגער און אונטערקוקער, וואָס לאָזט קיינעם ניט דורך. אָבער צופֿיל האָט דאָוויד־יעשוע אים ניט געלאָזט געוועלטיקן. איין שפּאַרונקעלע האָט ער נאָר פֿאַר אים איבערגעלאָזן אַ פֿרײַס — דאָס איז די שוואַכ־קייט צו אַ געוויינלעכן קאָוון. אַקעריַזן איז אַליין אַרויסגעקומען פֿון כערסאָנער קאַנטן, אַזוי אַז ווער־ווער — ער האָט געהאַט אַ געפֿיל אין אַ גוטן קאָוון.

אין קיִעוו זײַנען אויך דאָ אַלע זומער קאָוו־נעס גאַנץ גענוג, אָבער די קעשענע!..

„ליכשיי־יאַרכיוו", — פֿלעגט ער מיטן איינ־ציקן טערעץ אָפּשטופּן דעם יעיצערהאָרע. „ליכשיי־יאַרכיוו וועלן מיר זיך פֿאַרגינען אַ קאָוון אויך, נאָר זײַן וועט עס שוין אַ קאָוון פֿון קאָוון־לאַנד. אַף וועמען, אַף וועמען — אַף מיר מעגט איר זיך שוין פֿאַרלאָזן. איך וועל אין קיין געגנאַרטער סכוירע ניט פֿאַרקריכן". און ער פֿילט, ווי די זאַפֿט פֿון דעם געהויבענעם קאָוון לויפֿט איבער דער באָרד.

סע פֿלעגט אים אויך אַמאָל אויסקומען שטיין לעם אַבאָנעמענט. אַ מיטאַרבעטער איז געגאַנ־גען אין אורלויב, אָדער בלויִמע דאָווידאָוונע האָט זיך אַף אַ פּאָר טעג אָפּגעבעטן באַם די־רעקטאָר.

דער אַבאָנעמענט איז אים אויך געווען שטאַרק צום האַרצן, ער האָט זייער העפֿלעך און מיט אַלע גרייטקײַטן באַדינט דעם לייע־נער, נאָר באַהיט גאָט, טאָמער האָט מען אָפּגע־בראַכט אַ בוך מיט אַ ראָד פֿון אַ הייסער גלאָז טיי אַף אַ טאָוועלע, אָדער גלאַט מיט אַ פֿעטן פֿלעק, צי מיט אַ שרײַב פֿון אַ בלײַשטיפֿט — אין אַזאַ פֿאַל מעג מען שוין דעם לייענער ניט מעקאַנע זײַן. דאָ האָט מען זיך שוין ניט גע־קענט אָפּוואַשן פֿון אים מיט קיין צען וואַסערן. אַ קליינקייט — אַ בוך! אַ בוך איז דאָך די הייליקייט אַליין, סע שפּײַזט דעם מויעך און די נעשאָמע פֿון דעם מענטשן. און נאָך ווע־מעס אַ בוך?! פּערעצעס! דעם גרויסן פּערעצעס אַ בוך!

וואָס עמעס, איז עמעס. ער איז טאַקע געווען פֿאַרליבט אין פּערעצן, אַ פֿאַרברענטער כאָסיד. וועגן פּערעצן, אויב ס'איז נאָר דאָ מיט וועמען, האָט ער געקענט אוועקרעדן אַ שאָ און מע־רער. פֿאַרשטייט זיך, ניט מיט יעדן.

ער האָט שוין געוווּסט מיט וועמען וועגן וואָס צו ריידן: ווער ס'איז אַ פּראָפֿעסאָר אַף ספּי־

נאָזען און פאַר װעמען ס'איז גענוג אַ כאַיִם זשיטלאָװסקי. נו, אכאַד־האַאָם, — פאַר אים האָט ער אַ באַזונדער פּאָליצע, צו אים װעט ער טרעפן אַפילע אין דער פינצטער!.. מאָזעס מענדעלסאָנען האָט ער ניט נאָר אין דײַטש. נאָר דער װערט שױן אַ ביסל פאַרעלטערט... קורץ, צו װאָס זאָלן מיר אַ סאַך ברײַען, ס'האָט זיך געמאַכט אַ טאָג אַ גאַנץ אומגעריכטער! כאָטש... ריכטן האָט מען זיך געמעגט אױך אָף אים. װאָס איז? ער איז פון די, װאָס מע קױפט צװײ פאַר אַ גראָשן? נישקאָשע, די שרײַבערלעך, די יונגע הענדעלעך, די „בנײ־האַנעװיִים”, װי אײנער פון זײַנע מיטשמועסער, מע מעג אַפילע זאָגן װער — דער ברײטער ציכטיק־אָנגעטאָנער ראַבינאָװיטש מיטן גרױען צוגעשױרענעם בערדל — לײבאָװיטשעס שװער, — פלעגט זײ אַזױ רופן, — איז די זעלבע יונגע הענדעלעך, אַז זײ דרוקן עפּעס אָפּ, קוקן זײ אים ניט אין מױל אַרײַן, װאָס ער װעט זײ זאָגן? זײער שײן קומען זײ צו לױפן צו דאָװיד־יעשוען און בעטן אים נאָך, ער זאָל זײ אױסהערן. און... לײקענען איז ניטאָ װאָס — אױך ער, דאָװיד־יעשוע, האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט צװישן טאָג און נאַכט עפּעס אַ פּורגע טאָן מיט דער פעדער, געבן אַ שרײַב מיט אַ שטיפטל — אַ דאָס, אַ יענץ, אַזױ װי ניט לײגנדיק אָף דעם קײן איבעריקן אַכט — נו, און װײַטער טאַקע עס אָפּשיקן אין „שטערן” אױך... אַלײן האָט ער ניט געטראָגן, נאָר איבערגעגעבן מיט אײנעם פון די יונגע לײצים... און װאָס מײנט איר? ער עפנט אוף אין אײן שײנעם פרימאָרגן דעם פרישן „שטערן”, װאָס שמעקט נאָך מיט פאַרב, װאָס איז נאָך װאַרעם, װי אַ פרישער קוכן ערשט פונעם אױװן אַרױסגענומען, און, אַפילע ניט זוכנדיק לאַנג, טוט זיך אים אַ װאָרף אין די אױגן מיט גרױסע אױסיִעס: „די ליבע פונעם פאָלקס־מענטש צום בוך”... און געכאַסמעט, פאַרשטײט זיך, מיט דרײַ בוכשטאַבן: „ד. י. א”.

מאָלט אײַך, װאָס װאָלט עס עמעצן געשאַדט, װען ער גײט אַרױס מיט זײַן פולן נאָמען — דאָװיד־יעשוע אַקערײַזן? נאָר מײלע — אַניװעס, ניט אַניװעס... כאַפּט זי דער גוטעריאָר, די אַניװעס, זײַן כאַנע װעט אים בעפּײרעש פירהאַלטן דערפאַר — װאָס איז טאַקע? נעכײַ װאָלט נאָך עמעצער געװוּסט, אָף װאָס דאָװיד־יעשוע אַקערײַזן איז פײיִק?!

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיט דער בײנערדיקער קני אָף דעם שטולכן; מיט דעם מאָגערן ברוסטקאַסטן — אינעם טיש. די בלאַט פאַנאַנדערגעלײגט אין דער גאַנצער גרײס, איבערגעלײענט דאָס אַרטיקעלע (אָדער נאָטיץ) פון אַלעף ביז טאָף, און בא אים האָבן געשמײכלט די ברילן, די אױסגעגאָלטע באַקן, דער שטערן אַפילע.

הערסט אַ מײַסע? די „מאַמזײרים” האָבן ניט אָנגערירט קײן אײן אָס אַפילע! ניט געקירצט, ניט געריכטעװעט. נישקאָשע, מע האָט פאַר אים דערעכערעץ — טשעסט־טשעסטין!

און... פונעם ביסל האָנאָראַר, מעג זיך שױן אַפילע קערן די װעלט, װעט זײַן אַ קאַװן מיט אַלע קאַװאָנעס, אַ קאַװן אַשער לױ קאַװענו אַװױסײנו!

נו, דאָװיד־יעשוע, ביזװאַנען איז דער שיר שלאָגן בײַדעקעס? טאָן דאַרף מען שױן גאָרניט?

און דאָװיד־יעשוע האָט זיך גענומען אַ פרײלעכער צו דער אַרבעט. גאַנצע סטאָסן ביכער און ביכלעך זײַנען בא אים מאַמעש געפלױגן. ער האָט זײ פלינק געקערעװעט, אַרופגעבעטן צו זיך אָפן טישל, זיך מיט זײ „דורכגעשמועסט” און גלײַך מיט דער בעסטער אָרדענונג זײ באַשטאַט אָף זײער נײטיקן פּלאַץ. ס'איז בא אים געװען אַ טאָג שױן אײנמאָל אַ טאָג!

אין קורצע װאָכן אַרום, װען אײנער פון די יונגע הענדלער האָט אים מעגאַלע־סאָד געװען, אַז מע צאָלט שױן הײַנט אױס דעם האָנאָראַר, האָט ער אײנעם פון די מיטאַרבעטער געמאָלדן, אַז ער גײט ערגעץ צו אָף עטלעכע מינוט. אין אַ קנאַפּער שאָ אַרום װעט ער זײַן צוריק.

דער װאַרעמער גערױמער דרױסן האָט אָף אים אָן עטעם געטאָן מיט פרישקײַט און מיט באַטאָגעדיקער ליכט. ער פילט ניט דעם קערפּער זײַנעם, די פיס טראָגן אים גרינג, װי אַ פעדערל, איבער די רױשיקע ניט געװױנטע גאַסן.

װוּהין צו גײן װײסט ער. ער האָט זיך צוגעשטעלט צום פענצטערל, װי אַ באַלעבאָס, װאָס האָט צו שאַפן איבער זײַנס, ניט אַראָפּגענומען די ברילן, מיט אָן אונטערגעהױבענעם קאָפּ געשטעלט זײַן כסימע. דער קאַסירער האָט אים העפלעך דערלאַנגט דאָס װינציקע ביסל פּאַפּיר־געלט. און גײ זאָג עפּעס.

מיט געלט איז אָן אָן ערעך גרינגער אָפן האַרצן װי אָן געלט! און... דאָװיד־יעשוע האָט זיך געלאָזן... װוּהין?.. ער װײסט שױן װוּהין. טאַקע ניט װײַט פון ביבליִאָטעק, אײן קװאַרטאַל אײנגאַנצן געפינט זיך דער גלאָז־געדעקטער עמעס־גרױסאַרטיקער מאַרק — אָף דער בעסאַראַבקע. דאָ איז אַ ביסל טונקל און שאָטנדיק, נאָר ס'מאַכט ניט אױס, דאָװיד־יעשוע האָט זיך אַ מאַקיר געטאָן מיטן בליק: צו װעלכן באַרג מיט קאַװענעס זאָל ער װענדן זײַן בליק? יאָ, אָט דער־אָ באַרג מיט זיסער גערעטעניש, װאָס די מאַמע־ערד האָט אונדז געגעבן, איז אים אַמערסטן געפעלן...

ער האָט דורך די ברילן אַ װאָרף געטאָן אַ

בליק צו יענעם־אָ קאוון מיט דער טונקל־ברוינער הויט. די ברייטלעכע מיטליאָריקע און באַטאמטע פארקויפערן האָט אים מיט איר גוטן פארגעניגנדיקן שמייכל דערלאנגט דאָס געפּאָדערטע. זי זעט, אז זי האָט דאָ צו טאָן מיט אזא איינעם, וואָס האָט א געפיל אין די דאָזיקע זאכן, נו, ווי דען?

א דריק געטאָן דעם געזונטאצקן קאוון, א קלאַפּ געטאָן ווי א געניטער דאָקטער מיט צוויי שפּיץ פינגער פון דער רעכטער האנט, מיט צוויי — פון דער לינקער. דאָס אינווייניקסטע פון דעם קאוון האָט אָפּגעענטפערט מיטן געווונטשענעם קלאנג. נו, נאטירלעך, סע גייט. מע קען זיך צעצאָלן.

פון קיין אויסגאָב האָט דאָוויד־יעשוע אפילע ניט געוואָלט הערן. ווער רעכנט זיך עס מיט אזעלכע קלייניקײַטן?

דער קאוון האָט קיין אײַנהאָרע אין זיך אָנגענומען געגנוג וואָג. נאָר מיילע, מירן זיך שוין מיט אים ווי־עס־איז אן אייצע געבן. די קוינים, וועלכע שווימען ארײַן דורך די אײַזן־געפלאָכטענע טויערן אהער צו דעם גלאָז־געדעקטן מארק, לאָזן ניט דורך דאָוויד־יעשוען: יעדערער טוט א פרעג מיט היספּײַלעס:

— זע נאָר א קאוון! ווי האָט איר עס אים דערטאַפּט אזעלכן?!

— איַי, א קאוון! שוין איינמאָל א קאוון!

אנדערע זײַנען אפילע אים גרייט געוועזן בעטן, ער זאָל זיך אף א רעגע אומקערן און מיט זײַן מעווינעס אויך פאר זיי עפּעס אײַנהאנדלען.

דאָוויד־יעשוע פארשפּאָרט זיך מיט דעם אלעמען איבערנעמען: אייסעך־וואָס, קאוונעס בא אים אף כערסאָנשטשינע אויך א באטרעף!

ער האָט זיך גענעענטערט צום ארויסגאנג פון די געפלאָכטענע אײַזערנע ריזן־טירן. צוזאמען מיטן שווערן קאוון האָט ער געטראָגן אין זיך ניט קיין געוויינלעכע פרייד. דעם קאוון וועט מען, פארשטייט זיך, ניט עפענען, ביז די קינדער וועלן קומען פון זייערע געגנגען און כאנע זײַנע און אלע וועלן זײַן אין דער היים. ווארמעס עסן זיי קעסיידער שפּעט, וועט מען נאָכן עסן בעטן מיט דער נייטיקער זעלבסטווירדע דעם גרויסן ניקעלנעם מעסער, אים באַקוקן פון אלע זײַטן און אָן א בראָכע שעכטן דאָס דאָזיקע קאוונדל. אונטערן מעסער וועט די קאָרע א טרישטשע טאָן, און איבער דער בלוטיקער רויטקײַט מיט די שווארצע גלאנציקע יאָדערלעך וועט זיך באווײַזן א פראָסט... נו, מע פארשטייט עס!.. דאָס ערשטע ריפּטל וועט ער דערלאנגען דער שוויגער — כאנעס אלטער מוטער. דאָס צווייטע — כאנען אליין. דערנאָך וועט ער א קוק טאָן אף זײַנע ביידע קיין אײַנהאָרע געראָטענע קינדער, אז נאָר וואקסן זאָלן זיי אין פרייד און אין נאכעס, שוין קיין אײַנהאָרע איינמאָל געראָטענע,... און צום לעצטן וועט ער זיך אליין אוועקזעצן צום טיש און מאכן שעכעיאָנו איבער א גראָבלעך זאפטיק ריפּטל — טרינק און זופּ און שלינג און זענעפטיק זיך!

ער האָט עס אלץ זיך זייער לעבעדיק פאָרגעשטעלט. נישקאָשע — ער איז קיין אײַנהאָרע רײַך, ווי אלע רײַכע מיט זײַן שטוב־געזינד!..

ווען ער איז שוין געוועזן לעבן די געפלאָכטענע אײַזערנע טויערן און אפילע אויסער זיי, דער קאוון איז דאָך די גרייס און די שווער אוואדע א דריטכיילעק פון אים אינגאנצן, האָט ער זיך א וויג געטאָן און עס האָט זיך געטראָפן דאָס, וואָס ס׳זאָל זיך מיט קיינעם ניט טרעפן: דער קאוון האָט זיך בא אים ארויסגעגליטשט פון די אָפּגעשוואכטע הענט. ניין, פריִער האָט זיך דער לינקער פוס בא אים א גליטש געטאָן איבער א מיִעס שטיקל צעקוועטשט באקלאזשאן, און ער איז אומגעפאלן מיטן קאוון אינאיינעם. דער קאוון האָט זיך צעלאָפּעט, און בא דאָוויד־יעשוען — דער קאָפּ, די פלייצע און אלע איידורים. אין געדאנק האָט נאָך בא אים א בליץ געטאָן, אז די טײַערע, געגארטע און שוין אָט־אָט דערגרייכטע זאך איז מיטאמאָל כאָרעוו און מוכרעוו געוואָרן. נישט צו פאריכטן און ניט אומצוקערן.

וואָס זאָגט איר? ס׳איז געוועזן אנדערש? א שווערע לאסטמאשין האָט אים פריִער זייער ניט איידל און אומגעריכט א שטארקן שטויס געטאָן און פונקט אין דעם זעלבן אויגנבליק האָט ער זיך אויסגעגליטשט? מעגלעך, אז עס איז טאקע אזוי, ווי איר זאָגט, אָבער פון דערפון איז דאָך ניט געוואָרן גרינגער.

פונוואנען האָט זיך גאָר גענומען אהער אזא אָנגעלאָף מיט מענטשן? און די שיך דאָוויד־יעשועס?.. אין זייער גאנצער נעבעכדיקײַט האָבן זײַנע אויסגעריבענע שיך אנטפלעקט זייערע אָפּגעטראָגענע פּאָדעשוועס אנטקעגן דעם דרויסן און אנטקעגן דער זון, וואָס האָט אזוי ווייך געשײַנט. זי האָט עס אוואדע ניט געוואָלט צוזען און ווײַזן פארן אָנגעלאָף דאָוויד־יעשועס גרויסן בראָך, ראכמאָנע־ליצלאָן, נאָר פארקוקן האָט זי זיך אויך ניט געקענט.

מע האָט אים פארטראָגן אין אן אפטייק, — זאָגט איר? — גוטע מענטשן האָבן זיך געפורנען? — מע האָט אים געלייגט אין א מאשין פון גיכער הילף? — פונוואנען זאָל ער עס אלץ געדענקען?.. עמעס, דער שפּיטאָל־צימער האָט יאָ א בלענד געטאָן מיט זײַן לופטיקער גערוימקײַט און דער ברינזלדיקער ווײַסקײַט פון דעם פריש־געפרעסטן וועש. דאָס געדענקט ער. און פונוואנען האָבן זיך גענומען אין זײַן קראנקער פארהלושעטער פאָרשטעלונג די רויטע שפּיצי־

קע ברוכשטיקער פונעם צעלאָפּעטן קאַוון? זיי וואַלגערן זיך פאַרשוועכטע און פאַרוואָרלאָזטע איבערן פּאַרקויטיקטן צעמענטענעם ברוק לעם סאַמע מאַרק. נו, מיילע. ס'טרעפט זיך... און איצט, וואָס וועט זײַן מיט אים אַליין? טאַקע מיט דאָוויד־יעשוע אַקערבײַזן? צו פּלוצעם... צו גיך... די דאָקטוירים, די מעדשוועסטער זײַנען צו אים אַלע אויסערסט גוט. מילד. מיט מוטערישער צאַרטקייט רירן זיי זיך אָן אין אים יעדעס מאָל. אים דוכט זיך, אַז זיי גלעטן אים, נאָר ער דערקענט זיי שוואַך.

פּאַרנאַכט, מע זאָל זאָגן, אַז ס'איז אים געווען גרינגער? וואָרעם איינע אַ מעדשוועסטער אין אַ ווײַסן כאַלאַט, אויבנוף אָנגעטאָן, האָט ער אַזוי ווי יאָ דערקענט. דאָס איז געווען זײַן כאַנע! ווער האָט זי אַהער אַרײַנגעלאָזט? זי האָט אַפילו געבראַכט אַ קליין האַרטינק ווײַסהויטיק קאַוונדל. וואָס איז? זי ווייסט ניט, אַז ער האָט גערן קאַוונעס? און נאָך עפּעס האָט זי געבראַכט אין אַ ווײַסן ריינעם פּאַפּיר. נאַריש. ער איז דען עפּעס אַ פרעמדער, וואָס מע דאַרף צו אים גיין מיט מאַטאָנעס? פאַר אים איז זי אַליין אַ מאַטאָנע! ער האָט זי, דוכט זיך, געבעטן, צי געוואָלט בעטן, זי זאָל אין דער היים די קינדער נישט מעצאַער זײַן. די ערשטע פּולקע, ווי סע פירט זיך, דאַרף מען געבן דער אַלטער מוטער. ס'וועט קלעקן פאַר איטלעכן.

כאַנע איז אוועק מיט רויטע געשוואָלענע אויגן. גאַנצפרי וועט זי דאָ זײַן פונדאָסנײַ...

אים איז געווען ניט שלעכט אָף דער קילער פרישער ווײַסקייט. דער קאָפּ האָט אים נאָר אומדערטרעגלעך געריסן און ס'האָט אים עפּעס שטאַרק באַנק געטאָן. פונקט ווי עפּעס און עמעצער זײַנען ווערט געווען, מע זאָל זיי לאַנג, לאַנג ניט מויכל זײַן.

באַנאַכט זײַנען ווײַטער לעם אים געווען די שוועסטער. ס'איז עפּעס איין לאַנגע, זייער לאַנגע שטיק צײַט, וואָס איז צעטיילט אָף אַ סאַך באַזונדערע נאַכט־טישטעכער, וועלכע גייען איינס נאָך איינס, נאָר קיין איין פענצטער, קיין איין דורכלויכט איז צווישן זיי ניטאָ.

דאָוויד־יעשוע, אויב דאָס איז געווען ער, האָט געדענקט, אויב דאָס הייסט געדענקען, אַז ער איז אַ ייִנגל נאָך בא דער מאַמען אין דער היים... דעם ברודער דעם קאַליקע, ווען ער זשאַלעוועט קעסיידער, פירט ער אים אַרויס אָף זײַן רעדלדיקער שטול אין הויף אַרײַן. אין הויף איז אויך פינצטער, אָבער דו פילסט, אַז וווּ דו טוסט זיך ניט קיין קער, איז דאָרט פול מיט קאַוונעס. בערג מיט קאַוונעס. אי בײַכיקע, אי לענגעכיקע, אי טונקל־גרינע, אי ווײַסע. אים איז גוט, וואָס ער טוט עפּעס גוטס דעם קאַליקן ברודער. נאָר פּלוצעם האָט זיך געגעבן אַ דריי דער געלעגער פון אונטער אים אַזוי פּריקרע, פונקט ווי דאָס בעטל וואָלט אים געוואָלט אויסשיטן פון אַ גרויסער הייך און גאָר אָן ראַכמאָנעס. אָט־אָט וועט ער אַ זאָג טאָן: „מאַמע, ס'איז מיר שאָפּל", נאָר דאָס האַרץ איז, ווײַזט אויס, געווען צופיל אָפּגענוצט, אַ דין פעדעמל האָט זיך מלאָסנע אָפּגעריסן — אַ פליאַמע פינצטערניש, ווי אַ פעלד אין דער גרייס, האָט מיטאַמאָל אַלץ פאַרדעקט, און שוין, ס'איז שוין אינגאַנצן ניטאָ, וואָס איז נאַרוואָס געווען.

שוין. אַלץ. נישט צו פאַריכטן! נישט אומצוקערן, ניטאָ מער דער, וואָס איז נאַרוואָס געווען. דער, וואָס מיר קענען מיט די בלעכענע, ערטערווײַז אונטערגעבונדענע ברילן, אַ מענטש, וואָס האָט געקענט ערלעך האַלטן אַ בוך. אַ מענטש, וואָס זײַן אַרעמקייט האָט אים ניט געשטערט צו לעבן אין ווירדע און אין מענטשלעכן שטאָלץ... עמעס, די אייביקע איינצלנע שוועל איז איבערגעשפּאַנט. איצטער איז שוין דאָ „אַלץ פאַרגעבן". איצט איז שוין דאָ אייביקע פרײַהײַט און פולקומע רו.

• • •

די עלעקטרישע לאָמפּן האָבן געפלאַקערט אינעם ריינעם לאַנגן שפּיטאָל־קאָרידאָר, וואָס האָט געהילכט אין די אויערן פון דער באַנאַכטיקער שטילקײַט.

צוויי יונגינקע דאָקטערנס, אָדער סטודענטן־פּראַקטיקאַנטן זײַנען מונטער געגאַנגען אין זייערע בלענדנדיקע כאַלאַטלעך. די שלאַנקע אָפּצאַסלעך האָבן דרייסט זיך אָפּגעקלאַפּט אין די, ווי ריינע קיילים, אויסגעווישטע דיל־קאַפּעלן.

דערזען, ווי צוויי סאַניטאַרן פירן אַרויס אַ בעטל מיט איינעם אַזאַ, וואָס דאַרף מער ניט זײַן אין פּאַלאַטע, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. איינע זאָגט מיט אַ מינוטיקער בענקשאַפט אָף איר יונג־אויסגעצויגן געזיכט:

— זע דעם שמייכל, וואָס איז אָף אים אַרופּגעקומען. ס'איז אַ שמייכל פון אַלץ פאַרגעבן.

— ניין, — האָט די צווייטע, די שוואַרץ־געקרויזטע, עטוואָס דינערע פון דער ערשטער, געזאָגט. — דו זעסט ניט, אַז אַ פאַרלאַנג איז בא אים אויסגעגאַנגען אינעם שמייכל, אַ פאַרלאַנג, וואָס האָט זיך ניט דערוואַרט אָף קיין באַפרידיקונג?

די סאַניטאַרן האָבן אָפּגעקערעוועט מיט זייער גרינגער מאַסע באַם ערשטן דורכגאַנג רעכטס, און ביידע יונגע קינדער האָבן אין דער שפּעטער הילכנדיקער שטילקײַט אוועקגעקלונגען מיט זייערע שלאַנקע יונגע אָפּצאַסלעך איבער דער ווײַטערדיקער לענג פונעם צעלויכטענעם קאָרידאָר. זיי האָבן צוריק געפילט אַ טאַם אין דעם, וואָס עס שטייט זיי

פאָר מאָרגן אין אָוונט. זיי האָבן פּונקט געענדיקט צונויפפּריידן זיך, ווען און ווו זיי וועלן זיך מאָרגן טרעפן צוזאמען מיט זייערע ביידע יינגלעך לעם גרויסן טעאטער. בילעטן זײַנען שוין פאַרגרייט. לעמעשעוו — לענסקי. וויפל פאַרגעניגן, וויפל פריידיקע אויסגעשרייען בעשאַסן אפּלאָדירן.

איך האָב ליב מײַן ביבליאָטעק. איך האָב ליב די מענטשן. די פּעק מיט ביכער, אפילע די ווענט, די טרעפּ און דעם ארײַנגאנג אהין. נאָר איצט קלעמט מיך עפּעס. ס'איז נאָך צו פריש... יאָ, ער האָט גראדע געהאט א שיינע לעוויַע, מוזיק, א פאָן, און פיל מענטשן זײַנען נאָכגעגאַן, אויך די רעדעס זײַנען געווען אופּריכטיקע, אָבער וועגן דעם אלעמען האָט דאָווידיעשוע דאָך די מינדסטע פאָרשטעלונג ניט געהאט בא זײַן לעבן. ער האָט געוווּסט, אז ער דאַרף ארבעטן און ערלעך האַלטן זײַן ארבעט. ער האָט שטארק ליב און ערלעך געהאלטן זײַן שטוב: כאנע... די אלטע מוטער, ביידע לויכטנדע קינדער!

יאָ... כאָטש אין דער איצטיקער אָוונט־שאָ, ווען די לאָמפּן ברענען געמיטלעך, דער אבאָנעמענט און די לייען־זאלן ארבעטן, לעזער קומען צו גיין און גייען אוועק, אין דער שאָ מוז דאָרט אין דער טיף צווישן די פּאָליצעס קיינער ניט זײַן. אין די אָוונט־שאָען פלעגט ער דאָך ניט ארבעטן, אָבער איך פאַרטראַכט זיך און עס שטעלט זיך מיר לעבעדיק פאָר, אז סײַווי איז ער דאָרטן דאָ. מיט שטילע אומגעהערטע טריט, מיט אן אופגעהויבענעם קאָפּ צו די אייבערשטע פּאָליצעס, מיט די געשטוקעווע בלעכענע ברילן גייט ער זיך ארום, אָט דער ווירדיקער מאָגערער אָרנטלעכער מענטש. די מײַסע מיטן קאָוון איז א בייזע אומגעריכטע אויסטראַכטעניש. א קליין טראָפּנדל פליסיקײַט, וואָס האָט אינמיטן זאָד זיך ארויסגעשפּריצט פונעם גרויסן ריזיקן טאָפּ, וואָס הייסט צײַט, וואָס הייסט לעבן.

קיין שום קאָוון איז דאָ ניטאָ, ס'איז דאָ דער מענטש...

װעגן אײגענער אָפּפּרישונג. אויך וועגן דעם נעס בא נאכשענען מיט זײַן שטוב=געזינד

אנטקעגן דעם, וואָס איז געקומען צו רייד... זי זאָגט:

— שרײַב עפּעס אָן.

— וויאזוי קען איך שרײַבן, אז איך ווייס שוין ניט פונוואנען עס הייבט זיך אָן, צו וואָס מע דאַרף עס און וווהין קען עס טויגן?

זאָגן זיי:

— טאָ שרײַב ניט.

זאָג איך:

— יאָ, נאָר וואָס איז דער טאכלעס פון אזוי גאָרנישט ניט טאָן? ביפראט איך האָב, דוכט זיך, אמאָל אזוי ווי יאָ געשריבן?

זאָגט זי צו מיר (מיר זײַנען געבליבן אין זיגערטנדל אינצווייען אליין):

— דערפאר זאָג איך טאקע, אז דו האָסט דאָך געקענט שרײַבן. קלאָר, אז וועסט קענען איצטער אויך. נעם זיך נאָר ניט צום הארצן. זעץ זיך אוועק, נעם פּאפּיר... אָט פּאָר איך אין שטאָט און ברענג דיר פּאפּיר. און נעם א טינט און פען. שא, אָן שטייט, דוכט זיך, אפן פענצטער א טינטערל! ס'איז אויסגעטריקנט? גיס צו א ביסעלע וואסער. איין ביסעלע! און די פען? אָן־אָ יענע? ס'איז ניט קיין פאַרזשאווערטע, זי דראפּעט אביסעלע? ניין. זי וועט שרײַבן. זעץ זיך אוועק, איך בעט דיך, און שרײַב עפּעס אָן. אפילע מע וועט עס ניט דרוקן, מאכט אויך ניט אויס. טו עס מיר צוליב. איך האָב אזוי ליב אלץ, וואָס דו שרײַבסט.

— עפּשער בעסער אזוי דערציילן?

— דערציילן, — זאָגט זי, — איז אויכעט גוט, נאָר איך האָב זייער ליב דײַן שרײַבן. האָב ניט קיין מוירע, שרײַב דערווײַל אָן א קליינינקזאכעלע, און דו וועסט עס מיר איבערלייענען, דערנאָך א גרעסערס, דערנאָך נאָך א גרעסערס...

אירע רייד צעגייען זיך מיר אין הארצן. איך קוק אף איר, איך וואָלט מיט אזא כיישעק זי ארומגענומען און איר אויסגעקושט, ווו זי האָט נאָר אן אייווער. שיינע אייוורים בא איר. באַטאמטע. איך קוק צו איר, ווי איך וואָלט זיך בא איר געבעטן, זי זאָל ריידן נאָך. אירע בליקן ריידן צו מײַן הארצן און צו מײַן האלב־פאַרשלאָפענעם שעמעוודיקן געמיט. איך וואָלט צו איר צוגעפאלן. איך וואָלט זי שטיל, געשמאַק און פארצויגן געקושט, אָבער דאַן וועט זי עפּשער אנדערש קוקן. און איצט קוקט זי מיט

אזא מילדקייט צו מיר אין הארצן אריין. מעגלעך, אז מע דארף זיך איינשטעלן און אָנהייבן שרייבן. אומזיסט וואָלט זי דאָך ניט געזאָגט.

— טאָ זאָל איך עפּשער שרייבן, — זאָג איך, — וועגן נאכשענען?

— נו, יאָ, — ענטפערט זי מיר א געטרייסטע, — שרייב דערווייל וועגן נאכשענען.

און זי קוקט צו מיר גוט, ווי צו א געזונטווערנדיק קינד.

איך בין עס אלע מאָל אזוי זשעדנע. שוין באלד פינף און צוואנציק יאָר, אז מיר זיינען ביידע, נו... מע קען ריידן פראָסט, אונדזערע ביידע געראָטענע קינדער זיינען שוין אויסגעוואקסן און צוליב זיי אליין מעגן מיר זיין איינס אין דעם אנדערן פארליבט. נאָר ווייסט עס דאָס גוטע יאָר, זייער ווינציק, ביז גאָר ווינציק זיינען פאר מיר אויסגעפאלן אינעם מעשעך פון גוטע און שלעכטע דורכגעלעבטע יאָרן, פון גרינגע און שווערע שאָען, פון ליכטיקע און פון כּוישעכדיקע, זייער ווינציק זיינען פאר מיר אויסגעפאלן אזעלכע גוטע מינוטן, אָבער זיי זיינען געווען. זיי זיינען צעזייט, די ליכטיקע שעמערירנדיקע פינטעלעך, ווי לויכטנדיקע דימענטלעך איבערן הימל־טוך פון מיין לעבן. זי האָט צו מיר געזאָגט מער ווי איין מאָל — און דאָס פלעגט אפילע קומען אין שאָען פון פּיינבּולער צעקריגטקייט, עס פלעגט קומען אזוי פּלוצעמדיק און אומגעריכט פאר אונדז ביידן... נישט „איצעלע” פלעגט זי מיר זאָגן, און נישט „שיין מיינע”, אָנשטאָט דעם פלעגט קומען א מיטאמאָל אויסגעלייטערטער שטילשווייגן, ווי מילדע זונען־שיין באלד נאָך א רעגן, און איך הער, ווי זי ווענדט זיך צו מיר שטיל, ווי מיט א זאך, פון וועלכער ס'מוז אונדז ביידן ארויסקומען גוטס: „לעש ניט אויס, — זאָגט זי, — דיין לאמטערנדל (דיין נייר־טאָמיד)”. מיט אנדערע ווערטער קען מען עס אויסטייטשן: „פארשלאָף ניט די מינוט... דאָס הייליקע פייער קען נאָך אויסגיין”...

ריבוינעשעלוילעם! וואָס איז עס, דאָס דאָזיקע, וואָס זי שעצט אין מיר אזוי הויך?! וואָס זי דערמאָנט עס מיט אזא שטילן פון אינווייניק באלויכטענעם רעספּעקט און אין מעשעך פון א פערטל יאָרהונדערט האָב איך עס עטלעכע מאָל פון איר געהערט. סיי אין ליכטיקע טעג, סיי אין פינצטערע-פינצטערע צייטן. אלע מאָל, ווי איך דערמאָן מיך, האָט זי עס מיר אָנגערופן מיט איין און דעם זעלבן נאָמען, אין וועלכן עס פילט זיך אזא טיפער, איידעלער, נאָר ביז ווייטעק קלאָרער באגריף. אָט הערט זיך איר אומיסטן צו צו דעם וואָרט: „לעש ניט אויס דיין לאמטערנדל...”

מיין ליבע און געגארטע! וואָס האָסטו עס אזעלכס דערקענט אין מיר?! צי דען האָסטו דערשפּירט אין מיין וועזן עפּעס אזא הייל־קוואל און דיר גייט אויס דאָס הארץ, טאָמער בין איך צופיל פארשווענדעריש בענעגייע מיין אומזעבארן אויצער? און מע זעט, דו ביסט נישט אויסן קיין זעלבסטנוץ. דיין גיריקייט צו מיין אינווייניקסטער רייכקייט, וואָס אליין איך האָב נאָך פאר דעם קיין האסאָגע ניט, איז עפּעס פון גאָר א הויכער מאדרייגע... ווייט פון אייגננוץ, און אין דער זעלבער צייט איז, ווי זי וואָלט פילן אף זיך א טייל שולד, אויב דאָס פייערל וועט אויסגיין, אויב דאָס קוועלעכל וועט פארשמאכט ווערן...

איצט גיט זי מיר נאָך מיט איר ליבן ציטער:

— נו, יאָ, מע קען פון נאכשענען.

כאָטש זי ווייסט נאָך ניט אף קלאָר, ווער דער נאכשען איז.

נו, גוט. פאר א האסכאָלע זאָל זיין דאָס, וואָס האָט זיך פארלאָפן בא נאכשענען. פארלאָפן האָט זיך דאָרט א מייסע (ווערליק די מאָס פון צייט) א קורצע, נאָר א פּיינלעך ווילדע. געלויבט איז דער אייבערשטער פאר דעם נעס, פארן גליקלעכן אויסגאנג.

פארלאָפן האָט עס אין דאָרף, ווו איך האָב זיך צייטווייליק באזעצט. דאָס דאָרף קען זיך שוין רעכענען פאר א בימקוים הַיִּשוב. ס'איז נאָענט — א סימען, אז זי כאפּט זיך אראָפּ פון מאָל צו מאָל אף צוויי, אף דריי שאָ מיך זען, מיט מיר זיצן א ביסל און דעריקער אליין דערגיין — וואָס זשע איז עס פאָרט מיט מיין שוואכן געזונט?

אינעם דאָזיקן גאנץ פארמעגלעכן דאָרף האָב איך זיך נאָך ניט דערוואָרבן קיין פריינט, קיין גוטע באקאנטע און גלאט באקאנטע. נאָר אַן אויג האָב איך געוואָרפן אף נאכשענס שטוב, איך ווייס אליין ניט צוליב וואָס.

דער אלטער גיסט פאנאנדער גאזע אפן מארק־פלאץ. די קוינים שטייען מיט זייערע בידאָנען, בלעכלעך און בוטלען. אלע טאָג ארבעט ער פון גאנצפרי ביז מיטיק. ער צעווישט מיט א שטיקל צייטונגס־פּאפּיר די הענט, נעמט געלט, גיט אויסגאָב, גלייכט זיך דערביי אף א רעגע אויס מיט זיין שיינער הייך. א ייִד בא די זיבעציק, זיין גראָוו־ווערנדיק געשוירן בערדל איז שוין אליין אלט גוטע פופציק. נאָר די אויגן זיינען יונג, דאָס מויל עפנט זיך אלעמאָל אף זאָגן א געמיטלעך, דערמונטערנדיק וואָרט, און ער קען טאקע א ביסל לערנען אויך.

איך ווייס ניט, א זערנע פאר קומענדיקער פריינטשאפט האָט זיך אומבאמערקט ערגעץ צווישן אונדז פארזייט.

איינמאָל הערן מיר, מיר האָבן עס געזען אויך, ס'איז געקומען א זומערדיקער שטורעם מיט א זודיקן שלאקסרעגן טאקע אין מאמאָשעסדיקן זין פון וואָרט. דער שטורעם האָט אָנגעארבעט א ביסל ווילדע פּיין אין אן איין האָר — אומויסגאנגלעכן אומגליק, שרעק און אומזין. איצט — פארקערט — גלייבט זיך שוין ווער, ווי זשע איז עס מעגלעך געווען אזא גליקלעכער אויסגאנג?

נאכשען, א הויכוואוקסיקער, קנאָכיקער ייִד, א גלייכע שטאלט, יונגע אויגן, דאָס גראָווע בערדל, וואָס באברעמט זיין געזיכט, איז ניט באלעסטנדיק, פארקערט — עס גיט אים צו עפּעס גרינגשאפט. זיין שטים האָט א רייעך און

א קאָליר פון וואַרעמער, לײַכט־אײַנגעברוינטער מילך. אויב איר ווילט מיר גלייבן אָדער כאָטש נאָכגעבן, אַז א שטים קען האָבן א רייעך מיט א קאָליר.

מיטן ערשטן ווײַב האָט ער ניט געהאַט קיין קינדער. דעריבער קען מען שוין פאַרשטיין, ווי טײַער עס איז בײַ אים זײַן איצטיק ווײַב זלאַטע, דעם סקווירער שויכעטס טאָכטער. ער האָט, א דאַנק גאָט, אָפּגעשפּאַרט און אויסגע־כאַוועט מיט איר צוויי טעכטער, ביידע ווי די שפּיגלען. מאַלקע, זאָל זײַן געזונט, איז שוין צו מאַזל א קאַלע, טאַקע דאָ נאָענט. פון שטאָט. און די קלענערע — ציוויעלע — אין איר פּאָנעם זיך ניט אײַנקוקן. א קוויטשעלע א יונגס, א שײַנענדיקס, איז נאָך קיין פולע זעכצן ניט אַלט. אָט־אָט ענדיקט זי די שול, ס'זאָל איר קיין בייז אויג ניט שאַטן!

ווען מע זאָל אים ניט אָפּשטעלן, אַפילע בײַ דער שווערסטער אַרבעט, אַפילע בײַם קוי־טיקסטן טאָג פון יעדן יאָר, אַז וועסט אים נאָר א זאָג טאָן ציוויעלע, מאַלקעלע און אַפילע זלאַטע, וועט ער זיך אויסגלײַכן, דאָס בערדל צעשײַנט זיך בײַ אים, די אויגן איז שוין אָפּ־גערעדט, אַז מלאָכים שפּילן זיך אין זיי, און ער וועט אײַך ענטפערן: „קיין אײַנהאָרע ניט"... אַף די ליפּן שוועבט א שמייכל.

טאָמער ווילט איר וויסן, וווּ עס שטייט אײַן גליק, טאָ לאָזט ניט אײַן, גיט א כאַפּ א קוק אַפן דאָזיקן שמייכל.

זייער סעדל פון פאָרנט, אַנטקעגן דעם אַרײַנ־גאַנג אין שטוב צו זיי, איז אויך מאָלע־כּיין. דאַכט זיך, מע לייגט אין דעם ניט אַרײַן קיין קעז און פּוטער, נאָר עס בליט און פאַרגייט זיך, ווי א זאַפּראַווסקער עמעסער סאָד.

באַנאַכט, ווי געזאָגט, איז געווען א יענער שטורעם, וואָס באַגעגענען זיך מיט אים אין פעלד, איז מען טאַקע דאָס כּײַעס ניט זיכער. פון די בליצן מיט די דונערן איז ניט נאָר דער הימל, נאָר די לופט פון אויבן ביז אַראָפּ ווערט געדיכט און קרום אופגעשניטן, אויך די ערד, דוכט זיך, עפנט זיך ביזן בויך און גייט זיך דער־נאָך צוריק צונויף. אָבער די, וואָס שלאָפן אונ־טער א דאַך און אונטער א סטעליע, בא זיך אַפן געלעגער, און דעריקער נאָך א טאָג שווע־רער אַרבעט, קענט איר מיר נאָכגעבן, אַז סע שלאָפט זיך נאָך געשמאַקער.

גאַנצפרי, דער הימל איז צוריק אויסגעלײַ־טערט, די זון וועט באַלד אופשײַנען, די ערד מיט די גראָזן, די ביימער און די פלויטן אַפילע זײַנען אָנגעטרונקען ביז אַריבער.

נאָכשען איז אַרויס מיטן גאַנצפרי צום סעדל־צו. אַפן וועג ליגט פאַר די פיס עפּעס א הענ־גענדיקער לאַנגער דראָט, מינאַסטאַם פון דער עלעקטרע. טאַקע שטאַרק נייטיק, די קינדער זאָלן זיך אין אים פאַרטשעפּען, און נאָכשען בייגט זיך אָן און וויל באַלעבאַטיש א שמיץ טאָן דעם דראָט כאָטש צום שטעלעכל־צו. אָבער אומגעריכט (קיין זאַך האָט נאָך ניט אין זײַן זיבעציקיאָריקן לעבן ניט א שפּאַר געטאָן מיט אַזא טײַוואָלאָנישער אומגעריכטקײַט), ווי א דור־נער פון הימל, האָט פונעם דראָט דערלאַנגט א זעץ עפּעס, ווי א מין קליפּע, אָדער סיטראַארכע באַהיט זאָל מען ווערן, אין האַרצן, אין קאָפּ, אין בויך, אין אַלע אייוורים. דער אַלטער נאָכ־שען האָט אַפילע קיין צײַט ניט געהאַט זיך אָפּצוקריגן. ער ליגט שוין אַף דער ערד און דריגעט מיט די טרוקענע ביינערדיקע פיס און מיט די גרויסע פּראָסטע שיך אַף די גראָבע גומענע זוילן. בא איצטיקער רעגע קען מען זאָגן, אַז דאָס גאַנצע ביסל גליק האָט נאָר געשטעקט טאַקע אין די גומענע זוילן. נאָר וועגן דעם אַן אַנדערשמאָל. די וואַסער אין די געוויקסן, וואָס זײַנען ביז אַרויף אָנגעטרונקען מיט נעץ, האָט זיך דערלאַנגט צו דער האַל־באַשע און געשאַפן א שטיקל קאָנטאַקט מיטן טויט־שיקנדיקן שטראָם. נאָכשען ליגט אַף דער ערד, וואַרפט זיך און לאָזט ניט אַרויס פון דער רעכטער האַנט דעם אָפּגעריסענעם דראָט. ציו־ויעלע איז אַרויס צום גערטנדל, א קוק טאָן אַף דער זון נאָכן רעגן. פּלוצעם דערזעט זי אין איינע שרעק, אַז דער טאַטע ליגט אַף דער ערד און סע וואַרפט אים, ווי אין א קאַדאָכעס. איר טאַטע! קיין איין רעגע ניט געקלערט, טוט זי זיך א וואָרף צו אים און פאַלט צו צו זײַנע פיס. ווער האָט זי עס א שלעפּ געטאָן? ווער האָט זי עס מיט אַזא גראָבקײַט אומגעוואָרפן?! זי וועט עס קיינמאָל קיינעם ניט מוחל זײַן. נאָר איצט איז ניט די צײַט. זי קען שוין ניט אויסדרייען דעם קאָפּ, זי קאָן שוין ניט עפענען די אויגן. זי ליגט א געפּלעפטע, און דער טאַטע, דער אייגענער טאַטע, וואָס ציטערט אַזוי שטענדיק איבער איר, שלאָגט זי מיט זײַנע שווערע שיך אין זײַט אַרײַן, אין עלנבויגן און אין אַקסל.

אַף די רייד איז זלאַטע אַרויס מיטן קוישל מיט א גרינג שאַלעכל אַפן אַקסל. מע דאַרף דאָך צוגיין אין מאַרק, עפּעס ברענגען אַף אָנ־בײַסן. זי האָט נאָר אַן עפן געטאָן זייער היל־צערנע ברייטע הויזנטיר, אַזוי איז זי גלײַך אַפן גאַנעק פאַרגליווערט געוואָרן פונעם שוי־דערלעכן בילד: נאָכשען ליגט דאָך אָן־אָ אַף דער ערד! באַהיט זאָל מען ווערן, ער וואַרפט זיך ווי אין א קאַדאָכעס, און ציוויעלע, זי וויל אים נעבעך אופהייבן, אָבער זי אַליין שטעלט זיך עפּעס ניט אוף.

— א קלאָג צו מיר! — בא זלאַטען האָט זיך אַרויסגעגליטשט דאָס קוישל פון דער האַנט, דאָס שאַלעכל איז אַראָפּגעפאַלן אַף דער נאַסער ערד. זי האָט זיך א לאָז געטאָן אין גערטנדל און... א דאַנק גאָט, זי ליגט שוין אויך!

וויאַזוי האָט עס מאַלקע דערהערט, געדענקט קיינער ניט, זי אַליין געדענקט שוין אויך ניט. נאָר די, וואָס האָבן זיך אופגעקליבן אַף איר זינגענדיק צעצויגענעם געשריי, האָבן געזען פאַר זיך א שיין נאַקעט מיידל בא די צוואַנציק, די פיס באָרוועס, דאָס העמד רוקט זיך אַראָפּ פון די הוילע ווייכע מיידלשע אַקסלען. מיט א טונקלען בעגעד עמעצנס פאַרשטעלט זי אַזוי

ווי דעם אָפּענעם בוזעם, און סע ניגנט זיך בא איר א געוויין, א וואַנזיניק־צעצויגן געשריי. די אויגן פארגלאָזט פון טרערן, זעען גאָרניט, זי ווענדט זיך ווייך מיט איר פארוויינטן פּאָנעם צום אָנגעלויף:

— גוטע מענטשן, — פּליסטערט זי, — דער טאטע איז געהארגעט, די מאמע איז געהארגעט, ציוויע, די איינציקע שוועסטער מײַנע, איז געהארגעט. הארגעט מיך אויך, גוטע מענטשן, וואָרעם איך וועל עס ניט איבערלעבן!

מע קוקט אפן מיידל, ס׳וואָלט זיך וועלן זי אויסקושן, מע האָט ראכמאָנעס אפן מיידל, אָבער א סאך פון די פריש־צוגעקומענע זײַנען נאָך ערשט פון די געלעגערס און מע ווייסט ניט, וואָס דאָ קומט פאָר.

כיניע, א ייִדישע שכיינע, א גרויסמאכערן, א ניט־פארגינערן, א מארשאס, אלץ איניינעם, רופט זיך ארויס:

— טוט נאָר א קוק, וואָס איז זי עס ארויס מיט אזא דעקאָלטע?.. מיט אזא וויינענדיקן מײַנעלאָשן? ס׳האָט זיך דאָ אזעלכס גאָרניט ניט געטראָפן. זיי האָבן געכאפּט דאָס פאלנדיקע, און שוין. ס׳איז א נײַס בא גאָט? זיי וועלן זיך ווארפן און ווארפן און וועלן באלד אופהערן!

אָבער מאלקע הערט קיינעם ניט. זי בעט זיך בא די מענטשן מיטן זעלבן ניגן: טײַערע מענטשן, מײַן טאַטע איז געהארגעט, מײַן מאמע איז געהארגעט און אזוי ווײַטער און ווײַטער, אָן אן אָנהייב און אָן א סאָף.

לעם הויף האָבן זיך שוין אופגעקליבן היפּשלעך מענטשן. ווער ס׳איז בלויז נײַגעריק, הונגעריק אף א נײַס, און ווער ס׳איז גרייט זיך ארײַנמישן און עפּעס טאָן. מישקע קאָנאָוואל, דער שכיינעס ייִנגל פון אנטקעגן, אים ווילט זיך נעענטער אָנקוקן דאָס נאקעטע מיידל אינעם גארסירטן העמד, אפילע אירע באגלאָזטע אויגן זײַנען פול מיט כיין. אָבער מע דארף דאָך עפּעס טאָן. ער טוט א כאפּ א נאס דרענגל פונעם פּלויט און וויל מיט דעם ארויסקלאפּן דעם דראָט פונעם אלטנס האנט. אָבער ער איז גלײַך אפן אָרט אליין אומגעפאלן. ער איז גערעכט — האָלץ פירט ניט דורך קיין שטראָם, אָבער דאָס דרענגל איז דאָך געווען דורכגעדרונגען מיט וואסער, און וואסער גיט גרינג איבער דעם שטראָם.

כאנע קאצנעלסאָן פונעם נאָענטן געסל, א נאטור ניט קיין פארשלאָפענע, האָט זיך אויך א לאָז געטאָן אהין און איז געבליבן פּלוצעם שטיין אף די קני. זי האָט גלײַך דערפילט, אז די שפּיל איז פאר דעם טײַוול: רוקסטו זיך צו נעענטער — בלײַבסטו אויך ליגן, רוקסטו זיך צוריק, איז וואָס זשע איז דײַן הילף?

— קאלאָשן, מע דארף קאלאָשן!

אף די רייד איז אונטערגעשפּרונגען סאשקע כאלאיעמס. ער לערנט זיך אין שטאָט, און איצט איז ער אף די זומער־קאניקולן אין דער היים. ער האָט שוין געטאָן קליגער. ער האָט גענומען פון שטוב א לאנגן טרוקענעם שטעקן, האָט מיט פּלײַס און מיט אימפּעט ארויסגעקלאפּט דעם דראָט פון נאכשענס צעבאקטער, שווארץ־געוואָרענער האנט, וואָס איז שוין געווען מער אף יענער־וועלט, איידער אף דער.

נאכשען האָט זיך אופגעהערט ווארפן. ווען נאָך איין ביסל, הארגעט ער אזוי די קליינע אינגאנצן. זלאטע האָט געעפנט די אויגן און זיך גלײַך אופגעזעצט, ניט וויסנדיק, וואָס שטייען עס דאָ אזויפיל מענטשן.

צי מע האָט געזאָגט מאזלטאָוו, צי מע האָט זיך אָן ווערטער געפרייט מיטן נעס, אלט און יונג, קליין און גרויס, עס מוז שוין אוודע זײַן גרויסער פרימאָרגן, וואָרעם אָט האָט איר: פונוואנען האָבן זיך עס גענומען אהער צוויי מאשינעס פון „גיכער הילף״? אָט זײַנען די מאָנטיאָרן פון דער עלעקטרע־קאָנטאָר!

די ערשטע איז געווען אף די פיס זלאטע. א ביסל שווערגופּיק און ניט פון די גאָר ריירעוודיקע, האָט זי צום סאמע ערשטן ארײַנגעפירט מאלקען אין שטוב ארײַן.

— א נײַס א ביסל, — זאָגט זי, — איך לעב דאָך, איך בין דאָ.

איצט דארף מען גיין ארײַנבלאָזן א ביסעלע אָטעם אין ציוויעלען.

נאכשען שעמט זיך פארן אוילעם מיט מענטשן — מערער פרויען און קינדער. ער זיצט שוין אויך, א דאנקען גאָט, נאָר אים איז נאָך שווער זיך אופצושטעלן.

דוכט זיך, מינוטן, אָבער מיט וויפל שײַן און אופקום זײַנען זיי געווען דורכגעזאפּט פאר די, וואָס זײַנען פונסנײַ אף דער־וועלט געקומען, און אויך פאר די, וואָס זײַנען דאָ בײַגעווען און עס צוגעזען מיט זייערע אייגענע אויגן.

ווילד־פרעמדע זײַנען געוואָרן אייגענע. טאָרטן, ווײַנען, פרוכטן מיט אײַנגעמאכצן, שוין אָפּגערעדט פון בלומען, זײַנען אהער געגאנגען ווי דורך א קאָנווייער.

נאכשען מיט דער אונטערגעבונדענער האנט און זלאטע די אופגעריכטע און יונג־געוואָרענע זײַנען איצט געווען דיד־דא־באבא. נאכשען איז מיט דער פארבונדענער האנט ארומגעגאנגען, ווי א זיגער, וואָס האָט זיך געשלאָגן מיטן טויט אליין און אים בײַגעקומען.

זלאטע איז געווען האלב אין שטוב, האלב אין שפּיטאָל. ציוויעלען האָט מען נאָך אהיים ניט געוואָלט אָפּלאָזן. זי האָט דאָך נעבעך ארײַנגעכאפּט מער פון אלעמען. מאלקע איז באם כאָסן. אליין לאָזט ער זי ניט אָפּ אף קיין טראָט. אויב קומען זען, וואָס טוען די עלטערן, קומט ער מיט איר צוזאמען.

דאָס דאָרף האָט זיך געוויגט פון אזא געשעעניש. פריִער האָט מען זיך זאט ניט געקענט אָנדערציילן איינס דעם צווייטן. דערנאָך האָבן עס די שטאָט־לײַט איבערגעגעבן מיט אלע פּיטשטשעווקעס בא זיך אין דער היים. אלע האָבן איבערדערציילט די געשעעניש מיט פרייד, פונקט ווי יעדערער האָט פון דעם אויסגעשפּילט אן אייגן שטיקעלע ניצאָכן. און פארוואָס דען ניט? אפילע איך, וואָס האָב נאָך אוי־

סער נאכשענען מיט זלאטען און די קינדער ניט פארפירט דאָ קיין באקאנטשאפט, מיינט איר, אז איך פיל ניט אין דעם קיין נייצאָכן!

צום לעבן, צום לעבן, מײַנע טײַערע, איך האָב אויך, ניט הײַנט געדאכט, געהאט אף זיך פוראַניעס און שלעק און האָף נאָך אויך זיך אומקערן צום לעבן.

די יאָרן זײַנען נאָך אזעלכע, וואָס אבי שאָלעם און א ביסעלע געזונט...

ברידער

(דער „ראָוו“ און דער „סאָלדאט“)

זיי זײַנען אינגאנצן ניט געווען געראָטן איינס אינעם צווייטן, סײַדן דאָס, וואָס זיי זײַנעןביידע געווען געלע.

בא זאלמענען מיט דער לאנגער ווײַסער באָרד איז דער גאנג שטענדיק א פאמעלעכער, רעדן רעדט ער שטיל, בעניִמעס, כאָטש פון די אויגן קוקט ארויס א קלוגער שמייכל, פונעם שמועס — א גלײַכוואָרט.

בא פײַוויש־בערעלען דערלעבט דאָס בערדעלע קיינמאָל נישט אויסוואקסן מער, ווי ער ברויכט עס. דאָס קורצלעכע נעזל זעט אויס ווי א קירפאטע. פון די אויגן שפריצט מיט געלעכטער, און זײַן גענגעלע הערט מען פאר א ווערסט, פונקט ווי די עטוואָס הויכלעכע אָפּצאסן פון זײַנע אויסגעפוצטע שטיוול וואָלטן געווען איינס מיטן טומלדיקן באלעבאָס מיט זייערן.

ביידע — אי זאלמען, אי פײַוויש־בערעלע — זײַנען לײַבלעכע ברידער, פון איין טאטן, פון איין מאמען, און ביידע זײַנען זיי שוסטער בניי־שוסטער און וווינען אלע יאָרן אין איין און דעם זעלבן דאָרף.

צו יעדן פון זיי, ווער ס'פארגייט אין שטוב, וועט נישט ארויס פון דאָרט קיין הונגעריקער; פאר א דורכפאָרער איז דאָרט גרייט א נאכטלעגער און א גוט געמיט, סײַ בא דעם באלעבאָס אליין, סײַ בא דעם גאנצן הויזגעזינד.

די ברידער זײַנען אפילע גרייט מעקאנע זײַן איינער דעם צווייטן אף אזא געפינס.

נאָר דאָס איז גאָרנישט.

אף א דאָרפס־ייִדן איז עס נישט קיין כידעש.

באם מיניען האָבן זיי זיך געזען אלע שאַבעס. און אינמיטן דער וואָך פלעגט פײַוויש־בערעלע בא יעדער געלעגנהײַט זיך ארײַנכאפּן צום עלטערן ברודער. אמאָל פעלט אים אויס א קליינער קאפּול, אמאָל לויפט ער פון עפּעס א „כאָזיאַין“, וואָס וווינט פון יענער זײַט הרעבליע, איז וויִאזוי פארלויפט מען נישט איניינוועגס א קוק טאָן, וואָס טוט זיך בא זאלמענען? אזוי טאקע, נאָר אף איין פוס. זיך צוזעצן איז נישט די צײַט. א קוק, א זאָג עפּעס און אוועקגעלאָפן.

א זײַטיקן וואָלט זיך געקענט אויסווײַזן, אז דער גאנצער קיוון פײַוויש־בערעלעס איז באַשטאנען אינדרינען, ער זאָל זיך א רייק טאָן מיטן עלטערן ברודער.

אָט טרעפט ער אים, לאָמיר זאָגן, שטיין שעמענעסרע אינעם גרויסן טאלעס־און־טפילן, דאָרט אין זאלכל לעבן דער קאנאפּע בא דער שטוביקער מיזרעך־וואנט.

דאָ שטעלט אָן פײַוויש־בערעלע זײַן פריילעכן בליק, וואָס מיט די גאָלדענע וויִעס באַקרוינט. זײַנע שטעכיקע קורצע וואָנצעלעך צעגייען זיך, ווי די פריילעכע נעדעלעך — יעדעס הערעלע באזונדער.

— קוק אים נאָר אָן, — טוט ער א ווײַז מיטן פינגער, — די סירניצער ייִדן ווייסן גאָרנישט, וואָס פאר א ראָוו זיי וואָלטן זיך דאָ קאָנען אויסקלײַבן.

זאלמען שטייט רויִק אויס די שעמענעסרע, ענטפערט פײַוויש־בערעלען אפן „גוט־מאָרגן“, און אויב יענער עסט זיך שוין צופיל אײַן אין די ביינער, קאָן ער אים ענטפערן בלויז מיט איין וואָרט:

— מ־מ, סאָלדאט — סאָלדאט!

דוכט זיך, אז זיי האָבן גאָר קיין אנדערע נעמען איינס פארן צווייטן, ווי „ראָוו“ און „סאָלדאט“!

ביידע ברידער באנייען און באשוכן א גאנץ דאָרף מיט פויערים, פויערטעס, יונגע און אלטע.

דער ייִנגערער איז א ביסל רירעוודיקער בא דער ארבעט, דאָס העמערל גייט בא אים פלינקער. דערפאר איז זאלמען מער צונויפגעוואקסן מיטן ווערקשטאט. ווינטער זעצט ער זיך אוועק פארטאָג באם גרויסן לאָמפּ און גייט אוועק שלאָפן ארום עלף באנאכט, ווען די גאנצע גאזע ברענט אויס. זומער הייבט זיך בא אים אָן דער ארבעטסטאָג מיטן קילן פרישן קאיאָר, אז די בעהיימע איז נאָך אפילע אין שטאל נישט גע־

מאָלקן, און זיך אויסגלײַכן גלײַכט ער זיך אויס ערשט דאַן, וועןביילקע ברענגט שוין פאַרנאַכט אַרײַן דאָס אופגעשוימטע מעלקשעפל מילך. ערשט דאַן גלײַכט ער זיך אויס, טוט זיך א צי נאָכן לאַנגן טאָג, גייט אַרויס וווּהין מ׳דאַרף, דערנאָך וואַשט ער די פּאַרמוליעטע הענט און שטעלט זיך אַוועק דאַוונען מינכע.

און ס׳בלײַבט נאָך צײַט אף אויסצורעדן מיט א מענטשן א וואָרט, אָפּזיצן א ביסל אף דער פּריזבע און באַטראַכטן גאָטס וועלט. און דאָס לעבן גייט זיך.

אין די סאַמע ערשטע וואָכן, ווען די פינצטערע בורע מיט דער זאַווערוכע האָבן זיך אָנגערוקט אף אונדזער לאַנד, זײַנען זאַלמענס זין מיטן איידעם, ווי אויך פײַוויש־בערס יאַטן אַוועק זיך אײַנשטעלן פאַרן פאָטערלאַנד, יעדערער פון דעם פּלאַץ און פּאָסטן, ווו ער האָט זיך צו יענער צײַט געפונען.

אַז די סאַקאַנע האָט זיך אָנגעהויבן רוקן נעענטער, האָבן ביידע שוסטער געדונגען פורן און האָבן אָפּגעשיקט די מישפּאָכעס אין שטעטל אַרײַן פאַר 28 קילאָמעטער פון רודניע, און אַליין זײַנען זיי געבליבן היטן דאָס ביסל גוטס.

אין לעדערנעם בענקעלע בא פײַוויש־בערן האָבן געגומען וואַקסן נאָדלען. אַרבעט איז נאָך אפילע דאָ, נאָר ער קאָן נישט אײַנזיצן. ער טוט א וואָרף דעם שטיוול, דאָס העמערל פליט אָפּ אין א זײַט, ער פאַרמאַכט די טיר פון דרויסן אף דער קליאַמקע און טוט א לויף דורך דעם זאַמדיקן דאָרף פאַרבײַ דעם ברייטן קלויסטער־פּלאַץ. ער כאַפּט א שמעק אין דאָרפסראַט. דאָרט איז אַלץ קעסיידער עמעצער דאָ. פון דאָרטן דאַרף מען נאָר איבערשפּאַנען דאָס קליינע בריקל, איז שוין זאַלמענס נידעריק גאַנעקל מיט דער הויז־טיר.

דער ווערקשטאַט זאַלמענס, נישט געקוקט דערויף, וואָס די גאַנצע שטוב איז איצט ליידיק, שטייט זיך אף זײַן אַלטן אָרט אין קיך אַרום פענצטער.

— נו, ראָוו, ווער איר עפּעס זאָגן?

פײַוויש־בערעלע פלעגט אויסשיסן די דאָזיקע עטלעכע ווערטער און זיך אונטערגעבן פרייילעכקײַט. אָבער אפן ליידיקן מאָגן גייט קיין טאַנץ נישט.

זאַלמען טוט א טיפן זיפץ. און דאָ האָסטו שוין דעם גאַנצן ענטפער.

אין עמעסן, דאָס לעבן האָט זיך שוין אַזוי שיין געוווען אויסגעשטעלט. די עלטערע קינדער זײַנען שוין געקומען צו א וועג. די קלענערע האָבן זיך געלערנט, א דאַנק גאָט, נישט אין קיין דאַכקעס, נישט אין קיין נויט, יעדערער נאָך זײַנע קויכעס, לויט זײַנע פייִקײַטן.

פרעגט זיך, צו וואָס דאַרף דער אייבערשטער אף זײַן וועלט שפּינען, עגדעשן, שלענג, וועלף און נאָך אַזעלכע ניטגוטע, ווי א האַמאָן, א פּעטליורע, א היטלער, ייִמאַך־שמוי זאָל ער ווערן?

נאָר דערווײַל לאָזט זאַלמען אויס דאָס האַרץ אפן ייִנגערן ברודער, לעמײַ האָט ער פאַרגעסן אין ייִדישקײַט, לעמײַ דאַוונט ער נישט.

— מיילע, די יונגע זײַנען וואָס זיי זײַנען זיך, נו, צו זיי מישט ער זיך נישט, זיי לייענען ביכלעך, זיי לערנען, זיי ווייסן זיך זייערס. אָבער דו! קיין אײַנהאָרע א סאָלדאַט אין די יאָרן, וואָלט דיך דער גוטער־יאָר אַוועקגעכאַפּט, ווען דו מעסט אף זיך אָן דעם טאַלעס־און־טפילן אַלע גאַנצפרי און מאָליעסט זיך אָפּ?

פײַוויש־בערעלען איז, דעם עמעס געזאָגט, א ביסל אומהיימלעך זיך פאַרקריגן אין אַזא צײַט מיט גאָט. נאָר די טפילן — זײַ א בעריע און זוך זיי אויף. זיי זײַנען אָדער ערגעץ פאַרלייגט, אָדער דאָס ווײַב האָט זיי פאַרשלעפּט אין סירניצע צוזאַמען מיט די איבעריקע בעבעכעס.

— נו, מאַך א בראָכע!

פײַוויש־בערעלע האָט אָנגעשטעלט פון קעשענע אָן אָנגעוואַרעמטע גלאָז מיט רויטע יאַגעדעס און פאָטער געוואָרן פון איבעריקע רייד.

דאָ אין דאָרף איז עס א נאָווינע, מע דאַרף נאָך זיי גיין אַזש צו די כוטאָרעס.

ביידע ווײַבער און זאַלמענס עלטערע טאָכטער האָבן איבערגעגעבן א צעטעלע, אַז די קרויווים אין שטעטל לאָזן זיי ניט פאָרן צוריק, פאַרקערט, גיכער פון אַלץ וועט זיי אויסקומען זיך לאָזן אײַנייִנעם קיין קראַסנע, דאָרטן וועלן זיי מיסטאָם פאַרפאָרן צו די מעכוטאָנים — צו מוישעס שווער־און־שוויגער...

„און איר זאָלט דאָרט זײַן, ווי די צײַט וועט ווײַזן, ווײַל דאָ זײַנען נאָר פון אָסקאָלקעס אַליין א סאַך מענטשן אַוועק פון דער וועלט“.

פײַוויש־בערעלע האָט אָנגעשטעלט א פּאָר אויגן אפן עלטערן ברודער און לאַנג, לאַנג נישט אָפּגעלאָזט, פונקט ווי ער וואָלט עפּעס געמאָנט בא אים, איינער מיינט:

— דו ביסט דאָך, אַז מ׳וויל זאָגן, א ביסל א ראָוו... נו, אַדעראַבע, זאָג...

די רודניער ייִדן זײַנען זיך שוין אַלע צעפאָרן. אפילע די פויערים, די קאָלווירטלער האָבן גענומען קומען אין וואַלד אַרײַן.

דו זיצסט באַם ווערקשטאַט, און קיינער דאַרף עס איצט ניט. ס׳איז פונקט ווי דו וואָלסט זיך נאָכגעקרימט פון זיך אַליין. פּאָשעט א מענטש וויל אַליין פאַרטומלען דעם קאָפּ מיט עפּעס.

אין די שטילע גאַנצפרי:ען הערט מען, ווי ס'הודען עראָפּלאַנען, אַזוי ווי די אײַנגעגעסענע שמעלן, ס'נעמט אַזוי באַם האַרצן, כאָטש טו זיך אַ מיסע אָן.

דאָס דאָרף רוקט זיך אין וואַלד אַרײַן שוין נישט נאָר מיט די קאַסטנס, נאָר אַנדערע אַפּילע מיט געזינדער.

אין דאָרפסראַט איז געווען אַן אַסיפע, און מע האָט באַלד נאָך דעם אַוועקגעטריבן די קאָלווירטישע טשערעדע ערגעץ ווײַט. מ'זאָגט, אַז אין טיף ראַסיי.

זיך געדאַרפט עפּשער צוטשעפּען צו די הײַדײַעס און אַוועקגיין מיט זיי אינײַנעם.

לאַנגע, זייער לאַנגע טעג.

און דאָס הודען פון די עראָפּלאַנען סמאָקעט אַזוי באַם האַרצן, אַז איין גאָט זאָל זיך מעראַכעם זײַן.

ענדלעך איז דאָ נאָענט דורכגעגאַנגען אַ סאַך כאַ:ל. אונדזערע זײַנען דורכגעגאַנגען. ס'איז געוואָרן אַ ביסל היימלעכער, גרינגער אָף דער נעשאָמע, אָבער נישט אָף לאַנג. זיי האָבן זיך דאָ ניט אָפּגעשטעלט.

פּײַוויש־בערעלע איז ווײַטער געקומען צו לויפן. זײַנע אַלע רייד זײַנען באַשטאַנען פון איין־און־איינציקן קורצן, אָפּגעהאַקטן „נו?”

— נו־ע־ע!

— פונדאַנען גיי איך נישט, — האָט זאַלמען געענטפערט, ווי ער וואָלט עמעצן עפּעס פאַרגעוואָרפן. — מ'וואַרפט נישט אַוועק קיין שטוב און אַלץ מיטאַנאַנדער.

— און דער דײַטש? — האָט פּײַוויש־בערעלע אַרויסגענומען איין קליינינקע טײַנע, וואָס האָט געוויגן פאַר הונדערט גרויסע.

זאַלמען האָט געשוויגן, דערנאָך האָט ער גענומען שטאַמלען:

— כ'ווייס?.. כ'מיין... „ניע טאַקי טשאָרט סטראַשני, יאַק יעהאָ מאַליויוט”.

זאַלמען איז געשטאַנען אין טאַלעס־און־טפילן און געדאַוונט. אַ סימען, אַז ס'איז נאָך געווען גאָר פרי. עמעס, דאָס דאַוונען איז אים ניט געגאַנגען אָף דער נעשאָמע. דער קאַנט איז שוין געווען אָפּגעקוילעט, און ער איז געווען איצט איינער אַליין, ווי אָף אַן אינדזל. פּלוצעם האָט זיך אָן עפן געטאָן די טיר, און צוויי מיטליאָריקע מיליטערישע זײַנען אַרײַנגעלאָפן (אָנגעפּאָרענע אָדער אָנגעקומענע אין דער שאָ פון ערגעץ), מאַשמאָעס דײַטשן. ווער דען, אויב ניט זיי? און מיט אַ מינע פון פאַרנומענע פאַרשוינען זײַנען זיי צוגעגאַנגען צו זאַלמענען. איינער האָט אָנגעוויזן, דער אַנדערער האָט אָנגענומען פאַר ביידע רעצ:עס און אָפּגעפירט דעם אָף טויט דערשראָקענעם יי:דן אין קיך אַרײַן, אים אַוועקגעשטעלט מיטן פּאָנעם צו דעם ברייטער אויוון־וואַנט און אים אָנגעזאָגט, ער זאָל זיך ניט אויסקערעווען, „זאָסט מאַכען וויר אינען קאַפּוט!”

זאַלמען איז שטיל און געהאָרכזאַם געבליבן שטיין אַנטקעגן דעם אויסגעקילטן, פון לאַנג ניט געהייצטן אויוון. נאָר ער האָט דערפילט אַ בלײַענע שווערקײַט אין אַלע אייוורים. אויך דער טאַלעס־און־טפילן האָט אָף אים מאָדנע געדריקט. אין דער זעלבער צײַט האָט אים אַרומגענומען אַ גוואַלדיקע פּוסטקײַט.

גאָט האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן.

אַלע קושים זײַנען באַ אים מאָדנע אָפּגעטעמפּט געוואָרן, און אַ טונקלקײַט האָט אים אַרומגעכאַפּט און אים פאַרשטאָפּט אַלע רערן, אַלע דינסטע פּעדעם, דורך וועלכע ער איז אַלעמאָל געווען באַהאָפטן מיט עפּעס העכערס און איידעלערס, ווי דאָס געוויינלעכע. איצט זײַנען אים ווי אָף צולאָכעס געקראָכן טומע זאַכן פאַר די אויגן: געפייגערטע פערד, אַרויסגעוואָרפענע געדערים, הינטישע מאָרדעס ביז די אויערן אויסגעבאָדענע באַ דער נעווילע טיף אין בויך. עפּעס אַלץ געדאַנקען אַזעלכע, וואָס זײַנען פאַרהריזנעט געוואָרן אין שמוץ, אין קויט, אין קלעפּיקער שטינקעכץ, אין טויט.

די צוויי מאַלאַכאַמאָוועסן האָבן זיך מיט עפּעס געייסעקט דאָרט באַ אים אין שטוב. עפּשער האָבן זיי שוין אַזוי פרי געגעסן אָנבײַסן, עפּשער האָבן זיי עפּעס געטיילט צווישן זיך און ניט געקענט אײַנטיילן. ס'איז געווען שטיל אין קיך און קיל. באַ זאַלמענען האָט אַפּילע באַוויזן אַ קאָך טאָן דאָס בלוט.

האַ:טאָכן? ווי איז עס פונדעסטוועגן געהערט געוואָרן? באַ מיר אין שטוב, וווּ איך בין אויסגעוואַקסן, וווּ איך האָב אָפּגעהאָרעוועט אַ לעבן, אויפגעצויגן קינדער און זיי געבראַכט צו לײַטן! נישטאָ קיין באַלעבאָס, נישטאָ קיין עלטערס, נישטאָ גאָרנישט?

אָבער די פינצטערניש האָט אים ווידער אַרומגעכאַפּט. ער פילט, ווי די פיס ברעכן זיך אים אונטער. אָט־אָט, לאָזט ער זיך אַראָפּ אָפן דיל...

אַ מאָדנע זאַך: ער ווייסט נישט, ווער ס'פאַרשוועכט איצט וועמען: ער דעם טאַלעס, צי דער טאַלעס אים? אַזוי פּלוצעם אויסגעליידיקט ווערן פון אַלץ דאָס איידעלע: נישט קיין הייליק וואָרט, נישט קיין דערהויבענער געדאַנק.

גאָט פון מײַנע עלטערן, פון אַוראָמען, פון יי:צכאָק, פון יאַנקעוו, צי דען איז דײַן ווילן דערבײַ?

אַ בריאַזג פון גלאָזוואַרג, אַ קלונג פון צעקנאַקטן געפּעס האָט אים אויפגעוועקט פון זײַן פאַרשטיינערטקײַט. ס'איז אים דורכגעגאַנגען

אַ ציטער איבער אַלע אייוורים, פֿון דער פּאָטיליצע איבערן האַלדז־און־נאַקן ביז די שפּיץ טריט.

שוין ניט זײַענדיק בא זיך אין די הענט, האָט ער זיך אויסגעקערעוועט אינעם טאַלעס־און־טפילין, ווי געווען, און איז געבליבן שטיין בא דער אָפענער טיר פֿון זײַן זאַלכל... און מאָדנע, זיי האָבן אים נישט געהאַרגעט, זיי האָבן אים ניט געשאָסן און אַפילע קיין איינס פֿון די קיילים נישט געשלײַדערט אים אין קאָפּ אַרײַן.

בא אים איז אַזוי ווי געווען גרייט אַן אַרויסזאָגונג:

— וואָס זײַנען עס פֿאַראַ גענג? וועלכע געזעצן און רעכט האָבן זיי אויף דעם געפֿונען — בא יענעם אין שטוב?

נאָר די ווערטער איז ניט מעגלעך געווען אַרויסצוברענגען, ווײַל... ווײַל די דאָזיקע צוויי באַשעפֿענישן זײַנען ניט געווען ענלעך אויף קיין מענטשן. און וואָלט מען זיי כאָטש קאָנען פֿאַרגלײַכן צו לײַטישע אָרנטלעכע באַלעכאַיִם: אַ פֿערד, אַ בעהיימע, אַן אָף... ניין, אַהער קלעפּט זיך נישט קיין שום ווערטער, ס׳גייט ניט צו...

דורך די הויפֿן און הינטערגעסלעך האָט זיך פֿײַוויש־בערעלע דערלאַנגט צום ברודערס גאָרטן. ער האָט זיך פֿאַרטײַעט לעבן דער טויבער שטוב־וואַנט, צווישן די טיטשקאָווע פּאַסאָליעס, און זיך גענומען אײַנהערן.

ער האָט שוין געהאַט געוווּסט, אַז אומגעבעטענע געסט רודעווען בא זאַלמענען אין שטוב, נאָר צי איז נאָך דאָ אַ זאַלמען אויף דער וועלט אָדער שוין נישט, דאָס האָט ער זיך ניט געקענט דערוויסן.

עפּעס ווי מ׳רוקט דאָרט דאָס מעבל, ווי קיילים וואָלטן זיך געבראָכן. ער הערט, דוכט זיך, פֿון דאָרטן אַ הויך פֿרעמד לאָשן.

קלאָווים הינטישע, אַ סאַך האָבן זיי דאָ אָנגעגרייט, וואָס זיי זײַנען געקומען באַלעבאַטעווען? זיך שיין דערלעבט!

נאָר וויִאַזוי דערוויסט מען זיך, וואָס ס׳איז געוואָרן מיט זאַלמענען?..

פּלוצלינג האָט זיך אָנגעהויבן עפּעס אַ גערודער, די הויז־טיר האָט זיך ראַשיק צעפּראַלט, אַ טופּערײַ, אַ הוקערײַ.

פֿײַוויש־בער האָט זיך צוגעטוליעט צום ראָג פֿון הויז און דערזען.

אייגנטלעך, וואָס זעט ער עס אַזוי נאָענט און אַזוי מעשונע פֿאַרענדערט? ער האָט אַ רײַב געטאָן מיט די האַרטע קליינע קולעקעס די אויגן. ער האָט שטאַרק, שטאַרק פֿאַרביסן די צונג, ער זאָל קיין קאָל נישט אַרויסלאָזן.

זאַלמען, דער ברודער זײַנער, זאַלמען מיט דער לאַנגער ווײַסער באָרד, איז געוואָרן אַ קאַרליקל, האַלב די גרייס. די באָרד זײַנע שירשיר וואָס זי ווישט ניט אָפּ די שוועל.

וואַרט, ס׳איז דאָך אָבער נישט קיין קאַרליקל. אַ קאַרליקל גייט אויף צוויי, און דאָ גייט עמעצער, געראָטן אין זײַן ברודער, נאָר אויף אַלע פֿיר, ווי אַ כײַע. און די אויגן, זע, סאַראַ אויגן, זיי וועלן אים, דוכט זיך, באַלד אַרויסקריכן אויף דער פּאָטיליצע.

יאָ, אין יענע יאָרן, ווען ער האָט נאָך געדינט אין סאָלדאַטן, האָט ער אַמאָל געזען אַ צירק. דאָרטן האָבן זיך די קונצנמאַכערס געבראָכן און געוויזן אַלערליי שטיקער, נאָר איצט איז ער, דוכט זיך, נישט אין קיין צירק.

פֿײַוויש־בערעלע האָט מיט אַ מאָדנער שנײַדיקער קלאָרקײַט דערפֿילט, אַז ער איז איין ייִד אויף אַ גרויסער שטיק וועלט... און זאַלמען? זאַלמען רעכנט זיך שוין נישט. זאַלמען — דאָס איז אַ שאָ אָדער צוויי מוטשעניִנע און אַ נאַסער פֿלעק אויפֿן זאַמד. בלויז די נעשאָמע וועט אַוועקגיין אַהין אַרויף צום הימל.

וואָס זשע קומט פֿאָרט אויס? אַז די דאָזיקע האָבן... אַז זיי פֿילן שוין גאָר קיין עלטערס איבער זיך? און ווי וועט זײַן, אויב... אויב איך וועל דערויף נישט אײַנגיין, וועלן זיי אויף מיר נישט ווערן באַרויִגעז?

געזונטע צוויי באָוודורעס, קוטניצעס מיט טינעף...

פֿײַוויש־בערעלען איז געוואָרן הייס. ער זעט שוין פּונסנײַ, מיט וויפֿל יעסורים זאַלמען שטעלט איבער דער ערד די פֿאָדערשטע, דערנאָך די הינטערשטע, און יענע ציִען אים בא די רעציִעס, ווי מע שלעפּט אַ קליאַטשע פֿאַרן שטריקל. זע נאָר, זע.

פֿײַוויש־בערעלען איז אַזוי פֿאַרגאַנגען, אַז ער איז אַליין שיִער ניט אַ באַלן געווען זיך אַ וואָרף טאָן אויף אַלע פֿיר, פֿאַרהייבן דעם קאָפּ און זיך צעהוליען איבער דעם גאַנצן דרויסן.

— ניעט, בראַט, — האָט ער שטיל אַ מאַך געטאָן צו זיך אַליין, — אַזוי, ברודערקע, טויג ניט.

ער האָט זיך אָנגעבויגן און אויסגעקאַלופּעט פֿון דער פֿײַכטער מעזשע הויכן גראָז אַ פּאָר שאַרפֿע שטיינער, האָט זיך בעריעש אָנגעצילט אַנטקעגן איינעם פֿון די מעכאַבאָלים און אים געטראָפֿן אין שלייף אַרײַן, דעם צווייטן — אין פּאָטיליצע. ער האָט עס געמאַכט קונציק, ווי אין טאָג אַרײַן. יאָ, די ייִנגלשע שטיק קומען נאָך אַמאָל צוניץ.

דער ערשטער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און זיך אומגעריכט אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד, דער צווייטער האָט געגעבן אַ טאַנץ אונטער, ווי אויף אַ הייסער סקאָוואָראָדע, האָט עפּעס הויך אויסגעשריִען און זיך אויך איבערגעקערט.

— אָט אַזוי האָב איך ליב! — פֿײַוויש־בערעלע

האָט זיך אַרומגעקוקט אינדערגיך, נישטאָ קיי־נער, קיין זײַטיקע אײדעס, איז אַוודאי גוט. נאָר פֿאַרדראָסן האָט אים עפּעס אַנדערש: ער האָט אַ קוק געטאָן אַף זאַלמענען און דערזען, ווי ער איז צוגעפֿאַלן אַף איין קני און זיך אָנ־געשפּאַרט אַף איין עלנבויגן, ווי ער וואָלט אויסגענוצט די מינוט אַף איבערכאַפּן דעם אָטעם, וואָרעם דערנאָך וועט מען דאַרפֿן ווײַ־טער פֿאָרזעצן די שפּיל.

דאָ איז פּײַוויש־בערל אָנגעצונדן געוואָרן:

— ראָוו! — האָט ער מיט אַ צוגעשטיקטער שטימע אויסגעשריגן. — אַף וואָס וואַרטסטו נאָך? אַנו, שפּײַ זײ אָקאָרשט אָן אין די געפֿיי־גערטע צורעס, און לאָמיר זיך גיכער אָפּטראָגן פֿונדאַנען!

זאַלמענס אויערן האָבן איצט גאָרנישט גע־הערט. דאָך האָט ער ערגעץ באַגריפֿן, אַז מע רעדט צו אים, און אַף ייִדיש, און אַזוי קען רעדן בלויז איין פּײַוויש־בערל אַליין — דער סאָלדאַט.

הייסט עס, אָנקלײַבן אַ מויל מיט שפּײַעכץ און שפּײַען זײ אין די צורעס אַרײַן (טאַקע בעפּויעל־מאַמעש).

זאַלמען האָט זיך באַפֿרײַט פֿונעם טאַלעס, האָט זיך פּאַמעלעך אויסגעגלײַכט און באַ־טראַכט זײַנע פּײַניקער, די שליכים פֿון גע־הענעם. איינער איז געזעסן זײַטיק אָנגעשפּאַרט און געגלאָצט מיט צוויי אָפֿענע אויגן, וואָס האָבן שוין ניט געקוקט אין ערגעץ, דער צוויי־טער איז געלעגן אָנגעשפּאַרט אַף שײַע־נאַכעמס פּלויט, פֿון פּאָטיליצע האָט געיושעט בלוט, ווי פֿון אַ דאָווראַכער, ער האָט געכאַרכלט, ווי אַן אָקס ניט קיין דערקוילעטער.

און מאָדנע, אויך באַ זאַלמענען האָט זיך גע־בעטן דאָס זעלביקע וואָרט: אַ קוטניצע מיט טינעף...

די וועלדער און די כוטאָרס, ווו די וואַזני־טשיער און רודניער מאַכנעס האַלטן זיך אויף, זײַנען זאַלמענען זייער נאָענט און באַקאַנט. די מענטשן, מיט וועלכע ער וואָגלט אַרום, זײַנען אויך אייגענע. וואָס דאַרף מען מער — אַפֿילע לייבע דער רודניער און זײַנע צוויי קלענערע יאַטן זײַנען אויך פֿונעם ערשטן טאָג דאָ.

פּײַוויש־בערל מיטן ביקסל אַף די פּלייצעס, מיטן ברייטן לעדערנעם רימען אַפֿן קורצן רעקל איז ייִנגער געוואָרן עפּשער אַף צוואַנ־ציק יאָר.

ער וועט דיר דען אײַנזיצן אַף אַן אָרט? נאָר געלעטעט, נאָר געפֿלויגן. ס'זײַנען אַוועק טעג און אַמאָל אַפֿילע וואָכן, אַז זאַלמען זעט אים נישט אין די אויגן. לעדער אַף נייען און ריכ־טעווען דאָקאַזשעט מען ווו מע דאַרף, און זאַל־מען אַרבעט מיט דעם זעלבן פֿלײַס, ווי אין דער היים. ער לאַטעט און נייט אי ווײַבערשע, אי מאַנצבלשע.

פּײַוויש־בערל, אַז ער האָט אַ פֿרײַע רעגע, כאַפּט ער זיך אַראָפּ צוגאַסט. ער איז מעכאַ־בעד דעם ברודער מיט אַ געקאָכט איי, אַמאָל מיט אַ ווײַס פּלעצעלע. ער ווייסט, אַז דער „ראָוו" זײַנער באַנוגנט זיך מיט ברויט און מיט וואַסער און עסט נישט פֿונעם אַלגעמיינעם קעסל.

פּײַוויש־בערל האָט גענומען אין האַנט אַ שטיקל אויסלענדיש לעדער:

— גוטע פּאָדעשווע, אַ כאָליערע אַף זייערע ביינער!

זאַלמען פֿירט דורך מיט דער אָל אַף דעם צוגעלאַטעטן פּאָדמעטעק, מאַכט אַ קריץ אַרום און פֿאַרגיט, ווי דערעכאַגעוו, זײַן שטילן און שטענדיקן „וויפֿל?"

— זײ לאָזן זיך נישט, אַ בראָך צו זייערע קעפּ! דרײַצן מאַקעס דעם געפֿייגערטן טאַטן זייערן אַף יענער־וועלט!

זאַלמען נעמט אַרויס פֿון זײַן זײַטיקער באַ־האַלטענער קעשענע אַ טאָוועלע פֿון אַן אַלטן סייפֿער, מעקט אויס איין דרײַציפֿערדיקע צאָל און שרײַבט אָן אַ צווייטע — אַף דרײַצן מער. ער טוט אַ קראַץ מיט דעם קליינעם שטיקל בלײַשטיפֿט די פּאָטיליצע, פֿאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט עפּעס נאָכגעכעזשבנט אין געדאַנק, דערנאָך באַהאַלט ער די אַלע פּריטשינדאַלן אַף דעם פּריערדיקן אָרט און גיט אַ שטילן זיפֿץ.

— וואָס איז, רעבע? — פֿרעגט פּײַוויש־בערל. — וואָס זיפֿצן מיר עפּעס?

— נו, נו, גיי, גיי, טו עפּעס, — ענטפֿערט אים זאַלמען, נאָר ער דערפֿילט גלײַך אַפֿן אָרט, אַז ער האָט נישט דאָס געזאָגט. ער וויל, ער דאַרף ביז גאָר נייטיק, אַז דער „סאָלדאַט" זאָל נאָך לעבן אים אַ ביסל זיצן, עטוואָס אָפּרוען, ער זאָל דאָ זײַן וואָס אָפּטער.

וואַנדערנדיק מיט דער מאַכנע פֿון איין אָרט צום צווייטן, האָט זאַלמען די גאַנצע צײַט גע־אַרבעט און באַ דער אַרבעט געטראַכט:

...אויב גאָט וועט וועלן, מע זאָל צו אים דאַוונען, וועט ער פֿאַרטרײַבן די טומע פֿון דער ערד און וועט מאַכן די וועלט צוריק ווי געוועזן... ווו קאָן ערגעץ זײַן עטל מיט אַזעלכע שוואַכע קויכעס? ווו זײַנען די קינדער? אים, זאַלמענען, האָבן זיי שוין מינאַסטאַם לאַנג באַ־וויינט. ווי דער עמעס איז, ער וואָלט שוין מי־נאַסטאַם לאַנג געוועזן אַ „קאָדעש", ווען נישט דער „סאָלדאַט", יענער, קיין אײַנהאָרע, האָט פֿאַר איין שוואַכן זאַלמענען געמאַכט זע קאַפּאַ־ראָסי, זע כאַליפּאָסי מיט צוויי געזונטע און גראָבע דײַטשן... ס'האָט זיך אָנגעהויבן פֿון

צוויי, און איצטער גייט שוין באַרעכהאשעם די דריטע מייע.

יעדער איבערגעפעקלטער היטלעריסט איז דאָס זעלבע, וואָס צען גראַטעוועטע פריַינט. און ער, דער ברודער זיַינער, טוט גוט, וואָס ער מאכט עס אליין, ער פארלאָזט זיך ניט אַף יענעם.

און דער שוואָגער? דער שוואָגער דאָרט אינעם וויַיטן לאנד מיט דער גאָלדענער קייט אַף דער ברוסט? ער שטעלט זיך כאָטש פאָר, וויאַזוי זאלמען לעבט דאָ? דער וואלד איז זיַין היים, די ערד — זיַין געלעגער, א בוים איז אָפט דער דאך איבערן קאָפּ. א פעניאָק — דער ווערקשטאט... מענטשן, באוואָפנטע מיט פארשיידענערליי געווער, שווינדלען דורך פארביַי פון דער וויַיט און פון דער נאָענט; אז מע דערזעט דיך, גיט מען דיר אָפּ א גוט־מאָרגן. אָט־אָ פירט איוואן דער וואָזניטשער פאסטעך פאר א שטריק, ועמען מיינט איר? א ביק, א בעהיימע? ניין, ער פירט א „צונג". קענטיק, א געוועזענער עלטסטער. אָט דאָ לעבן זאלמענען, האָט ער באשלאָסן, איוואן, זיך צוזעצן אָפּרוען. און יענער, בא אים בליַיב עס, האָט זיך צעלייגט, ווי א מידע בעהיימע. איוואן האָט א נאַטור זיך א ביסל א בארים טאָן, קאָן זיַין, אז דערפאר האָט ער זיך דאָ צוגעזעצט.

— בעסאכאקל, — דערציילט ער, — איז דעם דאָזיקן געטשקע איַינגעפאלן אונדז אונטערקויפן, מיך און פעטראָ דעם געלן. ער שטופּט אונדז דעם זייגער, מיר זאָלן אים אָפּלאָזן. גאָט ווייסט, צי מיר האָבן אמאָל געזען א זייגער, אָדער ס'איז א באטרעף אָפּנעמען דעם זייגער, ווען ס'וועט זיך נאָר פארוועלן, א שעפסענער מויעך!

זאלמען טוט א קוק אריבער די ברילן און באטראכט דעם נעפעש, וואָס ליגט דאָ נישט וויַיט פון אים. א מאָדנע זאך: הענט און פיס שיר ניט, ווי בא א מענטשן, נאָר ס'איז ניטאָ קיין מענטשישער פארצעף. א פארשיווע צורע, און סע דאַרשט נאָך בלוט. א וואלדישע כיַיע אז דיר גיט זיך איַין דערזען, איז מיט עפּעס טשיקאווע, און פון דער דאָזיקער קערט דיר צו דער גאל.

אַף די רייד איז פון ערגעץ אָנגעלאָפן פיַיוויש־בערל. דערזען דעם גאסט, האָבן בא אים א שפּיל געטאָן די געבליטן, ס'האָבן זיך בא אים צעבלאָזן די נאָז־פליגל, די קינבאקן האָבן גענומען אונטערטאנצן, די וואָנצעלעך האָבן זיך געשטעלט, ווי נאָדלען. אויסער דעם דאָזיקן שלאנג, זעט ער שוין קיינעם נישט פאר זיך. נאָר איוואן האָט אים אָפּגעהאלטן.

— בערקאָ, — מאכט ער, — האָב גאָט אין הארצן, מע דארף דאָך אים פירן צום נאטשאלניק.

— וועמען, אָט דעם־אָ? — האָט פיַיוויש־בערל איבערגעפרעגט.

— נו, נו, גענוג!

— אָבער ווער האָט אים דערלויבט דאָ זיצן אָדער ליגן, פארוואָס ליגט ער?.. אופשטיין! — האָט ער אויסגעשריַען און אים דערלאנגט מיטן שטיוול אונטער די ריפּן.

יענער האָט אופגעטאנצט נישט טויט און נישט לעבעדיק.

— שטיין, הונטעוויטש איינער, אין געהאקטע ווונדן!

— שפּריכן זי דויטש, קאמעראד? — האָט דער נעפעש א פרעג געטאָן מיט א פאלשער צוגעטויבטער שטים.

פיַיוויש־בערלען און זאלמענען פלעגט מען זייער אָפט אָנעמען פאר רוסישע דיַיטשן. זיי האָבן געוווּסט פון דעם.

— פארוואָס עפּעס דויטש, וויי צו דער מאַמען דיַינער! — איז פיַיוויש־בערל מיטאמאָל געוואָרן אופגעמונטערט. — יודע!

פיַיוויש־בערל האָט זיך ווויליונגעריש אויסגעלייגט אפן גראָז, זיך אָנגעשפּארט אפן עלנבויגן און באוויזן מיט די אויגן אַף זאלמענען.

— דאָס איז מיַין ברודער זאלמען, אן איידעלער ערלעכער ייִד. אז ער זיצט לעבן ווערקשטאט און נייט, מיינען אנדערע אַף אים, אז ער איז א שוסטער, צום סאָף איז ער א ראָוו, א ראָוו איבערן גאנצן סירניצער ראיאָן, — זאלמען האָט שמייכלענדיק וויַיטער געגעבן א קוק איבער די ברילן. — און דערפאר, וואָס איר פארגיסט אונדזער בלוט אָן א מאָס, וועט איַיך אָפּגעצאָלט ווערן קייפל־קייפלאיִם. און דו, קעלעוויאקע, וועסט עס פארזוכן איינער פון די ערשטע.

פיַיוויש־בער האָט זיך פונסניַי אָנגעצונדן, די נאָז־פליגל האָבן זיך בא אים צעבלאָזן, און ער רופט זיך אָן צו איוואנען:

— איך בעט דיך, פיר אים אוועק פונדאנען, זאָל ער מיר דאָ נישט פארגאזן די לופט. דו זעסט דען נישט, אז א מענטש ארבעט?!

— מיר ווארטן אַף פעטראָ דעם געלן.

— פעטראָ, פעטראָ! פעטראָ וועט פון דיר אין ערגעץ נישט אנטלויפן, און אז נישט, קאָן איך מיט דיר גיין.

— נא, — האָט איוואן א צי געטאָן פארן שטריקל און זיך אָן כיישעק אופגעהויבן פון אָרט.

און זאלמען איז וויַיטער געבליבן אליין. ער האָט באגלייט מיטן בליק צוויי מענטשן, וואָס האָבן געפירט אן אומענטש, א כיַיע, וואָס איז פארוואנדלט געוואָרן אין א ראָכמאנער קליאַטשע, וויַיל ער פילט, אז ער וועט שוין באקומען זיַינס צווישן גערעכטע מענטשן, אַף אומבאזיגבארער ערד.

מײַן שטוב

אַז איך הייב אָן אײַנדרעמלען, ווערט אין מיר פאַמעלעכן אַלץ אײַנגעשלאָפן. בלויז א טייל פון מײַן מויעך וואַכט, און דאָס בלוט מײַנס רודערט אָן און פאַר זיך אין אַלע אייוורים.

ס׳ענדיקט זיך דער הור־הא פונעם טאָג מיטן אָוונט. דער טיש איז צוגעקליבן, די טיר פאַרשפאַרט, די לאָמפּן אויסגעלאָשן, און דאַן דוכט זיך מיר, אַז די שטוב שלאָפט אויך.

אייגנטלעך, וואָס איז אַזעלעכס א שטוב? א געבײַ פון שטיין און ליים און האָלץ. א ביסל גלאָז אין די פענצטער. א צוויאַק אָדער א שרויף אין בײַשטידל. א ביסל פּילץ אָפּן בוידעם, און שוין. א שטומע מאַסע אָן א נעשאָמע. די נעשאָמע פון דעם אַלעמען בין איך — דער באַלעבאָס פון דער שטוב.

אַזוי האָב איך בא זיך ניט איין מאָל געפּוילעט, ביז איך האָב זיך אין איינער א ווײַלע אַרומגעקוקט, סאַרא גרויסן טאָעס איך האָב געהאַט.

עפּעס איינמאָל האָב איך זיך אופגעכאַפּט אינמיטן באַנאַכט און זיך גענומען צוהערן צו דער שטילקײַט.

און דאָ האָב איך פּלוצעם דערפילט, אַז מײַן שטוב איז אַפילע אין דער שלעפערדיקײַט פון טיפער נאַכט פול מיט לעבן: דער „שטשאָטשיק” הודעט מאָנאָטאָן און שטיל, די עלעקטרישע דראָטן זײַנען אָנגעלאָדן מיט שטראָם, די טרויבן פון דער וואַסערלייטונג זײַנען אָנגעדראָלן, איבערפול מיט וואַסער.

טו א ריר דעם אײַנשליסער — ווערט ליכטיק אין שטוב, טו א דריי א קראַן, און ס׳וועט א זעץ טאָן א שטראָם...

די פּליטע שטייט אָף גאַז, די וואַנע אויך. פון די באַטאַרייען איז אָפּגערעדט, אַז זיי זײַנען פול מיט הייסער וואַסער, ווי די גרויסע אָנגעהייצטע אויוונס מיט וואַרעמקײַט פאַר דער גאַנצער שטוב.

מײַן ראַדיאָ־אופנעמער וואַכט, איך זאָל נאָר א דריי טאָן איין רעדעלע, וועט ער מיר דערציילן, וואָס עס טוט זיך איצט אין עק וועלט.

דער טעלעפאָן — קוים עפּעס־וואָס, קאָן ער מיך א רוף טאָן אַפילע אינמיטן דער נאַכט.

דאָס עלעקטרישע גלעקל שלאָפט אָפּצוקלויערשט, נאָר אינדערעמעסן איז עס געניוג וואַך דאָרטן אויבן אין ווינקעלע אַרום דער סאַמע טיר. באַם מינדסטן דרוק פון דרויסן וועט עס זיך דאָ אינווייניק צעקלינגען און אָנזאָגן, אַז א גאַסט גייט.

פון ביידע זייגערס (דעם, וואָס אין טאַש, און דעם, וואָס אָף דער וואַנט) איז דאָך קיין כיידעש ניט, אַז זיי גייען א קײַלעכדיקן מעסלעס און הערן ניט אוף ציילן און צונויפלייגן רעגע צו רעגע.

די דינע שלאַבעריקע טאַפּליעס — די אויגן פון דער שטוב — האַלטן אויס מיט אַזאַ אַקשאָנעסדיקער קראַפט דעם דרוק פון בייזן ווינט מיטן ווירבלדיקן שניי־געשיט, אַז יענער זאָל זיך אין קיין פאַל ניט אַרײַנרײַסן צו מיר אין צימער און ניט אָנברענגען מיט זיך דער־רועד־ווייסט־וואָס.

און דאָ, אינווייניק, אין דער שטילער וואַרעם, שטייען אָף די פּאָליצעס טיף פאַרקלערט אין זייערע גראָבע אײַנבונדן פאַרשיידענע ענציקלאָפּעדיעס מיט א גרייטן שטענדיק וואַכן זיקאָרן. טאָמער האָב איך עפּעס פאַרגעסן, צי כ׳וויל זיך וואָס דערוויסן, זאָל איך, ווען איך וויל, אַפילע שוין די רעגע, אופמישן אָף דער און דער בלאַט לויט דעם און דעם בוכשטאַב און זיך דערקונדיקן אַלץ אָף קלאָר.

ניין. מײַן שטוב איז שטענדיק וואַך און האָט איר אייגן לעבן.

אַפילע דער הונט און די קאַץ האָבן זיך אַרײַנגעשטעלט, ווי איך האָב נאָר געמאַכט שײַן און בין צוגעגאַנגען צו מײַן אַלטער גוטער שרײַבמאַשין. זיי דרייען מיט די עקן, רײַבן זיך אַרום מײַנע קני און פרעגן פּאָשעט, צי וועל איך אַלעמאָל אַזוי מאַכן שײַן ניט אין דער געוויינלעכער צײַט.

אַלע, אַלע זײַנען גרייט דינען — די טרויבן, די דראָטן, די דינע אַנטענע און דער ווענטיליאַטאָר אין ווינקל אין דער הייך. זיי זײַנען מיר אַלע געוואָרן נעענטער, ווי ווען־עס־איז, און איך האָב א טראַכט געטאָן:

ס׳רעדט זיך נאָר אַזוי, אַז איך בין דאָ באַלעבאָס, איך בין מער ניט ווי א מענטש. איך לעב און האָב א ציל אין לעבן, און מײַן שטוב מיט איר גאַנצן הויזראָד העלפן מיר זײַן דאָס, וואָס איך וויל...

איך האָב צוריק פאַרמאַכט די שײַן, זיך אײַנגעניורעט אין דער קאָלדרע און שוין געדענקט, אַז מײַן שטוב איז טאַקע א לעבעדיק וועזן: דער שטראָם קלאַפּט אין די דראָטן־אָדערן. די וואַסער ברויזט אין די געדערימדיקע רערן, די באַטאַרייעס שטראַלן מיט זייער ליבער וואַרעם. דער גאַז וואַכט מיט אומגעדולד, מע זאָל אים לאָזן עפּעס קאָכן, און דער ראַדיאָ־אופנעמער איז פול מיט נײַסן, אָנגעלאָדן מיט מוזיק.

רוט אָפּ, מײַנע טײַערע, רוט אָפּ. ס׳איז טיפע נאַכט אָף א גרויסער שטיק וועלט. רוט אָפּ, און איך וועל אונטער אײַער שוץ אויך גענيסן רו.

אין הארץ בא זיך און אין זיקאָרן

אומרו

ניט די נאַכט באַלייגט מיך שלאָפן —
היינט כ׳וועל אַליין איר רו,
און באַם פענצטער, וואָס כ׳האָב אָפן
היינט געלאָזט, איך זעץ זיך צו.

רופט אין מיר זיך אָפּ אַ קינסטלער,
כ׳דאַרף קיין פּענדזל ניט, קיין פאַרב —
כ׳מאָל אַ ריינעם הימל איצטער
אויפן מאָלברעט פון מײַן הארץ.

פון דער הויכער בלויקייט שווימען
ווײַסע וואָלקנדלעך אָף מיר,
אויסגעוואַשן איז דער הימל,
ווי אָף יאָמטעוו דאָס געשיר.

ווי פון גאָלד — אַ קרוין די זון איז
אופגעגאָן איבער דעם פעלד,
און אַ שטילקייט רונד־אַרום איז,
און עס זינגט אין איר די וועלט.

אָט די שטילקייט מאָלן שטענדיק
כ׳מי זיך. נאָר די וועלט איז גרויס.
דער געמעל נאָך ניט פאַרענדיקט —
ס׳פעלט נאָך הענלע ליכט מיר אויס.

ערגעץ אין דער הימל שוואַרץ נאָך,
בליי מע זייט, און ווי און פּײַן.
אָפן מאָלברעט פון מײַן הארצן
שטילט דער אומרו זיך ניט אײַן.

מײַן מאַמעס בילד

ווען עס האָט זיך די מילכאָמע אָנגעהויבן,
איז אין וואַלד געשטאַנען אונדזער פאָלק.
ס׳זײַנען פון די נעסטן זיך צעפלויגן
מיט געשריי די פויגלען מיטאַמאָל.

און דער סוינע זײַנע הייסע קוילן
אָף מײַן ערד געזייט האָט שוין געדיכט.
יעדער זיך אַליין האָט דאַן באַפוילן
אויסשטיין, ביז דאָס אויג נאָך זעט די ליכט.

אַ פאַרברעכן בין איך דאַן באַגאַנגען —
מאַמע, איך האָב אַנדערש ניט געקענט.
בעסער ס׳האַרץ אַרויסשלעפּן מיט צוואַנגען,
מיט אַ האַק זיך אָפּהאַקן די הענט.

דאַן געמוזט דײַן בילד איך האָב פאַרברענען —
האָסט אָף דעם זיך, מאַמע, ניט געריכט...
נאָר קיין סוינע קיינמאָל וועט ניט קענען
מיט די פיס צעטאָפּטשען דײַן געזיכט.

כאַטין

איך שטיי בא דער גרעסטער ווײַסרוסישער מאַפּע
און קאָן ניט געפינען דאָס דערפל כאַטין.
דער טוי פון די ביימער, ווי טרערעלעך, קאַפּעט
אַראָפּ אָף דער ערד און צעשמעלצט זיך, ווי צינק.

מיר דוכט זיך, עס פלאַקערט די ערד נאָך מיט פײַער,
אַ שטומער, די גרויזאַמע שטילקייט איך הער.
דער רויך פון כאַטין — ער צעעסט נאָך אַדהײַעם
די אויגן בא מענטשן, וואָס קומען אַהער.

די קעפּ זיי פאַרנייגן צום אַש פון די קינדער —
עס האָט דער פאַשיסט זיי דאָ אַלע פאַרברענט.
אַ בראַנזענער שטייט דאָ קאַמינסקי אַצינדער,
דעם זון אַ פאַרקוילטן ער האַלט אַף די הענט.

ער שטייט, ווי אַ ריז, פאַר דער וועלט פאַר דער גאָרער,
ס׳קלינגט הויך, ווי די גלעקער כאַטינער, זײַן שטים.
עס קומען די טויטע צו גיין פון די קוואָרים
און שטעלן זיך אַלע אַוועק לעבן אים.

און זייער געשריי צו די פעלדער זיך טראָגט,
און פונעם געשריי זיך צעווימלט דער קאָרן.
ס׳גייט אויף אַף ווײַסרוסלאַנד אַ גאָלדענער טאָג,
און נײַע קופּאַלעס דאָ ווערן געבאָרן.

איך שטיי באַ דער גרעסטער ווײַסרוסישער מאַפּע
און קאָן ניט געפינען דאָס דערפל כאַטין.
דער טוי פון די שלאַנקע בערעזעס — ער קאַפּעט
אַראָפּ אַף דער זוניקער ערד, ווי בורשטין.

עפּל

די ביימער הוידען זיך און סוידען זיך אין סאָד —
מע טרייסלט אָפּ פון זיי די רײַפע פרוכט,
און די געדיכטע לופט איבער מײַן שטאָט
פאַרשיקערט מיט איר ווײַניקן גערוך.

אַף אַלע גאַסן און אַף יעדער ראָג
פון שטאָט מײַנער פאַרקויפט מען עפּל,
און פאַר אַ דרײַערל אַהיים איך טראָג
אַ פולן קויש, קוים צו דערשלעפּן.

פאַרוואָס זשע אָפּן האַרצן פלוצעם שווער
אין אָט דער רעגע איז מיר גאָר געוואָרן?
דעם קויש מיט עפּל שטעל איך אַף דער ערד,
אַ האַרבע צײַט שווימט אויף אין מײַן זיקאָרן.

זי איז פון מיר שוין ווײַט, און טאַקע ווײַט
זאָל זײַן די צײַט, ניט אומקערן זיך ווידער.
און ווייטעקדיק דאָס האַרץ צום הימל שרײַט,
און ס׳ווערט די בלויע הייך ווי אופגעציטערט.

כ׳האָב זיך דערמאָנט דאָס פערציק ערשטע יאָר:
אַ סאָד און ביימער, פול מיט פרוכט באַלאָדן.
אַ שווערע שלאַכט, דער פײַנט פאַרנעמט דאָס דאָרף,
דער גאַנצער וועג מיט עפּל איז פאַרשאָטן.

עס ברענט די היץ, און אונטער פיס דער שליאַך,
מיר טרעטן איבער עפּל, ווי אַף זונען.
כ׳האָב פון אַ צײַטונג אַ שקאַרמיץ געמאַכט,
און אָנדענק פונעם דופט מיט זיך גענומען.

נאָך שווערן קריג איז דורך שוין דרײַסיק יאָר,
ווי דעמלט, די גערעטעניש איז האָאָר.
פאַר מײַנע אויגן שווימט אַרויס דאָס דאָרף
און עפּלביימער, אײַנגעהילט אין פײַער.

דענקמאָל

די ביימער האָבן זיך פאַרטראַכט
און שטייען שטילע אײַנגעבויגן,
און ס׳האָט די שטאָט צום יאָר געבראַכט
א שווערע טרער, מיט ווײ פאַרצויגן.

ווען ס׳האָט א פאַל געטאָן די טרער
אין יאָר אַף גרינע ביימער־שטאַמען,

האָט זיך א וויג געטאָן די ערד
אַרום דער קלומבע, ווי אין פלאַמען.

אין שטילן שווײַגן שטייט די שטאָט,
וואָס טראָגט דעם ווײ שוין לאַנגע יאָרן,
און יעדער מענטש א דענקמאָל טראָגט
אין האַרץ בא זיך און אין זיקאָרן.

באַנאַכט

די לעוואָנע קוקט אַראָפּ פון הימל,
אַף די סאָסנעס פאַלט א בלייכע שײַן,
זוכט אַן אָרט, ווו ערגעץ איבערדרימלען,
און דעם שניי דעם פּײַכטן פון א צווײַג
טרייסלט אָפּ און לייגט זיך שטיל אַנידער,
אונטער זיך די נאָדעלעך צעשאַרט.
אויסגעקוקט זי האָט שוין אירע גיטער,
און אַצינד שוין אָפּרוען זי דאַרף.

בא דער סאָסנע הילכיק בילט א הינטל,
וועקט באַנאַכט די הימלדיקע ווײַט.

קומט צו פלִיען פונעם פעלד א ווינטל
און צעהוידעט איר געלעגער אַף דער צווײַג.

די לעוואָנע האָט זיך אויסגעדרימלט
(שוין געלייגט זיך אַף דער צווייטער זײַט),
זי פאַרלאָזט די צווײַג און פונעם הימל
היט די שטילקײַט אין דער הויכער ווײַט.

ס׳איז דער ווינט צוריק אין פעלד אַנטלאָפן,
נאָך זײַן אַרבעט רוען זיך געלייגט.
א צופרידנס לויפט דאָס הינטל שלאָפן
און לאָזט איבער שפּורן אַפן שניי.

בינען

ס׳האָבן זיך די ליפּעס שוין צעבליט,
סאָד און וואַלד מיט ווײַסן שוים פאַרצויגן —
האָוועו בינען אַרום יונגן צוויט,
און דעם זיסן זאַפט פון אים זיי זויגן.

שווער זיי מִיִען זיך א גאַנצן טאָג
אַף די לאָנקעס, אין די גרינע סעדער.
ביז א טראָפּן האָניק מע דערטראָגט,
שפּרייט די זון זיך אויס א נאַכט־געלעגער.

פון דער אַרבעט פון דער שווערער ווערט
זיס דער טאָג, און זיסער וואָלט ער ווערן,
ווען דער בין וואָלט קיינער ניט געשטערט
צו דעם בינשטאָק פונעם וואַלד זיך קערן.

אָט אַזוי, ווען ס׳זינגט זיך אויס מײַן ליד,
כ׳וויל, זי זאָל אינמיטן וועג ניט בלײַבן,
אין איר מי זי זאָל ניט ווערן מיד —
צו דעם בינשטאָק שטענדיק זיך דערקלײַבן.

הענריך האָפמאַן
העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד

דער איבערזעצער פון געסטאפּאָ

דאָקומענטאַלע דערציילונג

באַטאָג האָט מען רונצכײַמערן ארויסגערופן קיין יוזאָווקע אין שטאַב פון גפּפּ־721 צום פאָליציי־קאָמיסאַר מײַסנער. דער שעף פון דער פעלד־זשאנדארמעריע פון דער זעקסטער ארמיי האָט אָנגעמערקט אף נײַנצן אזייגער א באַראטונג פון אלע אָנפירער פון די אויסערנקאָמאנדעס גפּפּ־721.

דורכן פענצטער האָט דובראָווסקי געזען, ווען רונצכײַמער איז ארויסגעגאַן צו דער מאשין. אין א מינוט ארום האָט א רעווע געטאָן דער מאָטאָר, און דער „מערסעדעס" איז פא־מעלעך ארויסגעפאָרן פונעם טויער.

דובראָווסקי האָט צונויפגענומען פונעם טיש די פאפירן, אָנגעטאָן א רימען, אף וועלכן ס'איז געהאנגען א בעלגישער פיסטאָלעט „פנ", און זיך געלאָזט אין שטאָט ארײַן.

וואַלענטינע האָט אים באַגעגנט מיט א שמייכל. ניט באַהאלטנדיק איר פרייד, דערציילט, אז זי האָט געקראָגן א פעקעלע עכטע טיי און אז זי וועט באַלד אים מעכאַבעד זײַן מיט אײַנ־געמאכטס, וואָס איז, עמעס, פארצוקערט געוואָרן, ווײַל די נאשערײַ האָט איר כאַווערטע גע־פרעגלט נאָך ביזן קריג.

וואַלענטינעס מאמע איז אוועק אין קיך אופזידן וואסער.

— וואַליע, — האָט דובראָווסקי זיך געווענדט צו דער יונגער באַלעבאָסטע, — איך האָב צו דיר א גרויסע באַקאָשע, און דו דארפסט זי אומבאַדינגט אויספילן...

וואַלענטינע האָט צונויפגעפירט די ברעמען. די לאנגע ווי:עס האָבן זיך אופגעהויבן, און די אויגן האָבן זיך באַוויזן כיטרע פײַערלעך.

— אינטערעסאנט, וואָס פאר א ביטע בין איך מעכוייעו אויספילן?

— מאָרגן אינדערפרי וועסטו אוועקגיין אין דאָרף מאַלאָ:וואַנאָווקע און ברענגען פון דאָרטן איינעם א באָכערל.

— אָבער אָן א דורכלאָז־שײַן איז עס אומעגלעך.

— א דורכלאָז־שײַן האָב איך אָנגעגרייט פאר דיר. — דובראָווסקי האָט ארויסגענומען פון דער קעשענע א פאפירל און עס דערלאנגט וואַלענטינען, — אָט האָסטו. מיט דעם וועט מען דיך אינערגעץ ניט פארהאלטן, און דאָס יאטל איז נאָך קיין פופצן יאָר ניט אלט. אים וועסטו דורכפירן אָן שום פאפירן. מע רופט אים וויקטאָר. אָן ערנסטער באָכער. דו וועסט אים זאָגן, אז דו ביסט געקומען פון לעאָניד דובראָווסקין, איך בעט אים זיך אראָפּכאַפּן קיין קאַדי:עווקע. אײַנריידן אים וועסטו ניט דארפן. אויסער מיר האָט ער קיינעם ניט. די על־טערן האָט ער ערגעץ פארלוירן. ס'איז דאָך א מילכאָמע.

דובראָווסקי האָט אויסגעמאָלט וואַלענטינען, וו:אזוי צו געפינען די שטוב פון די שוועסטער סאמארסקי אין מאַלאָ:וואַנאָווקע.

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 12, 1974.

— און אויב מע וועט מיך פרעגן, צוליב וואָס גיי איך אהין?

— וועסט זאָגן, אַז נאָך פּראָדוקטן. נעם מיט עפּעס אַף צו בײַטן. אָבער זאָלסט ניט זאָגן, אַז דאָס האָב איך דיך געשיקט. וויקטאָרן וועסטו ברענגען צו זיך אהיים. איך וועל אַליין קו־מען צו אײַך, איך האָף, אַז מאָרגן. אויב איר וועט זיך ניט באַווײַזן אומקערן, וועל איך אַרײַנ־קומען איבערמאָרגן. אָפּגעמאַכט?

— גוט, כ'וועל אַ פּרווו טאָן.

— און אָט דאָס, — דובראָווסקי איז אופגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו דער טיר, ווו ער האָט געלאָזט אַ קלומעקל, עס גענומען און איבערגעגעבן וואַלענטינען. — דאָס זײַנען פּראָ־דוקטן. ברויט, געררויכערטער קעז און פראַנצויזישע סאַרדינעס, אַז וויקטאָר זאָל ניט זײַן בײַ אײַך קיין קעסט־קינד.

— און לאַנג וועט ער זײַן בײַ אונדז? — האָט זיך וואַלענטינע פאַרינטערעסירט.

— אַ פּאָר טעג, ניט מער. ער וועט זיך זען מיט מיר און גיין צוריק אין מאַלאָיוואַנאָוו־קע, דאָרט איז אים באַקוועמער.

— לעאָניד, און ווען וועסטו מיך אײַנאָרדענען אַף אַרבעט? האָסט דאָך צוגעזאָגט.

— קאָנסט רעכענען, אַז דו אַרבעטסט שוין. דו וועסט אויספּילן מײַנע פאַרגעבונגען. אָט האָסטו אַן אַדרעס זיבן און פּערציק אַקופּאַציאָנס־מאַרקעס. — ער האָט אָפּגעגעבן וואַליען אַלץ, וואָס ער האָט באַוויזן באַקומען אין גפּפ.

— גאָר ניט קיין שלעכטע אַרבעט. און אַ דאָקומענט וועסטו מיר געבן?

— נאָך אַ מין! אין אַ וואָך אַרום וועסטו באַקומען אַ גאַראַנטיע־גראַמאָטע. מיט דעם דאָזיקן דאָקומענט וועט מען דיך מער אַף דער אַרבעטס־בירזשע ניט אַרויסרופן.

— אַ דאַנק דיר, לעאָניד, אַ גרויסן דאַנק. ווען ניט דו... ס'איז אַפילע שרעקלעך אַ טראַכט צו געבן... און מיט דיר האָב איך פאַר קיין זאַך ניט מוירע.

— און ריכטיק טוסטו.

— לעאָניד, און דאָס דאָזיקע ייִנגל ווייסט, אַז דו אַרבעטסט בײַ די דײַטשן?

— ער דאַרף ווײסן. יעדנפאַלס קאָנסטו אים זאָגן. דאָס איז ניט קיין סאָד.

— און אויב אונדזערע וועלן קומען, וויאַזוי וועסטו דעמלט זיך פאַרענטפערן? — זי האָט אופמערקזאַם אים אַרײַנגעקוקט אין די אויגן.

— מירן דעמלט זען. דעריקער וואָס מײַן געוויסן איז ריין, די הענט האָב איך ניט אײַנ־געשמירט אינעם בלוט פון די סאָוועטישע מענטשן. — דובראָווסקי האָט זיך אופגעהויבן און זיך געקליבן אוועקגיין.

— וואָס הייסט, — האָט וואַליע אים פאַרהאַלטן, — און טיי? און אײַנגעמאַכטס? וואַרט צו, איך וועל מאַמענטאַל.

וואַלענטינע האָט געשיקט אַרויסגעשטעלט פונעם בופעט טשאַשקעס, שעלעכלעך מיט אײַנגעמאַכטס און אַ געשריי געטאָן:

— מאַמע, וואָס דויערט עס אַזוי לאַנג?!

אין אַ מינוט אַרום איז שוין אַ זודיקער אַליומינעווער טשײַניק געשטאַנען אַפן טיש. לעאָניד איז צופרידן געווען פון דער הייסער גלאָז טיי מיט אײַנגעמאַכטס, און נאָך מער פון דעם, וואָס ער האָט זיך פאַרהאַלטן מיט וואַליען.

צוגעזעצט זיך צוריק צום טיש, האָט ער געפרעגט:

— וואַליע, מיכאַיל וויסאָצקינען קענסטו?

— ניין, ווער איז דאָס אַזוינס?

— אַ היגער טוישעוו. און גאַווריל קריוטשקאָוון?

— אויך ניט.

— נו, און איוואַנאָוון, וואַסילי איוואַנאָוון?

— דער, וואָס האָט געאַרבעט אין שטאַטקאָם פון פּאַרטיי? אָט דעם האָב איך געקענט. ער האָט זיך געכאַווערט מיט מײַן מאַן. איך האָב דיר דאָך געזאָגט, אַז מײַן מאַן האָט גע־אַרבעט אין נקווד.

וואַלענטינעס מאַמע האָט אַ דערשראָקענע אַ קוק געטאָן אַף דער טאָכטער, נאָר יענע האָט זיך געמאַכט ניט ווויסנדיק און ווײַטער פאַרגעזעצט:

— ער האָט זיך אַפּט באַגעגנט מיט איוואַנאָוו, מײַן מאַן, לויט דער אַרבעט. וואַסילי איוואַנאָוו איז געווען אַ שיינער, אַ שטאַלטנער מאַנצבל. ווען איך האָב זיך אומגעקערט פון עוואַקואַציע, האָב איך געהערט, אַז די דײַטשן האָבן אים צעשאָסן.

— און וועגן קאָנאָנענקאָן האָסטו גאָרניט געהערט?

— ס'איז געווען אַזאַ, דער דירעקטאָר פון סאָווכאָז. אַ קילאָמעטער פינף פון קאָדיעווקע.

— און ווו איז ער איצט, אַט דער קאַנאַנעקאַ?

— דאָס ווייס איך ניט.

דובראָווסקי האָט אַרײַנגעלייגט אין דער טיי אַ גרײַפּעלע סאַכאַרין און שווײַגנדיק געמישט מיטן לעפעלע אין דער טשאַשקע.

— לעאָניד, מיר דאַכט זיך, אַז דיך באַאומרויִקט עפּעס, — האָט געזאָגט וואַלענטינע, — זאָג דעם עמעס, וואָס איז געשען?

— ס'איז גאָרנישט ניט געשען. כ'האָב זיך פּאַשעט דערמאָנט, אַז איך דאַרף אויספּילן איינע אַ ביטע. דאָ אַרבעט מיט מיר צוזאַמען אַ טשעך. ניט קיין שלעכטער באָכער. האָט ער מיך געבעטן דיך פרעגן, צי האָסטו ניט אַ גוטע כאַווערטע אַף אים צו באַקאַנען מיט איר.

— כאַווערטעס האָב איך, נאָר ס'איז מיר ניט באַקוועם זיי צו באַקענען מיט געסטאַפּאָווצעס. אז איך שפּאַציר מיט דיר, ציטער איך, מיר זאָלן ניט באַגעגענען קיין באַקאַנטע.

— און דו ציטער ניט. עס קאָן פּאַסירן, אַז דעם מונדיר פון אַ געסטאַפּאָוועץ זאָל אַרופציִען אַף זיך אַ לײַטישער מענטש... מיר ווילט זיך זייער אויספּילן די ביטע פון דעם טשעך.

אַרײַנגענומען אַ לעפעלע אײַנגעמאַכטס אין מויל, האָט דובראָווסקי אויסגעשריגן:

— אָך, סאַראַ פאַרגעניגן. שוין לאַנג אַזוינס ניט פאַרזוכט!

— אַלץ איז פאַרהעלטניסמעסיק. ביז דער מילכאָמע וואָלסטו דאָס אין מויל ניט גענומען. זעסט, און דו האָסט געוואָלט אוועקגיין.

פּאַרן געזעגענען זיך האָט לעאָניד איר דערמאָנט, אַז זי זאָל מאָרגן ניט פאַרשלאָפן.

— נו, אַ גליקלעכן וועג, — האָט ער אויסגעצויגן די האַנט, — כ'וועל וואַרטן מיט אומגעדולד.

זי האָט שטאַרק געדריקט זײַן וואַרעמע האַנט און פּלוצעם זיך אויסגעצויגן אַף די שפּיץ פינגער און אים אַ קוש געטאָן אין די ליפּן אַרײַן.

ווען דובראָווסקי איז אַרויס פונעם צימער, האָט וואַליעס מוטער אַ טיפן זיפץ געטאָן און געזאָגט:

— וויִאַזוי וועסטו זיך פאַרענטפערן פאַרן מאַן, אַ?

— ער איז דאָך ניט קיין כײַע. ער וועט פאַרשטיין, ווי מיר האָבן דאָ געלעבט.

לעאָניד דובראָווסקי איז געגאַנגען איבער די פּוסטע פאַרטונקלטע גאַסן מיט אַ פעסטן באַשלוס באַזוכן מיכאַיִל וויסאָטשינען. ער האָט נאָך ניט געוווּסט וועגן וואָס וועט ער מיט אים ריידן, נאָר ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויב יענער איז טאַקע פאַרבונדן מיטן אונטערערד, וועט ער בעשום־אויפן קיין פּיפּס ניט טאָן וועגן דעם, ווער רעדט פאַר אַזאַ, וואָס טראָגט די פאָרמע פון אַ געסטאַפּאָוועץ.

„פאַקטיש דאַרף איך גאָר ניט, ער זאָל ריידן מיט מיר וועגן דעם, — האָט געקלערט דובראָווסקי, — איך דאַרף נאָר זען, וויִאַזוי וועט ער רעאַגירן אַפן וויזיט פון אַ געסטאַפּאָוועץ, וואָס איז אַרײַנגעקומען קאָנטראָלירן, ווער עס וווינט דאָ אין הויז. צי וועט ער זיך דערשרעקן".

אומגעריכט האָבן פונעם ראָג זיך דערטראָגן עמעצנס טריט. דובראָווסקי האָט אַף יעדנפאַלס צעשפּיליעט די קאָבורע, אָנגעטאַפּט דאָס הענטל פונעם פּיסטאָלעט. אַ מעטער צען פונעם זײַטיקן געסל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. אַפן טראָטואַר האָט זיך באַוויזן אַ מענטש. דובראָווסקי האָט אַ דריק געטאָן אַפן קנעפּל פונעם טאַשן־לאַמטערן, דער ליכט־שטראַל האָט אַרויסגעכאַפּט פון דער פינצטערניש די פיגור פון אַ דײַטשישן סאָלדאַט.

— ווער ביסטו? — האָט דובראָווסקי שטרענג געפרעגט.

דער סאָלדאַט איז שטיין געבליבן, זיך אויסגעצויגן און אָפּגעראַפּאָרטירט:

— אַ סאָלדאַט פון דער צווייטער ראָטע פונעם באַזונדערן סאַפּיאָרן־באַטאַליאָן. איך קער זיך אום אין מײַן טייל!

— וועסט גיין מיט מיר! — האָט באַפוילן דובראָווסקי.

— איך הער.

ווען זיי האָבן ביידע פאַרקערעוועט אַף אַ צווייטער גאַס, האָט דער סאָלדאַט אַ פרעג געטאָן:

— און וווּהין גייען מיר?

— דו וועסט מיר העלפן ברענגען אין דער רוסישער פּאָליציי אַ פאַרדעכטיקן מענטש, דערנאָך וועל איך דיך אָפּלאָזן. דײַן קאָמאַנדיר וועסטו זאָגן, אַז דו האָסט אויסגעפילט אַ פאַרגעבונג פון אַ מיטאַרבעטער פון דער פעלד־פּאָליציי.

— יאַוואָל!

אײַנגיכן האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט לעבן הויז נומער איינס אַף דער טשעליוסקין־גאַס.

הינטערן קרומען פלויטל זײַנען געוואקסן בעז־קוסטעס, צווישן וועלכע ס׳איז געשטאנען א ווײַס איינשטאָקיק שטיבל. דובראָווסקי האָט געעפנט די פירטקע, צוגעגאנגען צו דער טיר און אָנגעקלאפּט. עטלעכע סעקונדעס האָט קיינער ניט געענטפערט. ער האָט אָנגעקלאפּט א צווייט מאָל. אינווייניק האָבן זיך דערהערט טריט. ס׳האָט א סקריפּע געטאָן א טיר, און א מאנצבלשע שטים האָט א פרעג געטאָן:

— ווער איז?

— עפנט! פּאָליציע! — האָט פעסט געזאָגט דובראָווסקי.

די טיר האָט זיך געעפנט, דובראָווסקי האָט אָנגעצילט דאָס לאמטערנדל אפן מענטשן, וואָס איז געשטאנען אין קאָרידאָר. יענער האָט זיך פארזשמורעט, פארשטעלט די אויגן מיט דער דלאָניע. ער איז געשטאנען אין איינע טרוסן, א באָרוועסער, אפן הילצערנעם דיל.

— וועמען דארפט איר?

— מיכאַיל וויסאָטשין וווינט דאָ?

— איך בין מיכאַיל וויסאָטשין.

דובראָווסקי איז אריבערגעטראָטן די שוועל.

— ביטע, גייט ארײַן.

אין צימער האָט געצאנקט א פינצטער פײַערל פון א טיש־לעמפל. געהייסן דעם סאָלדאט בלײַבן אין פירהויז, האָט דובראָווסקי זיך ארומגעקוקט. אויסער א קאסטן, א שאפע און א בעטל, איז אין צימער גאָרנישט ניט געווען. הינטער דעם פאָרהאנג האָט זיך, ווײַזט אויס, געפונען א צווייטער צימער.

— ווער וווינט דאָ נאָך? — האָט געפרעגט דובראָווסקי.

— מײַן ברודער, ניקאָלײַ וויסאָטשין.

— אָט באלד הייב איך זיך אויף, — האָט זיך דערהערט פון דער טיף א שטים.

— אײַך באדארף איך ניט. איר קענט שלאָפן. כאָטש איר וועט דארפן פארשפּארן די טיר. פון הינטער דעם פאָרהאנג האָט זיך באוויזן ניקאָלײַ, ער איז אויך געווען אין איינע טרוסן.

— פארוואָס נעמט איר עס אים? — האָט ער געפרעגט דערשראָקן.

— און ווער זײַט איר דאָס אזוינס, וואָס איך דארף זיך פאר אײַך אָפּרעכענען, — האָט שטרענג געפרעגט דובראָווסקי, — ווּ ארבעט איר?

— איך בין א טאָקער. אין עלעקטראָ־מעכאנישן ווארשטאט.

דובראָווסקי האָט זיך געווענדט צו מיכאַילן:

— איר וועט גיין מיט מיר.

— פארוואָס, וואָס האָב איך אזוינס געטאָן? — האָט מיט ציטער אין קאָל געפרעגט מיכאַיל.

— טוט זיך אָן, דאָרט וועלן מיר אלץ אויספאָרשן.

— ווּ דאָרט? איר זײַט דאָך ניט פון פּאָליציע, נאָר פון געסטאפּאָ.

ניקאָלײַ וויסאָטשין איז צוגעלאָפן צום קאסטן, ארויסגענומען א שטיק ברויט, עטלעכע געקאָכטע קארטאָפל, פארוויקלט אלץ אין א טיכעלע און איבערגעגעבן דעם ברודער. דערנאָך האָט ער ארומגענומען מיכאַילן און זיך אײַנגענורעט אין זײַן ברוסט. יענער האָט אים א קלאפּ געטאָן אין פּלייצע און געזאָגט:

— נו, מיילע, ניקאָלײַ! לעב אליין. דעריקער זײַ א מענטש. וועסט זען לידען, זאָג איר, ווי עס איז געווען...

— ווער איז דאָס לידע? — האָט שארף איבערגעשלאָגן דובראָווסקי.

— מײַן מיידל, — האָט געענטפערט מיכאַיל, און ווענדנדיק זיך צום ברודער צוגעגעבן: — נו, ברודערקע, לאָמיר זיך צעקושן. — ער איז צוגעפאלן צום ברודער און עפּעס א שעפּטשע געטאָן אים אין אויער. דובראָווסקי האָט בלויז געהערט די ווערטער „סאָווכאָז איליטש...” ער האָט געמאכט אן אָנשטעל, אז ער האָט קיין זאך ניט געהערט. אין פירהויז האָט לעאָניד באפוילן דעם סאָלדאט גיין פאָרויס, הינטערן סאָלדאט איז מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ געגאנגען מיכאַיל וויסאָטשין, דערנאָך דובראָווסקי. לעבן דער געבײַדע פון דער רוסישער געהילפס־פּאָליציי האָט דובראָווסקי אָפּגעלאָזט דעם סאָלדאט און גענומען באם דעזשורנע דעם שליסל פונעם זיבעטן צימער.

אין צימער האָט דובראָווסקי דערלויבט מיכאַילן זיך צוזעצן און אליין זיך געשטעלט פון יענער זײַט שרײַבטיש.

— איז אָט, מיכאַיל וויסאָטשין, הײַנט וועלן מיר קיין פּראָטאָקאָל ניט פירן. אונדז וועט דערוף נאָך קלעקן צײַט. דערווײַל דערציילט מיר וועגן אײַער פארטיזאנישער באנדע. אלץ, אלץ, וואָס איר ווייסט וועגן איר.

— פון קיין שום באנדע ווייס איך ניט און וויל ניט וויסן. איך ארבעט ערלעך אף דער שאכטע ביס־דרײַ.
— איר איַלט זיך ניט מיט קיין ענטפער. טוט גוט א טראכט. אן אָפנהאַרציקע אנער־קענונג קאָן אײַך ראַטעווען דאָס לעבן.
— איך האָב ניט וועגן וואָס צו טראַכטן. איך...
— וואַרט נאָר, וואַרט... טוט נאָר א קוק אַף מיר, הייבט אוף די אויגן...
מיכאיל האָט אַפּגעריסן די אויגן פונעם טיש און א קוק געטאָן אַף דובראָווסקין. אין זײַנע פארגרעסערטע שווארצאַפּלען האָט זיך געפילט דערשרעק, נאָר איינציַיטיק אויך אנט־שלאָסנקײַט.
— און ווו האָט איר גענומען די בלעטלעך מיט די אינפאָרמאַציעס פון דער סאָוויג־פּאָרמבירוראָ?
— וועגן קיין שום בלעטלעך ווייס איך ניט.
— און לידיע סמערדאָווא קענט איר ניט?
— קיין שום לידיע...
— אזוי גאָר? און דעם ברודער האָט איר וועגן וואָס פאר א לידיע געזאָגט?
מיכאיל האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן, דערנאָך גענומען שטאַמלען.
— איך האָב א מיידל, לידע הייסט זי, און איר פרעגט גאָר וועגן עפּעס א לידיע, וועלכע לידיע?..
— און וואָס פארא בלעטלעך האָט איר איר געגעבן?
— איך האָב איר קיין זאך ניט געגעבן. צוליב וואָס דאַרף איך עס? בא דער ראַטנמאַכט האָט מען מײַן מאַמען ארעסטירט, ביז איצט ווייס איך ניט צי זי זי לעבט, צי זי איז אומגעקו־מען. געמיינט, אז בא דער נײַער מאכט וועט זײַן רויִקער, און איר שלעפּט מיך אויך אהין. וואָס האָב איך אײַך געטאָן?
— דערווײַל נאָר פארשפּרייט פלוגבלעטלעך. נאָר עמעצער האָט דאָך אופגעריסן די וואַסערלייטונג, עמעצער האָט אונטערגעצונדן דעם פּוטער־זאַוואָד. ס׳איז דען ניט קלאָר, אז אין קאַדיִעווקע איז טעטיק א פארטיזאַנישע באַנדע?
— נאָר וואָס האָט עס צו מיר? איך בין אין קאַדיִעווקע איינער?
— ניט נאָר איר. ס׳איז נאָך פאראַן איינער א קאָנאָנענקאָ. איר קענט אים?
ווען דובראָווסקי האָט דערמאָנט קאָנאָנענקאָן, האָבן די אקסל בא מיכאיִלן זיך אראָפּגע־לאָזט. ניט אופהייבנדיק דעם קאָפּ, האָט ער געענטפערט:
— ניין, און קאָנאָנענקאָן האָב איך אויך ניט געקענט.
— איך קאָן אײַך דערמאָנען... ער איז געווען דער דירעקטאָר פון סאָווכאָז, ניט ווײַט פון קאַדיִעווקע.
— איך האָב אין סאָווכאָז ניט געאַרבעט. פונוואַנען זאָל איך אים קענען?
— נו, לאָמיר זיך פאַרשטעלן... און וואַסילי איוואַנאָווון האָט איר אויך ניט געקענט?
מיכאיל האָט זיך אינגאַנצן ווי צונויפגעקאָרטשעט און מיט א בייזן בליק א קוק געטאָן אף דובראָווסקין.
— וואָס הייסט געקענט, צי ניט געקענט? ער איז דאָך געווען מײַן שוועסטערס מאַן.
— פאַרוואָס געווען?
— געווען און ניטאָ... מע זאָגט, אז מע האָט אים צעשאָסן.
— און די שוועסטער אויך?
— ניין, די שוועסטער איז מיטן קינד אין עוואַקואַציע.
— נו, לאָמיר זאָגן, אז איר זײַט ניט קיין סוינע פון דער נײַער אָרדענונג, פאַרוואָס זשע דערציילט איר אונדז ניט וועגן דער פארטיזאַנישער באַנדע?
מיכאיל וויסאָטשין האָט א מאך געטאָן מיט דער האַנט. א לענגערע ווײַלע זײַנען ביידע געזעסן און געשוויגן. דובראָווסקי האָט געקלערט וועגן דעם, אז רונצכײַמער האָט ניט קיין שום שײַכעס צו אָט דעם גאַווריל קריוטשקאָוון. אזויארום דאַרף מען זיך סטאַרען אויסבא־האַלטן אָט די אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע פון די דײַטשן. אין דער זעלבער צײַט האָט מיכאיל וויסאָטשין מיט שרעק געטראַכט וועגן דעם דורכפאַל פון זײַן פּאַטריאָטישער אָרגאַני־זאַציע.

„שוין זשע איז קאָנאָנענקאָ דורכגעפאַלן? עס קאָן ניט זײַן. איך בין דאָך ערשט נעכטן געווען בא אים. עס קאָן ניט זײַן, ער זאָל אָנווײַזן אף מיר און אף לידען. און עפּשער איז סמערדאָווא ארײַנגעפאַלן צו זיי? נאָר זי ווייסט קיין זאך ניט וועגן קאָנאָנענקאָן...״

ווי אין א קאַליידאָסקאָפּ האָבן אין זיקאָרן זיך געביטן פאַרשיידענע געשעענישן, מענטשן. מיכאיל האָט זיך דערמאָנט, ווי פאַרן אַרײַנמאַרשירן פון די דײַטשן האָט אים אַרויסגערופן דער ערשטער סעקרעטאַר פון שטאָטקאָם פון דער פּאַרטיי מיכאיל יעגאָראָוויטש איגנאַטאָוו און אים פאָרגעלייגט בלײַבן אין קאַדיעווקע אַלס פאַרבינדלער צווישן וואַסילי איוואַנאָוון, וואָס בלײַבט דאָ דער סעקרעטאַר פונעם אונטערערדישן פּאַרטיי־קאָמיטעט, און קאָנאָנענקאָן, וועלכער איז באַאופטראָגט זיך שטעלן אין דער שפּיץ פונעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד, זײַן דער קאָמאַנדיר פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע.

עמעס, קיין פאַרבינדלער איז אים, מיכאילן, ניט אויסגעקומען צו זײַן. אויפן פערטן טאָג האָבן די געסטאַפּאָווצעס געכאַפּט איוואַנאָוון אין דער קוואַרטיר פון דער קראָטאָווע, וווּהין ער איז געקומען זיך זען מיט אַנע גײַדאַראָווע. און מאָדנע, איוואַנאָוון האָבן זיי צוגענומען, און זי, די גײַדאַראָווע, ניט געטשעפּעט. עמעס, די איבעריקע האָט מען אויך ניט פאַרנומען. ווײַזט אויס, אַז פאַר אַלעמען האָט וואַסילי איוואַנאָוו זיך געזעגנט מיט זײַן לעבן.

אַזוי האָט געקלערט קאָנאָנענקאָ, וואָס האָט נאָכדעם גענומען אויף זײַנע אַקסל די גאַנצע אונטערערדישע אַרבעט. אַזוי האָבן אויך געקלערט די אַנדערע. אַנע גײַדאַראָווע האָט מען אויסגעפּרוּווט, און זי האָט דעם צוטרוי באַרעכטיקט.

„און עפּשער פאָרט זי, די גײַדאַראָווע? דערמלט איוואַנאָוון און איצטער — מיך”.

— נו, דו האָסט באַשלאָסן ריידן, צי מיר שפּילן אין שווײַגערלעך? — האָט שטרענג געפרעגט דובראָווסקי, איבערײַסנדיק מיכאילן די געדאַנקען. — טו א טראַכט דאָס לעצטע מאָל.

— איך האָב שוין אַלץ באַקלערט. ווען איך ווייס עפּעס, וואָלט איך געזאָגט.

— אויב אַזוי, איז קום!

דובראָווסקי האָט זיך א הייב געטאָן פון אָרט און אויסגעשריגן:

— גיכער! גיכער! — און האַסטיק צעעפנט די טיר פון צימער.

ער האָט אַרויסגעלאָזט מיכאילן, אָפּגעגעבן דעם דעזשורנע דעם שליסל. אונטער דער לעוואָנע האָבן זיך געגליטשט צעריסענע שטיקער כמאַרע. א לײַכט ווינטל האָט אָפּגעפרישט דאָס פּאָנעם און די הענט.

— אַהער, אויף לינקס! — האָט קאָמאַנדעוועט דובראָווסקי. — אַראָפּגיין פונעם טראָטואַר אויפן שליאַך!

מיכאיל האָט געמאַכט א שפּאַן אויף לינקס, און אים איז געקומען אויפן געדאַנק, אַז ער דאַרף אַנטלויפן. דאָס איז געווען די איינציקע מעגלעכקײַט זיך אַרויסרײַסן פון דעם געסטאַפּאָווע. אויך דובראָווסקי האָט געוואָלט, אַז וויסאָטשין זאָל מאַכן די פּלייטע, נאָר ניט דאָ, א ביסל ווײַטער. דערפאַר האָט ער געהייסן מיכאילן אַראָפּגיין אויפן ברוק — ווײַטער פון די פּלויטן.

„אַנטלויפן, אַנטלויפן! אומבאַדינגט אַנטלויפן, איצט איז עס מעגלעך צו מאַכן, שפּעטער וועט זיך שוין ניט אײַנגעבן. אָט וועלן מיר דורכגיין נאָך איין גאַס, דאָרט איז שטילער, און מיט די גערטענער צו איוואַן לעווענצעוון. בא אים וועט מען קאָנען איבערזיצן אויפן בוידעם”.

דער שטראַל פונעם לאַמטערנדל האָט אַלע מאָל באַלויכטן די פיס און אָנגעוויזן דעם וועג. לויטן שטראַל האָט מיכאיל פעסטגעשטעלט אויף וואָס פאַר א שטרעקע עס געפינט זיך פון אים דער געסטאַפּאָוועץ. פּלוצעם האָט דער שטראַל זיך א ריס געטאָן אויף אַרויף, דערנאָך שאַרף אויף אַראָפּ, ס'האָט זיך דערהערט א קלאַפּ פון מעטאַל אין שטיין. אין דער פינצטערניש האָט מיכאיל דערהערט:

— צום טײַוול! געוויס צעבראָכן געוואָרן...

פאַרשטאַנען, אַז דער געסטאַפּאָוועץ האָט פאַרלוירן דאָס לאַמטערנדל, האָט מיכאיל זיך געלאָזט לויפן. אַלע זײַנע קרעפטן זײַנען איצט קאָנצענטרירט געווען אין די מוסקולן פון די פיס. דאָס האַרץ האָט זיך געשלאָגן אין דער ברוסט. מיכאיל האָט פאַרקערעוועט אין א צווייט געסל, איבערגעשניטן דעם וועג און מיט איין שפּרונג זיך אַריבערגעוואָרפן איבער א פּאַרקן — דאָרט איז שוין געווען א צווייטע גאַס. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף א ווײַלע און זיך צוגעהערט. קיינער האָט ניט צעשטערט די טויבע שטילקײַט. מע איז אים ניט נאָכגעלאָפן.

און דובראָווסקי איז געווען גליקלעך, וואָס מיכאיל איז אַנטלאָפן. דאָס איז געווען א סימן, אַז אין קאַדיעווקע איז טעטיק אַן אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע, אַז קריוטשקאָווס מע־סירע איז ניט קיין נײַער קאָנטראָל פון רונצכײַמערן, אַנדערש וואָלט מיכאיל וויסאָטשין ניט געדאַרפט אַנטלויפן. איצט וועלן זיי זײַן פאָרזיכטיקער. וויסאָטשין וועט אומבאַדינגט דער־ציילן קאָנאָנענקאָן, וואָס מיט אים איז פאָרגעקומען, אַז וועגן אים ווייסט מען אין געסטאַפּאָ. יאָ, נאָר מע דאַרף עפּעס צוטראַכטן מיט קריוטשקאָוון, קאָן זײַן, אַז מע וואָלט געדאַרפט

אריַינמישן אינעם געשפּרעך מיט וויסאָטשינען דעם נאָמען פון דעם דאָזיקן מאָסער, דעמלט וואָלטן אַליין די אונטערערדלער זיך געקענט מיט אים צערעכענען לויט זייער פאַרשטאַנד. וואָס זשע טוט מען איצטער?

לעאָניד האָט א ציטער געטאָן, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז צופעליק איז קריוטשקאָוו געקומען צו אים און ניט צו אלעקסן. אָ, פּאָטיאָמקין וואָלט זיך גוט אויסגעפּיַינט פאַר רונצ־כּיַימערן! ניט נאָר מיכאיל וויסאָטשין, נאָר אויך לידיִע סמערדאָווא, און קאָן זיַין, אַז אויך קאָנאָנענקאָ, וואָלטן איצט זיך געוואַלגערט צענעריקטע אין עפּעס א קאַמערע. און דאָס איז אָף דער נעשאָמע געלעגן, ווי א שטיין. ער האָט ניט געוווּסט, דובראָווסקי, וואָס צו טאָן מיט גאַווריל קריוטשקאָוון. אויך א צווייטע זאַך האָט אים באַומרויִקט: צי דאַרף ער אַליין זיך פאַרבינדן מיט דער אונטערערדישער גרופּע. צי האָט ער אָבער רעכט זיך דעמאַסקירן?

אומגעקערט האָט זיך דובראָווסקי ארום איינס אַזייגער באַנאַכט. דער הויף איז געווען פּוסט. ס'איז ניט געווען דער „מערסעדעס” און ניט רונצכּיַימער. „קיינער האָט זיך נאָך ניט אומגעקערט”, — האָט ער א טראַכט געטאָן. ער איז געלעגן אין בעט און קיין אויג ניט צוגעמאַכט, געטראַכט וועגן דער געשאַפענער לאַגע. סאָפקאָלסאָף האָט ער באַשלאָסן, אַז ער טאָר זיך ניט שטעלן אין קאָנטאַקט מיט קאָנאָנענקאָס מענטשן, ער האָט אויך שוין קימאַט באַשלאָסן וואָס פאַר אַן אורטייל ארויסטראָגן גאַווריל קריוטשקאָוון. הינטערן פענצטער האָט זיך דערהערט דער געהויל פון דער מאַשין, וואָס איז אריַינגעפאָרן אין הויף. ס'איז ניט פאַר־בײַ קיין פינף מינוט, ווי אין צימער האָט זיך אריַינגעריסן אלעקסאַנדער פּאָטיאָמקין. אין דער פינצטערניש האָט ער א פרעג געגעבן:

— לעאָניד, דו שלאָפסט?

— ניין, זיך אופגעכאַפּט פונעם טומל.

— און מיר זיַינען געפאָרן ניט אומזיסט... מיר האָבן א טאַפּ געטאָן די באַרישניעס.

— וואָס פאַרא באַרישניעס?

— ע, קליינגעלט! אכצן מיידלעך און פיר באָכערים.

— עפּעס צופיל. ס'איז דאָרט געגאַנגען א רייד וועגן צוועלף.

— מיר האָבן ניט איבערגעקליבן. ווער ס'האָט זיך געמאַכט אונטער דער האַנט, האָבן מיר גענומען. מיר האָבן געוווּסט בלויז פון צוויי מיידלעך. אריַינגעפאָרן צו איינער, דערנאָך צו דער צווייטער. זיי האָבן אונדז געזאָגט מיט וועמען זיי כאַווערן זיך. וועמען זיי האָבן אָנגערופן, די האָבן מיר גענומען... אַזוי האָבן זיך אָנגעשקראַבעט אַנדערהאַלבן טוץ מוידן און פיר קאַוואַליערן.

— הייסט עס, אַז אַלץ איז א ליפּע וועגן דער באַנדע פּאַרטיזאַנער?

— עפּשער א ליפּע און עפּשער ניט. אינדערפרי וועט רונצכּיַימער אַליין זיי פאַרהערן.

10

לעאָניד דובראָווסקי האָט זיך ארויסגעריסן צו וואַלענטינען ערשט דעם אַנדערן אָפּדער־נאַכט. דעם גאַנצן טאָג און א האַלבע נאַכט זיַינען אינעם גאַראַזש פון דער געהיימפעלד־פּאָליציי פאָרגעקומען פאַרהערן. רונצכּיַימער האָט זיך אומגעקערט פון יוזאָווקע אין א שלעכטער שטימונג. דערזען די יוגנטלעכע, וואָס זיַינען געבראַכט געוואָרן פון פּערוואָמיַיסק, איז ער בייז געוואָרן מאַמעש, ווי א ווילדע כּיַיע. ער האָט זיי געשלאָגן, געדראָעט — גע־פאָדערט זיך אָנערקענען אין פּאַרטיזאַנישער טעטיקיַיט. נאָר וואָס האָבן געוווּסט די מינדער־יעריקע יִינגלעך און מיידלעך? די מערהיַיט פון זיי האָבן אַפילע ניט איבערגעלייענט דאָס איינציקע פלוגבלעטל, וואָס יעקאַטערינע קראַווצאָווא האָט אָנגעשריבן מיט דער האַנט „לייען אַליין און גיב איבער דיַין כאַווער”.

אינעם פלוגבלעטל האָט זיך דערציילט וועגן דעם, וויִאַזוי די דיַיטשן זיַינען צעשמעטערט געוואָרן בא דער וואָלגע. וועגן דער געפאַנגענשאַפט פונעם פעלד־מאַרשאַל פּאַוליוס און זיַין דריַיהונדערט־טויזנטיקער אַרמיי, וועגן דעם קאַמף פון די פּאַרטיזאַנער אָף דער אָקופּירטער ערד. דאָס אַלץ איז געווען אָנגעשריבן מיט א שילערישן האַנטשריפט, מיט גראַמאַטישע פע־לערן. דאָס בלעטל האָט מען געפונען שוין אין גאַראַזש, ווען מ'האָט באַזוכט די אַרעסטירטע. אַפילע דאָס, וואָס די כעוורע האָבן זיך ניט דערטראַכט עס צו פאַרניכטן, האָט גערעדט וועגן א סאַך...

רונצכײַמער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז קיין שום אָרגאַניזירטע פּאַרטיזאַנישע גרופּע שטעלן מיט זיך ניט פאָר די דאָזיקע כעווּרע, און דאָס האָט מער פון אַלץ אים פאַרדראָסן.

— איך דערקען אײַך ניט, מאַקס! — האָט רונצכײַמער אַזש געברעוועט, — איר האָט זיך דעקוואַליפיצירט! נאָך איין אָנשטרענגונג און די דאָזיקע הינטישע קינדער וועלן אַלץ אָנער־קענען!

— יאַוואָל! הער אונטערשטורעמפיורער! אונדזער אַלעקס סטאַרטעט זיך אַזוי, אַז צוויי מיידלעך וואַלגערן זיך שוין אָן באַוווּסטזײַן אין מײַן קאַבינעט.

— שלעפּט זיי אַרויס אין הויף און נעמט זיך פאַר די אַנדערע! — האָט יענער פאַראָרדנט. — און פאַרגעדענקט — קיינער וועט ניט אַוועקגיין זיך אָפּרוען, ביזוואַנען מירן ניט אַרויסרײַסן קיין אָנערקענונג בא די דאָזיקע באַנדיטן.

מאַקס באַראַג איז אַרויסגעלאָפן פון גאַראַזש. באַלד נאָך אים איז אויך אַרויסגעגאַנגען רונצכײַמער. אויפן טאָפּטשאַן איז געבליבן ליגן אַ צוגעבונדן מיידל. איר פּלייצע איז געווען צעפּאַסעוועט מיט אַ גומענער נאַהײַקע. זי האָט שטיל געקרעכצט.

רונצכײַמער האָט זיך אומגעקערט אין גאַראַזש צוזאַמען מיט גאַראַסן. דער הונט איז צוגעלאָפן צום מיידל, באַשמעקט איר אַנטבלויזט לײַב און אַ לעק געטאָן דאָס בלוט, וואָס איז גערונען איבער אירע פּיס. רונצכײַמער האָט בייז אַ רוף געטאָן דעם הונט.

— זאָגט איר, אַז אויב זי וועט ניט דערציילן, ווער עס האָט אונטערגעצונדן דעם פּו־טער־זאַוואָד אין קאַדיִעווקע, וועל איך אָפּלאָזן אויף איר דעם הונט.

ווײַסנדיק, אַז רונצכײַמער קאָן דאָס טאַקע טאָן, האָט דובראָווסקי זיך געווענדט צו איר:

— הער אונטערשטורמפיורער, טוט אַ קוק, ווי זי ציטערט, זײַט וויכהאַרציקער צום שוואַכן געשלעכט. ווער וועט עס גלייבן, אַז אַזאַ איידעלע באַשעפעניש האָט אונטערגעצונדן דעם זאַוואָד?

רונצכײַמער האָט אַ קוק געטאָן אויף זײַן איבערזעצער און זײַנע ליפּן האָבן זיך צעצויגן אין אַ שמייכל.

— איך האָב זיך אונטערגענומען מאַכן פון אײַך אַ מאַנצבל, אָנשטאָט דעם פּרוּווט איר זיך, דאַכט מיר, מאַכן פון מיר אַ כליופּיק, און ווי מאָדנע עס זאָל ניט זײַן, באַקומט זיך עס בא אײַך. אינדערעמעסן, אופּרײַסן די וואַסערלייטונג האָט געמוזט גיכער אַ מאַנצבל, דאָס וועט אויסזען וואָרהאַפּטיקער. פירט זי אַרויס, — האָט באַפוילן רונצכײַמער, — און שלעפּט אַרײַן אַהער איינעם פון די קאַוואַלערן.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט געדויערט אין גאַראַזש די בלוטיקע עקזעקוציע. צוויי מאָל האָט גאַראַס לויט דער קאָמאַנדע פון רונצכײַמערן זיך געוואָרפן אויפן צעבלוטיקטן באָכער, וואָס האָט סאָפּקאָלאָסאָף ניט אויסגעהאַלטן און געגנומען באַריידן זיך און זײַנע כאַווערים. רונצכײַמער איז געווען גליקלעך. איצט וועט ער סאָפּקאָלאָסאָף קענען ראַפּאָרטירן דעם פּאָלי־צײַ־קאָמיסאַר מײַסנערן, אַז ער האָט געפונען און פאַרניכטעט די שולדיקע, וואָס האָבן אופגע־ריסן די וואַסערלייטונג און אונטערגעצונדן דעם פּוטער־זאַוואָד. פאַרטאָג זײַנען אַלע מיט־גלידער פון דער אַזויגערופענער „פּערוואָמײַסקער פּאַרטיזאַנער־באַנדע״ אַרויסגעפירט געוואָרן הינטער דער שטאָט און דאָרט צעשאָסן געוואָרן.

אַפּדערנאַכט האָט דער אונטערשטורמפיורער באַפוילן אַרויסגעבן די אויספאַרשער און די איבערזעצער צו פלעשלעך בראַנפן. דובראָווסקי האָט מיט איין שלונג אויסגעטרונקען קי־מאַט אַ פולע גלאָז. ער האָט זיך אופגעשטעלט פון אָרט און געמאָלדן:

— אָף מיר וואַרט אַ דאַמע. איך בעט מיר אַנטשולדיקן, אַלעקס, דאָס איבעריקע וועסטו טרינקען אַליין...

אויפן וועג צו וואַלענטינע קראַווצאָווען האָט זיך דובראָווסקי געפּלײַסט ניט צו טראַכטן וועגן די אומשולדיק־אומגעקומענע כעווּרע. פאַרשטעלנדיק זיך די באַגעגעניש מיט פּיאַטיאַר־קינען, האָט אַזש געציטערט אין אים דאָס האַרץ, נאָר אַלע מאָל, ווען ער האָט זיך דערמאָנט אין וויקטאָרן, זײַנען אופגעשווומען פאַר די אויגן די פּײַנפולע פּענעמער פון די פּערוואָמײַ־סקער ייִנגלעך און מיידלעך. זיי האָבן געגרופן צו נעקאַמע. „יאַ, יאַ, ער וועט נעמען נעקאָמע אין רונצכײַמערן בא דער ערשטער געלעגנהײַט...״

וואַלענטינע האָט געעפנט די טיר גלײַך, ווי ער האָט אָנגעקלונגען. לויטן אויסדרוק פון איר פּאָנעם האָט ער פאַרשטאַנען, אַז וויקטאָר פּיאַטיאַרקין איז דאָ. ניט באַוויזן איבערטרעטן די שוועל פונעם צימער, האָט ער דערזען וויקטאָרן, וואָס איז אים שוין געלאָפן אַנטקעגן.

— ווי׳אַזוי זײַט איר עס דערגאַנגען? — האָט לעאָניד זיך געווענדט צו וואַליען, וואָס האָט צוגעקוקט די באַגעגעניש פונעם ייִנגל מיט דובראָווסקין.

— מיר האָבן געמיינט, אַז איר וועט נאָך נעכטן קומען.

— פאַרוואָס האָט איר אַזוי לאַנג ניט געשריבן צו די סאַמאַרסקיס? — האָט וויקטאָר זיך געכידעשט. — כ׳בין שיר ניט אוועקגעגאַנגען צוריק. געמיינט, אַז איר זײַט שוין ניטאָ.

דובראָווסקי האָט צוגעלייגט צו די ליפּן דעם ווײַז־פינגער. וויקטאָר האָט פאַרשטאַנען און אראָפּגעלאָזט די וויִעס.

— איר שמועסט זיך דאָ דורך, — האָט וואַליע זיך אופגעהויבן פון אָרט, — און איך וועל אַרויסגיין צו דער מאַמען, זי איז דאָרט מיטן קינד.

— נו, ברודערקע, דערצייל, ווי גייען די געשעפטן, — האָט דובראָווסקי זיך צוגעזעצט לעבן וויקטאָרן, ווען וואַליע האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר.

— מיר האָבן די סאַמאַרסקיס דערציילט, וויאַזוי מע האָט אײַך אַרעסטירט. כ׳האָב געמיינט, אַז ס׳איז שוין ניטאָ וואָס צו וואַרטן.

— ניט וועגן דעם, וואָס טוט זיך דאָרטן, בא פּאָטאַפּאָוון?

— וולאַדימיר איוואַנאָוויטש האָט געבעטן איבערגעבן אַ גרוס.

— און ווי האָט מען דיך באַגעגנט?

— זייער גוט! ער איז אַליין געקומען צו מיר אין שפּיטאָל.

— אין וואָס פאַר אַ שפּיטאָל? — האָט דובראָווסקי ניט פאַרשטאַנען.

— מ׳האָט מיך פאַרוווּנדעט, אַזוי זיך, ניט שטאַרק. כ׳האָב זיך גיך פאַריכט.

— און די ידיעס האָסטו איבערגעגעבן?

— אַלץ איז אין פולער אָרדענונג, ער האָט אַליין פון אונטערשלאַק עס אַרויסגענומען. איך האָב אים דערציילט וועגן די סאַמאַרסקיס, וועגן דײַטשישן קאַפּיטאַן.

— מאַלאַדיעץ, וויקטאָר! דו קענסט זיך גאָרניט פאָרשטעלן, ווי איך בין צופרידן, וואָס דו ביסט דאָ.

— פעטער ליאָניע, איר אַרבעט טאַקע אינדערעמעסן בא די דײַטשן?

— טאַקע אינדערעמעסן. נאָר מײַן אַרבעט וועט ניט ווערט זײַן קיין גראָשן, אויב דו וועסט ניט קומען צו מיר.

— איך וועל קומען, אַוודאי וועל איך קומען. מ׳האָט געהאַט געשיקט צו אײַך איינעם אַ לייטענאַנט, איז ער ניט דורכגעגאַנגען, אומגעקומען, און איך קאָן, איך בין שוין געווינט.

— מאַלאַדיעץ, מאַלאַדיעץ! — האָט דובראָווסקי געדריקט צו זיך דאָס ייִנגל, — הײַנט וועסטו דאָ איבערנעכטיקן, און מאָרגן וועסטו גיין צוריק צו וולאַדימיר איוואַנאָוויטשן. נאָר מע דאַרף זײַן געהיט. אונטער קיין קויל ניט אַרונטערפאַלן, זייער וויכטיקע ידיעס...

— כ׳וועל זיך סטאַרען... כ׳וועל געהיט, שטיל...

— מיט ווערטער וועסטו איבערגעבן וולאַדימיר איוואַנאָוויטשן, אַז איך אַרבעט אין דער אויסער־קאָמאַנדע גפּפּ־721. וועסט ניט פאַרפלאָנטערן?

— און וואָס איז עס אַזוינס גפּפּ־721?

— געהיימע פעלד־פּאָליצײַ פון דער זעקסטער דײַטשישער אַרמיי.

— די דאָזיקע אַרמיי האָט מען דאָך צעגעריקט הינטער סטאַלינגראַד און גענומען אין געפענקעניש. זייער פּאָולוס איז אויך בא אונדז אין פּלען.

— אַלץ איז ריכטיק, וויקטאָר, נאָר די היטלעריסטן האָבן ווידער פאָרמירט אַן אַרמיי און איר צוגעיינגט דעם זעלבן נומער.

— איך פאַרשטיי. כ׳וועל איבערגעבן.

— וועגן דעם ווייסט וולאַדימיר איוואַנאָוויטש אַליין, נאָר אַז איך אַרבעט אַלס איבער־זעצער אין גפּפּ־721, דאָס זאָלסטו איבערגעבן אומבאַדינגט. וועסט ניט איבערפּלאָנטערן די אויסיעס?

— גאָגאָל. פּאַדייעוו. פּושקין. 721, — האָט וויקטאָר געשמייכלט.

— גוט, זאָל זײַן אַזוי. איך וואָלט פאַרשריבן, נאָר מע דאַרף ניט ריזיקירן. אינעם צע־טעלע, וואָס כ׳וועל איבערגעבן מיט דיר, וועלן זײַן פאַרשריבן בלויז אַדרעסן און פאַמיליעס. דו זיץ דערווײַל, איך וועל גיך אַלץ פאַרשרײַבן.

ער האָט זיך צוגערוקט נעענטער צום טיש און אין אַ צווייענדיק זײַטל פונעם בלאָקנאָט גענומען גיך שרײַבן:

סוועטלאַנע פּאָפּאָווא. אַ בלאָנדינקע. האָר — לאַנגע ביז די אַקסל. אויגן — בלויע. ציין — גלײַכע, ווײַסע. אַ גרויסער שטערן. — ער האָט אויסגעמאָלט איר פּאָרטרעט אַזוי, ווי זי האָט זיך אים פאַרגעדענקט. דערציילט וואָס זי האָט אופגעטאָן אין מילעראָווא, אַז אינגיכן וועט זי ווידער איבערגיין די פראָנט־ליניע.

אין צעטעלע האָט ער אויך פאַרשריבן אַנדערע נעמען פון פאַרטעטער. ווען ער איז געקומען צו קריוטשקאָוון, האָט ער אַ שמייכל געטאָן צו זיך אַליין. ער האָט זיך דערמאָנט וויאַזוי גאַווריל קריוטשקאָוו איז צו אים געקומען אינדערפרי אין צימער נומער זיבן. געקומען איז ער פּינקטלעך אין דער אָנגעמערקטער צייַט, צוגעגאַנגען צום טיש, בּאַ וועלכן ס'איז געזעסן דובראָווסקי.

— דערלויבט זיך צוזעצן.

— זעצט זיך.

— אַ דאַנק, — ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אָפּן בּענקל.

— און איצט שרייַבט אָן אַ פּאַפּיר, אַז איר וועט אינערגעץ מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנען וועגן קאָנאָנענקאָס פּאַרטיזאַנישער אָרגאַניזאַציע. אויב ניט, וועלן מיר געצווּונגען זייַן אייַך צעשיסן.

— פאַרוואָס צעשיסן?

— דערווייַל איז ניטאָ פאַרוואָס. נאָר אויב איר וועט פּלאַפּלען, — וועלן מיר צעשיסן. די דאָזיקע פּאַרטיזאַנישע אָרגאַניזאַציע האָבן מיר ספּעציעל געשאַפן, קעדיי אַנטדעקן די עמעסע באַנדיטן. איר, הער קריוטשקאָוו, האָט ריכטיק געטאָן, וואָס איר זייַט געקומען צו מיר און דערציילט, נאָר אַף ווייַטער האַלט די צונג פאַרפּרעסט. קיינעם קיין פּיפּס ניט. אַניט וועט איר ווערן נידעריקער אַף אַ קאָפּ. קלאָר?

— וואָס קאָן נאָך זייַן קלאָרער? איך האָב דאָך געוואָלט, ס'זאָל זייַן וואָס בּעסער. ווי כ'וועל נאָר עפּעס הערן, וועל איך קומען גלייַך צו אייַך.

— דערפאַר זייַנען מיר אייַך דאַנקבּאַר. צום באַדויערן, האָבן מיר נאָך ניט באַוויזן צוגרייטן די פּאַפּירן וועגן אייַער מיטאַרבּעטערשאַפט אַלס געהיים־אַגענט, דעריבּער בּעט איך אייַך אַרייַנקומען צו מיר דעם קומענדיקן דינסטיק. געדענקט, וואָס איך האָב אייַך געזאָגט.

— וואָס קאָן זייַן פאַר אַ רייד. — און קריוטשקאָוו האָט זיך געזעצט שרייַבן דאָס צעטעלע...

איצט איז קריוטשקאָווס צעטעלע געלעגן אין קעשענע בּאַ דובראָווסקין. „מע דאַרף ניט פאַרגעסן דאָס צערייַסן", — האָט דובראָווסקי אַ טראַכט געטאָן, און ווייַטער גענומען שרייַבן זייַן ראַפּאָרט פאַר פּאָטאַפּאָוון. ער האָט אויסגערעכנט אַ לאַנגע רעשימע פון מענטשן, וועלכע האָבן זיך פאַרקויפט די פאַשיסטן, אויסגעגעבן דער געסטאַפּאָ סאָוועטישע מענטשן.

פּיאַטיאָרקין איז געזעסן און געדולדיק געוואַרט. אין צימער איז אַרייַנגעקומען וואַלענטינע.

— נו, זיך אָנגערעדט? — האָט זי געפרעגט.

— צום באַדויערן, נאָך ניט. דו, וואַליושע, אַנטשולדיק אונדז... אויב ס'איז מעגלעך, שפּאַציר זיך דורך נאָך אַ מינוט צען, — האָט דובראָווסקי געבּעטן.

— גוט, נאָר פאַרגעסט ניט, אַז אין גאַס איז שוין שפּעטלעך, עמעס, דאָס קינד שלאָפט בּאַ דער מאַמען אַף די הענט, נאָר מע דאַרף זי שוין אַרייַנלייגן אין בּעטל.

— אַלץ פאַרשטאַנען, אינגאַנצן נאָך צען מינוט.

וואַלענטינע איז אַרויסגעגאַנגען, און דובראָווסקי האָט ווידער גענומען שרייַבּן:

שטאַב גפּפּ־721 אין סטאַלינאָ. אָנפירער — פּאָליציי־קאָמיסאַר מייַסנער. פאַרמאָגט אויסער־קאָמאַנדעס. טאַגאַנראָג — אָנפירער לייטענאַנט בראַנדט. קאַדיִעווקע — אָנפירער אונטערשטורעמפיורער רונצכייַמער. אַלע פילן זיי אויס שטראָף־פונקציעס. אין מייַ כוידעש האָט בראַנדט אַנטדעקט אין טאַגאַנראָג אָפּאָנאָווס אַ גרויסע פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע. צעשאָסן העכער הונדערט אונטערערד־טוער, בּאַ וועלכע מע האָט צוגענומען אַ סאַך געווער. אויסער די שטראָף־פונקציעס, ווערבירט גפּפּ אַגענטן אַף אַריבּערוואַרפן צו אייַך. יעדיִעס וועגן זיי וועלן געקליבּן ווערן. איבּערשיקן וועלן מיר זיי בּאַ דער ערשטער מעגלעכקייַט...

— דאַכט זיך, אַז אַלץ, — האָט געזאָגט דובראָווסקי, צונויפלייגנדיק די זייַטעלעך פּאַפּיר. — נעם נאָך אַראָפּ דעם שוך, מירן פּרוּוון געפינען אַן ערטעלע.

וויקטאָר האָט צעשנורעוועט דעם רעכטן שוך, אים אויסגעטאָן און דערלאַנגט דובראָווסקין. אָפּרייַסן די סטעלקע האָט געדויערט איין מינוט. ווען וואַלענטינע איז אַרייַנגעקומען, איז פּיאַטיאָרקין שוין רויִק געזעסן און געשמועסט מיט לעאָנידן.

— וואַליושע, איצט וועלן מיר מיט פּיאַטיאָרקינען אַ שפּאַציר טאָן. און דו לייג שלאָפן די טאָכטער, — האָט דובראָווסקי געזאָגט, לאָזנדיק זיך צו דער טיר.

וואַלענטינע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— אויב אַזוי, זאָגט דער מאַמען, זי זאָל גיין אין שטוב אַרייַן. איך האָב איר ניט דערלויבט אַרייַנגיין.

— גוט, מירן גלייַך איבּערגעבּן.

דובראָווסקי מיט וויקטאָרן זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין הויף און זיך דאָרט געזעצט אויף די צוניפֿגעלייגטע קלעצער.

— און איצט, וויקטאָר, דערצייל, וואָס טוען אונדזערע. ווען קלײַבן זיי זיך אָנגרײַפֿן?

— פֿונוואַנען זאָל איך עס וויסן?

— ניין, ברודערקע, ניט דאָס מיין איך. אויגן האָסטו דאָך? האָסט מיסטאָם געזען וואָס בא אונדזערע טוט זיך.

— פֿאַרשטייט זיך, געזען. טאַנקען פֿירט מען צו אַ סך, אַרטילעריע פֿאַרשיידענע. אַעראָפּ־לאַנען פֿליִען הין־און־צוריק. נאָר מע זאָגט, אַז אַלץ גייט עס אויף דאָרעם, אויף קובאַן. מע זאָגט, אַז דאָרט זײַנען אונדזערע אַוועק אין אָנגריף.

— יאָ, דאָרט גייען ווירקלעך שטאַרקע שלאַכטן. בא קיין אָנגריף האַלט עס נאָך ניט. און וואָס האָט וולאַדימיר איוואַנאָוויטש געבעטן איבערגעבן מיט ווערטער?

— ער האָט געזאָגט, אַז אויף אײַך לייגט ער גרויס האָפֿענונג, אַז איר זאָלט זײַן געהיט, און געלט האָט ער געבעטן אײַך איבערגעבן, — האָט זיך דערמאָנט פּיאַטיאָרקין. — אָט איז עס, — האָט וויקטאָר אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ צונויפֿגעלייגט שמאַטקעלע, — צוויי הונ־דערט דרײַסיק דײַטשישע מאַרקעס. ער האָט געזאָגט, אַז מער טאָר מען ניט. עס קאָן אַרויסרופֿן אַ פֿאַרדאַכט, פֿונוואַנען קומט צו אַ ייִנגל אַ סך געלט...

— אַ דאַנק פֿאַר דעם, — האָט דובראָווסקי זיך צעלאַכט. — און דו, ווי־אַזוי האָסטו געלעבט?

— איך האָב געהאַט מײַן געלט. זיבעציק מאַרק. איך האָב זיי אָפּגעגעבן די סאַמאַרסקיס. אויף עסן.

— זיי האָבן דיך גוט באַגעגנט?

— קולטורנע... זיי זאָגן, איך זאָל בלײַבן בא זיי ביזן סאָף פֿון דער מילכאָמע. אַפֿילע צו אײַך ניט געוואָלט אָפּלאָזן.

— אַזוי? הייסט עס, מאָרגן וועסטו אַוועקגיין צו זיי, דאָרט איבערנעכטיקן און איבער־מאָרגן אַוועקשפּאַנען צו וולאַדימיר איוואַנאָוויטשן. זײַ געהיט. זייער וויכטיקע יעדיס טראָג־סטו אין דײַן רעכטן שוך. מיט ווערטער זאָלסטו איבערגעבן וולאַדימיר איוואַנאָוויטשן, אַז בא מיר איז אַלץ אין אָרדענונג. די שוועסטער סאַמאַרסקיס ווייסן מײַן אַדרעס. אויב מע וועט דאַרפֿן איבערגעבן זייער נייטיקס, איז דורך זיי. זאָג אים, אַז דו קענסט אָפּרוען אַ מין וואָך צײַט, דערנאָך קער זיך ווידער אום צו די סאַמאַרסקיס. ווען דו וועסט זיך דאָס צווייטע מאָל אומקערן צו זיי, זאָלן זיי מיר אָנשרײַבן אַ בריוו מיט אַ גרוס פֿונעם פּעטער וואָלאָדיע. דאָס וועט זײַן אַ סימען, אַז דו ביסט שוין בא זיי. האָסט פֿאַרשטאַנען, וויקטאָר?

— וואָס איז דאָ ניט צו פֿאַרשטיין? אַלץ איז קלאָר.

— און איבערן פֿראָנט איז ניט שרעקלעך צו גיין?

וויקטאָר האָט פֿאַרכידעשט אַ קוק געטאָן אויף דובראָווסקין, טיף אַ זיפֿץ געגעבן:

— וואָס בין איך אַ קליינינקער?

— דו, וויקטאָר, בייזער זיך ניט. עפּשער האָב איך געזאָגט אַ נאַרישקײַט, נאָר דאָס איז דערפֿאַר, וואָס איך בין אויפֿגערודערט פֿון פֿרייד, וואָס איך זע דיך.

די דאָזיקע אָנערקענונג האָט שטאַרק געריירט דאָס ייִנגל. ער איז גלײַך געוואָרן ווי אַ קינד — ווייך און צוגעלאָזט.

— פּעטער ליאָניע! פֿאַר די דײַטשן האָב איך קיין מוירע ניט, — האָט ער גיך, גערעדט. — איך האָב נאָר עטוואָס מוירע פֿאַר דער פֿינצטערניש. פֿאַרוואָס, ווייס איך אַליין ניט. און פֿאַר די דײַטשן — קיין קאָפּעטשקע ניט. פֿאַרקערט, איך שטעל זיך אָפּ, הער זיך אײַן, און גיי אַוועק מיט אַ זײַט. וולאַדימיר איוואַנאָוויטש האָט געזאָגט, אַז מינעס איז בא זיי אַ סך פֿאַר די פּאָזיציעס, אַזוי, אַז איך באַהאַלט זיך אַלץ אין די וואָראָנקעס. איך לויף צו צו אַ גרוב, שפּרינג אַרײַן אַהין און זיץ זיך. דערנאָך קריך איך אַרויס און לויף צו אַ צווייטער. אין די וואָראָנקעס איז דאָך קיין מינעס ניטאָ.

— און צווישן זיי?

— צווישן די גריבער דאַרף אויך ניט זײַן. דאָרט, ווו עס האָט זיך אויפֿגעריסן אַ סנאַריאַד, האָט די מינע זיך אויך געמוזט אויפֿרײַסן.

— זע נאָר, סאַראַ גראַמאָטנע. טעאָרעטיש איז עס אַזוי, אָבער אויף דער פּראַקטיק קאָן אַלץ טרעפֿן... אַזוי, אַז מע דאַרף זײַן געהיט.

וויקטאָר האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— צום צווייטן מאָל וועל איך קריגן פֿאַר דיר אַ ספּראַווקע, נו, אַ מין דורכלאָז־שײַן, — האָט צוגעזאָגט דובראָווסקי, — דערווײַל וועסטו גיין אַזוי.

— בא מיר פֿרעגט קיינער קיין דאָקומענטן ניט. אַז מע שטעלט מיך אָפּ, לאָז איך באַלד

א טרער, אז איך קאָן די עלטערן ניט געפינען... לאָזן זיי מיך אָפּ, איך זאָג זיי דאָך, אז מיר איז צוועלף יאָר, ניט קיין פּופּצן.

זיי האָבן זיך אופגעהויבן פון די בערווענעס.

— יאָ, שיר ניט פאַרגעסן, — האָט דובראָווסקי זיך אָפּגעשטעלט. — איך האָב דאָרט אין די פּאַפּירן דערמאָנט איינע א פרוי, בעט איך דיך, זאָלסט איבערגעבן וולאַדימיר איוואַנאָ־וויטשן, אז דאָס איז זייער א געפערלעכע פאַרברעכערן. זי איז א דײַטשישע שפּיאָנקע. זי איז שוין געגאַנגען צו אונדז און דאָרט דערהאַרגעט א סאָוועטישן קאָמאַנדיר, זי האָט גע־בראַכט וויכטיקע ידיעס די דײַטשן. דערפאַר האָט מען איר געגעבן אַן אָרדען. זי קלײַבט זיך ווידער איבערגיין דעם פראָנט. מע דאַרף זי אומבאַדינגט כאַפּן. זאָלסט עס פאַרגעדענקען.

— איך וועל דאָס אומבאַדינגט אים איבערגעבן. אַזאַ שפּין דאַרף מען פּאַקן און...

זיי זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב. וואַלענטינע האָט שוין געהאַט באַלייגט שלאָפן דאָס קינד. אינמיטן דעם טיש איז געשטאַנען א קאַסטראָליע מיט הייסע קאַרטאָפליעס.

— איך האָב זיך שוין געקליבן אײַך רופן, — האָט וואַלענטינע געזאָגט, — זעצט זיך. מירן עסן וועטשערע.

— איך דאַרף שוין גיין, וואַלישע, און וויקטאָרן האָדוועו אָן. מאָרגן אינדערפרי דאַרף ער גיין. נו, וויקטאָר, א גליקלעכן וועג דיר. צום ווידערזען. — דובראָווסקי האָט אים אויס־געצויגן א האַנט.

דער באָכער האָט ווי א דערוואַקסענער זיך געזעגנט מיט לעאָנידן.

— צום ווידערזען, פעטער ליאָניע. איך וועל טאָן אַלץ אַזוי, ווי איר האָט געבעטן.

וואַלענטינע איז אַרויסגעגאַנגען באַגלייטן דובראָווסקין.

— לעאָניד, וואָס איז די אײַלעניש, — האָט זי א שעפּטשע געטאָן, — זאָל דאָס באָכערל ווינען בא אונדז עטלעכע טעג.

— מע טאָר ניט, וואַלישע... מאָרגן וועק אים אוף וואָס פריִער, זאָל ער איבערכאַפּן און גיין קיין מאַלאָיוואַנאָווקע... דאָרט באַוומרוּיקט מען זיך אויך.

— גוט. אַזוי וועל איך טאָן.

— איבערמאָרגן וועל איך זיך אַרײַנכאַפּן צו דיר. יאָ, וואָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגן. דו האָסט מיר דערציילט, אז ביזן קריג האָסטו געשפּילט אין א ליבהאָבער־קרײַז.

— יאָ, געשפּילט.

— פאַרוואָס זאָלסטו איצט זיך דערמיט ניט פאַרנעמען?

— איך פאַרשטיי ניט, וואָס דו מיינסט.

— דאָ ווערט געשאַפן א מין קאָנצערט־בריגאַדע אונטער דער עגידע פון די דײַטשן. אויב דו ווילסט, וואָלט איך דיך געקענט אײַנאָרדענען. ס'איז דאָך אויך אַן אַרבעט, און א ברויט־קאַרטל וועסטו באַקומען.

— אויב ס'איז מעגלעך, וואָלט איך זיך ניט אָפּגעזאָגט.

— גוט, האָבן מיר זיך צונויפגערעדט. און דערווײַל באַקום אַן אוואַנס. — דובראָווסקי האָט אַרויסגענומען פון דער קעשענע דאָס געלט, וואָס וויקטאָר האָט אים געבראַכט, אָפּגע־ציילט הונדערט מאַרק און זיי דערלאַנגט וואַליען.

— צוליב וואָס טוסטו עס? וועסט אַליין דאַרפן געלט.

— נעם, נעם, פּאַטער ניט קיין צײַט. מיר וועט קלעקן אַן דעם.

וואַלענטינע האָט שעמעוודיק פאַרקוועטשט די פּאַפּירלעך אין דער האַנט.

דובראָווסקי האָט זי א קוש געטאָן אין באַק און מיט גיכע טריט אַרויס אָף דער גאַס. די געהויבענע שטימונג האָט אים ניט פאַרלאָזט דעם גאַנצן וועג. די באַגעגעניש מיט וויקטאָר פּיאַטיאָרקינען האָט געפעסטיקט זײַן זיכערקײַט. פאַר דער צײַט, וואָס ער דינט בא די דײַטשן, האָט ער צום ערשטן מאָל דערפילט זיך פעסט. אַלע באַליידיקונגען, וואָס ער איז אויסגע־שטאַנען פון רונצכײַמערן, די פאַראַכטנדיקע בליקן פון די אַרומיקע, אַליקס שכיינעשאַפט, האָבן איצט אים אויסגעזען נישטיק אין פאַרגלײַך מיט דעם, וואָס ער האָט אופגעטאָן און וואָס אים שטייט פאָר אופצוטאָן.

אין צימער איז פּאַטיאָמקין ניט געווען. לעאָניד האָט אָנגעצונדן דאָס קעראָסין־לעמפּל און ערשט איצט זיך דערמאָנט, אז ער דאַרף פאַרניכטן גאַווריל קריוטשקאָווס פּאַפּירל. ער האָט אַרויסגעדרייט דעם קנויט און אָנגעצונדן דאָס בייגעלע פּאַפּיר.

דורכן אָפענעם פענצטער האָט ער געהערט דעם געהויל פון אומבאַוווּסטע עראָפּלאַנען. „מעגלעך, אז דער קאַפּיטאַן פּאַטאַפּאָוו שלאָפט איצט אויך ניט, — איז אים געקומען אָפן זינען, — עפשער טראַכט ער אויך וועגן פּיאַטיאָרקינען...” ער איז עפעס זיכער געווען, דו־בראָווסקי, אז וויקטאָר וועט בעשאָלעם איבערגיין די פראָנט־ליניע. ער האָט געגלייבט, אז ער

וועט ברענגען זײַנע יעדן־טאָגיעס דער קאָמאַנדשאַפט פון דער דריטער אַרמיי. און ער האָט קיין טאָג ניט געהאַט. די אינטוּיציע האָט אים ניט אונטערגעפירט. אין פיר טעג אַרום האָט מען וויקטאָר פּיאַטיאָרקינען אַ פאַרמאַטערטן און אָפּגערעגטן געבראַכט פון דער פראָנט־ליניע צו פּאַטאַפּאָון.

11

דער לייטענאַנט, וואָס האָט אין אַלטער „עמקע״ געבראַכט צו פירן פּיאַטיאָרקינען צו פּאַטאַפּאָון, איז געווען אַן איידעס, ווי דאָס שעמעוודיקע יינגל האָט טשאַקנדיק אָפּגעראַ־פּאָרטירט דעם קאַפּיטאַן, אַז זײַן פאַרגעבונג האָט ער אויסגעפּילט. נאָך מער האָט זיך פאַר־כידעשט דער לייטענאַנט, ווען דאָס יינגל, וואָס האָט זיך באַפרײַט פון פּאַטאַפּאָוס אָרעמס, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַפן דיל, אויסגעטאָן אַ שוך און פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט אַ צעריבן שמוציק שטיקל פּאַפּיר און מיטן פאַרשטויבטן שוך אין דער האַנט ווידער צוגעגאַנגען צו פּאַטאַפּאָון און מיט ווירדע אים איבערגעגעבן דאָס דאָזיקע פּאַפּירל.

— פון באַריסאָוון! — האָט ער געזאָגט.

— מאַלאַדיעץ, וויקטאָר! געפונען אים! וואָס מאַכט ער?

פּיאַטיאָרקין האָט אָפּגעמאָסטן דעם לייטענאַנט מיט אַ פאַרדעכטיקן בליק און, ניט אײַלנ־דיק מיטן ענטפער, אַ קוק געטאָן אַפן קאַפּיטאַן.

— דו טו נאָר אַ קוק אָף אים! — האָט געשמייכלט פּאַטאַפּאָוו. — מאַלאַדיעץ, אַזוי זאָלסטו טאָן אויך ווײַטער, — און אויסקערעווענדיק זיך צום לייטענאַנט, צוגעגעבן: — אַ דאַנק אײַך פאַר אײַער מי. אויב קיין פראַגן האָט איר ניט, קאָנט איר זיך אומקערן אין אײַער טייל.

— קיין פראַגן האָב איך ניט. און דאָס יאַטל אײַערס איז פלינק, ווי אַ קאַץ. די דײַטשן שיסן, און ער קוקט זיך אַפילע ניט אום. גוט, וואָס ער איז כאָטש געשפּרונגען איבער די גריבער, אַנדערש וואָלטן זיי אים אָפּגעקאָסיעט.

פּאַטאַפּאָוו האָט מיט פאָרוואָרף אַ קוק געטאָן אָף פּיאַטיאָרקינען.

— וואָס דערציילט ער מײַסעס, — האָט דאָס יינגל באַרויגעט אַ זאָג געטאָן, — ס׳האָט ערשט אָנגעהויבן צו טאָגן. כ׳בין געלאָפן אין דער פינצטער. ווען כ׳זאָל זיך ניט געוועז צווילן, וואָלט אינגאַנצן ליכטיק געוואָרן.

דער לייטענאַנט האָט זיך געזעגנט, אויסגעדרייט און פאַרלאָזט דעם צימער.

— נו, און איצט דערצייל אַלץ! — האָט געבעטן פּאַטאַפּאָוו, ווען זיי זײַנען געבליבן אַליין.

וויקטאָר האָט זיך צוגעזעצט אָף דער טאַבורעטקע און אַ גליקלעכער אַ קוק געטאָן אַפן קאַפּיטאַן.

— דעם פראָנט בין איך איבערגעגאַנגען מיט יענע אויסשפּירער. דעם „צונג״ האָבן זיי גענומען נאָך פאַר מיר אין די אויגן. ווען מיר האָבן זיך שוין געזעגנט, איז דער דײַטש אַרויס־געגאַנגען פון בלינדאַזש און זיך געלאָזט שפּאַנען מאַמעש אָף זיי. פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן אים גלײַך גענומען. פאַר דער נאַכט בין איך דורכגעגאַנגען אַ קילאָמעטער פינף־זעקס. באַטאָג געזעסן אינעם אַלטן סטויג און באַנאַכט ווידער געגאַנגען. שלאָפן האָט זיך מיר ניט געוואָלט, בין איך אַזוי דערגאַנגען ביז מאַלאָזיוואַנאָווקע. די סאַמאַרסקיס האָבן זיך דערפרייט. איך האָב זיי ניט געזאָגט, אַז איך קום פון יענער זײַט פראָנט. פּאַשעט — איך האָב די עלטערן ניט געפונען, און זוך ווידער דובראַוואָסקין. לאָזט זיך אויס, אַז ער איז אויך בא זיי געווען, בא זיי טאַקע האָבן אים די דײַטשן געכאַפּט.

— געכאַפּט?

— דאָרט האָט מען אים אַרעסטירט. איך האָב געמיינט, אַז אויס, פאַרפאַלן. געוואָלט זיך שוין אומקערן צוריק. איז פונקט אָנגעקומען אַ בריוו פון אים, אַז ער איז געזונט. זיי האָבן אים געענטפערט, אַז איך בין דאָ, דעמלט האָט ער געשיקט צו מיר עפּעס אַ מומינקע, וואָס האָט מיך געבראַכט צו אים.

— ווו? ווו איז ער? — האָט אומגעדולדיק געפרעגט פּאַטאַפּאָוו.

— אין קאַדזיעווקע איז ער. ער אַרבעט אַלס איבערזעצער. גאָגאָל, פאַדייעוו, פּושקין, — האָט ער שטיל אַ שעפּטשע געטאָן, — אין גפּפּ־721. דאָס הייסט פעלד־פּאָליצײַ פון דער זעקסטער אַרמיי. די דײַטשן האָבן ווידער אַזאַ אַרמיי. און נאָך שרײַבט ער אײַך וועגן אַ פרוי. דאָס איז זייערע אַ שפּיאָנקע. מע דאַרף זי אומבאַדינגט כאַפּן. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ געפערלעכע פאַרברעכערן.

די לעצטע ווערטער פונעם ייִנגל האָט פּאַטאַפּאָוו קימאַט ניט געהערט. צעוויקלט דאָס פּאַ־ פּיר, האָט ער זיך אײַנגעזויגן מיטן בליק אין די דריבנע אויסיעלעך. — אזוי, אזוי... און דאָס איז וויטשיק, און דאָס... — האָט ער ארויסגעבראַכט באַזונדערע ווערטער, — און אָט איז נאָך איין באַוויַיז, אַז דאָס מיליטער פון אונדזער פראָנט ווערט אָפּגעצויגן. מאַלאַדיעץ לעאָניד. פּאַטאַפּאָוו האָט אָפּגעריסן דעם בליק פונעם פּאַפּיר און אַ שמייכל געטאָן צו וויקטאָרן:

— און דו, וויטיוק, ביסט אַ מאַלאַדיעץ, כאָטש ביסט נאָך אַ ברעקל.

— וואָס פאַר אַ ברעקל בין איך, — האָט זיך אָנגעברויגעזט פּיאַטיאַרקין, — נאָך פּעוורואַל פּופּצן געוואָרן.

— און דו זײַ ניט אין קאַס... דאָס זאָג איך אַזוי. פאַרשטייט זיך, אַז דו ביסט ניט קיין פּיצל, אַז דו טוסט אַזעלכע גרויסע זאַכן, — האָט פּאַטאַפּאָוו געפרוווט שוין שפּאַסן. — מירן דיך צושטעלן צו אַ מעלוכישער באַלוינונג, און ווען דו וועסט באַקומען אַן אָרדען, וועט ווער וועט דעמלט קאָנען זאָגן, אַז דו ביסט נאָך אַ קליינער. אַ גראַנדיעזער מענטש ביסטו, פּיאַטיאַרקין! דו דערצייל מיר בעסער, וויאַזוי האָט דיך לעאָניד באַגעגנט, וואָס האָט ער געבעטן איבער־ געבן מיט ווערטער?

— איך זאָג דאָך... ער האָט געבעטן איבערגעבן, אַז ער אַרבעט אין גפּפּ אַלס איבערזעצ־ צער. ער טראָגט אַ דײַטשישע פאָרמע מיט אַ פּיסטאָלעט אין אַ קאַבורע. ער האָט אויך גע־ זאָגט, אַז איך זאָל אַ וואָך צײַט אָפּרוען און דערנאָך זיך אומקערן אין מאַלאַיאַוואַנאָווקע. אַז ער וועט מיך דאַרפן, וועט ער מיך ארויסרופן מיט אַ בריוו, אָדער שיקן נאָך מיר.

— און אין קאַדיעווקע האָסטו ניט ווו צו זײַן?

— פאַרוואָס? כ'האָב דאָרט צוויי טעג געוווינט בײַ איינער אַ פרוי. בײַ דער, וואָס איז געקומען נאָך מיר אין מאַלאַיאַוואַנאָווקע. וואַליע רופט מען זי. זי וווינט מיט דער מאַמע און מיט אַ קליין טעכטערל... אַ צימערל איז בײַ זיי אַ קלייניקס. כ'בין דאָרט געשלאָפן אָפן דיל. זי האָט מיר געזאָגט, אַז דער פּעטער ליאָניע האָט איר געראַטעוועט דאָס לעבן. איצט איז זי גרייט פאַר אים אין פײַער און אין וואַסער.

— פאַרוואָס זשע וויל ער ניט לאָזן דיך בײַ איר?

— ווער ווייסט, ער פאַרשטייט בעסער.

— נו, און די ווונד טוט ניט וויי?

— ניין, כ'האָב שוין אין איר פאַרגעסן.

— אויב אַזוי, דערצייל, וואָס האָסטו געזען אױף יענער זײַט. וויאַזוי זעען איצט אויס די דײַטשן?

— ס'איז וואַרעם, האָבן זיי אַלע אַראָפּגענומען די שינעלן פון זיך.

— ניט וועגן דעם פרעג איך, — האָט פּאַטאַפּאָוו אַ שמייכל געטאָן, — אָן אַ שינעל, מיט אַ שינעל, אַלצײַנס בלײַבט ער דער זעלבער, דער דײַטש. נאָר אויב ער האָט אַ סאַך טאַנקען, אַרטילעריע, אָט דעמלט איז ער שטאַרק.

פּיאַטיאַרקין האָט אַ קוק געטאָן אין די אויגן פונעם קאַפּיטאַן:

— הארמאַטן איז איצט ווייניקער. פּאָזיציעס פאַר הארמאַטן זײַנען אויסגעגראָבן אַ סאַך, נאָר זיי שטייען ליידיק. זעלטן־ווו מע זעט אַ באַטאַרייע. און טאַנקען זײַנען איצט אויך ווײַ־ ניקער. נײַן שטיק האָב איך אָנגעציילט פאַר דער צײַט. זיי שטייען אויסגעשטעלט בײַם וועג, דאָרט זײַנען אויך געשטאַנען פיר זעניט־הארמאַטן.

פּאַטאַפּאָוו האָט געהערט און מיט אַ בלײַער פאַרנאָטירט אַלץ אין בלאָקנאָט. וויקטאָר האָט רויִק דערציילט, זיך צײַטנווײַז אָפּגעשטעלט אָף צו דערמאָנען זיך עפּעס און ווײַטער גערעדט. ס'האָט געקאָנט דאַכטן, אַז ער, דער שילער, דערציילט איבער דעם לימעד פאַרן לערער. ערשט דעמלט, ווען דאָס ייִנגל האָט דערמאָנט די אײַזנבאַן־ליניע, וואָס האָט זיך געצויגן לענגויס זײַן וועג, האָט פּאַטאַפּאָוו אָפּגעריסן דעם בליק פונעם בלאָקנאָט.

— איך האָב זיך צוגעזעצט צווישן די קוסטעס אָפּרוען אַביסל. פאַר דער דאָזיקער צײַט זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען עפּשער צען עשעלאָנען. צום פראָנט מיט פאַרמאַכטע וואַגאָנען און פּוסטע פּלאַטפאָרמעס, און אָף מיזרעך, אין דער זײַט פון דעבאַלצעוואָ, האָבן זיי געפירט טאַנקען און הארמאַטן. פאַרשטייט זיך, אַז מיט זיי סאָלדאַטן. צווישן קאַדיעווקע און אַל־ טשעווסק האָב איך געזען אַן אַעראָדראָם. זעכצן אַעראָפּלאַנען זײַנען דאָרט געווען.

— און וועלכע סאַמאָליאָטן? מיט איין מאָטאָר צי מיט צוויי? — האָט איבערגעשלאָגן פּאַטאַפּאָוו.

— פאַרניכטלער... מעסערשמידטן הייסן זיי. איך האָב זיי גלײַך דערקענט. די עקן פון די פליגלען זײַנען בײַ זיי ווי אָפּגעהאַקט. קיין צווייִמאָטאָריקע באָמבאַרדירער האָב איך קיין איינעם ניט געזען.

— מאָלאַדיעץ! דו, וויטיע, קלײַבסט זיך גוט פּאַנאַנדער אין אוויִאַציע, ווי איך זע.

— איך אינטערעסיר זיך. איך וויל דאָך זײַן א פּליִער.

— וואָס מיינסטו, בא דיר וועט זיך עס גוט באַקומען. א באַכער ביסטו א דרייסטער, א פאַרשטענדיקער. אַזעלכע, ווי דו, דאַרף מען אין אוויִאַציע. אויב ס׳וועט נייטיק זײַן, וועל איך אַליין דיך רעקאָמענדירן.

הינטערן פענצטער האָט זיך דערהערט אַן אַנוואַקסנדיקער געהויל, דערנאָך אויך א ליאַזגערײַ פון טאַנקען־רויפּן. פּאַטאַפּאָוו און נאָך אים פּיאַטיאָרקין זײַנען צוגעגאַנגען צום פענצטער אין דעם מאָמענט, ווען דער ערשטער טאַנק איז פאַרבײַגעגאַנגען די שטוב. אין קנוילן רויך איז געגאַנגען א צווייטער, דערנאָך א דריטער...

— פיר, פינף, זעקס, — האָט פּיאַטיאָרקין געציילט אַף א קאָל.

אָנגעציילט ביז זיבן און צוואַנציק, האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט. און די טאַנקען זײַנען געגאַנגען און געגאַנגען, פאַרפולט דעם אַרום מיט א קליאַצקערײַ.

— אָט דאָס איז א קראַפט! דו זעסט, וויקטאָר! — האָט געשריגן פּאַטאַפּאָוו, — צום פראָנט. אינגיכן וועלן זיי אַזאַ זעץ טאָן דעם דײַטש, אַז יענע וועלן טויב ווערן.

— דאָס גייען זיי אין אָנגריף? — האָט וויקטאָר געפרעגט.

— סאַראַ פלינקער דו ביסט. צום אָנגריף איז עס נאָך ניט דערגאַנגען. נאָר לאַנג וואַרטן וועט שוין ניט אויסקומען. דערווײַל, וויקטאָר, רו זיך אָפּ, נעם זיך אָן מיט קרעפטן.

— נאָכאַמאָל אין סאַנאַטאָריע?

— אויב דו ווילסט, קאָן מען אין סאַנאַטאָריע. עפּשער ווילסטו אַף א מין וואָך זיך אַראָפּ־כאַפּן צו דער מאַמע? זי האָט זיך שוין, מינאַסטאַם, פאַרבענקט.

וויקטאָר האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— האָבן מיר זיך צונויפגערעדט. כ׳וועל דיר באַלד אָנשרײַבן א צעטעלע, וועט מען דיר אַרויסגעבן פּראָדוקטן. ס׳איז דאָך ניט באַקוועם, אַז אַן אויסשפּירער זאָל קומען אַהיים מיט ליידיקע הענט, — האָט געלאַכט פּאַטאַפּאָוו. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס טעלעפאָן־טרײַבל און אָנגעקלונגען. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר.

— יאָ, יאָ, גייט אַרײַן.

אין צימער איז אַרײַנגעקומען ניט קיין הויכער געזעצטער סערזשאַנט.

— און אָט איז מיאַטיאָלקין, זײַט באַקאַנט, — האָט פּאַטאַפּאָוו געזאָגט צו וויקטאָרן און גלײַך זיך געווענדט צו מיאַטיאָלקינען:

— און דאָס איז אונדזער שלאַכט־כאַווער. ערשט זיך אומגעקערט פון א פאַראַנטוואָרט־לעכער אַרבעט, וואָס ער האָט אויסגעפילט לויטן באַפעל פון דער דריטער אַרמײ. איך בעט זיך באַציִען צו אים ווי עס פּאַסט. און די אויפגאַבע אײַערע איז אַזאַ... גייט מיט אים אין שפּײַז־לאַגער. לויט דעם־אָ צעטעלע וועט איר באַקומען פּראָדוקטן, דערנאָך וועט איר אים אָפּפירן אין שטאָט. פאַרגעדענקט ווו ער וווינט. אין עטלעכע טעג אַרום וועל איך אײַך שיקן נאָך אים. קלאָר?

— קלאָר, כאַווער קאַפּיטאַן. אַלץ וועט אויסגעפילט ווערן.

— אויסגעצייכנט, — דער קאַפּיטאַן האָט זיך אויפגעהויבן פונעם אָרט, צוגעגאַנגען צו פּיאַטיאָרקינען און אים דערלאַנגט די האַנט. — פאַרגעס ניט איבערגעבן א גרוס דער מאַמע.

— כ׳וועל איבערגעבן, וולאַדימיר איוואַנאָוויטש. אומבאַדינגט איבערגעבן.

12

סאָף מײַ איז געשטאַנען א שטאַרקע היץ. דאָס גראָז איז איבערגעברענט געוואָרן, פון דער אויסגעטריקנטער ערד האָט זיך אויפגעהויבן א געדיכטער שטויב. ערשט שפּעט אַפּ־דערנאַכט, ווען די זון איז פאַרגאַנגען, איז געוואָרן גרינגער צו עטעמען.

אין איינעם אַזאַ אָוונט, נאָך אַלע אַרבעטן, וואָס רונצכײַמער האָט אים פאַרגעבן, האָט דובראָווסקי א פאַרמאַטערטער זיך אומגעקערט אַהיים. זײַן איינציקער פאַרלאַנג איז געווען זיך אָפּרוען. פּאָטיאָמקין איז נאָך נעכטן קאָמאַנדירט געוואָרן אַף דרײַ טעג קיין טאַגאַנראָג. דובראָווסקי האָט אויסגעטאָן די קורטקע, אַראָפּגעצויגן פון זיך די דורכגעווייקטע מײַקע און געכאַפּט א קוק אַף דער רוסישער צײַטונג, וואָס איז געלעגן אַפּן טיש. ער האָט זיך צוגעזעצט אַפּן ברעג פון דער קושעטקע און גענומען לייענען די ידיִעס פון דער הויפּט־קוואַרטיר פונעם פיורער.

„אַף אַלע פראָנטן זײַנען פאָרגעקומען שלאַכטן פון אַן אַרטיקער באַדײַטונג, די אַוויִאַציע האָט לעבן קובאַן און נאָוואָראָסײַסק פאַרגעזעצט באַמבירן די מיליטער־אָביעקטן. די דײַטשי־שע און איטאַליענישע אַוויִאַציע איז כוואַליעסווײַז אָנגעפאַלן אַף די שיפן פונעם סוּיעץ. עס איז דערטרונקען געוואָרן אַ יאַם־טראַנספּאָרט און 14 דעסאַנט־באָטן. דרײַ קרייסערס און 14 אַנדערע מיליטערישע שיפן, צווישן זיי זײַנען עטלעכע מינען־טרעגער שטאַרק צעשעדיקט געוואָרן, אַזוי, אַז מע קאָן זיי רעכענען פאַר דערטרונקענע...״

— זייער אַ פּינקטלעכע אינפאָרמאַציע! — האָט אַף אַ קאָל זיך צעלאַכט דובראָווסקי, — זיי פּוילן זיך אַפילע צוטראַכטן ציפערן. — דער בליק האָט ווידער געגומען לויפן איבער די שורעס.

„פאַריקע נאַכט האָט די בריטאַנישע אַוויִאַציע געמאַכט אַן אָנפאַל אַף מײַרעוו־דײַטשלאַנד. פון די לופט־באַמבעס האָט באַזונדערס געליטן די באַפעלקערונג פון דער שטאָט באָכומאַ. דאָ זײַנען צעשעדיקט געוואָרן אַ סאַך וווין־הײַזער, 2 שפּיטאָלן, 23 פון די אָנגעפלויגענע באַמבאַרדירער זײַנען אַראָפּגעקלאַפּט געוואָרן״.

ווײַטער האָט די צײַטונג דערציילט וועגן דער שטאַרקײַט פון דער דײַטשישער אַרמיי. דאָקטאָר העבעלס האָט געמאָלדן וועגן דער גרויסער צאָל געווער, וואָס ווערט געשיקט אַף מיזרעך. ווײַטער האָט ער געזאָגט: „דאָס דײַטשישע פאָלק קאָן זײַן אַבסאָליוט רויִק, זײַנע גראַנדיִעזע אָנשטרענגונגען אין דער צײַט פון דער טאָטאַלער מילכאָמע זײַנען געווען ניט אומזיסט... דער טאָג פונעם ענדגילטיקן קראַך פון רוסלאַנד איז שוין נאָענט...״ — דובראָווסקי האָט זיך פאַרקרימט. אופגעהויבן זיך פון דער קושעטקע, האָט ער גענומען שפּאַנען איבערן צימער.

פאַר די אויגן זײַנען אופגעשוווּמען די דערשראָקענע פּענעמער פון די דײַטשישע דעזער־טירן, פון וועלכע צוויי זײַנען פאַרמישפּעט געוואָרן צו טויט־שטראָף. צוזאַמען מיט רונצכײַ־מערן איז ער דעמלט געקומען צום פּלאַץ, ווו עס איז דיסלאָצירט געווען אייגער אַ פּאָלק. פאַר די אויסגעשטעלטע סאָלדאַטן אין אַ קאַרע האָט מען אַרויסגעפירט די פאַרמישפּעטע אַף טויט. דער גענעראַל רעקנאַגעל האָט איבערגעלייענט דעם אורטייל און דערנאָך געהאַלטן אַ קורצע רעדע. דאָס ערשטע מאָל האָט דובראָווסקי געזען, ווי דײַטשן צעשיסן דײַטשן. דער גענעראַל האָט געזאָגט, אַז צווישן די דײַטשן האָבן זיך באַוויזן פּאַכדאָנים. אויב עס וועט ניט אויסגעראָטן ווערן די דאָזיקע זאַראַזע פון דער דײַטשישער אַרמיי, קאָן זי פאַרניכטן דאָס דײַטשישע פאָלק.

אַפן געדאַנק זײַנען געקומען די יוגנטלעכע פון פּערוואָמײַסק, די סאָוועטישע פּאַראַשו־טיסטקע, וועלכע רונצכײַמער האָט טאַקע ניט אײַנגעבראָכן, מיכאַיִל וויסאָצקין, און אויך דער ערנסטער, ליבער וויקטאָר פּיאַטיאָרקין.

„ווו ביסטו עס איצט, מײַן דרייסטער, קליינינקער פרײַנט, מײַן שרעקלאָזער פאַרבינד־לער? — האָט דובראָווסקי געטראַכט, — צי ביסטו דערגאַנגען צום קאַפּיטאַן פּאָטאַפּאָוו? ווען וועסטו לאָזן הערן וועגן זיך?״

טאָג נאָך טאָג האָט דובראָווסקי געוואַרט אַף אַ יעדיִע פון די שוועסטער סאַמאַרסקי וועגן וויקטאָרן. ער האָט פאַר דער צײַט שוין באַוויזן אָנזאַמלען אַ סאַך וויכטיקע יעדיִעס. טאַקע דערפאַר האָט ער אַזוי אומגעדולדיק אַרויסגעקוקט אַף זײַן פאַרבינדלער. נאָר יעדער מילכאָמע איז גרויזאַם. דובראָווסקי האָט ניט געקאָנט וויסן, אַז ער וועט שוין קיינמאָל ניט זען וויקטאָר פּיאַטיאָרקינען, אַז ער וועט זיך קיינמאָל ניט דערוויסן, וויִאַזוי דאָס ייִנגל איז אומגעקומען.

ניין, ניט קיין פּײַנטלעכע קויל, ניט קיין סנאַריאַד, ניט קיין באָמבע האָט אָנגעיאָגט דעם קליינינקן אויסשפּירער. אַן אומגעווײנלעכער צופאַל האָט איבערגעריסן זײַן קורץ לעבן. די שול־כאַווײרים, וואָס האָבן געווױנט מיט וויקטאָרן אַף איין גאַס, האָבן געפונען אַ פאַראָ־סטעטן דײַטשישן פּיסטאָלעט. זיי האָבן זיך לאַנג מיט אים געײַסעקט און ניט געקאָנט אַרויס־האַקן פון אים די אָבוימע. פּונקט אין יענער צײַט איז געקומען אַהיים וויקטאָר. זיך דערוווּסט אין וואָס עס גייט, האָט ער מיט אַ מינע פון אַ געניטן סאָלדאַט גענומען דעם פּיסטאָלעט און געמאָלדן:

— פריִער פון אַלץ דאַרף מען אים שטעלן אַפן שוץ־קלאַפּאַן, ער זאָל ניט אויסשיסן. אָבער מאַכן דאָס איז געווען גאָרניט אַזוי פּראָסט. וויקטאָר האָט געדרייט דעם פּיסטאָלעט אין פאַרשיידענע זײַטן. סאַפּקאַלסאַף האָט ער זיך זײַנס דערשלאָגן.

— וואָ, איצט וועט ער ניט אויסשיסן. נאָ, קאָנסט שיסן אַפילע אין מיר.

איינע אַ מיידעלע האָט גענומען דעם פּיסטאָלעט, זיך אָנגעצילט און אַ קוועטש געטאָן אַפן קוראָק. ס׳האָט זיך צעטראָגן אַ הילכיקער שאָס. וויקטאָר פּיאַטיאָרקין האָט מיטביידע

הענט זיך אָנגעכאַפּט פאַר דער ברוסט. ווי אַן אונטערגעקאַסיעטער, איז ער געפאַלן אַף דער ערד. נאָכדעם האָט זיך אויסגעקלאַרט, אַז א קויל איז שוין געזעסן אין קאַנאַל פון דער רער, און דער געפונענער רעוואָלווער איז נאָך פריִער געשטאַנען אַפן שוץ־קלאַפּאַן.

וויקטאָר פּיאַטיאַרקינען האָט מען באַגראָבן מיט קאָוועד. ביז איצט טראָגט איינע פון די גאַסן אין וואָראָשילאָווגראַד דעם נאָמען פונעם העלדישן יִינגל.

און דובראָווסקי האָט געוואַרט. געוואַרט, און מיט יעדן טאָג אַלץ מער גענייגט געווען צו טראַכטן, אַז פּיאַטיאַרקין איז ניט דערגאַנגען צו פּאַטאַפּאָוון. אָט איצט אינעם שטיקנדיקן מײַ־אָפּדערנאַכט איז ער געלעגן, דובראָווסקי, און געטראַכט. „הײַנט איז דער איין־און־דרײַ־סיקסטער מײַ. סוועטלאַנע פּאַפּאָווא טוט שוין איר שוואַרצע אַרבעט אַף יענער זײַט. וואָס בין איך ווערט, אויב דער קאַפּיטאַן פּאַטאַפּאָוו ווייסט ביז איצט ניט וועגן איר, ווייסט ניט ווו איך בין, מיט וואָס איך פאַרנעם זיך? ניין, מע דאַרף דרינגענד אונטערזוכן א מענטשן. צוזאַמען מיט די נײַע ידיִעס דאַרף מען איבערכאַזערן די פריִערדיקע, די וועלכע זײַנען געשיקט געוואָרן מיט פּיאַטיאַרקינען. עפּשער איז דער באָכער פאַרוווּנדעט? נאָר אָפּלייגן טאָר מען מער ניט... אָבער וועמען שיקט מען? וואַלענטינע קראַווצאָווא וועט זיך געוויס אָפּזאָגן, זי איז דאָך מיט א קליין קינד אַף די הענט. און עפּשער פּרוּוון. צי עפּשער זיך פאַרבינדן מיט מיכאַיִל וויסאָטשינען? ניין, יענער וועט מיר ניט פאַרטרויען, און ווו וועסטו אים איצט געפינען? און וואָס וואָלט, אַשטייגער, געווען, ווען איך זאָל אַליין זיך אַריבערכאַפּן אַהין?״ — פון דעם דאָזיקן געדאַנק האָט דובראָווסקין דורכגענומען א גרויל. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט דאָס שטרענגע פּאָנעם פונעם קאַפּיטאַן. ניין, ניין, האָט ער זיך אַליין געענטפערט. וויפל מי וועט פאַרפאַלן גיין און אַלץ צוליב איין ראַפּאָרט. דאָס איז צו א טײַערער פרײַז. דערבײַ איז די מילכאָמע נאָך אין רעכטן ברען. פּאַטאַפּאָוו דאַרף מיך דאָ, ניט דאָרט. מע דאַרף צוואַרטן נאָך עטלעכע טעג און דערווײַל זוכן א פּאַסיקן מענטשן, וואָס זאָל קאָנען איבערגיין די פראָנט־ליניע.

אָנגענומען אַן ענדגילטיקן באַשלוס, האָט דובראָווסקי זיך געצווונגען אַנשלאָפן ווערן. אופגעוועקט האָט אים א שטאַרקער קלאַפּ אין טיר. לעאָניד האָט אופגעעפנט די אויגן און געבליבן זיצן אַפן געלעגער.

— ווער איז דאָרט?

— דאָס בין איך, מאַקס! דו שלאָפסט, צי וואָס?

— איך שלאָף שוין ניט, גיי ארײַן, מאַקס.

די טיר האָט מיט א סקריפּ זיך געעפנט, און מאַקס האָט איבערגעטראָטן די שוועל פונעם צימער.

— ס׳איז ערשט האַלב עלף. כ׳האָב ניט געקלערט, אַז דו שלאָפסט שוין, — האָט ער זיך פאַרענטפערט, — דערבײַ ברענט בא דיר דאָס לעמפּל. דײַן שאָכן, ווי מיר איז באַוווּסט, איז אין טאַגאַנראָג. — מאַקס באַראָג איז צוגעגאַנגען צום טיש, זיך פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט אַף א בענקל.

— דו האָסט שוין באַוויזן אויסטרינקען?

— יאָ, איך באַהאַלט עס ניט אויס,— האָט ער שטיל געענטפערט, — כ׳בין ארײַנגעגאַנ־גען צו א באַקאַנטן טשעך, מיר האָבן אינײנעם אויסגעזשליאָקעט א פלאַש שנאַפּס. א שאָד, וואָס דו ביסט ניט געווען מיט אונדז.

— מיר דוכט, אַז איר האָט זיך אַליין ספּראַוועט.

— דו, לעאָניד, שפּאַסט אַלץ, און מיר איז ביטער. דאָס האַרץ טוט אַזש וויי. מיר האָבן זיך דערמאָנט אין פּראַג. דערמאָנט זיך, ווי מיר האָבן זיך דאָרט באַגעגנט פאַראַיאָרן אין מײַ. דאָס זײַנען געווען שווערע צײַטן פאַר די טשעכן.

— דערציייל, דערמאָן מיר.

— דעם זיבן־און־צוואַנציקסטן מײַ איז געווען אַן אָנפאַל אַף גיידריכן... דערנאָך זײַנען פאַרגאָסן געוואָרן טײַכן טשעכיש בלוט. הײַנט האָבן מיר זיך דערמאָנט אינעם באַפעל פונעם גרופּנפיורער פון עסעס קאַרל גערמאַן פראַנק. דאָס איז דער העכסטער אָנפירער פון עסעס און פון דער פּאָליציע. ער האָט עס דעמלט אָנגעשריבן, דו הערסט, לעאָניד? „...בעסער צען טויטע טשעכן, איידער איין באַלײַדיקטער אָדער פאַרוווּנדעטער דײַטש!״ איך געדענק זײַן באַפעל אַף אויסווייניק. אַפן גאַנצן לעבן וועט ער בלײַבן אין מײַן זיקאָרן. פּונקט מיט א יאָר צוריק איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דער באַפעל. אָט האָבן מיר מיט פּראַנטישעקן אויסגע־טרונקען אין צוזאַמענהאַנג דערמיט.

— איר זײַט דעמלט געווען אין אָרלוויב?

— ניין, כ׳האָב דעמלט געדינט אין דער קרימינעלער פּאָליציע. רונצבײַמער האָט אויך

געארבעט אין פראַג, דערנאָך, נאָך דעם אָנפאַל אף גיידריכן, האָט מען אים געשיקט אפן פראָנט אין דער פעלד־זשאנדארמעריע, און מיך אויך. מע האָט געביטן טשעכן אף דײַטשן.

— ווארט נאָר, ווארט, מאקס! וואָס הייסט מ'האָט געביטן טשעכן אף דײַטשן? — האָט דובראָווסקי ניט פארשטאַנען.

— זייער פּראָסט. מ'האָט לאַנג ניט געקענט אָפּזוכן די, וואָס האָבן געמאכט דעם אטענטאט אף גיידריכן, — האָט מאקס פארגעזעצט זײַנע שיקערע פלאפלערײַען, — מע האָט געהאט פאַרגעלייגט צען מיליאָן קראָן, נאָר גיי כאַפּ זיי. די דײַטשן האָבן געמיינט, אז די טשעכן באהאלטן אויס די פארברעכער אין פּאָליציע, האָבן זיי באשלאָסן, אז אין פּאָליציע זאָלן ארבעטן סודעטישע דײַטשן. די טשעכן — אפן פראָנט, און די דײַטשן — אין פּאָליציע.

— נו, און די פארברעכער האָט מען געפּאַקט?

— געפּאַקט, נאָר לעבעדיקע האָבן זיי זיך ניט אונטערגעגעבן. אייניקע זײַנען געפאלן בײַסן איבערשיסן זיך, אייניקע האָבן זיך אליין דערשאָסן. דו מיין ניט, טשעכן קאָנען אויך שטארבן...

— און דו, מאקס, פאר וואָס וואָלסטו געקאָנט שטארבן?

די שיקערע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אף דובראָווסקין. א ווײַלע איז ער געזעסן שטיל, עפּעס געטראכט, דערנאָך האָט ער א דראָע געטאָן מיטן פינגער.

— אויב שטילערהייט, קאָן מען.

— וואָס שטילערהייט?

— די קענסט יאראָסלאַוו גאשעקן?

— געלייענט, אוודע געלייענט, נאָר ווי קומט אהער גאשעק?

— איך וויל דיר א ציטיר טאָן פון „סאָלדאט שווייק”...

— אנו, דערלאנג. כ'וועל מיט פארגעניגן הערן, ווי'אזוי עס באקומט זיך בא דיר.

— איינמאָל האָט מען געפרעגט בא שווייקן: „דאָ מעג מען שיסן?” און דו ווייסט, וואָס דער בראַווער שווייק האָט געענטפערט:

— ניין, איך געדענק ניט.

— ער האָט געענטפערט: „אויב שטילערהייט — קאָן מען!” איצט איז דיר פארשטענדלעך, פארוואָס איך האָב אזוי געזאָגט?

— איצט איז פארשטענדלעך.

— אויב אזוי, איז גוט. לעאָניד, א דאנק דיר און דײַן דאמע. וואָס איר האָט מיך באקענט מיט א טײַער רוסיש מיידל. זי איז מיר אף אן עמעסן געפעלן געוואָרן. לאָמיר זיך נאָכאַמאָל אלע באגעגענען, איינער אליין איז ניט באקוועם.

— גוט, מאקס. נאָר זאָג מיר אָפּן, וואָס איז דיר בעסער געפעלן: דאָס מיידל, צי דאָס אײַנגעמאכטס?

— דאָס אײַנגעמאכטס איז אויך געשמאק. דו ווייסט דאָך, אז זי געפעלט מיר טאַקע.

— מאָרגן וועל איך זיך צונויפריידן מיט וואלענטינען און מירן גיין אין קינאָ.

— יאָ, א גוטער פילם, „מײַן ליבע” הייסט ער.

— רונצכײַמער זאָל אונדז אָבער ניט פארהאלטן, ער קאָן נאָך צוטראכטן אן ארבעט...

— ניין, אף מאָרגן רופט מען אים ארויס קיין יוזאָווקע צו מײַסנערן, וועגן עפּעס א דרינגענדיקן איניען. קאָנסט רעכענען, אז דער אָוונט און די נאכט זײַנען אונדזערע.

פונעם הויף האָט זיך דערטראָגן א געביל פון גאראסן. דער הונט האָט זיך א לאָז געטאָן פונעם גאראזש צום טויער און ווידער צום גאראזש. דאָס קלינגענדיקע בילערײַ האָט געשניטן די נאכטיקע שטילקײַט. ערגעץ פונוויטנס האָט עטלעכע מאָל א האווקע געטאָן עפּעס א הינטל. הינטערן פענצטער האָט גענומען סקריפּען דער גראַווי. עס האָט זיך באוויזן רונצכײַמער, ער איז צוגעגאנגען צום פענצטער און ארײַנגערוקט אהין דעם קאָפּ:

— הער דובראָווסקי! אונדזער אלעקס האָט זיך נאָך ניט אומגעקערט פון טאגאנראָג?

— נאָך ניט, הער אונטערשטורמפיורער! איך מיין, אז ער וואָלט גלײַך געגעבן אײַך צו וויסן. — לעאָניד איז צוגעגאנגען צום פענצטער.

— יאָ, אזוי וואָלט ער געוויס געטאָן, נאָר איר שמועסט מיט עמעצן, האָב איך באשלאָסן, אז דאָס איז אלעקס.

— ניין, הער אונטערשטורמפיורער, דאָס בין איך, באַראָג. — מאקס איז אופגעשפרונגען פונעם בענקל.

— און פארוואָס זײַט איר דאָ?

— גלאט אזוי, ארײַנגעגאנגען צום הער דובראָווסקי כאַפּן א שמועס.

— זאָל זײַן אַזוי. יעדערער רוט אָפּ אַף זײַן אויפן, ווי אים ווילט זיך. אַ גוטע נאַכט, מײַנע הערן, — האָט רונצכײַמער גוטוויליק זיך געזעגנט.

— אַ גוטע נאַכט, הער אונטערשטורמפיורער, — האָבן קימאַט ביידע צוזאַמען אָפּגעענטפערט.

ווען אין הויף איז שטיל געוואָרן, האָט מאַקס געזאָגט:

— איך פאַרשטיי ניט, וויִאַזוי קאָן מען עס ליב האָבן אַ הונט און אַזוי פײַנט האָבן מענטשן? נאָר אַ גוטער מענטש קאָן ליב האָבן באַלעכײַים.

— דו ווייסט, מאַקס, איך קלער, אַז דער דילדע האָט ניט ליב גראַסן. זאָל ער זיך אויסברעכן אַ פוס, וועט דער דילדע אים ניט נעמען זיך היילן, ער וועט אים אַליין דערשיסן.

— דו ביסט, עפּשער, גערעכט. איצט פאַרשטיי איך גאָר אַף אַן אַנדער אויפן רונצכײַמערס באַליבט ווערטל.

— וואָסער ווערטל?

— ער האָט ליב איבערצוכאַזערן: „ס'איז גוט, ווען אַ הונט איז אַ פרײַנט. נאָר גאָר אַנדערש איז, ווען אַ פרײַנט איז אַ הונט!"

— אויב אַזוי, בלײַבט אונדז פעסטצושטעלן, — האָט דובראָווסקי געשמייכלט, — ווער זשע פון זיי איז דער הונט...

ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער פּלאַפּלט צופיל. און כאָטש דובראָווסקי וואָלט געמעגט שווערן, אַז מאַקס איז אויפריכטיק, דאָך האָט עפּעס אַן אינערלעך קאָל אים אונטערגעזאָגט — זײַ געהיט!

— דער קעראָסין ענדיקט זיך, — האָט דובראָווסקי אַ זאָג געטאָן, באַמערקנדיק ווי דער קנויט אין לעמפּל נעמט צאַנקען...

— און אונדז איז שוין צײַט זיך לייגן שלאָפן, — האָט מאַקס אונטערגעכאַפּט און זיך געלאָזט צו דער טיר, — הייסט עס, מאָרגן אין קינאָ.

אָבער ניט נאָר אין קינאָ, נאָר באַגעגענען זיך אַפילע מיט וואַלענטינען איז דובראָווסקין ניט געלונגען. אַפן אַנדערן טאָג, פאַרנאַכט, ווען לעאָניד און מאַקס האָבן זיך שוין געגרייט גיין אין שטאָט אַרײַן, האָט זיך אומגעריכט אומגעקערט רונצכײַמער. נאָך ניט באַוויזן אַרויסגיין פון דער מאַשין, האָט ער באַפוילן דעם דזשורנע עקסטרע צונויפרופן אַלעמען.

דער דזשורנע האָט געמאָלדן אַן אַלגעמיינעם איבערוף.

— אַזוינס איז נאָך קיינמאָל ניט געווען, — האָט געזאָגט מאַקס באַראַג, — ווײַזט אויס, אַז ס'איז געשען עפּעס וויכטיקס.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן זיך לעבן באַראַק אויסגעשטעלט די אויספאָרשער, איבערזעצער, די שאָפערן פון די לאַסט־מאַשינען און די וואַכלײַט. רונצכײַמער האָט זיך געווענדט צו זיי מיט אַ קורצער רעדע.

— אין דער איצטיקער אָנגעשטרענגטער צײַט, ווען לויטן באַפעל פונעם פיורער גרייט זיך אונדזער רומפולע אַרמיי דערלאַנגען דעם פײַנט אַ טויט־קלאַפּ, איז פאַר דער געהיימפעלד־פּאָליציי געשטעלט געוואָרן אַ פאַראַנטוואָרטלעכע שלאַכט־אויפגאַבע...

ער האָט גערעדט וועגן דעם קאַמף מיט די פײַנטלעכע לאַזוטשיקעס און דיווערסאַנטן, וועגן די פּאַרטיזאַנישע באַנדעס, מיט וועלכע די גפּפּ־721 פירט אַ העפטיקן קאַמף. און געענדיקט האָט ער מיט די ווערטער: — טאַקע דערפאַר האָט דער פּאָליציי־קאָמיסאַר מײַסנער באַפוילן אין סאַמע קורצסטן טערמין איבערוואַרפן אונדזער קאָמאַנדע פון קאַדיִעווקע צוריק קיין יוזאָווקע. דאָ האָבן מיר שוין אַלץ געטאָן, וואָס מיר האָבן געקענט. עס הייבן ווידער אויף די קעפּ די פּאַרטיזאַנישע באַנדעס. ערשט נעכטן האָבן זיי ניט ווײַט פון יוזאָווקע אָפּגעריסן זיבן מעטער אונטערערדישן קאַבעל, וואָס פאַרייניקט דעם פיורערס סטאַווקע מיט דער קאָמאַנדשאַפט פון דער גרופּע „דאָרעם". און דאָס איז אין דער צײַט, ווען די סטאַווקע גרייט זיך צו אַן ענדגילטיקן קלאַפּ אַפן סאָוועטיש־דײַטשישן פראָנט.

דער פּאָליציי־קאָמיסאַר האָט מיר געזאָגט, אַז ער לייגט האָפענונג אַף אונדזער קאָמאַנדע און האָט באַפוילן זיך איבערבאַזירן קיין יוזאָווקע אין מעשעך פון אַכט און פערציק שאָ. פיר שאָ האָב איך געפּאַטערט אַפן וועג פון יוזאָווקע, אַזויפיל צײַט וועט געדויערן דער וועג אַף צוריק. אַזויאַרום, אַז אונדז בלײַבט פערציק שאָ אַף צונויפנעמען אַלץ. אָבער דאָס איז מאַקסימאַל. איך רעכן אויס קומען קיין יוזאָווקע מיט אַ שאָ פאַר דער אָנגעמערקטער צײַט. אַלע דאַרפן צונויפנעמען די דאָקומענטן, די פּאַפּקעס, די פּראָטאָקאָלן פון די פאַרהערן. די ניט פאַרענדיקטע איניאָנים דערלייזן הײַנט באַנאַכט. און געדענקט — בעסער צעשיסן צען אומשולדיקע, איידער אַרויסלאָזן איין באַנדיט. די געשיכטע וועט אונדז ניט מויכל זײַן קיין ווייכלײַביקײַט. דערפאַר רוף איך צו שטרענגקײַט. זײַט אומבאַראַכמאָנעסדיק צו די פײַנט פונעם

רײַך, צו די סאַנים פונעם פּיורער, דאָס הייסט צו אײַערע סאַנים. די אויספּאַרשער און די איבערזעצער בעט איך בלײַבן דאָ. די איבעריקע זאָלן גיין צו זייער דינסט גרייטן די טעכניק און די זאַכן אָף איבערבאַזירן זיך.

אַלע זײַנען זיך צעלאָפן, בלויז אַ צענדליק מענטשן זײַנען געבליבן לעבן רונצכײַמערן. ער האָט זיי פאַרבעטן צו זיך אין קאַבינעט.

— מײַנע הערן, — האָט ער זיך געווענדט צו זיי, — דער פּאָליציי־קאָמיסאַר מײַסנער האָט מיר געזאָגט, אַז מיר האָבן אויסגעצייכנט זיך ספּראַוועט מיט דער אַרבעט אין קאַדיִעווקע, און מיך געבעטן דערלאַנגען צעטלען פון די, וואָס האָבן זיך אַמערסטן אויסגעצייכנט, אָף צושטעלן צו באַלוינונגען. נאָר, מײַנע הערן, דאָס איז ניט נאָר פאַר דעם, וואָס איז אופגעטאָן געוואָרן, נאָר אויך אַן אַוואַנס פאַר די קומענדיקע אופטוען. מײַסנער האָט מיר דערציילט, — האָט פאַרגעזעצט דער שעף, — אַז ווילי בראַנדטס קאָמאַנדע האָט אופגעדעקט אַ וויכטיקע פאַרטיזאַנישע באַנדע אין טאַגאַנראָג, אַ באַנדע פון העכער צוויי הונדערט פאַרטיזאַנער. דער פּאָליציי־קאָמיסאַר מײַסנער האַלט, אַז אויך אין גאָרלאָווקע, מאַקייעווקע און אין יוזאָווקע אַרודוּוען אַזעלכע באַנדעס. מײַנע הערן, איך פאַרלאָז זיך אָף אײַך.

קימאַט די גאַנצע נאַכט און דעם אַנדערן טאָג האָבן די מיטאַרבעטער זיך געמיט אָן אופהער. רונצכײַמער האָט אינסטרוקטירט דעם שעף פון דער רוסישער געהילפס־פּאָליציי, ער זאָל צוײַלן די איבערזעצער, וועלכע האָבן ניט באַוויזן פאַרענדיקן די אויספאָרשונג, און ער האָט גלײַך אונטערגעשריבן אַ טויט־אורטייל. פאַרן מעסלעס האָט מען באַוויזן צעשיסן העכער זיבעציק מענטשן — רונצכײַמער האָט זיך געײַלט פאַרענדיקן די איניאַנים אין קאַדיִעווקע.

אין זעקס און דרײַסיק שאָ אַרום, נאָך דעם ווי רונצכײַמער האָט זיך אומגעקערט פון יוזאָווקע, זײַנען דרײַ לאַסט־מאַשינעס, אָנגעפּאַקעוועטע מיט סייפן, קעסטלעך פולע מיט דאָקומענטן און פּראָטאָקאָלן, בעטן מיט מאַטראַצן, אָף וועלכע עס זײַנען געזעסן סאָלדאַטן, אַרויסגעפאָרן פונעם פּוסטגעוואָרענעם הויף און זיך געלאָזט צום שאָסיי, וואָס פירט קיין יוזאָווקע. באַם ראַנד פון קאַדיִעווקע האָט זיי דעריאָגט רונצכײַמערס „מערסעדעס". באַנאַנד מיטן שאָפער איז געזעסן לעאָניד דובראָווסקי, פונהינטן — רונצכײַמער מיט גאַראַסן.

ס'איז געווען פריִער קאַיאָר, פון ערגעץ ווײַט, פון מיזרעך, האָט זיך דערטראָגן אַ פאַרטויבטער אָפּהילך פון אַן אַרטילעריסטישער קאַנאָנאַדע.

דובראָווסקי האָט די גאַנצע צײַט געטראַכט וועגן דעם, אַז ער פאָרט אַוועק פון קאַדיִעווקע און האָט אַפילע ניט באַוויזן זיך זען מיט וואַלענטינען, ניט באַוויזן באַוואָרענען, אַז עס זאָלן אָפּגעשיקט ווערן די יעדיִעס צום קאַפּיטאַן פּאָטאַפּאָוו. אים האָט זיך אָנגעהויבן דאַכטן, אַז זײַן גאַנצע מי איז גאָרנישט ווערט, אַז אומזיסט ריזיקירט ער... בלויז די האָפענונגען אָף ווײַטער האָבן אים געטרייסט אין אַ געוויסער מאָס. אָ, ווי ער וואָלט גליקלעך געווען, ווען ער זאָל וויסן, אַז זײַן ראַפּאָרט איז באַצײַטנס צוגעשטעלט געוואָרן, און אַז אַדאַנק דעם האָט זיך די סאָוועטישע אָרגאַנען פון מעלוכישער געפאַרלאָזיקײַט אײַנגעגעבן פאַרהאַלטן די דײַטשישע שפּיאָנקע סוועטלאַנע פּאָפּאָווע.

13

סטאַלינאָ, אָדער יוזאָווקע, ווי די דײַטשן האָבן גערופן די דאָזיקע שטאָט, האָט באַגעגנט רונצכײַמערן און זײַן קאָמאַנדע גפּפּ מיט אַ שלאַקסרעגן. דער שאָפער האָט אָפּגעשטעלט די מאַשין באַ דער זײַט פון וועג, אַרויסגעשפּרונגען און אָנגעשטעלט די „דוואָרניקעס". אומגעקערט האָט ער זיך אַ פּיטש־נאַסער. זײַנע נאַסע האָר האָבן זיך צוגעקלעפּט צום שטערן.

— דאָס ערשטע מאָל זע איך אַזעלכס, — האָט ער געזאָגט.

— ביסט נאָך יונג. וועסט נאָך אַזוינס זען אין דײַן לעבן!.. דער אייבערשטער האָט אָנגעקליבן אַזויפיל פּײַטקײַט אָף צו פאַרפלייצן די דאָזיקע ברײַזע ערד. אַזאַ רעגן איז אַ גוטער סימען... אינגיכן וועט די דײַטשישע אַרמיי זיך אַזוי אַרופוואַרפן אָף די סאָוועטן! מירן דורכרײַסן דעם פראָנט און זיך לאָזן אָף מאָסקווע. נאָר ווען עס וועט גענומען ווערן מאָסקווע, וועט די מילכאָמע פאַרענדיקט ווערן.

— פאַרוואָס קלערט איר אַזוי, הער אונטערשטורמפּיורער? — האָט געפרעגט דובראָווסקי.

— איך פאַרנייג זיך שטענדיק פאַר דער גענײַאַלקײַט פון נאַפּאָלעאָנען. ער האָט געזאָגט: „אַז איך וועל אײַנעמען קיִעוו, וועל איך נעמען רוסלאַנד פאַר די פיס; אַז איך וועל באַהערשן פּעטערבורג, וועל איך זי נעמען פאַרן קאָפּ; אַז מאָסקווע וועט זײַן מײַנע, וועל איך איר

טרעפן אין הארצן״. גענעאל, ניט אזוי? און היינט האלטן מיר, דייטשן, רוסלאנד פאר די פיס. מיט דער בלאָקאדע פון לענינגראד האָבן מיר איר פארקוועטשט דעם האלדז, עס בלייבט איצט טרעפן איר אין הארצן, און די מילכאָמע וועט פארענדיקט ווערן. אָט פארוואָס מיר גרייטן איצט א קלאפּ אין סאמע צענטער פונעם מיזרעך־פראָנט. איר וועט דערמאָנען מיינע ווערטער, הער דובראָווסקי. אין די נאָענטסטע טעג וועלן זיך אָנהייבן די ענדגילטיקע שלאכטן...

— הער אונטערשטורמפירער, איר האָט אָט ערשט ציטירט נאפּאָלעאָנען, נאָר אויך ער, ווי ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, איז ניט געווען קיין נאָווי.

— אין וואָס, אייגנטלעך?

— ער האָט מאָסקווע גענומען, נאָר רוסלאנד ניט באהערשט. מיט וואָס דאָס האָט זיך געענדיקט, איז אייך באוווּסט פון דער געשיכטע.

— יאָ, נאָר נאפּאָלעאָן איז א ייִנגל אין פארגלייך מיט אדאָלף היטלערן... פארגעדענקט, סטאלינגראד האָט בלויז צערייצט אונדזערע סאָלדאטן. דער געפיל פון נעקאָמע פאר סטאלינגראד וועט זיי פירן דורך מאָסקווע ביז אוראל, איך קלער, אז איר צווייפלט ניט אין דעם. איר צווייפלט דאָך ניט, אז איך ווייס מער פון אייך.

דער געהויל פון א שטארקן דונער האָט פארהילכט רונצכיימערס לעצטע ווערטער. די שיין פונעם בליץ האָט באלויכטן אף א ווייל דעם סטעפּ.

די מאשינעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

— אויסשליסן די מאָטאָרן! מירן איבערוואַרטן דעם שטורעם! — האָט באפוילן רונצכיימער.

דובראָווסקין זיינען געקראָכן אין קאָפּ פארשיידענע געדאנקען: „עפּשער גרייטן טאקע די דייטשן אזא קלאפּ, אז ווידערשטיין וועט זיין אומעגלעך... ניט אומזיסט ציטירן אלע ציי־טונגען העבעלסעס רעדע... און דאָך וועלן אונדזערע אויסהאלטן. „רוסלאנד איז גרויס, נאָר אָפּטרעטן איז ניטאָ וווהין, אהינטן איז מאָסקווע״, — האָט ער זיך דערמאָנט דעם לאָזונג, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין די אָקאָפּעס נאָך אין איין־און־פערציקסטן יאָר.

דער מוירעדיקער ווינט איז אזוי שטיל געבליבן אזוי אומגעריכט, ווי ער האָט זיך אָנגעהויבן. די כמארעס זיינען אוועקגעשווומען ווייט אין סטעפּ, נאָר דער רעגן האָט אלץ געליאפּעט.

— פאָרויס! — האָט באפוילן רונצכיימער.

אין צען מינוט ארום איז רונצכיימערס מאשין ארייַנגעפאָרן קיין יוזאווקע. די גאסן זיינען געווען פוסט. אייניקע פּרויען, וועלכע דער רעגן האָט, ווייזט אויס, געטראָפן אין וועג, זיינען איבערגעלאָפן פון איין הויז צום אנדערן, האלטנדיק די שיך אין די הענט. גרויסע ריטשקעס וואָסער האָבן פארגאָסן דעם טראָטואר. איניגיכן האָט דער „מערסעדעס״ זיך אָפּגע־שטעלט לעבן א דריישטאָקיק מויערל.

— אָט זיינען מיר געקומען! — האָט געזאָגט רונצכיימער. ער האָט א קוק געטאָן אפן זייגער, — עלף זיבן און פערציק. ביז זעכצן אזייגער איז נאָך פיר שאָ מיט דרייצן מינוט. אונדזערע לאסט־מאשינעס וועלן מאקסימום אין א שאָ ארום זיין דאָ. אזוי אז איך קאָן ראַ־פּאָרטירן דעם פּאָליציי־קאָמיסאר מייסנערן, אז זיין באפעל איז אויסגעפילט פארן אָנגעמערקטן טערמין — מיט דריי שאָ.

— דער פּאָליציי־קאָמיסאר מייסנער איז געוויס זייער שטרענג? — האָט געפרעגט דובראָווסקי.

— פּינקטלעכקייט איז ניט נאָר די פּריווילעגיע פון קייסארים, זי איז אייגנטימלעך דעם גאנצן דייטשישן פאָלק. — ראטעווענדיק זיך פון רעגן, זיינען זיי שנעל איבערגעלאָפן דעם טראָטואר און ארייַנגעשפרונגען דורך דער גרויסער מאסיווער טיר אין קאָרידאָר.

— איר וואַרט דאָ צו ביז אונדזערע וועלן אונטערקומען. איך וועל זיך אופהייבן צום פּאָליציי־קאָמיסאר אים אָנזאָגן, אז מיר זיינען געקומען.

ביז צו אָוונט זיינען רונצכיימערס אָנגעשטעלטע שוין געווען פאנאנדערגעשטעלט אין די צימערן פונעם דריטן שטאָק. אויך דאָ האָט מען דובראָווסקין באזעצט צוזאמען מיט פּאטיאָמ־קינען, וועלכער האָט שוין באוויזן אופהענגען איבער זיין געלעגער א פאָטאָגראפיע פון א דייטשישער קינאָ־שטערן. דאָס דריטע בעט האָט פארנומען א יונגער אוקראינער גריצקאָ רוּ־באניוק, וואָס האָט געדינט באם שטאב פון פּאָליציי־קאָמיסאר מייסנער. טאקע ער האָט דעם ערשטן אָפּדערנאכט איינגעלאָדן פּאטיאָמקינען און דובראָווסקין אין קאזינאָ, וואָס האָט זיך געפונען אין קעלער פון דער זעלבער געביידע. רובאניוק האָט זיך ארויסגעוויזן אלס לעבנס־לוסטיקער יונג. שוין אין ערשטן אָוונט האָט ער אָן אופהער אויסדערציילט די נייע באקענטע וועגן זיינע ליבע־פּאסירונגען. — מיידן זיינען דאָ — וואָ! — האָט ער אלע מינוט געזאָגט, באוויזנדיק דעם גראָבן פינגער פון דער רעכטער האנט.

פּאַטיאָמקין האָט זיך אופמערקזאַם צוגעהערט צו זײַנע מײַסעס. דובראָווסקי האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער הערט אויך, נאָר די גאַנצע צײַט ניט אופגעהערט צו טראַכטן, ווי אַזוי צו קריגן א פאַרבינדלער, וואָס זאָל איבערגעבן זײַן ראַפּאָרט דעם קאַפּיטאַן פּאַטאַפּאָוו.

שוין אין צימער האָט אַלעקס דערציילט:

— א ציקאַווע געשיכטע האָט זיך באַקומען. ווילי בראַנדטן האָט פּאָשעט אָפּגעגליקט. געהאָלפן האָט אים א צופאַל. די געהילפס־פּאָליציי האָט פאַרהאַלטן א ניט פאַררעגיסטרירטן קאָמוניסט, אַפּאַנאָוו איז זײַן פאַמיליע. מע האָט אים אַרײַנגעזעצט אין א קאַמערע מיט נאָך א מענטשן צען. צווישן די אַרעסטירטע איז געווען איינער א רומענער דעזערטיר. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז אַפּאַנאָוו איז אַן אָנפירער פון אַן אָרגאַניזירטער באַנדע. זײַנע פרײַנט האָבן באַשלאָסן אָרגאַניזירן אים א פּלייטע. דעמלט האָט אַפּאַנאָוו אונטערגערעדט די אַרעסטירטע פון דער קאַמערע אָנטיילנעמען אין דער אַקציע. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט אונטערגערעדט דעם רומענער, אים אַפילע געגעבן דעם אַדרעס, ווּ מע וועט אים אויסבאַהאַלטן נאָכן אַנטלויפן. אַפּאַנאָוו האָט ראַכמאָנעס געהאַט אָף יענעם, ס'האָט אים געדראָעט טויט־שטראָף. נאָר דער רומענער האָט דערציילט דעם אויספאָרשער וועגן אַלץ. האַקלאַל, בראַנדטן האָט אָפּגעגליקט, העכער צוויי הונדערט מענטשן האָט מען געכאַפּט אין טאַגאַנראָג.

— צוליב וואָס זשע האָט מען דיך אַרויסגערופן, אויב בראַנדט האָט אַלעמען געכאַפּט?

— עס האָט ניט געקלעקט קיין איבערזעצער, האָט מען מיך איבערגעוואָרפן, אָף זיך אָנעמען מיט פּראַקטיק, — האָט פּאַטיאָמקין געלאַכט מיט א בייז געלעכטערל.

— איצט איז קלאָר. מע קאָן נאָך דיך אויך צושטעלן צו א באַלוינונג.

— ניי־יין. איך בין דאָרט נאָר צוויי טעג געווען. מע וועט שוין דאַרפן דאָ, אין יוזאָווקע, זיך אויסצייכענען. מע זאָגט, אַז די טאַגאַנראָגער אָרגאַניזאַציע איז פאַרבונדן געווען מיט די יוזאָווקער באַנדעס. נו, און איצט לאָמיר שלאָפן. מאָרגן וועט מען אונדז אופהייבן קאַיאָר. מיר האָבן דאָ שוין געוווינט, נאָך ביז קאַדיִעווקע. וועסט אָנקוקן דעם שעף... א גראָבטשינ־קער, מיט בלויע אייגעלעך, מיט פּענסנע, עמעס, אָף מענטשן קוקט ער איבער די גלעזלעך און האָט ליב צו ריידן וועגן פּאָליטיק. דאָס איז פאַר אים טײַערער פון ברויט מיט פּוטער.

— אינטערעסאַנט!

— וואָס איז דאָ אינטערעסאַנט? דײַן מיינונג פרעגט ער דאָך ניט. ער קלײַבט זיך אין אַלץ אַליין פאַנאַנדער. דו שטיי און הער. א כיטרע בעסטיע, ניט אַזאַ ווי אונדזער דילדע.

— און אונדזער רונצכײַמער איז דען ניט קיין כיטרע?

— ניין, בא אונדזערן איז מער קאָס, קיין כיטרעקײַט — אָף קיין גראָשן ניט. און דער איז קלוימערשט א וויכינקער... אוך, האָט ער מיך קאָנטראָלירט, ווען כ'האָב זיך געיאָוועט אַהער. ער האָט מיך געבראַכט אין סאַן־אָפּטייל, אוועקגעזעצט באַם טיש שרײַבן די בי'אָגראַ־פיע, און דערווײַל האָט דער אויספאָרשער קוועסט פאַרהערט א געכאַפּטן קאָמוניסט. ער האָט אים אַרײַנגערוקט געשלײַפטע שאָמפּאָלן אין די געלענקען פון די פיס, יענער האָט אַזוי גע־שריגן, אַז די סטעליע האָט זיך אַזש אונטערגעהויבן, און ער, מײַסנער, זיצט און קוקט, ווי אַזוי איך וועל רעאַגירן...

— נו, און דער קאָמוניסט?

— וואָס ער האָט געפּלאַפּלט, ווייס איך ניט. נאָר אין סאַן־אָפּטייל אָנערקענען זיך אַלע.

— וואָס פאַרא שײַכעס האָט אַהער דער סאַן־אָפּטייל?

— דאָס איז דאָך די קאַמערע פון ליידן...

— וויפל זשע סאַן־אָפּטיילונגען זײַנען דאָ פאַראַן?

— יעדער אויספאָרשער האָט זײַן סאַניטאַר־צימער אָפן צווייטן שטאָק. באַטאָג, אַז דו גייסט פאַרבײַ דעם קאָרידאָר, קאָן זיך דאַכטן, אַז דו געפינסט זיך אין א מעשוגאָיִם־הויז. פון הינטער יעדער טיר דערטראָגן זיך גוואַלדן.

— נו, גענוג, פאַרן שלאָף איז ניט קעדײַ צו הערן וועגן דעם.

פּאַטיאָמקין האָט פאַרלאָשן דאָס קעראָסין־לעמפּל און זיך געלייגט אין בעט.

און אינדערפרי האָט ווידער געשײַנט די זון. אינעם גראַמען הויף פון דער געוועזענער באַנק, ווּ ס'האָט זיך איצט געפונען די גפּפ־721, האָבן זיך אויסגעשטעלט די הענקער: אויס־פאָרשער, איבערזעצער, געהיימע אַגענטן און אַגענטן פון געסטאַפּאָ אויך. דער אונטערשטורמ־פירער רונצכײַמער איז געשטאַנען דער ערשטער אין דער שערענגע פון זײַן קאָמאַנדע.

נאָך דעם פרימאָרגעדיקן דורכקוק האָט דער פּאָליציי־קאָמיסאַר מײַסנער אָפּגעלאָזט אַלע־מען כוץ רונצכײַמערס קאָמאַנדע. צוגייענדיק צו דער שערענגע, האָט ער יעדן איינעם זיך אײַנגעקוקט אין פּאָנעם. דובראָווסקי האָט אויסגעהאַלטן אָט דעם אָפּשאַצנדיקן בליק. די אָנשטרענגונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז ס'האָט זיך געוואָלט אַראָפּלאָזן די אויגן־לעפּלעך,

צוזשמורען די אויגן, נאָר אין א ווײַלע ארום האָט דובראָווסקי שיר ניט א שמייכל געטאָן. דאָס האָט פּאַסירט דאַן, ווען מײַסנער האָט מיט איין האַנט אראָפגענומען דאָס היטל און מיט א שניי־ווײַס נאָזטיכל גענומען ווישן דעם רויטן פאַרשוויצטן פּליך.

„ניט קיין שלעכטער סימען, — האָט א קלער געטאָן דובראָווסקי, — ער האָט אראָפגענומען פאַר מיר דאָס היטל".

און די דיקלעכע פיגור מיטן אָנגעשוואָלענעם פּאָנעם, מיט די וואָנצעלעך, ווי בא היטלערן, אַף דער ברייטער אייבערשטער ליפּ, האָט פאַרגעזעצט זיך באוועגן לענגויס דער שערענגע. סאָפּקאָלסאָף האָט מײַסנער זיך אָפּגעשטעלט, ווידער אויסגעווישט דעם פּליך און גענומען ריידן מיט זײַן ווייכער שטים:

— מײַנע הערן, דער אונטערשטורמפיורער רונצכײַמער האָט מיר דערציילט וועגן אײַער מי אין קאַדיִעווקע. איך דאַנק אײַך, מײַנע הערן. אין די נאָענטסטע טעג וועט די דאַנקבאַרקײַט פון דער קאָמאַנדשאַפט אָפּגעשפּיגלט ווערן אין א געהעריקן באַפעל. נאָר די מילכאָמע ווערט פאַרגעזעצט. נאָך די טרויעריקע טעג פון סטאַלינגראַד האָבן אונדזערע סאָנים אומעטום אופגעהויבן די קעפּ. נאָך זיי נעמען אופהייבן די קעפּ אויך די אינערלעכע סאָנים אונדזערע. דאָ, אַף דער באַפרײַטער ערד, האָבן אָנגעהויבן אַן אקטיווע טעטיקײַט די פּאַרטיזאַנער. זיי זײַנען גוט באוואָפנט און ניט שלעכט אָרגאַניזירט. נאָר זיי האָבן א טאָעס, אונדזער שטראָפנדיקע שווערד איז ניט טעמפּ געוואָרן. אָפּאַנאַסאָוס פּאַרטיזאַנישע באַנדע אין טאַגאַנראָג איז ליקווידירט געוואָרן, דער קאַפּיטאַן דיטמאַן האָט אַנטדעקט אזא באַנדע אין אַמוראָסיִעווקע. ס'איז געקומען די צײַט אַנטשעדיקן די באַנדע אין יוזאָווקע...

ער האָט לאַנג גערעדט וועגן די אופגאַבן, וואָס שטייען פאַר דער גפּפּ, וועגן נעקאָמע, וואָס דײַטשלאַנד וועט נעמען פאַר סטאַלינגראַד, און צוגעזאָגט, אַז אין די נאָענטסטע טעג וועט געלייזט ווערן דער גורל פון דעם גרויסן דײַטשלאַנד און זײַנע אידעאַלן.

לויטן אויסזען האָט מען דעם פּאָליצײַ־קאָמיסאַר מײַסנערן געקענט געבן א יאָר פערציק — צוויי און פערציק, נאָר די דיקע פיגור און דער גרויסער פּליך האָבן אים געמאַכט א סאַך עלטער. ער האָט צוגערופן צו זיך רונצכײַמערן, אים געגעבן עפּעס אָנווײַזונגען און מיט אַן אײַליק גענגעלע אוועק צו דער געבײַדע פון גפּפּ.

רונצכײַמער האָט גענומען פאַנאַנדערטיילן די פאַרגעבונגען פאַר יעדער מיטאַרבעטער באַזונדער. דובראָווסקי האָט געדאַרפט איבערגעבן די דאָקומענטן, וואָס זײַנען געבראַכט געוואָרן פון קאַדיִעווקע אין קאַנצעליאַריע־שטאַב פון גפּפּ־721, אַף איבערטראָגן די קעסטלעך האָט מען אים געגעבן צוויי סאָלדאַטן.

אַף אזא אופן האָט לעאָניד דובראָווסקי זיך באַקאַנט מיטן שעף פון דער קאַנצעליאַריע פון גפּפּ־721, מיטן זאָנדערפירער געאָרג וועבער. אָט דער יונגער און דאַרלעכער דײַטש האָט זאָרגפול איבערגעטאַפּט און איבערגעציילט יעדער פּאַפּירל, קאָנטראָלירט און פאַרשריבן אין א דיקן העפט די נומערן פון יעדער דאָקומענט, און ערשט דעמלט זיי פאַרשלאָסן אין א סייף. אַלע ווענט אין דעם דאָזיקן צימער זײַנען פאַרשטעלט געווען מיט פאַרשיידענע שאַפעס און סייפן, און געאָרג וועבער האָט מיט פאַרשטאַנד, ניט געאײַלט, אָבער גאַנץ געשיקט, באַשטימט דאָס געהעריקע אָרט פון יעדן דאָקומענט.

איבערגעבנדיק וועבערן די פּאַפּירן, האָט דובראָווסקי געטראַכט וועגן דעם אָנגריף פון די דײַטשן, וואָס קאָן זיך אינגיכן אָנהייבן, וועגן דעם, אַז ער מוז זיך דערוויסן, אַף וועלכן באַצירק פונעם סאָוועטיש־דײַטשישן פראָנט דער אָנגריף ווערט פּלאַנירט, וועגן דעם, אַז ער מוז אַלץ איבערגעבן דעם קאַפּיטאַן פּאָטאַפּאָוון.

אומגעריכט האָט געאָרג וועבער געפרעגט דובראָווסקין:

— מיסטאָמע איז נעכטן געווען שווער זיך דערקלײַבן אהער? די וועגן זײַנען איבערפולט מיט מיליטער.

— איך וואָלט עס ניט געזאָגט: מיר זײַנען דערפאָרן גאַנץ גיך.

— אזוי גאָר! און איך בין די טעג געפאָרן קיין אַמוראָסיִעווקע, האָב איך זיך פאַרשאָלטן. אײַנגאַנצן א פופציק קילאָמעטער, און געפאָרן זײַנען מיר פיר שאָ. אומעטום פּראָבקעס, אָן א שיר טאַנקען און אַרטילעריע פאָרט ערגעץ אַף צאַפן...

— אויב זיי זײַנען געגאַנגען אַליין, הייסט עס ניט ווײַט, אַנדערש וואָלט מען איבערגעוואָרפן.

— ריכטיק. לויטן סטאַטוט גייען טאַנקען ביז צוויי הונדערט קילאָמעטער אַף זייערע רויפן...

— ביז צו כאַרקאָוו איז פונדאַנען א קילאָמעטער הונדערט פופציק און ביז בעלגאָראָד, מיסטאָמע, אַלע צוויי הונדערט.

— הייסט עס, אַז ערגעץ דאָרטן וועלן זיי אָנגרײַפן.

— שוין צײַט. מע דאַרף זיך צעצאָלן מיט די רוסישע פֿאַר סטאַלינגראַד.
— שוין לאַנג צײַט... איך האָב נאָך אין מײַ געוואָרט אָף אַן אָנגריף, און איצט איז שוין האַלב יוני. עפּעס צו לאַנג גרייטן מיר זיך.
— ס׳מאַכט ניט אויס. דער זומער איז נאָך גרויס. און זומער זײַנען מיר די באַלעבאַטים.

דערלאַנגענדיק וועבערן אַ נײַ פּעקל דאָקומענטן, האָט דובראָווסקי באַמערקט אָפֿן שרײַבטיש אַ בלעטל מיט אַ ראַפּאָרט פֿון טאַגאַנראָג. ער האָט באַוויזן כאַפּן מיטן בליק.

גרופּע פֿון געהיימער פֿעלד־פּאָליציי 721
שטאַב 2
№ 236/43

אינהאַלט: אויסצייכענונגען און באַלוינונגען די מיטאַרבעטער פֿון דער געהילפֿס־פּאָליציי. די גרופּע פֿון רעקנאָגעלן אין טאַגאַנראָג

אין דער פֿאַרניכטונג און אַנטשעדיקונג פֿון דער פּאַרטיזאַנישער באַנדע פֿון „אַפּאָנאָוון״ האָבן זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט פֿאָלגנדיקע מיטאַרבעטער פֿון דער געהילפֿס־פּאָליציי:

1. סטאַיאַנאָוו באָריס — שעף פֿון דער געהילפֿס־פּאָליציי.
2. פּעטראָוו אַלעקסאַנדער — שעף פֿון פֿאָליט־אָפּטייל.
3. קאָוואַליאָוו אַלעקסאַנדער — ספּעציאַליסט פֿון פֿאָליט־אָפּטייל.
4. ריאָוזאָוו סערגיי — ספּעציאַליסט פֿון פֿאָליט־אָפּטייל.
5. קאַשקין אַנאַטאָלי — אַגענט.
6. באַנדאַריאַן מיכאַיל — פּאָליציי.

ווײַטער זײַנען אויסגערעכנט געוועזן די פֿאַרדינסטן פֿון יעדערן באַזונדער און ס׳איז אָנגעמערקט געוועזן וועמען באַלוינען מיט אַן אָרדען און וועמען מיט אַ פֿלאַש בראַנפֿן. אונטערגעשריבן האָט די דאָזיקע פֿאַראָרדענונג בראַנדט.

— זיי האָבן ניט שלעכט אָן אַרבעט געטאָן, — האָט געזאָגט דובראָווסקי.

געאַרג וועבער האָט זיך אָפּגעריסן פֿון דער אַרבעט, איבערגעכאַפּט דעם בליק פֿון לעאָנידן, דערנאָך באַמערקט בראַנדטס פֿאַראָרדענונג.

— איר האָט אויך אַזאַ מעגלעכקייט. עס ווענדט זיך אין דעם, וויאַזוי איר וועט זיך אַ סטאַרע טאָן, איר קאָנט אַרײַנכאַפּן אַן אָרדען אָדער אַ פֿלאַש בראַנפֿן.

— אַ דאַנק פֿאַר אַן אײַצע. איך קלער אויך ווײַטער בלײַבן צווישן די ניכטערע.

— דאָס איז זייער גוט, נאָר איך גלייב ניט, אַז מע זאָל אײַך דאָ מיטפּילן, אויסער, עפּשער, דער פּאָליציי־קאָמיסאַר מײַסנער. ער איז דאָ דער איינציקער ניכטערער מענטש, און איך בין, ווי אַלע. אַזוי אַז, אויב איר וועט פּאַקן עפּעס פּונעם ביטערן טראָפּן, פֿאַרגעסט ניט...

— כ׳וועל דאָס האָבן אין זינען און זען אויסטרינקען מיט אײַך צוזאַמען. אָף אַ נײַ אָרט איז אָנגענעם צו אײַנשאַפֿן גוטע פֿרײַנט, און איר זײַט מיר זייער סימפּאַטיש. אויב ס׳איז ניט קיין סעקרעט, וואָלט איך וועלן אײַך פֿרעגן פֿונוואַנען זײַנט איר?

— איך בין פֿון עסען. דאָרט איז פֿאַרבײַ מײַן קינדהייט.

— אַ־אַ, איך דריק אײַך אויס מײַן מיטגעפֿיל. די טעג האָבן מיטגעטיילט די צײַטונגען, אַז עסען איז שטאַרק באָמבאַרדירט געוואָרן. מע זאָגט, אַז אינעם אָנפֿאַל האָבן אָנטייל גענומען העכער דרײַ הונדערט ענגלישע שווערע באָמבאַרדירער.

— יאָ, איך האָב געלייענט דערפֿון. נײַנצן פֿון זיי האָבן אַראָפּגעקלאַפּט אונדזערע פֿאַרניכטלער.

— אײַערע עלטערן וווינען אויך איצט אין עסען?

— ניין, איך בין פֿרי געבליבן אַ יאָסעם. מעגלעך דערפֿאַר טאַקע האָב איך פֿיל דערגרייכט. ניין, איך האָב זיך ניט דערצויגן בײַ דער מומע, איך האָב נאָר בײַ איר געוווינט. דערצויגן האָט מיך דער פֿאַרבאַנד פֿון דײַטשישער יוגנט. אין אַכט־און־דרײַסיקסטן יאָר בין איך שוין געווען אַ פֿאַנענטרעגער אָפֿן יוגנט־מיטינג אין ניורענבערג. זעכציק טויזנט יוגנטלעכע האָבן זיך דעמלט פֿאַרזאַמלט אָפֿן סטאַדיאָן. ס׳האָט געגאָסן אַ מוירעדיקער רעגן, און וואָס מער עס האָט געגאָסן, האָבן מיר אַלץ העכער געזונגען: „הײַנט געהערט אונדז דײַטשלאַנד, מאָרגן די גאַנצע וועלט״... צו אונדז איז געקומען דער פֿירער אַדאָלף היטלער. איך בין געשטאַנען צוויי שפּאַן פֿון אים. אָט די דאָזיקע האַנט האָט געדריקט דער פֿירער אַליין, — האָט וועבער אויסגעשריגן, באַווײַזנדיק די רעכטע האַנט.

קעדיי איבערפֿירן דעם געשפּרעך, האָט דובראָווסקי באַמערקט:

— צום באַדויערן האָבן די באַרבאַרן אויך באָממאַרדירט ניורענבערג.

— דאָס וועט זיי טײַער קאָסטן. איניגיכן וועלן די ענגלענדער דערפּילן דעם טאַם פון אונדזער נײַעם געווער. מײַנער אַ פרײַנט איז בײַגעווען בײַ די אויספּרוּוון די נײַע ראַקעטעס. ער האָט מיר דערציילט, וואָס דאָס איז. צען אַזעלכע ראַקעטעס קאָנען אויסגלײַכן אַ באַליביקע ענגלישע שטאָט מיט דער ערד. סאַמע אין דער נאָענטסטער צײַט וועלן די דאָזיקע ראַקעטעס נעמען פליִען איבערן לאַמאַנש.

— מיר געפעלט אײַער גלייבן אין דער קראַפט פונעם דײַטשישן געווער. ווען אַלע דײַטשן זאָלן זײַן אַזוי אַנטשיידן...

די זון האָט נאָך ניט באַוויזן זיך באַהאַלטן הינטער די דעכער פון די הײַזער, נאָר זי האָט שוין אַזוי ניט געבראָטן, ווי באַטאָג. דובראָווסקין האָט זיך געוואָלט אָפּווענדן פון די ביטערע מאַכשאָוועס, און ער האָט באַשלאָסן זיך דורכגיין איבער דער שטאָט. ער האָט באַגעגנט מענטשן מיט כמורע פּענעמער, פון מאָל צו מאָל האָבן זיך דערטראָגן דײַטשישע ווערטער, דעמלט האָבן די מענטשן זיך אָפּגערוקט אין אַ זײַט און דורכגעלאָזט אַ סאָלדאַט אָדער אַן אָפיצער פון דער דײַטשישער אַרמיי. זעלטן האָט זיך אויך דורכגעוואָרפן אַ רומענער. אָבער זיי, די רומענער, האָבן זיך געפירט שטילער, און אויף זיי האָט מען ניט געלייגט קיין אַכט.

דובראָווסקי האָט שוין געבלאָנקעט העכער צוויי שאָ, פאַרקערעוועט פון איין גאַס אויף דער צווייטער. ער האָט פאַרגעדענקט, ווו עס געפינען זיך פאַרשיידענע דײַטשישע שטאַבן, אַנשטאַלטן. קעדיי זיך ניט פּלאָנטערן אומזיסט איבער די אומבאַקאַנטע ליקן, האָט ער אָפּגעשטעלט צוויי פאַרבײַגייענדיקע מיידלעך און געפרעגט:

— אַנטשולדיקט, איר וועט מיר ניט אונטערזאָגן, וויאַזוי אַרויסצוגיין אויף דער סמאָליאַנקע?

— אָט, גלײַך, — האָט איינע געענטפערט, — מיר גייען אויך אַהין.

— דעמלט דערלויבט גיין מיט אײַך.

— ביטע.

— דו ביסט אַ פּרײַווילִיקער? — האָט איינע געפרעגט מיט קאַס.

— פאַרוואָס האָט איר אַזוי באַשלאָסן?

— איר טראָגט דאָך זייער פאָרמע, און אויף רוסיש רעדט איר, פּונקט ווי מיר. איר זײַט אַ רוסישער?

— אַ רוסישער.

— הייסט עס, אַ פּרײַווילִיקער.

— איך בין אַ מאָסקווער, — האָט געענטפערט דובראָווסקי מיט שטאָלץ און דערבײַ אַ ביסעלע אַ באַליידיקטער צוגעגעבן: — און קיין מאָסקווער זײַנען ניטאָ קיין פּרײַווילִיקע. די פאָרמע איז נאָך ניט אַלץ. אַ מענטשן דאַרף מען באַטראַכטן פון אינעווייניק.

— וויאַזוי קאָן מען אײַך עס זען פון אינעווייניק?

— לאָמיר זיך באַקענען, עפּשער וועט איר דעמלט דערזען.

— באַקענען קען מען זיך. לענע, — האָט געזאָגט די באַריידעוודיקע און דערלאַנגט די האַנט.

— לעאָניד, — האָט זיך פאָרגעשטעלט דובראָווסקי, דריקנדיק די צאַרטע, עטוואָס שערשאָווע האַנט פונעם מיידל.

איר כאַווערטע האָט זיך אָנגערופן וואַלענטינע.

דובראָווסקי האָט אַ שמייכל געטאָן.

— וואָס לאַכט איר?

— אַזוי זיך, מיר גייט אויף וואַלענטינעס. אין קאַדיעווקע בין איך באַפרײַנדעט געווען מיט אַ וואַלענטינע.

— אַ ווילע געווען?

— אַ גוט מיידל, נאָר זי איז שוין אַ כאַסענע געהאַטע און מיט אַ קינד דערצו... און איר זײַט פאַרהייראַט?

— וואָס רעדט איר, איך בין נאָך קיין נײַנצן ניט אַלט.

— אין אונדזער ברויזיקער צײַט באַווײַזן אייניקע צו אַכצן כאַסענע האָבן. ווינט איר, הייסט עס, מיט די עלטערן?

— ניין, מיר ווינען מיט לענען צוזאַמען.

— און די עלטערן ווו זײַנען?

— די מאַמע — אין סטאַלינגראַד. דער טאַטע און דאָס עלטערע שוועסטערל — ערגעץ אין אַרמיי. און עפּשער זײַנען זיי שוין גאָר ניטאָ.

— איר זײַט היגע געבוירענע?

— ניין. איך בין פון סטאַלינגראַד. אין צוויי־און־פּערציקסטן האָבן די דײַטשן אונדז עוואַקויִרט אַהער.

— פון וואָס זשע לעבט איר? — האָט מיטפילנדיק געפרעגט דובראָווסקי.

— מיר אַרבעטן.

— ווו?

— דאָ, אין איינער אַ קיך. אופּראַמערנס...

— בא די דײַטשן, הייסט עס.

— פונקט אַזוי, ווי איר. און בא וועמען זאָלן מיר איצט אַרבעטן?

— געוויס קאָמסאָמאָלקעס?

די מיידלעך האָבן זיך איבערגעקוקט... וואַלענטינע האָט פאַרשעריש אַ קוק געטאָן לעאָ־נידן אין די אויגן. איבערגעכאַפּט זײַן גוטן שמייכל, דעם באַגיטנדיקן בליק, האָט זי ניט טראַכטנדיק געענטפערט.

— קאָמסאָמאָלקעס, איז וואָס?!

— ניין, גאָרניט. פאַר מיר דאַרפט איר ניט מוירע האָבן. איך בין דאָך אַ מאָסקוויטש, אַ פּאַטריאָט פון מײַן היימלאַנד.

ער האָט זיך אײַנגעקוקט, וואָס פאַראַ אײַנדרוק עס האָבן געמאַכט זײַנע ווערטער. ביידע מיידלעך האָבן שעמעוודיק אַ שמייכל געטאָן.

— פאַרוואָס שפּאַסט איר אַזוי? — האָט געפרעגט לענע, — צי עפּשער ווילט איר אונדז פּראָוואָצירן.

— שוין זשע בין איך ענלעך אויף אַ פּראָוואָקאַטאָר?

— דאַכט זיך, אַז ניט. נאָר די סאָוועטישע פּאַטריאָטן זײַנען איצט אויפן פראָנט...

— יעדערער טוט זיך זײַנס, — האָט דובראָווסקי ניט געלאָזט זי פאַרענדיקן.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער ריזיקירט קימאַט ניט. די דאָזיקע כאַווערטעס ווייסן אַפילע ניט זײַן פאַמיליע, ווו ער אַרבעט. זיי וועלן ניט גיין אים זוכן און מאַסרן פאַר די דײַטשן. דערפאַר אָבער, אויב ער זאָל מיט זיי זיך באַפרײַנדן, קאָן נאָך אַמאָל טרעפן, אַז מע זאָל זיי קאָנען, איינע פון זיי, אויסנוצן אַלס אַ פאַרבינדלערן. דערפאַר טאַקע, האָט דובראָווסקי געפרעגט, צי קאָן ער זיי באַגלייטן, ווען זיי האָבן זיך געקליבן פאַרנעמען אין אַ זײַטיק געסל.

די מיידלעך האָבן ניט דערווידערט. לעאָניד איז דרייסטער געוואָרן און אַפילע זיי גענו־מען אונטער די הענט.

— און איר קלײַבט זיך ניט פאָרן קיין דײַטשלאַנד? — האָט ער פלוצעם אַ פרעג געטאָן.

— אוי, וואָס רעדט איר! מיר האָבן ספּעציעל זיך אײַנגעאָרדנט אַרבעטן אַלס אופּראַ־מערנס אין אַ קיך, אַז מע זאָל אונדז ניט אָפּשיקן קיין דײַטשלאַנד.

— האָט זשע אין זינען, אויב מע וועט אײַך אײַנריידן, זאָלט איר זיך ניט לאָזן.

— מיר ווייסן, אונדזערע באַקאַנטע באַקומען בריוו...

— אויב מע וועט אײַך אַרויסרופן אויף דער אַרבעטס־בירזשע, זאָלט איר געבן מיר צו וויסן, איך האָב אַ מעגלעכקײַט אײַך אויסלייזן פון דער רײַזע קיין דײַטשלאַנד.

— ווו זשע וועלן מיר אײַך געפינען? מיר ווייסן אַפילע ניט אײַער פאַמיליע.

— מײַן פאַמיליע איז אַ פּאָשעטע — באָריסאָוו, לעאָניד באָריסאָוו. און זוכן מיך דאַרף מען ניט. איך מיין, אַז מיר וועלן זיך מיט אײַך באַגעגענען, אויב איר וועט ניט האָבן קעגן. איך האָב דאָ קיינעם ניט אין שטאָט.

— און אויף דער אַרבעט?

— דאָס איז ניט קיין פרײַנט, אַפילע ניט קיין כאַווײרים. אָט מיט אײַך איז מיר עפּעס וואַרעמער אויף דער נעשאָמע.

לעאָניד האָט דערפילט, ווי וואַלענטינע האָט צוגעדריקט זײַן האַנט צו איר זײַט.

— נו, איז ווי האָט איר באַשלאָסן, איר וועט זיך באַגעגענען מיט מיר, צי עפּשער זײַנען פאַראַן אַנדערע קאַוואַליערן?

— מיר וועלן אַ קלער טאָן, — האָט געענטפערט לענע.

— ווייסט איר וואָס, קומט מאָרגן אין פּאַרק, — האָט פאָרגעלייגט וואַלענטינע, — אויב מיר וועלן ניט איבערטראַכטן, וועלן מיר קומען.

— איך ווייס אַפילע ניט ווו איז דאָ דער פּאַרק.

וואַלענטינע האָט פּינקטלעך אויסגעמאָלט, וויאַזוי קומען אַהין, און צוגעגעבן:

— מיר ענדיקן די אַרבעט אַכט אַזייגער. האַלב נײַן וועלן מיר דאָרט זײַן. מער ווי צען מינוט טאָר קיינער ניט פאַרשפּעטיקן.

— גוט! איך וועל וואַרטן ביז נײַן, און נײַן אַזייגער הייבט זיך אָן דער קינאָ־פילם.

— פונוואנען ווייסט איר, אויב איר זײַט ערשט נעכטן געקומען, — האָט זיך געכידעשט וואַליע.

— איך קאָן דאָך לייענען, — האָט דובראָוועסקי זיך צעלאַכט. — איבער דער גאַנצער שטאָט זײַנען צעהאַנגען אַפּישן וועגן דעם נײַעם פילם „אַפן רוסישן באַל”. אין דער הויפּט־ראָל צאַרא לעאַנדער. ניט קיין שלעכטע אַקטריסע. זעט זשע, פאַרשפּעטיקט ניט.

— גוט. אָפּגעמאַכט. איצט לאָמיר זיך געזעגענען, מיר זײַנען שוין לעבן אונדזער גאַס. ס'ווילט זיך ניט, מע זאָל אונדז זען צוזאַמען מיט אײַך.

דובראָוועסקי האָט ניט דערווידערט. אים איז בעסער געפעלן געוואָרן וואַלענטינע. זי האָט אים אויסגעזען ערנסטער פון לענען און שענער אויך.

אפן אנדערן טאָג האָט דובראָוועסקי זיך פרי באַפרײַט פון דער אַרבעט און א שאָ פאַר דער אָנגעמערקטער צײַט געקומען אין פּאַרק אַרײַן. ער האָט באַצײַטנס געקויפט דרײַ בילעטן אפן סעאַנס פון 9 אַזייגער, און איצט זיך אַרומגעדרייט אין די פּאַרשאָנטע אַלייעס. טראַכטן האָט ער געהאַט וועגן וואָס. הײַנט האָט דער פּאָליציי־קאָמיסאַר מײַסנער אָפיציעל געמאָלדן, אַז רונצכײַמער ווערט באַפרײַט פון זײַן פּאָסטן, און נאָך דעם, ווי ער וועט איבערגעבן די איניאַנים, וועט ער אוועקפאָרן קיין דײַטשלאַנד, צום אָרט פון זײַן נײַער דינסט.

לעאָניד האָט פאַרשטאַנען, אַז רונצכײַמערס דעמיסיע קאָן זיך אויך אָפּרופן אף אים. אַלס פּערזענלעכער איבערזעצער פונעם אונטערשטורמפּיורער האָט ער געהאַט פיל מעגלעכקײַטן. און איצט וועט ער זײַן א געוויינלעכער איבערזעצער... לעאָניד האָט אויך ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן פּיאַטיאַרקינען, וועגן דעם, אַז מע דאַרף דרינגנדיק געפינען א מיטל אף זיך פאַרבינדן מיט פּאַטאַפּאָוון. דעריבער האָט ער באַשלאָסן ערנסט א שמועס טאָן מיט די מיידלעך, באַזונדערס מיט וואַלענטינען, וועגן דעם געפיל פון כיווּו פאַרן היימלאַנד, און דערנאָך, אויב ער וועט דערפילן, אַז דאָס זײַנען סאָוועטישע מענטשן, פאַרלייגן אויספילן זײַן פאַרגעבונג.

פּונקט אַכט דרײַסיק איז דובראָוועסקי געשטאַנען באַם אַרײַנגאַנג פון פּאַרק. די מיידלעך האָבן פאַרשפּעטיקט בלויז אף פינף מינוט.

— אָט זײַנען מיר! — האָט געזאָגט וואַליע, צוגייענדיק צו לעאָנידן. — איר וואַרט שוין לאַנג?

— ווי זשע איז אײַער גוט אָוונט? — האָט ער געפרעגט.

— אוי, אַנטשולדיקט! מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מיר האָבן זיך ניט געשיידט. איך האָב דאָך די גאַנצע צײַט געטראַכט וועגן אײַך. איך האָב געטראַכט, קומען, צי ניט קומען.

— און איר, לענאָטשקע?

— איך האָב אויך געטראַכט.

— נו, אויב איר זײַט דאָ, איז אַלץ אין אָרדענונג, — האָט לעאָניד געמאַכט זײַן אויספיר.

— מירן לעבן, וועלן מיר זען. דערווײַל האָבן מיר מיט לענאָטשקען באַשלאָסן אײַך גלייבן.

— יאָ, וואַליע האָט געזאָגט, אַז א מענטש מיט אַזעלכע אויגן קאָן ניט זאָגן קיין ליגן... און איך מיין אויך אַזוי.

וואַליעס באַקן זײַנען פאַרגאָסן געוואָרן מיט א רויטלעכער פאַרב. זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי זי וואָלט באַטראַכט דאָס שטיינדל, וואָס זי האָט איבערגעקײַקלט מיטן פוס.

— איז לאָמיר גיין אין קינאָ, אַזוי קאָן מען נאָך פאַרשפּעטיקן.

— שוין העכער א יאָר, אַז מיר זײַנען מיט לענען ניט געווען אין קינאָ. א שאָד געלט, און ס'איז ניטאָ מיט וועמען.

אין זאַל האָט זיך אויסגעלאָשן די שײַן. עס האָבן גענומען שווינדלען בוכשטאַבן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן די „וואָכענשאַו”. אָט האָבן זיך באַוויזן די בראַנדענבורגער טויערן. אַדאָלף היטלער אין א שוואַרצן לעדערנעם רעגלאַן־מאַנטל איז אַרויסגעגאַנגען פון א גרויסאַרטיקן אויטאָמאָביל און אויסגעצויגן די האַנט. ס'האָט זיך אָנגעהויבן א מיליטער־פּאַראַד. פון ביידע זײַטן אונטער־דען־לינדען — מענגעס מענטשן, אין פרונט — אינוואַלידן־וועגעלעך. די וועטעראַנען פון קריג האָבן באַגריסט די יונגע סאָלדאַטן. שטעמפּלענדיק דעם שפּאַן, זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען די דערציִונגלינגען פון היטלער־יוגנט. דערנאָך איז היטלער פאַרבײַגעגאַנגען די שערענגעס פון אינוואַלידן־וועגעלעך און פרײַנטלעך געשמועסט מיט די וועטעראַנען.

אין מעשעך פון פופצן מינוט האָט דער עקראַן פאַרזיכערט די צושויער, אַז אינגיכן וועט דאָס גרויסע דײַטשלאַנד באַזיגן דעם סוינע. עס איז באַוויזן געוואָרן דער זיגרײַכער מאַרש פונעם דײַטשישן מיליטער אף דער ערד, אפן יאַם, אין דער לופט. ס'איז אויך ניט פאַרגעסן געוואָרן דאָס הינטערלאַנד — בלוי־אויגיקע בלאָנדינקעס — ריין־בלוטיקע פאַרשטייערנס פון

דער אַרישער ראַסע, מאַכן פּעקלעך פאַרן פּראַנט... און ווידעראַמאַל פּראַנט. אַט פאַלן אַן אַ שיר באָמבעס אַף די שטעט און דערפער. ווי אַ וויכער וואָלט זיך דורכגעטראָגן און אַלץ אָפּגע־ווישט פון דער ערד.

דובראָווסקי האָט דערפילט, ווי וואַלענטינע האָט אים שטאַרק פאַרפּרעסט די האַנט.

— אָט אַזוי, ווי אונדזער סטאַלינגראַד, — האָט זי אַ שעפּטשע געטאָן.

אַף אַ מינוט איז ליכטיק געוואָרן אין זאַל. באַלד האָט זיך אָנגעהויבן דער פילם.

כאָטש דער פילם איז געווען געווידמעט דעם לעבן פון אַ רוסישן קאָמפּאָזיטאָר, איז ער אויך געמאַכט געווען אַף אַ דײַטשישן אויפן. אַ פּאָלבאָרוסטיקע דײַטשקע, פּראַו מעק, פירט אַרויס אין דער וועלט אַרײַן פּיאָטער איליטש טשײַקאָווסקין. לויטן פילם האָט זיך באַקומען, אַז וואָלט ניט די פּראַו מעק, וואָלט טשײַקאָווסקיס טאַלאַנט זיך קיינמאָל ניט אַנטפּלעקט.

— קוואַטש! — האָט געזאָגט דובראָווסקי, ווען זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען פון קינאָ־טעאַ־טער, — סאַראַ פּרימיטיוו. די דײַטשן מיינען, אַז מיר זײַנען בעעמעס אידיאָטן.

— ס'איז טאַקע אַן עמעס, טשײַקאָווסקי האָט געהאַט אַ פּראַו מעק? — האָט געפרעגט וואַליע.

— אַרום גרויסע מענטשן דרייען זיך שטענדיק ליבהאָבער. כ'האָב אַמאָל געזען, וויאַזוי לעמעשעוו איז אַרויסגעגאַנגען פונעם גרויסן טעאַטער. זײַנע פאַרערערנס האָבן אים שיר ניט צעריסן אַף שטיקלעך, זיי האָבן אַלץ געפּאָדערט פון אים אויטאָגראַפן. ער האָט זיך קוים אַרויסגעדרייט פון זיי. און טשײַקאָווסקי, מיין איך, האָט אויך געהאַט ניט ווייניקער אָנהענגער. ער האָט באַרימט געמאַכט רוסלאַנד אַף דער גאַנצער וועלט. ניט אַזוי, ווי מיר. — ער איז אַף אַ מינוט שטיל געבליבן און זיך פאַרטראַכט.

— וואָס קער זיך דאָס אָן צו אונדז? — האָט וואַליע ניט פאַרשטאַנען.

— וואָס הייסט? ווער האָט צוגעלאָזט דעם דײַטש ביז צו דער וואָלגע? מיר מיט אײַך, צי אַזעלכע, ווי מיר. וואָס איז דער כילעק?

— וואָס קאָנען מיר אופּטאָן קעגן דײַטש?

— דאָס איז ריכטיק. איר און איך זײַנען שטויבעלעך, ניט מער. אָבער אַלע אינאיינעם, אויב איינער זאָל זיך שטעלן פאַרן אַנדערן און ניט זשאַלעווען דאָס לעבן, וואָלט געווען גאָר אַנדערש. אָט האָט איר אַ סימען סטאַלינגראַד...

— וואָס זשע טוט איר דאָס ניט? — האָט אָפּגעכויזעקט יעלענע. — די דײַטשן טרײַבט מען פון יענער זײַט אַף מײַרעוו און ניט פון דער זײַט.

— לענע, רעד ניט קיין נאַרישקײַטן, — האָט זי אָפּגעשטעלט וואַלענטינע, — דיר האָט מען דאָך דײַטלעך געזאָגט, אַז יעדערער דאַרף זײַן אַף זײַן אָרט.

— ריכטיק, וואַליע, — האָט דובראָווסקי זי אונטערגעהאַלטן. — אָט, לאָמיר זאָגן איר, איר אַרבעט אין אַ דײַטשישער קיך אַלס אופּראַמערנס, און איר קענט אויך ברענגען נוץ דעם היימלאַנד.

— וויאַזוי? — האָט לענע זיך געכידעשט.

— זייער פּראָסט. דערוויסט זיך, וואָס איז דאָס פאַר אַ טייל, וויפל מענטשן עסן אין דער גאָרקיך...

— ווער דאַרף דאָס האָבן? מיר ווייסן אַזוי אויך, דאָס עסן בא אונדז דײַטשישע פּליִער. אַלע טאָג אַ מענטשן הונדערט פופציק.

— דאָס איז דאָך זייער וויכטיק. אויב די דאָזיקע ידיִעס זאָל מען איבערגעבן אַף יענער זײַט, וועט מען אײַך שטאַרק דאַנקבאַר זײַן.

— ווער וועט עס איבערגעבן?

— נו, לאָמיר זאָגן, אַז איך. איך קאָן אָבער ניט איבערלאָזן די אַרבעט. אַף דעם דאַרף מען פּאַטערן פיר־פינף טעג. און עמעצער פון אײַך קאָן זיך אָפּבעטן פון דער אַרבעט?

— מיר קאָנען. איינע וועט אַרבעטן פאַר ביידן. און איינע וועט זיך אָפּבעטן, לאָמיר זאָגן אָפּזוכן די אייגענע. מע וועט אונדז אפילע אַ פּראָפּוסק געבן, עמעס, לענע?

וואַלענטינע האָט פרעגנדיק אַ קוק געגעבן אַף דער כאַווערטע.

— מינאַסטאַם וועט מען אָפּלאָזן, — האָט יענע אַ פיר געטאָן מיט די אַקסל.

— מיידלעך, איר שטעלט זיך גאָר ניט פאָר, ווי דאָס וואָלט נייטיק געווען. איך האָב אויך אינטערעסאַנטע ידיִעס, וועלכע מע דאַרף אומבאַדינגט איבערגעבן אַף יענער זײַט.

— דאָס וועט מען דאַרפן איבערגיין דעם פראַנט? — האָט וואַליע געפרעגט.

— שוין זשע וועט איר מוירע האָבן?

— קיין מוירע האָב איך ניט, נאָר מינאַסטאַם וועל איך ניט קענען. עפּשער בעטן איוואַן קאַזיקאָווון.

— איוואַן, ווער איז דאָס אַזעלכער?

— מיר האָבן דאָ איינעם אַ באַקענטן. ער אַרבעט אין בעקערײַ.

— און איר מיינט, אַז מע קאָן אים פאַרטרויען?

— ער איז אונדזערער, אַ סאָוועטישער. געווען אַ ייִנגערער לייטענאַנט. ער איז אַרײַנגעפאַלן אין געפענקעניש הינטער וואָראָניעזש, איצט אַרבעט ער בײַ די דײַטשן אין בעקערײַ.

— איר קלערט, אַז ער וועט אונדז ניט אויסגעבן?

— ניין, מיר קענען דאָך אים גוט. ער קלײַבט זיך אַלצייִנס אַנטלויפן צו אונדזערע.

— גוט, באַקענט מיך מיט אים. מירן אַ קוק טאָן, וואָס איז דאָס פאַר אַ פויגל.

דעם אַנדערן אָפּדערנאַכט האָט וואַליע, ווי עס איז אָפּגערעדט געווען, געבראַכט אין שטאָט־גאָרטן איוואַן קאָזיוקאָוון. דאָס איז געווען אַ הויכער, דאַרער באָכער. אויפן בלייכן פּאָנעם זײַנען געדיכט אויסגעשאָטן געווען גרויסע קלײַען. ווען זיי האָבן זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק, האָט דער באָכער, לויט דובראָווסקיס ביטע, אויסדערציילט זײַן קורצע ביִאָגראַפיע.

געבוירן געוואָרן איז ער אין צוויי־און־צוואַנציקסטן יאָר. דעם דריטן יון פונעם צוויי־און־פערציקסטן איז ער אַרויסגעפאָרן אויפן פראָנט. געווען אַ קאָמאַנדיר פון אַ קוילנוואַרפער־ווזוואָד:

— אַפילו קיין צוויי כאָדאָשים ניט געווען אויפן פראָנט... סאָף יול זײַנען מיר הינטער וואָראָניעזש אַרײַנגעפאַלן אין אַרומרינגלונג. באַנאַכט האָב איך זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ קעלער, אין דאָרף גאַרבוזאָווקע. אינדערפרי האָבן מיך די דײַטשן אָפּגעזוכט. אָט אַזוי בין איך אַרײַנגעפאַלן אין געפענקעניש.

— און ווי קומט איר אין בעקערײַ?

— צופעליק. אין לאַגער האָט מען אָפּגעקליבן מענטשן אויף אַרבעט, צווישן זיי האָט מען מיך אויך אויסגערופן. כ׳האָב געמיינט, אַז מע וועט מיך פאַריאָגן קיין דײַטשלאַנד, און אַרײַנגעפאַלן בין איך אין בעקערײַ. נאָר דאָס איז ניט אויף לאַנג. בײַ אַ געלעגנהייט וועל איך סײַווי אַנטלויפן. איצט איז זומער, וואַרעם. מע קאָן זיך אַ דריי טאָן לעבן פראָנט...

פונעם ווײַטערדיקן שמועס איז קלאָר געוואָרן, אַז איוואַן אַרבעט ניט ווײַט פונעם שטאַב פון דער געהיים־פּאָליציי. דובראָווסקי האָט זיך צונויפגערעדט מיט אים וועגן אַ באַגעגעניש, אים צוגעזאָגט קריגן אַ דורכלאָז־שײַן, קעדיי ער זאָל קאָנען פרײַ זיך באַוועגן איבער די וועגן, און אים פאַרזיכערט, אַז פון יענער זײַט וועט מען אים גוט אויפנעמען, אויב ער, קאָזיר־קאָוו, וועט איבערגעבן אין שטאַב פון דער דריטער אַרמיי זײַנעם אַ ראַפּאָרט. דער באָכער האָט מיט פרייד אָנגענומען דעם פאָרשלאָג. אין זײַנע אויגן האָט זיך געלויכטן אַזאַ אַנטשיידנקײַט, אַזאַ פרייד, אַז דובראָווסקי האָט אויפגעהערט צו צווייפלען אין אים.

דובראָווסקי האָט צוגעגרייט זײַן באַריכט און זיך געקליבן גיין אויף אַ באַגעגעניש מיט איוואַן קאָזיוקאָוון, אָבער פונקט אין יענעם מאָמענט האָט מען אים אַרויסגערופן אין קאָנצע־ליאַריע פון גפּפּ. ס׳איז געווען בײַ זעקס אין אָוונט. לעאָניד האָט ניט פאַרשטאַנען צוליב וואָס רופט מען אים אין אַזאַ שפּעטער צײַט. ער האָט פאַמעלעכן זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן ערשטן שטאָק און אַרײַנגעגאַנגען צו געאָרג וועבערן.

— אַ־אַ, ברודערקע! — האָט יענער אויסגעשריגן, — כ׳בין צופרידן דיך צו זען. פאַר דיר איז אָנגעקומען אַ בריוו פון מאַלאָיִוואַנאָווקע. כ׳האָב ניט געוווּסט, אַז דו האָסט דאָרט אייגענע.

דובראָווסקי האָט אַ ציטער געטאָן, נאָר קיין אויסדרוק פון פאַרלעגנהײַט האָט אויף זײַן פּאָנעם זיך ניט באַוויזן.

— דאָס זײַנען ניט קיין אייגענע. פּאָשעט גוטע באַקענטע. צופעליק זיך באַגעגנט אויף די וועגן פון קריג, — ער האָט גענומען דעם בריוו און געעפנט דעם קאָנווערט.

ער האָט באַדאַנקט געאָרג וועבערן און פאַרלאָזט די קאַנצעליאַריע. אין קאָרידאָר האָט ער אַרײַנגערוקט דעם בריוו אין קעשענע, באַשטימט אים דורכלייענען אויף דער גאַס. צוויי קוואַרטאַלן איז ער דורכגעגאַנגען, ביז ער האָט פאַרקערעוועט אין אַ טויער, און ערשט דאָרט אַרויסגעשלעפּט דאָס פאַרשריבענע פּאַפּירל. די שוועסטער סאַמאַרסקי האָבן מיטגעטיילט, אַז זיי לעבן גוט, זיי דערמאָנען אים אָפט. אין סאַמע סאָף איז געווען געזאָגט דאָס וויכטיקסטע: „ניט לאַנג צוריק איז צו אונדז אַרײַנגעקומען וויקטאָר פּיאַטיאָרקינס שוועסטער, זי האָט געזאָגט, אַז וויקטאָר וועט מער צו אונדז ניט קומען, ער איז שטאַרק קראַנק, מיט וואָס קראַנק האָט זי ניט געזאָגט. שרײַבט איר אָן. מע רופט זי טאַיִסיאַ אַנדרייעווונאַ. וווינען וווינט זי אין גאָרלאָווקע״. ווײַטער איז געווען אָנגעוויזן דער אַדרעס פון דער געהיימער טאַיִסיאַ אַנדרייעווונאַ.

דובראָווסקין איז איבערגעטריקנט געוואָרן אין האַלדז. „הייסט עס, אַז מיט פּיאַטיאָרקינען איז עפּעס געשען. נאָר אויב ס׳איז באַוווּסט, אַז מער וועט ער ניט קומען, באַטײַט עס, אַז ער האָט איבערגעגעבן דעם ראַפּאָרט. וואָס זשע טוט מען? מע דאַרף צוּוואַרטן מיט איוואַן

קאַזיוקאָוון. יענער וועט גיין אַ ביסל שפּעטער מיט אַ צווייטן ראַפּאָרט. וואָרט נאָר, וואָרט, צי מעג מען אַפּליייגן די יעדיזע וועגן דעם אָנגריף פון די דײַטשן, וואָס ווערט געגרייט הינטער קורסק אָדער ערגעץ אַנדערש, נאָר אין יענעם ראיאָן? ניין, מע טאָר ניט. נאָר איך קאָן דאָך וועגן דעם מיטיילן קיין גאָרלאָווקע. אָט דער טאַיסיא. אויב זי איז געקומען אָנשטאָט פּיאַטי-אָרקינען, הייסט עס, אַז זי דאַרף איבערגעבן דעם ראַפּאָרט פּאָטאַפּאָוון. אָט אַזוי דאַרף איך האַנדלען".

מיט דעם דאַזיקן באַשלוס האָט ער זיך געלאָזט אַף דער באַגעגעניש מיט איוואַן קאַזיו-קאָוון. יענער איז געקומען אין דער באַגלייטונג מיט וואַלענטינען.

— קיין דורכלאָז־שײַן האָב איך נאָך דערווײַל פאַר דיר ניט געקראָגן, — האָט געזאָגט דובראָווסקי, — מיט דײַן פּלייטע וועט אויסקומען צוואָרטן. איצט איז נייטיק, אַז עמעצער פון אײַך זאָל זיך אַראָפּכאַפּן קיין גאָרלאָווקע. דאָס איז דאָך גאָר נאָענט. וואַליע, דו וועסט קענען?

— קיין גאָרלאָווקע וועל איך קענען.

— אויב אַזוי, וועסטו מאָרגן דאָס טאָן. אַ דורכלאָז־שײַן דאַרפסטו?

— איך וועל אַליין נעמען. אַלציינס וועל איך דאַרפן זיך אָפּבעטן פון דער אַרבעט. כ'וועל זאָגן, אַז דאָרט לעבט מײַן שוועסטער. און לענקע וועט פאַר מיר אָפּאַרבעטן.

— אָט איז דער אַדרעס. — דובראָווסקי האָט אַרויסגענומען דעם בריוו, אים באַוויזן וואַליען און פון דאָרט אַרויסגעלייענט דעם אַדרעס. — פּאַרגעדענק אַף אויסוויניק. דאָרט וועסטו פרעגן טאַיסיא אַנדריייעוונען, וועסט זאָגן פון לעאָניד באַריסאָווון און איר איבערגעבן אָט דאָס צעטעלע. — ער האָט אַרויסגענומען דעם ראַפּאָרט און דערלאַנגט אים וואַלענטינען. — ווען דו וועסט זיך אומקערן, זאָלסטו געבן צו וויסן קאַזיוקאָוון. מירן זיך באַגעגענען איבער אַ טאָג. אָפּגערעדט?

וואַלענטינע האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— דאָס צעטעלע באַהאַלט גוט, און שאַ!..

— גוט. איר באַאומרויִקט זיך ניט, כ'וועל אַלץ מאַכן, ווי עס דאַרף צו זײַן.

...אין צוויי טעג אַרום האָט וואַלענטינע זיך אומגעקערט אַ פריידיקע און אַן אופגע-רעגטע.

זי איז געווען גליקלעך, וואָס זי האָט כאָטש מיט עפּעס געהאָלפן לעאָנידן, וועלכער האָט לויט איר טיפער איבערצײַגונג אויסגעפילט אַן אויפגאַבע פון דער סאָוועטישער קאָמאַנדשאַפט. אויך לעאָניד דובראָווסקי איז געווען צופרידן. וואַלענטינע האָט דערציילט, אַז אין גאָרלאָוו-קע האָט מען זי גוט אויפגענומען, זי באַדאַנקט פאַר דעם צעטעלע. מ'האָט געבעטן איבערגעבן אַ גרוס לעאָנידן און מ'האָט איבערגעשיקט אים, זי ווייסט ניט צוליב וואָס, פיר הונדערט אָקופּאַציאָנס־מאַרקעס.

— און נאָך האָט די דאָזיקע פרוי אײַך איבערגעגעבן אַ גרוס פון עפּעס אַ וואָלאָדימיר איוואַנאָוויטש. זי האָט געזאָגט, אַז דער דאָזיקער וואָלאָדימיר איוואַנאָוויטש איז אײַך דאַנקבאַר פאַר דעם, וואָס איר האָט איבערגעשיקט מיט איינעם אַ פּיאַטיאָרקין... — האָט וואַליע פאַר-געזעצט שעפּטשען.

— און מער האָט זי גאָרניט געזאָגט וועגן פּיאַטיאָרקינען?

— זי האָט געזאָגט, אַז ער איז מער ניטאָ.

דובראָווסקי האָט פאַרפרעסט די ציין.

— שוין זשע איז דאָס ייִנגל אומגעקומען? — האָט ער געזאָגט צו זיך אַליין.

— כ'ווייס ניט.

זיי זײַנען געשטאַנען לעבן אַ פאַראַד־טיר אין עפּעס אַ פּוסט געסל. די פאַרבײַגייענדיקע האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז דאָס איז אַ פאַרליבט פּאָרל.

— אַ דאַנק דיר, וואַלישע, פאַר דעם, וואָס דו ביסט אַן עכטער מענטש, דערפאַר, וואָס דו ביסט גרייט ריזיקירן צוליב אונדזער היימלאַנד.

— וואָס רעדט איר, לעאָניד, איך בין דאָך אַ קאָמסאָמאָלקע.

— איך בין צופרידן, וואָס כ'האָב אין דיר זיך ניט אָפּגענאַרט. און אַצינד הער זיך אײַן, אָפן זיכערן קאָן מען זיך ניט פאַרלאָזן, דעריבער וואָלט גוט געווען צו פאַרשרײַבן אייניקע יעדיזעס, נאָר אַזעלכע שרײַבעכצן טאָר איך בא זיך ניט האַלטן, דעריבער וויל איך דיך בעטן, דו זאָלסט האַלטן בא זיך מײַנע נאָטיצן. אויב דו קענסט, וועל איך דיר זײַן דאַנקבאַר.

וואַליע איז גרייט געווען אויספילן אַלץ, וואָס לעאָניד זאָל איר ניט פאַרלייגן. זי האָט גע-קוקט אַף אים מיט פאַרליבטע אויגן.

— יאָ, לעאָניד. ווו זײַנען זיי, די נאָטיצן?

— דערוויַיל זײַנען זיי ניט פּאַרטיק. איצט וועל איך זיי דיר געבן בײַ יעדער באַגעגעניש. נאָך בעסער וועט זײַן, אַז דו וועסט זיי באַקומען דורך איוואַנען. לויט מײַן מיינונג איז דאָס אונדזערער אַ מענטש.

— אוי, אַוואַדע. איר ווייסט גאָר ניט, ווי פײַנט ער האָט די דײַטשן. מיר האָבן דאָך מיט אים זיך באַפרײַנדעט צוליב דעם טאַקע.

— און ער איז ניט אײַפערזיכטיק צוליב מיר?

— וואָס רעדט איר, אים געפעלט דאָך לענקע.

— אויב אַזוי, איז גוט.

— לעאַנידז! — וואַלענטינע האָט שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. — און איך געפעל אײַך? — האָט זי שטיל געפרעגט און באַלד אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אירע גרויסע גרויע אויגן.

אַנשטאָט אַן ענטפער, האָט ער זי אַרומגענומען און זי אַ שטאַרקן קוש געטאָן אין דער גלאַטער סאַמעטענער באַק.

— אַוואַדע געפעלסטו מיר, נאַרעלע, אַנדערש וואָלט איך דיר דען אַנגעטרויט?

וואַלענטינע האָט אַרומגענומען זײַן האַלדז מיטביידע הענט, זיך אויפגעהויבן אויף די שפּיץ־פינגער און צאַרט אַ קוש געטאָן לעאָנידן אין די ליפּן.

14

אין דער געבײַדע פון דער געהיימער פעלד־פּאָליצײַ האָבן אויף קיין איין טאָג זיך ניט איבערגעריסן די פּאַרהערן. פון די צימערן האָט זיך די גאַנצע צײַט געטראָגן אַ געשריי פון די אַסירים. עמעצער האָט ניט אויסגעהאַלטן די ווייטעקן און אָנגערופן די נעמען פון כאַווייִרים. אויף אַזאַ אופן איז דעם פּאָליצײַ־קאָמיסאַר מײַסנערן באַוווּסט געוואָרן דער נאָמען פון דעם אָנפירער פונעם שטאָטישן אונטערערד, און אײַנגיכן איז אַ ווערטערלעכער פּאָרטרעט געלעגן אויף זײַן טיש.

— איז אָט ווי עס זעט אויס אָט דער קאַפּיטאַן גאָוורילענקאָ! — האָט אַ זאָג געטאָן מײַסנער, באַטראַכטנדיק דעם אָנגעמאָלטן פּאָרטרעט פון אַ יונגן מאַנצבל. — כ׳וואָלט טײַער באַצאָלט, ווען מע גיט מיר אַ מעגלעכקײַט זיך דורכשמועסן מיט אים אין מײַן קאַבינעט.

— הער פּאָליצײַ־קאָמיסאַר, איך מיין, אַז דאָס איז ניט אַזוי קאָמפּליצירט צו מאַכן. אַז מע האָט אַזאַ פּאָרטרעט, איז שוין ניט שווער אים צו כאַפּן. איך וועל נאָך הײַנט באַפוילן פּאַרמערן אָט די קאַרטינקע און זי פּאַנאַנדערטיילן צווישן אַלע מיטאַרבעטער פון געפּפּ און פּאָליצײַ, — האָט געזאָגט קאַרל דיל, דער אויספּאַרשער פאַר ספּעציִעלע ענייִאַנים, אַ הויכער און דיקער אַריער.

— אויב זײַנע מענטשן האָבן ווירקלעך איבערגעשניטן דעם קאַבעל, ווי איר זאָגט, קאָן מען פּאַרלייגן דער באַפעלקערונג צען טויזנט אָקופּאַציאָנס־מאַרקעס פאַר זײַן קאָפּ.

— איך מיין, אַז מע דאַרף דערוויַיל צוואַרטן. צוליב וואָס דאַרפן מיר געבן צו וויסן, אַז אונדז איז באַוווּסט דער נאָמען פון דעם דאָזיקן פּאַרשוין, מיר קאָנען זיך אַליין קאַליע מאַכן.

— איר זײַט, דאַכט מיר, גערעכט. נאָר אונדזערע מיטאַרבעטער דאַרף מען זאָגן, אַז דער, וואָס וועט ברענגען אַלעקסאַנדער גאָוורילענקאָ אין געפּפּ, וועט באַקומען אַ געלט־באַלוינונג. און איר, טײַערער קאַרל, וועט אין פאַל פון דערפאָלג צוגעשטעלט ווערן צו אַ באַלוינונג און איר וועט געהעכערט ווערן אין אַמט.

— איך דאַנק אײַך, הער פּאָליצײַ־קאָמיסאַר, — קאַרל דיל האָט העפלעך פאַרנייגט דעם קאָפּ.

— איר קאָנט גיין.

ווען דער אונטערשטורמפיורער קאַרל דיל האָט פאַרלאָזט דעם קאַבינעט, האָט דער אַדיוטאַנט אײַנגעלאַדן צום פּאָליצײַ־קאָמיסאַר לעאַניד דובראַווסקין.

— איך בין צופרידן זיך באַקענען מיט אײַך נעענטער, — האָט געזאָגט מײַסנער, קוקנדיק אויף דובראַווסקין איבער די פּענסנע. — איך האָב פיל געהערט וועגן אײַך פונעם אונטערשטורמפיורער רונצכײַמערן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז אין קאַדיִעווקע האָט איר זיך גלענצנדיק ספּראַוועט מיט דער אַרבעטס־בירזשע. איר דערמאָנט זיך וויפל מענטשן איר האָט אָפּגעשיקט קיין דײַטשלאַנד?

— העכער אָנדערהאַלבן טויזנט, הער פּאָליצײַ־קאָמיסאַר.

— ניט זייער קיין סאַך, כאָטש פאַר קאַדזיעווקע איז דאָס נאָרמאַל. און פון יוזאָווקע קלײַבן מיר זיך אַוועקשיקן ניט ווייניקער פון צוואַנציק טויזנט. דערווײַל האָבן מיר צונויפ־געזאַמלט בלויז פינף טויזנט. דאָס איז שפּאָט ווייניק. איך פאַרטרוי אײַך דורכקאָנטראָלירן די צעטלען. באַקענט זיך מיט די מעטאָדן פון אַרבעט אַף דער בירזשע און שטעלט אײַן אַן אָרדענונג. אויב ס׳וועט נייטיק זײַן, וועלן מיר אײַך העלפן מאַכן אַבלאַוועס אין שטאָט. מירן טאָן אַלץ, נאָר ביז העלפט יול וועלן מיר אום יעדער פּרײַז אָפּשיקן קיין דײַטשלאַנד צוואַנ־ציק טויזנט יונגע אַרבעטער. וועגן אײַערע אופטוען וועט איר ראַפּאָרטירן מיר.

— יאַוואָל, הער פּאָליציי־קאָמיסאַר!

— אָבער די דאָזיקע אַרבעט באַפרײַט אײַך ניט פון מיטהעלפן די אויספאָרשער. איר וועט, פּונקט ווי פריִער, זיי העלפן בײַס די פאַרהערן.

— איך האָב פאַרשטאַנען, הער פּאָליציי־קאָמיסאַר.

מײַסנער האָט פאַריכט די פּענסנע אַף דער נאָז און ווידער אַ קוק געטאָן אַף דוברוואָסקין.

— זאָגט מיר, אין יוזאָווקע זײַט איר שוין אַמאָל געווען?

— ניין, איך בין דאָס ערשטע מאָל אין דער דאָזיקער שטאָט.

— פונוואַנען זשע קומען צו אײַך באַקאַנטע? מ׳האָט מיר איבערגעגעבן, אַז איר האָט זיך דאָ באַגעגנט מיט איינעם אַ מיידל און אויך מיט אַ קריגס־געפאַנגענעם.

— הער פּאָליציי־קאָמיסאַר, דער אונטערשטורמפירער רונצכײַמער האָט מיר פיל מאָל געזאָגט, אַז די מיטאַרבעטער פון גפּפּ דאַרפן זיך װערבירן אַגענטן. איך האָב ווירקלעך זיך באַקענט דאָ מיט אַ מיידל, וואָס אַרבעט אין אַ דײַטשישער גאָרקיך אַפן אַעראָדראָם, און מיט אַ רוסישן באָכער, וואָס דינט אויך דאָרטן, אין בעקערײַ. אויב איר וועט מיר דערלויבן, האָף איך זיי פאַרווערבירן. איר האָט דאָך אַליין געזאָגט...

— יאָ, יאָ, — האָט מײַסנער אים איבערגעשלאָגן, — איר האָט מיך ריכטיק פאַרשטאַנען. איך בין צופרידן, וואָס איר ווײַזט אַרויס זעלבשטענדיקײַט. צווישן די רוסישע טרעפן זיך זעלטן אַזעלכע.

— איך האָב געגעבן אַ שוווּע און פיל אויס מײַן כויוו.

— נאָר דער רוסישער אַרמיי האָט איר אויך געשוווירן?

— דאָס, וואָס מיט מיר איז פאָרגעקומען, האָב איך דערציילט דעם הער רונצכײַמער. אויב איר וועט באַפוילן, קאָן איך איבערכאַזערן אַלץ אַפּסנײַ.

— ניין, ניין! דאָס איז ניט נייטיק! רונצכײַמער האָט מיך אינפאָרמירט וועגן אַלץ. נאָר אַן איבעריקע פראַגע שטערט ניט. איך בין געוווינט צו וויסן אַלץ וועגן מײַנע מיטאַרבעטער. איצט האָט איר מיר דערקלערט, און איך בין צופרידן. און וואָס קאָנט איר זאָגן וועגן פּאָטיאָמ־קינען? איר ווווינט, דאַכט מיר, צוזאַמען?

— יאָ, מיר וווינען צוזאַמען. מיר דוכט, אַז ער איז אַ גוטער אַרבעטער. עמעס, אַ ביסל צו אַ שטרענגער, נאָר אַזעלכע זײַנען די אומשטענדן. אויב מירן זיך ניט צערעכענען מיט אונדזערע סאָנים, דעמלט וועלן זיי דאָס טאָן.

— בראַוואָ, הער דובראָווסקי, איר מעגט גיין. יאָ, איידער איר וועט באַשליסן ווערבירן אײַערע באַקאַנטע, זאָגט מיר, מירן זיך אויסצייצענען.

— יאַוואָל, הער פּאָליציי־קאָמיסאַר. פריִער האָב איך זיך ניט באַשלאָסן אַרײַנקומען צו אײַך. איך וועל אומבאַדינגט זיך אייצענען מיט אײַך.

— איך ווינטש אײַך דערפאָלג, הער דובראָווסקי.

לעאָניד האָט זיך שוין געקליבן אויסציִען די האַנט אַף עפענען די טיר, ווי ס׳איז אַרײַנ־געלאָפן אין קאַבינעט מײַסנערס אַדיוטאַנט און אַן אויפגערעגטער געמאָלדן, אַז אָט ערשט האָט מען איבערגעגעבן פון דער הויפּט־קוואַרטיר פונעם פירער, אַז הײַנט קאַיאָר איז די דײַטשישע אַרמיי איבערגעגאַנגען אין אָנגריף אַפן מיזרעך־פראָנט.

— ווו? אַף וועלכן באַצירק? — האָט אומגעדולדיק אים איבערגעשלאָגן דער פּאָליציי־קאָמיסאַר.

— אינעם ראַיאָן פון קורסק.

מײַסנער איז אופגעשפּרונגען פונעם אָרט, אײַליק צוגעגאַנגען צו דער קאַרטע, וואָס איז געהאַנגען אַף דער וואַנט. דובראָווסקי האָט ניט דערוואַרט אַזאַ ספּריטנעקײַט פון אָט דעם דיקן מענטשן. ער האָט זיך פאַרהאַלטן בײַ דער טיר און צוגעקוקט, ווי יענער טאָפּטשעט זיך בײַ דער קאַרטע.

— איך האָב טאַקע אַזוי געטראַכט, אַז אָט דאָ וועלן מיר אַ טשמעל טאָן. דאָ וועט ענדגילטיק זיך לייזן דער גויִרל פון רוסלאַנד! איר הערט, דיטריך? דאָס זאָג איך אײַך.

דובראָווסקי איז אַרויס פון צימער. כאָטש ער האָט געוווּסט וועגן דעם, אַז די דײַטשן

גרייטן אן אָנגריף (ער האָט אפילע באוויזן איבערגעבן וועגן דעם דער סאָוועטישער קאָ־מאנדשאפט), איז די מיטיילונג פון דער הויפּט־קוואַרטיר פונעם פּיורער געווען, ווי אומגע־ריכט. דאָס הארץ האָט שטארק געקלאַפּט. ער האָט זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען. ס׳האָט זיך געוואָלט מיט עמעצן א שמועס טאָן, עפּעס טאָן. פּלוצעם האָט ער באשלאָסן זיך זען מיטן זאָנדערפיורער וועבערן, מיט וועלכן עס האָבן זיך בא אים די לעצטע טעג איינגעשטעלט ניט קיין שלעכטע באציונגען.

— געאָרג, איר האָט שוין געהערט? — האָט ער געפרעגט, אריינקומענדיק אין קאנ־צעליאַריע.

— וואָס מיינט איר?

— איך מיין די מיטיילונג פון דעם פּיורערס הויפּט־קוואַרטיר.

לויט דעם ווי געאָרג וועבער האָט זיך אָפּגעריסן פונעם פּאַפּיר, ווי עס האָבן זיך פאַריסן בא אים די ברעמען, האָט דובראָווסקי פאַרשטאַנען, אַז יענער ווייסט נאָך גאָרנישט.

— מ׳האָט ערשט איבערגעגעבן דורך ראַדיאָ, אַז אונדזער מיליטער האָט היינט פאַרטאָג אונטערגענומען אן אָנגריפס־אָפּעראַציע ארום קורסק.

— סאָפּקאָלסאָף. איך האָב דערוף געוואַרט פון טאָג אָף טאָג, — האָט עפּעס ניט נאַטיר־לעך ארויסגעבראַכט געאָרג וועבער. — איצט וועלן די רוסן טייער באצאָלן פאַר סטאַלינגראַד. א דאנק פאַר דער מיטיילונג.

דובראָווסקי האָט זיך פאַרכידעשט. דאָס אַלץ האָט וועבער ארויסגעזאָגט אָן ענטוזיאַזם. און בא געאָרג וועבערן איז א קנויל געבליבן שטעקן אין האַלדז. דאָס הארץ איז גרייט געווען ארויסשפּרינגען פון דער ברוסט. נאָר ער האָט זיך באהערשט און געזאָגט:

— מיר האָבן לאַנג געוואַרט אָף אָט דער מינוט. איצט וועלן די רוסן זיך א קייקל טאָן אָף מיזרעך. און ווי קלערט איר, לעאָניד?

— איך קלער, אַז איר זייט גערעכט.

אָף א קורצער ווײַלע האָבן זייערע בליקן זיך באגעגנט.

ווען זיי וואָלטן דעמלט געוווּסט, אַז ביידע טראַכטן זיי וועגן עפּעס אנדערס, און גע־טראַכט האָבן זיי וועגן היימלאַנד, וועגן דעם נייעם אויספירוו, וואָס האָט זיך אָנגעוואָלגערט אָף די סאָוועטישע שלאַכטלײַט, וועגן דעם, צי וועט אויסשטיין די סאָוועטישע ארמיי אָט דעם זומערדיקן אָנגריף.

איך זע פאַרויס דעם איראָנישן שמייכל פון מײַנע לייענער, וועלכע וועלן זיך באַלד דער־וויסן, אַז דער זאָנדערפיורער געאָרג וועבער איז אויך געווען א סאָוועטישער אויסשפּירער. ניין, דאָס האָט ניט צוגעטראַכט דער אוטאָר. איר דאַרפט אין זינען האָבן, אַז איר לייענט א דאָקומענטאַלע דערציילונג. און דאָס וואָס אין א ליטעראַריש ווערק דאַכט זיך אָפּט איבעריק און נאַיוו, איז אומעגלעך באַזײַטיקן פון א דאָקומענט. דאָ האָט א צופאַל צונויפגעפירט צוויי סאָוועטישע אויסשפּירער אין איין שטאַב פון א דײַטשישן שטראָף־ארגאַן, וואָס טראָגט דעם נאָמען געהיימע פעלד־פּאָליציי גפּפ־721. און פאַרשטייט זיך, אַז ניט געאָרג וועבער, ניט לעאָ־ניד דובראָווסקי האָבן דעמלט ניט געקענט איינער דעם אנדערן. זיי זײַנען געווען ארײַנגע־שיקט אהער פון פאַרשיידענע שטאַבן, און יעדערער פון זיי האָט לויט זײַנע מעגלעכקײַטן אויסגעפּילט דעם כויוו פאַרן היימלאַנד, פאַרן סאָוועטישן פאָלק.

דער עמעסער געאָרג וועבער האָט געפונען זײַן אייביק אָרט אין דער רוסישער ערד, וועלכע ער האָט אזוי שטארק געוואָלט אײַנעמען, ווײַל אזא איז געווען דער ווילן פונעם באליבטן פיורער. און דער סאָוועטישער פּאַטריאָט איגאָר כאַריטאָנאָוויטש אגאנין האָט אונטער וועבערס נאָמען זיך דורכגעשמוגלט אין שטאַב פון גפּפ־721. אָט דער דאָזיקער אזויגערו־פענער געאָרג וועבער וווינט ביז איצט אין מאָסקווע. איצט איז ער שוין א קאַנדידאַט פון וויסנשאַפטן, א פאָטער פון א מישפּאָכע, און דער אוטאָר פון אָט די שורעס איז אים דאנק־באַר פונעם טיפן הארצן פאַר דער הילף, וואָס ער האָט ארויסגעוויזן אים בייסן זאמלען מאַ־טעריאַל פאַר דער דאָזיקער דערציילונג.

און דעמלט האָבן זיי זיך געסטאַרעט באווײַזן איינער דעם אנדערן מיט וואָס פאַרא פרייד זיי האָבן באגעגנט די ידיע וועגן דעם אָנהייב פון דעם זומערדיקן אָנגריף פון די דײַטשן. און כאָטש בא ביידן איז געלעגן א שווערער שטיין אפן הארצן, האָבן זיי זיך געסטאַרעט איבערשטײַגן איינער דעם צווייטן מיט לויב־געזאַנגען דעם פּיורער און דעם גרויסן דײַטשלאַנד.

ס׳איז גרינג זיך פאַרצושטעלן וויאַזוי זיי וואָלטן געלאַכט, ווען דער גוירל זאָל זיי געווען צונויפפירן נאָכן סאָף פון דער מילכאָמע. נאָר דאָס לעבן איז גרויזאַם און אָנראַכמאָנעסדיק... אָבער לאָמיר ניט פאַרלויפן פאָרויס...

די גאַנצע וואָך האָט דובראָווסקי געלעבט, ווי אַף אַ ווולקאַן. פון דער הויפּט־קוואַרטיר פונעם פיורער האָט מען עטלעכע מאָל אין טאָג איבערגעגעבן ידיעס. דער דאָקטער העבעלס האָט געמאָלדן דער גאַנצער וועלט, אַז די רוסישע שוץ־ליניע איז דורכגעריסן געוואָרן אין אייניקע ערטער אַף צענדליקער קילאָמעטער. דעם עלפטן יול האָט מאַנשטיין ראַפּאָרטירט היטלערן, אַז זײַן מיליטער האָט צעשמעטערט די רוסישע אַרמייען, וועלכע האָבן פאַרשטעלט קורסק פון דאָרעם־זײַט. „די רויטע אַרמיי איז שוין ניט אימשטאַנד זיך באַשיצן", — האָבן געשריגן די דײַטשישע צײַטונגען.

אַף די גאַסן פון יוזאָווקע האָט ער געזען קאַלאָנעס טאַנקען, באַדעקטע מיט שטויב, וואָס האָבן זיך געצויגן אַף דאָרעם.

„הייסט עס, אַז אַף צפון, הינטער בעלגאָראַד, האָבן די היטלעריסטן דערפאָלג, אויב זיי נעמען אַראָפּ פון דאָרטן טאַנקען־טיילן און וואַרפן זיי איבער אַף דאָרעם", — האָט לעאָניד געטראַכט.

אָבער אין עטלעכע טעג אַרום האָבן די ידיעס פון דער הויפּט־קוואַרטיר שאַרף זיך געענדערט. ס'האָט זיך שוין גערעדט וועגן דער נויטווענדיקײַט אויסצוגלײַכן די פראָנט־ליניע. מ'האָט אָנגעהויבן אויסרעכענען די באַפעלקערטע פונקטן, וואָס דאָס היטלערישע מיליטער האָט געמוזט פאַרלאָזן. די מיטאַרבעטער פון גפּפּ זײַנען שטילער געוואָרן. לעאָניד האָט אויך אָנגעצויגן אַף זיך אַ מאַסקע פון טרויער.

ער האָט, ווי פריער, זיך באַגעגנט מיט וואַלענטינע בעזזכאָווא און אירע פרײַנט — מיט לענען און איוואַן קאָזיוקאָוון. אומדערוואַרט האָבן אין סטאַלינאָ זיך באַוויזן בלעטלעך מיט אינפאָרמאַציעס פון סאָווינפאָרמביוראָ. אַ טייל פון זיי איז געוועז געשריבן פון דער האַנט, אַ טייל — אַף אַ שרײַב־מאַשינקע.

בייס איינעם אַן אינדערפריִדיקן איבערוף האָט דער פּאָליציי־קאָמיסאַר מײַסנער געפּאַ־כעט מיט אַ גאַנצן סטאָס בלעטלעך און געשריגן צו די מיטאַרבעטער פון גפּפּ, אַז זיי קאָנען ניט אַרבעטן. ער איז אַרומגעלאָפן לענגויס דער שרענגע, געוווישט דעם פּליך און דעם האַלדז:

— אין די טעג, ווען דאָס פאָלק פאַרגיסט בלוט אַפן שלאַכט־פעלד, דאַרפט איר האָ־רעווען ביז שווייס אַף אײַער פּאָסטן, און אָנשטאָט דעם פאַרשפרייט מען פלוג־בלעטלעך בא אײַך אונטער דער נאָז. און ווען? אין דער צײַט, ווען ערשט נעכטן האָבן די פּאַרטיזאַנער ניט ווײַט פון יוזאָווקע אַראָפּגעלאָזט אַ דײַטשישן עשעלאָן פון די רעלסן, אין דער צײַט ווען די רוסן זײַנען איבערגעגאַנגען אין אָנגריף.

שטייענדיק אין דער שרענגע, האָט דובראָווסקי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, מוירע געהאַט זיך טרעפן מיטן בליק פונעם שעף. „הייסט עס, אַז אונדזערע גיבן קלעפּ... איצט, שוין ניט ווינטער, נאָר זומער"...

דובראָווסקי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָרט, הינטער אָריאָל און בעלגאָראַד, ווערט געלייזט דער גורל פון דער גאַנצער זומער־קאַמפּאַניע, און פון דעם, וויאַזוי זי וועט זיך ענדיקן, וועט זײַן אָפּהענגיק זייער אַ סאַך, טאָקע דערפאַר האָט זיך שטאַרק געוואָלט אופטאָן וואָס מער דאָ, אין דײַטשישן טיל. ער איז געוועז גליקלעך, וואָס עס האָבן זיך געפונען מענטשן, וועלכע הערן מאָסקווע, וואָס שרײַבן איבער און פאַרשפּרייטן די סוואָדקעס פון סאָווינפאָרמביוראָ. באַלד נאָכן איבערוף איז ער אוועקגעגאַנגען צום דזשורנעם פון שטאַב אָנזאָגן, אַז ער גייט אין דער אַרבעטס־בירזשע. דעם דאָזיקן טאָג האָט דזשורעט אַלעקס פּאָטיאָמקין.

— גוטמאָרגן, אַלעקס, וויאַזוי האָסטו פאַרבראַכט די נאַכט?

— אַזוי זיך, אַלץ איז אין אָרדענונג.

— פאַרגעדענק, אַז איך בין אוועק אַף דער בירזשע, כ'וועל, מינאַסטאָם, זיך אומקערן צום וואַרמעס.

— גוט, שפּאַן!

אין יענער מינוט האָט זיך געעפנט די טיר און אין צימער פונעם דזשורנע האָבן צוויי געהיימע אַגענטן אַרײַנגעשטופּט צוויי מאַנצבלען מיט קלאַמען אַף די הענט.

— ווער זײַט איר? — האָט געפרעגט פּאָטיאָמקין.

— אָט דער, דער יונגער, איז גאַוורילענקאָ, דער סעקרעטאַר פון זייער אונטערערדישן געגנטקאָם, — האָט געזאָגט איינער פון די אַגענטן, — לעבן טראַמוויַ האָבן מיר זיי גענומען. אָט איז זייער געווער.

ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע צוויי פּיסטאָלעטן „טט" און אוועקגעלייגט זיי אַפן טיש.

— טאַקס, טאַקס! הייסט עס אַרײַנגעכאַפּט זיך? — האָט אַלעקס זיך געריבן די הענט פון פאַרגעניגן, — אַנו, הייב נאָר אוף די הענט! — האָט ער באַפוילן דעם, וואָס מ'האָט אָנגערופן גאַוורילענקאָ.

ווען גאוורילענקאָ האָט אופגעהויבן איבערן קאָפּ די פּאַרקאָוועטע הענט, האָט אלעקס אים א שטאַרקן זעץ געטאָן מיטן פוס אין דער דיך, פון ווייטעק האָט גאוורילענקאָ זיך צונויפגעבויגן און זיך אראָפּגעזעצט אָף די שפּיץ פינגער.

— אופשטיין! — האָט אויסגעשריגן פּאַטיאָמקין.

גאוורילענקאָ האָט זיך אויסגעגלייכט. אָף זיין דאַר פּאָנעם מיט די איינגעפאַלענע אויגן האָט זיך באוויזן א מינע פון עקל. אפן שטערן זיינען ארויסגעטראָטן טראָפּנס שווייס.

—עפּעס שווערס איז בא דיר אין קעשענע! אהא, נאָך א פּיסטאָלעט, — האָט אלעקס געכויזעקט, באוויינדיק ניט קיין גרויסן דייטשישן בראַונינג. — עס מאַכט ניט אויס, איצט וועסטו שוין ניט שיסן.

מיט א פלינקער באוועגונג האָט פּאַטיאָמקין א זעץ געטאָן גאוורילענקאָן איבערן קאָפּ מיטן הענטל פונעם פּיסטאָלעט. יענער האָט שטיל, ניט ארויסלאָזנדיק קיין קלאַנג, זיך א וואַלגער געטאָן אפן טאַפּטשאַן, וואָס איז געשטאַנען לעבן דער וואַנט.

— וואָס ביסטו זיך אזוי צעגאַנגען? — האָט געפרעגט דובראָווסקי, — דער פּאָליציי־קאָמיסאַר דאַרף אים דאָך א לעבעדיקן.

— נישקאָשע, ער וועט באַלד אָפּגיין. כ׳האָב ניט שטאַרק. — און ווענדנדיק זיך צום אַגענט, האָט ער געזאָגט, — און דו ביסט א מאַלאַדיעץ, פילאַטיעוו. פאַר אָט דעם פויגל וועט מען דיך צושטעלן צו א באלוינונג.

— דאָס האָט שעסטאַפּאַלאָוו אים דערקענט, — האָט יענער געענטפערט.

— און דו, וואָס קערסטו זיך אָן מיט אים? — האָט פּאַטיאָמקין געפרעגט באַם צווייטן אַרעסטירטן, וואָס איז געשטאַנען מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

— דאָס איז נאָוויקאָוו, זייער קאָמיסאַר, — האָט אָפּגעענטפערט שעסטאַפּאַלאָוו, באַ־וויינדיק דערמיט, ווי באַהאַוונט ער איז.

— הייסט עס, אויך א נאַטשאַלניקל?

אין דעם מאָמענט איז גאוורילענקאָ געקומען צו־זיך און זיך אופגעזעצט אפן טאַפּטשאַן. פון זיין האַלדז איז אראָפּגערונען א ריטשקעלע בלוט און זיך באַהאַלטן הינטערן קאַלנער פון העמדל.

דובראָווסקי האָט קוים געצוימט זיין קאַס, ער האָט מיט אלע קויכעס פאַרדריקט די פויסטן.

— אלעקס, איר דאַרפט גלייך מעלדן דעם פּאָליציי־קאָמיסאַר וועגן די פאַרהאַלטענע, אַנדערש וועל איך אים אָנטאָן דעם פאַרגעניגן.

ער האָט זיך ענערגיש אויסגעדרייט צו דער טיר. דעם דאָזיקן זשעסט האָט פּאַטיאָמקין גוט באַמערקט.

— וואַרט נאָר צו א מינוטקעלע, איך וועל אליין זיך ארייַנכאַפּן צו מייַסנערן, — האָט ער ווייך געזאָגט.

— נו, גוט, אָבער שנעלער. איך אייל אָף דער בירזשע.

א כאַפּ געטאָן די פּיסטאָלעטן פונעם טיש, איז פּאַטיאָמקין ארויסגעלאָפן פונעם צימער. אין א מינוט ארום האָט ער זיך אומגעקערט אין דער באַגלייטונג פון מייַסנערס אדיוטאַנט.

— גאוורילענקאָ, צום פּאָליציי־קאָמיסאַר! — האָט ער אויסגעשריגן, און שוין א ביסעלע שטילער צוגעגעבן: — פילאַטיעוו און שעסטאַפּאַלאָוו, גייט אויך צום שעף. און אָט דעם, — האָט ער באוויזן אָף נאָוויקאָוון, — דערווייַל אין א קאַמערע פון קעלער.

בא דער שוועל האָט אלעקס פאַרהאַלטן דובראָווסקין:

— וואַרט צו א ווײַלע.

— איך אייל זיך דאָך.

— זאָג מיר נאָר, דיר איז ניט געפעלן, וואָס איך האָב אָט דעם טיפּ א זעץ געטאָן?

— דאָס איז ניט נייטיק געווען. ער וועט זיינס ארייַנכאַפּן בייסן פאַרהער, און ווען דו זאָלסט אים געוואָלט טרעפן אין שלייף, וואָלט שוין ניט געווען וועמען צו פאַרהערן.

— איך האָב שוין געמיינט, אז דו האָסט ראַכמאָנעס אָף אים. נאָר נישקאָשע, ער וועט ארייַנכאַפּן פונעם שעף, וואָס אים קומט, ער איז צערייצט, ווי א ווילדע כייַע.

— אלץ איבער די בלעטלעך?

— וואָס פאַרא בלעטלעך, מ׳האָט איבערגעגעבן, אז די רוסישע האָבן פאַרגענומען אַן אַנגריף אָף א ברייטן פראָנט.

— שוין זשע האָט זיך אזוי א קערעווע געטאָן? — האָט מיט טרויער אין קאָל געזאָגט לעאָניד.

— יאָ, יאָ. ס׳איז נאָך ניט קלאָר מיט וואָס וועט זיך דאָס ענדיקן.

— אויב מיר וועלן זיך לעבעדיקע אַרײַנכאַפּן צו זיי, איז מיט אַ שלייף אויפן האַלדז זײַנען מיר פאַרזיכערט, — האָט דובראָווסקי געמאַכט דעם אויספיר.

— מירן זיך סטאַרען פאַרזיכערן דאָס לעבן אויף מײַרעוו. — פּאָטיאָמקין האָט אַרויסגעשלעפּט פון דער קעשענע אַ גאָלדענעם זייגער און אים אַ באַמבל געטאָן פאַר דובראָווסקיס אויגן.

— ווי קומט ער צו דיר?

— בא גאַווריליענקאָן גענומען.

— ווען זשע האָסטו עס באַוויזן? איך האָב אַפילו ניט באַמערקט.

— מע דאַרף קענען, הער דובראָווסקי. שוין צײַט, אַז איר זאָלט זיך אויך אויסלערנען.

דובראָווסקי האָט זיך אַ קרים געטאָן און פאַרלאָזט דעם צימער פונעם דעזשורנע.

ביז צו דער בירזשע איז געווען אַ מינוט צוואַנציק גאַנג. דובראָווסקי איז געווען צערודערט. ער האָט געטראַכט וועגן אָנגריף פון דער סאָוועטישער אַרמיי, וועגן סעקרעטאַר פונעם אונטערערדישן געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי, וועמענס לעבן ס׳איז איצט געהאַנגען אויף אַ האָר. אים איז אויך געקומען אויפן זינען אָלגע טשיסטיוכינא, וואָס אַרבעט אויף דער בירזשע. דאָס דאָזיקע דיקע און לעבנסלוסטיקע מיידל האָט געהאַט צו טאָן מיט די בלאַנקען פון דער אַרבעטס־בירזשע, אויף וועלכע עס פלעגן געשריבן ווערן ספּראַווקעס פאַר די, וואָס זײַנען פרײַגעלאָזט פון פאָרן קיין דײַטשלאַנד.

נאָך מיט צוויי וואָכן צוריק, קאָנטראָלירנדיק די צעטלען פון פאַרוואָרבירטע אויף אָוועקצושיקן קיין דײַטשלאַנד, און באַטראַכטנדיק די אַרבעט פון די אָנגעשטעלטע, האָט ער באַמערקט, אַז עס פעלן אַ סאַך בלאַנקען. בײַיס די געשפּרעכן מיט אָלגע טשיסטיוכינא האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זי טאַקע מיסברויכט מיט איר אַמטלעכער לאַגע, אַז זי גיט אַרויס פאַלשע ספּראַווקעס אירע אייגענע און באַקאַנטע. ער האָט געצווּונגען דאָס מיידל זיך אָנערקענען אין דעם און אײַנצײַטיק געפּויעלט, אַז זי זאָל אַרויסגעבן ספּראַווקעס יענע, וואָס ער וועט איר אָנרופן.

איצט, טראַכטנדיק וועגן דעם גורל פון דעם אַרעסטירטן סעקרעטאַר פון אונטערערדישן געגנטקאָם, און נאָך ניט וויסנדיק מיט וואָס ער קאָן אים קומען צו הילף, האָט ער, דובראָווסקי, באַשלאָסן אַרויסבאַקומען אַזאַ ספּראַווקע אויפן נאָמען פון אַלעקסאַנדער גאַווריליענקאָ.

דערהערט דובראָווסקיס ביטע, האָט אָלגע טשיסטיוכינא אַפילו ניט געפרעגט, ווער איז דאָס דער גאַווריליענקאָ, און גלײַך אויסגעשריבן דאָס פּאַפּירל, וואָס איז אײַנצײַטיק אויך אַ מין דאָקומענט. יענעם טאָג האָט דובראָווסקי צום ערשטן מאָל זיך צונויפגערעדט מיט איר וועגן אַ באַגעגעניש. אים האָט זיך געוואָלט דערוויסן מיט וועמען איז דאָס מיידל פאַרבונדן. עפּשער וועט מיט איר הילף זיך אײַנגעבן אײַנשטעלן אַ פאַרבינדונג מיט דער אונטערערד פון יוזאָווקע. אַז אַזאַ עקזיסטירט, האָט ער איצט שוין ניט געצווייפלט.

אין אָוונט האָט ער זיך געטראָפן מיט אָלגען אין צענטער פון שטאָט. יענע האָט אים געבראַכט צו אירער אַ כאַווערטע, צו מאַריַע לעווינען. מ׳האָט געטרונקען טיי מיט סוכערלעך, געשפּאַסט. ס׳איז קענטיק געווען, אַז די מיידלעך פרייען זיך מיט די ידיעס וועגן דעם אָנגריף פון דער רויטער אַרמיי. דאָס האָט באַפליגלט דובראָווסקין, און ער האָט זיי געגעבן אָנצוהערן, אַז מאָרגן אינדערפרי קלײַבן זיך די מיטאַרבעטער פון דער געהיים־פּאָליציי אַרויסצופאָרן אין בײַשטאָטישן וואַלד. דער פּאָליציי־קאָמיסאַר האָט געזאָגט, אַז לויט די ידיעס, וואָס ער האָט באַקומען, דאַרפן דעם דאָזיקן טאָג זיך דאָרט פאַרזאַמלען די אונטערערדטוער. דובראָווסקי האָט געקלערט, אַז אויב די מיידלעך זײַנען פאַרבונדן מיטן אונטערערד, וועלן זיי וואָרענען דעם, וואָס מע דאַרף.

און ער האָט קיין טעות ניט געהאַט. ווען די לאַסטמאַשין האָט געבראַכט אין בײַשטאָטישן וועלדל אַכצן מיטאַרבעטער פון געפּ, איבערגעטאָנענע אין ציווילע קליידער, מיט באַלאַלײַקעס און גיטאַרעס, האָבן זיי דאָרט קיינעם ניט געטראָפן. איצט האָט דובראָווסקי ניט געצווייפלט, אַז אָלגע טשיסטיוכינא ווייסט וועגן די אונטערערדלער.

...שוין עטלעכע טעג, ווי עס האָט זיך געצויגן דער פאַרהער פון אַלעקסאַנדער גאַווריליענקאָ. עס האָבן זיך געביטן די איבערזעצער, עס האָבן זיך געביטן די אויספאָרשער. דעם קראַנק־געוואָרענעם קאַרל דיל האָט פאַרביטן מאַקס באָראַג, נאָר גאַווריליענקאָ האָט געטײַנעט איינס און דאָס זעלבע.

פון מאַקס׳ דערציילונגען האָט דובראָווסקי געוווּסט, אַז דער סעקרעטאַר פונעם אונטערערדישן געגנטקאָם לייקנט ניט, אַז ער איז אַ קאַפּיטאַן פון דער סאָוועטישער אַרמיי, אַז ער איז געשיקט אין טיל אויף דורכצופירן אָן אופּרײַס־אַרבעט, נאָר ער לייקנט קאַטעגאָריש אָפּ, אַז ער געהערט צו דער אונטערערד פון יוזאָווקע, און דערפאַר ווייסט ער ניט קיין איין פאַמיליע.

— וויסט, לעאַניד, כ'וואָלט שוין וועלן, אַז עס זאָל גיכער געזונט ווערן אָט דער קאַרל דיל, — האָט מאַקס זיך אָנערקענט, — מיר איז שוין דערעסן אָט די קויטיקע אַרבעט.

— און וואָס האָסטו געטאָן ביז גאַוורילענקאָן?

— אַ, דאָס איז אַ סאָד... נאָר דיר קאָן איך זאָגן. צוזאַמען מיט מײַנע פֿרײַנט האָב איך צוגעגרייט פּאַול מיולערן, אונדזערן אָן אַנגעזעענעם אַגענט, אַף אַריבערגיין די פֿראָנט־ליניע.

— עפּעס אַ ווילער באַכער?

— אָ־אָ! דאָס איז אַן אָנגעזעענער פֿויגל.

— אינטערעסאַנט אַ קוק טאָן אַף אים, — האָט טרוימעריש געזאָגט דובראָווסקי.

— וואָס איז דער אינטערעס. אַ קליינינקער, אַ ווײַסער באַכער, מיט בלויע אויגן און מיט אַן אַרישער נאָז. דערבײַ וואַרפֿט ער זיך שטאַרק אין די אויגן, עס פֿעלן אים צוויי פֿינגער אַף דער רעכטער האַנט. נאָר דאָס איז איינצײַטיק אַ גרויסער פּליוס, די רוסישע וועלן אים אין אַרמיי ניט נעמען.

— וואָס זשע קאָן ער אופּטאָן?

— וואָס? אַ געוויינלעכער עלטערער לייטענאַנט קערט זיך אום פֿונעם שפּיטאָל. ער וועט זיך אַ דריי טאָן פֿון יענער זײַט און זיך אומקערן מיט וויכטיקע ידיעס. באַמערקן וויאַזוי עס באַוועגט זיך דאָס מיליטער איז דאָך ניט שווער.

— וואָס זשע, מיר קלײַבן זיך אָנגרײַפֿן אַף דעם דאָזיקן באַצירק?

— מיר ניט. נאָר די רוסישע קלײַבן זיך, מעגלעך. און דאָס וואָלט אונדזער קאָמאַנדשאַפֿט געוואָלט וויסן. מײַסנער האָט מיך פֿון יענער אַרבעט ניט באַפֿרײַט, און דאָ איז קאַרל דיל שלאָף געוואָרן. און דו פֿרעגסט נאָך, וואָס איך טו אין די אָוונטן.

— יאָ, דו האָסט איצט אַ פּעקל! און באַ מיר האָבן זיך געיאַוועט גוטע מיידלעך, כ'וואָלט דיך געקענט באַקענען.

— אומבאַדינגט וויל איך, דו זאָלסט מיך באַקענען.

— גוט, אַז דו וועסט זיך באַפֿרײַען, זאָלסטו מיר זאָגן.

זיי זײַנען געזעסן אין קאַזינאָ באַ אַ פֿלעשל איטאַליענישן ווערמוט. מאַקס באַראַג האָט אויסגעטרונקען אַ גלאָז, אַ טשמאָקע געטאָן פֿון פֿאַרגעניגן און געזאָגט:

— אינגיכן וועלן מיר נאָר דערמאָנען דעם דאָזיקן ווײַן.

— ???

— וואָס כידעשסטו זיך אַזוי? נאָך דעם, ווי די אָפּיצערן פֿון דער קעניגלעכער גוואַרדיע האָבן אַרעסטירט בעניטאָ מוסאָליני, צווייפֿל איך, צי די איטאַליענער וועלן באַזאָרגן מיט זייער ווײַן די דײַטשן.

— דו ביסט, דאַכט מיר, גערעכט. דער איטאַליענישער קעניג און דער מאַרשאַל באַדאָליאָ קאָנען אין אַ באַליביקן מאָמענט זיך אַ לאָז טאָן צו די פֿאַרבינדעטע.

— יאָ, די היסטאָרישע אַקס בערלין — רוים — טאָקיאָ האָט געפּלאַצט סאַמע אינדערמיט. אונדז הערט קיינער ניט, קאָן איך דיר זאָגן אָפֿן, — מאַקס האָט זיך אָנגעבויגן צו דובראָווסקיס אויער, — די פֿאַרבינדעטע האָבן פֿאַרכאַפּט סיציליע און זיך אַרויסגעזעצט אין איטאַליע. די רוסישע אַרמייען גרײַפֿן אָן. און דאָס איז זומער. אין די נאָענטסטע טעג וועלן די איטאַליענער אוועקוואַרפֿן דאָס געווער. דיר דאַכט זיך ניט, אַז דאָס איז אַן אָנהייב פֿונעם סאָף פֿון דעם טויזנטיאָריקן רײַך?

— באַטראַכט זיך, מאַקס, וואָס רעדסטו, — דובראָווסקי האָט זיך אַרומגעקוקט אין די זײַטן.

— וואָס מאַכסטו זיך, דו קלערסט דאָך אויך אַזוי, — האָט געזאָגט באַראַג.

— נאָר די דײַטשישע אַרמיי איז נאָך שטאַרק.

— אַף אַ שפּיז קאָן מען זיך אָנשפּאַרן, נאָר זיצן — ניט. זייער גיך וועלן די דײַטשן דאָס דערפֿילן.

אַפֿן אַנדערן טאָג האָט מען די גפּפּ־721 עקסטרע איבערגעפֿירט אין עפּעס אַ געבײַדע פֿון אַ שול. די געבײַדע פֿון דער געהיים־פּאָליציי איז איבערגעגעבן געוואָרן אַ שטאַב פֿון אַן אַרמיי־קאָרפּוס, וואָס איז אַהערצו איבערגעפֿירט געוואָרן.

אַ האַלבן טאָג האָבן די מיטאַרבעטער פֿון דער געהיים־פּאָליציי איבערגעפּעקלט דאָס פֿאַרמעגן. נאָך מיטיק איז מען צוגעטראָטן צו דער אַרבעט אַפֿן נײַעם אָרט.

דאָס מאָל איז דובראָווסקי אָנגעמערקט געוועזן צו העלפֿן מאַקס באַראַגן. מאַקס האָט זיך געזעצט צו דער שרײַב־מאַשינקע, דובראָווסקי איז געשטאַנען צוויי שפּאַן פֿון גאַוורילענקאָן, וואָס איז געזעסן אַף אַ שפּיץ פֿון דער טאַבורעטקע.

זײַן אויסזען האָט אַרויסגערופן מיטלייד. אונטערן לינקן אויג איז געווען אַ בלאָוו־געלער פלעק. די אייבערשטע פּיאַלעטע ליפּ איז אויפגעלאָפן, דאָס העמד איז צעריסן געווען ביזן בויך.

— דאָס האָסטו אים אַזוי, מאַקס? — האָט געפרעגט דובראַווסקי.

— ניין, דאָס האָט נאָך קאַרל דיל. און איך קלײַב זיך הײַנט אים אויסשמײַסן, אויב ער וועט פאַרזעצן דרייען דעם קאָפּ. פרעג אים, צי לייקנט ער ניט אָפּ, אַז זײַן עמעסע פאַמיליע איז גאַוורילענקאָ?

— יאָ, איך בין גאַוורילענקאָ.

— און איינער אַ היגער אײַנוווינער, וואָס געפינט זיך מיט אים אין איין קאַמערע, זאָגט, אַז ער איז גאָר אַלעקסאַנדער שוועדאָוו, וואָס האָט אַמאָל געלעבט אין יוזאָווקע. וואָס וועט ער דערויף ענטפערן?

דובראַווסקי האָט פּינקטלעך איבערגעזעצט. גאַוורילענקאָ האָט זיך ווי פאַרלוירן, נאָר גלײַך אויפגעהויבן די אויגן אויף אויספאַרשער און אַרויסגעבראַכט:

— איך האָב אין קאַמערע ניט געזען קיין איין באַקאַנטן. און שטעל זיך ניט פאָר, ווער האָט אײַך געקענט זאָגן אַזאַ נאַרישקייט.

— און ווו האָט איר געוווינט אין יוזאָווקע?

— איך האָב דאָ ניט געוווינט, איך בין ערשט געקומען אַהער.

— פונוואַנען קענט איר נאָוויקאָוון?

— איך האָב אים דאָס ערשטע מאָל געזען. ער איז געשטאַנען אויף דעם טראַמוויי־אָפּשטעל, און איך האָב אים געפרעגט, וויאַזוי מע פאָרט אויף דער שאַכטע פּעטראָווסקאַיאַ. אין דעם דאָזיקן מאָמענט האָט מען אונדז אַרעסטירט.

— און באַ ביידן געפונען די זעלבע רוסישע פּיסטאָלעטן?

— דאָס איז אַ צופעליקייט.

— און נאָוויקאָוו זאָגט, אַז ער קען אים שוין לאַנג.

— מינאַסטאַם האָט מען אים אַזוי געשלאָגן, אַז ער האָט גענומען אָנריידן אויף זיך און אויף מיר.

— פאַרשטענדלעך. דאַרף מען אים אויך שלאָגן, אַז ער זאָל זאָגן דעם עמעס... לעאָניד, באַפויל דעם פּאָליציי, זאָל ער אים אויסשמײַסן.

— מאַקס, דו וועסט עס ניט טאָן. ער איז אַזוי אויך גענוג צעגעריקט...

— און וואָס קאָן איך טאָן? ער דאַרף שרײַען. אויב הינטער דער טיר וועט מען הערן, ווי מיר שמועסן דאָ געמיטלעך, וועל איך אויך אַרײַנכאַפּן. ניין, זאָל ער בעסער שרײַען.

דובראַווסקי האָט איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און איבערגעגעבן די פאַראָרדענונג פונעם אויספאָרשער דעם פּאָליציי. יענער האָט צוגעפירט גאַוורילענקאָן צו דער פּאַרטע, וואָס איז געשטאַנען באַ דער וואַנט. ער האָט אים געצווונגען פאַרײַסן דאָס העמד און זיך לייגן אויף דער באַנק מיטן בויך אַראָפּ. דער גומענער שלאַנג האָט מיט אַ געפּײַף דורכגעשניטן די לופט און זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן אָנטבלויזטן לײַב, אַ ביסל נידעריקער פון די לאָפּעטקעס. אויף דער פּלייצע איז געבליבן אַ פייערדיקער סימען, נאָר בלויז אַ שוואַכער קרעכץ האָט זיך אַרויסגעריסן פון גאַוורילענקאָס ברוסט.

— לאָז! אַזוי שלאָגט מען דען! — דובראַווסקי איז צוגעשפרונגען צום פּאָליציי, אַרויסגעריסן באַ אים דעם גומענעם שלאַנג. — טרעט אָפּ. אָט אַזוי, אָט אַזוי דאַרף מען. ער האָט הויך אויפגעהויבן דעם שלאַנג, און ווי עס האָט זיך געדאַכט, מיט קראַפט אים אַראָפּגעלאָזט אויף גאַוורילענקאָס פּלייצע, נאָר אין סאַמע לעצטן מאָמענט האָט ער אָפּגעהאַלטן די האַנט און געשעפּטשעט:

— שרײַ זשע שטאַרקער, דער טײַוול זאָל אײַך נעמען.

זײַנע ווערטער האָבן געווירקט. גאַוורילענקאָ, ריכטיקער געזאָגט שוועדאָוו, האָט גענומען שרײַען — הימל עפן זיך.

אין דעם מאָמענט איז אין צימער אַרײַנגעקומען דער פּאָליציי־קאָמיסאַר מײַסנער. מאַקס באַראַג איז אויפגעשטאַנען פון אָרט און זיך אויסגעצויגן. דובראַווסקי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם גומענעם שלאַנג.

— וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט בייז אַ זאָג געטאָן מײַסנער.

— איך פאַרהער אָט דעם באַנדיט, און ער שווײַגט, הער פּאָליציי־קאָמיסאַר. ער לייקנט אַלץ. מ׳האָט אים פאַרוואָרפן אין טיל, און ער וויל ניט זאָגן ווער. ער רופט ניט אָן זײַן עמעסן נאָמען.

— דעמלט רוקט אים אַרײַן אַ פּאָר שאָמפּאַלן אין די קני. נאָר פריִער וואָלט איך געוואָלט אַ רייד טאָן מיט אים אַליין.

— יאוואָל! העלער פּאָליציי־קאָמיסאַר, איר וועט באַפֿוילן אים ברענגען צו אײַך?
— ניין, איך וועל ריידן מיט אים דאָ. הער דובראָווסקי, זאָגט אים, זאָל ער צוגיין.
— אופשטיין! — האָט דובראָווסקי א געשריי געטאָן און אָנגעכאַפּט דעם ארעסטירטן פאַרן אַקסל.

גאַוורילענקאָ האָט פאַמעלעך זיך אופגעהויבן פון דער פאַרטע, פאַריסן די הענט און מיט די שטאַלענע קלאַמען א פּיר געטאָן איבער די צונויפגעקלעפּטע האָר.

— זעצט זיך, הער גאַוורילענקאָ! — האָט באַפעלעריש, נאָר מיט געמאַכטער ווייכקייט אין קאָל, געזאָגט דער שעף. — איך גלייב, אז איר ווייסט אײַער לאַגע. נאָר אַלץ איז געווענדט אין אײַך. איר וועט בלײַבן לעבן, אויב איר וועט נעמען מיטאַרבעטן מיט אונדז. די דײַטשן זײַנען א סענטימענטאַל פאָלק. מיר קאָנען פאַרגעבן אונדזערע סאָנים.

דובראָווסקי האָט קוים באַוויזן איבערזעצן, און דער פּאָליציי־קאָמיסאַר האָט פאָרגעזעצט:

— קיין סאַך פאָדערן מיר פון אײַך ניט. מיר דערוואַרטן פון אײַך, איר זאָלט אָנשרײַבן א ווענדונג צום פאָלק. איר וועט זאָגן, אז איר זײַט געווען פאַרפירט, און איצט האָט איר פאַרשטאַנען די אידייען פון נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם און איר זײַט גרייט העלפן די דײַטשן אײַנשטעלן די נײַע אָרדענונג. מיר וועלן אָפּדרוקן אײַערע ארויסזאָגונגען אין דער היגער צײַטונג און וועלן אײַך בעטן ארויסטרעטן אף א שטאָטישן מיטינג. אָט דאָס איז אַלץ. פאַרשטייט זיך, אז איר וועט אָנרופן די אַלע, וואָס האָבן אײַך געהאָלפן אין אײַער אונטערערדישער ארבעט.

— און וואָס וועט זײַן, אויב איך וועל זיך אָפּזאָגן?

— וועט מען אײַך אופהענגען. אפילו נאָך אײַער טויט וועט איר פאַר די רוסישע בלײַבן א פאַררעטער. מיר וועלן זיך שוין צוסטאַרען. אײַערע אייגענע וועלן אומגעבראַכט ווערן פון די הענט פון אײַערע כאַוויירים. סטאַלין איז ניט מויכל קיין פאַראַט. שוין זשע קלערט איר, אז די רוסן וועלן מויכל זײַן אײַערע אייגענע, ווען זיי וועלן איבערלייענען אײַער בריוו.

— איך וועל ניט אָנשרײַבן קיין שום בריוו, — האָט אַנטשלאָסן געמאָלדן גאַוורילענקאָ.

— איר דערשאַצט ניט אונדזערע פעיִקײַטן. איר מיינט, אז מיר קענען ניט צונויפשטעלן אַזא בריוו און זיך אונטערשרײַבן פאַר אײַך? גלייבט מיר, אז מיר האָבן עס שוין ניט איין מאָל געטאָן און שטענדיק געטראָפן אין פּינטל.

„דאָס מאָל וועט זיך עס בא אײַך ניט באַקומען, — האָט א טראַכט געטאָן דובראָווסקי. — אויב דער דאָזיקער מענטש וועט לעבן בלײַבן, וועל איך אומבאַדינגט איבערגעבן וועגן אים אף יענער זײַט...”

מײַסנער איז אוועקגעגאַנגען מיט גאַרניט. ער האָט געצייצעט דעם ארעסטירטן א טראַכט געבן ביז מאָרגן. אינגיכן האָט מאַקס באַראַג פאַרענדיקט דעם פאַרהער. ער האָט אָפּגעלאָזט דעם פּאָליציי און באַפוילן דובראָווסקין אָפּפירן דעם ארעסטירטן אין קאַמערע.

לעאָניד האָט זיך אראָפּגעלאָזט מיט גאַוורילענקאָן אין קעלער, ווו עס האָט זיי באַגעגנט א דײַטשישער יעפרייטאָר, וואָס האָט געהיט די ארעסטירטע. פון א צווייטער טיר זײַנען ארויסגעגאַנגען צוויי ארבעטער, אויסגעשמירטע אין קאַלך. זיי האָבן געטראָגן ליידיקע עמער אין די הענט. דובראָווסקי האָט זיך דערמאָנט דעם נעכטיקן געשפּרעך מיט מאַקס באַראַגן וועגן דעם, אז אין די קאַמערעס איז נאָך אפילו ניט ארײַנגעשטעלט קיין גראַטעס.

ער איז צוגעגאַנגען קימאַט האַרט צו גאַוורילענקאָן און דײַטלעך ארויסגעשעפּטשעט:

— דער צעמענט אף די פענצטער האָט נאָך ניט באַוויזן פאַרטריקנט ווערן. שלעפּט ארויס די גראַטע און אַנטלויפט, ביז ס׳איז נאָך ניט שפּעט. — און באַלד האָט ער געזאָגט אף דײַטש צום יעפרייטאָר: — לאָזט אים אַרײַן אהער, קיינעם זאָלט איר צו אים מער ניט ארײַנזעצן. זאָל ער אין איינזאַמקייט גוט א טראַכט געבן וועגן דעם, וואָס דער פּאָליציי־קאָמיסאַר האָט אים געזאָגט.

ער האָט אָנגעוויזן גאַוורילענקאָן אף דער קאַמערע, פון וועלכער עס זײַנען אָט ערשט ארויסגעגאַנגען די ארבעטער.

דעם גאַנצן אָוונט האָט דובראָווסקי מיט אומגעדולד געוואַרט, עס זאָל שוין פינצטער ווערן.

ווען אין שוואַרצן הימל האָבן גענומען לײַכטן די דאָרעמדיקע שטערן, איז ער ארויסגעגאַנגען אף דער גאַס, פאַרקערעוועט אין געסל, ווו עס זײַנען ארויסגעגאַנגען די פענצטער פון די קאַמערעס. אַלע גראַטעס זײַנען געווען אפן אָרט. בלויז איינע, ווי אים האָט זיך געדאַכט, איז געשטאַנען עטוואָס קאָסע. מיט אן אומרויִק האַרץ איז ער אוועק זיך לייגן שלאָפן.

אָבער דער שיקערלעכער פּאַטיאָמקין האָט אים נאָך לאַנג ניט געלאָזט אײַנשלאָפֿן. ער האָט אַלץ געפּלאַפּלט וועגן עפּעס אַ שיינער פרוי, מיט וועלכער ער האָט פאַרבראַכט דעם אָוונט. סאָפֿקאַלסאָף איז ער אַנשוויגן געוואָרן.

אופגעכאַפּט האָט זיך דובראָווסקי פון אַ הילכיקער טופּעריי פון שווערע שיך.

— אַן אַליאַרעם! — האָט עמעצער אויסגעשריגן און אַ קלאַפּ געטאָן אין זײַן טיר.

גיך זיך אָנגעטאָן, איז ער באַלד נאָך פּאַטיאָמקינען ארויסגעשפרונגען אין קאָרידאָר און פון דאָרט אַפן איבערוף. די זון האָט נאָך ניט באַוויזן זיך באַוויזן. די שאָפערן האָבן געוואַרעמט די מאָטאָרן פון די לאַסט-מאַשינעס. צו דער שערענגע איז צוגעקומען דער פּאָליצײַ-קאָמיסאַר מײַסנער. פון זײַנע קורצע פראַזעס האָט דובראָווסקי זיך דערוווּסט וועגן דעם, אַז גאַוורילענקאָ איז אַנטלאָפֿן. אין עטלעכע מינוט אַרום זײַנען די לאַסט-מאַשינעס מיט די געסטאַפּאָווצעס זיך פאַנאַנדערגעפאָרן אין פאַרשיידענע טיילן שטאָט.

ערשט באַטאָג האָבן זיי זיך אומגעקערט אין דער געבײַדע פון גפּפּ-721, נאָר מיט ליידיקע הענט. גאַוורילענקאָ איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

אַף דער באַראַטונג, וואָס מײַסנער האָט צונויפגערופן, זײַנען בײַגעווען אַלע די, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין פאַרהערן גאַוורילענקאָן. ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן די מיטלען, וואָס דאַרפן אָנגענומען ווערן אַף צו כאַפּן אים. דער אויספאָרשער קאַרל דיל האָט פאַר־געלייגט:

— הער פּאָליצײַ-קאָמיסאַר, מיר איז באַוווּסט, אַז גאַוורילענקאָ איז אַ צונעמעניש. זײַן עמעסע פאַמיליע איז שווערדאָוו. ער איז אַ היגער. איך ווייס אויך דעם אַדרעס פון זײַן מאַמע. כ'לייג פאָר זי ארעסטירן און מעלדן אין דער צײַטונג, אַז אויב ער וועט זיך ניט יאַווען, וועט זי דערשאָסן ווערן.

— דאָס איז נאַריש, טײַערער קאַרל. איר קענט שלעכט די רוסישע, — האָט מײַסנער אים איבערגעשלאָגן. — די קאָמוניסטן גלייבן ניט אין גאָט און ניט אין טײַוול. אַליין וועט ער ניט קומען, מע דאַרף אים איבערכיטרעווען.

— אָבער ווי אַזוי?

— דערפאַר האָב איך אײַך צונויפגערופן.

דובראָווסקי איז געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. ער האָט מוירע געהאַט, אַז דער פּאָליצײַ-קאָמיסאַר קאָן אַ פרעג טאָן, פאַרוואָס האָט מען באַזעצט גאַוורילענקאָן פונקט אין יענער קאַמערע. נאָר מײַסנערן האָט עס ניט אינטערעסירט — ער האָט געוווּסט, אַז אַלע גראַטעס זײַנען ארײַנגעשטעלט געוואָרן דעם זעלבן טאָג.

פּלוצעם איז געקומען דובראָווסקין אַפן געדאַנק ארויסווײַזן פאַר מײַסנערן זײַן געטרײַ־שאַפט. ער האָט זיך דערמאָנט אינעם גאָלדענעם זייגער, וואָס פּאַטיאָמקין האָט צוגענומען בא גאַוורילענקאָן.

— הער פּאָליצײַ-קאָמיסאַר, בא מיר איז געבוירן געוואָרן אַן אידיי, — האָט ער געזאָגט אַנטשלאָסן.

— ביטע, לאָמיר הערן.

— איך בין בײַגעווען בייסן באַזוך פון דעם דאָזיקן מענטשן. דעמלט איז געווען דעזשור־נע אַלעקס. ער האָט קאָנפיסקירט בא שווערדאָוון אַ גאָלדענעם זייגער... איך גלייב, אַז שווע־דאָווס מוטער געדענקט דעם זייגער. אויב איר וועט מיר דערלויבן, וועל איך אַוועקגיין צו איר. איך וועל איר זאָגן, אַז איך בין אַ פרײַנט פון איר זון און וויל אים אָפּגעבן דעם זיי־גער, נאָר איך ווייס ניט, ווו ער געפינט זיך. איך מיין, אַז זי וועט מיר זאָגן...

דובראָווסקי איז אַנשוויגן געוואָרן, נאָר פאַרגעזעצט שטיין. דער פּאָליצײַ-קאָמיסאַר האָט אַ מינוט געטראַכט.

— ס'איז גאַנץ באַנאַל, נאָר עפּשער איז דאָס גראָד אַ גלײַכער וועג. יעדנפאַלס אַ פּרווו טאָן קאָן מען. פאַרבעט אַהער אַלעקסן, — האָט ער זיך געווענדט צום אַדיוטאַנט.

וואַרטן אַף פּאַטיאָמקינען האָט מען לאַנג ניט געדאַרפט. אין דרײַ מינוט אַרום איז ער שוין געשטאַנען אויסגעצויגן פאַרן פּאָליצײַ-קאָמיסאַר.

— אַלעקס, ווי מיר איז באַוווּסט געוואָרן, לאָזט איר ניט דורך די מעגלעכקײַט זיך אָנ־לעבן אַפן כעזשבן פון דער דײַטשישער אַרמיי?

פּאַטיאָמקין האָט ניט פאַרשטאַנען און געשוויגן.

— איך פרעג: איר האָט גענומען אַ גאָלדענעם זייגער בא שווערדאָוון?

— איך קען ניט קיין שום שווערדאָוון.

— נו, בא אָט דעם גאַוורילענקאָן.

פּאַטיאָמקינס פּאָנעם האָט זיך אויסגעצויגן. ער האָט געוווּסט, אַז אויב ער וועט זיך אַנערקענען, וועט ער אַרײַנכאַפּן אַ פּסק, נאָר אויב ער וועט פאַרלייקענען, און מע וועט אים באַזוכן, וועט זײַן טויזנט מאָל ערגער.

— יאָ, הער פּאָליצײ־קאָמיסאַר, איך האָב קאָנפיסקירט באַם אַרעסטירטן גאָווריליענקאָ זײַן גאָלדענעם זייגער, כ׳האָב אים נאָך ניט באַוויזן אָפּגעבן. ס׳איז געווען אַ סאַך אַרבעט.

— גוט, מירן זיך נאָכדעם פאַנאַנדערקלײַבן. אָבער איצט דאַרפט איר זיך איבערטאָן אין ציווילע קליידער און גיין מיטן דאָזיקן זייגער צו גאָווריליענקאָס מאַמע. דער אויספאָרשער קאַרל דיל וועט אײַך אַלץ דערקלערן.

— עס וועט אויסגעפּילט ווערן, הער פּאָליצײ־קאָמיסאַר.

— איר זײַט אַלע פרײַ.

ווי דובראָווסקי האָט זיך אָנגעשטויסן, האָט טאַקע שוועדאָווס מוטער קיין זאַך ניט געוווּסט וועגן זון. לויט מײַסנערס פאָראָרדענונג האָט מען נאָך איר שטוב נאָכגעשפּירט אַ קײַלעכיקן מעסלעס. נאָר קיין רעזולטאַטן האָט עס ניט געגעבן. אַלעקסאַנדער שוועדאָוו איז פאַרשווּנדן פאַר די דײַטשן. אים האָבן באַהאַלטן זיכערע מענטשן, און ביז דעם קומען פון דער סאָוועטישער אַרמײ האָט ער פאַרגעזעצט אָנפירן מיט דער אונטערערד פון סטאַלינאָ.

15

דובראָווסקי איז געקומען אַף דער באַגעגעניש מיט וואַלענטינע בעזרוקאָווא פּינקטלעך אין דער אָנגעמערקטער צײַט. ס׳האָט געקאַפּעט אַ רעגן. וואַליע איז געשטאַנען אונטער אַ בוים באַם אַרײַנגאַנג פון פּאַרק. לעבן איר האָט זיך געטאָפּטשעט איוואַן קאָזיוקאָוו.

— לעאָניד, — האָט וואַליע אים אַ פרײדיקע באַגעגנט,— דו האָסט געהערט? די רויטע אַרמײ האָט באַפרײַט אָריאָל און בעלגאָראָד. דער אָנגריף ווערט פאַרגעזעצט.

— ווו האָט איר דאָס געהערט?

— מיר האָט געזאָגט אַ באַקאַנטער, ער האָט געהערט מאָסקווע. דאָרט, אין מאָסקווע, וועט הײַנט זײַן אַ סאַליוט פון הונדערט פיר און צוואַנציק האַרמאַטן.

— וווּנדערלעך! — האָט דובראָווסקי אויסגעשריגן, — באַ אונדז ווייסט נאָך דערפון קיינער ניט. כ׳וועל זיך הײַנט סטאַרען הערן די יעדיעס פון דעם פּיורערס הויפּט־קוואַרטיר.

— און מיר האָבן געוואָלט אײַך אײַנלאַדן אין קינאָ, — האָט געזאָגט וואַליע.

— ניין, הײַנט האָבן מיר בילכערע זאַכן, — האָט דובראָווסקי געזאָגט אַן אָנגעכמורע־טער, — זעסט, כ׳האָב אפילו אָנגעטאָן אַ ציווילן קאָסטיום, כ׳זאָל קאָנען צו דיר אַרײַנגיין.

— וואָס זשע איז פאָרגעקומען?

ער האָט זיך ארומגעקוקט אין די זײַטן, קיינעם ניט באַמערקט און געענטפערט:

— כ׳דאַרף צוניפשטעלן אַ ראַפּאָרט, און ווו צו שרײַבן איז ניטאָ. פאַרשטאַנען?

— פאַרשטאַנען.

— איז קומט, לאָמיר ניט פאַרלירן קיין איבעריקע צײַט, — האָט פאָרגעלייגט דובראָווסקי.

אַפן וועג האָט ער געזאָגט איוואַנען:

— הער נאָר, באַכער, ס׳האָט געשלאָגן די שאָ, ווען דו דאַרפסט מאַכן די פּלייטע פון דײַן בעקערײַ.

— ווען? — האָט זיך יענער אָנגעשפּיצט.

— מע מוז נייטיק איבערגעבן דער סאָוועטישער קאָמאַנדשאַפט אַ ראַפּאָרט. אַ פּראָפּוסק קיין אַלטשעווסק האָב איך פאַר דיר באַקומען, און פון דאָרט קיין וואָראָשילאָווגראַד איז שוין ניט ווײַט. ווי־אַזוי אויסמײַדן דעם פראָנט, וועסטו אַליין אַ קלער טאָן. ביסט שוין ניט קיין פּיצל. אין אַרמײ האָסטו זיך געוויס אויסגעלערנט, ווי־אַזוי זיך אָריענטירן, ביסט דאָך אַ לייטענאַנט.

— כ׳וועל זיך ווי־עס־איז אָריענטירן.

— דאָס פּאַפּירל מײַנס באַהאַלט אַקוראַט. פאַרניי עס ערגעץ אין דער הויזן־קעשענע. אין ערגסטן פאַל, וועסטו איבערקערן די קעשענעס, און דאָרט איז פּוסט...

דובראָווסקי האָט אים איבערגעגעבן גענוי, ווי־אַזוי ער דאַרף האַנדלען, ווען ער וועט קומען אַף יענער זײַט פראָנט.

— און דאָרט, — האָט ער פאַרענדיקט, — וועסטו בעטן, מע זאָל איבערגעבן סאָקאָלן, אַז ס׳איז געקומען אַ פאַרבינדלער פון באָריסאָוון. פאַרגעדענקט?

— אלץ פאַרגעדענקט.
— אויב אַזוי, גיי אהיים, אָדער אויב דו ווילסט — אין קינאָ. אָט האָסטו דעם פּראָפּוסק.
— און דער ראַפּאָרט ווו איז? — האָט געפֿרעגט איוואַן.
— דעם ראַפּאָרט וועט דיר וואַליע מאָרגן איבערגעבן. איר וועט זיך באַגעגענען נאָך דער ארבעט באַם אַרײַנגאַנג פֿון פּאַרק.
— ניין, בעסער אין קינאָ. איך וועל נעמען בילעטן אַף אַכט אַזייגער. דו, וואַליע, קום גלײַך צום טעאַטער.
— נו, פאַרבלײַב געזונט, איוואַן. — לעאַניד האָט דערלאַנגט קאַזיוקאָוון די האַנט און מיט דער צווייטער אים אַרומגענומען באַם גאַרטל.
— זײַ געהיט. אומזיסט אין פֿײַער קריך ניט.
ביז זיי זײַנען געקומען צו וואַלענטינען, האָט דער רעגן אויפֿגעהערט. זיי האָבן אָבער ביידע באַוויזן נאַס ווערן.
— לעאַניד, קערעווע זיך אָפּ, וועל איך זיך איבערטאָן, — האָט וואַלענטינע שמעוודיק געזאָגט.
— איך וועל דערווײַל שרײַבן, און דו טו, וואָס דו דאַרפֿסט.
ער האָט זיך געזעצט צום טיש, אַרויסגענומען פֿון טאַש אַ בלײַשטיפֿט און דעם בלאָק־נאָט. דובראָווסקי האָט אַ טיפֿן זיפֿץ געטאָן און אָנגעהויבן שרײַבן:
„1. די טעג איז אַרײַנגעשיקט געוואָרן צו אײַך אַן אָנגעזעענער ספּעציאַליסט פּאָול מיולער. פּאַרט פֿון שפּיטאָל אין דער פֿאָרמע פֿון אַן עלטערן לייטענאַנט. אַ בלאָנדין, בלויע אויגן, אַן אַרישע נאָז. אַף דער רעכטער האַנט פֿעלן צוויי פֿינגער.
2. שעסטאָפּאַלאָוו טימאָפֿיי, פּילאַטאָוו פּיאָטער. געאַרבעט אין דעפּאָ אַף דער סטאַנציע מאָראַזאָווקאַ. אַגענטן פֿון געפּע אין סטאַלינאָ. זיי האָבן געפּאַקט דעם סעקרעטאַר פֿון אונ־טערערדישן געגנטקאָם אַלעקסאַנדער שוועדאָוון. שוועדאָוו איז אַנטלאָפֿן".
— אָט האָב איך זיך איבערגעטאָן, — האָט געזאָגט וואַלענטינע און צוגעגאַנגען צו דו־בראָווסקין.
— מאַלאַדיעץ. און איצט גיב מיר די בלעטעלעך, וואָס איך האָב איבערגעגעבן דיר דורך קאַזיוקאָוון.
— די מינוט. — וואַלענטינע איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון צימער און באַלד זיך אומגעקערט צוריק. — אָט זײַנען זיי.
— ווו זשע באַהאַלטסטו זיי?
— אָט דאָ, אין קעמערל.
דובראָווסקי האָט אויסגעגלײַכט די פּאַפּירלעך, איבערגעלייענט און זיך גענומען ווײַטער שרײַבן:
„3. דיניאַ אַלעקסאַנדער. ראָמאַנאָווא מאַריאַ — פּאַרוואונדעט. רובליאָווא מאַריאַ. זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן צו די דײַטשן אין דער נאַכט פֿונעם 18־טן אָפּן 19־טן יול 1943 בײַסן איבערגיין דעם פֿראָנט אין ראַיאָן פֿון יעליזאַוועטאָווקע, וואָראָשילאָווגראַדער געגנט. געהערן צו דער אויסשפּיר־ראָטע פֿון דער 51־טער אַרמיי. אין לאַגער פֿון סטאַלינאָ. קיינעם ניט אויסגעגעבן.
4. די טאַנקיסטן־טיילן, וואָס זײַנען צוריק מיט צוויי וואָכן געגאַנגען אַף דאָרעם, ווערן ווידער איבערגעוואָרפֿן אַף צאָפֿן.
5. אין מאַקייעווקע איז אַרעסטירט אַן אונטערערדישע יוגנט־גרופּע פֿון קלייסנערן. אויס־געגעבן האָט די גרופּע דעמידאָוו. דער נאָמען איז ניט באַוווסט.
6. פֿליער לייטענאַנט קוואַסאָוו. זיך געראַטעוועט אַף אַ פּאַראַשוט. אין געפּ־721 קיינעם ניט אויסגעגעבן. אַף אַ פֿאַרהער האָט מען אים אויסגעזעצט אַן אויג. העלדיש אומגעקומען אין שמערצן".
דערשריבן דעם ראַפּאָרט, האָט דובראָווסקי זיך געזעגנט און זיך אומגעקערט אין געפּע. באַם טיש איז אויסער פּאַטיאָמקינען געזעסן דער איבערזעצער יוכנאָווסקי און געאָרג וועבער.
— אָט איז לעאַניד געקומען. זעץ זיך צו. לאָמיר אויסטרינקען, — האָט יענער פֿאַר־געלייגט.
— עפּעס זייער לאַנג האָט דיך פֿאַרהאַלטן דײַן דאַמע, — האָט זיך אייזדעקוועט פּאַ־טיאָמקין.
— ס'איז ערשט האַלב עלף. — דובראָווסקי האָט זיך צוגעזעצט צום טיש.
— אָט האָסטו אַ גלאָז, טרינק אויס, פֿון איר האָט געטרונקען מאַקס באַראָג.
— און ווו איז ער איצט?
— געווען דאָ, געפֿרעגט אַף דיר.

— פאַר וואָס זשע וועלן מיר טרינקען? — האָט געפרעגט געאָרג וועבער.

— זאָל זײַן פאַרן לעבן, — האָט געזאָגט פּאַטיאָמקין, אופהייבנדיק די גלאָז.

— ניין, דאָס איז באַנאַל. איך לייג פאָר אויסטרינקען פאַרן פיורער, פאַרן גרויסן פיורער פונעם גרויסן דײַטשלאַנד.

— אָט דאָס איז ריכטיק! — האָט אויסגעשריגן יוכנאָווסקי.

ער איז נאָך געווען יונג און האָט געקוקט אָף די עלטערע מיטאַרבעטער מיט פאַרע־רונג. באַזונדערס איז ער באַגײַסטערט געווען פון וועבערן, וועלכן דער פיורער אליין האָט געדריקט די האַנט.

אומגעריכט האָט אלעקס א זאָג געטאָן:

— הײַנט אפדערנאַכט האָט מען געבראַכט א מויד פון דער ארבעטס־בירזשע. די דאָזיקע סטערוועע האָט געגאַנוועט בלאַנקען פאַר די באַנדיטן, באַפרײַט וועמען זי האָט געוואָלט פון פאָרן קיין דײַטשלאַנד.

דובראָווסקי האָט זיך אָנגעשפיצט.

— וויאַזוי זעט זי אויס?

— א מויד, ווי א מויד. וואָס האָט עס צו דיר?

— איך קען דאָרט קימאַט אַלעמען. כ׳בין אַהין אָפט געגאַנגען לויטן אופטראָג פונעם שעף. אינטערעסאַנט, ווער פון זיי האָט זיך עס פאַרנומען מיט אַזאַ זאַך.

— מאָרגן וועסטו זיך דערוויסן. אַלעקס ווייסט אויך ניט. אָט איך ווייס, — האָט זיך ארײַנגעמישט וועבער.

— וואָס ווייסט איר?

— איך ווייס, אַז איר פאַמיליע איז טשיסטיוכינאַ. לויט די דאָקומענטן ווייס איך.

„אַלגע, — האָט באַ דובראָווסקין גענומען קלאַפּן דאָס האַרץ. — וואָס טוט מען? צי וועט זי שווײַגן?"

און קעדיי די אייגענע געדאַנקען אָפּוועגדן אין אַן אַנדער זײַט, האָט ער א פרעג געטאָן:

— און וואָס הערט זיך אפן פראָנט?

— איך האָב געזען די סוואָדקע פאַר די מאָרגנדיקע צײַטונגען, — האָט געזאָגט געאָרג וועבער. — עס ווערט פאַרגעזעצט דאָס אויסגלײַכן דעם פראָנט. אונדזער מיליטער איז גע־צוווּנגען געווען פאַרלאָזן אָריאָל. נאָר דאָס איז שוין קיין שטאָט ניט. ס׳איז געבליבן בלויז א געאָגראַפישער נאָמען. דאָס זעלבע איז אויך מיט בעלגאָראָד.

— אויך בעלגאָראָד האָבן מיר פאַרלאָזט? — האָט געפרעגט דובראָווסקי.

— יאָ. דערווײַל גייען אָנגעשטרענגטע שלאַכטן. די דײַטשישע קאָמאַנדשאַפט מאַטערט אויס די רוסישע קרעפטן. דער פיורער האָט באַפוילן אָנווענדן די טאַקטיק פון אויסגעברענטער ערד. מע קאָן זיך שוין פאַרשטעלן, וואָס עס וועט בלײַבן פון בעלגאָראָד.

געאָרג וועבער האָט גערעדט און גערעדט. ער האָט אַלץ אויסגעברײַטעט, אַז דײַטשן זײַנען דײַטשן, און זיי, די רוסן, וועלן זיך אַלע צעצאָלן מיט בלוט... מיר, דײַטשן, קאָנען שעפּן פאַרגעניגן פון נעקאָמע. מירן פאַרגיסן טײַכן בלוט. די רוסישע כאַזיירים וועלן אונדז פאַרגעדענקען.

— הער זאָנדער־פיורער! — איז דובראָווסקי איבערגעגאַנגען אָף אַן אָפיציעלן טאָן, — פאַרגעסט ניט, אַז מיר זײַנען אויך רוסישע, און מיר דינען ערלעך די דײַטשן.

— כאַ־כאַ! שוין זשע מיינט איר, אַז מיר וועלן אויך אײַך אַרײַנלאָזן אין אונדזער גאַניידן. מיר לײַדן אײַך ביזוואַנען מיר דאַרפן אײַך...

— געאָרג, איר זײַט שיקער! — האָט אויסגעשריגן דובראָווסקי.

— זאָל זײַן, אַז איך בין שיקער, נאָר איך האָב אײַך געזאָגט דעם עמעס. מיר איז דער־ווידער זײַן מיט אײַך צוזאַמען. — ער האָט מיט א טראַסקערײַ אָפּגערוקט דאָס בענקל און וואַקלענדיק זיך אַרויס פון צימער.

„מיר איז דאָס נימעס געוואָרן, דער קאָפּ ווערט צעריסן. בעסער וועל איך זיך פריִער לייגן שלאָפן", — האָט דובראָווסקי א טראַכט געטאָן. ער איז צוגעגאַנגען צו זײַן געלעגער און זיך גענומען אויסטאָן. ער האָט פאַרדעקט דעם קאָפּ מיט דער קאָלדרע און א שמייכל געטאָן. דאָ האָט קיינער ניט געקענט באַמערקן דעם אויסדרוק פון זײַן פּאָנעם. הײַנט איז ער צופרידן געווען. געאָרג וועבער האָט אָפן אַרויסגעזאָגט זײַן באַציִונג צו די רוסישע. „זאָל אַלעקס און אָט דער לאָשעק יוכנאָווסקי א טראַכט טאָן, זאָלן זיי וויסן, וואָס עס דערוואַרט זיי".

דובראָווסקי האָט ניט געקענט וויסן, אַז קימאַט דאָס זעלבע טראַכט געאָרג וועבער, בלויז מיטן אונטערשייד, וואָס צו די פאַרעטער האָט ער אויך פאַרעכנט דובראָווסקין.

לעאָנידן איז ניט אַרויס פונעם געדאַנק אָלגע טשיסטיוכינאַ. ערשט ניט לאַנג האָט זי אים

באקענט מיט ניט קיין גרויסער אונטערערדישער גרופע, וואָס איז סטיכייִש אופגעקומען אף איינער פון די היגע שאכטעס. ניין, אים האָט מען ניט באקאנט מיט אלע אונטערערדלער, וועגן אים האָבן געוווּסט נאָר צוויי: אָלגע און איר כאַווערטע מאַריַע לעווינא, דערביַי האָט לעווינא ניט געהאַט קיין אנונג, אַז ער ארבעט אין געסטאַפּאָ, אַז ער ווייסט וועגן דער אונטערערדי־שער גרופּע. פאַרבונדן איז ער געווען מיט דער אונטערערד דורך אָלגען. דורך איר האָט ער געשטעלט פאַר די פּאַטריאָטן די אופגאַבע צו קריגן פּינקטלעכע יעדיִעס וועגן דיַיטשישן מיליטער און דעם פראָכט, וואָס ווערט איבערגעפירט מיט דער איַיזנבאַן־ליניע. עמעס, די ארבעט האָט זיך ערשט בלויז גענומען פאַנאַנדערוויקלען, אָבער דער ארעסט פון אָלגען האָט געקאָנט צעריַיסן דעם פאָדעם, וואָס האָט אים פאַרבונדן מיטן אונטערערד, כוץ דעם האָט עס באַדראָט אים זעלבסט.

ליגנדיק אונטער דער קאָלדרע, האָט דובראָווסקי געפּרוּווט פאַר זיך אליין קלאָר מאַכן די געשעפענע לאַגע. „אויב מע האָט אָלגען גענומען פאַר די ספּראַווקעס, דעמלט האָט זי ניט וואָס מיך אריַינצומישן. פאַר דעם קאָן מען זי אָפּשיקן אין לאַגער. עפּשער וועט נאָך מעגלעך זיַין איר מיט עפּעס צו העלפן. נאָר אויב מע האָט זי גענומען צוזאַמען מיט אנדערע פּאַדפּאָל־שטשיקעס, דעמלט איז שלעכט". ער האָט זיך פאַרגעשטעלט אָלגע טשיסטיַיכינען אף א פאַר־הער בא פּאַטיאָמקינען... דערמאָנט זיך די פאַראשוטיסטקע וואַסיליעווא, וועלכע אלעקס האָט פאַרגוואַלדיקט אין דער אָנוועזנהיַיט פונעם אויספאָרשער וואַלטער מיטקע. „און עפּשער האָט אָלגע אָנגערופן פאַר עמעצן פון אירע כאַווירים מיַין נאָמען? אָ, דעמלט איז גליַיכער איצטער מאַכן די פּלייטע... מע דאַרף זיך זען מיט מאַקס באַראַגן, ער מוז עפּעס וויסן, אָבער ניט איצט, מאָרגן. אינדערפרי וועל איך זיך אראָפּכאַפּן אין הויז־פאַרוואַלטונג, ווו עס וווינט לע־ווינא, כאַפּן א קוק אין דעם הויז־בוך — איך זוך קלוימערשט עמעצן, און דערוויַיל א פרעג געבן, ווי לאַנג עס וווינט דאָ מאַריַע לעווינא. אויב מע האָט זי ארעסטירט, וועל איך אין גפּף זיך שוין ניט אומקערן".

...נאָכן אינדערפריִענדיקן איבערוף האָט מיַיסנער זיך אריַינגעזעצט אין זיַין „אָפּעל־קאַפּי־טאַן" און אוועקגעפאָרן אין שטאַב פון דער זעקסטער ארמיי.

מאַקס באַראַג איז צוגעגאַנגען צו לעאָנידן, זיך געגריסט און שטיל געזאָגט:

— כ׳בין נעכטן אין אָוונט אריַינגעגאַנגען צו דיר.

— ס׳איז עפּעס געשען, מאַקס? — האָט דובראָווסקי זיך געסטאַרעט זיַין רויק.

— ניין, גלאַט אַזוי, איך בין איצט פריַיער. דו האָסט דאָך צוגעזאָגט מיך באַקענען מיט א גוט מיידל.

— א־אַ!

— ווען זשע וועלן מיר גיין? ס׳וואָלט זיך מיר געוואָלט היַינט אין אָוונט פאַרברענגען אין דער געזעלשאַפט פון פרויען.

— גוט. נאָר צוליב דעם דאַרף איך אין דער ארבעטס־ציַיט זיך צוכאַפּן צו מיַינע באַ־קאַנטע כאַטש אף א שאָ.

— גיי איצט. זאָג דעם דעזשורנע, אַז איך האָב דיך געשיקט. היַינט וועסטו ארבעטן דעם גאַנצן טאָג מיט מיר. זעקס אזייגער וועלן מיר זיך באַפריַיען.

— גוט, מאַקס. מירן גוט פאַרברענגען די ציַיט, — האָט דובראָווסקי א פריילעכער גע־מאָלדן.

צום הויז פון מאַריַע לעווינא איז ער געגאַנגען מיט א געהויבענער שטימונג. דער פאָר־געפיל האָט אים ניט אָפּגענאַרט. ער איז נאָך ניט דערגאַנגען צו איר הויף, ווי ער האָט זי באַמערקט — זי איז ארויסגעגאַנגען פון טויער.

— מאַריַע! — האָט ער א רוף געטאָן.

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און פריַינטלעך א שמייכל געטאָן, לעאָניד איז צוגעגאַנגען צו איר.

— איר האָט ניט געהערט, וואָס איז געשען מיט אָלגען.

— איר ווייסט שוין? — זי האָט אראָפּגעלאָזט די אויגן.

— איך ווייס, אַז זי איז ארעסטירט, נאָר מיט וועמען און פאַרוואָס איז מיר ניט באַוווּסט.

— מ׳האָט זי גענומען פון דער ארבעט. פאַרוואָס — דאַרפט איר בעסער וויסן. אָלגע האָט דערציילט, אַז זי האָט זיך מיט איַיך באַקאַנט אף דער ארבעטס־בירזשע. געוויס איז עפּעס פאַרגעקומען מיט די ספּראַווקעס. מיט קיין אנדערע זאַכן האָט זי זיך ניט פאַרנומען.

לעאָניד האָט פאַרשטאַנען, אַז לעווינא ווייסט ניט וועגן אָלגעס פאַרבינדונג מיטן אונ־טערערד, אַז די מיטגלידער פון אונטערערד זיַינען אף דער פריַי.

— מיר ווילן אַלגען העלפן, — האָט מאַריַע שטיל געזאָגט, — זי האָט אַזויפיל גוטס געטאָן אַנדערע, אַז זי האָט עס פאַרדינט. מײַנער אַ באַקאַנטער האָט דערציילט, אַז אײנער אַ פּאָליציַי לאָזט אַרויס מענטשן פון לאַגער, נאָר דער דאָזיקער טיפּ נעמט זייער טײַער.

— וויפל?

— צען טויזנט רובל.

— די דאָזיקע סומע קאָן מען צונויפשקראַבען. אָבער זי איז דאָך ניט אין לאַגער, נאָר אין געסטאַפּאָ.

מאַריַע איז בלאַס געוואָרן.

— אוי, מאַמעניו מײַנע! שוין זשע פאַר די בלאַנקען?

— איר האָט דאָך אַליין געזאָגט, אַז מער האָט זי זיך מיט גאָרנישט פאַרנומען. נעמט זיך אין די הענט. איך וועל זיך סטאַרען דערוויסן וועגן אַלץ, און איר לאָזט ניט אַרויס פון אויג אָט דעם פּאָליציַי. עפּשער וועט מען אַלגען איבערפירן אין לאַגער. דאָס איז גוט, וואָס איר קלײַבט זיך איר העלפן.

— יאָ, מיר ווילן. נאָר איך שרעק זיך אַ ביסל פאַר מײַן מאַן. ער ווייסט גאָרניט.

— נאָך בעסער. מע דאַרף אים ניט אַרײַנמישן אין די זאַכן, — האָט דובראָווסקי געייצעט. — און מיר וועלן זיך מיט אײַך דאַרפן טרעפן אַ פּאָר מאָל.

— גוט, קומט אַרײַן. איר ווייסט דאָך, ווו איך וווין.

— יאָ, נאָר בעסער וועט זײַן ניט בא אײַך. אויף דער פינפטער ליניע איז פאַראַן אַ קינאָ־טעאַטער. קומט אַהין מאָרגן אין אָוונט. האַלב אַכט.

— גוט. איך וועל קומען.

— אויב איך וועל ניט קענען זײַן, ערגערט זיך ניט. דעמלט זאָלט איר קומען אַפן אַנ־דערן טאָג. גוט? און נאָך, אויב מע וועט אײַך פרעגן וועגן אַלגען, קענט איר מיך ניט און האָט מיך קיינמאָל ניט געזען.

ער האָט זיך אַ בייג געטאָן און ניט געײַלט אַוועקגעגאַנגען. מ'האָט נאָך געדאַרפט צו־טראַכטן עפּעס אַ סיבע, פאַרוואָס הײַנט וועט ניט מעגלעך זײַן זיך באַגעגענען מיט די מיידלעך.

— הער נאָר, מאַקס, — האָט ער אויסגעשריגן, אַרײַנקומענדיק אין צימער, — איך בין גע־גאַנגען זיך צונויפריידן מיטן מיידל, לאָזט זיך אויס, אַז מע האָט זי נאָך נעכטן געבראַכט צו אונדז אין גפּפּ.

— ווער איז?

— אַלגע טשיסטיוכינאַ. זי האָט געאַרבעט אויף דער אַרבעטס־בירזשע. דאָרטן האָב איך זיך מיט איר באַקאַנט.

— טשיקאַווע. אָט ליגט פאַר מיר איר איניען. איך וואָלט מיט פאַרגעניגן זיך באַקאַנט מיט איר בא אַנדערע אומשטענדן. נאָר וואָס קאָן מען מאַכן?

— וואָס האָט זי אַזוינס אָפּגעטאָן, די דאָזיקע מויד?

— דערוויַיל האַנדלט זיך וועגן פיקטיווע ספּראַווקעס.

— ע, דאָס איז גאָרניט. זי איז אַ היגע אײַנוווינערן. מעגלעך, אַז זי האָט עמעצן פון אירע באַקאַנטע געטאָן אַזאַ געפעליקייט.

— אָט זײַנען צוויי ספּראַווקעס פון עפּעס אַ דובענקאָ און אַ דאַגײַעוו. מע האָט זיי פאַר־האַלטן בייס אַן אַבלאַווע אַפן וואָקזאַל. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויף דער בירזשע האָט מען זיי קיין ספּראַווקעס ניט אַרויסגעגעבן. אויב דאָס איז בלויז אַ נאַרישקײַט, ניט קיין בייזוויליקע זאַך, איז נאָך ניט שרעקלעך, נאָר אויב אונטער דעם שטעקט עפּעס, פאַרשטייסטו דאָך אַליין.

— איך בין צופרידן, מאַקס, וואָס איר איניען איז אַרײַנגעפאַלן צו דיר. דו ביסט אַן אָרנט־לעכער מענטש, דו ווייסט אַליין זען, אַז דער גאַנצער איניען איז ניט ווערט קיין אויסגע־בלאָזן איי.

— זי איז צו דיר אויך אַרײַנגעפאַלן. איך האָב געמאָלדן אין קאַנצעליאַריע, אַז דו וועסט זײַן מײַן איבערזעצער בא דעם איניען. — ער האָט אַ קוק געטאָן אַפן זייגער. — אין צען מינוט אַרום וועט מען אונדזער דאַמע ברענגען אַהער.

— אַזויאַרום וועל איך האַלטן וואָרט און אײַך באַקאַנען.

— איך קלער, אַז איצט איז שוין ניטאָ צוליב וואָס.

— דו מיינסט, אַז איר דראָעט אַן ערנסטע שטראָף?

— אין בעסטן פאַל, וועט ער זי אַוועקשיקן אין לאַגער, דערנאָך קיין דײַטשלאַנד. זאָל זי אַליין אָפּאַרבעטן פאַר די, וואָס זי האָט באַפרײַט. אַזאַ זאַך באַפרידיקט דיך?

— איך וועל דיר זײַן דאַנקבאַר, מאַקס.

— אָפּגערעדט. דו רוים איר אײַן, זי זאָל שטאַרקער שרײַען, װען מע װעט זי שמײַסן.

— װאָס מײנסטו דערמיט, מאַקס?

— דו קלערסט, אַז איך האָב ניט געהערט, װי דו האָסט אַ שעפּטשע געטאָן אָט יענעם, שװעדאָװן?

— אַזױנס איז קײנמאָל ניט געװען, מאַקס, דו קענסט דאָך ניט קײן רוסיש.

— לאָז צורו, לעאָניד. איך קלײַב זיך ניט אױסגעבן דיך די באָסן. מיר זײַנען פאַרשטענדלעך דײַנע נאַציאָנאַלע געפילן. און װאָס איז שײַעך דער שפּראַך, האָסטו אַ טאָעס. די סלאַװישע װאָרצלען זײַנען זײער ענלעך. איך בין װי אַ קלוגער הונט — אַלץ פאַרשטײ איך, איך קאָן נאָר ניט זאָגן.

— און דאָך האָסטו אַ טאָעס. איך האָב גאָרניט געזאָגט שװעדאָװן.

— גוט, גוט, זאָל זײַן אַזױ.

הינטער דער טיר האָט זיך דערהערט אַ טאָפּטשערײַ פון געקאָװעטע שטיװל. אין אַ מינוט אַרום האָט אַ ריזיקער פּאָליצײַ אַרײַנגעשטױסן אין צימער אָלגע טשיסטיאַקאָװאַ. דערזען דובראָװסקין, האָט זי װי אַ פאַרזינדיקטע אַ שמײכל געטאָן, נאָר באַלד איז דער שמײכל פאַרשװוּנדן.

— זעצן זי זיך, — האָט ער העפלעך איר אָנגעװיזן אױפן טאַבורעטל.

אָפּגעלאָזט דעם פּאָליצײַ, האָט מאַקס באַראַג זיך פאַרקוקט אױף דער אַרעסטירטער. אָלגע האָט אַראָפּגעלאָזט די אױגן. דער פאַרהער האָט זיך אָנגעהױבן פון די געװײנלעכע פאָרמאַליטעטן. דובראָװסקי האָט איבערגעזעצט אױף רוסיש. דערנאָך האָט באַראַג געפרעגט:

— פונװאַנען קענסטו אַלעקסאַנדער דובענקאָן און װלאַדימיר דאַגײַעװן? פאַרװאָס האָסטו זײ אַרױסגעגעבן ספּראַװוּקעס, װאָס באַפרײַען פון פאָרן קײן דײַטשלאַנד?

— זײ זײַנען דאָך היגע. כ'האָב געלערנט מיט זײ אין אײן שול, האָב איך זײ געװאָלט העלפן.

— זי קען זײ ניט, — האָט איבערגעזעצט דובראָװסקי, — זי האָט געדאַרפט האָבן געלט. און זײ האָבן איר צוגעזאָגט צו הונדערטער פּאָר אַ ספּראַװוּקע. — ער האָט אַ װוּנק געטאָן צו אָלגען און געזאָגט:

— דו קענסט זײ ניט. געזען דאָס ערשטע מאָל, זײ האָבן דיר צוגעזאָגט צו הונדערט רובל. צוליב געלט האָסטו זײ אַרױסגעגעבן. אַזױ איז בעסער, אַנדערש װעט מען דיך פּײַניקן.

זי האָט פאַרשטאַנען.

— װיפל זשע האָט זי פאַרקױפט אַזעלכע ספּראַװוּקעס? — האָט געפרעגט באַראַג.

אָלגע האָט אַ קנײטש געטאָן מיט די אַקסל.

— פּינקטלעך געדענק איך ניט. עפּשער אַכט, אָדער צען.

דובראָװסקי האָט פּינקטלעך איבערגעזעצט.

— זי זאָגט ניט עמעס. ס'איז פעסטגעשטעלט, אַז אױף דער בירזשע זײַנען פאַרשװוּנדן זיבן און נײַנציק בלאַנקען.

— איך האָב ניט געװוּסט, אַז די דאָזיקע בלאַנקען װערן אַזױ שטרענג אױסגערעכנט.

— מאַקס, לאָזט זיך אױס, אַז מע האָט זי ניט געװאָרנט, אַז די בלאַנקען װערן שטרענג רעגיסטרירט. ס'האָט ניט אײן מאָל געטראָפן, אַז זי פלעגט זײ צערײַסן, װען עס האָט זיך געמאַכט אַ פעלער באַם אױסשרײַבן זײ, — האָט דערקלערט דובראָװסקי נאָך דעם, װי ער האָט אױסגעהערט אָלגען.

— איך בין גרײט צו גלײבן, נאָר נעם אײן שאַפּע אַ שלאַנג, און זאָל זי שרײַען.

דובראָװסקי האָט אַרױסגענומען אַ גומענעם שלאַנג פון דער שאַפע און, אומקערנדיק זיך צום מײדל, אַ טיפן זיפץ געטאָן:

— אָלגע, באַלײדיק זיך ניט, איך טו אַזױ אױך, װאָס ס'איז מעגלעך. דו דאַרפסט אַראָפּנעמען דאָס קאָפּטל און זיך לײגן אױף דער פּאָרטע. איך װעל שלאָגן ניט שטאַרק, נאָר דו שרײַ, אַז די װענט זאָלן אַזש ציטערן. דאָס איז נײטיק אױף צו ראַטעװען דיך.

זי איז צוגעגאַנגען צו דער פּאָרטע, אַראָפּגענומען דאָס קאָפּטל, און, פאַרשטעלנדיק דעם ראָזעװע ליפּטשיק מיט דער האַנט, געלײגט זיך אױפן בױך.

דובראָװסקי האָט אױפגעהױבן דעם שלאַנג, אים אַראָפּגעלאָזט אױף דעם מײדלס פּלײצע. אָלגע האָט אַ געשרײ געטאָן.

— שטאַרקער שלאָג! — האָט געפאָדערט מאַקס באַראַג.

דובראָװסקי האָט אַ קוק געטאָן אױף מאַקסן. יענער האָט צוגעלײגט אַ פינגער צום מױל און נאָך העכער אױסגעשריגן:

— שלאָג שטאַרקער! זאָל זי זאָגן דעם עמעס!

דובראָוווסקי האָט נאָך עטלעכע מאָל אראָפּגעלאָזט דעם שלאַנג אױף אַלגעס פּלײצע. נאָך יעדער שמיץ איז אױף דער סאַמעטענער הויט געבליבן א פּלאַם־רויטער סימען. אַלגע האָט געשריגן מיט אַלע קויכעס. איר האָט אױף אַן עמעס ווײ געטאָן. „דאָס לעצטע מאָל״, — האָט דור־בראָוווסקי א טראַכט געטאָן און אױפגעהויבן דעם שלאַנג. עס האָט זיך דערהערט א גערודער. ער האָט זיך אויסגעדרייט.

באַ דער צעעפנטער טיר איז געשטאַנען מײַסנערס פּאַרטרעטער דער פעלדפּאָליצײַ־קאָמיסאַר טעאָ קערנער. הינטער זײַן פּלײצע האָט ארויסגעקוקט דער יונגער יוכנאָווסקי — קערנערס איבערזעצער.

— פּאַרענדיקט די דאָזיקע קאָמעדיע, באַראָג! — האָט ער פּוילבלעך געזאָגט. — אין א שאָ ארום פּאָרן מיר ארויס אױף אַן אַבלאַווע. עס זײַנען פּאַראַן יעדיעס, אַז באַנאַכט האָבן אינעם ראַיאָן פון יוזאַווקע זיך אראָפּגעלאָזט עטלעכע סאָוועטישע פּאַראַשוטיסטן. מע דאַרף א זוך טאָן אױפן וואָקזאַל, אױפן מאַרק.

— איר וועט באַפוילן פּאַרענדיקן דעם פאַרהער?

— איך גלייב, אַז זי האָט זיך אַנערקענט?

— דאָ איז אַלץ קלאָר, הער פעלדפּאָליצײַ־קאָמיסאַר. זי האָט עס געטאָן צוליב געלט. די כעוורע האָבן איר באַצאָלט צו הונדערט רובל.

— וואָס קלערט איר פּאַרלייגן?

— ערשטנס — באַשטאַטן זי אין לאַגער. צווייטנס — זי אַפּשיקן מיטן ערשטן עשעלאָן קיין דײַטשלאַנד. זאָל זי אָן ארבעט טאָן אין די שאַכטעס פון רור צוזאַמען מיט די קאַוואַלערן.

— איך שטים מיט. ברענגט מיר אױף באַשטעטיקן דעם פּראָטאָקאָל. מיר פּאַטערן צײַט אױף אַזעלכע נישטיקע זאַכן, און די פּאַרטיזאַנישע באַנדעס און פּאַראַשוטיסטן זעצן זיך אונדז אױפן קאָפּ. ווײַטער וועט אַזעלכע איניאַנים פירן די געהילפס־פּאָליצײַ.

— איר זײַט גערעכט, הער פעלדפּאָליצײַ־קאָמיסאַר!

— הייסט עס, אין א שאָ ארום דאַרפט איר זײַן אין די מאַשינעס.

— יאַוואָל! הער פעלדפּאָליצײַ־קאָמיסאַר.

דעם געוויינלעכן לאַגער פאַר ארעסטירטע האָט באַוואַכט די פּאָליצײַ. מאַריַע לעווינא האָט זיך דערוווּסט די פאַמיליע פונעם פּאָליצײַ, וואָס האָט פאַר צען טויזנט רובל זיך אונ־טערגענומען באַפרײַען אַלגע טשיסטיאָקאָווע. ס׳האָט זיך געפּאָדערט א געוויסע צײַט, קעדיי אַלגעס פרײַנט זאָלן קאָנען צונויפזאַמלען די דאָזיקע סומע. מ׳האָט אויך געדאַרפט באַזאָרגן א זיכערע קוואַרטיר, ווו אַלגע זאָל זיך קאָנען באַהאַלטן. מאַריַע לעווינען האָט זיך אײַנ־געגעבן אײַנריידן דעם מאַן, ער זאָל דערלויבן זי נעמען צו זיך. דובראָוווסקי האָט גערעכנט, אַז לאַנג זיך אויסבאַהאַלטן וועט מען ניט דאַרפן. דעם 18 אויגוסט האָט זיך אָנגעהויבן דער אָנגריף פונעם סאָוועטישן מיליטער אױפן טײַך מיוס. דעם 24 אויגוסט האָט די הויפּט־קוואַרטיר פונעם פיורער געמאָלדן, אַז דאָס מיליטער איז געצוווּנגען געוואָרן פאַרלאָזן כאַרקאָוו. די מיטאַרבעטער פון גפּפ זײַנען ווילד געוואָרן. מײַסנער האָט מיט פאַרגעניגן ארויסגעטראָגן טויט־אורטיילן די סאָוועטישע פּאַטריאָטן. פאַר דער קלענסטער שולד האָט מען אוועקגעפירט די מענטשן צו די פאַרוואָרפענע שאַכטעס און זיי אראָפּגעוואָרפן אין אָפּגרונט.

אַלעקס איז געוואָרן אומרויק. ער איז ארומגעגאַנגען שוואַרץ, ווי א וואָלקן.

— די דײַטשן גלייב איך מער ניט. אין דײַטשלאַנד וועלן זיי אונדז ניט ארײַנלאָזן.

— טו א טראַכט, אַלעקס, עפּשער וועלן מיר פּאָרט עפּעס צוטראַכטן, — האָט געזאָגט דובראָוווסקי.

— כ׳האָב שוין געטראַכט. — זײַנע אויגן האָבן גענומען גלאַנצן. — לעאָניד, ווי האַלטסטו, עפּשער זאָלן מיר שאַפן א מין אונטערערדישע גרופּע?

— ניי־יין. ווייסט, וואָס מײַסנער טוט פאַר אַזאַ זאַך? און איך דאַרף נאָך דעם קאָפּ...

אין עטלעכע טעג ארום איז פאָרגעקומען אין גפּפ אַן אומדערוואַרטעטער צופאַל. בייס א פאַרהער, ווען רודאָלף מאַצאַרט איז ארויסגעגאַנגען פון צימער און דער ארעסטירטער איז געבליבן נאָר מיט אַלעקסן, איז יענער ארויסגעשפּרונגען דורכן פענצטער און אַנטלאָפן.

שטייענדיק אויסגעצויגן פאַר מײַסנערן, האָט פּאָטיאָמקין פלאַטערנדיק דערקלערט:

— כ׳בין בלויז אױף א סעקונדע צוגעגאַנגען צום טיש, און ער, איך ווייס ניט ווי־אַזוי, אָט ערשט איז ער געזעסן אױפן בענקל. דאָס פענצטער איז געווען אָפן. ביז כ׳האָב ארויסגעשלעפּט דעם רעוואָלווער, איז ער אויסגערונען. צוויי מאָל האָב איך אויסגעשאָסן... ניט געטראָפן. פאַרגיט מיר, הער פּאָליצײַ־קאָמיסאַר! באַ מיר האָט אַזוינס קיינמאָל ניט געטראָפן.

— גייט, אַלעקס, איך וועל באַטראַכטן, ווי־אַזוי אײַך צו באַשטראָפן, — האָט א צערייצטער געזאָגט מײַסנער.

ווען פּאַטיאָמקין איז אוועק, האָט מײַסנער געזאָגט צו רודאָלף מאָצאַרטן, דובראָווסקין און די אַגענטן פּילאַטיעוון און שעסטאָפּאַלאָוון:

— איר זעט צו וואָס עס ברענגט נאַכלעסיקײַט. און די לאַגע איז אַ קאָמפּליצירטע. מעגלעך, אַז אונדז וועט אויסקומען פֿאַרלאָזן יוזאָווקע. איר דאַרפֿט זײַן גרייט. מעגלעך, אַז נאָך הײַנט באַנאַכט וועלן מיר זיך איבערבאַזירן. אַלס עלטסטן מערק איך אָן דעם פֿעלדפֿעבעל מאָצאַרט. קיינער פֿון אײַך טאָר ניט פֿאַרלאָזן די געבײַדע. די שאָ פֿון אַרויספֿאָרן וועל איך געבן צו וויסן. אײַך אַלעמען מערק איך אָן אין דער ערשטער קאָמאַנדע.

— יאַוואָל! — האָט פֿאַר אַלעמען געענטפֿערט רודאָלף מאָצאַרט.

צוזאַמען מיט אַלעמען האָט דובראָווסקי פֿאַרלאָזט דעם קאַבינעט.

אָלגע טשיסטיוכינאַ איז נאָך אַלץ געזעסן אין לאַגער. איר אַנטלויפֿן האָט זיך אָפּגעלייגט פֿון טאָג אויף טאָג. ס'האָט זיך נאָך אַלץ ניט אײַנגעגעבן צונויפֿנעמען די נייטיקע סומע געלט. דובראָווסקי האָט אָפּגעגעבן אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט. נאָר ס'איז געווען קאַרג. ס'האָבן געפֿעלט אַכט הונדערט רובל. מוירע האָבנדיק, אַז די געסטאַפּאָ קאָן בײַס דער עוואַקואַציע פֿאַרניכטן דעם לאַגער, האָט דובראָווסקי באַשלאָסן לײַען בײַ מאַקס באַראַגאַן די סומע, וואָס האָט געפֿעלט. ער האָט אים געזאָגט, אַז ער וויל זיך קויפֿן כראָמענע שטיוול.

הײַנט, דעם דרײַסיקסטן אויגוסט, האָט ער זיך געקליבן איבערגעבן דאָס דאָזיקע געלט מאַריִע לעווינען, וואָס האָט אים מיטגעטיילט, אַז דאָס אַנטלויפֿן איז אָנגעמערקט אויפֿן ערשטן סענטיאַבער. איצט האָט די פֿאַראָרדענונג פֿון מײַסנערן, ניט פֿאַרלאָזן די גפֿפּ, צעשטערט אַלע זײַנע פּלענער. „וואָס טוט מען מיטן געלט? מע דאַרף דאָס אומבאַדינגט איבערגעבן מאַריִען. וואָס טראַכט מען צו?" — האָט דובראָווסקי זיך געבראָכן דעם קאָפּ.

אין צימער איז דובראָווסקי געזעסן מיט אַלעקסן: יענער האָט שוין באַוויזן זיך אָנ־זשליאַקען.

— ווײַזט אויס, אַז הײַנט וועלן מיר פֿאַרלאָזן יוזאָווקע, — האָט געזאָגט דובראָווסקי, — וואָס קוקסטו אויף מיר, דאָס כאָזער איך איבער מײַסנערס ווערטער. באַנאַכט פֿאָר איך אַרויס קיין דניעפּראָפּעטראָווסק, איך בין אָנגעמערקט אין דער ערשטער קאָמאַנדע.

— און מיך דערוואַרט נאָך אַ שטראָף פֿאַר אַט דעם לייטענאַנט.

— ווי האָסטו דאָס פֿאַרזעץ?

— איך האָב אים אַליין אָפּגעלאָזט... און שיסן האָב איך גענומען, ווען מאָצאַרט איז שוין געשטאַנען הינטער דער טיר, — האָט פּאַטיאָמקין מיט אַ כיטרע שמייכעלע געקוקט אויף דו־בראָווסקין. — אָבער דו פּרוּוו זיך אַפֿילו ניט מיך מאַסערן. מע וועט דיר סײַווי ניט גלייבן.

— הייסט עס, אַז דו קויפֿסט אויס די זינד.

— לאָמיר זיך פֿאָרשטעלן... אויב ס'וועט זיך מאַכן אַ צופֿאַל, וועסטו דאָס באַשטעטיקן, און דער לייטענאַנט אַליין וועט ניט אָפּלייקענען.

אומגעריכט האָט דובראָווסקי זיך באַשלאָסן.

— הער מיך אויס, אַלעקס, מיר זײַנען דאָך ניט קיין וועלף. מיר דאַרפֿן אונטערהאַלטן איינער דעם אַנדערן...

— צו וואָס ברײַעסטו עס אויס?

— איך האָב צו דיר אַ ביטע. איך דאַרף איבערגעבן געלט איינער אַ פֿרוי. אַכט הונדערט רובל, און מײַסנער האָט פֿאַרווערט דער ערשטער קאָמאַנדע פֿאַרלאָזן די געבײַדע.

— צוליב וואָס דאַרפֿסטו איר אָפּגעבן, פֿאַר זיך רוזיק אוועק.

— דאָס איז ניט איר געלט, זי דאַרף דאָס אָפּגעבן פֿאַר אַ פּאָר שטיוול. מיט איין וואָרט, דאָס איז ניט דײַן זאַך. ווילסט זײַן אַ פֿרײַנט, טאָ גיי צו. ווילסט ניט, וועל איך זיך אָן דיר באַדרייען.

— וואָס ביסטו באַרויגעז, איך וועל צוגיין. — ער האָט אַרויסגענומען פֿון די קעשענעס עטלעכע גרינע עפּל, אופֿגעעפֿנט אַ פּלעשל און אָנגעגאָסן שנאַפּס — צוויי פֿולע גלעזער.

— לאָמיר אויסטרינקען פֿאַר פֿרײַנטשאַפֿט, — האָט ער געזאָגט, — אַז אונדזערס זאָל שטענדיק נעמען די אויבערהאַנט.

דובראָווסקי האָט געמוזט אויסטרינקען ביזן סאָף. ער האָט דערלאַנגט פּאַטיאָמקינען דאָס געלט און דעם אַדרעס, וועלכן ער האָט דאָ אויפֿן אָרט אָנגעשריבן.

— ס'איז ניט ווײַט, אײַנגאַנצן אַ מינוט צוואַנציק גאַנג. וועסט פֿרעגן ווער איז דאָ מאַריִע לעווינאַ און איר איבערגעבן דאָס געלט.

פּאַטיאָמקין האָט זיך אופֿגעהויבן פֿונעם אָרט און זיך געלאָזט צו דער טיר.

— אויב זי וועט ניט זײַן אין שטוב, גיב איבער דאָס געלט איר מאַן.

געבליבן אַליין, האָט דובראָווסקי אָפּגיך צונויפגענומען זײַנע זאַכן אין אַ קליינעם טשע־מאָדאַנדל, דערנאָך האָט ער זיך געזעצט שרײַבן אַ בריוו וואַלענטינען. נעכטן האָבן זיי פֿאַרבראַכט צוזאַמען דעם אָוונט. באַם געזעגענען זיך האָט ער איר איבערגעגעבן עטלעכע פֿאַרשריבענע זײַטעלעך פּאַפּיר. זי האָט זיי אַרײַנגערוקט הינטערן ליפטשיק און מיט ליבע אַרײַנגעקוקט אים אין פּאָנעם:

— ווער ביסטו, לעאָניד?

ער האָט טיף אַ זיפֿץ געטאָן, אַ קוק געגעבן אויף די הויכע שטערן אין הימל און גע־ענטפֿערט:

— איך בין אַן עלטערער לייטענאַנט פֿון דער רויטער אַרמיי. פּונקט ווי דו, האָב איך ליב מײַן היימלאַנד. מײַן אָרט איז דאָ. יעדער ווײַלע קאָן טרעפֿן מיט מיר אַן אומגליק. דו זאָלסט פֿון דאַנען ניט אַוועקגיין. וואַרט אויף אונדזערע. ווען זיי וועלן קומען, זוך אויס דעם באַזונדערן אָפּטייל פֿון דער דריטער שלאָג־אַרמיי. דאָרט וועסטו געפֿינען דעם קאַפּיטאַן פּאָ־טאַפּאָוו, אים זאָלסטו איבערגעבן די פּאַפּירלעך, וואָס דו האָסט באַהאַלטן. זאָג, אַז דאָס איז פֿון לעאָניד דובראָווסקין, אָדער פֿון באַריסאָוון — ס'איז אַלצאיינס.

— כ'וועל טאָן אַלץ, ווי דו הייסט. און דו, לעאָניד, האָסט מיך ליב? וועסט מיך ניט פֿאַרגעסן?

זי האָט זיך צוגעדריקט צו זײַן ברוסט. ער האָט איר צאַרט אַ גלעט געטאָן מיט דער האַנט איבערן קאָפּ.

— לעאָניד, איך בין אַזוי גליקלעך, אַז דו שטעלסט זיך גאָר ניט פֿאָר. — האָט זי גע־זאָגט, — היט זיך. איך האָב דיך דאָך ליב. אַז די מילכאָמע וועט זיך ענדיקן, וועלן מיר זײַן מיט דיר צוזאַמען. עמעס?

— עמעס, אויב מירן דערלעבן דעם דאָזיקן גליקלעכן טאָג.

דערשריבן דעם בריוו, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט מיט די טרעפּ און אַרויס אויף דער גאַס. דאָס פּאָסט־קעסטל איז געהאַנגען אויפֿן שכיינעסדיקן הויז. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם בריוו און זיך אומגעקוקט. איבער דער גאַס האָבן זיך געטראָגן גרויסע לאַסט־מאַשינען, אָנ־געפּאַקעוועטע מיט סנאַריאַד־קעסטלעך. זיי זײַנען געפֿאָרן צום פֿראָנט.

ער האָט ניט באַוויזן אַרײַן אינעם צימער, ווי אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן רודאָלף מאָצאַרט:

— הער דובראָווסקי, איר קענט רויִק שלאָפֿן. מירן אַרויספֿאָרן אַכט אַזייגער אינדערפֿרי. לעאָניד האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגער. די ווײַזערס האָבן געוויזן צען. שלאָפֿן האָט זיך נאָך ניט געוואָלט, דערצו האָט ער זיך לייגן ניט געקענט, ביז פּאָטיאָמקין וועט זיך ניט אומקערן.

16

מאַריִע לעווינאַ מיטן מאַן האָבן זיך נאַרוואָס געזעצט עסן וועטשערע. אויפֿן טיש האָט זיך געדרויכערט אַ קאַסטריוליע מיט געקאָכטע קאַרטאָפֿל. אויף אַ טעלער זײַנען געלעגן גרויסע רויטע פּאָמידאָרן. מ'האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

— דאָס איז דער פּאָליצייסקע, — האָט זי געזאָגט דעם מאַן, אויפֿהייבנדיק זיך פֿונעם טיש.

— דאָס בין איך, טיטאָוו! — האָט זיך דערהערט פֿון הינטער דער טיר.

זי האָט אָפּגעקייטלט. אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן קיין הויכער מאַנצבל מיט אַן אָנגעבלאָזן פּאָנעם. אויפֿן אָרבל — אַ ברייט בענדל פֿון אַ פּאָליצײַ. מאַריִע האָט זיך שוין געהאַט באַגעגנט מיט אים און גלײַך דערקענט.

— איך בין אויף איין מינוט. אויב דאָס געלט איז גרייט, איז ביטע. אויב ניט, וועל איך גיין.

— גייט אַרײַן. דאָס געלט איז פֿאַראַן. באַקאַנט זיך, דאָס איז מײַן מאַן.

— טיטאָוו, — האָט זיך אָנגערופֿן דער פּאָליצײַ.

— זעצט זיך צום טיש.

— אַ דאַנק, כ'בין שוין אַ געגעסענער, — ער האָט זיך אויסגעקערעוועט צו מאַריִען, — איבערמאָרגן איז מײַן דעזשורסטווע. איך האָב מיט מײַנע שוין אַלץ אָפּגעמאַכט. און איר צייט אַלץ מיטן געלט. מער וואַרטן קאָן איך ניט.

— מער וועט מען ניט דאַרפֿן וואַרטן, — האָט מאַריִע געזאָגט, — נײַן טויזנט צוויי הונדערט רובל גיב איך אײַך באַלד. די איבעריקע אַכט הונדערט דאַרף פֿון מינוט צו מינוט

ברענגען מײַן כאוער. — זי איז צוגעגאנגען צו דער שאפע און פון אונטער דעם געפרעסטן וועש ארויסבאקומען א פעקל פארשמאַלצעוועט געלט און עס דערלאנגט דעם פּאָליצײַ.

— נעמט, ציילט איבער.

ער האָט גענומען ציילן...

מע האָט ווידער אָנגעקלאפּט אין טיר. טיטאָוו האָט זיך אָנגעשפּיצט.

זי איז ארויסגעלאָפן אין פירהויז, זײַענדיק איבערצײַגט, אז דאָס איז דובראָווסקי. זי האָט ניט געפרעגט און געעפנט די טיר.

— מאריַע לעווינא וווינט דאָ?

— יאָ, דאָס בין איך, — האָט זי א דערשראָקענע געענטפערט.

— א גוטן אָוונט. לעאָניד האָט מיך געשיקט. כ׳האָב אײַך געבראכט געלט.

— א דאנק! גייט אריַין. און ווו איז ער אליין?

— מ׳האָט אים אומגעריכט געשיקט אין א קאָמאנדירונג, אין דניעפּראָפּעטראָווסק, — האָט פּאַטיאָמקין געענטפערט, אריַינקומענדיק אין צימער. — א־א! טיטאָוו! וואָס טוסטו דאָ? — האָט ער געפרעגט, דערקענענדיק דעם פּאָליצײַ.

יענער האָט זיך א פּארלוירענער אופגעהויבן פונעם בענקל, פארוקט אין די קעשענעס דאָס געלט. פּאַטיאָמקין האָט עס גוט באמערקט.

— כ׳בין אריַינגעקומען אזוי זיך, צו באקאנטע, — האָט ער א מורמל געטאָן.

— גייט אריַין, זעצט זיך צו, — האָט זיך געווענדט צו אים מאריַע.

— מע קאָן זיך צוזעצן. און אויסטרינקען עפּעס וועט זיך ניט געפינען בא אײַך?

— ניין, צום באדויערן, בראנפן איז איצט צו טײַער, — האָט געענטפערט דער באלעבאָס.

— נו, גוט... איך וועל גיין, — האָט געזאָגט טיטאָוו, — דערלאנגענדיק דער באלעבאָסטע די האנט.

מאריַע האָט אים אריַינגערוקט דאָס געלט, וואָס פּאַטיאָמקין האָט געבראכט. דאָס האָט אלעקס אויך באמערקט.

— א גוטן, אלעקס, מירן זיך נאָך זען, — טיטאָוו האָט זיך געלאָזט צו דער טיר.

— וואַרט צו, מירן גיין צוזאמען. איך האָב אויך קיין איבעריקע צײַט ניט.

פון דער קוואַרטיר זײַנען זיי ארויסגעגאנגען צוזאמען. אף די טרעפּ האָבן ביידע גע־שוויגן. ערשט אף דער גאס האָט פּאַטיאָמקין שטרענג געפרעגט:

— פארוואָס האָסטו גענומען דאָס געלט?

— אזוי זיך, א נארישקײַט.

— דו דריי זיך ניט אפּן קאָרעק, טיטאָוו, דו קענסט מיך דאָך. אויב דו וועסט מיט גוטן זיך ניט אנערקענען, וועסטו באקומען לאָשן בא אונדז אין גפּף.

— מיילע, בייזער זיך ניט. איך קאָן זיך טיילן מיט דיר. וויפל ווילסטו?

— דאָס איז געווענדט פארוואָס? אנו, לייג ארויס.

— פּאר איינער א מויד. טשיסטיוכינא אָלגע, זי האָט געארבעט אף דער בירזשע. וויפל זאָל איך דיר געבן?

— און וויפל האָסטו גענומען?

— פינף.

— און פינקטלעכער?

— צען, — האָט טיטאָוו א טיפן זיפץ געטאָן.

— אָט דאָס איז עפּעס אנדערש. פינף וועסטו מיר געבן.

— האָב גאָט אין הארצן, אלעקס. איך דארף נאָך מיט די כעוורע פון דער וואַך זיך טיילן. וואָס זשע וועט מיר בלײַבן?

— וויין ניט. דערלאנג די קלינגערס.

טיטאָוו האָט ניט ווילנדיק ארויסגעשלעפּט דאָס געלט פון קעשענע, אָפּגעציילט די ניי־טיקע סומע און דערלאנגט פּאַטיאָמקינען.

זיי האָבן זיך געזעגנט אפן ראָג. ביז צו דער געבײַדע פון גפּף האָט מען געדארפט דורכ־גיין פיר קוואַרטאלן. פּאַטיאָמקין האָט געשמייכלט. פּלוצעם האָט ער זיך פארטראכט. „אָט וואָס פארא פויגל איז אָט דער לעאָניד דובראָווסקי! און אלץ שטיל און פײַן. און איך וועל נאָך דארפן ענטפערן פארן אנטלאָפענעם לייטענאנט. ניין, דודקי! איך וועל ניט זשאלעווען די פינף טויזנט, נאָר א ריינער ארויס...״

ניט אריַינגייענדיק צו זיך אין צימער, האָט פּאַטיאָמקין פארקערעוועט צום פּאָליצײַ־קאָ־מיסאר מײַסנערן. יענער איז שוין אוועקגעפאָרן אהיים. דאן האָט ער זיך אראָפּגעלאָזט צום אויספאָרשער קארל דיל און אים אלץ אויסדערציילט.

ביזן קריג האָט קאַרל דיל געאַרבעט אין פּאָליט־אָפּטייל פון דער קרימינעלער פּאָליציי פון דער שטאָט אָפּעלנא. אָ, ער האָט געוווּסט, וואָס מע דאַרף טאָן. מאָמענטאַל איז אַן אָפּעראַטיווע גרופּע געשיקט געוואָרן צום פאַרפאַלק לעווין און נאָכן פּאָליציי־טיטאָוון. ער האָט דורכן טעלעפאָן אויך באַפוילן, אַז פונעם לאַגער זאָל מען גלייך אַראָפּברענגען אין גפּפּ אַלגע טשיסטיוכינא.

קאַרל דיל האָט פאַרשטאַנען ווי וויכטיק ס׳איז דער איניען, און ער האָט ניט מורע געהאַט באַאומרויקן דעם פּאָליציי־קאָמיסאַר. פאַרטאָג האָט ער אים אָנגעקלונגען און אינקורצן אויסגעלייגט, וואָס עס האָט פּאַסירט.

מיט א שאָ פריִער, ווי געוויינלעך, איז דאָס מאָל מײַסנער געקומען אין גפּפּ, און אין א פּאָר מינוט אַרום זײַנען שוין פאַר אים געשטאַנען קאַרל דיל און אַלעקס פּאַטיאַמקין. אויסגעהערט דעם ראַפּאָרט, האָט דער פּאָליציי־קאָמיסאַר זיך געווענדט צו אַלעקסן:

— טײַערער אַלעקס, איר האָט וווּנדערלעך אָן אַרבעט געטאָן הײַנטיקע נאַכט. איך בין אײַך מויכל אײַערע זינד. איר וועט הײַנט באַקומען פון די פאָנדן פון דער געהיים־פּאָליציי א פלאַש בראַנפן. נו, און וואָס זאָגט דובראָווסקי?

— הער פּאָליציי־קאָמיסאַר, איך האָב זיך ניט באַשלאָסן אָן אײַער וויסן אַרעסטירן א מיטאַרבעטער פון דער געהיים־פּאָליציי.

— א שאָד! אַרעסטירט אים דרינגענד. אַנדערש וועט ער זיך אַרויסגליטשן פון אײַערע הענט.

דובראָווסקי האָט זיך אופגעכאַפּט מיט עפּעס א שלעכטן פאַרגעפיל. אים האָט זיך געכאָלעמט, אַז עמעצער וואַרגט אים. געעפנט די אויגן, האָט ער גלײַך באַמערקט, אַז פּאַטיאַמקינס געלעגער איז פאַרבעט. אין דעם מאָמענט האָט די טיר זיך ראַשיק אָן עפן געטאָן. אין צימער איז אַרײַן דער פעלדפעבעל דיל און נאָך אים וואַלטער מיטקע.

— הער דובראָווסקי, איר זײַט אַרעסטירט! — האָט אויסגעשריגן קאַרל דיל, צוגעלאָפן צו אים און אָנגעכאַפּט פאַר די הענט. אין א ווײַלע אַרום האָט וואַלטער מיטקע שוין באַוויזן אָנטאָן קלאַמען אַף זיי.

— דאָס איז א מיספאַרשטייעניש, מײַנע הערן, דערלויבט מיר כאָטש זיך אָנטאָן.

— איר וועט באַווײַזן, דובראָווסקי. מיטקע, קוקט איבער זײַנע זאַכן, — האָט באַפוילן קאַרל דיל. ער איז צוגעגאַנגען צום בענקל, ווו עס איז געהאַנגען דובראָווסקיס קאָסטיום, און אַראָפּגענומען די קאָבורע מיטן פּיסטאָלעט.

— דאָ איז פּוסט, הער פעלדפעבעל, — האָט געמאָלדן מיטקע.

— נעמט אַראָפּ פון אים די קלאַמען, זאָל ער זיך אָנטאָן, — האָט פאַראָרדנט קאַרל דיל.

לעאָניד האָט שנעל זיך אָנגעטאָן. דער מויעך האָט פיבערדיק געאַרבעט: „וואָס איז געשען? עפּשער האָט מען געכאַפּט איוואַן קאָזיוקאָוון? ניין, ער ווייסט ניט, ווו איך אַרבעט...— פּלוצעם האָט ער זיך דערמאָנט אין פּאַטיאַמקינען.— אָט פאַרוואָס ער האָט זיך ניט געלייגט שלאָפן. מאַריִע לעווינא האָט זיך געקענט מיט עפּעס אַרויסכאַפּן. נאָר מיט וואָס?.. דעריקער ניט פאַרלירן זיך. ניט באַווײַזן די דאָזיקע מענוואַלים, אַז איך האָב זיך דערשראָקן".

— מײַנע הערן, איך בין גרייט, — האָט ער רויִק געזאָגט.

דובראָווסקי האָט אויסגעצויגן די הענט. מע האָט אים ווידער זיי פאַרשלאָסן מיט די שטאָלענע קלאַמען.

ניט אופהייבנדיק דעם בליק אַף די אַרײַנגעקומענע, האָט מײַסנער אויסגעווישט מיטן נאָזטיכל דעם האַלדז, אַרײַנגערוקט אין די קעשענעס די הענט און ערשט דערנאָך מיט א שמייכעלע א קוק געטאָן אַף דובראָווסקין:

— איך גלייב, דובראָווסקי, אַז איר פאַרשטייט, אַז איר האָט פאַרשפּילט. און כוויעס דאַרף מען צאָלן...

— איך האָב עפּעס ניט געכאַפּט וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך, הער פּאָליציי־קאָמיסאַר.

— הער דובראָווסקי, אײַער קאָרט איז געדעקט! איר זײַט א סאָוועטישער אויסשפּירער, און אונדז איז עס באַוווּסט. איך וועל אײַך קיין זאַך ניט זאָגן. איר ווייסט, אַז איר קאָנט נאָך ראַטעווען אײַער לעבן.

— אַנטשולדיקט, הער פּאָליציי־קאָמיסאַר, מע האָט מיך, מינאַסטאַם, באַרעדט. איך ווייס ניט אין וואָס איך בין שולדיק.

— גענוג, דובראָווסקי, מיר זײַנען ניט קיין קינדער. אײַער אַלגע טשיסטיוכינא האָט זיך אין אַלץ אָנערקענט. מאַריִע לעווינא און איר מאַן האָבן אויך געגעבן באַווײַזן. איך כאַזער איבער, אָפּלייקענען האָט קיין זין ניט. איר זײַט דאָך אַן אויסשפּירער. איך פאַרנייג זיך פאַר

אײַער אויסגעהאַלטנקײַט. איר האָט לאַנג אונדז געפֿירט פֿאַר דער נאָז. איצט וועט איר עפֿענען אַלע קאָרטן און זיך איבערשליסן אַף אונדז...

דובראָווסקי האָט געשוויגן. דאָס איינציקע, וואָס ער קאָן איצט טאָן, איז שווײַגן. מײַסנער האָט אַלץ גערעדט:

— פֿון אײַך וועלן מיר פֿאָדערן ניט קיין סאַך. איר וועט ווי פֿריִער שיקן יעדיִעס פֿאַר די רוסישע, וועלכע איך וועל צונויפֿשטעלן. אַף יענער זײַט וועט מען אײַך רעכענען פֿאַר אַן אייגענעם מענטשן. דערפֿאַר שענק איך אײַך דאָס לעבן. דאָס איז ניט ווייניק.

אַפֿן טיש האָט אַ קלונג געטאָן דער טעלעפֿאָן. מײַסנער האָט אַראָפּגענומען דאָס טרײַבל. לויט מײַסנערס פּאָזע האָט דובראָווסקי פֿאַרשטאַנען, אַז עס קלינגט העכערע נאַטשאַלסטווע.

— יאָ! מיר גרייטן זיך. איך האָב ניט געקלערט, אַז דאָס איז אַזוי עקסטרע. איך האָב געקלערט זיך איבערציִען אַהין אין דרײַ־פֿיר טעג אַרום, — האָט מײַסנער געזאָגט. — וואָס? דורכגעריסן דעם פֿראָנט? איך האָב פֿאַרשטאַנען, הער גענעראַל. די ערשטע קאָמאַנדע וועט עקסטרע געשיקט ווערן. די איבעריקע — מאָרגן.

ער האָט אַקוראַט אַוועקגעלייגט דאָס טרײַבל און ניט צוזעצנדיק זיך פֿאַראָרדנט:

— פֿעלדפֿעבעל דיל, שיקט גלײַך אַרויס די ערשטע קאָמאַנדע קיין דניעפּראָפּעטראָווסק. אָט דעם, — האָט ער אָנגעוויזן אַף דובראָווסקין, — אונטער אַ פֿאַרשטאַרקטער וואַך אַוועקשיקן צוזאַמען מיט זיי. זאָל מען אים אַרײַנזעצן אין אַן איינצל־קאַמער אין דניעפּראָפּעטראָווסק. הער דובראָווסקי, איר וועט צײַט האָבן אַ קלער צו טאָן. איבערמאָרגן וועט מען אײַך ברענגען צו מיר אין קאַבינעט. שוין אין דניעפּראָפּעטראָווסק.

— אומזיסט איז אײַער האָפֿענונג, הער פּאָליציי־קאָמיסאַר, — איך האָב אַלץ פֿריִער באַטראַכט.

— דאָך, איר האָט נאָך צײַט. און פֿאַרגעדענקט, אַז דאָס וואָס מיר דאַרפֿן, וועלן מיר אַרויסציִען פֿון אײַך מיט די אָדערן צוזאַמען. פֿירט אים אַוועק!

די זון האָט זיך שוין געזעצט, ווען מע האָט דובראָווסקין אַ געשמידטן צוגעפֿירט צו אַ פֿאַרמאַכטער לאַסט־מאַשין. צווישן אוילעם האָט ער באַמערקט מאַקס באָראָגן. דובראָווסקין האָט זיך געדאַכט, אַז אין יענעמס אויגן זײַנען געשטאַנען טרערן.

פֿון מיזרעך האָט אַלץ דײַטלעכער זיך געהערט די אַרטילעריסטישע קאַנאָנאַדע. לעאָניד האָט אַ שמייכל געטאָן צו זײַנע אייגענע געדאַנקען. ער האָט געטאָן אַלץ, וואָס ער האָט געקענט. זײַן געוויסן איז געווען ריין.

ווען די סאָוועטישע שלאַכטלײַט האָבן באַפֿרײַט די שטאָט דניעפּראָפּעטראָווסק, האָבן פּאָטאַפּאָווס מענטשן באַטראַכט די טורמע פֿון גפּפּ־721. אַף אַ וואַנט פֿון דער קאַמערע נומער נײַן האָבן זיי באַמערקט אַן אויפֿשריפֿט: „2־טער סענטיאַבער 1943, דובראָווסקי לעאָניד”. דער אויפֿשריפֿט איז געווען אַרומגענומען מיט אַ ראַמעלע. דעם דאָזיקן טאָג האָבן די געסטאַפּאָווצעס צעשאָסן דעם סאָוועטישן אויסשפּירער, און דעם זעקסטן סענטיאַבער איז דער קאַפּיטאַן פּאָטאַפּאָוו שוין געווען אין סטאַלינאָ. שפּעט באַנאַכט האָט אים אויפֿגעזוכט וואַלענטינע בעזרוקאָווא.

— וואָס ווילט איר, — האָט געפֿרעגט פּאָטאַפּאָוו, ווען דאָס מיידל איז אַרײַנגעקומען צו אים אין צימער.

— איר זײַט וולאַדימיר איוואַנאָוויטש פּאָטאַפּאָוו? — האָט זי שעמעוודיק געפֿרעגט.

— איך.

— איך בין פֿון לעאָניד דובראָווסקין. ער האָט געבעטן איבערגעבן...

— טײַערע, האַרציקע! — פּאָטאַפּאָוו האָט אַרופֿגעלייגט די הענט דעם מיידל אַף די אַקסל און אַרײַנגעקוקט אין אירע פֿײַכטגעוואָרענע אויגן.

— ווו זשע איז ער איצט אַליין?

— אַוועקגעפֿאָרן קיין דניעפּראָפּעטראָווסק. אָט איז זײַן בריוו. און אָט איז זײַן ראַפּאָרט. ער האָט מיך געבעטן אײַך איבערגעבן...

פּאָטאַפּאָוו האָט פֿאַרזיכטיק פֿאַנאַנדערגעוויקלט די פּאַפּירלעך, זיך אָנגעבויגן צום לאָמפּ. זײַן בליק האָט גענומען לויפֿן איבער די שורעס.

„אָבערפֿעלדקאָמענדאַטור. יוזאָווקע — 397. גרייט אַגענטן אַף שיקן איבער דער פֿראָנט־ליניע. לעניך־גאַס. (דאַרף זיך עוואַקויִרן).

1. דער קאַפּיטאַן פֿון דער שטאַב־קוואַרטיר — קאַפּיטאַן טעלצער.

2. מאַיאָר מייער — אַ דאַרער, הויכער, אַ בלאָנדער. די האָר מיט אַ שרונט, בלויע אויגן. אַ לאַנגע נאָז. אַ געגאָלטער. אַ לענגלעך פּאָנעם.

ביידע פאַרנעמען זיך מיט גרייטן אַגענטן".

...אין די פּאַפּירלעך זײַנען געווען אויסגערעכנט נאָך פיל נעמען פון מענטשן, וועלכע דאַרפן געכאַפּט ווערן, וואָס טוען אָן פיל שאָדן דער סאָוועטישער אַרמיי. די פּאַטריאָטן, וואָס געפינען זיך אין טיל פונעם סוינע.

פּאָטאַפּאָוו האָט זיך אַזוי אַרײַנגעטאָן אין לייענען, אַז ער האָט גאָר פאַרגעסן אינעם מיידל. דערמאָנט זיך אין איר, האָט ער אָפּגעריסן די אויגן פון די פּאַפּירלעך.

— אַנטשולדיקט, טײַערע! איר שטעלט זיך גאָר ניט פאָר, וואָס איר האָט געבראַכט. די דאָזיקע פּאַפּירלעך האָבן גאָר קיין פּרײַז ניט. וויפל לעבנס וועלן זיי ראַטעווען! א גרויסן, גרויסן דאַנק אײַך.

— מיר? פאַרוואָס קומט עס מיר? דאָס דאַרף מען דאַנקען לעאָניד דובראָווסקין.

— און אים, פאַרשטייט זיך. מאָלאָדיעץ! וואָס מאַכט ער איצט אין דניעפּראָפּעטראָווסק?

— מינאַסטאַם, איז אַלץ גוט. ער איז אַזא פריילעכער. א גוטער. ער העלפט מענטשן.

זיי האָבן דעמלט ניט געקענט וויסן, אַז דער לייטענאַנט פון דער סאָוועטישער אַרמיי לעאָניד דובראָווסקי איז שוין טויט. אָבער אַפילע נאָכן טויט האָט ער פאָרגעזעצט צו ראַנגלען זיך קעגן סוינע.

לעבעדיקע גרוסן

יעכיִעל טשיטשעלניצקי

בא די קיִעווער ייִדישע שרײַבער אין צוויי יאָר ארום

פאַרצוויייאָרן, — אונדזערע לייענער געדענקען עס מיסטאָם, — האָט נאָטע לוריע אָפּגעדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" א רעפּאָרטאַזש וועגן דעם לעבן און שעפערישער ארבעט פון די קיִעווער ייִדישע שרײַבער.

פונקט אין צוויי יאָר ארום איז אויך מיר אויסגעפאַלן דער קאָוועד זײַן צוגאַסט בא די קיִעווער שרײַבער. וויל איך דאָ דערציילן וועגן דעם, וואָס כ'האָב געזען און געהערט.

קיִעוו האָט אין יענע טעג שוין געלעבט מיט דעם גרויסן יאָמטעוו, וואָס האָט זיך דערנענטערט — דעם דרײַסיקסטן יאָרטאָג זינט אוקראַיִנע איז באפרײַט געוואָרן פון די דײַטשיש־פאַשיסטישע אָקופּאַנטן. דער ערעוו־יאָמטעוו האָט זיך געלאָזט פילן אף טריט און שריט. די יוביל־דאַטע — XXX — האָט פײַערלעך אראָפּגעשײַנט פון פאַרביקע פּלאַקאַטן, געפּלאַטערט אף פאַרשיידנקאָליריקע טראַנספּאַראַנטן און געפינקלט מיט טויזנטער עלעקטרישע פײַערלעך.

אינעם פּאַרק לעבן דעם אויבערסאָוועט פון דער אוקראַיִנישער רעפּובליק שטייט אין רישטעוואַניעס א דענקמאָל, און ווען די רישטעוואַניעס ווערן אראָפּגענומען, טוען אף דער זון א בלענד מיט גאָלד די ווערטער: „דעם גענעראַל וואַטוטינען — פונעם אוקראַיִנישן פאָלק". דער באַרימטער סאָוועטישער פאָלקנפירער האָט אָנגעפירט מיט די שלאַכטן פאַר באַפרײַען אוקראַיִנע און איז אָט דאָ אין 1944 שטערבלעך פאַרוואונדעט געוואָרן... יעדן טאָג ברענגען צו דעם דענקמאָל לעבעדיקע בלומען די אײַנוווינער פון קיִעוו.

דער ערעוו־יאָמטעוו האָט זיך באַזונדערס געלאָזט פילן אין דעם אומופהערלעכן מענטשןשטראָם צום קיִיווער פונעם אומבאַוווּסטן סאָלדאַט, צו דעם נייער־טאָמיד אין פּאַרק פון אייביקן רום.

דאָ, לעם דעם אייביקן פײַער, זײַנען געבראַכט צו קווּרע דער העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד סטאַרשינא גאָביטשאַיִשווילי ניקאָלאַ איוואַנאָוויטש, דער פאָלקאָווניק פרידמאַן סאַווע מאַרקאָוויטש, דער העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד גוואַרדיִע־סטאַרשינא שעלודענקאָ ניקיפאָר ניקיטאָוויטש, דער העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד גוואַרדיִע עלטערער לייטענאַנט דאָלזשינסקי יורי מאָיסייעוויטש און נאָך 34 שלאַכטלײַט, וואָס האָבן אָפּגעגעבן דאָס לעבן פאַר קיִעוו... קינדער און זקיינים, מילכאָמע־וועטעראַנען און יונגע סאָלדאַטן קומען אַהער, צו דעם הייליק געוואָרענעם אָרט בא די שטילע דניעפּרישע ברעגן, פאַרנייגן זייערע קעפּ פאַר די העלדיש אומגעקומענע.

איך קום אראָפּ אפן קרעשטשאַטיק. דער שטילער בלעטער־פאַל, דער צוגעטויבטער געקלאַנג פון די פאַלנדיקע קאַשטאַנעס, דער באַזונטער געוועב פון די טורעמלעך אף די ערשטע נאָכמילכאָמעדיקע געבײַען און דער אימפּעטדיקער ריטם פון דער גאַס לינדערן צוביסלעך דעם שווערן געמיט, מיט וועלכן כ'האָב אָקאָרשט פאַרלאָזט דעם קיִיווער פונעם אומבאַוווּסטן סאָלדאַט, דעם נייער־טאָמיד אין דעם פּאַרק פון אייביקן רום.

אַלע מאָל, ווען איך קום קיין קיִעוו, גיי איך דורך צופוס דעם גאַנצן קרעשטשאַטיק. אַזוי טו איך אויך דאָס מאָל. איך שפּאַן ניט געאײַלט, קוק זיך אײַן אין די פאַרבײַגייער, און עס קומט אוף א דערמאָנונג וועגן גאָר אַן אַנדער טאָג און וועגן גאָר אַן אַנדער קרעשטשאַטיק.

...אָנהייב פרילינג 1944. די אַוויִאַציע־דיוויזיע, אין וועלכער כ'האָב דעמאָלט געדינט, האָט באַקומען נײַע עראָפּלאַנען, און פון אונטער ריאַזאַן האָט זי זיך איבערבאַזירט אף א פראָנט־עראָדראָם אין מײַרעוו־אוקראַיִנע. די שלאַכט־עקיפּאַזשן זײַנען קאַיאָר אוועקגעפלויגן אף זייערע באָמבאַרדירער, און מיר, די אָפיצערן



קיִעוו. דער פּאַרק פון אייביקן רום

פונעם שטאַב און פּאָליט־אָפּטייל, זײַנען מיט עטלעכע שאָ שפּעטער ארויסגעפלויגן צום פראָנט אף צוויי „דוגלאַסן".

דער וועטער אף אונדזער טראַסע איז געווען א ביז גאָר ניט גינסטיקער, און מ'האָט אונדז צוויי מאָל אוועקגעזעצט אף טראַנזיט־אעראָדראָמען — דאָס ערשטע מאָל אין פּרילוקי, דאָס צווייטע מאָל אין קיִעוו. די אָרטיקע סינאָפּטיקער האָבן געמאָלדן, אז וועגן ארויספליִען פריִער ווי אין צוויי — דריטהאַלבן שאָ ארום קאָן אפילע קיין רייד ניט זײַן.

אזא גליק האָט זיך מיר אפילע ניט געכאָלעמט. מער פון טויזנט מעסלעס האָב איך, ווי א טאַליסמאַן, ווי א האָפענונג זיך אומצוקערן אהיים, געטראָגן מיט זיך דעם שליסל פון מײַן קיִעווער דירע אף דער טשודנאָווסקי־גאַס, 13.

דער שעף פונעם פּאָליט־אָפּטייל, פּאָלקאָווניק יעליסייעוו האָט געוווּסט, אז איך בין אוועק אף דער מילכאָמע פון קיִעוו. איך גיי צו צו אים, נעם ארויס פון דער קעשענע דעם שליסל און בעט, ער זאָל מיך אָפּלאָזן אין שטאָט ארײַן.

— צוויי שאָ וועט אײַך אף דעם זײַן גענוג?

— גענוג.

פונעם אעראָדראָם איז אין שטאָט ארײַן פּונקט געגאַנגען א סאַניטאַר־מאַשין.

אָט בין איך שוין אף דער טאָלסטאָי־גאַס. לעבן מעלוכע־אוניווערסיטעט שנײַד איך דורך דעם גאָרטן מיטן שעווטשענקאָ־דענקמאָל און גיי ארויס אף „מײַן" גאַס. סאַראַ פרייד, די הײַזער זײַנען, דוכט זיך, גאַנץ: די געבײַדע פונעם קונסט־מוזיי, דער קינדערגאָרטן, וווּהין איך פלעג אין די אינדערפריִען אָפּפירן מײַן טעכטערל... איך מאַך נאָך עטלעכע צענדליק טריט און בלײַב שטיין א געפּלעפטער: אונדזער הויז, דאָס שענסטע און דאָס גרעסטע אף דער גאַס, איז פון אינעווייניק אינגאַנצן אויסגעברענט און פארקוילט...

איך זע מײַן פענצטער אפן צווייטן שטאָק. מיט א שטאָק העכער איז דאָס פענצטער פון נאַטאַן זאַבאַרעס דירע, און אין הויף זע איך דעם כאָלעל פונעם פענצטער פון צאָדעק טוזמאַנס צימער (זיי זײַנען ביידע געווען מײַנע שכײנים).

ס'האָט ווייטעקלעך פארקלעמט דאָס האַרץ. מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ האָב איך פארלאָזט די טשודנאָווסקי־גאַס.

איך האָב נאָך אין מײַן רעשוס עטוואָס מער פון א שאָ צײַט. וועל איך זיך אראָפּכאַפּן אפן קרעשטשאַטיק, א קוק טאָן אף מײַן באַליבטסטער גאַס. נאָר אויך דער קרעשטשאַטיק איז ניט געווען. דורכויסיקע כורוועס פון ביידע זײַטן, א געמיש פון ציגל, שטיינער און אײַזן. אײַנגעוואַלגערטע ווענט, אראָפּהענגענדיקע סופיטן. אָט וואָס דער סוינע האָט געמאַכט פונעם שיינעם קרעשטשאַטיק! פאַר די קנאַפּע פיר יאָר מילכאָמע האָב איך זיך שוין גענוג אָנגעזען מיט רויִנעס, מיט מענטשלעכן אומגליק, נאָר אזא ברענענדיקן ווייטעק, ווי איצט, האָב איך נאָך ניט געפילט. שטייענדיק אף איינער א כורווע, דערזע איך פּלוצעם א צעפּלעטשט קינדער־שפּילעכל, וואָס סטאַרטשעט ארויס צווישן דעם שטיינער־ברוך. איך קאָן זיך שוין ניט באַהערשן. א ספּאַזמע־קנויל האָט זיך געשטעלט אין האַלדז, איך לאָז זיך אוועק צוריק צום אעראָדראָם. ווידער האָט מיר אָפּגעגליקט: א היפּש שטיק וועג בין איך געפאָרן אף א מיט בערוועס אָנגעלאָדענעם „סטודעבעקער".

אין א האַלבער שאָ ארום האָבן אונדזערע צוויי „דוגלאַסן" זיך אופגעהויבן אין דער לופטן און גענומען דעם קורס צום פראָנט־אעראָדראָם.

ס'איז געווען אָנהייב פרילינג 1944. מיר האָבן נאָך באַדאַרפט מער פון א יאָר דורכגיין אין פײַער און אין בלוט. געוווּסט האָבן מיר אָבער שוין אף זיכער — מיר גייען צום ניצאָכן.

טײַערער לייענער, האָט ניט קיין פאריבל, וואָס אָנשטאָט זיך לאָזן אינײנעם מיט אײַך צוגאַסט צו די שרײַבער און הערן פון זיי א גוט וואָרט, האָב איך אײַך גאָר אוועקגעפירט אף די כורוועס פון קרעשטשאַטיק מיט דרײַסיק יאָר צוריק. זײַט מיר מויכל, אויב איך האָב מיט דעם זיך צוגערירט צו אײַערער אן אייגענער מילכאָמע־ווונד. נאָר, צוריק גערעדט, עס שאַדט ניט אזא דערמאָנונג ערעוו דעם ניצאָכן־יאָמטעוו. און מיט די קיִעווער ייִדישע שרײַבער, מיט אַלע ביז איינעם, וועלן מיר אומבאַדינגט זיך זען און זיך דורכשמועסן.

אוואַדע וואָלט איך געווען איבערגליקלעך, ווי נאָטע לוריע פארצווייאָרן, צו קומען מיטן ערשטן וויזיט צו איציק קיפּניסן. נאָר דער גרויסער וואָרט־מײַסטער איז שוין מער ניטאָ צווישן די לעבעדיקע. קאָן איך ניט זאָגן אים א גוטמאָרגן, זיך אײַנקוקן אין זײַנע גוטמוטיקשמייכלענדיקע אויגן.

איך קאָן אויך ניט קומען צו דעם דיכטער שלוימע טשערניאַווסקי. ער האָט אונדז אויך אזוי פּלוצעם און פריצײַטיק פארלאָזט. איך קאָן זיך ניט טרעפן מיטן באַגאַבטן ייִדישן זשורנאַליסט יעכיִעל כירמאַנען. איך קאָן בלויז קומען

אַף זייערע קוואָרים, פאַרנייגן דעם קאָפּ, דערציילן די מישפּאָכעס, ווי גרויס עס איז אונדזער ווייטאָק...

אַפֿן בעסאַלמען פאָרן מיר זאַלבעדריט: קיפּניסעס טאָכטער בעלע, דער זשורנאַליסט טויווי רוזשינסקי — מײַן פֿרײַנט נאָך פון די יוגנטיאָרן — און איך. מיר פאָרן אין טויוויס אינוואַלידן־„זאַפּאַראָזשעץ". בײַס דער מילכאָמע איז טויווי רוזשינסקי געווען א טאַנקיסט און זיך אומגעקערט אהיים אָן איין פוס, מיט א קאָפּ גרויע האָר. איצט איז ער שוין ווײַס, ווי א טויב. די מאַשין פירט ער מיט דער געניטקײַט פון א געשולטן טאַנקיסט.

מיר שטעלן זיך אָפּ ניט ווײַט פונעם בעסאַלמען, לעבן די פאַרקויפערנס פון קווייטן. דאָס רעגנדל, וואָס האָט אונדז באַגלייט קימאַט דעם גאַנצן וועג, האָט אופגעהערט. פון א צעשויבערטן וואָלקן האָט אפילע אַרויסגעקוקט די זון. פון דעם, וואָס די האַרבסטיקע בלומען — די אַסטרעס, כריזאַנטעמעס און באַרכאָטקעס ליגן גלײַך אַף דער פײַכטער ערד, אַף שטיקלעך צעראַטע און רעדנעס, ווייען זיי אָן אַן אומעט. און ווען מיר נעמען אין די הענט די בוקעטן בלומען, באַשפּרענקלטע מיט די רעגן־טראָפּנס, רופט זיך אָן טויווי:

— בלומען, זעט אויס, קאָנען אויך וויינען...

באַם אַרײַנגאַנג וואַרטן שוין אַף אונדז, ווי ס'איז געווען אָפּגערעדט, דער דיכטער וועלוול ווערניק מיט זײַן פרוי כאַווען, דער געוועזענער מיטאַרבעטער פון דער צײַטונג „שטערן" יאַשע לערנער, כײַע כירמאַן.

טשערניאַווסקיס און כירמאַנס קוואָרים זײַנען קימאַט באַנאַנד. מיר לייגן אַוועק בלומען. וועלוול ווערניק לייענט זײַנע לידער צום אָנדענק פון אונדזערע יוגנט־פרײַנט.

איציק קיפּניסעס קייווער געפינט זיך דאָ נאָענט, נאָר עס דוכט זיך, אַז מיר גייען שוין גאַנץ לאַנג. ס'לאָזט זיך פּאַשעט פילן די מידקײַט. בעלע רופט זיך אָן:

— אָט איז דעם פּאָטערס שטיבעלע...

„דאָס שטיבעלע"! — כ'האָב שוין ערגעץ געהאַט געהערט אָנרופן א קייווער „שטיבעלע". איך דערמאָן זיך: טאַקע באַ קיפּניסן. אין „אונטערוועגנס" זאָגט דער לירישער העלד — דער מעכאַבער אַליין: איך קום אָקאָרשט פונעם שטיבעלע... דאָס שטיבעלע איז שטאַרק פאַרשנייט...

אַף זײַן „שטיבעלע" ליגט דערווײַל א צײַטווײַליקער שטיין מיט א באַשיידענעם אופשריפט: „איציק קיפּניס — דער שרײַבער און מענטש".

ווען בעלע קיפּניס זאָל אפילע ניט געווען מיך פאַרבעטן, וואָלט איך סײַווי־סײַ געקומען אין איר פּאָטערס שטוב אַף דער קאָציובינסקי־גאַס. ווער שמועסט נאָך, אַז דאָס איז געווען איינע פון די אופטראָגן פון דער רעדאַקציע: זײַן באַ קיפּניסן און איינעם מיט זײַנע יאָרשים זיך באַקאַנען מיט דער ליטעראַרישער יערושע, עפּעס



איציק קיפּניס אין 1971



דער קסאַוויאַד פון אי. קיפּניסעס א ליד

אָפּקלײַבן אַף פאַרעפנטלעכן אין „סאָוועטיש היימלאַנד". איך האָב אויך געוואָלט נאָכאַמאָל זען מיט די אייגענע אויגן דעם ביכער־אויצער, די קונסט־אַלבאָמען און קונסט־ווערק, וועלכע דער שרײַבער האָט אַזוי זאָרגזאַם און מיט אַזאַ איידעלן געשמאַק יאָרנלאַנג געזאַמלט.

אין קיפּניסעס שרײַב־צימער טרעף איך, אויסער בעלען, צוויי זײַנע שוועסטער: דינען און בראָכען — בראָשקען, ווי עס רופן זי פאַרצויגן די היימישע. דינעס מאַן, דער דיכטער מוישע שאַפּיראָ, איז געשטאָרבן זייער יונג, נאָך אין אָנהייב פון די דרײַסיקער יאָרן. זיי האָבן געהאַט א זון הערשל. אין 1941 איז ער אַוועק אַף דער מילכאָמע און זיך ניט אומגעקערט.

אונדזער שמועס האָט זיך אָנגעהויבן פון זיכרוינעס. מיר דערמאָנען זיך, ווי אין איינעם א

זומערדיקן אפדערנאכט פון 1934, נאָך דעם פײַערלעכן אָוונט, וואָס איז אײַנגעאָרדנט גע־וואָרן אין קיִעוו לעקאָוועד דעם צענטן יאָרטאָג זינט ס׳האָט אָנגעהויבן דערשײַנען די צײַטונג „יונגע גוואַרדיִע", האָבן מיר, די ליטעראַרישע יוגנט — שרײַבער און זשורנאַליסטן — גע־פּראַוועט בא דינען אין שטוב א פּריילעכע ליאַ־מע. איציק קיפּניס, וועלכער איז צו יענער צײַט שוין געווען דער אנערקענטער שרײַבער און האָט א סאַך און מיט פאַרגעניגן זיך געדרוקט אין די קאָמיוגישע און פּיאָנערישע אויסגאַבעס, איז אויך געווען אף אָט דער סימכע...

איך קוק פאַרגאַפט אף די איבערפולטע בײַ־כער־שראַנקען און ביכער־פּאָליצעס. דעם שרײַ־בערס ביבליאָטעק האָט געהאַט, און האָט אויך איצט, א שעם ניט נאָר אין קיִעוו. די ביכער זײַנען גרופּירט לויט די זשאַנרען: פּראָזע־ווערק, אָנגעהויבן פון אוניקאַלע ספאָרים פון פאַרצײַטיקע מעכאַברים ביז די ביכער, וועלכע זײַנען דערשינען אין דער סאַמע לעצטער צײַט; פּאָעטישע זאַמלונגען, ווערק וועגן קונסט; א ספּעציעלער שראַנק מיט ענציקלאָפּעדיעס, פאַר־שיידענע האַנטביכער. עטלעכע פּאָליצעס פאַר־נעמען ווערק פון די ייִדישע קלאַסיקער. און אָט איז א סטעלאַזש פון מעמואַר־ליטעראַטור, א פּאָליצע מיט קינדער־ביכער.

בעלע דערלאַנגט פונעם פּאַטערס שרײַבטיש א זײַטעלע פון א שילעריש העפטל, א פאַר־שריבנס מיט קיפּניסעס דריבנעם קסאַוו, און גיט עס מיר איבערלייענען. מיר דוכט, דאָס זײַטע־לע פּאַפּיר האָט נאָך פאַרהיט די וואַרעמקײַט פון דעם שרײַבערס האַנט. איך לייען: „ווען מע וויל מיר שענקען א טײַערן קאָסטבאַרן טע־פּיך — דאַרף איך אים לאַכלוטן ניט. קיין דאַטשע קיין אייגענע דאַרף איך ניט, קיין אוי־טאָמאָביל קיין אייגענעם דאַרף איך ניט. און מיט א פּריש צוגעקומענעם סייפער פריי איך זיך און דערפיל זיך רײַך".

עס קלינגט דער שטוב־טעלעפאָן. בעלע נעמט דאָס טרײַבל. איך הער, ווי זי זאָגט:

— אלץ פאַרבלײַבט אזוי, ווי באַם פּאַטערס לעבן. יאָ, יאָ, דאַנערשטיק.

— דאַנערשטיק, — זאָגט זי, — איז געווען דער טאָג, ווען דער טאַטע פלעגט ארויסגעבן פון זײַן פערזענלעכער ביבליאָטעק ביכער אף לייענען, ארויסגעבן יעדן, ווער ס׳האָט נאָר געוואָלט. אין דעם טאָג פלעגט בא אונדז די טיר זיך ניט פאַרמאַכן.

עס גייט אוועק א רייד וועגן דעם שרײַבערס ליטעראַרישער יערושע. כאָטש בעלע איז א פאַרנומענער מענטש, א לערערן פון ענגליש אין א מיטלשול, און עס פעלן איר ניט אויס פּעדאַגאָגישע און געזעלשאַפטלעכע איניאַנים, שענקט זי פיל צײַט און קויעך אף צונויפזאַמ־לען און ברענגען אין א געוויסן סיידער אלץ, וואָס ס׳איז פאַרבליבן נאָך קיפּניסעס טויט. דער אײַנדרוק איז בא מיר אזא, אז קיפּניסעס יערו־שע איז פאַרבליבן אין געטרײַע הענט. עס זײַ־נען שוין געווען א פּאָר פאַלן, ווען מענטשן, וואָס די נאַטור האָט זיי ניט באַשאָנקען מיט קיין איבעריקער איידלקײַט, האָבן געפּרוווט עפּעס אויסדינגען פאַר זיך פון קיפּניסעס שרײַבערישן פאַרמעגן, האָט בעלע זיי געזאָגט:

— פון דעם פּאַטערס שטוב וועט אפילע די מינדסטע קלייניקײַט ניט אוועקגיין...

מיר בלעטערן דעם שרײַבערס ארכיוו און טרעפן אָן אף דערציילונגען, וועלכע זײַנען נאָך ניט געווען געדרוקט. עטלעכע פון זיי האָט בעלע טאַקע דאָ אפן אָרט איבערגעגעבן אין רעשוס פון „סאָוועטיש היימלאַנד".

עס איז ברייט באַוווסט איציק קיפּניסעס ליבע צו נעגינע.

— דער טאַטע, — זאָגט בעלע, — האָט פאַרשריבן 115 מאַגניטאָפאָן־באַבינעס מיט פאָלקס־לידער, ניגונים, סטאַם רייד פון פרײַנט און כאַווירים. מיר האָבן אויך פאַרשריבן זײַן אייגן קאָל, ווי ער לייענט פּאָעזיע, אייניקע זײַנע דערציילונגען, פּאַשעטע היימישע רייד, זײַנע ווינטשעוואַניעס פאַר גוטע פרײַנט.

מיר געזעגענען זיך. עטלעכע שאָ איז איציק קיפּניס, ווי א לעבעדיקער, געווען מיט אונדז...

הערשל פּאָליאַנקער וווינט זייער נאָענט פון די קיפּניסעס. איר דאַרפט עטוואָס זיך אופהייבן ארופצו צו דער לענין־גאַס, וועט איר אפן ראָג גלײַך דערזען דאָס באַקאַנטע שרײַבער־הויז.

נאָך אף דער שוועל באַגעגנט מיך פּאָליאַנ־קער, ווי זײַן טעווע איז, מיט א פריילעכן וויץ. אין זײַן ארבעטס־צימער איז געררים, ליכטיק און היימלעך. איך דערזע אף זײַן שרײַב־טיש די קאָרעקטור־בויגנס פון „סאָוועטיש היימ־לאַנד".

— עס וועט זײַן וואָס צו לייענען, — זאָגט פּאָליאַנקער און גיט צו מיט א שמייכל, — עמעס, ס׳וואָלט ניט געשאַדט, אז אינעם נומער זאָל נאָך זײַן א ביסל הומאָר...

— אדראַבע. בא דיר באַקומט זיך עס ניט שלעכט...

עטיע, דעם שרײַבערס פרוי, איז אונדז מעכאַ־בעד מיט קאַווע. עס פאַרבינדט זיך א געמיט־לעכער שמועס.

פּאָליאַנקער איז א מיטגליד פון דער פאַר־וואַלטונג פונעם שרײַבער־פאַריין פון אוקראַיִ־נע, און ער ווייסט בעסער איידער עמעצער אַנ־דערש, ווי אַקטיוו עס איז דער אָנטייל פון די ייִדישע שרײַבער אין דעם אלגעמיינעם ליטע־ראַטור־פּראָצעס. ס׳איז געווען זייער אָנגענעם צו דערוויסן זיך, אז די שאַפונג פון די ייִדישע שרײַבער ווערט הויך געשעצט מיצאַד זייערע קאָלעגן אין דער ברידערלעכער אוקראַיִנישער ליטעראַטור.

— אונדזערע ווערק, — דערציילט פּאָליאַנ־קער, — ווערן סיסטעמאַטיש איבערגעזעצט אף אוקראַיִניש און אף רוסיש. — ער נעמט ארויס פונעם טישקעסטל און באַווײַזט מיר א רעשימע פון די איבערגעזעצטע ביכער: נאָטע לוריעס ראָמאַן „הימל און ערד", יעכיִעל פאַליקמאַנס „פאַרורטיילטע נעמען געווער", הערשל פּאָליאַנ־

קערס „סאנטאָס און זײַנע יאָרשים", לידערזאמלונגען פון מאָטל טאלאלאַיעווסקי, דאָרע כײַקינע, ריווע באליאסנע, יאָסל בוכבינדער, מישע מאָגילעוויטש, פּיניע קיריטשאנסקי. פון דער ליטעראַרישער יערושע איז דאָ ניט לאנג ארויסגעגעבן געוואָרן אף אוקראַיִניש די צווייטע אופלאגע פון אווראָם קאהאנס ראָמאן „שאָלעם־אלייכעם" און א בוך קריטישע ארטיקלען פון מוישע דובילעט.

די ווערק פון די ייִדישע שרײַבער זעצן איבער די בעסטע אוקראַיִנישע וואָרט־מײַסטערס. אזוי איז געווען שטענדיק: פּאוולאָ טיטשינא האָט

פון רעכטס אף לינקס: הערשל פּאָליאנקער און די אוקראַיִנישע שרײַבער פּאוולאָ אוסענקאָ, מיקאָלא אופּעניק, לעאָניד פּערוואָמײַסקי

איבערזעצט אַשער שווארצמאנען, מאקסים רילסקי — דאָוויד האָפשטיינען, וולאדימיר סאָסיורא — איציק פעפערן. עס האָט זיך אײַנגעשטעלט א לאנגאָניקע אינטערנאציאָנאליסטישע טראדיציע, אן אויסדרוק פון דער שעפערישער פארברידערונג צווישן די אוקראַיִנישע און ייִדישע שרײַבער.

הערשל פּאָליאנקער דערציילט ווײַטער וועגן א באשלוס פונעם שרײַבער־פארבאנד און פון דעם פארלאג „ראדיאנסקי פּיסמעניק" ארויסצולאָזן אף אוקראַיִניש א זאמלונג פון פופצן דרוקבויגן, אין וועלכער עס זאָלן זײַן פאָרגעשטעלט אלע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער, וואָס זייער לעבן און שאפונג איז פארבונדן מיט אוקראַיִנע. „דאָ איז אונדזער היים" — אזוי וועט הייסן די דאָזיקע זאמלונג, און שוין אין דעם נאָמען אליין ווערט אונטערגעשטראָכן די טיפע פארוואָרצלטקײַט אין דער אוקראַיִנישער ערד. פּאָליאנקער איז איינער פון די צונויפשטעלער פון אָט דער זאמלונג.

דער שמועס גייט אריבער צו די שעפערישע איניאָנים פונעם שרײַבער גופע.

איך פרעג בא פּאָליאנקערן, צי ער איז צופרידן מיט דעם 1974 יאָר, צי זײַנען מעקוייעם געוואָרן זײַנע שעפערישע פארטראכטן.

— איך האָב קיינמאָל ניט קיין פאריבל אף דער צײַט, — ענטפערט ער, — עפשער בלויז אף דעם, וואָס דאָס יאָר פארמאָגט אינגאנצן 365 טעג און דער מעסלעס בלויז פיר און צוואנציק שאָ. אין שעפערישן הינזיכט איז עס געווען א גוט יאָר. אין „סאָוועטיש היימלאנד" איז אָפּגעדרוקט געוואָרן מײַן ראָמאן „שטארקער פון אײַזן". כ'האָב אָנגעשריבן א ריי פריילעכע געשיכטעס וועגן אונדזער לעבנסשטייגער. דאָס איז א פאָרזעצונג פון דער סעריע דערציילונגען, וואָס דער זשורנאל האָט שוין פריִער געדרוקט. גלײַכצײַטיק שרײַב איך די פאָרזעצונג פונעם ראָמאן „שמײַע גאזלען". און נאָך. איך וויל מאכן א רײַזע איבער די שטעט און שטעטלעך פון אוקראַיִנע, און איך האָף, אז דאָס וועט מיר געבן שטאָף פאר א סעריע רײַזע־נאָטיצן וועגן אונדזער הײַנט...

יעכיִעל פאליקמאן האָט דאָ ניט לאנג פארענדיקט דעם דריטן בוך פון זײַן טרילאָגיע וועגן דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, און דאָס האָט מיך, נאטירלעך, געפרייט, ווי עס קאָן פרייען א דערפאָלג פון אן אלטן פרײַנט.

איך האָב געטראָפן פאליקמאנען אין קיך קאָכן ווארמעס.

— דאָרע איז ניטאָ אין דער היים, מוז איך שוין אליין...

זײַן פרוי, די דיכטערן דאָרע כײַקינע, געפינט זיך איצט אינעם אירפעניער שרײַבער־הויז.

— נו, און עס באקומט זיך בא דיר?

— מיט דער הילף פון דאָרעס אינסטרוקציעס, דורכן טעלעפאָן...

— וואָס זשע פאר א מײַכל קאָכסטו איצט?

— א יויך פון רינדן־פלייש מיט הרעטשענער קאשע. דעריקער, זאָלסטו וויסן, איז טאקע די קאשע. מע דארף גוט אכטונג געבן, האלטן זי אף א קליין פײַערל און אָפּט זי מישן. נאָר וואָס שטייען מיר דאָ, קום, וועל איך דיר באַווײַזן אונדזער דירע, ביסט דאָך דאָ בא אונדז נאָך ניט געווען.

די דירע איז טאקע א גוטע. אין די דרײַ צימערן איז ציכטיק און באקוועם. דעם שמועס זעצן מיר פאָר אין פאליקמאנס שרײַב־צימער. קיין איבעריקע זאכן זײַנען דאָ ניטאָ. א גרויסער שרײַב־טיש, א פאָטעל, א פאָר בענקלעך, צוויי ביכער־שראנקען און א דיוואן.

פאליקמאן האָט ליב און קאָן דערציילן. נאָר אָט דערמאָנט ער זיך אין עפּעס, טוט זיך האַסטיק א הייב אוף פונעם דיוואן, און מיט א געשריי: „אוי, די קאשע!" לויפט ער ארויס אין קיך, פאָרעט זיך דאָרט א ווײַלע און קערט זיך אום א שמייכלענדיקער:

— נאָך ניט אינגאנצן פארברענט געוואָרן...

מיר לאכן ביידע.

— איצט, — זאָג איך אים, — ווען דײַן באַהאוונטקײַט אין קולינאריע רופט בא מיר ניט ארויס קיין שום צווייפל, לאָמיר א שמועס טאָן וועגן אן אנדער געביט, וואָס איז דיר אויך ניט אינגאנצן פרעמד — וועגן ליטעראטור.

— מײַן ערשטע פראגע און די ערשטע באַקאָשע, — זאָג איך אים, — דערצייל, ווען און וויאַזוי האָסטו אָנגעהויבן שרײַבן דײַנע מילכאָמע־ראָמאנען?

— דעם 24 נאָיאבער 1944, אין א פויליש דערפל יעזשעוויצא, וואָס געפינט זיך אפּן וועג פון פשעמישל קיין סאנדאָמיר און זשעזשוו, אין א פויעריש שטיבל, א פארזינקטס אין בלאָטע, א פארפליוכעטס פון רעגן, האָב איך אָנגעהויבן שרײַבן דעם ערשטן פון מײַנע מילכאָמע־ראָמאנען, וואָס האָט דעמלט געהייסן „די שײַן קומט פון מיזרעך", און איצט, ווען עס זײַנען, נאָך דער ערשטער ייִדישער אויסגאבע, געמאכט געוואָרן נאָך אכצן וואריאַנטן, און דער נײַנצנטער איז שוין דער ענדגילטיקער, הייסט דער בוך „די פארורטיילטע נעמען געווער". אין דעם אינדערפרי פונעם 5 יול 1974, א פאַרגאָסענעם מיט זון, א פארפולטן מיט היסלײַוועסדיקן פויגל־געצוויטשערײַ, האָב איך אָנגעשריבן די לעצטע שורעס פון מײַן דריטן ראָמאן, וואָס שליסט די עפּאָפּיי וועגן דער גרויסער מילכאָמע קעגן פאשיסטישן דײַטשלאנד. דער סיידער פון די ראָמאנען איז אזא: „די פארורטיילטע נעמען געווער", „דער שווארצער ווינט", „פײַער און אש"...

— א קלאָרע זאך, — זעצט פאָר פאליקמאן, — כ'האָב פאר אָט די יאָרן געשריבן ניט נאָר די טרילאָגיע. איך האָב אויך דערציילונגען, צומיינסטנס וועגן דער מילכאָמע, און אויך אזעלכע, ווו עס איז געשילדערט דאָס ביז־ און נאָכמילכאָמעדיקע לעבן, א ציקל „דער מאמעס מײַסעס", וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין „סאָוועטיש היימלאנד" מיט א יאָר צוריק. נאָר דעריקער, מיט אלע מײַנע געדאנקען און געפילן, בין איך צוגעאנקערט געווען צו אָט די דרײַ ראָמאנען, און גרויס איז מײַן גליק — איך האָב זיי פארענדיקט...

אין צענטער פונעם ראָמאן, ווי באַוווּסט, שטייט די מישפּאָכע קרעמעז, און כאָטש דער סוינע האָט אומגעבראכט פיל פון אָט דער מישפּאָכע, קומען אויך די קרעמעזעס צום טאָג פונעם ניצאָכן.

די ערשטע צוויי ראָמאנען זײַנען שוין באַוווּסט דעם לייענער. „די שײַן קומט פון מיזרעך" איז דערשינען אף ייִדיש, דער ענדגילטיקער וואריאַנט — „די פארורטיילטע נעמען געווער" — איז צוויי מאָל ארויסגעגעבן געוואָרן אף אוקראַיִניש, דאָס צווייטע מאָל, אין 1973, אין פופציק טויזנט עקזעמפּליארן. „דער שווארצער ווינט" איז צוויי מאָל דערשינען אף רוסיש אינעם מאָסקווער פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" (די צווייטע אופלאגע אין 1974 — אין הונדערט טויזנט עקזעמפּליארן). „פײַער און אש" דרוקט זיך אין „סאָוועטיש היימלאנד", איך האָף, אז אין מעשעך פונעם 1975 וועט דער ראָמאן פארעפנטלעכט ווערן ביזן סאָף.

— וואָס האָסטו געפילט, ווען דו האָסט אוועקגעשטעלט די „טאָטשקע", דעם פּונקט, ווען דו האָסט דערזען דאָס לעצטע אָנגעשריבענע זײַטל פון דער טרילאָגיע.

— וואָס האָב איך געפילט? פרייד, טיפע פרייד, וואָס עס האָבן מיר געקלעקט יאָרן און קויכעס צו אָנשרײַבן דאָס, וואָס עס האָט געבושעוועט, געשריגן אין מײַן בלוט, אין מײַן הארצן. נו, און א קאפּעטשקע טרויער, ניין, ניט דערפאר, ווײַל כ'בין, קלוימערשט, געבליבן אָן ארבעט — ארבעט איז דאָ, — טרויער, ווײַל עס באקומט זיך, ווי איך וואָלט זיך געזעגנט מיט מײַנע העלדן, מיט די לעבעדיקע און מיט די טויטע. די טויטע האָבן זייערס אָפּגעטאָן, די לעבעדיקע זײַנען אוועק אין לעבן, און עס וואַרטן דען אף זיי ניט, באנאנד מיט גליק, אויך נײַע אויספּרוּוון? האָב איך געקוקט אין צעעפנטן פענצטער, אינעם גרינעם סאָד, ווו די פייגל האָבן געצוויטשערט, ווו עס האָבן אפּן גראָז, אף די צווײַגן זיך געמינעט זון־פלעקן, און איך האָב געטראכט: „גייט, גייט ווײַטער, ווירדיק און שיין און זאָל אײַך זײַן גוט". און נאָך האָב איך געטראכט: „עפּשער וועלן מיר זיך נאָך באגעגענען אין לעבן, עפּשער וועל איך נאָך שרײַבן וועגן אײַך..." עפּשער.

— און די לעצטע טראדיציאָנעלע פראגע: וואָס טוסטו איצט?

— איך שרײַב קליינע דערציילונגען. שטענדיק, נאָך א גרויסער ארבעט, קלײַבן זיך אָן קלענערע זאכן. איך שרײַב איצט אויך ווײַטער — צו דעם האָב איך זיך גענומען גאָר מיט גרויס דאָרשט — „דער מאמעס מײַסעס". און נאָך טו איך איצט: מאך אן ענדגילטיקע רעדאקציע פונעם ראָמאן „די פארורטיילטע נעמען געווער", לייען זיך ווידער אײַן אין יעדער שורע. איך גלייב, אז אין אָט דער ענדגילטיקער

רעדאַקציע וועט דער בוך דערשײַנען אױף ייִדיש. אָט אַזױ לעב איך איצט...

— איך ווייס א ביסל דײַן מילכאָמע־ביִאָגראַ־פיע. דו ביסט געווען בא סטאַלינגראַד, אױף דעם קורסקער בויגן, דערנאָך זיך באטייליקט אין די שלאַכטן פאר באפרײַען אוקראַיִנע. ווו האָסטו פאַרענדיקט די מילכאָמע? ווו האָט דיך געטראָפן דער לעצטער ניצאָכן־זאַלפּ?

פאַליקמאַן נעמט ארויס פון שראַנק און באַוויַיזט מיר א פאָטאָגראַפיע: ער שטייט לעבן דעם רײַכסטאַג — א יונגער, א שטרענגער, און לינקס פון אים, אױף דער וואַנט פונעם רײַכסטאַג — אַן אויפשריפט, וואָס ער האָט אָקאָרשט מיט א שטיקל קרײַד געמאַכט:

יעכיִעל פאַליקמאַן באַם רײַכסטאַג. בערלין, 1945

„די דײַטשן האָבן פאַרניכטעט אין מײַן מיש־פּאָכע אכט און דרײַסיק מאַן. איך בין אין בערלין. הייסט עס — כ'האָב אָפּגעצאָלט!

גוואַרדיע־מאַיאָר
י. פאַליקמאַן"

...דאָס האָט טאַקע אליין זאַבאַרע פאָרגעלייגט, מיר זאָלן פארברענגען די פּאָר שאָ אױף דער פרישער לופט.

— א גוט ערטעלע — דער סאָוועטסקי פּאַרק, — האָט ער געזאָגט צו מיר אין טעלע־פאָן, — שאַ, ס'איז דאָך מאַמעש צוויי טריט פון דעם האָטעל „קיִעוו", ווו דו האָסט זיך אָפּ־געשטעלט. מיר וועלן פּאַראַמאָל שפּאַצירן דרײַ שאָ: זיך אָנריידן צו זאַט, דורכלופטערן די לונגען מיט א פײַנער פּאָרציע זויערשטאָף, און פון דעם ווונדערלעכן פלאַץ לעבן דעם אויבער־סאָוועט א קוק טאָן אױף דעם אָפּדערנאַכטיקן דניעפּער...

לאַנג אײַנריידן מיך האָט ער ניט באַדאַרפט. און אָט שפּאַצירן מיר אין פּאַרק, גייען דער־נאָך אריבער אױף דעם פלאַץ, וועלכער איז ווי א דערגאַנצונג צום פּאַרק. די אילומינירטע סוידעספּולע פאָנטאַנען, די קונציק געמאַכטע בלומען־קלומבעס און די העלע פּראָזשעקטאָר־לעמפּ מאַכן דעם פלאַץ אין אָט דער אָפּדערנאַכ־טיקער שאָ פאַנטאַסטיש שיין, ווי אין א מײַ־סעלע.

נאַטאַן זאַבאַרען האָב איך געבראַכט א בינטל לייענער־בריוו, וואָס די רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט באַקומען וועגן די ערשטע צוויי ביכער פון זײַן נײַ ווערק — די היי־סטאָרישע ראָמאַנען „ס'איז נאָך גרויס דער טאָג" און „אונטער דער הייסער זון פון פּראָ־וואַנס", — און א יעדיִע וועגן דעם, אז דער דריטער בוך — „אײַנמיטן העלן באַטאָג". — וועט פאַרעפנטלעכט ווערן אין זשורנאַל אין די ער־שטע דרײַ נומערן פונעם נײַעם יאָר.

האָט אונדזער שמועס, נאַטירלעך, טאַקע פון דעם זיך אָנגעהויבן. איך דערציייל זאַבאַרען, אז בריוו וועגן זײַנע צוויי ביכער זײַנען געווען פאַרשיידענע: באַגײַסטערטע, און אויך אזעלכע, וואָס שטרײַטן וועגן עפּעס, אָבער קיין גלײַכ־גילטיקע בריוו זײַנען ניט געווען. איך זאָג ארויס מײַן מיינונג, אז די פּאָלעמיק אין „סאָ־וועטיש היימלאַנד" וועגן דעם ערשטן בוך איז אויך א גוטער סימען — דאָס ווערק האָט ארויסגערופן אינטערעס.

— כ'האָב אויך באַקומען בריוו פון לייע־נער, — זאָגט זאַבאַרע, — א קלאָרע זאַך, דאָס גוטע וואָרט זייערס איז די העכסטע לוין. די קריטישע באַמערקונגען פון די לייענער און די פּאָלעמיק אינעם זשורנאַל האָבן געהאַט פאַר מיר א גרויסע ווערט בייס דער ארבעט איבער די ווײַטערדיקע טיילן פונעם ראָמאַן.

נאַטאַן זאַבאַרע רעדט ווייניק און ניט גערן וועגן זײַן שרײַבערישער לאַבאָראַטאָריע. פונ־דעסטוועגן גיט זיך מיר אײַן עפּעס־וואָס צו דערוויסן זיך פון דעם, וואָס עס אינטערעסירט די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד", און פריִער פאַר אַלץ וועגן דעם פערטן בוך פונעם ראָמאַן.

— בא דעם פינִיש, — רופט זיך אָן זאַבאַ־רע, — איז שטענדיק שווערער, ווי בא דעם סטאַרט. און פאַרגעס ניט, אז ווען כ'האָב אָנ־געהויבן שרײַבן דעם ראָמאַן, בין איך געווען ייִנגער מיט א מיטוואָך.

— און דאָך, אויב ס'איז ניט קיין סאָד, ווען רעכנסטו פאַרענדיקן דעם פערטן בוך?

— דער שרײַבער ווייסט, ווען ער הייבט אָן שרײַבן דאָס ווערק, אָנרופן דעם טאָג, ווען ער וועט עס פאַרענדיקן, וואָלט געווען פּוסטע באַ־רימערײַ. איך קאָן בלויז זאָגן, אז ס'איז מיר פאַרבליבן אָנצושרײַבן די לעצטע צוויי קאַ־פּיטלען, און איך ארבעט איבער זיי זייער אָנ־געשטרענגט.

— אף אָנצושרײַבן אזא עפּיש ווערק, פאַרשטיי איך, האָסטו באדארפט זיך באנוצן מיט פיל קוואלן...

— האָסט קימאט אליין שוין געענטפערט אף דער פראגע. קאָן איך בלויז פאַרפינקטלעכן: אלץ, וואָס איז דאָ אין אונדזער רעשוס פון די מאטעריאלן וועגן יענער עפּאָכע און וועגן ייִדן אין יענער צײַט, האָב איך, פאַרשטייט זיך, דורכשטודירט.

ווען עס גייט אוועק א רייד וועגן די באַזונדערקײַטן פונעם היסטאָרישן זשאַנער און וועגן די געוויסע שוועריקײַטן, אף וועלכע דער מעכאַבער שטויסט זיך אָן באַם שרײַבן, טוט זאבארע א זאָג מיט א שמייכל:

— פאַרשטייט זיך, ס'וואָלט געווען גוט, ווען מע קאָן נעמען אין שרײַבער־פאַרבאַנד א שעפערישע קאָמאַנדירונג, זיך אראָפּכאַפּן אף דער סטאַנציע „צוועלפטער יאָרהונדערט", פון דאָרטן פאַרקערעווען קיין דאָרעם־פראַנקרײַך, אין די שטעט פון פּראָוואַנס און ווײַטער — קיין באַרסעלאָנע, קיין רוים, זיך אויסטײַנען דאָרט מיט דעם פויפּסט אינאָקענטיִוס דעם III, און, פאַרייַנוועגס, כאָטש מיט איין אויג א קוק טאָן, וויִאַזוי עס לעבן מײַנע העלדן, לעמאָשל, וואָס פאַר א מײַכאָלים זיי האָבן ליב און אין וואָס פאַר א האַלבאָשע זיי זײַנען געקליידט, און נאָך אַזעלכע זאַכן...

מיר גייען צו צום ראַנד פונעם פּלאַץ, שטעלן זיך אָפּ באַ א האַלב־רונדן, ניט־הויכן בעטאָנענעם ווענטל, און עס עפנט זיך פאַר אונדז א וווּנדערלעכע פּאַנאָראַמע פונעם לינקן דניעפּער־ברעג.

— סאַרא שיינקײַט! — רופט זיך אָן זאבארע. — און געווען איז דאָ, גאָרניט אַזוי לאַנג צוריק, בלויז וואַלד, זאַמד און וואַסער. איינעם פון אָט די נײַע וווין־מאַסיוון — רוסאַנאָווסקאַיאַ נאַבערעזשנאַיאַ — רופט מען באַ אונדז „קיִעווער ווענעציע".

דער שרײַבער איבעראַשט מיך מיט זײַן אײַנפאָרמירטקײַט. ער זאָגט:

— יעדן טאָג פּראַווען אין קיִעוו כאַנוקאַס־האַבאַיִס 80 מישפּאָכעס...

אָט די נײַע, שיינע שטאָט אף יענער זײַט דניעפּער מיט אירע פילגאָרנדיקע מאָדערנע געבײַען האָט, זעט אויס, ארויסגערופן באַ אונדז ביידן אַלציינע געפילן, און מיר האָבן זיך צערעדט וועגן דעם הײַנטיקן טאָג, וועגן דער רייזיקער בויונג אין לאַנד און וועגן אונדזערע מענטשן, וועלכע מיִען זיך מעסירעסנעפּעשדיק.

נאַטאַן זאבארע שטייט א ווײַלע פאַרטראַכט און זאָגט:

— איך בין א שטיקל באַלכוייוו פאַר מײַנע מיטצײַטלער, נאָר איך האָב שוין א פּלאַן: ווי נאָר אונדזערע ווײַטע אָוועס לאָזן מיך ארויס פון דער זיסער געפאַנגענשאַפט, בעט איך באַ דער רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד" א קאָמאַנדירונג און לאָז זיך אוועק אפן אוראַל, קיין ניזשני טאַגיל. איך וויל אָנשרײַבן א סעריע פאַרצייכענונגען וועגן א ייִדישער דינאַסטיע אין דער שווערער אינדוסטריע. איך האָב שוין אפילע אָנגעשריבן א בריוועלע צו די פּראָטאָטיפּן פון מײַנע קינפטיקע העלדן...

מיט כאַצקל טאַבאַטשניקאָוון איז מיר, צום באַדויערן, ניט אויסגעקומען זיך צו זען. אין דעם זעלבן טאָג, ווען איך בין געקומען קיין קיִעוו, איז ער אוועקגעפאָרן. מיר האָבן געמוזט זיך באַנוגענען מיט א קורצן געשפּרעך דורכן טעלעפאָן. ער דערציילט מיר, אז ער פאָרט קיין מאָסקווע מיקויִעך זײַן בוך, וואָס ער האָט אָפּגעגעבן אינעם פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל". דאָס בוך דאַרף דערשײַנען הײַנטיקס יאָר. אין פאַרלאַג דאַרף ער פאַרפינקטלעכן אייניקע פּראָטים.

— א נײַער בוך, — זאָגט טאַבאַטשניקאָוו, — איז שטענדיק א יאָמטעוו. עס גייען אין מײַן בוך אַרײַן שאַפונגען פון פאַרשיידענע יאָרן. אייניקע זײַנען געווען געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד", לעמאָשל די „באַרשעווער מאָטיוון", אַנדערע זײַנען נאָך ניט געווען געדרוקט. איז עס אין א געוויסן זין א סאַכאַקלבוך...

איך פרעג טאַבאַטשניקאָוון, צי איז ער צופרידן מיט דעם יאָר, וואָס איז פאַרגאַנגען.

— פאַר יעטווידן שרײַבער איז א גוט יאָר דאָס, וואָס האָט געבראַכט נײַע דערציילונגען, קאַפּיטלען צו א ראָמאַן. אין דעם פּראַט קאָן איך צו דעם פאַרגאַנגענעם יאָר קיין גרויסע טײַנעס ניט האָבן. איך האָב צוגעגרייט און אָפּגעגעבן אין פאַרלאַג דאָס בוך, אָנגעשריבן עטלעכע דערציילונגען, מיט וועלכע איך האָף, אַז די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" וועלן מיט דער צײַט האָבן די מעגלעכקײַט זיך צו באַקענען.

אין איינעם, בעעמעס טאַקע א שיינעם זוניקן טאָג, זײַנען די קאָבריאַנסקיס געווען צווישן יענע אכציק קיִעווער מישפּאָכעס, וואָס האָבן געפּראַוועט כאַנוקאַס־האַבאַיִס אף דער „לעוואָבערעזשיע" — אַזוי רופט מען דעם נײַעם וווין־מאַסיוו, אין וועלכן מיר — זאבארע און איך, האָבן זיך געשפּיגלט, שטייענדיק באַם ראַנד פונעם פּלאַץ אפן הויכן ברעג פונעם דניעפּער.

— דאָס ערשטע מאָל, — זאָגט מיר מאָזי קאָבריאַנסקי, — וועט אײַך זײַן שווערלעך מיך אָפּצוזוכן, איז עפשער וואָלט געווען בעסער, איך זאָל קומען צו אײַך?

ער איז געקומען אין אָן אפּדערנאַכטיקער שאָ, ווען מיר ביידע האָבן זיך שוין אינגאַנצן אָפּגעפּאַרטיקט מיט די באַטאָגיקע איניאָנים און האָבן געקאָנט זיך דורכשמועסן ניט געײַלט.

ביז אָט דער באַגעגעניש, דאַרף איך זיך מודע זײַן, בין איך געווען קנאַפּ באַקאַנט מיט דעם שרײַבערס לעבן. בעט איך אים, ער זאָל מיר צוערשט דערציילן א ביסל וועגן זיך. איך האָב געוואָלט דעריקער דערגיין, פונוואַנען עס נעמט זיך באַ אים די זאַפטיקע פאָלקסטימ־

לעכע שפּראַך און די קאָלאָריטע אַמכאָ־געשטאַלטן?

האָט ער דערציילט:

— געבוירן בין איך אין דעם שטעטעלע ראַסאווע, ניט ווײַט פון באָסלעוו. מײַן טאַטע האָט אַלע זײַנע יאָרן געאַרבעט באַם פּאָרעץ אױף דער עקאָנאָמיע. שפּײַזן, קליידן אַ מישפּאָכע פון אַכט מענטשן איז אים געווען ניט גרינג... בײַ אונדז אין שטוב פלעגט שטענדיק זײַן פול מיט ראַסאווער טױשװים. אַז מע האָט באַדאַרפט אָנשרײַבן אַ „פּראָשעניע“, פלעגט מען קומען צו בענציע קאָבריאַנסקין. איך פלעג זיך צוהערן צו די רייד בײַ אונדז אין שטוב. אַזױװי איך בין געווען דער קלענסטער צווישן די קינדער, דער מעזיניק, האָט מען, וואַרטנדיק אױפֿן פּאָטער, זיך פאַרנומען מיט מיר, דערציילט מײַסעס, גערעדט וועגן פאַרשיידענע פּאַסירונגען. אַ סאַך מײַסעס און ווערטלעך האָבן זיך אױף אײביק אײַנגעקריצט אין מײַן זיקאָרן. כוץ דעם, איז בײַ מיר געווען אַ גוטער רעבע. פון דעם קאַנטשיק האָט ער ניט געהאַלטן... ווי נאָר איך האָב געהאַט אַ פרײַע מינוט, בין איך געלאָפן צו אײַזיק דעם קאָוועלס קוזניע, וואָס איז געשטאַנען ניט ווײַט פון אונדזער שטוב. איך האָב ליב געהאַט קוקן, ווי דער שמיד בייגט אויס פון אַ שטיק אָנגעגליטן אײַזן פּידקאָוועס, קאָוועט אויס אַן אַקס צו אַ וואָגן. דעמלט האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז די אַרבעט זײַנע איז ניט קיין שווערע, נאָר ווען מיט יאָרן שפּעטער איז מיר אַליין אויסגעקומען צו זײַן אַ שלאָסער, האָב איך ערשט פאַרשטאַנען, ווי שווער עס איז אײַזיק דעם קאָוואַל אָנגעקומען דאָס שטיקל ברויט...

וועגן זײַנע שפּעטערישע אינינאָנים רעדט קאָבריאַנסקי שפּאָרעוודיק:

— אָפּגעגעבן אין מאָסקווער פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“ אַ בוך אין ייִדיש און אין דעם קיִעווער פאַרלאַג „ראַדיאַנסקי פּיסמעניק“ אַ בוך אין דער איבערזעצונג אױף אוקראַיִניש. פאַרענדיקט אַ גרעסערע דערציילונג — „מאַמע אַנע“ — וועגן מענטשלעכע גורלאָלעס אין דער נאָכמילכאָמע־צײַט. אױף אָנשרײַבן אָט די דערציילונג און דעם קורצן ראָמאַן „שאַשטיל“, מיט וועלכן דער לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ איז שוין באַקאַנט, איז בײַ מיר אַוועקגעגאַן קאַרגע דרײַ יאָר.

דער שרײַבער איז פול מיט נײַע שפּעטערישע פאַרטראַכטן:

— איך מוז זיך נעמען פאַרן העמשעך פון „זאַווערוכעס“. זיי קלאַפּן מאַמעש צו מיר אין פענצטער און לאָזן ניט צורו. ווײַטער, ווערט בײַ מיר צוביסלעך רײַף אַ דראַמאַטורגישער סוזשעט אױף אַן אַקטועלער טעמע פון אונדזערע טעג, און עס וואַרטן אױף זייער ריי נאָך עטלעכע דערציילונגען וועגן אַרבעטס־מענטשן. איך קאָן נאָך דערווײַל ניט וויסן, וואָס עס וועט פריִער אַרויס פון אונטער דער פּען, און עפשער איז עס שוין ניט אַזוי וויכטיק. פאַר מיר איז וויכטיק אַ צווייטע זאַך — דאָס, וואָס עס וועט זיך אָנשרײַבן, זאָל ניט זײַן קיין מאַפּעלע...

* * *

ווי זאָגט דער פּאָעט— «Я сам расскажу о времени и о себе» „איך וועל אַליין דערציילן וועגן דער צײַט און וועגן זיך“. יאָ, פרײַנט מײַנע, דיכטער, דערציילט אַליין וועגן זיך, אַזוי וועט זײַן בעסער. נאָר פריִער לאָזט מיך זאָגן בלויז געציילטע עטלעכע ווערטער, וועלכע זײַנען אָנגעמאָסטן צו אײַך אַלעמען, ווי צו אַ קלאַל.

אַלע ייִדישע דיכטער פון קיִעוו האָב איך געטראָפן בײַ דער אַרבעט. אַלע אָן אויסנאַם האָבן געשריבן — ווער אַ נײַע ליד אָדער אַ פּאָעמע, ווער — זיכרוינעס, ווער אַ דערציילונג און אַפילע אַ ראָמאַן. יעדער איינער האָט אין פאַרגאַנגענעם יאָר אָדער שוין אַרויסגעלאָזט, אָדער אָפּגעגעבן אין פאַרלאַג אַ לידער־זאַמלונג. דאָס 1975 יאָר זאָגט צו אַ גוטע דיכטערישע גערעטעניש.

און איצט האָט איר דאָס וואָרט און שמועסט זיך אַליין דורך מיטן לייענער.

דאָרע כײַקינע:

— איך רעד פון אירפּען, אין וואַלד איז דאָ איצט זייער ווויל. כאַפּ זיך אַראָפּ אַהער, וועסטו זען, וויפל זאָרג מע ווײַזט דאָ אַרויס וועגן די שרײַבער.

וואָס איך שרײַב איצט?

ווי אַלעמאָל, שרײַב איך לירישע לידער. די וועלט איז דאָך אַזוי שיין און אַזוי ניט פּאָשעט... דאָס בעסטע, וואָס איך האָב געשאַפן פאַר די העכער פערציק יאָר, איז אײַנגעשלאָסן אין מײַן בוך, וואָס דאַרף האַיאָר דערשײַנען אין מאָסקווער פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“. די זאַמלונג הייסט „פון אַלע מײַנע וועגן“. און נאָך איין פרייד דערוואַרט מיך אין אָט דעם יאָר: אינעם קיִעווער פאַרלאַג „ראַדיאַנסקי פּיסמעניק“ דערשײַנט מײַן ביכל לידער „קווייטן פון פאַרשנייטע בערג“ אױף אוקראַיִניש.

איך וויל זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם גורל פון מײַן פּאָעמע „דאָס געזאַנג וועגן דאָקטער כאַווקין“. נאָך נאָטע לוריעס רעפּאָרטאַזש אין „סאָוועטיש היימלאַנד“, ווו עס איז דערציילט געוואָרן וועגן דער דאָזיקער פּאָעמע, און נאָך דעם, ווי זי איז אין סענטיאַבער 1973 אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן“, האָב איך באַקומען, טאַקע אױפֿן אַדרעס פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, אַ בריוו פון ניו־יאָרק פון אידאַ לוצקער, דעם וויצע־פּרעזידענט פונעם אַלוועלטלעכן כאַווקין־קאָמיטעט. זי האָט געבעטן אַ דערלויבעניש איבערצוזעצן די פּאָעמע אױף ענגליש פאַר אַ ספּעציִעלער מאָנאָגראַפיע, וואָס דערשײַנט צום 75־טן יובילייִ פון דעם כאַווקין־אינסטיטוט אין באָמביי. איך האָב, נאַטירלעך, געענטפערט, אַז אָט דער פאָרשלאָג פרייט מיך זייער.

וואָס נאָך זאָל איך אײַך דערציילן? לעצטנס האָב איך אָנגעהויבן שרײַבן פּראָזע. איך גלייב, אַז עס וועט קומען די צײַט, ווען מײַנע דערציילונגען וועלן געדרוקט ווערן אין „סאָוועטיש היימלאַנד“. נאָרוואָס האָב איך פאַרענדיקט נאָך

און ארבעט: אָנגעשריבן דערינערונגען וועגן איציק פעפערן, וועלכער האָט, אַגעוו, געהאַט א האשפּאָע אף מײַן שאפונג.

ריווע באַליאַסנע:

— צום באַדויערן, קאָן איך דיך איצט ניט פארבעטן צו זיך אהיים. איך האָב אָקאָרשט זיך אריבערגעצויגן אין א נײַער דירע און קיין איין זאך שטייט נאָך ניט אף אן אָרט. איז לאָמיר זיך דורכשמועסן דורכן טעלעפאָן.

— עפּעס א פײַנע דירע האָסטו איצט? — פרעג איך זי.

— טאַקע גאָר א פײַנע, פון דרײַ גערוימע צימערן. איך באַדויער, וואָס איך בין ניט קיין מאָלערן און קאָן ניט אָנמאָלן דאָס בילד, וואָס איך זע דורך מײַן פענצטער. פאר די אויגן ליגט קימאט גאַנץ קיִעוו — מײַן יונגע, שיינע היימשטאָט מיט אירע סעדער און פּלעצער, מיט אירע נײַע ווויִן־ראַיאָנען און אוראַלטע דענקמעלער, מיט דעם ראַכוועסדיקן דניעפּער. יאָ, א שאָד, וואָס איך בין ניט קיין מאָלערן...

איך פרעג, מיט וואָס פארסאַכאַקלט זי דאָס 1974 יאָר.

— מיט א נײַ בוך לידער, וואָס דאַרף דערשײַנען אף יידיש אין פארלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״; מיט א פּאָעמע, וועלכע איך האָב די טעג פארענדיקט — „אופשריפטן אף א דענקמאָל״ (צו דעם באַוווּסטן אלבאָם פונעם קינסטלער זיאַמע טאָלקאַטשאָוו „בלומען פון אָשווענצים״); מיט אן איבערזעצונג פון א ציקל לידער פון פּאַוועל ווינטמאַנען. דער דרײַ־און־צוואַנציק־יאָריקער רוסישער דיכטער איז העלדיש אומגעקומען בײַס דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, און זײַנע לידער זײַנען איצט, אין דרײַסיק יאָר ארום, אָפּגעזוכט געוואָרן. איך מיין, אז די דאָזיקע לידער, ווי דער טראַגישער גוירל פונעם יונגן דיכטער, וועלן געפינען אן אָפּקלאַנג אין די הערצער פון די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד״.

צו מײַנע שרײַבערישע סאַכאַקלען וויל איך אויך פארעכענען דעם בוך פּראָזע, איבער וועלכן איך ארבעט שוין אין מעשעך פון א פּאָר יאָר. „אונטער איין דאַך״ — אזוי וועט הייסן דער בוך — א בינטל ניט קיין גרויסע דערציילונגען, וואָס רירן אָן מאָראַליש־עטישע און שטייגער־פּראָבלעמען. דאָס בוך וועל איך, קאָן זײַן, פארענדיקן הײַנטיקס יאָר.

מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי:

— דו פרעגסט מיך, ווי איך לעב און וואָס איך טו אצינד? אין איינער פון מײַנע לידער האָב איך געשריבן:

איך הער ניט אויף טרוימען
און אומרויִק שטרעבן,
און אומרו ז׳בעמיילע
א סימן פון לעבן!

און כאָטש די קויכעס זײַנען שוין ניט קיין יונגע, ארבעט איך, ווי נאָך קיינמאָל ביז איצט, א סאך. די לעצטע צוויי יאָר זײַנען בא מיר אוועק אף שרײַבן א פּראָזע־ווערק. דאָס איז א ראָמאַן, אין וועלכן עס ווערט געשילדערט דאָס לעבן פון צוויי מישפּאָכעס, אן אָרעמער און א רײַכער, ערעוו און נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. עס ווערט דערציילט וועגן דעם גוירל פון א האָרעפּאַשנער ייִדישער פרוי, וועלכע האָט אויסגעכאָוועט אכט קינדער — זעקס זין און צוויי טעכטער, וואָס יעדערער פון זיי האָט זיך דורכגעשלאָגן אן אייגן סטעזשקעלע אין לעבן און פארנומען אין דעם א ווירדיק אָרט. די האַנדלונג אינעם ראָמאַן כאַפּט ארום א היפּשן היסטאָרישן צײַט־אָפּשניט פון העכער פערציק יאָר.

איך בין אויך פארטאָן אין דער ארבעט איבער א בוך נײַע לידער — דאָסראָוו אזעלכע, וואָס רופן זיך אָפּ אף די געשעענישן פון אונדזער צײַט. איך פארענדיק א בוך לידער פארן פארלאַג „ראַדיאַנסקי פּיסמעניק״. די איבערזעצער זײַנען מײַנע אוקראַיִנישע כאַווייִרים — די דיכטער באָריס אָליינִיק, גריגאָרי אוסאַטש, וואַלענטין ביטשקאָ, איוואַן דראַטש, דמיטראָ פּאַווליטשקאָ.

פאראַיאָרן האָב איך זיך באַטייליקט אין צוויי זאַמלונגען, געווידמעט דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע. דער האָנאָראַר פאר איינער פון אָט די זאַמלונגען האָבן מיר אלע, די אווטאָרן, באַשלאָסן איבערגעבן אין פאָנד פון שאָלעם. מיט איין וואָרט — איך לעב און ארבעט, פּונקט ווי איך וואָלט גאָרניט עלטער געוואָרן...

יאָסל בוכבינדער:

— בא דעם שרײַב־טיש זיץ איך יעדן טאָג. אויב די ליד איז רײַף אין מײַן הארצן, גיסט זי זיך לײַכט אויס אפן פּאַפּיר.

די טעג האָב איך זיך אומגעקערט פון מאָסקווע, ענדגילטיק זיך צונויפגערעדט אין פארלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״ וועגן אלץ, וואָס האָט א שײַכעס צו מײַן לידער־זאַמלונג, וועלכע דאַרף האַיאָר דערשײַנען. דאָס בוך, וואָס הייסט „מיט ליכטיקע אויגן״, איז אין פולן זין פון וואָרט א סאַכאַקל־בוך. איך האָב אײַנגעשלאָסן אין אים, לויט מײַן מיינונג, דאָס בעסטע, וואָס מיר איז געלונגען אָנצושרײַבן פאר די לעצטע יאָרן. דאָס זײַנען לירישע לידער, לידער וועגן דער פּאָטערלענדישער מילכאָמע, לידער וועגן מי און קאַמף.

אויב צוגעבן, אז פון צײַט־צו־צײַט ווערן געדרוקט מײַנע לידער־ציקלען אין „סאָוועטיש היימלאַנד״ און אין אנדערע ייִדישע אויסגאַבעס און אז אין קיִעוו איז אויך דערשינען מײַנס א בוך לידער, איבערגעזעצט אף דער אוקראַיִנישער שפּראַך, און אז איך גרייט איצט א ציקל לידער פאר דער קאָלעקטיווער זאַמלונג „דאָ איז אונדזער היים״, קאָן איך מיט א געוויסער רעכט זײַן צופרידן, אויב עס איז ביכלאַל דערלאָזבאַר פאר א שרײַבער צו זײַן צופרידן מיט זיך.

ז וואַרעמען געפיל האָבן איבערגעלאָזט בא מיר אונדזערע דיכטער, וועלכע זײַנען איינ־

צײַטיק ארבעטער לויט דער פּראָפעסיע — פּיניע קיריטשאנסקי און מישע מאָגילעוויטש (איצט איז צו זיי צוגעקומען נאָך איין באגאבטער דיכטער — וועלוול ווערניק).

צום שרײַב־טיש זעצן זיי זיך נאָך א שווערן טאָג ארבעט. מאָגילעוויטש איז א געהילף פונעם שעף פון א צעך, קיריטשאנסקי — אַן ארבעטער, א צושנײַדער פון לעדער, ווערניק — א מײַסטער אף א היטל־פאבריק. פּאָעזיע איז זייער לײַדנשאפט. זיי שרײַבן נאָך דער ארבעט, ביז שפּעט באנאכט. זיי שרײַבן אין די אָפּרוטעג, אין אורלויב־צײַט. עס טרעפט, מע פארקלײַבט זיך אין א שטיל ווינקל, טאקע אין צעך, קעדיי פארשרײַבן א וואָרט, א שורע, וואָס רײַסט זיך פון הארצן.

פּיניע קיריטשאנסקי:

— טאקע דערפאר, וואָס ניט די שוועריקײַטן זײַנען גרינגער געוואָרן, נאָר איך זיי, איז בא מיר אפן הארצן ליכטיק. עפּעס האָב איך אָפּגעטאָן: אָפּגעגעבן א בוך לידער אין מאָסקווער פארלאג, אָנגעשריבן און אָפּגעשיקט א ציקל לידער אין „סאָוועטיש היימלאנד". דער קיִעווער פארלאג „ראדיאנסקי פּיסמעניק" האָט אין דעם פארגאנגענעם יאָר ארויסגעלאָזט מײַנע א לידער־זאמלונג אף אוקראַיניש, וואָס הייסט „סוויטאניא" („באגינען"). די לידער האָבן איבערגעזעצט סטאניסלאוו טעלניוק, באָריס אָליינִיק, מיקאָלא אופּעניק, אנדריי מיאסטקיווסקי, דמיטראָ פּאווליטשקאָ, וואסילי גרינטשאק, איוואן דראטש, וולאדימיר פּידפּאלי, וולאדימיר מאָרדאן, וולאדימיר קאָלאָמיִעץ. איך האָב זיך געדרוקט אין דער צײַטונג „ליטעראטורנא אוקראַינא" און אין ליטערארישן זשורנאל „דניפּראָ".

מישע מאָגילעוויטש:

— ניט איך וויל און ניט איך האָב דאָס רעכט צו ריידן וועגן סאכאקלען. נאָר ווען עס וועט מעקוּיעם ווערן מײַן האָפענונג, און דער פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל" וועט ארויסגעבן די לידער־זאמלונג, וואָס איך האָב צוגעגרייט און אָפּגעגעבן, וועט עס שוין בעמיילע זײַן, אויב ניט קיין סאכאקל, איז פונדעסטוועגן א שטיקל כעזשבן־האנעפעש.

גרויס פארגעניגן האָט מיר געבראכט מײַן קליין ביכעלע קינדער־לידער, וואָס עס האָט אין דער איבערזעצונג אף אוקראַיניש ארויסגעלאָזט דער קיִעווער פארלאג „וועסעלקא". דאָס ביכעלע, וואָס הייסט «Світить місяць — срібні очі» („עס לויכט די לעוואָנע — זילבערנע אויגן"), איז ארויס אין א טיראזש פון 108 טויזנט עקזעמפּליארן און איז זייער פײַן איליוסטרירט. דאָס זײַנען לידער, וואָס באזינגען די מי, דערציילן וועגן פארשיידענע פּראָפעסיעס, וועלכע זײַנען אלציינס וויכטיק און נייטיק פארן מענטשן. איך בין דאנקבאר די אוקראַינישע פרײַנט, באזונדערס דער דיכטערן מאריִא פּריגארא, וואָס האָבן מיט גרויס מײַסטערשאפט איבערגעזעצט די לידער און זיי דערטראָגן צו דעם יונגן אוקראַינישן לייענער.

וועגן וואָס טרוים איך איצט? אין מײַן הארצן וואַרעמט זיך א פארלאנג אָנצושרײַבן א פּאָעמע וועגן מײַן זאוואָד, וועגן מײַנע כאווײרים, מיט וועלכע איך ארבעט העכער א פערטל יאָרהונדערט האנט־בא־האנט.

אוועקלאָזנדיק זיך קיין קיִעוו צוגאסט צו די דאָרטיקע שרײַבער, האָב איך געהאט א מעגלעכקײַט קימאט יעדן פון זיי ברענגען א גוטע בסורע: וועמען וועגן די אָפּרופן אף זײַנעם א ווערק, וואָס איז פארעפנטלעכט אינעם זשורנאל, וועמען וועגן זײַנער א ליד אָדער דערציילונג, וואָס איז שוין אָפּגעשיקט אין זאץ פארן אָרדנטלעכן נומער, און וועמען — אז זײַנס א ווערק גרייט די רעדאקציע צום דרוק.

און פונקט ווי מיר איז דעמלט געווען אָנגענעם איבערצוגעבן אָט די גוטע בסורעס די שרײַבער, איז מיר איצט ניט ווייניקער אָנגענעם איבערצוגעבן פון זיי א פרישן גרוס די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאנד".



א גאַנץ לעבן געטרוימט...

פרילינג בא מײַן טיר

כאַנעלען,

מיט א פּאָדעם קאָן מען שרײַבן,
מיט קויל און מיט קרײַד,
אַף א שאָפּענעם פּעלץ
און אַף א קלייד פון זײַד.
מיט טינט־און־פּעדער
אַף קלאָר־ווײַס פּאַפּיר
און מיט די טרערן,
וואָס קומען פרילינג צו מיר:
פאַר זיי לאָז אויך אָפּן
די דעמבענע טיר... די טיר.
מע קאָן שרײַבן אַף פּאַרמעט
און אַף גרויען שטיין,
מיט א שפּיצרוט אַפן לײַב,
פון וועלכן דער ווייטעק בא פּעלקער
בלײַבט אַף דוירעס אין געביין...
מע קאָן שרײַבן מיט אש,
מיט אייל און מיט אָכרע,
מיט גאָלד און מיט זילבער
און מיט דער אייגענער גאַל.
און אויב דײַן געמיט איז צעבראָכן?
מע קאָן שרײַבן מיט א געפּאַקטן
אין די פינגער לעוואָנע־שטראַל.
מיט א בליק צו די וואָלקנס
אין אומענדלעכן רוים,
מיט א שטרוי פון ווייצנפעלד
אַף פאַראָסטעטע פענצטער,
דאָס קסאַוו זאָל זיך אָנזען קוים...
מיט א צווײַגל פון בוים
אַף דעם געפריר פון א טײַך,
מיט דער ליבע אין הארצן,
וואָס צו מענטשן לײַכט!

צו דיר וועל איך שרײַבן
מיט אלע טײַכן, וואָס פליצן,
מיט אלע וועלדער,
וואָס האָבן מיט פרילינג־צוויט
מײַנע וועגן פאַרשאָטן,
מיט אלע שטערן,
וואָס יאָגן די האקנקרייץ־שאָטנס
און לאָזן ניט אויסקרימען
דער וועלט די פּלייצע... די פּלייצע.

צו דיר וועל איך שרײַבן
מיט וויכער און פלאַם,
ווי א ליכטיקע שיף,
וואָס גראָבט אײַן זיך אין יאַם,
ווי אין טיפן הימל דער בליץ,
וואָס איז געראָטן
אין דעם רואך־האקוידעש
פון בעטהאָווענס נאָטן.
צו דיר וועל איך שרײַבן,
אז איבערכאַפּן
זאָל שווער זײַן דעם אָטעם,
ווי סע קאָנען פאַרליבטע נאָר,
די, וואָס קוקן אין די אויגן
דער צוקונפט פון א דאָר.

1961

א צווײַג

כ׳בין געווען אן אײַנגעבראָכענע צווײַג,
קיינער האָט מיך נישט אונטערגעבונדן;
אין הימל האָבן די שטערן געשטרײַקט,
קיין איינער האָט זיך נישט אָנגעצונדן.
ס׳איז שוין געווען מײַן סאָף קימאַט,

פון דער שעפערישער יערושע

דער ווינט האָט שטיקער געשונדן,
איז דורכגעגאַן באַם בוים
א רוס, א פּראָסטער סאָלדאַט,
און האָט מיט זײַן בליק מיך איבערגעבונדן,
גרינט אַף מיר ווידער די ציטעריקע בלאַט,
און די שטערן אין הימל שטרײַקן נישט
מער,
זיי האָבן ביז איינעם זיך אָנגעצונדן.

איך בלײַב אין גאָרטן

לאָזט מיך צורו, לעבט אײַך
א טאָג א שיינעם.
און מיך לאָזט אינײנעם
זײַן מיט די אַף דער ערד,
וואָס האָבן פרילינג
דעם דונער דערהערט,

הארבסט געזען פרישן שניי
בא אלע שוועלן זיך שפרייטן
און צום טיש זיך נישט געזעצט
צו ברויט און ווײַן.
ווען ס'האָבן אין גאָרטן
געוויינט די קווייטן...

ביימער

צי האָסטו אין ווילטיק געלעבט
אַף דעם צוויי־און־נײַנציקסטן עטאזש,
צי האָסטו אין פראַסטיקן פעלד געשטרעבט
צו א ליימיק שטיבל —
א קאַרטאָפל בראָטן אין הייסן אש;
צי האָסטו געקושט די שענסטע פרוי
צווישן ביימער, וואָס הייבן אָן בלִיען,
געוואַשן דאָס פּאָנעם מיט טוי
פון הימל דעם קלאָרן און פריִען...

אלצליינס איז עס איצט ניט וויכטיק.
בעט בא די ביימער,
זיי זאָלן זײַן דײַנע ריכטער! —

צי האָסטו געלאָזט זיי פאַרדארבן,
צי האָסטו געוואָלט, די ערד
זאָל פון טריקעניש אָן זאַפט שטארבן?
דו זע, ווי די זון זיך שפּארט
און זוכט דײַן פּאָנעם אין די צווײַגן.
און דיר זיך דאכט: סע שאַרט,
סע גייט דער ניטגוטער צו דײַן שטיבל,
קלאַפּט אין דער טיר מיט שווערע שטיוול:
— אײַל זיך ניט, יִינגל, ווארט!
דאָס האָט די פּאַטשט דיר געבראַכט
פון דײַן יוגנט — פון כאנען א בריוול.

יאנוואר 1972

אין א הייסן טאָג

מײַן דאַרשט ניט אָפּצולעשן אצינד,
דער הימל — פון היץ אין מיר זיך שפּאלט,
ברענט דעם גומען, טריקנט אים און צינדט!
צופּ איך א בלאַט אָפּ פון בוים,
אין איר דאָס מויל כ'באהאלט,
זי איז פײַכט און קיל,
נאָר טרינקען, טרינקען איך וויל.

א גאנץ לעבן נאָך אזא זומער געטרוימט!
א גאנץ לעבן ניט געזען, דער טוי
זאָל אַף בלעטער אזוי פינקלען!
מיר דאכט, די גאנצע ערד, ווי א קרוג,
וועל איך איצט אופהייבן צום מויל,
פון קיין שום ערד קאָן מען אזוי ניט טרינקען.

* * *

כ'בין אין דעמב ניט אנטוישט,
כאָטש ס'לאָזט צורו אים די האק ניט,
גרינט ער און רוישט
און איז ניט אנטוישט.
א בוים, און האָט מײַן כאראקטער.
אלע שטורעמס אויסשטיין ער מוז
און שטיין איינזאם אין פעלד ניט געבויגן,
א בוים, עס לאָזט צורו אים די האק ניט,

נאָר טוליען זיך וועט נאָך צו זײַן ברוסט
א פויגל!
אלע טרוימען אין זײַן רעשוס,
אין אלע פײַערן ער פלאקערט.
אונטערשיידן זיך אויסלערנען געמוזט
צו דערקענען — ווען די האק פליט
צו זײַן ברוסט
און ווען ס'פליט אַף נאכטלעגער א פויגל.

21 נאָיאבער 1970

פון מײַן פאך

כ׳ווייס נישט, ווי צו לערנען שרײַבן,
און מע טאָר עס נישט, מיר דאכט;
קלוגע ווערטער דארף מען קלײַבן
און זיי אײַנווייקן אף באנאכט —

נישט אין קיין דייזשקעלע מיט טרערן,
אין דער פריילינג־אָזערע, וואָס בלויט.

אינדערפרי, ווען טאָג וועט ווערן,
זיי צעהענגען אף א פלויט!

וועט דער ווינט זיי טאָן א צערטל
און די הויכע זון, וואָס גליט, —
דעמלט טויגן אלע ווערטער
פאר דעם שיינעם גוטן ליד!

א בוים באם פענצטער

כ׳האָב אָנגעהויבן מײַן לעבן בויען
און אלץ געהאט אונטער די הענט:
די שטיינער פון הארצן פאר ווענט,
פון מײַנע אויגן דעם טרויער
אף גלאָזן צו ווינטער די שויבן.

כ׳וואָלט זיך אליין דאָ געפלאנצט,
ווי א בוים באם פענצטער, די טויען

פון צווײַגן זאָלן פאָיען
און שטארקן מײַן גלויבן;
עס וויגט מיך א ווינט — און דער הימל
ברענט,
און ס׳ציטערן נאָך אלע שויבן.

21 יול 1970. נאָוואָסיבירסק

וועלט

סע טשמעליעט דער זומער,
און דער פויגל טרעלט,
ארומגענומען
כ׳וואָלט זיך איצט מיט דער וועלט
און געטאָן זיך א וואלגער
מיט איר אין קאָרן טיפן,
פערעלעך טוי זאָלן טריפן, טריפן!
און געשמאק זאָל אין הארצן
ארײַן מיר דאָס פעלד.
האָב איך זיך אָבער אזעלכעס דערוווּסט,
וואָס שטעכן גענומען
מיך האָט אין דער ברוסט:

די וועלט — יאָרהונדערטער וויפל, —
טראָגט אלץ נאָך א רעכטן שטיוול
אף איר לינקן פוס.
ווער ווייסט, פון וואָס די וועלט
איז אזוי צעשטרייט,
מעגלעך, זי אײַלט צו נײַער צײַט
און וואלגערן וועט זיך מיט מיר
נאָך אין קאָרן,
מיט מײַן הימל דעם הויכן
און אייביק קלאָרן.

6 אווגוסט 1971. יערשאָוואָ

מאקס פּאָליאַנאָווסקי

זײַן שטאַרקסטע לײַדנשאַפט

אינגיכן נאָך דער רעוואָליוציע איז אין פּערעדעלקינאָ, הינטער מאָסקווע, לויט גאָרקיס איניציִאַטיוו, געשאַפן געוואָרן א שרײַבער־שטעטל מיט א קאָלעקטיוו הויז פאר שעפערישער ארבעט. גאָר ניט לאנג צוריק פלעגן זיך דאָ נאָך אָפט באגעגענען די רוסישע שרײַבער פון דער אָדעסער פּלעיאַדע — ווערע אינבער, יורי אָלעשא, לעאָניד גראָסמאַן; קימאַט א העלפט פון זײַן לעבן האָט אין פּערעדעלקינאָ געוווינט קאָרניי טשוקאָווסקי. ביז הײַנט־צו־טאָג לעבן און שאפן דאָ וואַלענטין קאַטײַעוו און לעוו סלאַווין.

ביידע זײַנען זיי שוין בא די אכציקער. סלאַווין איז עלטער פון קאַטײַעוון סאַכאַקל אף דרײַ כאַדאָשים. ביידע האָבן זיך געלערנט אין דער אָדעסער גימנאַזיע. קוים באוויזן צו פארענדיקן זי, זײַנען זיי מאָביליזירט געוואָרן אין דער צאַרישער ארמיי און מע האָט זיי אָפּגעשיקט אף די פראָנטן פון דער אימפּעריִאַליסטישער מילכאָמע. ס'איז געגאנגען דאָס 1916 יאָר.

לעוו סלאַווין שרײַבט וועגן יענער צײַט: „מאָלט אײַך אויס א באָכערל, וואָס איז געוואקסן אין דער סרייפע פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע. קוים בין איך און מײַנע כאַווײרים אונטערגעוואקסן א ביסל, האָט מען אונדז א שלײַדער געטאָן אין מילכאָמע־קעסל. און דאָך, טראָץ די שלאכטן און דער מושטרע, האָבן זיך בא אונדז אונטערגעקליבן עטלעכע מענטשן, בא וועלכע ליטעראַטור איז געווען די סאַמע שטאַרקע לײַדנשאפט... ס'איז געקומען די רעוואָליוציע. דער אָפּשײַ פאַרן עמעס און גערעכטיקײַט האָט אונדז א צי געטאָן אין דער רויטער ארמיי.

האלב־פארגעסענע שול־קענטענישן, רעוואָליוציִאָנערער ענטוזיִאַזם און דאָס שטיקל דערפארונג צו האלטן א ביקס אין האנט — דאָס איז געווען אלץ, וואָס איך האָב פארמאָגט אין 1919 יאָר. מע דאַרף צו דעם נאָך צוגעבן דעם גוואַלדיקן גרויסן כיישעק צו שרײַבן. אָבער וויִאַזוי שרײַבן, האָט נאָך קיינער פון אונדז ניט געוווּסט"...

ביידע, קאַטײַעוו און סלאַווין, האָבן אָנגעהויבן זיך דרוקן אין די אָדעסער אויסגאַבעס: קאַטײַעוו נאָך ביז דער רעוואָליוציע, סלאַווין — אין די ערשטע אָדעסער סאָוועטישע צײַטונגען „סטאַנאָק", „איזוועסטיִא" און אינעם זשורנאַל „קאָמוניסט". ביידע זײַנען זיי געוואָרן מיטארבעטער פון דער צײַטונג „מאָריאַק", ווו סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע איז געווען דער יונגער שרײַבער קאָנסטאַנטין פּאַוסטאָווסקי.

אומגעקערט זיך פון דער רויטער ארמיי אין אָנהייב 1920 יאָר, איז לעוו סלאַווין א שטיק צײַט געווען א טרעגער, א טעאַטער־קאָנטראָליאָר, א ביבליִאָטעקער, און אין דער זעלבער צײַט האָט ער זיך אקטיוו באטייליקט אין דעם ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. ער טרעט ארײַן אינעם ליטעראַרישן קרײַזל מיטן נאָמען „דיכטער־קאָלעקטיוו", אין וועלכן ס'האָבן זיך באטייליקט באַגריצקי, באַבעל, אילף און אַנדערע. זיי האָבן דעמלט ערשט געשטעלט די ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור.

איך האָב פארגעדענקט סלאַווינען פון יענער אָדעסער צײַט, ווען ער האָט זיך נאָך ניט צעשיידט מיט דער מיליטערישער אוניפאָרם, כאָטש דער בירגערקריג האָט זיך שוין געהאַט פארענדיקט. די אוניפאָרם, געדענק איך, האָט זייער געפּאַסט צו זײַן מיליטעריש־שטאַלטנער פיגור.

איך האָב געוווּסט, אז ער איז א מיטגליד פונעם ליטעראַרישן קרײַזל, נאָר זײַן פאַמיליע איז מיר באוווּסט געוואָרן א סאַך שפּעטער, שוין אין מאָסקווע. באגעגנט האָב איך אים דאָ (שוין ציוויל געקליידט) אין די רעדאַקציעס פון די הויפּטשטאָטישע צײַטונגען. ער האָט געשריבן אונטער די פּסעוודאָנימען „מאַקסים קאָלט" אָדער „א. ניזשני", אָן אנדערשמאָל פלעגט ער אונטערשרײַבן זײַנע פארצייכענונגען, פעליעטאָנען און ארטיקלען „ל. ס.", אָדער „ליס",

אָדער גאָר פּראָסט מיטן בוכשטאַב „ס״. אין דעם האָט זיך אַנטפּלעקט די באַשיידענע נאַטור פֿונעם טאַלאַנטפֿולן זשורנאַליסט.

באַרימט איז לעוו איסײַעוויטש סלאַווין געוואָרן, ווען ס׳איז דערשינען זײַן ערשטער ראָמאַן — „דער יוירעש״.

אין אָנהייב פֿון די דרײַסיקער יאָרן האָט זיך זײַן נאָמען באַוויזן אויף די אַפֿישן פֿונעם וואַכטאַנגאָוו־טעאַטער און פֿון פֿיל אַנדערע טעאַטערן פֿון לאַנד אַלס אַווטאָר פֿון דער פּאָפּולערער פּיעסע „די אינטערווענץ״ — וועגן די געשעענישן אין אָדעס אין די יאָרן 1918—1919.

זײַענדיק אַן איידעס פֿון די דאָזיקע געשעענישן, האָב איך די פּיעסע, וועלכער עס איז באַשערט געווען אַ לאַנג לעבן, געקוקט מיט אַ באַזונדערן אינטערעס.

אין זײַן ראָמאַן „דער יוירעש״, וואָס איז געווידמעט די גורלס פֿון דער אינטעליגענץ אין די יאָרן פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה, קומט פֿאָר די האַנדלונג אין אָדעס. זײַן באַליבטע היימשטאָט האָט סלאַווין אויך פֿאַראייביקט אין די לירישע עטיודן וועגן זײַנע יוגנט־פֿרײַנט עדואַרד באַגריצקי, יורי אָלעשאַ, איליאַ אילף און יעווגעני פּעטראָוו. דער אָדעסער קאָלאָריט איז פֿאַראַן אויך אין זײַנער אַ גרעסערער דערציילונג „מײַנע פֿרײַנט״, וואָס איז אָנגעשריבן אין די מלחמה־יאָרן. די שילדערונג פֿון צוויי סאָלדאַטן — סאַשע פֿון אוראַלמאַש און דעם אָדעסיט אַרקאַדי דזיובין — איז ברייט באַרימט געוואָרן, ווען מע האָט זי עקראַניזירט און מיליאָנען צושויער האָבן דערזען דעם פֿילם «Два бойца» („צוויי שלאַכטלײַט״).

מיט דער קינעמאַטאָגראַפֿיע איז לעוו סלאַווין פֿאַרבונדן נאָך פֿון די דרײַסיקער יאָרן. לויט זײַן סצענאַרי ווערט געשטעלט דער פֿילם „פּיאָטער ווינאָגראַדאָוס פּערזענלעך לעבן״. סלאַווין האָט אָנטיילגענומען אינעם שאַפֿן דעם צווייטן טייל פֿון דער באַרימטער קינאָ־טרילאָגיע וועגן מאַקסימען — „מאַקסימס אומקער״. נאָך זײַן באַזוך אין מאָנגאָליע האָט סלאַווין, צוזאַמען מיט די שרײַבער לאַפּין און כאַצרעווין, געשאַפֿן דעם בוך „די פּאַסירונגען פֿון אַ געוואַגטן מאָנגאָל״ און צוויי קינאָ־סצענאַרן.

אין סאָף פֿון די דרײַסיקער יאָרן האָט זיך די מלחמה ווידעראַמאָל אַרײַנגעריסן אין סלאַווינס שרײַבערישער ביאָגראַפֿיע. בײַס די שלאַכטן אויף כאַלכין־גאָל האָט אָנגעהויבן דערשײַנען די פֿראָנט־צײַטונג «Героическая красноармейская» („די העלדישע רויטאַרמייִשע״), און לעוו איסײַעוויטש ווערט איר אַ קאָרעספּאָנדענט.

ווי נאָר עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע פּאַטערלענדישע מלחמה, איז סלאַווין אַוועק אויפֿן פֿראָנט. ער איז שוין דעמלט אַלט געווען באַ די פֿופֿציק, נאָר ער פֿאָרט אַרום איבער די פֿראָנטן, שרײַבט פֿאַרצייכענונגען און אַרטיקלען פֿאַר די צענטראַלע צײַטונגען „איזוועסטיִאַ״ און „קראַסנאַיאַ זוועזדאַ״. און אַזוי — פֿונעם ערשטן מלחמה־טאָג, און ביז דעם ניצחון.

לעוו סלאַווין (לינקס) און וואַלענטין קאַטײַעוו

נאָכדעם פֿאָרט ער אַרום איבער דײַטשלאַנד, שרײַבט רעפּאָרטאַזשן, דערציילונגען, נאָוועלן וועגן געזעענעם און געהערטן.

אין די לעצטע יאָרן אַרבעט סלאַווין איבער אַ טרילאָגיע פֿון דער סעריע „פֿלאַמיקע רעוואָליוציאָנערן״ — וועגן בעלינסקין, הערצענען און טשערנישעווסקין.

דער בוך וועגן וויסאַריאָן בעלינסקין «Неистовый» („דער פֿלאַמיקער״) איז שוין אַרויס פֿון דרוק אין 1973 און איז מיצד דער קריטיק הויך אָפּגעשאַצט געוואָרן. דאָס איז אַ ווערק פֿון אַ רײַפֿן מײַסטער.

דעם צווייטן בוך — וועגן אַלעקסאַנדער הערצענען — האָט דער מחבר באַדינגלעך אָנגערופֿן — „דער מענטש, וואָס האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין די גלעקער״. ווי מיר איז באַוווּסט, וועט דער שרײַבער פֿאָרזעצן די אַרבעט איבער אָט דעם ווערק נאָך דעם, ווי ער וועט פֿאַרענדיקן דעם ראָמאַן אויף דער מלחמה־טעמע, וועלכן ער פּלאַנירט אָפּגעבן אין פֿאַרלאַג אין 1975.

...עס טרעפֿט, איך שפּאַן אַמאָל באַנאַנד מיט סלאַווינען און קאַטײַעוון — מײַנע עלטערע קאָלעגן און בני־עיר — איבער די פּערעדעלקינער אַלייען (אַך, ווען מיר זאָלן פּלוצעם זיך געבן אַ טראָג אַריבער קיין אָדעס אויף דער ליבער דעריבאַסאָווסקאַיאַ!) און איך הער זיך צו צו זייער שמועס, פֿאָטאָגראַפֿיר זיי און טראַכט, אַז ס׳וואָלט געווען אַן אוולע זיי אָנצורופֿן זקנים.

זיי זײַנען בײדע א קוואל פון ניט־וועלקנדיקער יוגנט, טאלאנט, שארפזיניקײַט און לעבנסלוסטיקײַט, וואָס עס וועט זיי קלעקן נאָך אף לאנגע יאָרן.

אינעם לעצטנס דערשינענעם באנד פון לעוו סלאווינס אויסדערוויילטע ווערק איז פאראן אן ארטיקל וועגן זײַן שאפונג, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן צו זײַן 75־טן געבורטסטאָג. דאָס ארטיקל ענדיקט זיך מיט אזעלכע ווערטער: „דער שרײַבער געפינט זיך, ווי פריער, באם שרײַבטיש".

איך קאָן איידעס זאָגן: די דאָזיקע ווערטער זײַנען גילטיק אויך הײַנט.

איינער פון די ערשטע סאָוועטישע קינאָ=רעזשיסערן

לויטן אויסערלעכן אויסזען, לויט דער האלבאָשע איז דער יונגערמאן ענלעך געווען אף א מאָלער, ארטיסט אָדער ליטעראט.

א פארקעמטע אף הינטן שעוועליורע, א ברייט סאמעטן רעקל מיט א גוואלדאָוונעם שניפּס — אזוי פלעגן אין יענע צײַטן פאָזירן אף די פאָטאָס דער מאָלער רעפין, דער שרײַבער לעאָניד אנדרייעוו און אנדערע.

מײַן פאָטער האָט מיט פרייד באגעגנט זײַן יונגן בען־איר. זיי האָבן זיך ארומגענומען, זיך געווענדט איינער צום צווייטן אף „דו" און מיט פארצויגענע נעמען, גלײַך זיי זאָלן זײַן אין איין עלטער. אינדערעמעסן איז דער פאָטער געווען עלטער פון זײַן גאסט אף א יאָר צוואנציק. פאָרשטעלנדיק אים אונדז, האָט ער געזאָגט:

— דאָס איז סאשע ראזומני, מײַנער א גוטערפרײַנט. ער איז א מאָלער.

מיר האָבן ניט טייקעף פארשטאנען, אז ראזומני — דאָס איז די פאמיליע פונעם יונגנמאן.

געוווינט האָבן מיר דאן אין אָדעס. דער פאָטער האָט געהאט אף דער רישעליעווסקע־גאס ניט קיין גרויסע פאָטאָגראפיע, וואָס איז באשטאנען פון א גלעזערנעם פאוויליאָן און א קליינער וווינונג.

סאשע ראזומנין האָט מען אײַנגעאָרדנט אין א צימערל באם פאוויליאָן. מע האָט אהין ארײַנגעשטופּט פארזײַנעטוועגן א שמאָל בעטל און א שטול.

געווען איז דאָס אין 1914 יאָר, ווען אונדזער קווארטיראנט האָט געענדיקט די קונסט־שול לויטן קלאס פון מאָלערײַ און איינצײַטיק געארבעט אלס אקטיאָר אינעם היגן טעאטער.

אלעקסאנדער האָט דערציילט, אז אינגיכן וועט ער אָנהייבן גרייטן א קינאָ־פילם — „די אָדעסער קאטאקאָמבעס". דער נאָמען האָט אינטריגירט. פון זײַנע רייד האָבן מיר פארשטאנען, אז דעם פילם האָט בא אים באשטעלט אן אָדעסער מאגנאט, וועלכער האָט געהאָפט אף דער דאָזיקער קינאָ־לענטע מאכן א גוטן ביזנעס.

ראזומני האָט אָנגעשריבן דעם סצענארי פונעם פילם, דורכגעפירט די צוגרייטונג־ארבעט, זיך צונויפגערעדט מיט די ארטיסטן פונעם אָדעסער דראמאטישן טעאטער און שוין אפילע צעטיילט די ראָלן, נאָר צוטרעטן דירעקט צו דער ארבעט האָט זיך ניט אײַנגעגעבן — ס'האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מילכאָמע.

א דערשיטערטער פונעם דורכפאל, האָט ראזומני טייקעף פארלאָזט אָדעס און איז אוועקגעפאָרן, דוכט זיך, קיין מאָסקווע.

שטעלט זיך פאָר מײַן פארכידעשטקײַט, ווען אין א געוויסער צײַט ארום האָב איך אין איינעם פון די אָדעסער איליוזיאָנען, ווי מע פלעגט דאן רופן די קינאָ־טעאטערן, דערזען אפן עקראן א קינאָ־אינסצענירונג פון דאָסטאָיעווסקיס ראָמאן „פארברעכן און שטראָף", וואָס אלעקסאנדער ראזומני האָט געשטעלט אין... פאריזש.

נאָך דער פעווראל־רעוואָליוציע קערט זיך ראזומני אום קיין אָדעס און שטעלט דעם פילם „דאָס לעבן און דער טויט פונעם לייטענאנט שמידט". דאָס איז געווען נאָך דעם ווי מע האָט דאָס געביין פונעם צעשאָסענעם לייטענאנט שמידט אריבערגעטראָגן פונעם אינדזל בערעזאן, דורך אָדעס, קיין סעוואסטאָפּאָל. אין די קאדרען פונעם געריכט איבער שמידטן איז באוויזן זײַן פארטיידיקער, דער אדוואָקאט זארודני. די דאָזיקע ראָל האָט געשפילט דער יונגער לעאָניד אוטיאָסאָוו.

נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע ווערט אלעקסאנדער יעפימאָוויטש ראזומני אן עכטער קינעמאטאָגראפיסט, איינער פון די ערשטע סאָוועטישע קינאָ־רעזשיסערן. ס'האָבן אויסגעפעלט אָפּעראטאָרס. ראזומני באהערשט די דאָזיקע פּראָפעסיע און איז אָפט אליין דער אָפּעראטאָר פון זײַנע פילמען.

אינגיכן קערט ער זיך אום קיין מאָסקווע און שטעלט דאָ דעם קינאָ־פילם „דער אופשטאנד", וואָס באווײַזט זיך אף די עקראנען צום ערשטן יאָרטאָג פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. ער אינסצענירט צום ערשטן מאָל מאקסים גאָרקיס ראָמאן „די מוטער". אין 1919 טרעט ער ארײַן אין דער קאָמוניסטישער פארטיי.

אין סאמע אָנהייב פון די צוואנציקער יאָרן האָט זיך באוויזן אף די עקראנען פונעם לאנד די ערשטע סאָוועטישע קינאָ־קאָמעדיע „דער קאָמבריג איוואנאָוו". דאָס איז געווען ראזומניס א דערפאָלגרײַכער דעביוט אין זשאנער פון

קאָמעדיע. דער פילם איז אין מעשעך פון לאַנגע יאָרן ניט אראָפּ פונעם עקראַן.

ווידעראַמאָל זיך באַגעגענען מיט אַלעקסאַנדער ראַזומנין איז מיר אויסגעקומען אין מאָסקווע אין סאָף פון די דרײַסיקער יאָרן. ער האָט מיר דעמלט געזאָגט:

— איך זוך א ייִנגל אַף דער הויפּט־ראָל אין א פילם, וואָס איך קלײַב זיך שטעלן לויטן סצענאַרי פון אַרקאַדי גײַדאַר. מע דאַרף א יאַטל פון א יאָר דרײַצן־פערצן. דער סצענאַרי איז שוין גרייט. אינגיכן וועלן מיר אָנהייבן אַרבעטן איבערן פילם. ס׳וועט, דוכט זיך, זײַן אינטערעסאַנט...

ראַזומני האָט ניט געהאַט קיין טאָעס.

די קינאָ־לענטע, וואָס איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן מיט א סאַך יאָרן צוריק, האָט נאָך ביז הײַנט ניט פאַרלוירן איר כיין, זי איז אינטערעסאַנט, רעגונגספול און פאַרמאָגט א גרויסע מאָראַליש־דערציִערישע ווערט. דער לייענער האָט זיך שוין געוויס אָנגעשטויסן, אַז עס האַנדלט זיך וועגן דעם ברייט באַוווּסטן פילם „טימור און זײַן קאָמאַנדע”.

ס׳איז געשען א מערקווירדיקע זאַך. דער שרײַבער האָט געשאַפן דאָס געשטאַלט פון טימורן. דער העלד האָט אָנגעהויבן זײַן לעבן אַפן עקראַן. און גאָר אינגיכן האָט ער געקראָגן טויזנטער נאָכפאָלגער אינעם רעאַלן לעבן. טימוראָווצעס האָבן זיך באַוויזן ניט בלויז בא אונדז אין לאַנד, נאָר אויך אין בולגאַריע, אונגאַרן, פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע און אין אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער.

בייס מע האָט אָפּגעמערקט ראַזומניס 70־טן געבורטסטאָג, האָט אַף דער סצענע פונעם הויפּטשטאָטישן קינאָ־הויז זיך באַוויזן א היפּשע גרופּע דערוואַקסענע מענטשן מיט רויטע פּיאָנערישע האַלדזטיכער. זיי האָבן געהאַט מיט זיך פּויקן און טרומייטן, געטראָגן פלאַגן מיטן פּיאָנערישן דעוויז: „זײַ גרייט!”. דאָס זײַנען געווען די עלטער־געוואָרענע אָנטײלנעמער פונעם פילם „טימור און זײַן קאָמאַנדע”. פאָרויס איז געגאַנגען טימור. ער איז שוין אַלט געווען מער פון דרײַסיק יאָר, נאָר אין זיקאָרן פון די צושויער איז ער פאַרבליבן א דרײַצניאָריק צעשויבערט באָכערל. די ראָל פון טימורן האָט געשפּילט ליווי שטשיפּאַטשאָוו, דער זון פונעם באַוווּסטן רוסישן דיכטער סטעפּאַן שטשיפּאַטשאָוו. איצט איז ליווי א מאָלער.

אין טאָג פונעם יובילײ האָט ראַזומני מיר מיטגעטיילט א נײַס:

— טימור האָט אָנגעהויבן ריידן אויך אַף יאַפּאַניש. דער פילם איז דובלירט און ווערט דעמאָנסטרירט אין יאַפּאַניע...

א סאַך פילמען האָט ער געשטעלט, אַלעקסאַנדער ראַזומני, נאָר ווען איך האָב אים געפרעגט, וועלכער פון זיי געפעלט אים מער, האָב איך באַקומען אַן אומדערוואַרטן ענטפער:

— איך וואָלט געקאָנט אָנרופן מײַנע צוויי באַליבטע פילמען: „מיקלוכאָ־מאַקלײַ” און „טימור”. אָבער מער פון אַלץ רעגט מיך ביז הײַנט די לענטע, איבער וועלכער מיר האָבן אינינעם מיט א סאַך אַנדערע קינעמאַטאָגראַפיסטן געאַרבעט פיר טעג און דרײַ נעכט אין קאַלאָנען־זאַל פונעם פאַריינען־הויז אין דעם טרויעריקן יאַנוואַר פון 1924.—ראַזומני האָט מיר באַוויזן דעם מאַנדאַט, וועלכן ער האָט דעמלט באַ־

א. ראַזומני (אינמיטן) בייס דער אַרבעט איבערן פילם „טימור און זײַן קאָמאַנדע”

קומען: „די צענטראַלע קאָמיסיע אויף שאַפן די פּאַטאַ־קינאָכראָניק פון וו. אי. לענינס לעוויַע באַשטימט דעם כאַוועער ראַזומני אי. יע. אַלס רעזשיסער און אָנפירער פון דער דאָזיקער אַרבעט אינעם פאַריינען־הויז״.

אַכצן קינאָ־אָפּעראַטאָרס האָבן געאַרבעט איבערן פילם וועגן לענינס לעוויַע. סאַכאַקל איז אויסגענוצט געוואָרן זעקס מיט אַ האַלבן טויזנט מעטער קינאָ־לענטע. פון זיי געהערן פּערזענלעך ראַזומנין 569 מעטער.

— די דאָזיקע אַרבעט, — האָט באַטאָנט ראַזומני, — איז דאָס, וואָס איך האָב ביכלאַל באַוויזן אָפּטאָן אין מײַן לעבן...

אַ סאַך קויכעס האָט אַלעקסאַנדער ראַזומני אָפּגעגעבן אויף צו שאַפן פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע קינאָ־פילמען וועגן דער סאָוועטישער אַרמיי, וועגן די מײַסטערס פון דער סאָוועטישער קונסט.

ביז די לעצטע טעג פון זײַן לעבן, וואָס האָט זיך ניט לאַנג צוריק איבערגעריסן אויפן נײַנטן יאָרצענדליק, האָט זיך געמיט דער טאַלאַנטפולער קינסטלער, דער באַשיידענער מענטש אַלעקסאַנדער ראַזומני, איינער פון די אָנהייבער פון דער סאָוועטישער קינאָ.

ליווי שטשיפּאַטשאָוו און אַלעקסאַנדער ראַזומני (רעכטס)

כראָניק

נײַע ביכער

אַ נײַע אויסגאַבע פון דעם ניסטערס „די מישפּאָכע מאַשבער״

אינעם מאָסקווער פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״ איז לעצטנס דערשינען דער ראָמאַן „די מישפּאָכע מאַשבער״ — איינס פון די באַדײַטנדיקסטע ווערק פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

ביידע טיילן פון דעם פּילפלאַניקן ראָמאַן אַנטהאַלטן בא 600 זײַטן. די אויסגאַבע איז אילוסטרירט פונעם קינסטלער וו. לאָקשין.

ווילנער ייִדישער פאָלקס־טעאַטער אויפן בלויען עקראַן

די סטודיע פון דער ליטווישער טעלעוויזיע האָט לעצטנס דעמאָנסטרירט אַ נײַעם פילם „פרײַנטשאַפט״. אינעם פילם ווערט ברייט באַוויזן די קונסט פון די זעלבסטטעטיקע קאָלעקטיוון, וועלכע פונקציאָנירן באַם צענטראַלן רעפּובליקאַנישן פּראָפאַריינען־הויז.

באַנאַנד מיט די ליטווישע, רוסישע און פוילישע אַנסאַמבלען באַטייליקט זיך אין דעם פילם אַ היפּשע גרופּע אַרטיסטן פונעם ווילנער ייִדישן פאָלקס־טעאַטער: דער דזשאַז־אַנסאַמבל אונטער דער אָנפירונג פון יאַשע מאַגיד, דער וואָקאַלער אַנסאַמבל (דיריזשאָר עמיל יאַנאָווסקי) און די באַלעט־גרופּע (באַלעטמײַסטערס ניקאָלײַ מאַרגאַלין און ראַיסאַ סווישטשאָווא).

■ ■ ■

ווי האַלט עס מיט דער „אַלִיאַ" הײַנט

געוועזענע סאָוועטישע ייִדן לויפֿן פֿון ייִסראַעל. פֿאַרצווייפֿלונג. אויסגאַנגסלאָזיקייט

כאַשעווע כאַווײרים פֿון רעדאַקציע!

עס אינטערעסירט אונדז דער גורל פֿון די געוועזענע סאָוועטישע ייִדן, וועלכע זײַנען אַרויסגעפֿאָרן קיין ייִסראַעל. דאָס, וואָס דער זשורנאַל האָט שוין ביז איצט אָפּגעטאָן אין דעם פֿראַט, איז אַ גרויסע הילף פֿאַר די לייענער, וועלכע שטרעבן צו פֿאַרשטיין און באַנעמען, וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען און קומט נאָך פֿאָר ביז איצט.

די מאַטעריאַלן, וועלכע עס פֿאַרעפֿנטלעכט „סאָוועטיש היימלאַנד", זײַנען באַזונדערס ווערטפֿול מיט זייער דאָקומענטאַלקײַט, אָביעקטיווקײַט, מיט דעם, וואָס עס ווערט אויסגעטיילט אָרט פֿאַר סאַמע פֿאַרשיידענע קוואַלן פֿון אינפֿאָרמאַציע.

לעצטנס איז, זעט אויס, פֿאָרגעקומען אַ נײַער טראַגישער קער אין דער אַזויגערופֿענער „אַליִאַ". מיר פֿילן דאָס לויט דער שטימונג אין די בריוו, וועלכע די אַרויסגעפֿאָרענע שיקן צו אונדז אין שטאָט, צו קרובֿים און באַקאַנטע — אײניקע שרײַבן בריוו נאָך פֿון ייִסראַעל, אַנדערע שוין פֿון אַנדערע לענדער. פֿיל פֿון אונדז פֿאַרשטייען ניט: וואָס קומט דאָ פֿאָר? זײַנען דאָרט געוואָרן בראַדיאַגעס?

מיר וואַרטן מיט גרויס אומגעדולד אויף אַ נײַער פּובליקאַציע אין „סאָוועטיש היימלאַנד" פֿון מאַטעריאַלן אויף אָט דער וויכטיקער טעמע.

לייענער פֿון לענינגראַד: אי. זשאַלקאָווער, פּ. גוטניק, ד. האַמלער, ל. זאָלאָטאַריאָוו, ט. זאָלאָטאַריאָווע, וו. געךעכטיגער, י. צימרינג, ש. שאַפּיראָ

אַ נאָטיץ אין „ניו־יאָרק־טײַמס"

דער אַמעריקאַנער זשורנאַליסט ט. שמידט, וועלכער האָט באַזוכט ירושלאַיִם, האָט אָפּגעדרוקט אין „ניו־יאָרק־טײַמס" (15 אויגוסט 1974) פֿאָלגנדע נאָטיץ:

„אויב אורטיילן לויט דער פֿאַקטישער לאַגע, האָט די אימיגראַציע קיין ייִסראַעל זיך פֿאַרקירצט אין ערשטן האַלביאָר פֿונעם 1974 אויף 33 פּראָצ. אין רעזולטאַט פֿון די עקאָנאָמישע שוועריקײַטן און פֿון דער פּאָליטישער ניט־סטאַבילקײַט, וואָס האָבן זיך פֿאַרשטאַרקט נאָך דער מילכאָמע פֿון אָקטיאַבער 1973.

לויט דער מיינונג פֿון די אָנפֿירער פֿון דער אימיגראַציע־דינסט האָבן טויזנטער פּאָטענציעלע אימיגראַנטן זיך דערשראָקן פֿאַר דער אינפֿליאַציע אין ייִסראַעל, וואָס האַלט אין איין שטײַגן, פֿאַר די נײַע שטײַערן און פֿאַר דער געפֿאַר, עס זאָל באַנײַט ווערן די מילכאָמע.

„לאָמיר אַ קוק טאָן דעם עמעס אין פּאָנעם. די לאַגע אין ייִסראַעל איז הײַנט אַ שווערע, — האָט געזאָגט דער גענעראַל־דירעקטאָר פֿון דער פֿאַרוואַלטונג איבער פֿראַגן פֿון אימיגראַציע בא דער ייִדישער אַגענץ אוזי נאַרקיס, שמועסנדיק מיט מיר אין זײַן קאַבינעט, — איצט איז דאָ געוואָרן ניט גרינג צו לעבן"...

די צאָל ייִדן, וועלכע פאָרן ארויס פון ייִסראָעל און באזעצן זיך טיילוויַיז אין פשא, קאנאדע און אין אנדערע לענדער, האלט אין איין שטייַגן. דער דאָזיקער „קאָעפיציִענט פון ארויספאלונג", ווי עס דריקן זיך אויס די אָנגעשטעלטע אין די אימיגראַציע־אמטן, איז אין פאָריקן כוידעש אונטערגעשפרונגען ביז 22 פראָצענט, אין פארגלייַך מיט 4 פּראָצענט אין יול 1973.

די צעטרייסלטע עקאָנאָמישע לאגע האָט דערפירט צו א פילבארער פארקלענערונג פון דער אליִא. עס איז א פאקט, אז א גרויסע צאָל ייִדן פון פארשיידענע לענדער ווארפן אָפּ דאָס פאָרן קיין ייִסראָעל אָדער טראכטן ביכלאל ניט וועגן דעם. דאָס האָט פארשטארקט דאָס געפיל פון איזאָליאציע בא די ייִסראָעלים.

„איך האלט, אז איצט וואָלט איך אהער ניט געפאָרן", — האָט געזאָגט אן אָפּשטאמיקער פון דאָרעם־אפריקע, וועלכער איז געקומען קיין ייִסראָעל אין 1951.

א נאָך מער דעליקאטע פראָבלעם איז די אזויגערופענע יערידע פון ייִסראָעל, דאָס הייסט דאָס פארלאָזן דאָס לאנד. די אָפיציִעלע קרייַזן אין ייִסראָעל טייַנען קעסיידער, אז די רעגירונג האָט ניט קיין ציפערן וועגן דער עמיגראציע, טראָץ דעם, וואָס זיי מוזן אנערקענען, אז עס האָבן פארלאָזן דאָס לאנד פיל טויזנטער מענטשן און אז נאָך דער אָקטיאבער־מילכאָמע זייַנען די טעמפּן פון דער עמיגראציע פארשטארקט געוואָרן.

עס איז כאראקטעריסטיש, אז צווישן די יוירדים זייַנען די מערהייַט — יונגע. פינקטלעכע ציפערן איז שווער צו באקומען, אף וויפל א סאך פאָרן ארויס פון דער מעדינע מיט טוריסטישע וויזעס און קערן זיך ניט אום צוריק. דער בעסטער באווייַז איז די שטייַגנדיקע צאָל באקאָשעס וועגן עמיגראציע, וועלכע זייַנען אריינגעטראָגן אין די פרעמדע אמבאסאדעס אין טעל־אוויוו.

„דאָס פעלן פון דירעס אין ייִסראָעל איז א גאנצע פראָבלעם, — האָט געזאָגט אוזי נארקיס, — פיל מענטשן ווילן ניט קומען, ניט האָבנדיק גאראנטיעס, אז זיי וועלן האָבן וווּ צו וווינען. עס ווירקט אויך די פסיכאָלאָגישע אטמאָספער נאָך דער אָקטיאבער־מילכאָמע. דעם דאָזיקן פאקט טאָר מען אויך ניט איגנאָרירן".

גענויער וועגן די סיבעס, פארוואָס די „אוילים" פון סאָוועטנפארבאנד פארלאָזן ייִסראָעל

א צווייטער אמעריקאנער זשורנאליסט — ר. קייזער, וועלכער איז אָפּגעוועזן דרייַ יאָר אין סאָוועטנפארבאנד און דערנאָך געמאכט א רייַזע איבער ייִסראָעל, איטאליע און אנדערע לענדער, — איז ארויסגעטראָטן אין זעלבן „ניו־יאָרק־טייַמס" (28 יול 1974) מיט אן ארטיקל „ניט אלץ איז מילך און האָניק פאר אויסגעוואנדערטע רוסישע ייִדן". צווישן אנדערס שרייַבט ער:

„...שטוינונג" זעט אויס צו זייַן דאָס ריכטיקע וואָרט אף צו באצייכענען די שטימונג בא די רוסישע ייִדן, וואָס פאלן אריַין אין ייִסראָעל. א מענטש פון לענינגראד אף א ראָג אין טעל־אוויוו — דאָס דארף זייַן עפּעס אזוינס, ווי מע וואָלט אריַינגעפירט א פייַן מיידל אין אן עפנטלעכן זאל פון בלויז מענער. צי האָט זי ניט אהין פארבלאָנדזשעט? א טייל פון זיי האָבן טאקע פארבלאָנדזשעט, און זיי מאכן דורך א טראגישן ספעקטאקל.

איך האָב באגעגנט אייניקע פון זיי דעם פאָריקן כוידעש לעבן רוים. דאָס זייַנען געוועזן ייִדן פון אָדעס, דעם אוקראַיִנישן פאָרט, און זיי זייַנען צוויי יאָר אָפּגעוועזן אין ייִסראָעל, אָבער זיי האָבן דאָרט ניט געקאָנט פארבלייַבן. „דו קענסט גוט לעבן אין אָדעס, — זאָגט איינער פון זיי, — אויב דו האָסט געלט. און פרעג ניט, ברודער, צי איך האָב געהאט געלט!" פארוואָס איז ער פון אָדעס אוועק? ער געדענקט שוין ניט, זאָגט ער. אָבער עס זעט אויס קלאָר און באשיַימפערלעך, אז ער איז אוועק, קעדיי צו זוכן נאָך גרעסערע גליקן, פונקט אזוי ווי ס'האָבן דאָס געטאָן א גרויסער פראָצענט פון אָט די עמיגראנטן פון ראטנפארבאנד...

עס איז אומעגלעך צו פאראלגעמיינערן דעם כאראקטער פון אָט דער פארשיידנפארביקער איידע, אָבער די מערהייַט פון זיי האָבן געוויסע באשטימטע שטריכן און אייגנשאפטן.

דאָס סאמע בוילעטסטע בא זיי, כאָטש ניט דאָס איבערראשנדע, איז אן אלגעמיינער געפיל, אז זיי געפינען זיך אין א פרעמד לאנד. די ייִסראָעלדיקע רעגירונג שטיצט א טאָג־צייַטונג אין רוסיש, וועלכע רופט זיך „נאשא סטראנא" — אונדזער לאנד — א נאָמען, וואָס זעט אויס איראָניש. די מערהייַט סאָוועטישע אוילים רעדן וועגן ייִסראָעל, באנוצנדיק „זיי": „זייער" רעגירונג, „זייער" ארמיי, „זייערע" פּאָליטיקער.

זיי איז שווער צו פארשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר, און זיך צוצופאסן צום לעבן. „קיינער זאָגט אונדז ניט, וואָס עס קומט דאָ פאָר", — האָט איינער זיך באקלאָגט. עס איז פאראן אן אלטער וויץ וועגן א סאָוועטישן שנייַדער, וועלכער האָט געעפנט א ווארשטאט אין יערושאָלאַיִם. אין דרייַ וואָכן ארום האָט ער געשיקט א פארביטערטן פראָטעסט־בריוו דעם בירגערמייסטער פון דער שטאָט. „פארוואָס שיקט איר מיר ניט קיין קליִענטן!?" — האָט דער שנייַדער געפאָדערט.

די עמיגראנטן פון ראטנפארבאנד ווערן שטארק צעטומלט בא זייער באגעגעניש מיט דער פרעמדער וועלט, מיט אירע מינהאָגים, צו וועלכע זיי זייַנען ניט צוגעוווינט. איז געבליבן בא די דאָזיקע עמיגראנטן א געוויסער אומדערווארטעטער סאָוועטישער פאטריִאָטיזם, ווען זיי פארגלייַכן פארשיידענע דערשייַנונגען אין דער מייַרעווודיקער וועלט. „אין אָדעס האָב איך געקענט גיין אין טעאטער יעדע נאכט", — האָט א מיידל זיך מיר באקלאָגט אין טעל־אוויוו...

צי איז זי טאקע געגאנגען יעדן אָוונט אין טעאטער? ניין, פארשטייט זיך, אז נישט. און דאָך...

פון די געשפרעכן מיט עטלעכע צענדליק סאָוועטישע אוילים קאָן ארויסדרינגען, אז א מענטש, וואָס האָט אָפּגעלעבט זייַנע ערשטע יאָרן אין מאָסקווע, קאָן זיך ניט לייַכט צופאסן צו דער פונדאמענטאל

אנדערשדיקער מײַרעוודיקער וועלט. **„איך קאָן זיך ניט צופאסן צו די דאָזיקע מײַרעוו־מענטשן“, — האָט זיך באַקלאָגט א יונגערמאַן פון 23 יאָר. ער איז ארויסגעפאָרן פון קיִעוו מיט אײניקע יאָר צוריק, ווען זײַן צימער־אופראַמערן אין דעם סטודענטן־אינטערנאַט האָט געפונען ציִעניסטישע ליטעראַטור. ער איז געווען אין ייִסראָעל, און איצט האָט ער זיך געפונען אין רוים, וואַרטנדיק אף א דערלויבעניש אײַנצוואַנדערן קײַן דאָרעם־אַפריקע.**

„די דאָזיקע מײַרעוו־מענטשן זײַנען אינגאַנצן אנדערש ווי מיר, — האָט ער געזאָגט, — איך האָב דערפילט, אז איך האָב ניט ליב ייִסראָעל פונעם מאָמענט, ווען איך בין אַהין אָנגעקומען. איך האָב געלעבט זעקס כאַדאָשים אין דער שווייץ, אָבער איך האָב זיך ניט געקענט צוגעוווינען דאָרט. אמעריקע? איך מײן, אז דאָס איז א גרויס ייִסראָעל. איצט פאָר איך קײַן דאָרעם־אַפריקע. עפשער וועט מיר גײן בעסער מאַטעריעל. צי מײנט איר, אז עס וועט מיר געפעלן?“

אין דער ייִסראָעל־צײַטונג „לעצטע נײַעס“ (24 מײַ 1974) איז געווען פארעפנטלעכט אַן ארטיקל „פאַרוואָס פארקלענערט זיך די אלִיאַ פון רוסלאַנד“, וועמענס אווטאָר — יוסעף גאָלדקאָרן — איז פון די בילִיקע אנטיסאָוועטישע טומלער, וועלכע מאכן פאר זיך א זשורנאַליסטישן ביזנעס ארום דעם אָנקומען פון געוועזענע סאָוועטישע ייִדן קײַן ייִסראָעל. אָט וואָס מיר לײענען אין גאָלדקאָרנס ארטיקל:

„אין די לעצטע וואָכן מערקט זיך א באַאומרויִקנדיקע דערשײַנונג — א גוואַלדיקע אראָפּנידערונג פון דער צאָל אוילים, וואָס קומען צו אונדז פונעם ראַטנפארבאַנד... מע דארף זאָגן אָפן, און עפשער אלאַרמירן, אז ייִדן אין ראַטנפארבאַנד, וועלכע האָבן שוין באַקומען ארויספאָדערונגען פון זײערע קרויווים אין ייִסראָעל, האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון אָנגעבן באַקאָשעס אף באַקומען ארויספאָר־דערלויבענישן נאָך דעם, ווי זײ האָבן דערהאַלטן בריוו פון זײערע קרויווים וועגן די שוועריקײַטן אין דער אבסאָרבציע (אײַנאָרדענונג). א פאָרשונג, וואָס איז לעצטנס דורכגעפירט געוואָרן, האָט באַוויזן, אז עפשער מער ווי בא אלע אנדערע גרופּעס אוילים איז די אכיליעס־פּיאַטע אין דער אינטעגראַציע פון דער סאָוועטישער אלִיאַ דאַפקע די געזעלשאַפטלעכע קליטע. א דריטל פון די אויסגעפאָרשטע אוילים פון ראַטנפארבאַנד האָבן דערקלערט, אז אין געזעלשאַפטלעכן לעבן איז פאָרגעקומען בא זײ א יערידע לעגאַבע דעם ניוואָ, וועלכן זײ האָבן געהאַט אין ראַטנפארבאַנד. אָבער נאָך ערגער איז, וואָס א העלפט פונעם דאָזיקן דריטל גלייבט אפילע ניט אין דער מעגלעכקײַט פון פארבעסערן זײער מאַצעוו אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון ייִסראָעל“.

דער זשורנאַליסט א. וואַרשאַווסקי שרײַבט אין דער טעל־אוויווער „ייִדישער צײַטונג“ (23 אווגוסט 1974) אין שײַכעס מיט דער אוועקגעשטעלטער אופגאַבע צו באַזעצן די ראַנד־געביטן פון ייִסראָעל מיט נײַע אוילים פונעם סאָוועטנפארבאַנד:

„מע האָט אָפּגענומען בא זײ (בא די געוועזענע סאָוועטישע ייִדן. — רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד“) **די נעשאָמע און זײ געגעבן דערפאַר א קופּערנע מאַטבײע“...**

ווי די צײַטונג „אל האַמישמאַר“ (16 אווגוסט 1974) טײלט מיט, האָט דער אבסאָרבציע־מיניסטער פון ייִסראָעל שלוימע ראָזען דערקלערט אף א זיצונג פון דער קנעסעט:

„די שוועריקײַטן פון אבסאָרבציע, דעריקער אין הינזיכט פון וווינונגען און באַשעפטיקונגען, ווי אויך פון דער געזעלשאַפטלעכער אבסאָרבציע, האָבן דערפירט צו דער פארלאַנגזאַמערונג פון דער אלִיאַ פונעם ראַטנפארבאַנד... פון די, וואָס האָבן באַקומען אלִיאַ־דערלויבענישן, האָבן 12 פּראָצענט זיך אָפּגעזאָגט אין ווין אוילע צו זײַן קײַן ייִסראָעל. אין די ערשטע זעקס כאַדאָשים (פונעם 1974 יאָר) האָבן בא טויזנט נײַע אוילים פונעם ראַטנפארבאַנד פארלאָזט ייִסראָעל...“

לויט ווי עס טײלט מיט די ייִדישע טעלעגראַפישע אַגענטור (איטאַ), האָט דער געוועזענער פינאַנץ־מיניסטער פון ייִסראָעל, איצט — דער אָנפירער פונעם סאָכנוט פּינכעס סאַפּיר דערקלערט בײַם זײַן אומקערן זיך פון לאַטײַן־אמעריקע:

„די קריגס־לאַגע האַלט אָפּ פיל ייִדן צו קומען קײַן ייִסראָעל. אין די פריִערדיקע יאָרן פלעגן ציִעניסטישע פירער אָנווײַזן, אז ייִסראָעל איז דער זיכערסטער פּלאַץ פאר ייִדן, אָבער הײַנט קאָן מען אזוי ניט זאָגן. מע רעדט זײער אָפט און א סאַך וועגן א נאָענטער מילכאָמע. דאָס האַלט אָפּ פיל ייִדן צו קומען אין דער מעדינע“.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם קלאָגט זיך דער ציִעניסטישער פּובליציסט עליִעזער אקאַבעס אין די „לעצטע נײַעס“ (26 יול 1974):

„צו וואָס דארף מען אין דער פּרעסע, ראַדיאָ, טעלעוויזיע און אין עפנטלעכע ארויסטרעטונגען אונטערשטרײַכן דעם מילכאָמע־מאָמענט. אויך אונדזערע (דה. די ייִסראָעלדיקע. — רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד“) **אָפיציִעלע פערזענלעכקײַטן הערן ניט אוף וועגן דעם צו רעדן. צוליב וואָס? פון ווען אָן איז עס אײַנגעפירט, אז אונדזער (ציִעניסטישע) ארגאַניזאַציע זאָל געבן די ייִדן אין רוסלאַנד אָדער אין מײַרעוו א מאָטיוו ניט אוילע צו זײַן? איז דאָס ציִעניזם? צי האָט דען אלע יאָרן, זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די אלִיאַ דאָ (אין ייִסראָעל) געהערשט רו?“**

דער לײענער מענדל געלער, א נײַער אוילע, שרײַבט אין זײַן בריוו, וואָס איז פארעפנטלעכט אין די „לעצטע נײַעס“ (21 אווגוסט 1974):

„עס זײַנען פאראַן אײניקע פּראָבלעמען, וואָס פאר א נײַעם אוילע איז זײ שווער צו פארשטײן. מיר ווייסן, אז די אלִיאַ פונעם ראַטנפארבאַנד האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער נויטווענדיקײַט צו פאראײניקן צעריסענע מישפּאָכעס. דערווײַל אָבער געשעט זײער אָפט, אז מע צערײַסט מישפּאָכעס דאַפקע אין ייִסראָעל גופע... א טײל פון א מישפּאָכע באַקומט א דירע אין אײן עק לאַנד, און די אנדערע טײל אין א צווייטן עק לאַנד. אויך דאָס וואָלט מען נאָך געקענט אויסהאַלטן, ווען מע וואָלט געהאַט א מעגלעכקײַט צו באַזוכן אָפט די קרויווים. א מענטש וויל זען זײַנע עלטערן, ברידער, שוועסטער, אָבער באַזוכן קען מען זײ נאָר אין דעם אײנציקן פרײַען טאָג, שאַבעס, און אין דעם טאָג איז קײַן טראַנספּאָרט ניטאָ. פּאַקטיש איז דאָס אָפּהיטן די שאַבעס־רו אײַנגעפירט

נאָר פאר די אָרעמע שיכטן, וועלכע זײַנען געצוווּנגען צו פאָרן מיט די אויטאָבוסן. די מער פארמעגלעכע, וואָס האָבן אייגענע אויטאָס, קענען פאָרן אומגעשטערט. עס שטעלט זיך ביכלאל א פראגע, ווי קען מען עס אָפּשטעלן דעם גאנצן טראנספּאָרט אין א מעדינע יעדן שאבעס און יעדן יאָמטעוו?"

די ייִסראָעלדיקע צײַטונגען קאָנען שוין ניט פארשווײַגן די פאקטן וועגן גרויסע שוועריקײַטן פון אײַנלעבן זיך אין די באדינגונגען פון דער מעדינע. אָט זײַנען אייניקע יעדיִעס פון דער פּרעסע:

„מאאריוו" (18 אווגוסט 1974) ברענגט א פאָטאָגראפיע פון איליא קירזשנער מיט זײַן מישפּאָכע, וועלכע איז געקומען מיט 11 כאדאָשים צוריק פונעם ראטנפארבאנד, ווו קירזשנער איז געווען פון די „אקטיוויסטן פאר ארויספאָרן". איצט וויל ער פארלאָזן ייִסראָעל און פאָרן קיין בעלגיע. קיין געהעריקע ארבעט אלס אינזשעניער־עלעקטראָניק האָט ער ניט. שוין 11 מאָנאטן, ווי ער לעבט מיט זײַן מישפּאָכע אין א דירע פון צײַטווײַליקן כאראקטער (אזויגערופענער „קאראוואן") אין קפאר יוינע, בא נאטאניִע. צו אלע גליקן האָבן אים פּאָליציִאנטן צעשלאָגן און אים אָפּגעהאלטן אין פּאָליציי־ארעסט אין נאטאניִע, אָן קיין שום פארוואָס, ווײַל ער האָט זיך ניט געקאָנט ווי געהעריק מיט זיי אויסטײַנען.

„יעדיִאָט אכראָנאָט" (21 אווגוסט 1974) דרוקט א יעדיִע, אז ארום צוואנציק סטודענטן, וועלכע זײַנען געקומען ניט לאנג צוריק פונעם ראטנפארבאנד און לערנען אין כײַפער פּאָליטעכניקום, פירן שוין עטלעכע טעג א הונגער־שטרײַק מיט דער פאָדערונג, מע זאָל אנערקענען זייערע צײַגענישן און זיי געבן רעכט באגלײַך מיט די איבעריקע סטודענטן. זיי באקלאָגן זיך אויך אף דער שלעכטער באציִונג צו זיי.

„דאוואר" (22 אווגוסט 1974) דרוקט א נאָטיץ אונטערן קעפּל „די מיטארבעטער פון אבסאָרבציע באקלאָגן זיך אף די קריוווים פון די אוילים און אף די אליִא־שעליכים". אין דער נאָטיץ ווערט געזאָגט צווישן אנדערס: „דער אבסאָרבציע־ביוראָ אפן לופטפּאָרט איז שווער הײַנט־צו־טאָג צו געפינען פאר די אוילים געהעריקע דירעס אין צענטער פון לאנד, און עס גיט זיך איר קוים אײַן אריבערצופירן א סאך מישפּאָכעס אין אזעלכע ערטער ווי דימאָנא, יערוכאם, קיריאט שמאָנא אא. מע זאָגט צו די אוילים הארים אוגוואָוויס, און מיר ווײַזן זיך דערנאָך ארויס פאר די שלעכטע, ווען מיר קאָנען ניט באפרידיקן די דאָזיקע פאָדערונגען"...

דער „דאוואר" (23 אווגוסט) פארעפנטלעכט אן ארטיקל פון יעהודיט ליבאנע, אין דער אָפּטיילונג וועגן טעאטער און קונסט, וועגן דעם רעזשיסער ערנסט כייפעץ, וועלכער איז געקומען פון לענינגראד. נאָך דעם, ווי ער האָט אוועקגעשטעלט אין „האבימא" די פאָרשטעלונג „ווער איז וואָס?", איז ער פארגעסן געוואָרן. י. ליבאנע ברענגט די ווערטער פון ע. כייפעץ: „פונעם ערשטן טאָג פון מײַן קומען פיל איך און טיילמאָל הער איך בעפיירעש די פראגע — צוליב וואָס ביסטו געקומען, אייגנטלעך? אין אָנהייב איז דאָס געווען פאר מיר א פראגע אָן איינהאלט און באדײַטונג. הײַנט איז דאָס שוין א פראגע, וואָס איך אליין, אף אן אומנאטירלעכן אויפן, שטעל זיך. דאָס שרעקלעכסטע פון אלץ איז דאָס געפיל, אז איך בין דאָ פאקטיש איבעריק, קיין איין מענטש נייטיקט זיך ניט אין מיר. פון טאָג צו טאָג איבערצײַג איך זיך אין דעם אלץ מער און מער. דאָס שטערט מיר צו לעבן. ביז הײַנטיקן טאָג, שוין אין מעשעך פון אָנדערהאלבן יאָר, זינט איך בין געקומען, האָב איך נאָך ניט געפילט, אז עמעצער זאָל האָבן א ווילן צו אײַנשטעלן מיט מיר א קאָנטאקט פון עמעס. איך פיל זיך ווי א זלידנע פליג, וואָס שטערט שוין מיט איר עצעם אָנוועזנהײַט".

ווי עס גיט איבער דער „דאוואר" (5 סענטיאבער), איז אין אשדאָד פאָרגעקומען א צערעמאָניע פון כאנוקאס־האבאיִס פון הײַזער פאר אוילים פונעם סאָוועטנפארבאנד, וואָס זײַנען אויסגעבויט פון די געלט־פאָנדן פון דער אמעריקאנער רעגירונג. בא דער צערעמאָניע זײַנען בײַגעווען הויכע רעגירונגס־באאמטע און דער אמבאסאדאָר פון פשא. אינמיטן די רעדעס האָט א גרויסע גרופּע גרוזינער ייִדן דעמאָנסטרירט מיט א טראנספּאראנט, אף וועלכן ס'איז געווען אָנגעצייכנט: „מיר ווילן ניט קיין פּראָפּאגאנדע. שיקט אונדז צוריק קיין סאָוועטנפארבאנד!". די דעמאָנסטראציע האָט ארויסגערופן א צעטומלונג צווישן די אָרגאניזאטאָרן פון דער צערעמאָניע.

קעדיי דאָס בילד זאָל זײַן פולער, וועלן מיר ברענגען דעם ענטפער, וואָס עס גיט די צײַטונג פון די ייִסראָעלדיקע קאָמוניסטן „דער וועג" אף דער פראגע: וועלכע זײַנען די סיבעס פון דעם, וואָס געוועזענע סאָוועטישע ייִדן לויפן פון ייִסראָעל? אין אן ארטיקל פון שלוימע בעקער „אומלייזבארע פּראָבלעמען פון דער אליִא" (14 אווגוסט 1974) שרײַבט „דער וועג":

„מיר האָבן שוין ניט איין מאָל געשריבן און אָפּגעוויזן מיט פאקטן, אז די גאנצע קאמפּאניע פון „שלאך עט אמי" (שיק מײַן פאָלק) איז געווען א לאָזונג פון די ייִסראָעלדיקע הערשער און ציִוניסטישע פירער, זייערער א בײַשטײַער צום אנטיסאָוועטיזם.

מיר האָבן דערציילט וועגן די טראגעדיעס, וואָס עס האָבן איבערגעלעבט און לעבן איבער א סאך פון די נײַע אוילים, וועלכע האָבן זיך געלאָזט אײַנריידן דורך דער ציִוניסטישער פּראָפּאגאנדע, אוועקגעוואָרפן זייערע אײַנגעזעסענע היימען, זײַענדיק אײַנגעאָרדנט מיט ארבעט, באזאָרגט מיט וווינונגען, מיט מעדיצינישער באדינונג, מיט אומזיסטער בילדונג פאר די קינדער ביז די העכסטע שטאפּלען, באזאָרגט מיט פענסיע אין פאל פון קראנקײַט און שפּעטער מיט עלטער־פענסיע. א סאך אזעלכע אוילים, וועלכע האָבן גענאָסן פון אלע רעכט און דערגרייכונגען פון דער סאָציִאליסטישער אָרדענונג, צוגלײַך מיט אלע אנדערע בירגער פונעם ראטנפארבאנד — קומענדיק קיין ייִסראָעל און אָנשטויסנדיק זיך אין דער ווירקלעכקײַט פון דער קאפּיטאליסטישער אָרדענונג, האָבן דערזען, אז זיי זײַנען געפאלן קאָרבאָנעס פון א גוט אָרגאניזירטער פּראָפּאגאנדע. דאָס, וואָס אין סאָוועטנפארבאנד איז געווען פאר זיי א זעלבסטפארשטענדלעכע זאך, האָט זיך ארויסגעוויזן אין ייִסראָעל אלס אזוינס, וואָס מע דארף פאר דעם שטארק קעמפן. עס איז אָבער געווען שוין צו

שפעט. א סאך האָבן גענומען זוכן וועגן צו פאָרן צוריק. א סאך האָבן זיך געלאָזט אף די וועגן פון נאוועגאד קיין קאנאדע, אמעריקע, אוסטראליע, בעלגיע און אנדערע לענדער. עס זײַנען געווען אויך פאלן פון באגיין זעלבסטמאָרד פון פארצווייפלונג.

מיר האָבן זײַנערצײַט אינפאָרמירט (און ניט אלע מאָל) וועגן די זיך־שטרײַקן פון די נײַ־אָנגעקומענע אפן לודער אעראָדראָם, אין כײַפער פאָרט, אין די פארשיידענע ביוראָען פון דער סאָכנוט און אבסאָרבציע־מיניסטעריום, מיט פאָדערונגען פון אײַנאָרדענונג אין צענטער פון לאנד און ניט צו פארשיקט ווערן אין די גרענעץ־ייִשווים. מיר האָבן געשריבן וועגן דעם בונט פון די גרוזינער אוילים, וועלכער האָט פאָראליזירט דאָס נאָרמאלע לעבן אין דער שטאָט אשדאָד.

די דאָזיקע אלע דערשײַנונגען זײַנען ניט קיין איינצלנע און פארבײַגייענדיקע. די ייִסראָעל־רעגירונג און די אָנפירנדיקע אינסטאנצן האָבן ניט אויסגעבעסערט די לאגע, ניט צוגעגרייט געהעריקע וווינונגען, ארבעטס־פלעצער און באדינגונגען זיך אויסצולעבן מאטעריעל, געזעלשאפטלעך און קולטורעל"...

וואָס דערוואַרט אין אנדערע לענדער די געוועזענע סאָוועטישע ייִדן, וועלכע האָבן פארלאָזט ייִסראָעל אָדער אהין ניט דערפאָרן

אין עסטרײַך...

דר. בערל פרימער שרײַבט אין די „לעצטע נײַס" (8 אווגוסט 1974) און אין פאריזשער „אונדזער וואָרט" (22 אווגוסט):

„דער קאנצלער פון עסטרײַך דר. ברונאָ קרייסקי האָט זיך דיסקרעט געווענדט צו די בניי־בריט, אז זיי זאָלן עפּעס טאָן וועגן די 200 סאָוועטישע ייִדן, וועלכע לעבן אין שווערע באדינגונגען אין זײַן לאנד, מע זאָל פאר זיי געפינען א מאָקעם־מיקלעט.

עס האנדלט זיך וועגן ייִדן, וואָס זײַנען יוירעד געווען פון ייִסראָעל און זיך באמיט אומצוקערן קיין ראטנפארבאנד, אָבער די סאָוועטישע אווטאָריטעטן זאָגן זיך אָפּ זיי אופצונעמען צוריק. אין דער צווישנצײַט לעבן זיי אף צדאָקע אין די שוידערלעכסטע באדינגונגען. דר. קרייסקי וואָלט געוואָלט פון זיי פּאָטער ווערן, און ער האָט אָנגעפרעגט בא בניי־בריט, צי מע קען זיי ניט פארזאָרגן א פלאץ אין אווסטראליע אָדער אין קאנאדע.

עס איז נישט באקאנט פון דער אינפאָרמאציע, וואָס בניי־בריט האָט באשלאָסן וועגן אָט דעם איניען און וואָס איז די טשוווע, וואָס זיי האָבן געגעבן דעם קאנצלער, און צי זיי האָבן זיך געשטעלט אין קאָנטאקט מיט רעגירונגען און אגענטורן וועגן דעם טרויעריקן איניען.

מיטן גאנצן מענטשלעכן מיטלײַד, וואָס מיר האָבן צו אָט די בידנע ייִדן, קען מען אָבער זיך ניט אײַנהאלטן צו טראכטן, אז זיי שנײַדן, וואָס זיי האָבן פארזייט" (ב. פרימער האָט דאָ אין זינען צו אויסריידן די נאווענאדניקעס, פארוואָס זיי האָבן פארלאָזט ייִסראָעל. — רעד. „סאָוועטיש היימלאנד").

די צײַטונג „אונדזער וואָרט" (7 סענטיאבער 1974) דערציילט וועגן דעם טראנזיט־לאגער פאר געוועזענע סאָוועטישע ייִדן אין עסטרײַך:

„דער טראנזיט־צענטער אין שענאו איז זײַנערצײַט פארמאכט געוואָרן מיצאד דער עסטרײַכישער רעגירונג, און מע האָט אים איבערגעפירט אין א קאזארמע אין וועלערסדאָרף (40 מײַל פון ווין), דערנאָך אין דעם שטעטל סעמערינג. די אײַנוווינער פון סעמערינג פראָטעסטירן אָבער, ווײַל נאָענט פונעם לאגער געפינט זיך א קינדער־גאָרטן. מע איז אויך אומצופרידן פון דער פּאָליציייִשער שמירע (וואך) און פון דעם שטעכדראָט, מיט וועלכן דער לאגער איז ארומגערינגלט. אינגיכן וועט געפונען ווערן פאר די געוועזענע סאָוועטישע ייִדן אן אנדער לאגער אין א ווייניקער באפעלקערטער געגנט".

די נײַס־אגענטור „רייטער" (ענגלאנד) האָט דעם 8 אָקטיאבער 1974 מיטגעטיילט פון ווין:

„די עסטרײַכישע מאכט־אָרגאנען האָבן ארויסגעשיקט פונעם לאנד א ריי באאמטע פונעם טראנזיט־צענטער פאר עמיגראנטן. די סיבע דערפון איז דאָס, וואָס אף דער טעריטאָריע פונעם לאגער האָט די עסטרײַכישע פּאָליציי געפונען געווער, וואָס די ייִסראָעלדיקע אגענטן האָבן געהאלטן בא זיך אומלעגאל. אין צוזאמענהאנג מיט אָט דער געשעעניש דערמאָנען די צײַטונגען אין די מײַרעוו־לענדער, אז די אויסשפּיר־דינסט פון ייִסראָעל האָט שוין פון לאנג פארוואנדלט די טראנזיט־צענטערן פאר אוילים אין אירע באזעס. די עסטרײַכישע געזעלשאפטלעכקײַט איז אופגעבראכט, ווײַל דאָ גייט אין א פּראָוואָקאציע, וואָס רירט אָן די נייטראליטעט פונעם לאנד".

אין בעלגיע...

דער בריסעלער קאָרעספּאָנדענט פון דער נײַס־אגענטור „אסאָשיעיטעד פרעס" (ניו־יאָרק) האָט מיטגעטיילט דעם 4 אווגוסט 1974:

„הונדערטער געוועזענע סאָוועטישע בירגער פון דער ייִדישער נאציאָנאליטעט, וועלכע האָבן געהאָפּט נאָכן ארויספאָרן פונעם סאָוועטנפארבאנד זיך פארפונדעווען אין ייִסראָעל אָדער אין איינעם פון די לענדער פון מײַרעוו־אייראָפּע, זײַנען געצוווּנגען ארומוואָגלען פון איין לאנד אין צווייטן, ווײַל עס גיט זיך זיי ניט אײַן צו באקומען א דערלויבעניש אף בלײַבן וווינען.

די בעלגישע ראדיאָ גיט איבער, אז 500 אזעלכע עמיגראנטן געפינען זיך איצט אין בעלגיע נאָך דעם, ווי זיי האָבן געמאכט אומזיסטע באמיִונגען צו באקומען וווינרעכט אין פראנקרײַך און מײַרעוו־דײַטשלאנד".

דעם 11 סענטיאבער האָט מיטגעטיילט די ייִדישע טעלעגראפן־אגענטור (איטא):

„600 סאָוועטישע ייִדן זײַנען געקומען קיין בעלגיע אין גרעסטן טייל דירעקט פון ייִסראָעל, אייניקע דורך פראנקרײַך, מײַרעוו־דײַטשלאנד און איטאליע. די ייִדישע אזויגערופענע „סאָציאַלע אינסטיטוציעס"

ווילן זיך מיט זיי ניט פאַרנעמען, ווײַל זיי קומען פון ייִסראָעל, און די ייִסראָעל־קרײַזן — אוואדע ניט.

די 600 ייִדן האָבן זיך געווענדט אין דער אָרגאַניזאַציע „קאַריטאַס קאַטאָליקאַס" און אין „טאָלסטאָי־פאָנד".

דעם 23 סעפּטעמבער האָט די בריסעלער צײַטונג „לא סיטע" געשריבן:

„די בעלגישע רעגירונג וועט אָף ווײַטער ניט דערלויבן דעם אַרײַנפאָר פון נײַע אוילים פון סאָוועטישן אָפּשטאַם, אַנטלאָפענע פון ייִסראָעל, אָן אַ ספּעציִעלער וויזע.

דאָס זאָל זײַן אַ רעזולטאַט פון אַ ווענדונג פון דער ייִסראָעל־רעגירונג.

אין בעלגיע געפינען זיך שוין 650 געוועזענע סאָוועטישע ייִדן".

די וואָכנצײַטונג אין פלעמיש „בעלגיל איזראַעליטיש וועקבלאַד" שרײַבט פון איר זײַט:

„ייִסראָעל האָט אַרופגעלייגט אַ וועטאָ קעגן העלפן די רוסישע ייִדן, וואָס האָבן פאַרלאָזט ייִסראָעל און געפינען זיך אין בעלגיע.

ס'איז פאַרבאָטן געוואָרן דעם „דזשאָינט" און דעם „היאַס" צו קומען צו הילף אָט די ייִדן.

מיט וואָס פאַר אַ רעכט טוט עס די ייִסראָעל־רעגירונג?"

אין דער ליוקסעמבורגער „צײַטונג פום לעטצעבורגער פאָלעק" (20 סעפּטעמבער 1974) איז אָפּגעדרוקט פאָלגנדע נאָטיץ:

„געוועזענע סאָוועטישע בירגער פון ייִדישן אָפּשטאַם, וועלכע אַנטוישן זיך שנעל אין ייִסראָעל און פאַרלאָזן דאָס לאַנד, קאָנען ניט מער זיך אײַנאָרדענען אין מײַרעוו־אייראָפּע. בעלגיע האָט אָפיציִעל געמאָלדן, אַז זי זאָגט זיך אָפּ אופצונעמען די דאָזיקע קאַטעגאָריע מענטשן, און זי וועט, ווײַזט אויס, זײַן ניט דאָס איינציקע לאַנד אָף מײַרעוו, וואָס וועט פאַרמאַכן די טיר פאַר די איבערוואַנדערער פון ייִסראָעל.

די אַנקעטע, וועלכע איז דורכגעפירט געוואָרן צווישן די ייִדן, וואָס האָבן פאַרלאָזט פּסר, האָט באַוויזן, אַז אין 99 פאַלן פון 100 איז די סיבע פון זייער אַרויספאָר לאַכלוטן ניט קיין „אידייִשע". אין דער מערהײַט פאַלן זײַנען זיי אַרויסגעגאַנגען פונעם פאַרלאַנג, אונטער דער ווירקונג פון די פּראָפּאַגאַנדיסטישע באַבעמײַסעס, אַריבערצופאָרן אין אַ „ביבליש היימלאַנד" און פון דעם נאַיִוון טרוים וועגן מאָמענטאַל באַרײַכערט ווערן".

„ווי נאָר עס גייט דורך דער ערשטער ענטוזיִאַזם, ווערט קלאָר, אַז די, וואָס האָבן פאַרלאָזט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, פאַלן אַרײַן אין טיפן אָפּגרונט פון סאָציִאַלער איזאָליאַציע און אַנטוישונג..." — שרײַבט דער קאָרעספּאָנדענט פון „לאָס־אַנדזשעלעס־טײַמס" וויליאַם דרעמאָנד.

זייער מיינונג האָבן אַרויסגעזאָגט אויך די מיטאַרבעטער פונעם ייִסראָעלדיקן אינסטיטוט פאַר סאָציִאַלע פאָרשונגען, די מעכאַברים פון דער דאָ ניט לאַנג פאַרעפנטלעכטער מאָנאָגראַפיע וועגן דער „פּראָבלעם פון ניט־אײַנלעבן זיך פון די אימיגראַנטן פון סאָוועטנפאַרבאַנד אין דער ייִסראָעלדיקער ווירקלעכקײַט".

מיט דעם דאָזיקן ציל האָבן די סאָציִאָלאָגן עליִאָט מאַרקוס און יודיט שוואַל אויסגעפרעגט 2 טויזנט אימיגראַנטן, אָנגעקומענע קיין ייִסראָעל אינעם פּעריִאָד פון 1960 ביז 1971 אײַנגעשלאָסן. די אַלגעמיינע אויספירן, צו וועלכע מע דאַרף קומען נאָכן באַקענען זיך מיט דער דאָזיקער פאָרשונג, דערשיטערט: ייִסראָעל לייגט צו אַלע קויכעס, קעדיי צו אינספּירירן, באַווייליקן די אימיגראַציע פון פּסר, וויסנדיק דערבײַ אָפריִער, אַז אָף אופנעמען די „נײַיִנקע" זײַנען נישטאָ ניט קיין עקאָנאָמישע, ניט קיין סאָציִאַלע פאָרהאַנאָכעס.

טעל־אוויוו האָט געשלאָגן דעם וועלט־רעקאָרד לויט דער גרייס פון די שטײַערן, וועלכע מע רײַסט פון דער באַפעלקערונג. אַ העלפט פונעם ביודזשעט פאַרטערט ער אָף אײַנקויפן געווער. „דער רעסורסן־מאַנגל פונעם לאַנד שאַפט אַ קאָנפליקט", — קאָנסטאַטירט לאַקאָניש עליִאָט מאַרקוס.

דער סאָציִאָלאָג האָט אין זינען דעם קאָנפליקט צווישן די אימיגראַנטן און דער אומפאַרײַנטלעכער סאָציִאַלער סוויווע, אין וועלכער יענע פאַלן אַרײַן. דער ייִסראָעל־בירגער זעט אײַן אינעם געקומענעם פון פּסר ניט בלויז אַ פינאַנציִעלן באַלאַסט. דער אימיגראַנט, פונעם שטאַנדפּונקט פון אַ ייִסראָעל־בירגער, אַנטשפּרעכט ניט די פאָדערונגען פון אַ „הונדערטפּראָצענטיקן ייִד", וועלכע עס האָט אויסגעאַרבעט די „עכט־גלויביקע" נאַציִאָנאַלע רעליגיִעזע פּאַרטיי.

בריסעל האָט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די איבערוואַנדערער קאָנען ניט אויסרעכענען אָף אַרײַנפאָרוויזעס.

די ציִעניסטישע ייִדישע צײַטונג „אונדזער וואָרט", וועלכע איז אַ בעשוטפּעסדיקע פאַר פראַנקרײַך און פאַר בעלגיע, האָט אָף איר אויפן רעאַגירט אָפן קומען קיין בעלגיע פון די געוועזענע „אוילים". אָף וויפל עס שטעלט פאָר אָן אינטערעס די „לאָגיק" פון אָט דער צײַטונג באַם באַהאַנדלען אַזעלכע טראַגישע מאָמענטן, וועלן מיר באַם קירצן דאָס אַרטיקל פון ה. ביבראָווסקי „רוסישע ייִדן אין בעלגיע" („אונדזער וואָרט", 25 סעפּטעמבער 1974) פאַרהיטן איינציקע ערטער, וועלכע אונדזערע לייענער וועלן, נאַטירלעך, אָפּוואַרפן אַלס ציִעניסטישן שעקער, דערפאַר אָבער וועט דאָס בילד זײַן אַ פולס. ה. ביבראָווסקי שרײַבט:

„שוין אַ פאָר וואָכן, ווי מע רעדט וועגן אַ גרופּע רוסישע ייִדן, וועלכע זײַנען געקומען קיין בעלגיע נאָכדעם, ווי זיי זײַנען געווען אַ געוויסע צײַט אין ייִסראָעל.

אין אָנפאַנג האָט מען דעם איניען ניט גענומען ערנסט און מע האָט ניט געמאַכט קיין גרויסן ווען דערפון, טיילווײַז איבער דעם, וואָס עס איז געווען וואַקאַנס־צײַט, און טיילווײַז ווײַל מע האָט געטראַכט, אַז עס איז אַ קליין גרופּקעלע און עס איז ניט קעדײַ אופצוהייבן די גאַנצע פּראָבלעם.

אינצווישן האָט די בעלגישע פּרעסע אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם אַזוי, אַז עס איז געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעם, אָרטיקע אינסטיטוציעס האָבן אָנגעהויבן זיך צו פאַרנעמען מיט דער פראַגע, און איבעראַל רעדט מען וועגן דעם אָנגעווייטעקטן איניען.

צוערשט — וויפל זײַנען זיי?

לויט געוויסע קלאנגען זאָלן קיין בעלגיע האָבן געקומען א 600 רוסישע ייִדן. גענוי קאָן מען ניט וויסן, ווײַל זיי זײַנען צעוואָרפן אין א פּאָר ערטער.

פארוואָס בעלגיע? לויט ווי מיר ווערן געוווירע, האָבן די רוסישע ייִדן אויסגעקליבן בעלגיע, ווײַל מיט זייערע ייִסראָעלדיקע דאָקומענטן קענען זיי ארײַנקומען קיין בעלגיע אָן וויזעס אף א צײַט פון דרײַ כאדאָשים.

פארוואָס פארלאָזן זיי ייִסראָעל?

דעם איניען האָבן א סאך געפּרוווט אופקלערן, אָבער קיין גענויעם ענטפער קען מען פון זיי ניט באקומען...

פאראן אזעלכע, וועלכע זאָגן, אז זיי האָבן ניט געקענט זיך אײַנלעבן אין ייִסראָעל צוליב פארשיידענע סיבעס און דעריבער זוכן זיי גליקן אנדערשוו. פאראן אויך עטלעכע, וואָס זײַנען געקומען קיין ייִסראָעל מיט א קאוואָנע ארויספאָרן, ביכדיי צו באשמוצן דאָס לאנד; און מיר האָבן געהערט פון א בעלגישן זשורנאליסט, אז מע איז צו אים געקומען אין ביוראָ פון זײַן צײַטונג, ווי אויך אין אנדערע רעדאקציעס, צו רעדן שלעכטס אף ייִסראָעל, באנוצנדיק זיך דערבײַ מיט דער קאָמוניסטישער פראזעאָלאָגיע. פארשטייט זיך, אז דער זשורנאליסט האָט אויסגעהערט די דאָזיקע מענטשן און גאָרניט געשריבן וועגן דעם, וואָס זיי האָבן דערציילט.

ווער העלפט זיי קומען קיין בעלגיע?

דער פאקט, וואָס די רוסישע ייִדן קומען אין גרופּעס, באווײַזט, אז עס איז אן אָרגאניזירטער איניען. אויך דער פאקט, וואָס זיי ווערן אין בעלגיע אויסגעהאלטן פון פארשיידענע ניט־ייִדישע אָרגאניזאציעס, דערוועקט א כשאד, אז מע האָט די זאך פון פאָרויס צוגעגרייט.

לויט דער בעלגישער פּרעסע, ווערן די רוסישע ייִדן געהאָלפן דורך „קאריטאס קאטאָליקא" און דעם „טאָלסטאָי־פאָנד".

די „קאריטאס קאטאָליקא" איז, ווי דער נאָמען גיט עס אָן, א צדאָקע־אינסטיטוציע פון דער קאטוילישער קירכע אין בעלגיע. זי העלפט נויטבאדערפטיקע און נעמט אָנטייל אין הילף־ארבעטן לעטויוועס פרעמדע לענדער, ווען עס קומען דאָרט פאָר נאטור־קאטאסטראָפעס.

דער „טאָלסטאָי־פאָנד" איז א הילף־אינסטיטוציע, וועלכע איז ניט ספעציִעל פרײַנטלעך געשטימט צו ייִדן. די אינסטיטוציע העלפט אויסצוואנדערן קיין אמעריקע.

פארבלײַבן אין בעלגיע איז ניט אזוי פּאָשעט, ווײַל אין די לעצטע כאדאָשים האָט די בעלגישע רעגירונג אָנגענומען א געזעץ קעגן אומלעגאלע ארבעטער. דאָס הייסט, אז די, וועלכע קענען דערווײַזן, אז זיי האָבן זיך געפונען אין בעלגיע פאר א געוויסער דאטע, וועלן באקומען א דערלויבעניש צו פארבלײַבן. די אנדערע וועלן מוזן פארלאָזן דאָס לאנד. פארשטייט זיך, אז איבער דעם, וואָס עס האָט זיך אָנגעהויבן א שטיקל קריזיס אין געוויסע אינדוסטריעס, זוכט די רעגירונג צו פארקלענערן די צאָל פון פרעמדע ארבעטער.

אין אָנפאנג האָבן די רוסישע ייִדן אויסגעמיטן צו קומען אין קאָנטאקט מיט ייִדישע אָרגאניזאציעס, און נאָר צופעליק איז מען געוווירע געוואָרן וועגן זייער אָנקומען. מיט א קורצער צײַט צוריק האָבן זיי אָנגעהויבן קומען אויך אין ייִדישע אינסטיטוציעס, פאר וועלכע דאָס שאפט גאָר פרישע פּראָבלעמען.

לאָמיר אָנעמען, אז די הילפס־אינסטיטוציעס וועלן אָנהייבן העלפן די רוסישע ייִדן און זיי געבן שטיצע, — וואָס פאר א קאָלאָסאלע מיטלען מע וועט מוזן האָבן!

שאפן ארבעטס־מעגלעכקײַטן פאר זיי איז ניט לײַכט, ווײַל זיי קענען ניט די שפראך און קאָנען אויך ניט קיין פאכן אָדער האָבן ניט די קוואליפיקאציעס, וועלכע מע פאָדערט פון זיי.

אָבער פון אן אנדערער זײַט, זײַנען דאָ טוער, וועלכע האלטן, אז מ׳טאָר ניט איבערלאָזן די ייִדן אין די הענט פון קאטוילישע גרופּעס, וועלכע זײַנען זיכער אויסן זיי ברענגען צו שמאד. פאראן אפילע קלאנגען, וועלכע מיר קענען ניט קאָנטראָלירן, אז דאָס ארויספאָרן פון ייִסראָעל זאָל ווערן אָרגאניזירט דורך מיסיִאָנערישע גרופּן, וועלכע האָפן צו שמאדן די ייִדן.

מע פרעגט זיך: וואָס פּלוצעם האָט דער „טאָלסטאָי־פאָנד" אזוי א שײַכעס מיט ייִדן? צי זײַנען ניט פאראן דערבײַ געוויסע קאוואָנעס?

אלנפאלס, האָבן עטלעכע ראבאָנים אָנגעהויבן צו זאָרגן פאר די דאָזיקע מענטשן, ביכדיי זיי זאָלן ניט אינגאנצן ארײַנפאלן אונטער דעם קריסטלעכן אײַנפלוס. דער „מאימאָניד אטענעאום" האָט באקאנט געמאכט, אז ער איז גרייט ארײַנצונעמען די קינדער פון די רוסישע ייִדן אומזיסט, און דאָס קעדיי די קינדער זאָלן ניט מוזן לערנען אין די שולעס, אין וועלכע זייערע קריסטלעכע אפּעטראָפּסים וועלן זיי שיקן.

צי וועט דאָס העלפן — וועלן מיר זען, ווײַל די ערשטע טעג פונעם נײַעם שול־יאָר האָבן עס נאָך גאָרניט באוויזן.

דער קאָאָרדינירן־קאָמיטעט פון די ייִדן אין בעלגיע איז זיך דרינגענד צונויפגעקומען, קעדיי צו באהאנדלען דעם איניען; און דאָרט זײַנען ארויסגעשוומען פארשיידענע כלוקעדייעס. פאראן אזעלכע, וועלכע האלטן, אז מע מוז העלפן ייִדן, אין וועלכן מאצעוו זיי זאָלן זיך ניט געפינען. אייניקע אפילע האָבן געהאלטן, אז די עטלעכע הונדערט רוסישע ייִדן וועלן העלפן פארשטארקן דאָס שוואכע ייִדנטום (אין דעם צווייפלען מיר שטארק. — ה. ב.) אין בעלגיע.

אנדערע זאָגן, אז די רוסישע ייִדן האָבן אין ייִסראָעל באקומען אלץ, וואָס מע דארף, און מיר טאָרן ניט צוהעלפן קיין יערידע, ווײַל אויב ניט־צופרידענע וועלן געוווירע ווערן, אז מע נעמט אוף אלע אומצופרידענע מיט ברייטע אָרעמס, קענען מאָרגן קומען קיין בעלגיע נײַע יורידים. דעריבער מוז מען זײַן זייער פאָרזיכטיק.

פאראן אזעלכע, וועלכע האָבן געפאָדערט אונטערצוזוכן דעם איניען און זען, אז אויב געוויסע האָבן זיך ניט געלאָזט סטאם מיטשלעפּן פון מיסיִאָנערן, גוטעפרײַנט און פון א געוויסער פּראָפּאגאנדע, זאָל מען זיי העלפן צוריק־קומען קיין ייִסראָעל. אויך די ייִדישע אגענץ איז גרייט זיי צו העלפן.

אונדזער ייִשעוו האָט ניט די מאטעריעלע מעגלעכקײַטן אויסצוהאלטן 600 נויטבאדערפטיקע ייִדן,

בייס לאָקאלע אינסטיטוציעס ראַנגלען זיך אין מאַטעריעלע שוועריקייטן.

פאַראַן אַזעלכע, וועלכע זאָגן, אַז מע מוז די מענטשן העלפן, און מיר הערן, אַז מע זאָל שוין זאַמלען פאָנדן פאַר זיי. אַלנפאַלס, מע גיט דעקלאַראַציעס פאַר בעלגישע זשורנאַליסטן, וועלכע צעשפּרייטן עס אין זייערע צײַטונגען.

און מיר ווייסן ניט, ווער זאָל האָבן דערקלערט, אַז די בעלגישע ייִדן מיט זייערע „גרויסע מאַטעריעלע מעגלעכקײַטן" וועלן באַשליסן וועגן העלפן די מענטשן..."

אין זעלבן פּאַריזשער „אונדזער וואָרט" האָט דער ציִעניסטישער זשורנאַליסט פון בריסעל א. דאָרף פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל „ווען וועט שוין אויפהערן דער טומל", אין וועלכן ער זאָגט אויס פון כיידער, און אַדאַנק דעם דערוויסן זיך די לייענער וועגן דעם שיידים־טאַנץ אין דער ציִעניסטישער און ראַבאָנישער סוויווע אַרום די געוועזענע סאָוועטישע ייִדן, וועלכע וואָגלען אַרום נאָכן אַרויספאָרן פון ייִסראָעל. מיר ברענגען איייניקע אויסצוגן פון א. דאָרפס אַרטיקל:

„זאָל מען זיך ניט כידעשן, וואָס מיר באַהאַנדלען ערשט הײַנט דעם דאָזיקן פּײַנלעכן עניען, וואָס איז אונדז שוין באַקאַנט מערערע וואָכן, און מיר וואָלטן, ניט אויסגעשלאָסן, אויך איצט ניט אַרויסגעבראַכט דעם עניען, ווען נישט דער קעסיידערדיקער צופלוס אין די לעצטע וואָכן פון די דאָזיקע ייִדן, און בעיִקער ווען מיר הייבן ניט אָן ווערן אייידעס פון אַרומוואָזגען זיך פון באַרופענע און בעיִקער פון ניט באַרופענע מענטשן מיט „ברייטע ייִדישע הערצער" און קליינע מויכעס... די לעצטע באַמיִען זיך צו באַווירקן דעם סטאַם ייִד אַף אַרויסצורופן ראַכמאָנעס צו די, וואָס קלאַפּן איצט אָפּ די שוועלן פון קאָלערליי ייִדישע אינסטיטוציעס און אפילע שוין בא פּריוואַטע מענטשן.

מיר האָבן זיך באַמיט ניט אַרויסצוברענגען אין דער עפנטלעכקײַט דעם עניען, ביזוואַנען די בעלגישע ראַדיאָ, טעלעוויזיע און פּרעסע האָבן נאָך ניט באַהאַנדלט די דאָזיקע פּראָבלעם. צי איז דאָס פאַרשווײַגן געווען באַרעכטיקט? צי האָט דער ייִד, וואָס שעפּט זײַנע יעדיִעס פון א ייִדישער צײַטונג, ניט קיין רעכט צו וויסן וועגן דעם פּלוצעמדיקן צושטראָם פון די דאָזיקע ייִדן, וועלכע האָבן בלויז אויסגענוצט ייִסראָעל ווי א שפּרונג־ברעט צו א ווײַטערדיקן אַרומוואַלגערן זיך אין פאַרשיידענע לענדער? צי באַדאַרפן טאַקע די ייִדן אין בעלגיע שעפּן זייערע יעדיִעס פון די מוטנע וואַסערן, פון די בלאָטע־בעדער, וואָס דערגייען צו זיי?

שוין מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט דער שרײַבער פון די שורעס זיך געטראָפן מיט 31 ייִדן פון רוסלאַנד, האַגאַם מיר איז שוין געווען באַוווּסט, אַז זיי ווערן פּראָטעזשירט פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט „טאָלסטאָי־פאָנד" און בעיִקער פון „קאַריטאַס קאַטאָליקאַ", וואָס שטיצט אויך קאָלערליי פינצטערע פאַרשווינען.

אַף מײַן באַשיידענער פראַגע, פונוואַנען זיי האָבן געלט, און ווער עס האַלט זיי אויס, און פאַרוואָס זיי האָבן דאַפקע אויסגעזוכט בעלגיע, — האָט מען מיר געענטפערט: וואָס גייס אײַך אָן דאָס אַלץ צו וויסן?

איך האָב בא די דאָזיקע ייִדן געזען א שווערן און ביטערן מאַצעוו און געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז עס דריקט זיי עפּעס אַפן האַרצן... ערשט באַם עסן זייער מאָגער אָוונט־ברויט — און איך האָב מיט א קאַוואָנע באַשלאָסן צו סערווירן מיר אַן אָוונט־ברויט, ווי מע סערווירט פאַר א קליִענט, אָבער באַם זעלבן טיש, — האָט א באָכער, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן, געפרעגט אין דער שטיל, צי איך פאַרשטיי פּויליש. ער האָט מיר געזאָגט זייער און זייער שטיל און זיך דערבײַ אומגעקוקט, צי קיינער באַם טיש הערט ניט: „מיר אַלע קומען פון ייִסראָעל, מ'האָט אונדז פּאָשעט פאַרפירט, אָפּגענאַרט! ווער ווייסט, וואָס ס'וועט מאָרגן, איבערמאָרגן זײַן"...

מיט עטלעכע מינוטן שפּעטער האָט צו מיר געזאָגט א באַקאַנטער בריסעלער יעווסעק (אין די אַנטיסאָוועטישע קרײַזן רופט מען אַזוי א פּראָגרעסיווער דענקענדיקן מענטשן. — רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד"), וואָס האָט זיך שוין דאָרט געפונען: „אָט, זעט, די דאָזיקע רוסישע ייִדן זײַנען קאָרבאָנעס פון דער ציִעניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. זיי איז דאָך געווען וווּיל און גוט אין רוסלאַנד". זײַן טרייסט איז געווען, וואָס אָט די אָפּגענאַרטע האָבן פאַרלאָזט ייִסראָעל.

דאָס וועלן צו באַהאַלטן דעם קאָפּ אין זאַמד איז געווען מיצאַד אונדזערע מאַנהיגים און סטאַם נעשאָמע־כאַפּערס א ווּיסטע אײַנרעדעניש. צי האָבן זיי געגלייבט, אַז מיט פאַרשווײַגן דעם עניען וועלן זיי אויסמײַדן די פאָלגן, וועלכע מיר האָבן דאָ הײַנט? מיט איינמאָל ווילן די כאָשעווע ראַבאָנים פון בעלגיע ראַטעווען די 150 קינדער, זיי געבן א ייִדישע שולע. מיינען טאַקע אָט די ראַבאָנים, אַז זיי וועט זיך אײַנגעבן די דאָזיקע קינדער מאַכן פאַר ייִדן: ווי קומט דאָס, אַז אין בריסעל, א ייִשעוו פון העכער 20.000 ייִדן, לערנען בעסאַכאַקל אין דער פרומער שולע עפּעס מער ווי 300 קינדער? וואָס עפּעס מיט איין מאָל אַזאַ זאָרג פאַר געוועזענע סאָוועטישע קינדער, וואָס זײַנען געקומען פון ייִסראָעל? וואָס עפּעס מיט איין מאָל אַזאַ בעהאָלע?

זײַט רויִק, כאָשעווע ראַבאָנים, „קאַריטאַס קאַטאָליקאַ" אָדער דער „טאָלסטאָי־פאָנד" וועט שוין זאָרגן, אַז די דאָזיקע קינדער זאָלן ניט זײַן קיין ייִדן, און איך ווייס נאָך ניט אַף זיכער, אויב די עלטערן פון די דאָזיקע קינדער ווילן דאָס, וואָס איר ווילט. מיט אײַער אַרומשמײַען און עפּשער גאָר מיט מאַכן א געלט־אַקציע (אויב ייִדן וועלן אײַך געבן) אונטער דעם נײַעם לאָזונג „ראַטעווען ייִדישע קינדער פון גויִישע הענט" וועט איר נאָר צוהעלפן די צווייִער דערמאָנטע קאַטוילישע אָרגאַניזאַציעס באַם פאַרלײַכטערן זייער אָל פון פינאַנסן. און ווער קאָן זאָגן, אַז מאָרגן, איבערמאָרגן וועלן ניט קומען קיין בעלגיע פון ייִסראָעל נאָך 150 קינדער, אויב דאָס ייִדישע בעלגיע ווײַזט אַרויס אַזאַ וואַרעמע ייִדישע באַציִונג צו די געקומענע פון ייִסראָעל געוועזענע סאָוועטישע ייִדן.

איצט, ווען קימאַט טאָגטעגלעך יאַווען זיך די רוסישע ייִדן פון ייִסראָעל, פון פראַנקרײַך און פון דײַטשלאַנד, ווו די קאַסעס פון הילפס־אינסטיטוציעס

זײַנען שוין געוואָרן ליידיק, איז געקומען די רײי פאַר בעלגיע.

די דאָזיקע לײַט, וואָס האָבן שוין געגעסן ברויט פון אַלע בעקערײַען, ווילן איצט פאַרזוכן דאָס ברויט פון בעלגיע. אַז זיי האָבן דאָ אַרײַנגעטראָפן „מיטן רעכטן פוס", איז דער בעסטער באַווײַז, ווי מיט איין מאָל זײַנען אופגעשטאַנען פון זייער לעטאַרגיע „קלאַל־טוער", וואָס קיינער האָט שוין פון זיי ניט געהערט, און מיט איין מאָל ווילן זיי מיט קויעך לאָזן הערן זייער וואָרט, אַז אָך און וויי!

אָף די זיצונגען דיסקוטירט מען מיט ברען, מיט ייִרגאָזן, און, ווי דער שטייגער אין אַזעלכע פאַלן, שאַפן זיך צדאָדים, און די, וואָס האָבן מיט ייִסראָעל אַ גאָר קנאַפּן שײַכעס, ווילן מיט איינמאָל באַווײַזן זייער ייִדיש האַרץ.

מיר דערוויסן זיך פון דער בעלגישער פרעסע (האַגאַם מיר ווייסן שוין דאָס פון אַן אַנדער זײַט), אַז אָנגעזעענע בריסעלער ייִדן פרוּוון אָנווענדן שטאַדלאָנעס בא דער בעלגישער רעגירונג וועגן אַ דערלויבעניש. אַז אָך און אַז וויי איז צו אונדז, צו וואָס פאַר אַ מאַצעוו מיר האָבן זיך דערקײַקלט.

אונדזערע נערוון פלאַצן מאַמעש באַם שרײַבן דעם דאָזיקן מײַמער, און דערפאַר וועלן מיר דעם העמשעך איבערלאָזן..."

אין קאַנאַדע...

א מיטיילונג אין דער ייִסראָעלדיקער צײַטונג „מאַאריוו" (11 אָקטיאַבער 1974):

„איינע פון די סיבעס פון דעם, פאַרוואָס די מערהײַט ביטעס וועגן עמיגראַציע (פון ייִסראָעל) ווערט געשיקט אין קאַנאַדער קאָנסולאַט און ניט אין קאָנסולאַט פון די פאַרייניקטע שטאַטן, דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די ייִסראָעלים שטרעבן צו „אַנטלויפן" אין „רויִקע" ערטער".

דאָס זעלבע, אַן ערעך, שרײַבט „יעדיאָט אַכראָנאָט" (2 אָקטיאַבער 1974):

„דער ערשטער סעקרעטאַר פון דער קאַנאַדער אַמבאַסאַדע אין ייִסראָעל דאַניִעל גרויער האָט אין מײַן אָנוועזנהײַט אַרויסגענומען אַ פּעקל ביטעס, וועלכע זײַנען אָנגעקומען אין די לעצטע צוויי טעג. אַלע די, וואָס האָבן זיך געווענדעט, זײַנען געווען אין עלטער פון 20 — 35 יאָר, די מערהײַט פון זיי וווינען אין צענטער פון דער מעדינע. צווישן זיי זײַנען פאַראַן: אַן עקאָנאָמיסט, אַ מעכאַניקער, אַ סטאָליער, צוויי אינזשעניערן, אַ פיזיקער, אַ דאַנטיסט, אַ פאַבריקמאַכער און אַ שאָפער.

דער קאַנאַדער דיפּלאָמאַט האָט אונטערגעשטראָכן, אַז זינט יאַנוואַר האיאָר איז געוואַקסן — אין פאַרגלײַך מיט דער זעלבער צײַט פאַראַיאָרן — אָף 100 פּראָצענט די צאָל ייִסראָעלים, וועלכע האָבן זיך געווענדעט צו דער קאַנאַדער אַמבאַסאַדע, אַז זיי ווילן עמיגרירן פונעם דאָזיקן לאַנד. דער קאַנאַדער דיפּלאָמאַט האָט געזאָגט, אַז אַ טייל פון די מענטשן איז פאַרצווייפלט צוליבן רעזשים אין לאַנד, אַנדערע האָבן גערעדט וועגן דער הערשנדיקער אַטמאָספער".

וועגן דעם, צי קאַנאַדע וועט זײַן אַ „רויִק אָרט" פאַר די געוועזענע סאָוועטישע ייִדן, דערוויסן מיר זיך, לייענענדיק טאָגטעגלעך די פרעסע. אַלס בײַשפּיל קאָן מען ברענגען, לעמאָשל, פאָלגנדע מיטיילונג פונעם קאָרעספּאָנדענט פון דער נײַעס־אַגענטור „טאַסס" (11 אָקטיאַבער 1974):

„ווי ס'איז צו זען פון די לעצטע סטאַטיסטישע אָנגאַבן, האָט די צאָל אַרבעטסלאָזע אין קאַנאַדע אין סענטיאַבער כוידעש דערגרייכט 5,8 פּראָצענט פון דער גאַנצער אַרבעטספייִקער באַפעלקערונג, וואָס באַטרעפט 563.000 מענטשן.

בלויז פאַר אָט דעם כוידעש איז די צאָל מענטשן, וועלכע קאָנען ניט געפינען קיין אַרבעט, אויסגעוואַקסן אָף 41.000".

פון אַ צווייטער מיטיילונג פון קאַנאַדע (טאַסס פאַרן 14 אָקטיאַבער 1974) דערוויסן מיר זיך:

„די קאַנאַדישע רעגירונג האָט אָנגענומען אַ באַשלוס צו באַגרענעצן די צאָל אימיגראַנטן אין דעם לאַנד. וועגן די נײַע אימיגראַציע־קלאָלים האָט באַריכטעט אין דער געמיינדע־פּאַלאַטע פונעם קאַנאַדער פאַרלאַמענט דער מיניסטער פון אַרבעטס־רעזערוון און אימיגראַציע ראָבערט אַנדראַס".

אין אַמעריקע...

„ניו־יאָרק־טײַמס" (4 אָקטיאַבער 1974) האָט פּאַרעפּנטלעכט אַן אַרטיקל, געווידמעט די שוועריקײַטן, אָף וועלכע עס שטויסן זיך אָן די עמיגראַנטן — געוועזענע סאָוועטישע ייִדן. די צײַטונג שרײַבט:

„אַ ספּעציִעלע שווערקײַט טרעפן די עמיגראַנטן באַם זוכן אַרבעט לויטן פאַך. אַזוי, לעמאָשל, האָבן פון 47 לערער אין די הויכשולן בלויז 3 זיך באַוויזן אײַנאָרדענען. דאָס פּאָרפּאָלק טשערטאָק האָט אין מאָסקווע געאַרבעט אַלס דאָקטוירים. אין סענטיאַבער 1973 זײַנען זיי מיט צוויי קינדער אָנגעקומען אין די פאַרייניקטע שטאַטן. דער פאָטער האָט באַוויזן קריגן אַן אַרבעט אין אַ שפּיטאָל. זײַן פרוי איז אַרבעטלאָז. אין מאָסקווע האָבן די טשערטאָקס געצאָלט בערעך 20 דאָלאַר אַ כוידעש פאַר זייער דירע, אײַנגעשלאָסן שטאָטישע באַדינונג. אין אַמעריקע מוזן זיי צאָלן פאַר אַן ענלעכער דירע 210 דאָלאַר אַ כוידעש.

די פרוי ק. בראַנדט, אַ מוזיק־לערערן, האָט אין משך פון פיר יאָר ניט געפונען קיין אַרבעט לויטן פאַך. „מײַן פאָטער איז געווען אַ שנײַדער. מיר האָבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד געהאַט אַ שיינע דירע, ניט צו פאַרגלײַכן מיט דער דירע אין בראָנקס. מיט טרערן אין די אויגן פלעגט מײַן פאָטער דערמאָנען די צײַט, ווען מיר האָבן זיך געפונען אין דער היים. אין יאַנוואַר איז ער געשטאָרבן".

פאַר געוועזענע סאָוועטישע בירגער, וועלכע זײַנען אָנגעקומען אין די פאַרייניקטע שטאַטן, איז דאָס אָפּזאָגן זיך פונעם פריִערדיקן אַרט לעבן מאַמעש אַ דערשיטערונג. זיי קאָנען זיך ניט באַפרײַען פונעם געפיל, אַז זיי זײַנען באַגאַנגען אַ פעלער".

איינער פון די אָנפירער פון דער סאָכנוט־אָפּטיילונג פאַר אַליִא און קליטע האַראַוו מאָרדכע קירשבלום האָט אין אַ שמועס מיטן קאָרעספּאָנדענט פון די „לעצטע נײַעס" (18 אַווגוסט 1974) באַרירט, צווישן אַנדערס, די לאַגע פון די „אוילים", וועלכע זײַנען אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע:

„עס איז אונדז באַקאַנט, אַז פונקט ווי די אוילים פלעגן שרײַבן בריוו צו זייערע קרויווים וועגן דער

ניט־צופרידנשטעליקער אבסאָרבירונג (אײַנאָרדענונג) אין ייִסראָעל, פונקט אַזוי זײַנען פאראן פון זיי בריוו, נאָך זייער קומען קיין אמעריקע און קאנאדע, אין וועלכע זיי שרײַבן, אַז דאָרט איז אפילע שווערער איידער אין ייִסראָעל, ווײַל דאָרט איז ניטאָ, אָף צו העלפן זיי, קיין מיניסטעריום פאר קליטע. בעשאס איך בין געווען אָף א באזוך אין די פאַרייניקטע שטאטן, האָב איך זיך באגעגנט מיט אזעלכע יאָרדים און איך האָב געזען, אין וואָס פאר א מאָס די אָרטיקע באדינגונגען האָבן זיי געצווונגען צו אויספילן ארבעטן, וועלכע אין ייִסראָעל האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט צו טאָן. לעמאָשל, א דאָקטער־אוראָלאָג ארבעט אלס קראנקן־ברודער אין א שפּיטאָל. ער וועט דארפן אויספילן אָט די פליכטן אין מעשעך פון 5 — 6 יאָר, און עפשער וועט ער קיינמאָל ניט דערגרייכן צו א סטאטוט פון א דאָקטער־אוראָלאָג. אין ייִסראָעל, דאקעגן, איז ער ניט מאסקים געווען דורכצוגיין א יאָר אָדער צוויי יאָר אזא מין פארפולקומונג"...

דער שוין אויבן־דערמאָנטער עליִעזער אקאבאס שרײַבט אין די „לעצטע נײַעס":

„די ליכטער, וואָס פינקלען צו די אוילים פון די ברעגעס פון אמעריקע, זײַנען פאלשע ליכטער, אָפּנארנדיקע ליכטער... מיר ווייסן די שווערע פּראָבלעמען, וועלכע שטעלן זיך פאר די רוסישע ייִדן אין אמעריקע. ס'איז באוווּסט, מיט וואָסערע אויגן עס קוקן אָף זיי די דאָרטיקע ייִדן, וועלכע קאָנען ניט פארשטיין, וויִאזוי עס געשעט, אַז געקלאפּט האָבן זיי אין די טירן פון ייִסראָעל און געלאנדעט האָבן זיי אין אמעריקע"...

קעדיי ס'זאָל זײַן קלאָר, וואָס עס דערווארט די געוועזענע סאָוועטישע ייִדן אין פשא, איז נייטיק כאָטש אין אלגעמיינע שטריכן זיך פאנאנדערקלײַבן אין דער עקאָנאָמישער קאָניונקטור פונעם לאנד. אָט וואָס עס שרײַבט די וואשינגטאָנער „יו. סי. ניוס ענד וואָרלד ריפּאָרט" (4 אָקטיאבער 1974):

„די אינפליאציע און דעפּרעסיע באהערשן איצט אלע ספערן פון דער פּראָדוקציע. דאָס גאנצע לאנד איז אין פיבער. טאָגטעגלעך הערן זיך פון אומעטום געשרייען וועגן הילף.

דאָס, וואָס די פּרײַזן זײַנען לעצטנס אויסגעוואקסן אָף 12 פּראָצענט, האָט געשאפן א מאנגל אין ביודזשעט פון יעדער מישפּאָכע. פיל מישפּאָכעס זײַנען שוין ניט אימשטאנד צו לעבן אָף די פארדינסטן. מער פון אלעמען האָבן געליטן די 23 מיליאָן אמעריקאנער, וועלכע זײַנען אָפיציִעל פארעגיסטרירט ווי אָרעמעלײַט, און די מיליאָנען אלטע מענטשן. דער רעאלער ארבעטסלוין פון די ארבעטנדיקע איז פאר א יאָר צײַט אראָפּגעפאלן אָף 5 פּראָצענט. די אלגעמיינע צאָל ארבעטלאָזע דערגרייכט 5 מיליאָן 300 טויזנט — אָף זיבן הונדערט טויזנט מער, איידער פאראיאָרן.

לויט אָפיציִעלע פּראָגנאָזן וועלן עסנווארג־פּראָדוקטן אין מעשעך פון הײַנטיקס יאָר טײַערער ווערן אָף 15 פּראָצענט, און אין 1975 וועלן זיי ווידער ווערן טײַערער אָף 10 פּראָצענט. דער אָפּצאָל פאר בילדונג איז אין אמעריקע אזא הויכער, אַז אפילע מישפּאָכעס מיט א מיטלמעסיקן פארדינסט זײַנען געצוווּנגען זיך אָפּזאָגן פון געבן בילדונג די קינדער".

צעטומלונג אין די אנטיסאָוועטישע ציִעניסטישע קרײַזן

דער אָפיציִעלער ציִעניזם, די רעגירונגס־קרײַזן פון ייִסראָעל זעצן פאָר זייער אוואנטיוריסטישע „אליִא"־פּאָליטיק. די עגאָיִסטישע אינטערעסן זײַנען זיי טײַערער, איידער דער גוירל פון מענטשן, איידער די אינטערעסן פונעם פאָלק... „נײַע אוילים זײַנען פאר ייִסראָעל וויכטיקער פון טאנקען און עראָפּלאנען", — האָט לעצטנס דערקלערט דער פּרעזידענט פון דער ציִעניסטישער וועלט־אָרגאניזאַציע און פון דער ייִדישער אגענץ פּינכעס סאַפּיר.

דער דורכפאל פון די ציִעניסטישע ווערבירער און פארנארער פון מענטשן־מאטעריאל פאר זייערע ייִסראָעל־פּראָיעקטן און מילכאָמע־אוואנטיורעס איז א סאָד אָף גאנץ בראָד. אין דער מײַרעוו־פּראָפּאגאנדע האָבן זיך דערהערט נײַע נאָטקעס. אזוי, לעמאָשל, רופט די לאָנדאָנער „פינאנס־צײַטונג" (22 יול 1974) דעם סאָוועטנפארבאנד, ער זאָל צוריק ארײַנלאָזן ייִדן, וואָס האָבן עמיגרירט און איצט האָבן זיי כאַראָטע. זי באשרײַבט די לאגע אזוי:

„ווין איז דער הויפּט־טראנזיט־פּונקט אין מײַרעוו־אייראָפּע פאר ייִדן אפן וועג פונעם סאָוועטנפארבאנד קיין ייִסראָעל. איצט איז עס אויך דער טראנזיט־פּונקט פאר יענע, וואָס האָבן ניט געפונען אין ייִסראָעל דאָס, וואָס זיי האָבן דערווארט. העכער 400 ייִדישע עמיגראנטן פון ייִסראָעל ווילן באקומען וויזעס צוריקצופאָרן קיין סאָוועטנפארבאנד. דאָס איז בלויז א טייל פון דער צאָל, וואָס האָבן פארלאָזט ייִסראָעל מיט דער זעלבער קאוואָנע. עטלעכע צענדליק האָבן באקומען וויזעס פון סאָוועטישע באאמטע און צוריקגעפאָרן, און זיי דרוקן איצט אין דער סאָוועטישער פּרעסע באשרײַבונגען פון זייערע דערפאַרונגען און אנטוישונגען אין ייִסראָעל. נאָך הונדערטער פּרובירן בלײַבן אין עסטרײַך, נאָכדעם ווי זייער פארלאנג צו באקומען סאָוועטישע וויזעס איז געוואָרן אָפּגעזאָגט. עס ווערט באריכטעט, אַז א גרויסע צאָל איז אָפּגעפאָרן קיין מײַרעוו־אייראָפּע און אין די פאראייניקטע שטאטן.

קעדיי ריכטיק צו אינפאָרמירן די געזעלשאפטלעכע מיינונג, גיט איבער די ייִסראָעל־צײַטונג „דער וועג" (2 אָקטיאבער 1974) א דערקלערונג פון דער מאָסקווער פּרעסע־אגענטור „נאָוואָסטי", אין וועלכער עס ווערט, צווישן אנדערס, געזאָגט:

„פון 100 וועגדונגען וועגן ארויספאָרן באקומען 98 א פּאָזיטיוון ענטפער. בלויז די, וועלכע ווייסן, אין די ראמען פון זייער ארבעט, סוידעס פון מיליטערישער אָדער פּאָליטישער ווערט, באקומען ניט דערווײַל קיין דערלויבעניש ארויסצופאָרן, און דאָס איז אין איינקלאנג מיט די אונ"אָ־קאָנווענצן וועגן מענטשן־רעכט. מער פון 70 פּראָצענט פון די ארויספאָרער זײַנען אלטע לײַט, פרויען און קינדער; 14 פּראָצענט זײַנען מענטשן מיט הויכער בילדונג, באַזונדערס פּעדאגאָגן, דאָקטוירים און אדוואָקאטן.

אין איינקלאנג מיטן סאָוועטישן געזעץ ווערט בא די ארויספאָרער אווטאָמאטיש אָפּגענומען די סאָוועטישע בירגערשאפט, און אין דער מינוט, ווען זיי גייען אריבער די סאָוועטישע גרענעץ, ווערן זיי באטראכט אלס פרעמדע אײַנוווינער. דעריבער ווערט

אַנגעווענדט לעגאַבע די, וועלכע ווילן זיך צוריק־קערן, דער זעלבער פּרינציפּ, ווי לעגאַבע יעדן פרעמדן בירגער, וועלכער ווענדעט זיך מיט א באַקאָשע צו באַקומען סאָוועטישע בירגערשאַפט".

די צייטונג „דער וועג" פאַרעפנטלעכט, פון איר זייט, פאָלגנדן קאָמענטאַר:

„אין אַנבליק פון די פאַקטן איז בוילעט די בייז־וויליקייט פון דער אַנטיסאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע אַרום דער טעמע פון עמיגראַציע, וועלכע פירט זיך אין ייִסראַעל און אין אַנדערע בורזשואַזע לענדער. לעצטנס קאָרמעט מען די עפנטלעכקייט מיט ליגנערישע אינפאָרמאַציעס וועגן „אָפּמאַכן" אין דער פּראַגע פון „עמיגראַציע־נאָרמעס". דער עמעס איז, אַז דער פּאָליטיקער אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס פאַרנעמט זיך מיט דיווערסיעס קעגן דער קאָעקזיסטענץ, איז דער סענאַטאָר דזשעקסאָן. ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט, פּרווונדיק צוגרייטן פאַר זיך דעם פּרעזידענטן־אַמט באַ די קומענדיקע וואַלן אַלס קאַנדידאַט פון די אַנהענגער פון דער קאַלטער מילכאָמע.

דער עמעס איז, אַז אין לעצטן יאָר האָט זיך פאַרקלענערט אף א דריטל די צאָל סאָוועטישע ייִדן, וואָס האָבן געוואָלט עמיגרירן. עס איז אויך געוואַקסן די צאָל עמיגראַנטן, וועלכע פאָרן ניט קיין ייִסראַעל, נאָר אין אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. לויט דער פּרעסע קומען ניט אַרײַן קיין ייִסראַעל 20 פּראָצענט פון די ייִדישע עמיגראַנטן פון ראַטנפאַרבאַנד. עס איז אויך געוואַקסן די צאָל אוילים, וועלכע פאַרלאָזן ייִסראַעל. א טייל פון זיי פּרוווט זייער מאַזל אין אַנדערע מײַרעווודיקע לענדער, א צווייטע טייל קלאַפּט אין די טירן פון די סאָוועטישע קאָנסולאַטן מיט דער האָפענונג צוריקצוקערן זיך אין פססר.

די דאָזיקע לעצטע אַנטוויקלונגען האָבן אַרויסגערופן א צעטומלונג אין פאַרשיידענע ציוניסטישע קרײַזן, וועלכע פּרווון צודעקן זייער צעטומלונג מיט פאַרשפּרייטן באָבעמײַסעס, וואָס פעלשן די עמעסדיקע לאַגע".

א בריוו פונעם אויסערן־מיניסטער פון פססר צו דעם מעלוכע־סעקרעטאַר פון פשא

דעם 26 אָקטיאַבער פאַריקס יאָר איז דעם מעלוכע־סעקרעטאַר פון פשא ג. קיסינדזשער איבערגעגעבן געוואָרן פאָלגנדער בריוו פונעם אויסערן־מיניסטער פון פססר א. א. גראָמיקאָ.

געשעצטער הער מעלוכע־סעקרעטאַר,

איך האַלט פאַר נייטיק צוציִען אײַער אויפמערקזאַמקייט צו דער פראַגע, וואָס האָט א שײַכעס צו דער פּובליקאַציע אין פשא פון די אײַך באַוווסטע מאַטעריאַלן, אין וועלכע עס ווערט באַרירט דער אַרויספאָר פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד פון א באַשטימטער קאַטעגאָריע סאָוועטישע בירגער.

איך מוז אײַך אָפן זאָגן, אַז די דערמאָנטע מאַטעריאַלן, דערין אויך דער בריוו־אויסטויש צווישן אײַך און דעם סענאַטאָר דזשעקסאָן, שאַפן א פאַרקריפּלטע פאָרשטעלונג וועגן אונדזער פּאָזיציע און וועגן דעם, וואָס מיר האָבן געהאַט געזאָגט דעם אַמעריקאַנער צאַד מיקויעך דער דאָזיקער פראַגע.

אופקלערנדיק, אַלס ענטפער אף אײַער ווונטש, די ווירקלעכע זאַכלאַגע, האָבן מיר אונטערגעשטראָכן, אַז אַן־און־פאַר־זיך געהערט די דאָזיקע פראַגע פולשטענדיק צו דער אינערלעכער קאָמפּעטענץ פון אונדזער מעלוכע. מיר האָבן געוואָרנט דערבײַ, אַז דאָ האָבן מיר געהאַנדלט און וועלן האַנדלען אויסשליסלעך אין עסקעם מיט דער געזעצגעבונג, וועלכע עקזיסטירט באַ אונדז אין דעם פּראַט.

נאָר גראַד אָט דאָס פאַרשווייַגט מען איצט. אין דער זעלבער צײַט פּרווט מען די דערקלערונגען, וועלכע מיר האָבן געמאַכט, צוגעבן א כאַראַקטער פון געוויסע פאַרזיכערונגען און שיר ניט ווי היסכײַוועסן פון אונדזער זײַט מיקויעך דער אַרויספאָר־פּראָצעדור פון פססר מיצאַד סאָוועטישע בירגער, און עס ווערן אַפילע אָנגערופן עפּעס ציפערן וועגן דער וואַרשײַנלעכער צאָל אַזעלכע בירגער, עס ווערט געזאָגט וועגן א פאָרשטייענדיקער פאַרגרעסערונג פון דער דאָזיקער צאָל אין פאַרגלײַך מיט די פאַריקע יאָרן.

מיר ווענדן אַנטשיידן אָפּ אַזא מין אינטערפּרעטאַציע. דאָס, וואָס מיר האָבן געהאַט געזאָגט, — און איר, הער מעלוכע־סעקרעטאַר, ווייסט עס גוט, — האָט גראַד געהאַט א שײַכעס בלויז צו דער רעאַלער סיטואַציע אין דער געגעבענער פראַגע. און אויב ס'איז, צוליב אינפאָרמירן אײַך מיקויעך דער ווירקלעכער לאַגע, געקומען צו רייד וועגן ציפערן, האָט זיך געהאַנדלט גאָר וועגן דעם הייפעך, וועגן דעם, אַז עס מערקט זיך א טענדענץ צו א פאַרקלענערונג פון דער צאָל מענטשן, וועלכע ווילן אף שטענדיק אַרויספאָרן פון פססר אין אַנדערע לענדער.

מיר האַלטן פאַר וויכטיק, אַז אין אָט דעם גאַנצן איניען, נעמענדיק אין אכט זײַן פּרינציפּיעלע באַדײַטונג, זאָלן ניט פאַרבלײַבן קיין שום אומקלאָרקייטן אין באַצוג צו דער פּאָזיציע פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד.

א. גראָמיקאָ

מיניסטער פאַר אויסערן־איניאָנים פון פססר

(„פּראַוודאַ", 19 דעקאַבער 1974)

ליטעראטור-קריטיק
ביבליאָגראַפיע
פראַגן פון קונסט

הערש רעמעניק

א קרעפּטיקער טאַלאַנט

די ערשטע ליטעראַרישע טריט זײַנע האָט מאַזי קאַבריאַנסקי געשטעלט אין זשורנאַל „פּראַליט" אין יאָר 1934, ווען ער האָט דאָרט פאַרעפנטלעכט די דערציילונגען „פּערספּעקטיוו" און „צווייַ פרילינגס". אָבער אלס ריַיפער פּראָזאַיקער איז ער ארויסגע־טראָטן אין 1940 מיט די גרעסערע דערציילונגען „אין וואלד" (אַלמאַנאַך „אָנהייב", קיִעוו, 1940) און „דעם קאָוועלס טאָכטער" (קיִעוו, 1940). די העלדן פון קאַבריאַנסקיס ווערק ארבעטן און לערנען, זיי האָבן ליב און לייַדן, זיי פרייען זיך און לעבן איבער. זייע־רע געפילן און לייַדנשאַפטן קומען אויף פונעם לעבן, פון דער ווירקלעכקייַט, פון דער רעאַלער סוויווע, וואָס זיי אליין זײַנען אירע א טייל.

קאַבריאַנסקיס פּאַרשוינען זײַנען ארבעטס-מענטשן. זייער לעבן איז זייער ארבעט. אָבער ניט בלויז די ארבעט. דער געזונטער כוש פון א קינסטלער זאָגט אונטער קאַבריאַנסקין, אז ארבעט דינט דעם מענטשן, זײַן לעבן, און ניט פאַרקערט. אָן ארבעט קאָן דער מענטש ניט לעבן. אָבער ארבעטן ארבעט ער צוליב דעם לעבן. און דער שרײַבער ווערט ניט מיד צו שילדערן דעם מענטשן — דעם מענטשן, וואָס ארבעט, דעם מענטשן, וואָס בויט, וואָס לערנט, וואָס ליבט, קעמפט, שאַפט.

אין די דערציילונגען „אין וואלד" און „דעם קאָ־וועלס טאָכטער" פילט זיך נאָך קאַבריאַנסקיס קינ־סטלערישער מאַנגל, זײַן נאַיווער רעאַליזם, די ניט־גענוגנדיקע ראַפינירטקייַט פון קינסטלערישער שיל־דערונג. דער יונגער שרײַבער פאַרמאָגט נאָך ניט דאָס געווער פון ריַיפער מײַסטערשאַפט. די העלדן זײַנען געמאָלט אָנשוילעך, וואָרהאַפטיק, גאַנץ רעאַ־ליסטיש, זיי זײַנען אָבער ניט זעלטן באַהערשט פון פרימיטיווע אינסטינקטן און לײַדנשאַפטן. זייערע אינטערעסן זײַנען ערדיש באַגרענעצט, זייער האַנד־לונג און זייערע געַנג זײַנען ניט באַהויכט מיט קיין באַגײַסטערנדיקע אימפּולסן און מאָטיוון, זייער לאָשן איז נאַיוו, די פּסיכאָלאָגיע — וויניק פאַרטיפט.

און דאָך, ווי איך האָב שוין געזאָגט, פילט מען מאַמעש בעכוש די קרעפּטיקע באַגאַבונג פונעם יונגן פּראָזאַיקער. זײַן אָנפאַנגערישקייט, אומדערפאַרנקייט קאָנען ניט פאַרשטעלן די שעפערישע מעגלעכקייטן. אז מע לייענט איבער „דעם קאָוועלס טאָכטער" און „אין וואלד", בלײַבט די זיכערקייט, אז אפילו אין

די שוואַכקײַטן, אין דער אומדערפאַרנקייט לעבט א טאַלאַנט, וואָס וועט באַלד ווײַזן, וואָס ער קאָן, ער וועט צעשפּרייטן די פליגל און א פלי טאָן אין דער הייך.

און אזוי איז טאַקע פאָרגעקומען. נאָך א דויערנ־דיקן איבעררײַס האָט קאַבריאַנסקי געשאַפן זײַן דער־ציילונג „אינמיטן וועג". דאָס איז געווען א ווײַטער־דיקער, העכערער שטאַפּל אין זײַן שעפערישער אַנט־וויקלונג.

„אינמיטן וועג" איז א כאַראַקטעריסטיש ווערק פאַר קאַבריאַנסקין אלס קינסטלער. דאָ טרעט ער שוין ארויס ווי א געניטער שעפער מיט זײַן אייגע־נעם, פאַר אים כאַראַקטעריסטישן אידייִשן אינהאַלט און מיט זײַן קינסטלערישן סטיל. דער אינהאַלט פון דער דערציילונג איז ניט קיין נײַער: עס האַנדלט זיך וועגן די גרויליקן אין דער צײַט פון דער פאַטערלענ־דישער מילכאָמע קעגן די דײַטשישע פאַשיסטן. אָט די טעמע איז געווען און איז ביז הײַנטיקן טאָג א צענטראַלע אין דער גאַנצער סאָוועטישער ליטעראַטור און, נאַטירלעך, אויך אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

סײַ אין דער אינטאָנאַציע פון דער שילדערונג, סײַ אין דער רײַכקײַט פון דעטאַלן און פון בילדער פילט זיך קאַבריאַנסקיס געניטקײַט און די גענויע באַקאַנט־שאַפט מיטן מאַטעריאַל און מיטן לעבן. דער לעבנס־מאַטעריאַל, וואָס ווערט ארויסגעפירט אין בוך, לאָזט זיך אײַנטיילן אף צוויי גלײַכע טיילן, וועלכע דער־ציילן וועגן דעם הויפּט-העלד אין די ערשטע טעג פון דער מילכאָמע, וועגן זײַנע איבערלעבונגען בײַס דער עוואַקואַציע און וועגן שווערער באַשיידענער מי אין הינטערלאַנד פאַרן זיג אָפן פראָנט. עס מאַכט דעם אײַנדרוק, ווי דער אויטאָר וואָלט אליין דורכ־געלעבט אלע געשעענישן, וועגן וועלכע ער דער־ציילט, אזוי נאַטירלעך און איבערצײַגנדיק, מיט אזוי־פיל לירישקײַט און אָפּריכטיקײַט זײַנען געמאָלט די בילדער.

דער דאָזיקער אײַנדרוק ווערט פאַרשטאַרקט אַדאַנק דער מאָנאָלאָגישער פאָרם, וואָס גיט צו דעם ווערק א באַזונדערע אייגנאַרטיקײַט און אָריגינעלקײַט. דער גאַנצער קאָלאָריט פון דער מילכאָמע־צײַט, די שווער־סטע, קאַטאַסטראָפאַלע איבערלעבונגען זײַנען אָנגעזע־

טיקט מיט טיפער עמאָציִאָנעלקײַט, וועלכע אנטפלעקט זיך גאָר בוילעט אדאנק דעם, וואָס די שילדערונג ווערט סוביעקטיווירט אין דער פסיכאָלאָגיע פונעם דערציילער. ווען א מענטש דערציילט וועגן זיך אליין, לעבט ער, נאַטירלעך, איבער דאָס דערציילטע טיפער, ווי ווען ער דערציילט וועגן יענעם.

ביפראט נאָך, אז אין קאָבריאנסקיס ווערק גייט א רייד וועגן א דערציילער, וואָס איז ניט בלויז א דערציילער, נאָר איינצײַטיק אויך דער הויפט־העלד פונעם ווערק, און דערצו נאָך א קינד. ווען א קינד אין קריטישן עלטער פון ווערן א יוגנטלעכער דערציילט וועגן זײַנע שווערע מילכאָמע־ניסיוינעס, וואָס זײַנען ניסיוינעס פונעם גאנצן פאָלק, באקומט די דערציילונג אי אומיטלבארע נאַיִווקײַט, אי עמעסדיקײַט. און דאָס זײַנען דאָך די ערשטע סימאָנים פון קינסטלערישקײַט.

דער הויפט־העלד פון דער דערציילונג „אינמיטן וועג“ בעניע טראָגט מיט זיך סימאָנים פון א טיפיש געשטאלט. דער אווטאָר שאפט א כאראקטער פון א סאָוועטישן מענטשן, ער ווײַזט די עוואָליוציע פון א סאָוועטישן יוגנטלעכן מיט זײַנע אָרגאנישע נאַטירלעכע שטריכן. דערבײַ דארף מען ניט פארגעסן, אז עס גייט א רייד ניט וועגן א ראָמאנטישן העלד, וועלכער שלאָגט אראָפּ פאשיסטישע אעראָפלאנען, שיסט אונטער פאשיסטישע טאנקען, כאפט שפּיִאָנען. קאָבריאנסקיס העלד, דער יוגנטלעכער בעניע, פארזעצט קארטאָפליעס, נעמט אראָפּ די טוווע־גערעטעניש, קאָוועט פערד און רעמאָנטירט אין קוזניע דעם אינווענטאר פונעם קאָלווירט. און טאקע אין אָט די פראָסטע, וואָכעדיקע ארבעטן אנטפלעקט זיך אין דער פולסטער מאָס אי זײַן ליבע צום היימלאנד, אי דער געזונטער כאראקטער פון אן עמעסן פאָלקס־העלד, אי די סינע צו דעם פײַנט. זײַנע פאָזיטיווע אייגנשאפטן אנטפלעקן זיך אין שעפערישער מי און אין מענטשלעכער באציִונג צו די כאווײרים, צו דער מוטער, צו עלטערע פון זיך, צו מיידלעך (גרוניע, ליובאשע, ליאָליע).

עס איז אינטערעסאנט צו פארגלײַכן דעם כאראקטער און די פסיכאָלאָגיע פון קאָבריאנסקיס העלד בעניע גרובין מיטן כאראקטער און דער פסיכאָלאָגיע פון אנע פראנק אָדער דאָווידל רובינאָוויטש. דאָס זײַנען אלץ קינדער פון איין עלטער, בא וועמען די מילכאָמע און דער פאשיזם האָבן אָפגערויבט די קינדהײַט און די יוגנט. אָף אלע דרײַ ליגט דער שטעמפל פון שווערע לײַדן, פון א קאָלאָסאלער קאטאסטראָפישער טראוומע. ס'איז אָבער פאראן אויך א גרויסער אונטערשייד אין דער פסיכאָלאָגיע פון די דרײַ העלדן. אין די טאָגביכער פון אנע פראנק און דאָווידל רובינאָוויטש פילט זיך די גאנצע צײַט די פאסיווע געדריקטקײַט פון געמיט און דאָס געפיל פון פארורטיילטקײַט, פון אומפארמײַדלעכן אומקום. ניט בא אנע פראנק, ניט בא דאָווידל רובינאָוויטש קומט אפילע ניט אוף קיין געדאנק צו זוכן אן אויסוועג פון דער לאגע אין קאמף, קעגנשטעלן זיך דעם ביטערן גוירל. אנע און דאָווידל שאפן ניט זייער גוירל מיט זייערע אייגענע הענט.

גאָר אן אנדער טיפ איז בעניע גרובין. אין אלע זײַנע גענג, אין זײַן כאראקטער און אין זײַן פסיכאָלאָגיע איז קיין שפור ניטאָ פון מארטיראָלאָגיע. דאָס איז א האָרעפאשניק, א העלד, וואָס הײַנט בינדט ער סנאָפעס, קעדיי צו פארזיכערן מיט ברויט די סאָלדאטן אפן פראָנט, און מאָרגן וועט ער אליין זײַן דער סאָלדאט, וואָס וועט מיט ביקס אין האנט זיך שלאָגן מיטן סוינע.

און נאָך איין אונטערשייד. אינעם טראגישן שיקזאל פון אנע פראנק און דאָווידל רובינאָוויטש פילט זיך די נאציִאָנאלע איינזאמקײַט און אָפגעזונדערטקײַט, זיי קומען אום ווי ייִדישע קינדער. עפשער אין דער דאָזיקער נאציִאָנאלער איינזאמקײַט באשטייט אויך זייער פארורטיילטקײַט, און עפשער פונדאנען שטאמט די פסיכאָלאָגיע פון דער פאטאלער מארטיראָלאָגיע. אָבער קאָבריאנסקיס העלד, אויך א ייִדיש קינד, פילט זיך ניט איינזאם און ניט אָפגעזונדערט און דעריבער — ניט געבראָכן און ניט פארורטיילט. ער איז א ייִדיש קינד פונעם גרויסן סאָוועטישן פאָלק. ווּו ער זאָל ניט זײַן — אין קיִעוו צי אין א דאָרף פון טשעליאבינסקער געגנט, — איז ער ניט עלנט, ער לעבט אין א סאָוועטישער מישפּאָכע, צוזאמען מיט קאָסטיען, כאריטאָן איוואנאָוויטשן, ליובאשען, גרוניען, טאראס אנטאָנאָוויטשן, מיט אוקראַיִנער, רוסן, טאָטערס.

אין מ. קאָבריאנסקיס שילדערונגס־מאניר, באזונדערס אין דער דערציילונג „אינמיטן וועג“, זײַנען פאראן שטריכן פון הומאָר. אז מע רעדט וועגן הומאָר, קומט טייקעף אוף אין געדאנק שאָלעם־אלייכעם. עס קאָן ניט זײַן, אז א ייִדישער שרײַבער א הומאָריסט זאָל ניט פילן אָף זיך שאָלעם־אלייכעמס ווירקונג. אין מ. קאָבריאנסקיס דערציילונג און אין זײַן העלד בעניע איז ניט שווער צו געפינען עפעס אזוינס, וואָס דערמאָנט אין „מאָטל פייסי דעם כאזנס ייִנגל“. אָבער שאָלעם־אלייכעמס ווירקונג איז דאָ ניט קיין דירעקטע. גיכער דארף דאָ גיין א רייד וועגן טראדיציע, איידער וועגן ווירקונג. קאָבריאנסקיס הומאָר איז ניט „געלעכטער דורך טרערן“; זײַן פונקציע איז ניט טרייסטן, נאָר דערמוטיקן און רופן צום קאמף. קאָבריאנסקיס אויסדרוק „כאָטש נעם לייג זיך און לאך!“ באטײַט עפעס אנדערש, איידער שאָלעם־אלייכעמס „לאכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאכן“... „לייג זיך און לאך“ איז אן אנטיטעזע צו „כאָטש נעם לייג זיך און שטארב!“

דער געלעכטער אין קאָבריאנסקיס דערציילונג איז ניט קיין הילכיקער. עס איז א ווייכער לירישער שמייכל, וואָס מאכט מילדער די שווידערלעכע מילכאָמע־שילדערונגען. קאָבריאנסקי האָט ניט ליב צו קלאָגן זיך, צו מאָלן קאָשמארן, טרויעריקע בילדער און קאָליזיעס, האגאם ער זאָגט זיך ניט אָפ פון אזעלכע בילדער, ווען זיי פאלן ארײַן אין קרײַז פון זײַנע באאָבאכטונגען.

מ. קאָבריאנסקי אלס קינסטלער זעט און הערט דאָס לעבן, ער פארמאָגט פארבן צו מאָלן דאָס סאָציִאלע, דעם מענטשלעכן כאראקטער און די נאטור. זײַן געמעל איז פילבאדײַטנדיק און טרייסלט אוף דעם לייענער. די דערציילונג „אינמיטן וועג“ הייבט זיך אָן אזוי:

„ווידער זײַנען די גאסן אײַנגעזונקען אין א שווארצן טהאָם. די געבראָכענע גרויזאמע שאָטנס פון די מויערן מאכן נאָך פינצטערער די נאכט, און עס דוכט זיך, אז די גאנצע שטאָט שטייט מיטן קאָפ

אראָפּ. דער הימל זעט אויס אזוי נידעריק, אז ווען איך קריך ארויף אפן דאך פון אונדזער הויז, וואָלט איך מיט א שטיין דערלאנגט צו די שטערן.

א ווארעמע זומערדיקע נאכט. עס שמעקט מיט ליפּע־צוויט, מיט בליִענדיקער אקאציע. א לײַכט פריש ווינטל בלאָזט פונעם דניעפּער. אף די גאסן זעט מען ניט קיין לעבעדיקן נעפעש. מע זיצט אין די הײַזער, פונקט עס וואָלט איצט געווען א ווינטערדיקע פראָסטיקע נאכט. די פענצטער זײַנען פארקלעפּט מיט ווײַסע פּאסן פּאפּיר און פארמאסקירט״...

אין אָט די צוויי קורצע אבזאצן איז איבערגעגעבן דער קאָלאָריט און די שווערע שטימונג פון אָנהייב מילכאָמע. און ניט בלויז די צײַט פילט זיך אין זיי, נאָר אויך דאָס אָרט, דער אראָמאט און דער פּייזאזש פון דער שיינער אוקראַיִנישער הויפּטשטאָט ערעוו די שווערע אויספּרוּוון, וואָס האָבן זיך אף איר אָנגערוקט אין יענע געדענקפולע זומערדיקע טעג.

קאָבריאנסקי באהערשט פרײַ דאָס קינסטלערישע וואָרט, די קינסטלערישע שפּראך פון א דערציילער א שילדערער און די רייד־שפּראך פון די פּערסאָנאזשן, דעם מאָנאָלאָג, דיִאלאָג און באזונדערס — די רעפּליקע.

א באשטימטע אומבאפרידיקונג רופט ארויס דעם אווטאָרס אָפּקלײַב פונעם מאטעריאל. ניט אלץ, וואָס מע זעט, דארף געמאָלט ווערן. עמעס, אָן דעטאלן קאָן ניט זײַן קיין קינסטלעריש ווערק, אָבער איבעריקע בילדער און צופיל גענויע באשרײַבונגען מישן צונויף דאָס טיפּישע מיטן צופעליקן, פארלאנגזאמען דעם טעמפּ פון דער שילדערונג. כוץ דעם, דארף זיך דער שרײַבער פארלאָזן אף דער פאָרשטעלונגסקראפט פונעם לייענער. אינעם ווערק „אינמיטן וועג״ זײַנען פאראן באשרײַבונגען, וואָס דארפן געפּרעסט ווערן, אָדער זיי זײַנען אינגאנצן איבעריק.

„אינמיטן וועג״ איז א נײַער אָנהייב אין קאָבריאנסקיס שאפן. די דערציילונג האָט אופגעעפנט א בלאט אין דער שעפערישער ביִאָגראפיע פונעם שרײַבער, וואָס איז פארבונדן מיט „סאָוועטיש היימלאנד״. דאָ, אף די שפּאלטן פונעם זשורנאל, האָט קאָבריאנסקי פארעפנטלעכט א צענדליק גרעסערע דערציילונגען, אין טאָך ראָמאנען, וועלכע זײַנען געוואָרן א וויכטיקער בײַטראָג אין דער הײַנטצײַטיקער יִדישער סאָוועטישער פּראָזע. דאָס, וואָס אין „אינמיטן וועג״ איז געווען אן אָנהייב, איז אין די ווערק „א פארדאָרבענער קערן״, „א גוטע נאכט, גוטערברודער״, „א גוטער מענטש״, „אין שטעטעלע ליבאווע״, „שווארצער שניי״, „די זאווערוכעס״, „שאַ־שטיל״ געוואָרן א דערשײַנונג פון דער פּראָזע און פון דער ליטעראטור אינגאנצן גענומען.

אין דער מערהײַט קאָבריאנסקיס ווערק איז דער פּערסאָנאזשן־באשטאנד א קרויווישער לויט זײַן אָרט אין לעבן, אין סאָציִאלן ארום און לויט זײַן פּסיכאָלאָגיע. בומע פון דער דערציילונג „א פארדאָרבענער קערן״ („ס. ה.״ נומ. 10, 1966), לייבוש פון „א גוטע נאכט, גוטערברודער״ („ס. ה.״ נומ. 2, 1967), הוגע פון „א גוטער מענטש״ („ס. ה.״ נומ. 1, 1968), הירשקע פון „אין שטעטעלע ליבאווע״ („ס. ה.״, נומ. 8, 9, 1969), עזרע פון „די זאווערוכעס״ („ס. ה.״ נומ. 10—11, 1970) רופן זיך איבער איינער מיטן צווייטן, זיי זײַנען ווי פון איין מישפּאָכע, „פון איין טעג געקנאָטן״. דאָס זײַנען געשטאלטן פון געזונטע האָרעפּאשניקעס, וואָס האָבן א טראדיציע אין דער געשטאלטן־גאלעריי פון דער יִדישער ליטעראטור. אומזעבארע פעדעם ציִען זיך פון קאָבריאנסקיס העלדן צו אשס העלדן פונעם „קוילער־געסל״, צו ווײַסנבערגס „טאטן מיט די באָנים״, צו ווארשאווסקיס, האָראָנטשיקס געשטאלטן, צו די פאָלקסמענטשן, וועלכע זײַנען ביז דער רעוואָליוציע געווען גײַסטיק פארגרעבט און האָבן אין די באדינגונגען פון דער ראטנמאכט פארנומען אן אָרט צווישן די צענטראלע פיגורן פונעם לעבן. קאָבריאנסקיס געשטאלטן זײַנען, עמעס, ניט קיין וועגווײַזער, זיי זײַנען ניט דער פירנדיקער קויער פון דער געזעלשאפט, ניט איר אוואנגארד. אָבער זיי פארקערפּערן מיט זיך בוילעטע שטריכן פון ברייטע ארבעטערשיכטן. און אויב מיר ריידן איצט אָפּט וועגן דער פּראָדוציר־טעמע און וועגן פּראָדוציר־ראָמאן, איז אין א באשטימטער מאָס קאָבריאנסקי א שרײַבער פון אָט דער טעמע און פון אזא ראָמאן אין אונדזער הײַנטצײַטיקער יִדישער סאָוועטישער ליטעראטור.

דער האָרעפּאשנער ארבעטס־מענטש איז אָבער ניט דאָס איינציקע צענטראלע געשטאלט אין קאָבריאנסקיס ווערק. באנאנד מיטן ארבעטער געפינען מיר אין זײַנע דערציילונגען אויך געשטאלטן פון דער פרוי, פונעם קינד. דערמיט טיילט זיך אויס קאָבריאנסקי אין אונדזער פּראָזע. די קינדער־געשטאלטן זײַנען אָריגינעל געשילדערט, זיי זײַנען געמאָלט מיט ליבע, אָבער אָן סענטימענטאלקײַט. זיי האָבן קינדערשן כיין, זיי זײַנען נאַיִוו און אין דער זעלבער צײַט קלוג, זיי זײַנען עכטע קינדער, וועלכע פארמאָגן שוין אָבער פּאָטענציִעל שטריכן און גענג פון דערוואקסענע.

געלונגען מאָלט קאָבריאנסקי פרויען־געשטאלטן. עס גיט זיך אים אײַן צו ווײַזן דעם פּאָרטרעט און די פּסיכאָלאָגיע פון ליובאשען („אינמיטן וועג״), מאשען („א גוטע נאכט, גוטערברודער״), גוסטען („א גוטער מענטש״), ראָכטשען („א פארדאָרבענער קערן״), סאָפיע יאקאָוולעוונא און סוזאנע („די זאווערוכעס״) — זיי אלע און יעדערע פון זיי באזונדער זײַנען טיפּיש און אינדיווידועל, זיי זײַנען אנטפּלעקט פולשטענדיק אין זייער צוציִענדיקער רייצנדיקער קראפט און אין זייער כיינעוודיקער שוואכקײַט, אין זייער מיידלשער שפּילעוודיקײַט, מוטערלעכער איבערגעגעבנקײַט און פרויִשער שיינקײַט. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט דער פארשטאָרבענער קריטיקער כאיִם לויצקער זיך געקלאָגט, אז אין דער דיכטונג איז ניט גענוג בוילעט אויסגעדריקט די ליבע־טעמע. ער האָט אפילע געפּרוּווט דערקלערן דאָס דערמיט, וואָס אונדזערע ליריקער זײַנען מערסטנטייל שוין ניט יונג, און דעריבער, הייסט עס, גייט זיי ניט אָן דער לירישער ליבע־געפיל. אין אָט דעם געדאנק איז ריכטיק בלויז דער פאקט, אז אונדזערע הײַנטצײַטיקע ליריקער זײַנען ניט יונג. ס׳איז אָבער ניט ריכטיק, אז די ליבע־ליריק איז שוואך אויסגעדריקט אין דער דיכטונג. די מער אָנגעזעענע דיכטער אונדזערע זײַנען גראָד מײַסטערס פון ליבע־ליריק. עס איז ביכלאל ניט פארבונדן דער עלטער פונעם דיכטער מיט זײַנע מעגלעכקײַטן צו באזינגען ליבע־געפילן. טיוטשעוו איז שוין אלט גע־

ווען זיבן און זעכציק יאָר, ווען ער האָט אָנגעשריבן דעם שעדעווער פון ליבע־ליריק «Я встретил вас — и всё былое. . .»

איך וויל ניט זאָגן, אז די שילדערונג פון דער פרוי און פון ליבע אין דער פראָזע איז יאָ פאַרבונדן מיט דער עלטער פון די פראָזע־שעפער. ס׳איז אָבער א פאַקט, אז פרויען־געשטאַלטן ווערן אין אונדזער ליטעראַטור געמאָלט זעלטן, האָגאָם עס זײַנען פאַר דער לעצטער צײַט פאַראַנען אייניקע געלונגענע מורסטערן בא שירע גאָרשמאַן („כאַנעס שאָף און רינדער"), אין ריווקע רובינס דערציילונגען („דריי זשע", „אין א האַרבסטיקן טאָג") און אין ווערק בא אַנדערע פּראָזאַיקער. מ. קאָבריאַנסקי געהער צו די פראָזאַיקער, וואָס די פרוי פאַרנעמט דעם אויבנאָן אין זײַן געשטאַלטן־גאַלעריי.

שאַפן טיפן און געשטאַלטן, אינדיווידואַליזירטע כאַראַקטערן פון מענטשן איז א וויכטיקע און א קאָמפליצירטע פּראָבלעם פון דער קינסטלערישער פראָזע. דער ראָמאַן, די דערציילונג, די נאָוועלע באַקומען די געגאַרטע פאַרפולקומונג און פאַרכאַפּן דעם לייענער, ווען דער אווטאָר מאָלט לעבעדיקע מענטשן, זייער לעבן, זייער גוירל און זייער פּסיכאָלאָגיע. מ. קאָבריאַנסקי געהער צו די גליקלעכע שרײַבער, וועלכע קאָנען מאָלן מענטשן און דערציילן וועגן זיי. איך וועל זיך ניט אַרײַנלאָזן אין ווײַטע דראָכים און וועל ברענגען בלויז א פּאָר בײַשפּילן, וויאַזוי דער שרײַבער מאָלט די אויסערלעכע שטריכן פונעם פּערסאָנאַזש. די דערציילונג „א פאַרדאָרבענער קערן" הייבט זיך אָן אזוי:

„פון זינט בומע האָט אָנגעהויבן בויען די שטוב, כאַפּט ער זיך אוף יעדן אינדערפרי פון שלאָף, פּונקט ווי מע וואָלט אָף אים א כליופּע געטאָן אָן עמער וואַסער.

הײַנט האָט עס אים אופגעהויבן פון בעט, ווען עס איז נאָך געווען טונקל אין דרויסן.

...בומע צעשפרייט די געזונטע הענט אין די זײַטן, וויל זיך אויסציִען, ווי גרויס ער איז, נאָר ער טוט עס ניט: א קאַשע אָף א מײַסע, ער קאָן נאָך מיטן קאָפּ לעכערן די נידעריקע סטעליע. האָט ער בלויז א צוק געטאָן מיט די שטײַפע אַקסל, א געשמאַקן געגעץ געטאָן און צו זיך אליין א ברום געטאָן:

— מיט די געדוטן.

דעם באַטײַט פון די דאָזיקע ווערטער ווייסט בלויז בומע אליין.

זיי רײַסן זיך אַרויס פון זײַן מויל דעמלט, ווען עס איז אים גוט אפן האַרצן, אָדער גאָר פאַרקערט, ווען עס צינדט זיך אין אים אָן די רעציכע".

אין די עטלעכע שורעס וואַקסט אויס דאָס געשטאַלט פונעם מענטשן.

און דאָס איז ניט בלויז דער אויסערלעכער פּאָרטרעט פון א פּאַרשוין, וועלכער פאַרמאָגט געזונטע הענט, שטײַפע אַקסל, א הויכן וווּקס. אין דעם פּאָרטרעט איז שוין געגעבן אויך זײַן סאָציאַלער טאָך. כאַראַקטעריסטיש איז דער זאָג: „מיט די געדוטן!". מע דאַרף קענען דאָס לאָשן פונעם אַמאָליקן ייִדישן האָרעפּאַשניק, דאָס גראָבלעך־אַמעראַציִשע אַרט ריידן, קעדיי פון דעם איינעם אויסדרוק „מיט די געדוטן" שוין וויסן, מיט וואָס פאַר א טיפּ מענטש מע האָט דאָ צו טאָן.

ווײַטער מאָלט קאָבריאַנסקי ניט דעם אַמאָליקן, נאָר דעם הײַנטצײַטיקן ייִדישן אַרבעטער, דעם נײַעם קוואַליפיצירטן, טעכניש געשולטן מענטשן, וועלכער האָט באַהערשט די טעכניק:

„איצט איז לייבוש א דערוואַקסענער באָכער, א הויכער, א ברייטביינערדיקער. איידער ער נעמט זיך עפּעס טאָן, דאַכט זיך, אז ער איז ניט פון די כאַפּנדיקע. אָבער אז ער שטעלט זיך אַוועק צו דער אַרבעט, לעבן אוף אַלע זײַנע איִוורים. ער ווערט ריִרעוודיק. ווער ס׳האָט אליין ניט געזען, וועט ניט גלייבן, אז די שוואַרצע אויגן אונטער די געדיכטע ברעמען, וואָס באַהאַלטן אין זיך א כויזעק־שמייכעלע, קאָנען זיך גאָר אָנצינדן מיט אזא פײַער. קיין שײַלעס זאָלט איר דעמלט ניט פרעגן, ער וועט סײַווי ניט ענטפערן, ביז ער וועט צו זיך אליין ניט זאָגן: „קאַליקע, וואָס האָסטו זיך אזוי לאַנג געמוטשעט".

לייבוש איז איינער פון די בעסטע מעכאַניקער, א מומכע אף די מאָדערנע זשאַקאַרד־מאַשינעס. עס טרעפט זיך, אז אפילע באַנאַכט רופט מען אַרויס דעם „קאַליקע" אין צעך ליקווידירן אַן אַוואַריע. אז ס׳איז געקומען צום אײַנשטעלן די ערשטע זשאַקאַרד־מאַשינעס אין דונעווער פאַבריק, האָט דער „אָבלמעסטפּראָם" געפונען פאַר נייטיק שיקן לייבושן"[1].

אין אָט דער עטוואָס טרוקענער כאַראַקטעריסטיק איז אָבער פאָרט פאַראַנען אי א פּאָרטרעט, די אויסערלעכע שטריכן פונעם פּאַרשוין, אי א באַשטימט טיפּיש געשטאַלט, א כאַראַקטער פון א מענטשן פון אונדזער צײַט.

ווען מע לייענט איבער קאָבריאַנסקיס אַלע ווערק, קומט מען צו א פעסטן אויספיר, אז מע האָט צו טאָן מיט א שרײַבער, וועלכער האָט באַשאַפן זײַן סיסטעם פון טיפּן און געשטאַלטן. זיי זײַנען אייגנאַרטיק און אינטערעסאַנט און זאָגן איידעס, אז זייער באַשעפער איז טאַקע א מומכע אין דעם, וואָס גאָרקי האָט אָנגערופן מענטשן־קענטעניש אַלס הויפּט־מאָמענט אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור.

מ. קאָבריאַנסקי איז א הײַנטצײַטיקער שרײַבער אין פולן זינען פונעם דאָזיקן באַגריף. ער מאָלט דאָס לעבן פונעם סאָוועטישן מענטשן אין אונדזער צײַט. זײַן הויפּט־טעמע איז די גרויסע פּאַטערלענדישע מילכאָמע און די יאָרן נאָך דער מילכאָמע. באַזונדערס שאַרף און בולעט זײַנען געצייכנט די איבערלעבונגען פון די פאַרשוינען אין די מילכאָמעיאָרן; און ניט דאַפקע אפן פראָנט, נאָר אין הינטערלאַנד. די דערציילונגען „אינמיטן וועג" און „שאַשטיל" זײַנען מײַסטערישע ווערק פון דער ייִדישער סאָוועטישער פראָזע וועגן אָט דער צײַט.

מאָזי קאָבריאַנסקי האָט געשאַפן אויך זײַן זשאַנער. דאָס איז, אין טאָך, ניט קיין דערציילונג, נאָר א קורצער ראָמאַן, אייגנטלעך, אזא פאָרם פון פראָזע, וואָס ליגט אף דער גרענעץ פון צוויי זשאַנרען — צווישן דערציילונג און ראָמאַן. פאַר א דערציילונג זײַנען זײַנע ווערק צו ברייט לויטן אינהאַלט, פאַר א ראָמאַן — צו קורץ. אין גרונט פון קאָבריאַנסקיס

[1] מ אָ ז י ק אָ ב ר י א נ ס ק י. „א גוטע נאַכט, גורטערברודער". „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 2, 1967, ז. 75.

דערציילונג אָדער ראָמאַן איז געלייגט די געשיכטע פון א פארשוין אף א באשטימטן עטאפּ פון זײַן לעבן. דער קאָנפליקט און די קאָליזיע זײַנען שטייגערישע און פסיכאָלאָגישע, אָבער שטענדיק זײַנען זיי פארבונדן מיט די פּראָבלעמען פון דער עפּאָכע. די שילדערונג איז דראמאטיש און עמאָציאָנעל. דער סוזשעט, דער קאָנפליקט און די קאָליזיע אנטוויקלען זיך דינאמיש און געשפּאנט. זיי רופן ארויס אינטערעס און לייענען זיך מיט אָנגעשטרענגטער אופמערקזאמקײַט. די בילדער זײַנען קלאָר געמאָלט, די געשענישן, די עפּיזאָדן און די פארבינדונגען צווישן זיי זײַנען פארשטענדלעך און לאָגיש. דער לייענער גייט נאָך דער שילדערונג אָן שום ווידערשטאנד, ער ווערט ארײַנגעצויגן אין די דערציילונגען קימאט ווי אן אָנטיילנעמער. די קלאָרקײַט און דורכזיכטיקײַט פון דער שילדערונג איז אויך אן אויסדרוק פון קאָבריאנסקיס רעאליזם.

לעצטנס האָט קאָבריאנסקי געמאכט א פּרווו אין דראמאטורגיע. אין „סאָוועטיש היימלאנד" נומ. 8 פון 1972 האָט ער פארעפנטלעכט א פּיעסע „וועלווועלע גאווריִעלס". זעלבסטפארשטענדלעך, א פּרווו אין א נײַעם זשאנער איז שטענדיק פארבונדן מיט שוועריקײַטן פארן שרײַבער. ביפראט נאָך, ווען דער שרײַבער פּרוווט אין אזא שווערן מין ליטעראַרישער שאפונג, ווי דראמאטורגיע. די דאָזיקע שוועריקײַטן לאָזן זיך פילן אויך אין קאָבריאנסקיס פּיעסע. די קאָליזיעס און די קאָנפליקטן אין דעם ווערק זײַנען ניט אָרגאניש, ניט נאטירלעך, אין א באשטימטער מאָס קינסטלעך פארטראכט און פארווירקלעכט. עס מישן זיך דאָ צונויף אין א פארפּלאָנטערטער פאָרם פארשיידענע מאָטיוון, וועלכע זײַנען ניט געבונדן איינער מיטן צווייטן. עס באקומט זיך א מין מאָזאַיִק פון קאָלערליי טרעפונגען, צוזאמענשטויסן, האנדלונגען און רייד, וועלכע זײַנען ניט פארורזאכט פון לעבנס־אומשטענדן, פון דער רעאלער ווירקלעכקײַט. דעריבער איז פּרימיטיוו אויך דאָס לשון פון דער דראמע, אלע פארשוינען ריידן אלציינס, מיט איין שפּראך, אף איינער און דער זעלבער מאניר.

מיר דאכט, אז מאָזי קאָבריאנסקי האָט זיך אין זײַן פּיעסע אָנגעשטויסן אף אָט די שוועריקײַטן דערפאר, וואָס ער האָט זיך גענומען קינסטלעריש צו פארקערפּערן אזא סוויווע און אזעלכע פארשוינען, וועלכע זײַנען אים ניט אזוי נאָענט, ווי די, וועלכע ער מאָלט אין זײַנע דערציילונגען. קינסטלעריש פארקערפּערן דאָס לעבן און די פּסיכאָלאָגיע, די קאָנפליקטן און די איבערלעבונגען פון אן אדוואָקאט, א דאָקטער, א סנאבזשענעץ, א סטודענט — דאָס איז ניט דאָס זעלבע, וואָס מאָלן דאָס לעבן און די פּסיכאָלאָגיע פון אן ארבעטער, וועלכער איז גוט באקאנט דעם אווטאָר.

די סוויווע און די מענטשן, וועלכע ווערן ארויסגעפירט אין דער פּיעסע „וועלוועלע גאווריִעלס", זײַנען, ווײַזט אויס, דעם אווטאָר פרעמד, ער האָט ניט געפונען פאר זיי ניט די נייטיקע שפּראך, ניט די נאטירלעכע האנדלונג. ס׳העלפן ניט ארויס און ס׳ראטעווען ניט די לאגע די פאָלקס־לידלעך. און אפילע די לידער פון די סאָוועטישע דיכטער און סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרס, וועלכע ווערן געזונגען, קלינגען ניט נאטירלעך אין די סצענעס פון דער פּיעסע.

איך וויל דערמיט ניט זאָגן, אז קאָבריאנסקי דארף ניט שאפן קיין פּיעסן. אן אנדער מאטעריאל און אנדערע פארשוינען, וועלכע זײַנען אים מער נאָענט און אייגן, וועלן געוויס אים געבן מער מעגלעכקײַטן.

מאָזי קאָבריאנסקי האָט שוין איצט דורכגעמאכט א היפּשן שעפערישן וועג און זיך געשטעלט אין איין ריי מיט די גרונט־שעפער פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער סאָוועטישער פּראָזע. ניט געקוקט אף אייניקע שוועריקײַטן, וועלכע זײַנען אומפארמײַדלעך אין דער שאפונג פון יעדן ערנסטן קינסטלער, האָט קאָבריאנסקי שוין פארנומען זײַן אָרט אין דער ליטעראטור. קאָבריאנסקיס ווערק זיינען שטענדיק נײַ און אָריגינעל. ער געהער ניט צו די שרײַבער, וואָס האָבן א רײַכע טעכניק, זײַנע ווערק זײַנען פאָרמעל ניט גענוג גלאטיק, אָבער באשאָנקען זײַנען זיי מיט עמעסער באגאבונג, מיט שעפערישער אָרגאנישקײַט, וואָס איז דאָס וויכטיקסטע אין קינסטלערישער ליטעראַרישער שאפונג.

אין מאָזי קאָבריאנסקיס ווערק איז פאראן א גרויסע ליבע צום ארבעטס־מענטש, צו דער פרוי, צום קינד. דער שרײַבער מאָלט די שיינקײַט פונעם מענטשן — דעם באלעבאָס און דעם שעפער פונעם לעבן:

„הוגע שפּאנט איבער די שטילע גאסן. די שאָטנס פויזען אוועק פון די טראָטוארן. דער הימל איז לויטער־ריין, בלויז אין סאמע עק איז פארבליבן סימאָנים, ווי פון א בעזעם, וואָס האָט פארקערט די וואָלקנדלעך. עס ווערט ליכטיק און זוניק אין יעדן ווינקל. דער שיינער טאָג מאכט לײַכטער זײַן געמיט. די וועלט איז גאָרניט אזא שלעכטע. אָט שפּאנען שיינע, גוטע מענטשן. יעדערער אײַלט זיך אף זײַן ארבעט. די ביימער באגעגענען זיי, באגריסן זיי, די קרוינען טוען זיך א נייג און ווערן ווידער פארגליווערט"...

דאָס איז קאָבריאנסקיס הומאניזם און דער הומאניזם פון זײַנע פארשוינען. זיי זײַנען ניט קיין קינסטלעכע „פילאָזאָפישע" לעקישן, וועלכע פארנעמען זיך מיט אינטעליגענטישן רעפלעקטירן. קאָבריאנסקיס העלדן זײַנען מענטשלעך, נאטירלעך, אָן דעם מינדסטן שפּור פון זיסלעכער אידילישקײַט. די קאָנפליקטן און די קאָליזיעס פון קאָבריאנסקיס ווערק זײַנען רעאליסטיש און הײַנטצײַטיק. די פּראָבלעמען פון זײַן שאפונג זײַנען אקטועל, קאָנקרעט און נאציאָנאל. די פארשוינען, דער שטייגער און די פּסיכאָלאָגיע פון מענטשן אין קאָבריאנסקיס דערציילונגען זײַנען ייִדישע און סאָוועטישע. און ווידער — ניט קינסטלעך צוגעטראכטע, נאָר אָרגאנישע און נאטירלעכע.

קאָבריאנסקיס שאפונג איז א דערגרייכונג פון דער הײַנטיקער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. עס איז געקומען א טאלאנטפולער שרײַבער פונעם פאָלק; ער באַרײַכערט די ליטעראטור מיט עכט קינסטלערישע ווערק, און צוזאמען מיט אנדערע מײַסטערס שאפט ער די קינסטלערישע געשיכטע פון אונדזער צײַט.

אירמע דרוקער

לייענענדיק „פון אלעף ביז טאָף״

(אייניקע געדאַנקען וועגן ארן ווערגעליסעס דיכטערישער שאַפונג)

דער לייענער פון ארן ווערגעליסעס לידער־זאַמלונג „פון אלעף ביז טאָף״ פילט באַשײַמפּערלעך, ווי אין פאַרשיידענע צײַטן און בײַ סאַמע שווערסטע אומשטענדן דרינגט דעם דיכטערס שאַפונג דורך דער ניגן.

בא ווערגעליסן איז דער ניגן ניט קיין קאַלטבלוטיקער („איך שרעק פאַר פלאַם זיך ניט, איך זינג א פלאַמען־ליד״) — ס׳איז א ניגן, וועלכע אלע אייוורים זינגען און זאָגן ארויס, א ניגן, וואָס ווערט געשפּילט ניט בלויז אף איין אינסטרומענט, ניט נאָר אין איין נוסעך און אין איין גוסט: „אויב שפּילן — אין סײַ פידלדיק, סײַ פויקנדיק, סײַ האַרפעדיק, סײַ טרויעריק, סײַ יובלדיק, סײַ ביטער און סײַ האָניקדיק״.

אין א געזאַנג איז וויכטיק יעדער עכטער קלאַנג, אפילע, ווי מיר דערוויסן זיך פון ווערגעליסעס א ליד, דער קלאַנג פון דער האַרמאָניק, וואָס קאָן נאָר פריילעך און האָפערדיק שפּילן. אויך זי, די „סאַראַטאָווער שטיפערקע״, קאָן צוניץ קומען, און דער דיכטער בעט מיטנעמען זי, ארײַנעמען זי אין דער וועלט פון די געזאַנגען.

אין שווערסטע מינוטן, ווען עס לאָזט זיך הערן דער געקנאַל פון די דײַטשישע בײַטשן, ציט ווערגעליסן צו דער „פאַרקישעפטער דודע״ און ער טרוימט וועגן צוזיפרופן „מיט געזאַנג די סטאַדע״.

בא דער הייסער רער פון האַרמאַט וואַרעמט ער זײַנע פאַרפרוירענע פינגער, און אויך דאַן פילט ער, ווי זײַן „האַרץ איז א האַרץ פון א זינגער״.

די מילכאָמע ענדיקט זיך, די האַרמאַטן ווערן אַנשוויגן, און דאָס געזאַנג ווערט פאַרגעזעצט. איבערפראַזירנדיק האָפשטיינען, קאָן מען זאָגן: און וועמען ס׳איז זינגען באַשערט, דער האָט שטענדיק פון וואָס און פאַר וועמען.

זינגען איז בא ווערגעליסן אלציינס ווי עטעמען: „אָדער זינגען, אָדער שטאַרבן״. און ווי איז עס טאַקע מעגלעך ניט זינגען — „אין דעם גאָרגל שטעקט דער ניגן, וואָס איך האָב אים ניט געענדיקט״...

אין דער ליד „איך גיב זיך א ניידער״ שטרײַכט ווידער אונטער ווערגעליס, אז ניט זינגען איז פאַר אים אוממעגלעך:

איך בין, מײַנע פרײַנט, ניט פאַר אײַך געדאַכט,
א פויגל — געשטראָפט און געקרוינט מיט געזאַנגען.

ווערגעליסעס ליבע צו געזאַנג ווערט אויך אויסגעדריקט אין זײַן צאַרטער ליבע צום סאָלאָוויי דעם זינגער:

שפּיל, סאָלאָווייטשיק, שפּיל,
עמעץ וועט קומען און הערן,
וועלן זיך שטעלן אים טרערן,
וועט ער צעוויינען זיך שטיל.

דעם דיכטער קימערט ביז גאָר, פאַרוואָס די אויסגעשעפטע גוורע פון דעם סאָלאָוויי ווערט ניט צוגעדעקט „מיט גרינגער ערד״. ס׳איז יוישערדיק, אז נאָכן טויט זאָל מען „ברענגען אויך דעם סאָלאָוויי צו קוורע״ —

ווײַל פאַר מיר, דעם זינגער, האָט דעם סאָלאָווייס
געזאַנג
די זעלבע ווערט ווי פאַר דעם בלוט עס האָט א
שטאַרק געטראַנק.

אַלץ איז פאַרקערפּערט אין געזאַנג, אַלץ קומט דורך געזאַנג. עס זינגט דער וואַלד, עס זינגט דער בוים, עס זינגט דאָס קלענסטע גרעזל, עס זינגט דער יאַם, עס זינגט יעדע כוואַליע איר באַזונדער געזאַנג. און די ליד, וואָס לאָזט זיך הערן איבעראַל, דער „אינטערנאַציאָנאַל״, פאַרפלייצט אלע ברעגן...

אין קינדערשן געוויין איז אויך דאָ געזאַנג — „דאָס געזאַנג וועגן קינדערשן געוויין״ (אגעוו, האָט דער באַלשעמטאָוו, אין זײַן צײַט, געזאָגט: וויינען הייסט אויך זינגען). און יויסעף בומאַגינס לעגענדאַרער העלדן־טויט איז אוואַדע און אוואַדע געזאַנג, אויב ניט דאָס געזאַנג פון אלע געזאַנגען — „דאָס געזאַנג וועגן יויסעף בומאַגין״... א צווייטער העלד פון ווערגעליסעס א פּאָעמע — קאַלמען — האָט אין די שלאַכטן פאַרלוירן זײַנע הענט, ער האָט אָבער ניט פאַרלוירן זײַן ליבע צום לעבן. „דאָס געזאַנג וועגן קאַלמענס הענט״ איז א סאַגינאַהער־געזאַנג, ס׳איז דאָס געזאַנג וועגן הענט, וועלכע זײַנען ווי צוויי קאָרבאָנעס געפאַלן אין די שלאַכטן (קעדײַ דאָ צו באַמערקן: די פּאָעמעס הייסן בא ווערגעליסן „געזאַנגען״; אויך אין איוורית הייסן פּאָעמעס „שירות״).

„דער אליארעם פון די מעשענע גלעקער״ און „די קלאַנגען פון הייסן געפעכט״ האָבן ניט פאַרשטיקט באַם דיכטער די ליבע צום אייגענעם יידישן ניגון:

איז שפּילט אונדז, קלעזמאָרים, א ייִדישן ניגון.
און ווידער:

היי, ברידערלעך קלעזמאָרימלעך,
א רועך אין אײַערע ביינער! —
טוט נאָר א נעם די פידעלעך
אלע ווי איינער.

שאָלעם־אַלייכעם און י.־ל. פּערעץ האָבן אנטפּלעקט פאַר אונדז דעם סאָד, וואָס אינעם פידעלע שטעקט... דער סאָוועטישער דיכטער אַרן ווערגעליס, וועלכער רינגלט אַרײַן א נײַעם רינג אין דער גאָלדענער קייט פונעם העמשעך, געדענקט וועגן דעם פידעלע:

קומט צו די מענטשן באַווײַזן זיי,
וואָס סע שטעקט אינעם פידעלע...

קומט צו די מענטשן אנטפּלעקן די נעגינע, וואָס איז העכער פון אלע עמעסן, טיפער פון דער טיפ־סטער כאָכמע, שטאַרקער פונעם וואָרט, ווײַל דאָרט, ווו דאָס וואָרט ענדיקט זיך, הייבט זיך ערשט אָן די נעגינע.

צווישן דעם פידל און דער האַרמאָניק איז געווען אמאָל א גרויסע אָפּגעפרעמדטקײַט — די אָפּגע־פרעמדטקײַט פון דוירעס. בלויז איר, דער דודע, האָט אָפּגעגאָלטן. לייווי־ייִצכאָק דער בערדיטשעווער האָט אויסגעפונען פאַר איר זכוס און אויסגעדודעט אָף איר א דו־דו־דו — צו אים, דעם קאַוואַיאָכל, אליין.

אָבער די האַרמאָניק און דער באַיאַן זײַנען געווען בא ייִדן פון די לוי־ייִזאָכער־וועלוי־ייִפּאָקעד־ און פון די לוי־יאָווי־באקאָהאָל־אינסטרומענטן.

ווערגעליס האָט פאַרברידערט דעם פידל מיט דער האַרמאָניק און מיט דעם באַיאַן. ער האָט אנטפּלעקט אלע שיינקײַטן און די גווורע, וואָס עס שטעקט אין דער „לעדערנער ברוסט" פון דער האַרמאָניק:

איַ, ס'איז גוט, איַ, ס'איז ווויל, איַ, א רו'ך אין
דײַן לײַב, באַיאַניסט.
וואָס פאַר שיידים אזעלכע באַהאַלטסטו אין
לעדערנער ברוסט פון האַרמאָניק?

די לידער־זאַמלונג „פון אַלעף ביז טאָף" איז א פּאָליפאָנישע, א צונויפגוס פון פאַרשיידענע שטימען, ריטמען. די פאַרשיידענע געזאַנגען און מעלאָדיעס האָבן זייער באַזונדערע זעלבשטענדיקײַט, באַזונדערע אויסדרוק־ווערט און דינאַמיק, זייער באַזונדער פאַר־טע און זייער באַזונדערן פּיאַניסימאָ.

איך פיל, ווי צענדליקער לידער ווערגעליסעס בענ־קען נאָך מעלאָדיע. איך הער דעם רעטשיטאַטיוו פון די טרעבלינקער שטיינער, דעם גוואַלד פונעם וואַלד — פון דעם וואַלד אָף מענטשנס ביינער. איך הער דעם ייִזקער נאָך די מוישעלעך און שלוימעלעך, נאָך די פייגעס און כאַוועס, נאָך די כאַיִמס און אײ־טשעס. איך הער דעם ווי־אָלאָנטשעל, וועלכער שנײַדט זיך אײַן מיט זײַן ברומערײַ טיף אין די ווונדן, איך הער דאָס פידל, וואָס פאַרגייט זיך אין געוויין, דעם פּויק, וועלכער הערט ניט אוף צו פּויקן און אויס־פּויקן דעם גרויסן אומגליק.

דאָס זען און דאָס הערן זײַנען געבונדן און גע־קניפּט צווישן זיך און זיי נעמען אָן די געשטאַל־טיקײַט פון דעם דונער מיטן בליץ:

אַפילע ווען איך זיץ
און טיף אין זיך איך בין פאַריגלט, —
אַפילע דעמלט זיץ איך אָף א דונער מיט א בליץ
און אויסגעשפּרייט בא מיר זײַנען די פליגל.

אין דער רויִקײַט — אומרו, אין דעם אומרו — רויִקײַט:

אַפילע ווען איך פלי
און ווינט און בלוט — אַרום און אין די שלייפן, —
אַפילע דעמלט בין איך שטיל, ווי אינדערפרי
אָן אייפּעלע.

דאָס קאָנטראַסטאַרטיקע, די שפּיל פון ליכט און שאָטן, פון מינאָר און מאַזשאָר, די קאָלערליי פּאַוזעס און איבערגאַנגען מאַכן געדיכטער און אויסדריק־לעכער די פאַרבן, פאַרשיידנאַרטיקער און הילכיקער די קלאַנגען און ריטמען.

ווען מע לייענט זיך גוט אײַן אין ווערגעליסעס לידער־זאַמלונג, איבערצײַגט מען זיך, אַז דער דיכ־טער איז ניט בלויז, אַזוי צו זאָגן, דורכויס אויער, נאָר אייגנצײַטיק אויך דורכויס אויגן...

א דיכטער איז צו א בוים געגליכן. אויב ער האָט ניט קיין ערד אונטער די פיס און קיין הימל־שײַן איבערן קאָפּ, בליט ער ניט, וואַקסט ער ניט, נאָר וויאַנעט און קומט אום.

ווערגעליס שטייט פעסט מיטביידע פיס איבער די ראַכוועסדיקע ערדן פונעם לאַנד. און, ווי זאָגט דאָרט ביאַליק, — וואָס מער ערד אונטער די פיס, אַלץ מער הימל איבערן קאָפּ.

פאַרוואָרצלט איז דער בוים — איך בין דעם בוים
מעקאַנע,
איך ליב דעם שטאַרקן קויעך, וואָס האַלט מיך אָף
דער ערד,
וואָס בענטשט מײַן וווּקס מיט קראַפט, מײַן טראָט
מאַכט וואָגיק־שווער,
וואָס גליקלעך מאַכט די ערד, אָף וועלכער כ'בין
געשטאַנען,
און מיך פילט אָן מיט גליק, וואָס איך באַטרעט די
ערד.

די רישוינים פון דער ייִדישער סאָוועטישער דיכ־טונג זײַנען געגליכן געווען צו מאָטל פּייסי דעם כאַזנס, וואָס האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פונעם טוואָן און זיך נאָכגעיאָגט נאָך יעדן שטראַל זון. א סאַך זון האָבן זיי אַרײַנגעבראַכט אין זייערע געזאַנגען, און אָט די ליכטיקײַט באַהעלט הײַנט די שאַפונג פונעם ייִנגערן דאָר. זי באַהעלט ווערגעליסעס דיכ־טונג, ווײַל געקומען איז ער יאַרשענען ניט מיט קיין בעטלער־טאָרבע, נאָר מיט א ברייט פּאַנאַנדערגע־עפנט רײַך האַרץ, ווו יעדער שטראַל, וועלכער קומט פון דרויסן, שליסט זיך אָן אין א בינטל אייגן־גע־בוירענע שטראַלן. ווערגעליס האָט איבערגעשמאָלצן אין זײַן שאַפונג די דינע ווירטואָזישע זינגעוודיקײַט און דעם פּילאָסאָפישן באַדאַכט און באַטראַכט פון האָפּשטיינען און האַלקינען, ווי אויך מאַרקישעס אימ־פּעט פון ניט בלויז דערציילן, נאָר פון שטענדיק האָבן וואָס צו זאָגן, מאַרקישעס אימאַזש־וווּנדער; ער האָט אין זיך אַרײַנגענומען די רוי־ערדישקײַט פון לייב קוויטקאָ.

פאַרשיידן זײַנען ווערגעליסעס זשאַנרען. אַלע צײַ־כענען זיי זיך אויס מיט קלאָרקײַט — מיט קלאָר־קײַט פון וואָרט און מיט קלאָרקײַט פון געדאַנק.

ווערגעליסעס רייד זײַנען פּראָסטע רייד, אָבער קיינמאָל ניט קיין וואָכעדיקע, שטענדיק אייגענע, נאַרוואָס באַשאַפענע, נאַרוואָס געבוירענע און קיינ־מאָל, קיינמאָל ניט פון די טויזנט מאָל גערעדעטע און טויזנט מאָל געהערטע.

ס'איז ניט קיין באַרימערײַ, ווען דער דיכטער רופט אויס, אַז ער זאָגט אַזוינס, „וואָס קיינער האָט ביז (אים) נאָך ניט געזאָגט".

קיין אַלטע נײַס באַ מײַנע פאָרגענגער איך וועל ניט
לײַען,
ווײַל לעבעדיק דער דיכטער איז מיט נײַעס,
ווײַל צוויי מאָל געבן איינס דאָס זעלבע איז קיין
כעסעד ניט,

מיט נײַעס
זײַ איך אויבנאָן, ווי אַף אַ העסעבעט.

פון ווערגעליסעס אומויסשעפּנדיקער טײַווע צו זון, צו ליכט, צו קאַיאָר, צו פּראָסט און צו שנייִקער אומבאַרירטער ווײַסקײַט דערלאַנגען זײַנע וואָרצלען אַזש ביז צום ביאַליק־באָדן, און זײַן שאַצקאַמער ווערט פון דעם רײַכער, פילפאַרביקער, זוניקער.

ביאַליקס האַרץ איז פול געוועזן מיט זון און מיט געזאַנג. „בלב שמש שירה" — אין האַרצן די זון פון געזאַנג.

זיבן זונען, דערקלערט ביאַליק, וואָלט פאַר זײַן זוילעל־וועסויוועדיק האַרץ ווייניק געווען אַף זיך אָנזעטיקן מיט ליכטיקײַט, און ער הערט ניט אויף צו בעטן באַם גאָט פון שײַן: „הב אור" — גיב שײַן! מיט אַ שטראַל איז ביאַליק גרייט אַפילע אין בלאָ־טע טאַנצן:

אָבער איך — איך הער קיין וועלט נישט,
איך צעשפּיליע די קאַפּאָטע
און איך לויף אַף גאָטס באַראָט
טאַנצן מיט אַ שטראַל אין בלאָטע.
(„ערעוו פּרילינג")

און ווען דער וואַלד גיט אַף אים אַ בליק, איז ער דער גליקלעכסטער אין דער וועלט:

דאָס האָט געטאָן אַ גלאַנץ, אַ בליץ,
און גלײַך אין אויג דערלאַנגט אַ שפּריץ
מיט טראָפּנס טוי פון זיסן גליק,
פון יונגן גליק, וואָס ווערט ניט אַלט, —
דאָס האָט אַף מיר געטאָן אַ בליק
דער גרינער וואַלד.
(„עס האָט מיך פאַרפּלאָנטערט")

אין דער ייִדישער סאָוועטישער דיכטונג וויס איך ניט נאָך אַ צווייטן דיכטער פונעם ייִנגערן דאָר, ער זאָל זײַן געבענטשט מיט דער ביאַליקישער דאָר־שטיקייט נאָך שײַן, ווי ווערגעליס.

אַלץ איז באַ אים אין שײַן, קומט פון שײַן און פליסט אַרײַן אין שײַן, ווי די ריטשקעס אין די טײַכן, ווי די טײַכן אין יאַם.

ער טויוולט זיך אין אַלע שײַנען, פאַרזוכט אַלע זייערע טאַמען:

פאַרנאַכט צינדט אָן אין טײַגע זיך אַ שטראַל,
איז ווייסט איר, ווי עס זעט דאַן אויס דאָס גראָז?
ס'איז ראָז,
ס'איז דין,
און געלע בלעטער ווערן ווידער גרין.

פּרילינג פאַרבענקט דער דיכטער זיך נאָך שניי און ווינטער נאָך צוויט:

דער שניי פון צווײַגן שיט און שיט,
ווי עמעץ וואָלט די קווייטן פון זיי רײַסן.
צוויט און שניי, שניי און צוויט.

דער קלאָרער שניי, ווען ער איז ווײַס ווי שוים
און ווײַט פאַרשפּרייט, — וואָס איז דען פון אים
שענער?
עס פאַרבט זיך אויס אין זײַן קלאָר דער רוים
און קליינע שטערנדלעך אין הימל ווערן קלענער.

און ווידער:

איז גוט אײַנעם דרויסן דעם פּראָסט איצט באַגריסן,
אין בלויקײַט זיך טוקן, פון פרישקײַט געניסן,
און גוט איז אַרײַן אין אַ טאַנץ מיט די שנייען
און אויך, ווי די שנייען, זיך דרייען און דרייען,
און גוט איז און ווײַל איז זיך איצטער צעיאָגן
אַנטקעגן דער צײַט, ווען עס הייבט אָן צו טאָגן,
און זאָלן די שנייען מיך טראָגן, פאַרטראָגן
אַף גאַסן אַף ווײַטע, אַף שנייִקע ראָגן.

אַפילע די וויגע העלפט דעם דיכטער צו פאַר־מערן און פאַרגרעסערן זײַן שײַן־אַשירעס. ער זעט, ווי „דער ווינט רײַסט שטערן אויס פון רוימען", ווי „פון אויג קלאַפּט (ער) פונקען אויס".

אַזויפיל ווײַסקײַט, אַזויפיל קלאָרקײַט, אַזויפיל שײַן, און דעם דיכטער איז ניט גענוג, און ער פאַר־לאַנגט נאָך און נאָך. און ער איז זיך מוידע, אַז אַפילע „אין די שטערן כ'דריי אַרויס די ליכט".

דער פאַרשיידנאַרטיקער אימאַזש, די פערזאָניפיצי־רונג פון דער נאַטור, די בילדער און פאַרגלײַכן ווערן באַ ווערגעליסן אומעטום אָנגעשטעלט ווי פּראָ־זשעקטאָרס, אַזוי, אַז אין זײַן דיכטערישן גאַנג זאָל אַפילע איין טראָט ניט פאַרבלײַבן קיין פאַרשאָטנ־טער.

ביז גאָר אינטערעסאַנט און אייגנאַרטיק זײַנען די זעונגען, די נאַטור־שילדערונגען, וואָס באַווײַזן זיך אין די פײַערן פון דער מילכאָמע.

ביאַליק „הערט קיין וועלט נישט", און מיט דער צעשפּיליעטער קאַפּאָטע טאַנצט ער „מיט אַ שטראַל אין בלאָטע". אויך ווערגעליס הערט קיין וועלט ניט, און מיט אַ פעסט פאַרשפּיליעטן שינעל גייט ער אַנטקעגן אַלע געפאַרן און נעמט אויף דאָס געזאַנג פונעם קלענסטן גרעזל, די שײַן פון יעדן זוניקן שטראַל.

די מילכאָמע־אומשטענדן פאַרהאַרטעווען בלויז דאָס לײַב, די נעשאָמע ווערט צאַרטער, פילבאַרער. דאָס לעבן הענגט אַף אַ האָר. ערעוו יעדער שלאַכט קומט פאָר אַ געזעגענונג מיט דער וועלט, און באַם גע־זעגענען זיך ווערט אַלצדינג העלער, שענער, צאַר־טער און ווייטעקדיקער.

און ווי פריידיק איז די באַגעגעניש מיט דער וועלט גלײַך נאָך דער שלאַכט. ניט געקוקט אַף אַלע ווונדן

אין אייגענעם לײַב און אין דער גאַנצער נאַטור ארום־און־ארום, איז די וועלט גענוג שיין, איז זי גענוג „מיט זאַפּטן זאַט":

ווען באַטאַרייעס
רײַסן אויס פון וואַלד די קרוינענדיקע לאָקן
און ביימער שטייען הויל:
א שטאַם — א פּלאָקן,
א קוסט — אַן אַשיק גרויער קניל,
איז דעמלט אין דעם גראָז ניט שווער דערקענען
דעם וואַלד,
וואָס אומגעלעך איז אים פאַרברענען —
ווײַל גראָזן זײַנען איצטער אויך מיט זאַפּטן זאַט,
פון דינעם גרעזעלע עס פאַלט א טיפער שאָטן.
ווי זאַפּטיק־גרין, ווי גליטשיק ס'איז און גלאַט,
די שלאַכט אפילע האָט עס ניט צעטראָטן...

ווען „פלאַמען בושעווען" און עס דוכט זיך, אז „כאָרעוו ווערט א האַלבע וועלט" און צווישן אלע כורבונעס ווערט אויך דאָס לעבן כאָרעוו, דערטראָגט זיך פון די גראָזן צום דיכטער א געזאַנג, ווי אן אָנ־זאָג, אז דאָס לעבן איז שטאַרקער פונעם טויט:

אין שלאַכט פאַרביטערטער דאָס לעבן הויך מיר רופט,
בא מידע פיס די ריינע קוואַלן רינען...

אין שײַן פון מילכאָמע־פײַערן ווערט געמאָלט דער שרעקלעכער נאַטיורמאָרט:

אין א גאָרטן איך ליג, און ארום איז מילכאָמע,
כ'טרינק קאַוועגע־יויך, מיט ערד אויסגעמישט...

דער גאָרטן ווערט באַשאָסן פון א האַרמאַט, און עס „פאַלן אגרעסן גרינע פון שטעכיקע שטענגלעך". די פאַרבן זיינען דאָ אויסגעמישט מיט בלאָטע, מיט שוויים, מיט בלוט.

ווען דעם מענטש טרעפט א קויל, ווען פון בוים
פאַלט א בלאַט,
ווערט אין שוצגראָבן גראָס און אין האַרצן מיר
ענגער...

עס פאַלט א בלאַט, פעלט עפּעס אויס דער וועלט; עס פאַלט א מענטש, פאַלט א וועלט, וואָס וועט זיך מער ניט איבערכאַזערן און מער קיינמאָל צוריק ניט קומען.

יאָ, די שלאַכט באַגרײַפן איז אומגעהייער שווער: „עס מאָלט זי אָן דער מענטש מיט בלוט אף קרוי־מער ערד..." ס'איז שווער באַגרײַפן דעם סאָלדאַט:

דעם זעלנער שווער באַגרײַפן איז: א יונגער גיבער,
ער הערשט איבער דער שלאַכט, נאָר לעבט אין נאַסע
גריבער,
און האָבנדיק אין זין די שײַן פון שויבן ווײַטע,
ער פרירט באַנאַכט אין שניי און צינדט ניט אָן קיין
שײַטער,
דעם טרוים פון צוואַנציק יאָר אף שפּיז טראָגט ווי
א טראָפּן —
און פונעם טויט איין אויגנבליק טיילט אָפּ אים.

ווי טרעפלעך אָריגינעל און אייגנאַרטיק איז אין ווערגעליסעס ליד דער „סאָלדאַטישער האַרבסט":

דער האַרבסט קומט פּלוצעם אָן.
ס'באַמערקט ניט דער סאָלדאַט,
ווי פון די ביימער פאַלט אַראָפּ דאָס צירונג.
צוערשט דערזעט ער:
ס'פאַלט אַראָפּ פון דעם האַרמאַט
די בלעטערדיקע פאַרמאַסקירונג.

און וויפל גוטמוטיקע איראָניע און גוטמוטיקע זי־כערקײַט ליגן אין די זעקס שורעלעך וועגן „געמיט־לעכן שטייגער" אפן פראָנט:

א זייגער אין טראַנשיי.
א גלאָז אף טרינקען טיי.
פון ווײַסן בלעך א שיסל.
די כעוורע זעלנער לאַכן:
ס'איז פול „די שטוב" מיט זאַכן,
אף נאַכט עפּשער פאַרשליסן?

וויפל פאַראַלגעמיינערטע דערהייבונג ליגט אין די שורעס, אז נאָך יעדן קלענסטן דערפאָלג אינעם שלאַכט דערזעט דער סאָלדאַט אפסנײַ די וועלט! אזוי קומט דאָך טאַקע פאַר אויך נאָך יעדער געפאַר, נאָך יעדער סאַקאָנעסדיקער וווּנד, נאָך יעדן אומקער צום לעבן.

נאָך יעדן שפּאַן פאָרויס,
נאָך יעדן אײַנגענומען פעלד
כ'דערזע פאַר זיך אפסנײַ די וועלט,
וואָס ראַכוועסדיק זי איז פאַר מיר און אָפן...

ווערגעליסעס סאָלדאַטישער דעוויז איז — לעבן, איבערלעבן, דערלעבן! דאָס איז צו באַמערקן אין אלע זײַנע מילכאָמע־טרוימען, אין זײַנע דיכטערישע געפילן און פאַרגעפילן, בייס אלע געשילדערטע אומ־שטענדן, וועלכע ווערן אַקאָמפּאַנירט דורך דער נאַ־טור:

דער שײַטער וועט איצטער מיר שײַנען,
און ווייך וועלן זײַן מיר די גראָזן.
געוווינט שוין פון קינדווײַז מיר זײַנען
אף זיך אליין זיך פאַרלאָזן...

ווערגעליס נעמט אוף די שטילקײַטן פון וואַלד און גראָז, וועלכע ווערן אופגעוועקט פון א קנאַלנדיקן שאָס, און ער לערנט זיך באַם דעמב גווורע פון אויסשטיין, בײַשטיין, זיך ניט אונטערגעבן:

וואָס שטאַרקער די ווינטן, אַלץ פעסטער
פאַרקניפּט זיך די צווײַג מיט די בלעטער.
דער דעמב, פון די ווינטן געפעסטעט,
ער וואַקסט אין דעם שטורמישן וועטער.
און ס'לײַטערט דעם דעמבס נעשאָמע
דער שטורעם — מיט פרייד און יעסורים...
מיר לעבן אין דער מילכאָמע,
אזוי ווי די דעמבן אין שטורעם.

קעדיי אזוי נאַטירלעך, אזוי האַרציק אופריכטיק שרײַבן וועגן מילכאָמע, האָט דער דיכטער אומבאַ־דינגט באַדאַרפט, אז די מילכאָמע זאָל ווערן זײַן טאָגטעגלעכער שטייגער, ער זאָל זי דורכלעבן מיט אלע זײַנע ראַמאַך אייוורים און שאַסאַ גידין. ער האָט אומבאַדינגט באַדאַרפט זײַן אַן עכטער סאָל־דאַט, וואָס האָט אלע שווערײַקײַטן און אלע יעסורים אף זיך מעקאַבל בעאַהאַווע געווען — אָנגענומען פאַר ליב, געדאַנקט „פאַר דער לאַסט", פאַר דער ביקס און פאַרן צוטרוי צו באַשיצן דאָס לאַנד. ווער־

געליס האָט באַדאַרפט זײַן דאָס, וואָס ער איז — אַ דיכטער, אַ טרוימער, אַ דענקער, ווײַל אַנדערש וואָלט ער בעשום־אופן ניט געקאָנט אַזוי טיף און אַלזײַטיק דערשפּירן די אַלע שאַטירונגען פון די געפאַרן, וואָס לויערן אויף טריט און שריט, און אין זייער שײַן דערשפּירן די פרייד פון ניצחון.

ווערגעליסעס מילכאָמע־לידער זײַנען ניט קיין סאַטיריש־פּאַמפלעטישע, זיי זײַנען דורכויס ליריש אָנגעלאָדענע. און דאָך, ווען עס ווערט געלייגט אויף איין וואָגשאָל דעם דיכטערס טיפע ליבע צום היימלאַנד, דערזעען מיר אויף דער צווייטער וואָגשאָל די גרויסע סינע צום סוינע.

ניטאָ קיין גרעסערע סינע, ווי די, וועלכע קומט פון ליבע. סינע, וואָס גייט ניט פון די ליבע־טיפענישן, געבירט ציניזם, ברענגט צו אויסגעליידיקטקײַט. אַזאַ סינע איז געגליכן צום פײַער, וואָס לויכט ניט, וואַרעמט ניט, פאַרוואַנדלט בלויז אַלץ אין אש.

אין פלאַם פון טויט האָבן זיך די פינף־און־צוואַנציקיאָריקע פון אונדזער דאָר פאַרהאַרטעוועט.

און טאַקע דערפאַר ווערט אַזוי ליריש באַהויכט דאָס שווערע שטייגער־לעבן פונעם סאָלדאַט, און טאַקע דערפאַר דרינגט אַרײַן די ליבע אין טראַנשיי, און עס ווערט מיט אַזויפיל דאָרשט אויפגעכאַפּט יעדער זוניקער שטראַל, יעדער שייריס־האָפלייטע פונעם לעבן:

די באַשערטע ערד, די ערד די רוסישע,
וועל איך צודעקן מיט זיך אַליין,
וועל איך צערטלען זי, מיט ווײַטעק קושן זי,
אויף אירע אומוועגן זיך לאָזן גיין.

ס׳איז ניט גרינג אָפּגעבן דאָס לעבן „פאַר אַ שטיק צעטראָטן פעלד", דאָס איז אָבער דער העכסטער כוייוו —

ווײַל ס׳רוסיש פעלד דעם סוינע אָפּטרעטן
הייסט אים אָפּטרעטן די גאַנצע וועלט.

און ס׳איז נאַטירלעך —

ווען דער פײַנט וואָלט באַ מײַן האַרץ געזעסן,
כ׳וואָלט מײַן אייגן האַרץ אונטערגעריסן!

ווערגעליס מאָלט אין ערגעץ ניט דעם טרייפענעם פּאַרצעף פונעם פאַשיסט, און מיר זעען אים, ווײַל אַלע פּראָזשעקטאָרן פון ליבע זײַנען אָנגעשטעלט אויף צו אַנטפּלעקן אין אים דאָס כײַישע און נידערטרעכטיקע.

אָט דער פאַרהאַרטעוועטער שלאַכט־ליריזם, וואָס יוירט מיט אַזאַ טיפער סינע צום פײַנט, גיט צו אַ באַזונדערע אייגנאַרטיקײַט יעדער לירישער אַנטפּלעקונג, יעדן שטייגער־בילד, יעדן נאַטור־געמעל.

הונדערט מאָל דערהויבענער ווערט דאָס זוכן באַ אַ גרינער ווערבע אַ פרישן קוואַל, ווען „די שלאַכט נאָך ראַשט".

אָן אַן ערעך אינהאַלטספולער איז דאָס גראָזן־געזאַנג „באַ דעם אָפּגעברענטן זאַנג", דאָס ריזלען פונעם פאַרבליבענעם פּאָנטאַן „אין כורבן און אין בראָך". און ס׳אַרא מין ניט געזעענע מאַדאָנישע שיינקײַט עס פאַרמאָגט די אָפּגעראַטעוועטע מוטער, וואָס האָט

וועט איר אָפּגעראַטעוועט קינד מיט איר ברוסט „אין רויִנען באַ אַ קוסט":

אויף גאַנץ סמאָלענשטשינע עס ברענט דער טאָרף.
מיר האָבן הײַנט פאַרנומען דאָ אַ דאָרף —
פון הײַזלעך קיין שאָטן ניט.
נאָר צווישן די רויִנען, באַ אַ קוסט,
אַ יונגע מוטער האָט מיט ווײַסער ברוסט
דאָס אָפּגעראַטעוועטע קינד געהאָדעוועט...

און וויפל פאַרב טראָגט אַרײַן דער טראָפּן בלוט אין דער מוטערס מילך! איין טראָפּן, און עס וואַקסט פאַר אונדז אויס דער שוידער פון דער צײַט, וועלכן דער דיכטער באַהאַלט ניט אויס אין זײַן שילדערן דאָס אָפּטימיסטיש־טראַגישע:

אין שלאַכט פאַרביטערטער דאָס לעבן הויך מיר רופן,
באַ מידע פּיס די ריינע קוואַלן רינען.
איך ווייס: עס וועט דאָס קינד אויף די רויִנען
מיט מוטערס מילך אַ טראָפּן בלוט פאַרזוכן...

ווילסטו וויסן דעם דיכטער, — האָט געטע געזאָגט, — איז גיי צו אים אין זײַן לאַנד אַרײַן. מע דאַרף נאָך צו דעם צוגעבן: ווילסטו וויסן דאָס לאַנד, איז גיי און קום צו זײַן דיכטער, צום דיכטער, וואָס איז בלוט פון בלוט און לײַב פון לײַב פון זײַן לאַנד, פון זײַן דאָר.

נײַע צײַטן — נײַע פויגלען, נײַע פויגלען — נײַע געזאַנגען, נײַע געזאַנגען — נײַע אויערן... אָנהייבנדיק פון אַלעף און ביז טאָף איז באַ ווערגעליסן ניט צו געפינען קיין אָס לעוואַטאָלע. יעדער אָס, יעדער קלאַנג, בילד, שילדערונג, פאָרמולירונג זאָגן איידעס, אַז זיי האָט באַשאַפן דער דיכטער פון דער הײַנטצײַטיקײַט, דער שלאַכטמאַן־דיכטער, דער קעמפער, וואָס שטייט שטענדיק אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס.

די דאַטע פון זײַן געשאַפענער ליד ווערט דײַטלעך אָנגעמערקט דורך דער ליד גופע. דאָס איז באַזונדערס וויכטיק אונטערצושטרײַכן, ווײַל עס טרעפט, אַז אַ סאַך אונטערגעשריבענע דאַטעס פון געדרוקטע לידער קאָנען לײַכט פאַרביטן ווערן אויף דאַטעס פון לאַנג פאַרשוווּנדענע יאָרצענדליקער און אפילע יאָרהונדערטער.

די אַקטועלקײַט ברענגט צו אומצײַטיקײַט, צו פּסעוודאָ־פּאָלקלאָרישקײַט, צו יענעם אַרט פילאָסאָפירן, וואָס איז אַ צײַגעניש פון דאַלעס.

די אייביקע טעמע, די אייביקע מאָטיוון פון אויפנעמען און באַנעמען נאַטור, ליבע, סינע, קינע, פּאַטריאָטיזם, העלדישקײַט זײַנען ווײַט ניט אייביק, זיי ענדערן זיך מיט דער צײַט און בײַטן זיך מיט די נײַ־קומענדיקע דורות.

ווערגעליס שעפּט זײַנע זאַפטן פון די טיפע וואָרצלען, איבערגעפלאַנצטע אין דעם נײַעם קאַנט. וואָס מער זאַפט, אַלץ מער קראַפט. דער דיכטער באַגרײַפט, „ווי אַ שטראַל קאָן דורכברעכן אַ שטיין און אַרויס אין העלער וועלט געשליפן". ער באַגרײַפט, אַז „אין מילכאָמעס פאַרבלוטיקטע לידער איז אַ ליכטיקע גרויסקײַט פאַראַן".

די טיפע שוצגראָבנס דערהייבן אים:

אין טיפע שוצגראָבנס מיר זײַנען נעענטער צום הימל,
דאָס האַרץ געלײַטערט איז און דאָס געפֿיל איז
הייליק.

ער זינגט אַ לויבגעזאַנג דעם קויעך:

איך לויב דעם שטאַרקן קויעך, וואָס צו דער הייך
מיך ציט,
וואָס כאַוועט אויס מײַן וווּקס, וואָס כאַוועט אויס
מײַן ליד.

דער שטאַרקער קויעך, וואָס צו דער הייך אים ציט, זײַן אויסגעכאַוועטער וווּקס פֿילן זיך אויך דאַן, ווען ער פֿאַרלאָזט די שוצגראָבנס און דערזעט זיך אין דער לעבנס-מיט, אַ באַלאַדענער מיט נײַע שלי־כעסן:

און אַרײַן אין לעבנס-מיט,
טראָג איך ליכט אין מײַנע פּאַלעס
און געווויכטער אין די טריט.
פֿון די קאַסעס —
ביזן קאָסמאָס,
פֿון די פֿלוגן —
ביז די פֿלוגן,
אָט אַזוי מײַן גאַנצער דאָר,
וועגן דעם — צו איך מײַן וואָרט...

קויעך, וואָס האָט טיפֿע וואָרצלען און נעמט אָף זיך די מיסיע צו טראָגן ליכט, באַפֿרײַען און באַנײַען די וועלט, איז אומגעצוימט, איז אומבאַגרענעצט. פֿאַרקערט, קויעך, וואָס האָט ניט פֿאַר זיך קיין אויס־זיכט און ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט זיך, ווערט גיך אויסגעשעפּט.

דער ריז פֿון דער ייִדישער דיכטונג מוישע-לייב האַלפּערן האָט גוט געוווּסט, אַז „אַ ליד איז ניט קיין סאַזשעלקע פֿון לירישן טרויער, אַרומגעצאַמט מיט פֿאַבריקע שטאַכעטן". ער האָט געוווּסט, אַז אין דער שווּדערלעכער ווירקלעכקײַט, אין וועלכער ער לעבט, איז — „ווען אַ לייב זאָל דאָ פֿאַרבלאָנדזשען, וואָלט ער וואַנזיניק געוואָרן, וואָלט ער זיך אַליין צעריסן", און דעריבער דאַרף די ליד צאַרענען, שטורעמען, פּויקן, אַנטבלויזן און שעלטן. און אַזאַ איז געווען זײַן ליד... נאָר אָף וויפֿל זײַן פּויק האָט זיך ניט אײַנגע־שלאָסן אינעם אַלגעמיינעם אָרקעסטער, און אָף וויפֿל זײַן מעכטיק געשריי האָט זיך ניט צונויפֿגעגאָסן מיט די מיליאָניקע געשרייען, און אָף וויפֿל זײַן ליד האָט ניט געטראָגן מיט זיך קיין טרייסט און ניט געהאַט פֿאַר זיך קיין אויסזיכט, איז זײַן אײנזאַם קאָל גע־בליבן אַ קאָל קוירע באַמידבאַר...

ווער איז דער רײַטער דאָרט,
וואָס רײַט און רירט זיך ניט פֿון אָרט?
זײַ שטיל, מײַן בלוט, זײַ שטיל, ניט וויין,
דער רײַטער דאָרט בין איך אַליין.
אין האַלבער נאַכט, אין מיטן וועלט
ווער האָט פֿאַר אים דעם וועג פֿאַרשטעלט?
זײַ שטיל, מײַן בלוט, זײַ שטיל, ניט וויין,
דער רײַטער דאָרט בין איך אַליין...

ווערגעליסעס גוירל איז אַ מער גליקלעכער, איי־דער דער גוירל פֿון מוישע-לייב האַלפּערן. דער סאָ־וועטישער דיכטער געהער צו די רײַטער, וואָס זײַ־נען געבענטשט מיט דער בראָכע פֿון קפֿיצאַס-האַ־דערעך, אַלע וועגן גייען אים אַנטקעגן, ער האַלט אין איין „אויסקוקן אַ וועלט", און דאָס פֿאַרברײַ־טערט זײַן אָטעם, די ליד זײַנע ווערט אָנגעגאָסן מיט נײַעם פֿרישן בלוט און אָנגעפֿילט מיט נײַעם פֿײַער.

בלוט און פֿײַער — דאָס זײַנען, לויט ביאַליקן, די ווירטיקסטע עלעמענטן אינעם דיכטערישן שאַפֿן. דיכטונג קאָן ניט זײַן קאַלטבלוטיק, מאַלעגייערדיק, פּויזענדיק. אויב זי איז קליין, איז זאָגן וועגן איר, אַז ס'איז דיכטונג, דאָס זעלבע, ווי זאָגן, אַז עס האָט זיך באַוויזן אַ ריז — אַ קאַרליק.

ווערגעליסעס „לידער, אָנגעשריבענע ניט אין דער היים" שטעלן מיט זיך פֿאָר אַן אייגנאַרטיקן סאַטי־רישן זשאַנער. דאָס איז אַ נײַ וואָרט אין דער ייִדי־שער סאָוועטישער דיכטונג.

דער דיכטער האָט זיך אופֿגעהויבן אָפֿן הונדערט און צוויטן שטאָק, קעדיי זען ניו-יאָרק, הערן זײַן ראַש.

פֿאַר דעם נאָר אַליין, פֿאַר אַזאַ מין קויעך,
פֿאַר אַזאַ מין דראַנג —
איך בייג זיך אָן, ניו-יאָרק, צו דײַן אויער
און זאָג אַ דאַנק.

דער אומגעהייערער שטאָקן-פּאַרמעסט, די האַסטי־קײַט און דער ראַש שטערן ניט ווערגעליסן דערזען אַמעריקע אַזאַ, ווי זי איז, דערזען אירע סאָציאַלע גרימאַסן און בײַזוווּנדער.

בראָדווײ איז טאַקע פֿאַרטרונקען מיט שײַן, אָבער „די שײַן דאָ אָנעמען פֿאַר ליכט איז ניט קיין כיווו". וואָס ליכטיקער, אַלץ בוילעטער דערזעט דער דיכטער „די נעגל און די ציין". וואָס ליכטיקער, אַלץ מער דערזעט ער, אַלץ מער דערפֿילט ער די שאָטנס, וועלכע הויערן אָף טריט און שריט:

וואָס פֿריילעכער דער טאַנץ,
אַלץ מידער איז דער טענצער.

און — „אָף יענער זײַט ברוקלינער בריק — אַ ווונדער — הייבט אָן זיך דער אַכצנטער יאָרהונ־דערט"... „עס לויפֿן צונויף זיך די ווײַסע זאָקן, עס קלײַבן זיך אוף די קאַפּאָטעס אײנינעם"...

ניט בעסער פֿון דעם רעבן מיט די כסידים, וועלכע שטעקן אין 18-טן יאָרהונדערט, זײַנען די מאָדערנע לײַט, וואָס זײַנען מעסאַמייעך דעם אַלטן יעהאָווען אין טעמפּל מיט דזשאַז-מוזיק.

מאָזעס איז שיין, און מוישע — אַלטפֿרענקיש.
דראַשעס אין קלויז זאָגט איר אָף ענגליש.
דײַנע ראַבאָיִם מאַכן ביזנעס,
דײַנע צאַדיקים — אין פֿאַלשקײַט פֿאַרהריזנעט.

דער סאָוועטישער דיכטער עפֿנט אוף פֿאַר זיך אַמעריקע פֿון אַלע זײַטן. אומעטום פֿילט ער זיך ווי אַ סאָוועטישער שאָליעך, ווי דער פֿאַרשטייער פֿון אַ נײַער וועלט, און דעריבער קאָן ער זיך פֿאַרגינען רעדן רויִק און מיט אַ לײַכטער איראָניע. ביאַליק זאָגט: „כל הצועק — סימן שאין קולו נשמע" — ווער עס שרײַט, איז אַ סימען, אַז זײַן קאָל ווערט ניט דערהערט.

ווערגעליסעס קאָל האָט אַ שטאַרקן ווידערקאָל, און

דערפאַר איז ביז גאָר ריכטיק דער נײַ־אַנגענומענער טאָן אין זײַנע סאַטירישע שילדערונגען.

דער אַעראָפּלאַן אין הימלען גרויסע
טראָגט זיך פרײַ. קיין ראַכוועס אים ניט פעלט.
ווּ איז דאָ דער איבערגאַנג, ראַבויסײַ,
צווישן אײַער וועלט און אונדזער וועלט?

ווען ער קומט קיין אַמסטערדאַם, פרעגט ער רויִק, ווּהין אַמסטערדאַם האָט אַהינגעטאָן שפּינאָזען. ער בעט, אַז אַמסטערדאַם זאָל אָפּווישן די טרערן בא שפּינאָזעס מאַמען, בא דער פרוי, וואָס איר זונס כּיירעם האָט אַזויפיל ווייטעק פאַרשאַפן דער וועלט...

דער סאָוועטישער דיכטער זידלט ניט פּאַריזש, ער זאָגט נאָר, אַז אין דעם קאַפּיטאַליסטישן פּאַריזש פילט ער זיך, ווי „אין דעם נעכטן". „א נעכטיקן מיין האָט דאָס וואָרט באַלעבאָס", און דער לעפּישע־וואַטער באַנקיר, וואָס וווינט מיטן סאָוועטישן דיכטער אין איין האָטעל, א טיר בא א טיר, רעדט „נעכטיקע רייד".

און אַפּילע דאַן, ווען עס רינגלען ווערגעליסן אַרום מענטשן פון פאַרשיידענע צדאָדים, און עס רעדן

דער טויבן־צאַד צום שפּאַרבער־צאַד,
דער „לינקער" צאַד צום רעכטן צאַד,
דער גערעכטער צאַד צום שלעכטן צאַד —

אַפּילע דאַן הייבט ער ניט אוף צו הויך זײַן שטים. ער זאָגט צו זיי רויִק:

מיר זײַנען געזונט מאָווער,
מיר זיצן בא קילע ברעגן,
מיר קוקן אָף אײַך, ווי אָף אָוואָר,
מיר האָבן אײַך וואָס צו פרעגן! —
אָט אַזוי מײַן גאַנצער דאָר,
וועגן דעם — צו אײַך מײַן וואָרט.

און אַפּילע ווען עס דערגייט צו דעם, אַז „די שאָדן־לײַט, די שלעגער, הייבן אוף א מעהומע מיט זידלערײַען און קלאָץ־קאַשעס, גיסן אויס פּאָמעניצעס און נעמען זיך וואַרפן מיט די פויסטן, שטייט דער סאָוועטישער דיכטער זיכער, מאָוער־פעסט און זאָגט צו זיי רויִק:

— כ'האָב פאַר אײַך קיין מוירע ניט.

באַגעגנט ער זיך מיט מאַרק שאַגאַלן אין פראַנצויזישן שטעטל סען־פּאָל דע־וואַנס, דריקט ער אויס זײַן טיפסטע אַכטונג צום גרויסן קינסטלער, צו זײַנע ליכטיקע דערמאָנונגען, וויאַזוי „אין אַכצנטן יאָר אין האַרבן עס האָט ניט געפעלט קיין סאַך, כ'זאָל ווערן פון אַלע פאַרבן אין רוסלאַנד דער קאָמיסאַר".

מיט טיפן מיטגעפיל באַדויערט דער סאָוועטישער דיכטער, וואָס

אין סאָד בא מאַרק שאַגאַלן פעלט
א הורבע שניי,
א פראָסט,
א פרישע קעלט.

און דאָס איז די סיבע, וואָס די טפילע פון שאַגאַלס פרוי וואַלענטינע — „ראַסטי, ראַדנאַיאַ" — ווערט ניט דערהערט; די בערעזע, דער ווײַסער בוים, וואָס דאַרף שטילן די בענקעניש נאָך דער היים, נאָכן לאַנד, פון וועלכן שאַגאַל איז דערווײַטערט, נעמט זיך ניט אָן.

אין די „לידער, אָנגעשריבענע ניט אין דער היים" איז דאָ ניט ווייניקער היים, ווי אין די לידער, וואָס זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן אין דער היים.

ס'זײַנען פאַראַן צוויי אַשרעס: אשרי יושבי ביתך — אַזוי וויל איז צו די שטוב־זיצערס — און אשרי תמימי דרך — אַזוי וויל צו די, וואָס זײַנען אין וועג. פאַר א דיכטער, און ביפּראַט נאָך פאַר אַזא דאַרשטיק־נײַגעריקן דיכטער, ווי ווערגעליס, איז אָנעמבאַר דער צווייטער „אשרי".

טעלעכע ווערטער וועגן ווערגעליסעס „קאָסמישער פּאָעמע".

די לעוואָנע איז געווען דער שטענדיקער איידעס פון אַלע געשלאָסענע ליבעס. אַלס אַזא האָט זי געשײַנט אין דער ייִדישער דיכטונג, אין דער ייִדישער פאָלקסליד.

און אָפּטער גאַסט איז די לעוואָנע געווען בא די זינגער פון רעליגיִעזע הימנען. זיי האָבן זיך גאָרניט געקאָנט אָפּלויבן פון גאָטס מײַסטערשאַפט, וואָס ער האָט אין דער פינצטער פון דער נאַכט אופגעהאַנגען אַזא ליכטיקן לאַמטערן.

דער ליכטיקער לאַמטערן אין דער פינצטערער נאַכט איז אויך בא די העברעיִשע דיכטער פונעם שפּאַנישן פּעריאָד געווען איינער פון די מאַאַסע־ברייִשיס־ווונדער, וועלכן זיי האָבן ניט אופגעהערט באַזינגען און באַוווּנדערן.

שלוימע איבן גאַבירואָל האַלט, אַז וואָס מער מע דרינגט אַרײַן אין די סוידעס פונעם וועלט־באַשאַף, אַלץ פעסטער ווערט דער גלויבן אין גאָט — „וכל מבין יספרו את גדלך" — און די אַלע, וואָס פאַרשטייען דעם סאָד (פון וועלט־באַשאַף), וועלן דערציילן דײַן גרויסקײַט, ווײַל — „לך חביון העז הסוד והיסוד" — בא דיר, גאָט, איז די אויסגעבאַהאַלטענע שטאַרקײַט פונעם סאָד וועגן יעסאָד. די לעוואָנע ווערט באַשײַנט פון דער זון, און דעם דיכטער סטײַען ניט קיין ווערטער אָף צו לויבן גאָט פאַר דער לעוואָנע, ווײַל זי, די לעוואָנע, איז דער אָנהייב פונעם כעזשבן, דער אָנהייב פון די טקופעס, פון די טעג, כאָדאָשים און יאָרן, פון די פאַרשיידענע צײַטן און יאָמטויווים.

אויך יעהודע האַלייווי איז שטאַרק איבעראַשט פון דער לעוואָנע — „ואור סהר לטהר" — און די שײַן פון דער לעוואָנע איז צוליב ריינקײַט. ער שטרײַכט אונטער, אַז סײַ די ערשטע, סײַ די לעצטע דוירעס ווייסן, אַז די לעוואָנע, ווי די זון און ווי די ערד, וואָס האַלט זיך און הענגט אָף גאָרניט, האָט באַשאַפן גאָט — „אבל לא ידעו איכה" — נאָר וויאַזוי, ווייסט קיינער ניט. „לבבות עמדו מלדרש ולשונות נלאו מלפרש" — הערצער האָבן זיך אָפּגעשטעלט פון פאַרשן, און צינגער זײַנען מיד געוואָרן אויסצוטײַטשן.

אויך אין אונדזער צײַט געפינען זיך אַזעלכע דיכטער, וועלכע שרעקן זיך פאַרן קאָסמאָס, פאַר די קאָסמאָנאַווטן, וואָס האָבן געטראָטן אָף די שטיינער פון דער לעוואָנע און זיך קאַראַבקעט אָף אירע בערג.

אָט וואָס עס שרײַבט קאַדיע מאָלאָדאָווסקי אין א ליד וועגן די קאָסמאָנאַווטן:

און וואָס וועט זײַן —
און וואָס וועט זײַן —
אז צוריק וועלן קומען די פּליִער
און זאָגן, אז עס איז קיין הימל ניטאָ?
איז ווּ וועל איך בלענדן די בליקן,
אויב ניט העכער, ניט אויבן?
ווי וועל איך פאַרטראָגן די גרויקײַט פון רעגן?
פון שטיינערנע גאסן די שטויבן?
ווּ וועל איך זיך רעטן פון שווערן דערווידער
און ווער וועט מיר העלפן צו שרײַבן די לידער,
אויב ס׳איז גאָרניט מיט גאָרניט דאָרט אויבן?
נאָר איך וועל די פּליִער ניט גלויבן...

ווערגעליסעס „קאָסמישע פּאָעמע" ווײַזט דעם ווײַטן מעהאלעך, וועלכן אונדזער צײַט, אונדזער דאָר און אונדזער דיכטונג האָבן דורכגעמאכט אין פאַרגלײַך מיט דער וועלט און מיט דעם דאָר, וואָס פאַרלאנגען און באַפוילן, ווי יעהוישוע בין נון, אז די זון און די לעוואָנע זאָלן זיך ניט רירן פון אָרט.

די „קאָסמישע פּאָעמע" איז א וויכטיקע דערגרייכונג פון דער יִידישער פּאָעזיע. דער דיכטער האָט דאָ ניט געהאט פאַר זיך קיין אויסגעטראָטענע וועגן, קיין „באטראָטענע ווײַטן אין הימל". ער איז מיט דער טעמע אף „דו", און טאקע דערפאַר באנוצט ער ניט פאַר אזא הויכער טעמע קיין איין הויך וואָרט. וועגן דעם אויסערגעוויינלעכן דערציילט ער געוויינלעך, און דאָס איז דאָך דער סאמע ריכטיקסטער וועג אין דער דיכטונג. די פילאָסאָפישע פאַראלגעמיינערונג שטערט ניט ווערגעליסן אין זײַן גוטמוטיקער איראָנישקײַט.

דער קאָסמאָנאווט באטרעט די שטיינער אף דער לעוואָנע, די „נאָך ניט באטראָטענע פון קיינעם". ער רעדט אויס דאָס ערשטע וואָרט דאָרט, ווּ „די שטילקײַט איז מיליאַרדניאָריק". אָפּרײַסנדיק זיך פון דער ערד, דערפילט ער זיך נאָך פעסטער צוגעבונדן צו איר: „דעם קאָסמאָנאווט איז נאָענט דער אָטעם פון זײַן פּלאַנעטע"...

און דאָס, וואָס עס באומרויִקט אזוי שטאַרק קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, איז פאַר ווערגעליסן די סאמע פריידיקסטע בסורע־טויווע: דער קאָסמאָנאווט מעלדעט דער וועלט — „ניטאָ קיין גאָט!".

אין זײַן באוווּסטער ליד „על השחיטה" האָט ביאַליק, אַן אופגעבראכטער און דערצאָרנטער, אויסגעשריגן: „הימלען, בעט פאַר מיר גאָט, אויב בא אײַך איז דאָ א גאָט און צו גאָט איז דאָ א וועג. איך האָב אים ניט געפונען..." ביאַליק האָט פון גרויס אופגעבראכטקײַט פאַרן ביטערן גורל פון זײַן פאָלק געלעסטערט גאָט, געצווייפלט אין אים.

ווערגעליס לעסטערט ניט, צווייפלט ניט. צוזאמען מיט די קאָסמאָנאווטן ראַפּאָרטירט ער זיכער: „ס׳איז ניטאָ אין הימל פון גאָט קיין זייכער".

אָט די זיכערקײַט, צו וועלכער די וויסנשאַפט האָט דערגרייכט, מאכט לעפּיש די אָפּאָנענטן, דעם גאַלעך און דעם ראָוו, וואָס האָבן דורעסלאנג געפירט א העפטיקן קאַמף מיט דער וויסנשאַפט. פון פאַרלוירנקײַט לייקנט דער גאַלעך: „ס׳איז ניטאָ קיין קאָסמאָס". די ספּוטניקעס זײַנען געפערלעך, ווײַל וואָלטן זיי, כאַסוועכאָלילע, געווען, וואָלטן זיי געקאָנט נאָך איבערפאָרן אין הימל די מאַלאָכים.

דער ראָוו איז באַלקאָרכוי געצוווּנגען מוידע זײַן, אז ס׳איז יאָ דאָ א קאָסמאָס און אז די קאָסמאָנאווטן קאָנען אפצולאָכעס ארופקריכן אפן הימל. און דאָ קומען אוף באם ראָוו הארבע שײַלעס. דער באגריף פון צײַט אף דער לעוואָנע איז גאָר אַן אנדערער, און ס׳וועט אויסקומען אין יעדן לעוואָנע־טאָג פראַוועז צוויי שאבאָסים. די טוירע האָט עס ניט פאָרויסגעזען. איז וואָס זשע וועט זיך באקומען, און וואָס וועט זײַן?.. און נאָך הארבער איז די שײַלע וועגן מעכאַדעש זײַן די לעוואָנע. ווי וועט מען זי קאָנען מעכאַדעש זײַן, אז מ׳וועט זײַן אף איר, אף דער לעוואָנע גופע?..

אזעלכע זײַנען די „ארגומענטן" פון די, וואָס האָבן ניט דעם קלענסטן לאָגישן ארגומענט.

אף די קאָסמאָנאווטן קאָן מען זיך פאַרלאָזן. זייער שטאַם און זייער יִיכעס איז א גרויסער:

ווער זײַנען מיר?
— מיר זײַנען זין פון מאָסקווע.
וואָס טוען מיר?
— מיר האָבן פעסט און צארט
די האַנט אוועקגעלייגט אף אַקסל פונעם קאָסמאָס,
צו וועלטן אנדערע די רויטע פאָן געבראכט...

דער גרויסער העברעִישער דיכטער אווראָם שליאָנסקי האָט געטרוימט:

אפן שאבעס־האגאָדל ווען מ׳וועט גרייטן צום טיש,
וועלן מיר ראָע זײַן צו זיצן פון פאָרנט.

פון פאָרנט הייסט ניט ווי אָרכים, נאָר ווי הויפּטמעכוטאָנים. ווערגעליס דריקט עס אויס אזוי:

גרילצט אין אויער:
„אוירעך"... „אוירעך"
„עסן טעג" —
וואָס איז עס, וואָס?

עסן טעג באטײַט — אליין גאָרניט פאַרמאָגן, באטײַט — זײַן בא פרעמדע טישן, זײַן א שטענדיקער נעבעך, אף וועמען מ׳דאַרף ראכמאָנעס האָבן, אים אונטערוואַרפן, ווי א הונגעריקן יאטקע־הונט, א ביינדל.

כ׳האָב אף אייביק שוין געשווירן,
אז דאָס וואָרט אָט דאָס פאַרלוירן
און פאַרגעסן האָב איך פראָסט...
ס׳גרילצט אין אויער:
„אוירעך"...

אזוי רעדן קאָן בלויז אזא מענטש, וואָס האָט א היפּשן אייגנס, וואָס קאָן זיך אויסגלײַכן מיט די אײַנגעפונדעוועטע.

אף צו זיצן פון פאָרנט באדאַרף מען אין דעם גרויסן אינטערנאציאָנאלן פאַרמעגן ברענגען אייגנס, ברענגען עפּעס אזוינס, וואָס זאָל באַרײַכערן און שענער מאכן דעם אינטערנאציאָנאלן שאבעס־האגאָדלטיש. אין דעם אלגעמיינעם כאָר דאַרף יעדער זינגער קומען מיט זײַן באזונדער שטים, מ׳זאָל זי דערקענען און אונטערשיידן פון צענדליקער און הונדערטער אנדערע שטימען. יעדער דיכטער באדאַרף קומען מיט זײַן יִיכעס־בריוו, מיט זײַנע באזונדערע נאציאָנאלע אסאָציאציעס, מיט זײַן באזונדערן נא־

צ׳אָנאַלן שמייכל, מיט זײַן באַזונדער גרויסן היסטאָרישן קיבעד־אָוו...

אָט די היסכּײַוועסן, אַלס סאָוועטישער ייִדישער דיכטער, האָט ווערגעליס אויסגעפּילט פון אַלף ביז טאָף. דאָס אינטערנאַצ׳אָנאַלע איז בא אים אָרגאַניש געבונדן און געקניפּט מיט דעם נאַצ׳אָנאַלן. ער פילט אומעטום די הײַנטצײַטיקײַט, און אומעטום איז זײַן געמיט „א באַשענקטער מיט זיקאָרן".

די ליבע צו ביראָבידזשאַן, צו דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, די אָדע־געזאַנגען פאַר איר רײַכער נאַטור — דאָס איז ניט בלויז א געזאַנג פון א סאָוועטישן דיכטער, וואָס פילט זיך אין גאָר דעם ראַכוועס פון לאַנד ווי בא זיך אין דער היים, נאָר אויך א געזאַנג פון א נאַציאָנאַלן דיכטער, וועלכער דערגרונטעוועט זיך צו די טיפע איבערגעפלאַנצטע וואָרצלען פון זײַנע טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועסטער, וואָס האָבן זיך פאַרפעסטיקט אין א נײַעם באָדן, אין א נײַעם קאַנט. ווערגעליס הערט זיך אײַן אין די קלינגענדיקע „טענער פון אָנקום און טראָט". ער גלייבט, אז דער אָנקום וועט ברענגען מיט זיך אופקום, און ער זעט פאָרויס די נײַע שטאָט, די פינקלדיקע אספאַלטן.

ביראָבידזשאַן איז ניט געווען קיין אָפּגעטיילט פאַרוואָרפן אינדזל סײַ אין די יאָרן פון בויונג און סײַ אין די יאָרן פון געפאַר, ווען דער פאַשיסטישער סוינע איז באַפאַלן אונדזער לאַנד. די נײַע היים האָט געבוירן איר נײַעם העלד — יויסעף בומאַגינען, וואָס איז זיך מויסער־נעפעש און קומט אום מיט דעם זעלבן העלדישן טויט, ווי מאַטראָסאָוו.

די שרעקלאָזיקײַט און די גוורע פונעם ייִדישן סאָוועטישן העלד איז אײנצײַטיק א רינג אין דער גאָלדענער קייט פון דער ייִדישער גוורע.

און ווי א ברודער בין איך ענלעך אָף מאַטראָסאָוון
דעם העלד,
און ווי א זון בין איך געראָטן אין באַר־קאָכבען.

בומאַגין קומט אום פאַר זײַן לאַנד און פאַר זײַן שטאַם, וועלכן „דער פײַנט האָט אויסראָטן געוואָלט".

ניין, ניט פאַרפלעקט דעם רום פון זײַנע זיידעס
און אָפּגעהיט דעם קאָוועד פון זײַן דאָר.

מאַטראָסאָוו און באַר־קאָכבע, די ייִדישע זיידעס און דער סאָוועטישער דאָר, — אזא איז דער סינטעז פון דעם נײַעם סאָוועטישן ייִדן, פונעם ביראָבידזשאַנער בכאָר.

בומאַגינס רומפולער טויט איז דער אַלטער און יונגער שיר־האַשירים פון אונדזער פאָלק, פון אונדזער געשיכטע:

נעם, געגנט ייִדישע, בומאַגינס רום און פיר אים
אַרײַן מיט קאָוועד אין לעגענדעס פון דײַן שטאַם,
ס׳זאָל יויסעף זײַן דער יונגער שיר־האַשירים
פון אַלטן פאָלק זײַנעם אין לאַנד ביראָבידזשאַן.

דער באַזינגער פון העלדישקײַט איז אײנצײַטיק אויך דער מעקוינען, דער באַקלאָגער און באַוויינער פון די זעקס מיליאָן אומגעקומענע זין און טעכטער פון אונדזער פאָלק. ווערגעליסעס ווייגעשריי איז אָבער ניט קיין אָנמעכטיקער, זײַנע טרערן פלאַקערן פאַנאַנדער די סינע צום פײַנט. ער וועקט אוף די אומגעקומענע, די אומגעבראַכטע צו טכ׳אָס־האַמייסים, אז אויך זיי זאָלן נעקאָמע נעמען.

אַנאַ פראַנק לעבט, עס לעבט דעם דיכטערס מאַמע, און, ווי אין דעם יעכעזקל־טאָל, גייט זיך צונויף אייוועך צו אייוועך, ביין צו ביין אָף צו שטעלן דעם כעזשבן פון יאָרטוויזנטער:

איך בעט אײַך רעכענען צווישן די לעבעדיקע אויך
מײַן מאַמען,
איך בעט אײַך רעכענען צווישן די לעבעדיקע אויך
מײַן שוועסטער,
איך בעט אײַך רעכענען צווישן די לעבעדיקע אַנאַ
פראַנק...

אין גאַנג פון דער מילכאָמע, אָף „צוריקוועגס פונעם טויט", האָט דער דיכטער געהאַט אָף זיך דעם באַבי־יאַר און זיך געשטיקט אין דער דושעגובקע — גלײַך מיט אַלעמען:

איך בין געהאַנגען אָף א בוים אין בעלאָוועזשער
וואַלד,
דאָס לײַב מײַנס האָט געצאַנקט אָף שטעכעדיקע
דראָטן.
ווען כ׳האָב זיך אויסגעטאָן לעם גרוב — געווען עס
איז מיר קאַלט,
געטאָן עס האָט מיר וויי, ווען מע האָט מיך
פאַרשאָטן.
אָף צוריקוועגס פונעם טויט ניט אויסגעמיטן כ׳האָב
קיין אײנציקן אָקאָפּ פון דער מילכאָמע,
און אומעטום געלייגט כ׳האָב נאָכאַמאָל דעם קאָפּ —
גענומען כ׳האָב נעקאָמע.

אין טאַנאַך (חבקוק 2) ווערט געזאָגט — „כי אבן מקיר תזעק" — א שטיין פון וואַנט שרײַט. איך האָב דערפילט דעם עמעס פון דעם, ווען איך בין נאָכגעגאַנגען ווערגעליסעס גוואַלד אין וואַלד צו די טרעבלינקער שטיינער:

א וואַלד פון שטיינער אָף מענטשנס ביינער...

ווען דער וויי דערגייט און נעמט דורך שטיינער, איז עס דער שטאַרקסטער וויי, — ס׳קומט דער אָפּגעהאַקטער אָטעם, די קורצע רעטשיטאַטיוו־שורע, דער זיך קויקלענדיקער גראַם, וואָס פאַלט מיט דעם הילך פון אופגעריסענע, פון באַרג געשלײַדערטע שטיינער. „טרעבלינקער שטיינער" איז א ווירדיקע מאַציײווע, א קלאָג אָף דוירעס.

די נאַצ׳אָנאַלע אַסאָצ׳אַציע האָט וויַיט־רעכט אין ווערגעליסעס זיקאָרן און אין זײַן האַרצן. ס׳פאַרגעדענקט זיך א מילכאָמע־ליד: דעם דיכטערס ראָטע האָט באַקומען א מאַטאָנע — א קעסטעלע מיט קיסעטן אַלערליי. אָפן דעק פונעם קעסטעלע האָט דער ייִדישער דיכטער־פראָנטאָוויק געפונען א ראָזשינקע, און ער פרייט זיך מיט איר, ווי מיט דער שענסטער מאַטאָנע. די איין־און־אײנציקע ראָזשינקע ברענגט אים צום „ברייט־גראַמען וויגעלע", אונטער וועלכן עס שטייט א קלאָר ווײַס ציגעלע. זי שמעקט פאַר אים מיט געבעקסן, מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען, מיט פאַרשוווּנדענער היים און מיט פאַרשוווּנדענער קינדהײַט.

אַלטע אַסאָצ׳אַציעס, אַלטע באַגריפן ווערן בא ווערגעליסן באַנײַט, באַקומען זייער נײַעם טיקן. „קי־

דעש־האשעם״ איז דורכגעווייקט אַף דורך און דורך מיט בלוט פון דוירעס. אַט די הייליקע ווערטער זײַנען ראַע אַנגעווענדט צו ווערן אויך צו די העלדן פון דער גרויסער פּאַטרלענדישער מילכאָמע, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייער לעבן ניט פאַר יענער־וועלט, נאָר פאַרן פאָלק, פאַרן לאַנד, פאַר דער היגער און דאָיִקער אוילעמהאַזע:

דורך א פעלד, באַ דערפער כאַרעווע,
דורכגיין ציטעריק, ווי פאַרשעמט,
מיט מײַן לעבן פאַר זײַן שעפע אָרעוו זײַן,
גרייט זײַן ווארפן זיך אַף קידעש־האשעם.

ווערגעליס „קומט אַף קייווער־אָוועס״ — ניט בלויז צו באַווײַנען די אומגעקומענע יידישע שרײַבער, נאָר אַף אומצוקערן די אויסגעלאָשענע שײַן פון זייערע אויגן, אַז זי זאָל העלער באַלײַכטן דעם ווייטעק און די ווונדן און שטאַרקער פאַנאַנדערצינדן די נעקאָמע.

ווען ער טרויערט אין דער מילכאָמע־טראַנשיי נאָך די אומגעקומענע, קומט אים אַפן זינען דער באַר־מינען אַפן דיל מיט די פאַרהאַנגענע שפיגלען. און סארא מין אינטערעסאַנטע נײַע ריכט־ווענדונג עס באַקומט אָט די אַסאָציִאַציע:

ווען אַפן דיל א באַרמינען פלעגט ליגן,
אין שטוב פאַרהענגען פלעגט מען אַלע שפיגל.
אַצינד עס ליגן אַפן פעלד אַזויפיל מייסים,
דער טאָג — א ליכטיקער, א הייסער.
וואָלט כאָטש א וואָלקנדל די זון פאַרהאַנגען,
וואָלט כאָטש א ווינטעלע א נייג געטאָן די
זאַנגען...

דער יידישער סאָוועטישער דיכטער קומט קיין לאָנדאָן — איז אין זיקאָרן באַ אים מאָריס ווינ־טשעווסקיס א ליד, דאָס ליד וועגן די דרײַ שוועסטער אין דער ענגלישער שטאָט לעסטער; גייט ער בעסי־פּאָזן איבער די אַמסטערדאַמער געסלעך — באַגלייט אים דער גײַסט פון באָרעך שפינאָזע; באַגעגנט ער זיך מיטן גאַסט געבענטשטן מאָלער מאַרק שאַגאַל, וואָס איז אויסגעוואָנדערט א וועלט און מיט פרעמדע שטעט פאַרקניפּט זײַן גוירל, דערזעט ער, ווי אין א שפיגל, יענעמס טיפע בענקעניש נאָך זײַן היים.

אַפילע אינעם קאָסמאָס וועט דער דיכטער מיט־נעמען מיט זיך זײַנע נאַציאָנאַלע אַסאָציאַציעס:

אַף אָט דעם וועג דעם ברייטן
איך זע אויך דיי מיט כידעש:
מײַן טאַטן און מײַן זיידן —
איך זע דאָס פאָלק דאָס יידישע.

די נאַציאָנאַלע אַסאָציאַציעס פילן זיך אויך אין אַזעלכע לידער, ווי „א שפּעטע ליבע״ און „דאָס מיידל שפּיליעט צו דעם זאַק״:

א זאַק האָט זיך באַם מיידל אָפּגעשפּיליעט —
און גלײַך געגומען צושפּיליען דעם זאַק...
די כאַוורטע האָט זי פאַרשטעלט פון פרעמדע אויגן,
און זי — מיט צניעס, וואָס א מיידל נאָר פאַרמאָגט,
איבער דעם פוס דעם אייגענעם האָט זיך פאַרבויגן.

ווערגעליס מעלדעט מיט א באַזונדערן שטאָלץ, אַז ער איז א גײַער מין ייד, א סאָוועטישער ייד, וואָס האַנדלט־און־וואַנדלט ניט, וואָס איז ניט אָפּגעטיילט פון דעם אַרום:

ס'וואַקסט מײַן וועלט אַרומגענומען
מיט די איבעריקע וועלטן.
...און א ייד איך בין פאַרבליבן,
און א מענטש באַגלײַך מיט אַלע.

דער סאָוועטישער דיכטער אַנערקענט ניט די מאַס־קילישע יעהודע־לייב גאָרדאָנישע צעצווייטקײַט פון זײַן א ייד אין שטוב און א מענטש אין גאַס. דאָס נאַציאָנאַלע און דאָס מענטשלעכע זײַנען באַ אים אַן איינהײַטלעך הארמאָנישער צונויפגוס. דער סאָוועטי־שער ייד איז אָבער ניט מיט אַלע יידן כאַווער, ניט אַלע יידן זײַנען אים ברידער. קאַלזמאַן ס'זײַנען דאָ רײַכע און אָרעמע, עקספּלואַטירער און עקס־פּלואַטירטע, איז דער עמעס אַזאַ:

פאַרשיידענע יידן
זײַנען פאַרשידן.

ווײַל פאַרשידן איז דאָס לעבן.

דיכטער, וואָס פאַרמאָגן ניט דעם שעם־האַמפּוירעש, קלײַבן זייער גיך אָן אויסיעס, זיי באַנוגענען זיך מיט שטאַמלען. אָרן ווערגעליס זינגט א געזאַנג דעם אַלעף, וועלכער איז דורכגעגאַנגען ביזן טאָף. פון אַלעף ביז טאָף איז נאָך ניט דער סאָף, וואָס ווײַטער איז שוין ניטאָ וווהין צו גיין.

...דער סאָף ווערט אָן אָנהייב, דער טאָף ווערט אַן אַלעף.
...דער סאָף איז קיין סאָף ניט, דער סאָף ווערט א העמשעך.

העמשעך באַטײַט פאַרהיטן אַלע אויסיעס.
העמשעך באַטײַט באַרײַכערן און באַרײַכערט ווערן!
און טאַקע אין זכוס פון דעם, וואָס דאָס אַלץ איז פאַראַן אין ווערגעליסעס שאַפן, איז אויספילבאַר זײַן טפילע צו דער מוזע:

איז גיי צו די הערצער, איז קום אַף די ליפּן...

ווערגעליסעס דיכטונג איז ענג פאַרבונדן מיט איר צײַט, ווי זײַן ביִאָגראַפיע — מיט דער בּיִאָגראַפיע פון זײַן דאָר. דער דיכטער גייט אין פוסטריט מיט דער הײַנטצײַטיקייט! ער זעט זי און באַנעמט זי אין אירע הייכן און אין אירע טיפן, און דערפאַר זײַנען אַזוי פאַרשיידנאַרטיק די מאָטיוון פון זײַן דיכטונג, און דערפאַר אויך איז אים ענג זיך צו באַגרענעצן אין די דאַלעדאַמעס פון איין זשאַנער.

עס וועט ניט זײַן איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז לויט דער אַקטועלקײַט, לויט דער קינסטלערישער שליי־מעס פון העמשעך און אָנהייב, פון דערזאָגן דאָס ניט־דערזאָגטע און פון זאָגן דאָס נאָך ניט־געזאָגטע, איז ווערגעליסעס „פון אַלעף ביז טאָף״ איינס פון די באַדײַטנדיקסטע, אויב ניט דאָס באַדײַטנדיקסטע בוך פאַר די לעצטע יאָרן אין דער יידישער סאָוועטישער דיכטונג.

אַרום דער פראַגע וועגן דער גרינדונג פון אַ ייִדיש=אַראַבישן שרייַבער=פאַרבאַנד אין ייִשׂראל

אין ייִשׂראָעל זייַנען שוין איצט פאַראַן דרייַ שרייַבער־פאַרייַנען... פּונקט ווי עס זייַנען די בירגער אין דער מדינה אייַנגעטיילט אין ווייַסע און שוואַרצע, סאַבּרעס און געוועזענע גאָלעס־ייִדן, וואַטיקים און נייַע אוילים, ייִדן און אַראַבער, גלויביקע און ניט־גלויביקע (וואָס דאָרט איז דאָס אַ מין „סאָציאַלע", אַפילו אַ מין „פּאָליטישע" קאַטעגאָריע — ניט קיין ריין רעליגיעזע, ווי אין אַנדערע מעקוימעס), אַשקענאַזים און ספרדים, ביכלאַל „ייִדן און גויִים", — אַזוי איז אויך בײַ די ליטעראַטן ניט אייַנהייַטלעך די אָרגאַניזאַציאָנעלע סטרוקטור.

דער דאָזיקער מאַצעוו האָט אַ לאַנגע געשיכטע, וועלכע רופט אין טאָך אַרויס אַ געפיל פון בושע און פאַרדראָס.

ס'איז ברייט באַוווּסט די האַרטנעקיקע קאָנסערוואַטיוויקייַט פונעם „אגודת הסופרים העברים" — דעם „פאַרבאַנד פון די העברעיִשע שרייַבער" פון ייִשׂראָעל, אָט דעם קלייַזל פון העברעיִסטן, ווי מע דריקט זיך אויס אין ייִשׂראָעל גופע. אין מעשעך פון יאָרצענדליקער האָט די דאָזיקע קערפּערשאַפט געהאַלטן צוגעמאַכט און פאַרשלאָסן אירע טירן און פענצטער, און די מיטגלידער אירע, פאַרטשאַדעטע אין אַזאַ אַטמאָספער, האָבן זעלטן־ווען אַרויסגעקוקט צו דער הייַנטצייַטיקער וועלט־אומגעבונג. פאַרוואַנדלענדיק זיך אַזויאַרום אין „היטער פון די טויערן" פון העברעיִש, האָבן זיי ניט אַרופגעלאָזט אַף דער שוועל פון דעם אייַנציקן אין די פאַרגאַנגענע יאָרן ייִשׂראָעלדיקן שרייַבער־פאַרייַן די שרייַבער — בירגער פון ייִשׂראָעל, — וועלכע האָבן געשריבן אַף אַראַביש, ייִדיש און אַף אַנדערע שפּראַכן. בענעגייע ייִדישע שרייַבער איז אַזאַ פּאָליטיק אַרגומענטירט געוואָרן מיט דער נויטווענדיקייַט ניט צו דערלאָזן, אַז ייִדיש (דער „גאָלעס־זשאַרגאָן", די „דינסט", דאָס „לאָשן פון דער גאַס") זאָל זיך אייַנוואָרצלען און זיך פאַרשפּרייטן אין דעם הייליקן לאַנד, אָדער זאָל, כאַס־וועכאָלילע, פאַרמיִעסן די הייליקע שפּראַך דורך איבערמישן זיך מיט איר...

אַזאַ איז די סיבע, וואָס אין ייִשׂראָעל איז אויפגעקומען דער צווייטער שרייַבער־פאַרבאַנד — דער ייִדישער, וועלכער האָט ניט, לאָמיר גלייַך זאָגן, ניט די רעכט און ניט די „פּאָנדן", וועלכע ס'האָט דער העברעיִשער.

אין דער סוויווע פון די ייִדיש־שרייַבנדיקע ליטעראַטן פון ייִשׂראָעל איז געווען „שטיל", ביזוואַנען עס זייַנען אין דער מדינה ניט אָנגעקומען די דעזערטירן פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור — אַזעלכע פּראָפעסיאָנעלע סקאַנדאַליסטן, ווי קערלער, בוימוואָל, טעלעסין, יאַקיר, כאַראַץ און זייער גלייַכן. אויב גלייבן דעם באַריכט פון דער טעל־אָוויווער „ייִדישער צייַטונג", איז די לעצטע וואַל־פאַרזאַמלונג אין ייִדישן שרייַבער־פאַרייַן געווען מער ענלעך אַף אַ יאַריד אין אַמאָליקן שטעטל, איידער אַף אַ צונויפקום פון שעפערישע פערזענלעכקייַטן. מיר וועלן זיך דאָ באַנוגענען מיט אַ פּאָר שטעלן פונעם באַריכט:

„...מ. צאַנין האָט אויסגעשריגן צו די „שרייַבער־אוילים" מיט גרויס צאָרן: — „איר זענט מאָסרים! איר האָט פאַרמאַסערט פאַר דער ייִסראָעל־מאַכט, אַז דער שרייַבער־פאַרייַן האָט געלט און וויל ניט געבן פאַר דער מדינה. איך וויל ניט מער געווײלט ווערן אין דער פאַרוואַלטונג פונעם פאַרייַן. איך וויל ניט מער אַרבעטן פאַר אייַך! מייַן זון איז געווען אין דער מילכאָמע, און איר זענט געזעסן (בעשאַס דעם אָקטיאַבער־קריג פון 1973. — רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד") אין יערושאָלאַיִם!..." ראָכל בוימוואָל האָט געענטפערט מ. צאַנינען: „מיר זענען געקומען אינעם לאַנד, און לעסאָף ווייַזט ער אונדז אַ פייַג! גוט, איך וועל זיך ניט דרוקן בײַ אייַך (בײַ צאַנינען. — רעד. „סאָוועטיש היימלאַנד")"...

דער באַריכט גייט צו: „אַף דער דאָזיקער פאַרזאַמלונג אין שרייַבער־פאַרייַן, וועלכע האָט באַדאַרפט זייַן אַן „אַלגעמיינע", צו דערווײלן אַ נייַע פאַרוואַלטונג אַף אַ צייַט־אָפּשניט פון צוויי יאָר, זענען פון די העכער 170 מיטגלידער מער פון אַ העלפט ניט געקומען. באַם אויסלייענען דעם רעזולטאַט פון די אויסגעווײלטע זענען געווען נאָר עטלעכע שרייַבער"...

די דעזערטירן פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, ווי מיר זעען עס אַפילע פון אָט דעם עפּיזאָד, האָבן זיך דערפילט האָפערדיק, אַרייַנפאַלנדיק אין דער געהעריקער פּאָליטישער סיטואַציע, בייס וועלכער די אָפיציִעלע ציִעניסטישע פּראָפּאַגאַנדע נייטיקט זיך אין זיי. ס'איז

דערגאנגען צו דעם, אז דער „פארבאנד פון די העברעיִשע שרײַבער״ איז עטוואָס אָפּגעטראָטן פון זײַן פּאָליטיק פון פארשלאָסענע טירן און די דעזערטירן — בלויז די דעזערטירן! — געמאכט אויך פאר זײַנע מיטגלידער. דאָס האָט, פארשטייט זיך, ניט באטײַט קיין וועלכע־ניט־איז ענדערונג אין דער פראגע פון מיטגלידערשאפט. די איווריט־פאנאטיקער האָבן אף זייער פארזאמלונג, אין מארט 1973, ווידער באשטעטיקט די דאָגמאטישע קלאָלים, די ראסיסטישע פּרינציפּן פון זייער שרײַבער־פארײן.

אָבער — צײַטן בײַטן זיך. נאָך מיט א יאָר 16 — 17 צוריק האָט איינער פון די אָנגעזעענסטע איווריט־שרײַבער — כאנאָך בארטאָוו — פאָרגעלייגט צו ענדערן דעם נאָמען פונעם „פארבאנד פון העברעיִשע שרײַבער״ אף „פארבאנד פון ייִסראָעלדיקע שרײַבער״, אין וועלכן עס זאָלן אָנגעשלאָסן ווערן אלע שרײַבער פון דער מעדינע, אָן אונטערשייד פון דער נאציאָנאליטעט און פון דער שפּראך, אף וועלכער זיי שרײַבן. בארטאָוו האָט געהאלטן, אז „א פארבאנד פון העברעיִשע שרײַבער איז אין מעדינאס ייִסראָעל אן אנאכראָניזם״... אן אנדער שריפטשטעלער — שלוימע ניצן — האָט, רעדנדיק וועגן די אראבישע שרײַבער, אָפּגעגעבן רעכט „דעם צוגאנג, וואָס קאָן ניט פארטראָגן קיין אפּארטעהיד־מיטגלידערשאפט״...

ניט לאנג צוריק האָבן מיר אין די בירגערלעכע ייִדישע צײַטונגען געלייענט דעם טעקסט פון א שמועס, וועלכן דער זשורנאליסט מאָרדכע שנער האָט געהאט מיט דעם העברעיִשן פּראָזע־שרײַבער, דראמאטורג און פּובליציסט, אווטאָר פון דער שטענדיקער רובריק אין „דאוואר״ „טאָגבוך פון א בירגער״ — ארן מעגעד.

מע קאָן פארשטיין ארן מעגעדס טרעפלעכע באמערקונג: „דער גרעסטער אבסורד איז דאָס, וואָס די זעלבע מענטשן, וועלכע היטן אזוי דעם סטאטוס־קוואָ פון „אגודת הסופרים העברים״, שטיצן גלײַכצײַטיק דאָס ארײַנעמען אין פארײן שרײַבער נײַע אוילים (דעזערטירן פון דער סאָוועטישער ליטעראטור. — רעד. „סאָוועטיש היימלאנד״), וועלכע שרײַבן ייִדיש. זיי גיבן זיך ניט אָפּ קיין רעכענונג, אז דער דאָזיקער פאקט מאכט צונישט, מאכט לעכערלעך און ניט לאָגיש זייער גאנצע שטעלונג. כאַים האזאז האָט אף דער פארזאמלונג פונעם העברעיִשן שרײַבער־פארבאנד געזאָגט, אז אָט די אוילים נעמען מיר אוף ווי „מישפּאָכע־מענטשן״, און פאר קרויווים דארף מען זיך זאָרגן. אָבער אויב יענע זײַנען „מישפּאָכע־מענטשן״, דארף איך זאָגן, אז די אראבער זײַנען בא מיר קוזינען, און אויך פאר זיי דארף מען זאָרגן״.

און מעגעד באשטעטיקט זײַן פּאָזיציע:

„איך האָב בעפיירעש געזאָגט אין מײַן דערעפענונגס־רעדע אף דער פארזאמלונג, אז אויב עס איז פאראן אן אויסזיכט צו דערנעענטערן הערצער אין לאנד און צו מיטווירקן דער פארשטענדעניש, און דורך דעם צו פּרוּוון ווארפן א בריק אויך צו אראבישע גײַסט־מענטשן אין אנדערע לענדער, — איז דאָס אין דער ערשטער ריי מעגלעך דורך פארבינדונגען צווישן קולטור־שעפער פון ביידע פעלקער. מיר דארפן זײַן פארינטערעסירט אין דערנעענטערן זיך מיט די אראבישע שרײַבער... איך האָב געפּאָדערט צו עפענען די טויערן פונעם פארײן אויך פאר שרײַבער אין ייִדיש, ווי אין אלע אנדערע שפּראכן״...

עס קאָן אופקומען א פראגע: וויִאזוי איז מעגלעך צו דערווידערן קעגן אזא באשײַמפערלעך צוועקמעסיקער און יוישערדיקער שטעלונג? וועלן מיר געבן דאָס וואָרט א ציִעניסטישן זשורנאליסט — לייב ראָכמאנען. אין זײַן ארטיקל „לינקע שפּאלטן דעם העברעיִשן ייִסראָעל־שרײַבער־פארבאנד״ לייענען מיר:

„אלץ וואָלט געווען גוט און שיין, נאָר דאָ ווארפט זיך אין די אויגן גאָר א וויכטיקער פאקט: די אָנהענגער פון דעם געדאנק צו ענדערן די אופגאבן פון דעם פארײן (פון די העברעיִשע שרײַבער) זײַנען ניט בלויז ייִנגער אין די יאָרן, נאָר דער ראָוו פון זיי איז באקאנט מיט א גאָר לינקער אָריִענטאציע, א טייל פון זיי אויך ווי קאָמוניסטן און פּראָקאָמוניסטן״...

און וועגן די אראבישע שרײַבער, בירגער פון ייִסראָעל:

„אויב זיי וועלן זײַן מיטגלידער פון דער ייִסראָעלדיקער שרײַבער־אָרגאניזאציע, וועלן זיי פון אינעווייניק ווירקן אף אונדז אופצורײַסן״...

ניט מער און ניט ווייניקער...

ס׳איז קלאָר, אז אזעלכע, מישטיינסגעזאָגט, „מאָטיוון״ האָבן ניט געקאָנט אָפּשוואכן דעם קאמף קעגן דער דיסקרימינאציע־פּאָליטיק פון די רעדלפירער אין „אגודת הסופרים העברים״ בענעגייע די שעפער פון דער פילשפּראכיקער ליטעראטור אין ייִסראָעל. לעצטנס האָט א גרופּע פון 33 ייִסראָעל־שרײַבער, צווישן זיי 10 אראבישע דיכטער און פּראָזאִיקער, צונויפגערופן אין טעל־אוויוו א פּרעסע־קאָנפערענץ, אף וועלכער ס׳איז פּראָקלאמירט געוואָרן די גרינדונג פון א דריטער שעפערישער קערפּערשאפט, דעם „פארײן פון שרײַבער אין ייִסראָעל״ — „איגוד סופרי ישראל״. „מיר ווילן אײַנשטעלן אן ענגע צוזאמענארבעט צווישן די ייִדישע און אראבישע שרײַבער אין ייִסראָעל, און עפּשער וועלן מיר דורך דעם אופבויען א בריק צו די שרײַבער אין די אראבישע לענדער״, — האָבן דערקלערט די גרינדער פונעם נײַעם פארבאנד. זיי האָבן מאָטיווירט דאָס שאפן פון „איגוד סופרי ישראל״ מיט דעם, וואָס „שוין לאנגע יאָרן פילט זיך אין ייִסראָעל א גוואלדיקער אָפּגרונט צווישן די שרײַבער און די לייענער, צווישן די העברעיִשע, ייִדישע און אראבישע שרײַבער. קיין איינע פון די עקזיסטירנדיקע שרײַבער־אָרגאניזאציעס האָט ניט באוויזן צו פארפולן דעם דאָזיקן כאָלעל. עס האָט זיך געשאפן א מאצעוו פון כראָנישער אָפּגעריסנקייט פון דער געזעלשאפט מיצאד די שרײַבער״.

דער העברעיִשער שרײַבער־פארבאנד פון ייִסראָעל האָט, ווי באוווּסט, אלע זײַנע יאָרן זיך אפּישירט ווי אן אפּאָליטישע אָרגאניזאציע,

און, צודעקנדיק זיך מיט דער דאָזיקער מאסקע, איז ער געשטאנען און שטייט אויך איצט אין א זײַט פון די קאמפן פאר סאָציִאלער גערעכטיקײַט און פּראָגרעס, מאכנדיק זיך ניט זעענדיק, ווען עס קומען פאָר גוואלדטאטן און העפקיירעסן. ער האָט קיינמאָל ניט פּראָטעסטירט קעגן די פארברעכנס פונעם ציִעניסטישן עקסטרעמיזם, קעגן אראָפּטרײַבן די אראבער פון זייער ערד. אין דער זעלבער צײַט איז ער טאָמיד גרייט אָנטיילצונעמען אין די שמוציקע אנטיסאָוועטישע אקציעס, וועלכע עס פירט דורך דער גראָביונגערישער פּראָפּאגאנדע־אפּאראט פונעם ציִעניזם. א פּראָטעסט מיצאד די ערנסטע שרײַבער האָט ניט לאנג צוריק ארויסגערופן דער דאָקומענט, וועלכן די אָנפירונג פונעם פארבאנד האָט ארויסגעגעבן אין צוזאמענהאנג מיט דער אנטיסאָוועטישער טעטיקײַט פון סאָלזשעניצינען. אָט וואָס עס האָט געשריבן וועגן דעם אין „זו האדערעך" רוט לעווין:

„עס איז פאר די „ריינע העברייער" נאָך ניט גענוג דאָס סאָלידאריזירן זיך מיטן קאמף פון סאָלזשעניצינען פארן נאצישן רעצייעך וולאסאָוו. זיי ווינטשן סאָלזשעניצינען, אז „עס זאָל זיך ענדערן דער רעזשים אין זײַן לאנד"... דה. דער רעזשים אין רוסלאנד זאָל זיך פארוואנדלען אין אזא, וואָס איז בא זיי באליבט, — ווי אין יִסראָעל, אין די פארייניקטע שטאטן, אין דאָרעם־אפריקע — אין א רעזשים פון עקספּלואטירטע און עקספּלואטאטאָרס, פון ווײַסע און שווארצע, פון אָקופּאנטן און אָקופּירטע, פון „אירים" און „גויִם". עס איז א כארפּע און א בושע, ווען אזא דאָקומענט ווערט געשריבן פון „גײַסטיקע פירער", פון שרײַבער"...

אין שײַן פון אָט אזא מין „אפּאָליטישקײַט" פונעם „פארבאנד פון די העברעיִשע שרײַבער" דארף אָפּגעשאצט ווערן פאָלגנדע דערקלערונג פון די גרינדער פונעם „פאריין פון שרײַבער אין יִסראָעל":

„די טענדענץ פון אונדזער פאריין איז — ליקווידירן די איינשפּראכיקע און איין־נאציִאָנאלע איזאָליאציע. ער וועט שטרעבן צו פארטיפערן די אקטיווקײַט פון זײַנע מיטגלידער אין אלע גײַסטיקע און קולטורעלע געביטן, סטימולירן די פארשפּרייטונג פונעם בוך און די קעגנזײַטיקע קאָנטאקטן פון די שרײַבער און די לייענער. דער פאריין וועט אויך האלטן פאר זײַן אויפגאבע צו באַײַנפלוסן פארשיידענע געביטן פונעם ליטעראַרישן און קולטור־לעבן אין לאנד, מיטווירקן דער איבערזעצונג פון קינסטלערישע ווערק פון איווריט אף אראביש, און פארקערט, און דער איבערזעצונג פון אנדערע שפּראכן און אף אנדערע שפּראכן. נאָך א טענדענץ פונעם פאריין איז דאָס פארטיפערן די ארײַנדרינגונג (פון די שרײַבער) אין געזעלשאפטלעכע פּראָבלעמען און אין פראגן פון געוויסן. ער וועט שטרעבן צו ווערן אן אינסטרומענט, מיט דער הילף פון וועלכן די שרײַבער וועלן קאָנען אויפהייבן זייער שטים, באַײַנפלוסן און אויפווירקן אין געזעלשאפטלעכע און פּאָליטישע פראגן".

יאָ, עס זעט אויס גאנץ מאָדנע, וואָס אין יִסראָעל זײַנען שוין איצט פאראן דרײַ באזונדערע שרײַבער־פאריינען... מיר ווינטשן די שרײַבער פון דעם דאָזיקן לאנד, זיי זאָלן אויסשמידן זייער איינהײַט אף די יעסוידעס פון פעלקער־פרײַנטשאפט און סאָציִאלן פּראָגרעס.

• • •

כראָניק

א באגעגעניש מיט העס כאָלן

דער גענעראַל־סעקרעטאר פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון פשא העס כאָל און דער סקולפּטאָר פּ. שאַפּיראָ

אין דער ניו־יאָרקער צײַטונג „דיילי אואָרלד" איז פארעפנטלעכט געוואָרן א קאָרעספּאָנדענץ פונעם אמעריקאנער זשורנאליסט דזשאָזעף נאָרט אונטערן נאָמען „מיטן שניץ־מעסער און העמערל". זײַענדיק אין מאָסקווע, האָט נאָרט באזוכט די געזאנדשאפט פון קובע און דאָרט דערזען דעם סקולפּטור־פּאָרטרעט פון כאָסע מארטי. אין דעם זעלבן טאָג האָט דער אמעריקאנער זשורנאליסט זיך באקענט מיטן אווטאָר פונעם קונסט־ווערק דעם סאָוועטישן סקולפּטאָר פּיאָטער שאַפּיראָ.

אין א שמועס מיטן זשורנאליסט האָט דער סקולפּטאָר דערציילט וועגן זײַנע שעפערישע פּלענער, וועגן זײַן טרוים צו שאפן א פּאָרטרעט פון העס כאָלן, דעם גענעראַל־סעקרעטאר פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי פון פשא.

— ווען העס כאָל וועט זײַן בא אונדז אין מאָסקווע, — האָט געזאָגט פּ. שאַפּיראָ, — וועל איך, בא א געלעגנהײַט, אים בעטן, אויב עס וועט, פארשטייט זיך, בא אים פארבלײַבן פרײַע צײַט, ער זאָל מיר דערלויבן אויסקלעפּן זײַן פּאָרטרעט. מיר ווילט זיך זייער, אז זײַן סקולפּטור זאָל דערגאנצן די קינסטלערישע גאלעריי פון אָנגעזעענע פערזענלעכקײַטן פון אונדזער עפּאָכע, וועלכע כ'האָב זיך געשטעלט א ציל צו שאפן.

אינגיכן איז דעם סקולפּטאָרס טרוים פארווירקלעכט געוואָרן. ווען העס כאָל האָט באזוכט דעם סאָוועטנפארבאנד, האָט ער גאסטפרײַנטלעך פארבעטן צו זיך דעם סקולפּטאָר.

— העס כאָל, — דערציילט פּ. שאַפּיראָ, — האָט זיך אינטערעסירט מיט מײַן שאפונג, מיט מײַן מישפּאָכע. איך האָב אים אונטערגעטראָגן א מאטאָנע — דעם ביוסט פון וו. אי. לענין.

העס כאָל האָט געשאָנקען דעם סאָוועטישן סקולפּטאָר זײַן פאָטאָגראפיע מיט אן אופשריפט: „פּיאָטער שאַפּיראָן, דעם קינסטלער, דעם נײַעם כאַווער און פרײַנט".

געזעגענענדיק זיך, האָט העס כאָל שמייכלענדיק געזאָגט, אז ווען ער וועט א צווייט מאָל קומען קיין מאָסקווע, וועט ער זיך סטארען באזוכן דעם סקולפּטאָרס ווארשטאט.

פאר צוויי טעג האָט פּ. שאַפּיראָ באוויזן אויסקלעפּן בלויז א בארעליעף. איצט ארבעט ער איבער א גרויסער סקולפּטור פון העס כאָלן, דעם אָנגעזעענעם פּאָליטישן טוער און גרויסן פרײַנט פון סאָוועטנפארבאנד.

וו. גערא‎סימאָוו

פּיאָטער שאַפּיראָס שאפונגען און דזשאָזעף נאָרטס ארטיקל אין „דיילי אואָרלד"

צו אונדזער קינסטלערישער בײַלאגע

די קונסט פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם

דאָס פאַרגאַנגענע יאָר איז געווען רײַך מיט וויכטיקע געשעענישן אין די פאַרשיידנסטע געביטן פון דער סאָוועטישער קולטור און קונסט. א באַזונדער אָרט האָבן פאַרנומען די אויסשטעלונגען, וואָס זײַנען דעמאָנסטרירט געוואָרן אין די קונסט־זאַלן פון דער סאָוועטישער הויפּטשטאָט. אין הײַנטיקן נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" ווילן מיר אָפּמערקן די יובילײַ־אויסשטעלונג פון די ווערק פון מיטגלידער פון דער קונסט־אַקאַדעמיע פון פססר, וועלכע איז באַוויזן געוואָרן אין האַרבסט 1974 אין צוזאַמענהאַנג מיטן 25־טן יאָרטאָג, זינט די אַלרוסלענדישע קונסט־אַקאַדעמיע איז, לויט א באַשלוס פון דער סאָוועטישער רעגירונג, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַלפאַרבאַנדישער — אַלס העכסטער וויסנשאַפטלעך־שעפערישער צענטער אין דעם געביט.

אין די זאַלן פונעם אַלטן מאָסקווער מאַניעזש האָבן מיר ווידער זיך באַגעגנט מיט די ווערק פון די באַוווּסטע קינסטלער פּ. קאָנטשאַלאָווסקי, א. דײַנעקאַ, וו. מוכינאַ, ב. יאָהאַנסאָן, א. פּלאַסטאָוו, מ. מאַניזער, ק. יואָן, אי. בראָדסקי, א. געראַסימאָוו, פון פיל אַנדערע שעפער פון דער סאָוועטישער קינסטלערישער קלאַסיק — פילפאַרביקע לײַוונטן, גראַפישע געמעלן, מאָנומענטאַלע סקולפּטורן, וואָס זײַנען אַרײַן אינעם גאָלדענעם פאָנד פון דער קונסט און האָבן באַרײַכערט ניט בלויז די סאָוועטישע, נאָר אויך די וועלט־קולטור.

די קונסט־אַקאַדעמיע — דער פלאַגמאַן פון דער סאָוועטישער רעאַליסטישער קונסט, וועלכע פאַראייניקט אַרום זיך די אָנגעזעענסטע קינסטלער פון די סאָוועטישע רעפּובליקן, — האָט עקספּאָנירט אויף דער יובילײַ־אויסשטעלונג א גרויסע צאָל ווערק פון די סאַמע פאַרשיידנסטע זשאַנרען און סטילן, צווישן זיי פיל נײַע אַרבעטן פונעם ייִנגערן דאָר מיטגלידער פון דער אַקאַדעמיע.

דײַנעקאַס „רויטאַרמייער", פּלאַסטאָווס „קאָלווירטניקעס", פּראָראָקאָווס „אסירים פון די פאַשיסטישע טויט־לאַגערן", מוכינאַס, וווטשעטיטשעס, יאַקובאָניסעס מאָנומענטאַלע סקולפּטורן, סאַריאַנס קאַליידאָסקאָפּישע פּייזאַזשן, קאָרינס עמאָציאָנעל־אָנגעזעטיקטע בילדער, די פּובליציסטישע לײַוונטן פון די קוקריניקסעס און פיל אַנדערע ווערק, וואָס זײַנען פאָרגעשטעלט געוואָרן אויף דער אויסשטעלונג, זאָגן איידעס וועגן דער אומופהערלעכער אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער פילנאַציאָנאַלער קונסט, וועגן די ברייטע האָריזאָנטן פונעם סאָוועטישן לעבן, וואָס די קונסט שפּיגלט אָפּ.

■

כראָניק

א נײַער קונסט־ראַט פון די ווילנער ייִדישע זעלבסטטעטיקע קאָלעקטיוון

עס איז אויסגעוויילט געוואָרן א נײַער קונסט־ראַט פון די ווילנער ייִדישע זעלבסטטעטיקע קאָלעקטיוון. דער ראַט איז באַרופן צו אָנפירן מיט דער שעפערישער טעטיקייט פונעם פאָלקס־טעאַטער און פון די קינסטלערישע אַנסאַמבלען.

אין באַשטאַנד פונעם ראַט זײַנען אַרײַן דער געזעלשאַפטלעכער טוער יאַנקל וויניצקי (פאָרזיצער) און די אַרטיסטן צאַדעק פראַנק, בינימין צוויזאָן, וואַליע טאַליעניא, מענע גאָרנשטיין, ליוסיע גרידאַסאָווע. אַלס קינסטלערישער אָנפירער פונעם פאָלקס־טעאַטער זײַנען ווידער באַשטעטיקט יודל קאַץ און באָריס לאַנדאַו.

דער דראַמאַטישער קאָלעקטיוו פונעם פאָלקס־טעאַטער אַרבעט איצט איבער בוזי מילערס פּיעסע „פונעם הימל פאַלט גאָרניט אַראָפּ" (רעזשי — יודל קאַץ). די פּרעמיערע פון דער שטעלונג וועט פאָרקומען ערעוו נײַ־יאָר. גלײַכצײַטיק ווערט געגרייט א קאָנצערט־פּראָגראַם פון ייִדישע לידער און טענץ.

נײַס פון בירָאָבידזשאַן

דער מאָסקווער אַנסאַמבל „וויטאַ־73" אין בירָאָבידזשאַן

אין דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט זײַנען דערפאָלגרײַך דורכגעגאַנגען די גאַסטראָלן פונעם מאָסקווער וואָקאַל־אינסטרומענטאַלן אַנסאַמבל „וויטאַ־73", מיט וועלכן עס פירט אָן דער פידלער רוסלאַן גערשפעלד.

דער אַנסאַמבל האָט באַוויזן א רײַכע פּראָגראַם פון זינגלידער פון סאָוועטישע און אויסלענדישע קאָמפּאָזיטאָרן, ווי אויך פון פאָלקס־לידער און עסטראַדע־טענץ.

וואַרעם האָבן די בירָאָבידזשאַנער צושויער באַגעגנט דעם לאַורעאַט פונעם אַלפאַרבאַנדישן קאָנקורס פון וואָקאַליסטן אַלעקסיי ראָסט, וועלכער האָט גלענצנדיק אויסגעפילט לידער פונעם קאָמפּאָזיטאָר אַלעקסאַנדראַ פּאַכמוטאָווא און א ריי ייִדישע פאָלקס־לידער.

■

צום 25=טן יאָרטאָג פון דער קונסט=אקאדעמיע פון ססר

יובילײ־עקספּאָזיציע אין צענטראַלן אויסשטעלונגס־זאַל



ד. שוואַרץ — פּאָרטרעט פון דער שוישפּילערן ס. בירמאַן. 1947

ל. בראָדסקאַיאַ — אפּרעל. 1960



קוקריניקסי — איליוסטראַציע צו א. טשעכאָווס דער־
ציילונג „די דאַמע מיטן הינטל״. 1945 — 1946

ג. קאָרזשעוו — פאַרליבטע. 1959

צום 25־טן יאָרטאָג פון דער קונסט־אַקאַדעמיע פון פססר

צום 25־פן יאָרפאָג פון דער קונסט־אַקאַדעמיע פון פססר



ג. וועריי סקי — פּאָרטרעט פונעם קינסטלער ק. יואָן. 1945

ק. יואָן — פרימאָרגן אין דער אינדוסטריעלער מאָסקווע. 1949



א. לאקטיאָנאָוו — פּאָרטרעט פונעם קינסטלער אי. בראָדסקי.
1940 — 1939

א. קיבאלניקאָוו — פראגמענט פונעם מעמאָריאל־אנסאמבל „ברעסטער פעסטונג“. 1972

צום 25־טן יאָרטאָג פון דער קונסט־אקאדעמיע פון פססר

ביבליאָפילן

מייַן שאָכן איז א ביבליאָפיל. ער פארמאָגט א היפשע פּערזענלעכע ביבליאָטעק פון אינטערעסאנטע ביכער. ער היט זיי, די ביכער, ווי דאָס אויג אין קאָפּ: צוויי מאָל אין וואָך ווישט ער פון זיי זאָרגזאם אָפּ דעם שטויב, רייניקט די אייַנבונדן מיט א סאָמעטן טיכעלע, זיי זאָלן גלאנצן.

אָנגעזעענע געזעלשאפטלעכע טוער און שרייַבער פון דער פארגאנגענהייַט האָבן זיך באצויגן ניט אַף איין אויפן צו דער פראגע וועגן „אנטלייַען א בוך" פון דער פּערזענלעכער ביבליאָטעק. דער פראנצויזישער ביבליאָפיל פּאָל לאקרוא (פּסעוודאָנים „ביבליאָפיל דזשאקאָב") פלעגט זאָגן, אז א בוך פון זייַן פּערזענלעכער ביבליאָטעק וועט ער ניט אָנטרויען אפילע זייַן אייגענער טאָכטער. בערנארד שאָו, ווידער, ווען מע פלעגט בא אים פּרוּוון אנטלייַען א בוך, פלעגט ער ענטפערן מיט באדויערונג, אז אלע ביכער פון זייַן ביבליאָטעק זייַנען בא די לייענער אַף די הענט — ער האָט זיי אוועקגעליִען און ער ווייסט אפילע ניט, בא וועמען עס געפינט זיך דאָס בוך, וואָס מע בעט בא אים.

דער אמעריקאנער ארכעאָלאָג שיר האָט אין 1935, אנטדעקנדיק אַן אלטן שטאָט־פלאץ אין אטען, געפונען דאָרט א מירמלנע פליטע מיט אזא אופשריפט: „קיין איין בוך ניט אוועקטראָגן פונדאנען!" די אופשריפט געהערט צום I יה. פון אונדזער צייַטרעכענונג.

דער גרויסער רוסישער שרייַבער נ. לעסקאָוו האָט מיט פארדראָס זיך אָפּגערופן וועגן זייַנע באקאנטע, וועלכע לייַען א בוך סאכאקל „אַף א פּאָר טעג" און קערן עס קיינמאָל ניט אום. ער האָט דערציילט, ווי איינער האָט בא אים גענומען א נומער „סאָווריעמעניק", ווו נ. ג. טשערנישעווסקי האָט מיט דער אייגענער האנט געמאכט באמערקונגען אַף די זייַטן פונעם ראָמאן „וואָס דארף מען טאָן?", און אזוי געלייענט, אז אינעם זשורנאל איז קיין גאנץ אָרט ניט געבליבן. „פארפאלן אַף שטענדיק אַן עקזעמפּליאר פונעם זשורנאל, וואָס איז געווען א געפינס פאר א פאָרשער פון דער רוסישער ליטעראטור". נאָך אָט דעם פאל האָט לעסקאָוו אַף דער וואנט פון זייַן קאבינעט אופגעהאנגען אזא צעטעלע: „אלץ יאָ, אויסער א בוך!".

דער שרייַבער ק. מאָרלי, ווען מע האָט אים אומגעקערט א געליִענעם בוך, פלעגט ער זאָגן: „מייַן טיפסטן דאנק אייַך, וואָס איר האָט דעם בוך ניט געגעבן צו שפּילן זיך אייַער זונעלע, וואָס איר האָט די בלעטלעך ניט פארברענט מיטן הייסן אש פון אייַערע ציגארן. ווען איך האָב אייַך געליִען דעם בוך, בין איך געווען קימאט זיכער, אז איך וועל אים שוין מער ניט זען. איך ווייס ניט ווו אהינצוטאָן זיך פון גליק"...

מערסטנס ליבהאָבער פון ביכער זייַנען צופרידן, ווען פרייַנט קומען צו זיי לייַען א בוך צום לייענען.

דער בארימטער פראנצויזישער ביבליאָפיל גראָליע פלעגט אַף די אייַנבונדן פון די ביכער פון זייַן ביבליאָטעק שרייַבן מיט גאָלדענע אויסיעס: „גראָליע און זייַנע פרייַנט". דאָס באטייַט, אז ער קוקט אַף זייַן ביבליאָטעק ניט ווי אַף זייַן פּערזענלעכן אייגנס, נאָר ווי אַף א זאך, וואָס געהערט אים און זייַנע פרייַנט. דער פראנצויז קריסטיאן שארל דע סאוויני האָט אפן עקסליבריס פון זייַנע ביכער אָנגעשריבן די ווערטער: „ניט מייַנס — אלעמענס!"

אַף איינעם א בוך פון א פּערזענלעכער ביבליאָטעק טרעפן מיר אזא אלט־רוסישע אופשריפט: „ווער עס וויל, קאָן נעמען דעם בוך אהיים, אז ער וועט עס איבערלייענען, זאָל ער אים ניט צערייַסן, נאָר איבערגעבן א צווייטן".

מאקסים גאָרקי פלעגט מיט א ברייטער האנט צעשענקען זייַנע ביכער. ער האָט אָבער דולדן ניט געקאָנט קיין ביטל־באציִונג צו א בוך. דער דיכטער ווסעוואָלאָד ראָזשדעסטווענסקי דערציילט, אז גאָרקי האָט אמאָל געזאָגט אין א שפּאס: „ביכער האָבן צוויי שרעקלעכע סאָנים: דעם וואָרעם און די כאווערטעס פון דער פרוי".

דער גרויסער ענגלישער שוישפּילער דעוויד הארריק האָט היינטער שעקספּירס ביוסט, וואָס איז געווען אויסגעמאָלט אַף זייַן עקסליבריס, אויסגעגראווירט אזעלכע ווערטער: „דאָס ערשטע, וואָס מע דארף טאָן מיט א בוך, — לייענען, דאָס צווייטע — אומקערן אים צוריק, בא וועמען מע האָט עס גענומען".

י. גינעווסקי

■ ■ ■



לויט דער באַקאַשע פון אונדזערע לייענער וועלן מיר פון מאָל צו מאָל, אונטער דער רובריק „ביראָבידזשאַן הײַנט״, ברענגען פאָטאָ־אינפאָרמאַציעס וועגן דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

די דאָקומענטאַלע מאַטעריאַלן וועלן אָפּשפּיגלען דעם הײַנטיקן טאָג אין ביי־ראָבידזשאַן — דעם אויסזען פון די שטעט און ייִשובֿים, די שטייגער־באַדינגונגען און די קולטור־טעטיקייט.

אין הײַנטיקן נומער פאָרעפנטלעכן מיר אַ ריי פאָטאָגראַפיעס, וואָס באַווײַזן טייל־ווײַז, וואָס עס ווערט געטאָן אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן אָף צו באַפרידיקן די קולטורעלע און שטייגער־באַדערפענישן פון דער באַפעלקערונג.

א נײַער מאַגאַזין „אוניווערסאַם״

די קאַפע אַפן וואָקזאַל־פּלאַץ

דער האָטעל „וואָסטאָק״

אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק

דער קינאָ־טעאַטער „יונאָסט״

אָף א רעפּעטיציע פון קינסטלערישער

זעלבסטטעטיקייט

ביראָבידזשאַן הײַנט
ביראָבידזשאַן הײַנט

מיט די אויגן פון קינדער

אין וואָלגאָגראַדער קאַנטקענטעניש־מוזיי איז איצט פאַנאַנדערגעוויקלט אַן אינטערעסאַנטע עקספּאָזיציע — געמעלן, אויסהעפטונגען, פאָטאָגראַפיעס, פאַרשיידענע קינסטלערישע האַנט־אַרבעטן, איליוסטרירטע אַלבאָמען מיט לידער און דערציילונגען. הונדערטער באַזוכער קוקן זיך אײַן מיט נײַגער אין יעדן עקספּאָנאַט. די אויסשטעלונג דערטראָגט צו אונדז דעם שווערן אָפּקלאַנג פון דער גרויזאַמער מילכאָמע־צײַט.

די אווטאָרן פון די עקספּאָנאַטן זײַנען קינדער פון סטאַלינגראַד. זייערע אויגן האָבן געזען אויפרײַסן פון באָמבעס, ברענענדיקע און כאָרעווע גאַסן, דעם טויט פון אייגענע און נאָענטע. פיל פון זיי זײַנען געבליבן לעבן אַדאַנק דער זאָרג פון דער סאָוועטישער רעגירונג, וועלכע האָט אין יענער שווערער צײַט אײַנגעאָרדנט די פאַריאָסעמטע קינדער אין קינדערהיימען אַף יענער זײַט פראָנט־ליניע. צווישן די עקספּאָנאַטן זײַנען פאַראַן זיכרוינעס וועגן די שוידערן פון דער מילכאָמע פונקט אַזוי ווי די קינדער האָבן זיי פאַרשריבן.

...טאָליע גאָנטשאַראָוו איז דעמלט אַלט געווען אַכט יאָר. „מײַן טאַטע האָט געאַרבעט אַפן טראַקטאָר־זאַוואָד און איז גלײַך פון די ערשטע מילכאָמע־טעג אַוועק אַפן פראָנט. מיר זײַנען פאַרבליבן אינדרײַען — איך, די מאַמע און מײַן שוועסטערל רײַע. אויסבאַהאַלטן האָבן מיר זיך אין אַ בלינדאַזש. איינמאָל, ווען די מאַמע איז געגאַנגען אונדז ברענגען וואַסער, האָט לעבן איר זיך אויפגעריסן אַ סנאַריאַד. זי האָט אַ געשריי געטאָן, איז געפאַלן און מער זיך שוין ניט אויפגעהויבן".

אַ זעקסיאָריק מיידעלע וואַליע קאָסטינאַ דערציילט: „מיר האָבן געלעבט אַפן זאַוואָד „רויטער אָקטיאַבער", ווו דער טאַטע האָט געאַרבעט. ווען די פאַשיסטן האָבן באָמבאַרדירט דעם זאַוואָד, זײַנען מיר געזעסן אין אַ טראַנשיי. מיטאַמאָל האָט אַהין געטראָפן אַ באָמבע. די מאַמע איז דערהאַרגעט געוואָרן. מיך האָט גענומען די מומע נאַטאַשע און אָפּגעגעבן אין קינדערהיים".

מיט די שאַפונגען פון די דערצויגלינגען פון די קינדערהיימען האָט דעמלט זיך פאַרינטערעסירט די ברייטע געזעלשאַפטלעכקײַט ניט נאָר בײַ אונדז אין לאַנד, נאָר אויך אין אויסלאַנד, צווישן אַנדערע די פּראָגרעסיווע אַמעריקאַנער באַוועגונג „אַמבידזשאַן". נאָך דער מילכאָמע האָט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע זיך געווענדט צום סטאַלינגראַדער שטאָט־סאָוועט מיט אַ באַקאָשע, ער זאָל געבן אַ מעגלעכקײַט דער באַפעלקערונג פון ניו־יאָרק און אַנדערע שטעט פון אַמעריקע צו באַקאַנען זיך מיט די געמעלן, צייכענונגען, לידער, וועלכע עס האָבן געשאַפן די קינדער פון דער העלדן־שטאָט אַף דער וואָלגע. אין 1946 איז פון סטאַלינגראַד אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין ניו־יאָרק אַן אויסשטעלונג פון די שאַפונגען. אין די צײַטן פון מאַקאַרטיזם, ווען עס האָט זיך צעבושעוועט דער „קאַלטער קריג", איז די אויסשטעלונג מער אין אַמעריקע ניט באַוויזן געוואָרן. מע האָט אַפילע ניט געוווּסט, וווּהין זי איז אַהינגעקומען.

צופעליק האָט זיך אַף די עקספּאָנאַטן אָנגעשטויסן דער פּראָגרעסיווער אַמעריקאַנער ייִדישער שרײַבער און זשורנאַליסט דאָוויד סעלצער. ער האָט זאָרגזאַם אויפגעשטעלט די פולע עקספּאָזיציע פון די קינדערשע שאַפונגען און אין מעשעך פון פיל יאָרן זי אָפּגעהיט ווי אַ זעלטענע רעליקוויע.

אין 1970 האָט סעלצער זיך פאַרבונדן מיט אַ ריי קולטור־טוער פון וואָלגאָגראַד און בײַ דער ערשטער געלעגנהײַט געבראַכט צו פירן די אויסשטעלונג צוריק צו די ברעגן אַף דער וואָלגע, ווו ער האָט זי איבערגעגעבן אין רעשוס פונעם וואָלגאָגראַדער קאַנטקענטעניש־מוזיי.

די אײַנוווינער פון דער העלדן־שטאָט, טויזנטער מענטשן פון אַנדערע שטעט, וועלכע קומען אַהער אַף עקסקורסיעס, באַזוכן דעם מוזיי און די אויסשטעלונג.

אָט הענגט אַ בילד, וואָס הייסט „די שלאַכט פאַר סטאַלינגראַד". די שטאָט ליגט אין כורוועס. אַף די גאַסן — פאַשיסטישע טאַנקען. עס רײַסן זיך סנאַריאַדן, עראָפּלאַנען מיט רויטע שטערנס פאַרטיידיקן די שטאָט. פײַנטלעכע ברענענדיקע באָמבאַרדירער פאַלן צו דער ערד.

אַף אַן אַנדער בילד זעט מען אַ מיליטערישע שיף, איבער וועלכער עס פלאַטערט אַ רויטע פאָן. אַפן באָרט פון דער שיף — אַן אויפשריפט „שלאַכטלײַט קערן זיך אום פונעם פראָנט. עמעצנס טאַטע פאָרט אַהיים". דאָס בילד האָט אָנגעמאָלט דער זיבניאָריקער טאָליע אַרטשאַקאָוו.

וואָס האָט ווײַטער פּאַסירט מיט די דערצויגלינגען פון די סטאַלינגראַדער קינדערהיימען? ווו זײַנען זיי איצט?

דער דאָזיקער געדאַנק האָט פאַרינטערעסירט דאָוויד סעלצערן, וועלכער האָט באַשלאָסן אָנשרײַבן א בוך וועגן די סטאַלינגראַדער קינדער. ער האָט זיך געווענדט צו די דערציִער און פּעדאַגאָגן פון די קינדערהיימען, צו די טוער פונעם קאַנטקענטעניש־מוזיי, זיי זאָלן אים העלפן צונויפזאַמלען די געהעריקע מאַטעריאַלן.

דער ערשטער, וואָס האָט זיך אָפּגערופן אף ד. סעלצערס באַקאָשע, איז געווען דער אַרכעאָלאָג וולאַדיסלאַוו איוואַנאָוויטש מאַמאָנטאָוו — וואָלאַדעק, ווי מע רופט אים היימיש. ער האָט דערציילט סעלצערן וועגן דעם, וויאַזוי זײַנע עלטערן האָבן, ריזיקירנדיק מיטן לעבן, געראַטעוועט א ייִדן. מאַמאָנטאָוו אַליין איז דעמלט געווען א קינד פון א יאָר אַכט.

סאָף האַרבסט 1974 האָט דאָוויד סעלצער צום דריטן מאָל באַזוכט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, און ער האָט, פאַרשטייט זיך, פאַרבראַכט אין וואָלגאָגראַד. אין א מיטיילונג פאַרן 24 סענטיאַבער שרײַבט די צײַטונג „וואָלגאָגראַדסקאַיאַ פּראַוודאַ":

„בא אונדז אין שטאָט געפינט זיך צוגאַסט דער אַמעריקאַנער שרײַבער דאָוויד סעלצער מיט זײַן פרוי. דאָס האָבן זיי פאַרהיט און געבראַכט צו פירן די אויסשטעלונג פון די קינדער פון געוועזענע פּראַנטאָוויקעס — דערצויגלינגען פון די סטאַלינגראַדער קינדערהיימען".

דעם 28 סענטיאַבער איז אינעם וואָלגאָגראַדער קאַנטקענטעניש־מוזיי פאָרגעקומען א באַגעגעניש פון די געסט פון אַמעריקע מיט די געוועזענע דערצויגלינגען פון די קינדערהיימען אין ניזשני־טשירסק, דובאָווסק און סערעבריאַני פּרוד.

אַרטיקלען וועגן ד. סעלצערס פרײַנטשאַפטלעכן אויפטו און וועגן זײַן בוך זײַנען לעצטנס פאַרעפנטלעכט געווען אין דער מאָסקווער „פּראַוודאַ" און אין אַנדערע צײַטונגען.

בייס זייער צוריקקער פון וואָלגאָגראַד קיין ניו־יאָרק האָבן דאָוויד סעלצער און זײַן פרוי איטע, אַן אַקטיווע געזעלשאַפטלעכע טוערן, באַזוכט אין מאָסקווע די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד". די געסט האָבן זיך געטיילט מיט זייערע אײַנדרוקן וועגן באַזוך אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וועגן באַגעגענישן מיט סאָוועטישע מענטשן.

— אין ניזשניע־וואָלזשסקער ביכער־פאַרלאַג, — האָט דערציילט ד. סעלצער, — זײַנען שוין פאָרלויפיק דורכגעלייענט געוואָרן די מאַטעריאַלן, וואָס זײַנען אָפּגעקליבן פאַר דער דאָזיקער אויסגאַבע. זייער וואַרעם האָבן זיך אָפּגערופן וועגן מײַן בוך די וואָלגאָגראַדער שרײַבער. איך גלייב, אַז מיט דער אַקטיווער הילף פון מײַנע פרײַנט אין דער העלדנשטאָט וועט מײַן טרוים וועגן אַרויסגעבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד די דאָקומענטאַלע דערציילונג אין רוסיש אינגיכן פאַרווירקלעכט ווערן. איך און מײַן פרוי זײַנען דאַנקבאַר אונדזערע פרײַנט אַלע קראַסאַווינען, דעם געוועזענעם דערצויגלינג פונעם קינדערהיים, איצט אַן אינזשעניער, און וולאַדיסלאַוו מאַמאָנטאָוון פאַר זייער פּראַקטישער הילף אין דער אַרבעט איבער מײַן בוך.

י. פּיִוווסאָוויטש

כראָניק

נײַס פון אויסלאַנד

א קינאָ־לענטע וועגן דער וואַרשעווער געטאָ

דער קינאָ־רעזשיסער אַלעקסאַנדער פּעטראָוויטש (יוגאָסלאַוויע) האָט געשאַפן א קינאָ־פילם וועגן די אסירים פון דער וואַרשעווער געטאָ, עקראַניזירט לויט א סצענאַרי פון מאַרטין גראַיס בוך, וואָס איז געווידמעט אָט דער טעמע.

אינעם פילם ווערן, צווישן אַנדערס, באַוויזן די נאַצי־הענקער, וואָס האָבן פאַרניכטעט די האַלבמיליאָניקע ייִדישע באַפעלקערונג פון וואַרשע.

צום אָנדענק פון ליאָן פויכטוואַנגערן

דער פּאָסט־אַמט פון דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק האָט אַרויסגעלאָזט א מאַרקע צום אָנדענק פונעם באַוווּסטן שרײַבער־ראָמאַניסט ליאָן פויכטוואַנגער.

ל. פויכטוואַנגער איז געשטאָרבן אין 1958 אין קאַליפאָרניע, וווּהין ער איז פאַרן אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע אַנטלאָפן פונעם היטלער־דײַטשלאַנד.

געשטאָרבן יעראַכמיִעל בריקס

אין עלטער פון 62 יאָר איז אין ניו־יאָרק געשטאָרבן דער ייִדישער שרײַבער יעראַכמיִעל בריקס.

י. בריקס איז נאָך דער צווייטער וועלט־מילכאָמע ברייט באַקאַנט געוואָרן מיט זײַנע ראָמאַנען וועגן לאָדזשער געטאָ און אָשווענטשימער טויט־לאַגער, באַזונדערס מיט זײַן באַרימט ווערק „א קאַץ אין געטאָ".

אַן אָנדענק־מעדאַל וועגן אַנאַ פראַנק

דער פראַנצויזישער מעדאַל־קלוב, וועלכער גרופּירט אַרום זיך פיר טויזנט מיטגלידער, האָט לעצטנס אויסגעקריצט 500 נײַע מעדאַלן. די אוטאָרן פון די אָנדענק־צייכנס זײַנען קינסטלער פון פאַרשיידענע לענדער. איינע פון די אויסגעקריצטע מעדאַלן (אוטאָר — זשאָרזש סימאָן) איז געווידמעט אַנאַ פראַנק. פון איין זײַט פון דער מעדאַל זײַנען אויסגעקריצט שטעכדראָטן, פון דער אַנדערער — א בליִענדיק צווײַגל — א סימבאָל פון לעבן.

פאַרשיידנס

אינעם פּאַטערס ארכיוו

די היסטאָריקער איז באַקאַנט דער נאָמען פונעם אַלטן לעניגראַדער באָלשעוויק פּיאָדאָר פּיאָדאָראָוויטש אילין, וועלכער האָט אָנגעהויבן זײַן רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט נאָך סאָף פאָריקן יאָרהונדערט.

אילין האָט געאַרבעט מיט יע. ד. סטאַסאָוואַ און א. מ. קאָלאָנטײַ, געהאָלפן פאַרשפּרייטן אומלעגאַלע ליטעראַטור, אויסגעפילט פאַראַנטוואָרטלעכע אויפטראָגן פון דער פּאַרטיי. זײַענדיק אַרויסגעשיקט פון פּעטערבורג, גיט זיך אים אײַן אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד, ווו ער פאַרייניקט זיך צו דער איסקראָווישער אָרגאַניזאַציע. אילין איז טאַקע געווען דער מענטש, וואָס האָט באַוויזן וווּנדער פון דערפינדערישקײַט באַם געהיימען אַריבערפירן די לענינישע „איסקרא” קיין רוסלאַנד. מיט די אייגענע הענט האָט ער געמאַכט טשעמאָדאַנען מיט צווייענדיקע דעקן, פלעגט אײַנפּאַקן די צײַטונגס־נומערן אין קינדערשע קוביקעס, אין פּאַפּיר־רולאָנען. פּיאָדאָר פּיאָדאָראָוויטש האָט זיך ניט איין מאָל באַגעגנט מיט וולאַדימיר איליטש לענינען. נאָך דער גרויסער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע האָט אילין זיך פאַרנומען מיט זאַמלען מאַטעריאַלן פאַרן רעוואָלוציע־מוזיי.

ניט לאַנג צוריק האָט זײַן זון, פאַנאַנדערקלײַבנדיק דעם פּאַטערס אַרכיוו, זיך אָנגעשטויסן אָף זייער אינטערעסאַנטע דאָקומענטן. ער האָט געפונען נ. ק. קרופּסקעס א בריוו, מ. אי. אוליאַנאָוועס פינף בריוו און יע. ד. סטאַסאָוועס צען בריוו. כוץ דעם, האָט ער געפונען א מאַנוסקריפּט פון פּיאָדאָר פּיאָדאָראָוויטשעס דערינערונגען וועגן זײַנע באַגעגענישן מיט לענינען, וואָס זײַנען קיינמאָל ניט פּובליקירט געוואָרן.

א. סערגייעוו („איזוועסטיא”)

א קאַרפּ, וואָס איז אַלט 224 יאָר

דער 75־יאָריקער יאַפּאַנער איִיאָסיקאַדזו כאַיאַסע איז שטאַרק באַפרײַנדעט מיטן קאַרפּ, וואָס געפינט זיך אין דער סאַזשלקע אין איינעם א דאָרף פון דער פּרעפעקטור גיפו. דער דאָזיקער קאַרפּ, וואָס הייסט כאַנאַקאָ, באַציט זיך אויך זייער פרײַנטלעך צום זאָקן. דער פיש פאַרשטייט, ווען מע רופט אים, מיט פאַרגעניגן עסט ער אויף די געשמאַקע מײַכאָלים, וואָס מע ברענגט אים, און פּרוּווט אַפילע ניט זיך אויסרײַסן, ווען כאַיאַסע נעמט אים אָף עטלעכע ווײַלעס אין די הענט. דאָס סאַמע אויסטערלישע איז דער עלטער פונעם קאַרפּ. ער איז אַלט 224 יאָר.

מער פון צוואַנציק יאָר גיט אַכטונג אָפּן פיש כאַיאַסע. ביז אים האָט זיך מיט דעם פאַרנומען זײַן באָבע, וועלכע פלעגט זאָגן, אַז כאַנאַקאָ איז שוין אַרומגעשווומען אין דער סאַזשלקע א סאַך יאָרן ביז איר געבורט. צו אירע ווערטער האָט מען זיך באַצויגן מיט גרויס אומצוטרוי, ביזוואַנען דער פּראָפעסאָר מ. כיראָ פון דער שטאָט נאַגאָיאַ האָט ניט באַשטעטיקט דעם עלטער פונעם קאַרפּ, אויספאָרשנדיק דעם קווערשניט פון דעם פישס ליסקעס.

א האַנטשריפטלעכער טעקסט פון דער קאָמעדיע

א קסאַוויאַד פון א. ס. גריבאָיעדאָווס קאָמעדיע «Горе от ума» („צאָרעס פון קלוגשאַפט”), געשריבן פון דער האַנט, האָט מען געפונען אין די פאָנדן פונעם מעלוכע־אַרכיוו פון קורסקער געגנט.

— דאָס איז דער ערשטער האַנטשריפטלעכער עקזעמפּליאַר פון דער אומשטערב־

מוטיקע פּאָעזיע

אַלבערט איסאַדזשאַניאַן איז דער סאַמע יונגער מיטגליד פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד אין אַרמעניע. ער איז אַלט 23 יאָר. ער האָט שוין אָבער באַוויזן אָנצושרײַבן עטלעכע פּאָעמעס, צוויי לידער־זאַמלונגען און א גרעסערע דערציילונג.

אָף איסאַדזשאַניאַנען איז אויסגעפאַלן א טראַגישער גורל. איינמאָל האָט אין באַרגיקן דאָרף קאַראַונדזש א הוראַגאַן־ווינט אַראָפּגעריסן די עלעקטראָ־דראָטן. ס'איז פאַרלאָשן געוואָרן די שײַן אין די הײַזער. די עלעקטראָ־פּאָמפּעס האָבן אופגעהערט דערלאַנגען דעם דאָרף וואַסער פונעם באַרג־שפּאַלט. מע האָט זיך געלאָזט זוכן דעם עלעקטראָ־מאָנטיאָר, נאָר יענער איז גראָד ניט געווען אין דאָרף. דאַן האָט איינער פון די ייִנגלעך אָפּגעזוכט דאָס אָרט, ווו ס'איז געווען איבערגעריסן דער דראָט, אַרופגעקראָכן אָפן סטויפּ, פאַריכט דאָס צעשעדיקטע אָרט, נאָר אַראָפּלאָזן זיך האָט ער שוין ניט באַוויזן, — דער ווינט האָט אים אַראָפּגעריסן פונעם הויכן סטויפּ.

די דאָקטוירים האָט זיך אײַנגעגעבן ראַטעווען אַלבערט איסאַדזשאַניאַנען פונעם טויט, אָבער דער פּאַראַליטש פון די פיס האָט אים צוגעשמידט צום בעט. די מאָראַלישע טראַוומע איז געווען שטאַרקער פון דער פיזישער קרענק. דאָס ייִנגל איז אַרײַנגעפאַלן אין פאַרצווייפלונג. נאָר זײַנע כאַווײרים, די שול, בוכשטעבלעך דאָס גאַנצע דאָרף האָבן אונטערגעהאַלטן דעם קראַנקן מיט וואָס נאָר ס'איז מעגלעך געווען.

אין די אָוונטן קלײַבט זיך די יוגנט אָפּט צונויף אינעם הויז פון די איסאַדזשאַניאַנס. מע דיסקוסירט וועגן פּאָעזיע, מע לייענט לידער. ס'טרעפט, די כעוורע בעטן אַלבערטן, ער זאָל עפּעס זינגען, ער נעמט אין די הענט דעם טאַר. ער פאַרמאָגט אויך זײַנע אייגענע לידער — פריילעכע און לירישע, שפּאַסיקע און טרויעריקע. די לידער, ווי אויך די פּאָעטישע זאַמלונג „א בריק פון קווייטן”, האָט געשאַפן א מוטיקער מענטש.

א. סאַרקיסיאַן („וועטשערניאַיאַ מאָסקוואַ”)

לעכער קאָמעדיע, — האָט מיטגעטיילט דעם קאָרעספּאָנדענט פון טאסס א מיטארבעטערן פון א. ס. טראַווינס ארכיוו. — מיר זײַנען זיך מעשאער, אז אונדזער „קורסקער צעטל״ האָט זיך באוויזן נאָך ביז דער ערשטער פּובליקאַציע פונעם ווערק אין 1833 יאָר. אלס גרונט פאר אזא באהויפּטונג קאָנען דינען אזעלכע פאַקטן, ווי דער קלאָגעדיקער אויסזען פונעם מאנוסקריפּט, פון דעם טינט און פּאַפּיר און פריִער פאר אלץ די פולקײַט פונעם טעקסט: אין אים זײַנען פאראַן אלע שאַרפע ערטער, וואָס דעמאַסקירן די לײַבייגנטימערישע פּאַראַנדקעס אינעם צארישן רוסלאנד — די ערטער, וואָס די צענזור האָט ארויסגעוואָרפן פון דער ערשטער אויסגאַבע פון דער קאָמעדיע.

טײַערע מוזייען

„וואָס איז בילכער: קויפן בילעטן אין מוזיי אָדער אײַנקויפן עפּעס פון שפּײַז אף אָוונט־ברויט?״ — אזא פראגע פארגיבן זיך אלץ אָפטער די אײַנוווינער פון ניו־יאָרק. די פרײַז פארן באזוכן די קונסט־טעמפּלען איז אף אזויפיל אויסגעוואַקסן, אז פאר פיל אמעריקאנער איז זי פּאַשעט געוואָרן ניט צוטריטלעך.

קעדיי ווי־ס׳איז־ניט־איז דעקן די הוצאָעס, האָט דער ניו־יאָרקער „מעטראָפּאָליטען״־מוזיי באדארפט האָבן מינימום 800 טויזנט דאָלארן. נאָר קיין דאָטאַציעס האָבן נישט געגעבן ניט די שטאָטישע מאַכטהאָבער, ניט די מעלוכישע אָרגאַניזאַציעס. ס׳האָבן ניט געײַלט צעבײַטלען זיך אויך די רײַכע מעצענאַטן. טאָמאַס כאָווינג, דער דירעקטאָר פונעם מוזיי, איז געצוווּנגען געווען אײַנשטעלן א געהעכערטע פרײַז פארן באזוכן דעם מוזיי.

דער טיגער — א „נאַציאָנאַלע חיה״

40 מיליאָן רופּיעס זײַנען אסיגנירט געוואָרן אין אינדיע אף צו פארווירקלעכן דעם ספּעציִעלן פּלאַן פון ראַטעווען די טיגרען. זייער צאָל האָט זיך קאַטאַסטראָפיש פארקלענערט. אין אָנהייב פונעם יאָרהונדערט האָט מען אין אינדיע אָנגעציילט בא 40 טויזנט טיגרען, און הײַנט־צו־טאָג איז געבליבן ווייניקער פון צוויי טויזנט. אין די יאָרן פון דער ענגלישער הערשאַפט איז דאָס געיעג אף טיגרען געווען א טראַדיציאָנעלע זאַך פאר די בריטאַנישע מאַכטהאָבער בייס זייער באזוכן די פּאַלאַצן פון די מאַכאַראַדזשעס. עמעס, די צערעמאָניע פלעגט זיך אָפט פארוואנדלען אין א דורכויסיקן פּאַרס: צום אָרט פונעם „געיעג״ פלעגט מען ברענגען אין א שטײַג די אויסגעמאַטערטע חיה און ארויסלאָזן זי אף דער פרײַ. דער קוים לעבעדיקער טיגער פלעגט ווערן א לײַכטע צילברעט פאר די הויכגעשטעלטע „ליבהאָבער פון שאַרפע עמאָציעס״. פיל טויזנטער חיהס זײַנען אויסגעראָטן געוואָרן דורך די אויסלענדישע טוריסטן.

אין 1970 יאָר האָט די אינדישע רעגירונג פולשטענדיק פארבאָטן דאָס געיעג אף טיגרען און שפּעטער אויך דעם עקספּאָרט פון זייער פעל. דעם טיגער האָט מען פארעכנט אלס „נאַציאָנאַלע חיה״. לויט דער פּראָגראַם פון ראַטעווען דעם טיגער וועלן געשאַפן ווערן נײַע רעזערוואַציעס און ספּעציִעלע אָטריאַדן, קעדיי צו קעמפן מיט די בראַקאָניערן. אין באַשטימטע ראַיאָנען וועט פארקלענערט ווערן די וואלדאויסארבעטונגען.

אן אינזשעניר א פארברעכער

דער קאַנאַדער געריכט האָט פארמישפּעט צו טפיסע דעם אינזשעניר סאָללי ווײַנער. ער איז באַשולדיקט געוואָרן אין שווינדלערײַ מיט דער הילף פון א... לאַזער. דער דאָזיקער „מיסיִאָנער״ פונעם וויסנשאַפטלעך־טעכנישן פּראָגרעס האָט אָרודעוועט אף די היפּאָדראָמען. קעדיי דאָס פערד, אף וועלכן סאָללי ווײַנער האָט געשטעלט אפן טאָטאַליזאַטאָר, זאָל איבעריאָגן די איבעריקע, פלעגט ער אף זיי אָנצילן דעם שטראַל פון א פּאָרטאַטיוון לאַזער. אף אזא אויפן האָט ער געוווּנען גרויסע סומעס אף א סאַך פארמעסטונגען.

אף דעמאַסקירן דעם שווינדלער און אופדעקן זײַן שולד האָט די אויספאָרשונג געמוזט אָנקומען צו דער הילף פון אָנגעזעענע געלערנטע.

„מיר וועלן זיך אויסלעבן אָן ביכער״

די מײַרעוו־דײַטשישע פארלעגער זײַנען פארזאָרגט, די בירגער פון דעם דאָזיקן לאַנד, וועלכע האַלטן זיך אלס יאָרשים פון בארימטע פּאָעטן און דענקער, לייענען וואָס א יאָר אלץ ווייניקער און ווייניקער. וועגן דעם זאָגן איידעס די פאָרשונגען פונעם ציריכער סאָציִאָלאָג הערכאַרד שמידטכען.

אייניקע זעען אײַן אין דעם די שולד פון דער טעלעוויזיע. אין רעזולטאַט פון די דורכגעפירטע פאָרשונגען איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אז א העלפט פון די איצטיקע טעלעוויזיע־צושויער זײַנען פאָטענציִעלע לייענער. הײַנט־צו־טאָג אָבער זײַנען זיי מוחל די ביכער און פארברענגען די פרײַע צײַט בא די קליינינקע עקראַנען. די זעלבע פאָרשונגען האָבן באוויזן, אז די אײַנוווינער פון דער פעדעראַטיווער דײַטשישער רעפּובליק אָנשטאָט צו נעמען א בוך אין די הענט שליסן אײַן מיט מער חשק די ראַדיִאָ, הערן פּאַטעפאָן־פּלאַטן אָדער בלעטערן איליוסטרירטע זשורנאַלן.

אין 1955 יאָר האָט יעדע דריטע מישפּאָכע אין דער פעדעראַטיווער דײַטשישער רעפּובליק ניט געהאַט בא זיך אין שטוב קיין איין בוך. איצט האָט מען דאָ אָנגעהויבן מער קויפן ביכער, אָבער עס זײַנען נאָך אלץ פאראַן ניט ווייניק מישפּאָכעס, וואָס באגייען זיך, ווי פריִער, אָן ביכער.

בייס זײַנע פאָרשונגען האָט שמידטכען פעסטגעשטעלט, אז 21 פּראָצענט מענטשן פון די, וועלכע האָבן אים געענטפערט אף די פארגעבענע פראַגעס, זײַנען איבערצײַגט, אז די, וואָס שאַפן זיך אײַן ביכער, טוען עס מיטן איינציקן ציל צו „באווײַזן זייער געבילדעטקײַט״ און זיך אויסשטעלן פאר אַנדערע. לויט דער מיינונג פון זײַנע מיטשמועסער, ווערט דאָס בוך אלס מאָטאָנע געשעצט נידעריקער פון קווייטן, קאָנפעטן און ווײַן.

הערכאַרד שמידטכען, וואָס האָט געפירט זײַנע פאָרשונגען לויט דער באַשטעלונג פון די מײַרעוודײַטשישע פארלעגער, איז געקומען צו א טרויעריקן פאר זיי אויספיר: די איבערוועגנדיקע מערהײַט באַפעלקערונג פון דער דײַטשישער פעדעראַטיווער רעפּובליק ווײַזט ניט ארויס צו ביכער קיין גרויסן אינטערעס און האַלט, אז מע קאָן רויִק זיך אויסלעבן אָן זיי.

ו. קוקושקין („איזוועסטיִא״)

שרײַבער און ווערק

נאטיצן אפן קאלענדאר

מיט 120 יאָר צוריק איז אין פאָנעוועזש, קאָוונער גוב., געבוירן געוואָרן דער שרײַבער־הומאָריסט דאָוויד אפּאָטהעקער.

דאָוויד אפּאָטהעקערס פאָטער איז געווען א מאסקיל. צו 10 יאָר איז דאָוויד אוועקגעפאָרן קיין ווילקאָמיר, ווו ער איז אָנגעקומען אין מוישע־לייב ליליִענבלומס יעשיווע. ליליִענבלום האָט דערוועקט אינעם יונגן טאַלמיד א שטאַרקן כיישעק צו אלגעמיינער בילדונג. צו 22 יאָר איז אפּאָטהעקער געוואָרן א פרײַער צוהערער פונעם קיִעווער אוניווערסיטעט און זיך אָנגעשלאָסן צו דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. אין צוויי יאָר ארום האָט מען אים ארעסטירט אלס „ניהיליסט" און צוגעמישפּעט צו פארשיקונג, ער איז אָבער אנטלאָפן און זיך באַזעצט אין טשערנאָוויץ, ווו ער האָט ארויסגעגעבן זײַן ערשט ווערק אונטערן נאָמען „צען שיינע פאָלקסלידער". די לידער האָבן ניט געהאט קיין פּאָעטישע ווערט, זיי זײַנען אָבער געווען כאראַקטעריסטיש אלס די ערשטע מוסטערן פון מאסקיליש־סאָציאַליסטישער געגראַמטער פּובליציסטיק אין יידיש. די צײַטונג „יוד. פאָלקס־בלאט" האָט שארף קריטיקירט דאָס ביכל, וואָס גרײַפט אָן די יידישע קרעמער, שענקערס און לופט־מענטשן.

צו יענער צײַט (1887) האָט אפּאָטהעקער ארויסגעגעבן נאָך א סאַטיריש ביכל אונטערן פּסעוודאָנים לייבושל כאָסיד און האָט געשריבן אין פיל יידישע, העברעִישע און דײַטשישע צײַטשריפטן. אין 1888 האָט ער אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע מיטן ציל צו גרינדן דאָרט אן ערדארבעטער־קאָלאָניע. אזוי־ווי דאָס האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן, האָט ער געעפנט אין ברוקלין א שאפּ (וואַרשטאַט) פון דאַמען־

קליידער אף „קאָמוניסטישע" יעסוידעס. די קאָמונע האָט זיך געהאלטן דרײַ יאָר, דערנאָך האָט אפּאָטהעקער געעפנט אין בראָנזוויל א דרוקערײַ און ארויסגעגעבן א ריי הומאָריסטיש־סאטירישע בלעטער („די בײַטש", „די פלעדערמויז", „די נײַע היימאט", „דאָס פאָלקסבלאט") און גלײַכצײַטיק אליין מיטגעארבעט אין א ריי צײַטשריפטן.

אין 1895 האָט אפּאָטהעקער זיך באזעצט אין פילאדעלפיע, ווו ער האָט געגרינדעט א דרוקערײַ „די קעגנוואָרט". אין 1909 האָט ער זיך אומגעקערט קיין ניו־יאָרק און גענומען אן אָנטייל אינעם הומאָריסטישן זשורנאל „דער קיבעצער" (אונטערן פּסעוודאָנים „דער הינקעדיקער שלימאזל") און אין „קונדעס".

ד. אפּאָטהעקער האָט געשריבן אין אן אמעריקאניזירטן יידיש. אין א בוכפאָרם איז ארויס בלויז איין באנד פון זײַנע ווערק — „הומאָריסטישע שריפטן" (פארלאג „היברו פּאבלישינג קאָ", ניו־יאָרק, 1910). אין קסאוויאד האָט ער איבערגעלאָזט א סאך טעאטער־שטיק, דראמען, קאָמעדיעס און וואָדעווילן. זיי זײַנען אָבער אף דער בינע ניט אופגעפירט געוואָרן, בלויז אייניקע אמאטאָרן האָבן אין פארשיידענע צײַטן געשפּילט זײַנע פּיעסן „דער לעצטער שטרײַק", „מאָשיִעכס צײַטן", „גימפּלס סיידער", „דער אנארכיסט" און אנד.

דאָוויד אפּאָטהעקער איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק דעם 18 אָקטיאבער 1911.

האיאָר ווערט 80 יאָר, זינט אינעם דערפל מײַדאן, מיזרעך־גאליציע, איז געבוירן • געוואָרן דער דיכטער בער האָראָוויץ.

צו 12 יאָר האָט בער האָראָוויץ שוין געשריבן לידער אין פּויליש, און צו 14 יאָר האָט ער דעביוטירט מיט א ליד אין יידיש.

ווען גאליציע איז ווידער אריבער צו עסטרײַך, איז בער האָראָוויץ מאָביליזירט געוואָרן אין דער ארמיי. מע האָט אים געשיקט קיין ווין שטודירן מעדיצין. אלס דאָקטער האָט ער געדינט אינעם לאגער פון די געפאנגענע איטאליענער און זיך אויסגעלערנט איטאליעניש. אין 1918, דינענדיק אין א ווינער שפּיטאָל, האָט ער אָנגעשריבן א ריי לידער אין יידיש פאר אימבערס זשורנאל „נײַלאנד", דערנאָך ארויסגעגעבן א לידער־זאמלונג „פון מײַן היים אין די בערג" (פארלאג „דער קוואל", ווין, 1919). די קריטיק

האָט געלויבט די זאַמלונג, אָפּמערקנדיק, אַז זי איז „באַהויכט מיט פרישן אָטעם פון די קאַרפּאַטן־בערג", ווו האָראָוויץ איז אויסגעוואַקסן, און מיט דער געזונטער אידילישער סוויווע פונעם גרינעם פעלד און וואַלד.

האָראָוויץ האָט אָנגעשריבן אַ ריי לעגענדעס אין פּראָזע. פון זיי זײַנען אַרויס אין אַ בוכפאָרעם „וווּנדערלעכע מײַסעס" (פאַרלאַג „וואַנדערער", וואַרשע, 1923). ער איז אויך דער אוטאָר פון די ביכער „רייעך פון דער ערד" (לידער און פּאָעמעס, ווילנע, 1930), „פון איציק וואַטנמאַכער ביז איציק גוטקינד. ייִדישע מאָטיוון אין דער פּוילישער פּאָעזיע" (פאַרלאַג „צעראַטאַ", ווין, 1938). האָראָוויץ האָט איבערגעזעצט אין ייִדיש פיל אוקראַיִנישע לידער, דערונטער שעווטשענקאָס. ער האָט אָפּגעדרוקט אַ ריי אַרטיקלען וועגן ייִדישער קונסט און מאָלערײַ.

אין עלטער פון 47 יאָר (דעם 2 אָקטיאַבער 1942) איז בער האָראָוויץ אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס אין סטאַניסלאַוו.

דעם 21 יאַנוואַר ווערט 70 יאָר, זינט אין קראָקע (פּוילן) איז געבוירן געוואָרן די שרײַבערן וואַנדאַ וואַסיליעווסקאַיאַ.

דער פאָטער פון וואַסיליעווסקאַיאַ איז געווען אַ פּובליציסט און עטנאָגראַף, אַ טוער פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אין די יאָרן 1923—1927 האָט וואַנדאַ זיך געלערנט אָפּן פילאָלאָגישן פאַקולטעט פונעם קראָקער אוניווערסיטעט און באַקומען דעם טיטל דאָקטאָר פון פילאָסאָפישע וויסנשאַפטן. פאַר איר אַקטיווער רעוואָליוציאָנערער אַרבעט האָט איר אינעם פּילסודסקי־פּוילן געדראָעט טפיסע. נאָר ווען די היטלעריסטן זײַנען שוין געשטאַנען הינטער וואַרשע, איז זי געקומען אינעם סאָוועטישן לוואָוו און אָנגענומען סאָוועטישע בירגערשאַפט.

אין 1921 איז וואַסיליעווסקאַיאַ אַרויסגעטראָטן אין דער פּרעסע מיט לירישע לידער. אין די 30־ער יאָרן האָט זי אָנגעהויבן שרײַבן פּובליציסטיק און קינסטלערישע פּראָזע. אינעם ראָמאַן „הײמלאַנד" (1935) און אין דער גרויסער דערציילונג „די פאַרפּײַניקטע ערד" (1938) האָט זי געשילדערט די לאַגע פון די אַרבעטנדיקע אינעם בורזשואַזי־שליאַכטישן פּוילן. אין 1933 האָט וואַסיליעווסקאַיאַ פאַרענדיקט דעם ערשטן טייל פון דער טרילאָגיע „אַ געזאַנג אָף די וואַסערן" — דעם ראָמאַן „אַ פלאַם אָף די זומפּן" (פאַרעפנטלעכט אין 1940), — ווו עס ווערט דערציילט וועגן דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג פון די אוקראַיִנער אינעם פּילסודסקי־פּוילן.

אין 1942 איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער ראָמאַן פון וו. וואַסיליעווסקאַיאַ „דער רעגנבויגן", ווו זי האָט באַוויזן דעם מוט און העראָיִזם פון די סאָוועטישע

מענטשן אינעם פּעריאָד פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע. אין די גרעסערע דערציילונגען „פּאַשעט ליבע" (1944) און „ווען עס צינדט זיך אָן די שײַן" (1946) ווערן געשטעלט די פּראָבלעמען פון סאָציאַליסטישער מאָראַל. אין די יאָרן 1945—1946 איז אָפּגעדרוקט געוואָרן איר ראָמאַן „שטערן אין דער אָזערע" (2־טער טייל פון דער טרילאָגיע), געווידמעט די ערשטע כאַדאָשים פון דער סאָציאַליסטישער בויונג אָף די צוריק־פאַראייניקטע טעריטאָריעס פון מײַרעוו־אוקראַיִנע. דער לעצטער טייל פון דער טרילאָגיע — „טײַכן ברענען" — מאָלן דעם אויפבוי פונעם נײַעם פּוילן, די פרײַנטשאַפט צווישן פּוילן און סאָוועטנפאַרבאַנד.

וואַנדאַ וואַסיליעווסקאַיאַ איז געשטאָרבן דעם 29 יולי 1964 אין קיִעוו.

לאמיר זינגען נייע לידער

באם שווארצן יאם

ווערטער פון שיקע דריז

מוזיק פון ריווע באיארסקאיא





1

באם שווארצן יאם
עס האָט דערציילט מיר
די ווײַסע מעווע,
וואָס שוועבט אין לופט:
אליין דער יאם,
דער יאם איז מיר מעקאנע
אף מײַן גילדן פישעלע,
וואָס ליגט און שלאָפט.

2

באם שווארצן יאם —
פיל קלאָרע קוואלן.
נאָר מיר האָט אײַנגערוימט
בעסאָד דער ווינט:
באם שווארצן יאם
ניטאָ אזא מין קוועלכל,
וואָס מורמלען זאָל
אזוי ווי דו, מײַן קינד.

כראָניק

די צאָל ייִדן אין פארשיידענע לענדער אין דער וועלט

אין צענטראל־אמעריקע

אין די לענדער פון צענטראל־אמעריקע — קוראסאאָ, פּאָרטאָ־ריקאָ, טרינידאד, האיטי, בארבאדאָס, דאָמיניקאנער רעפּובליק, דזשאמײַקא אא. ציילט די ייִדישע באפעלקערונג אָן סאכאקל 4000 מענטשן. דער גרעסטער ייִשעוו געפינט זיך אין פּאָרטאָ־ריקאָ (2000 ייִדן). אין טרינידאד זײַנען הײַנט־צו־טאָג פארבליבן בלויז עטלעכע און דרײַסיק ייִדן.

אין סינגאפור

אין סינגאפור האָבן ייִדן אָנגעהויבן זיך באזעצן אין 1830. די ערשטע אײַנוואנדערער זײַנען אהער געקומען פון באגדאד און האָבן גערעדט אראביש. שפּעטער האָבן זיך באוויזן ייִדן פון אינדיע, וואָס האָבן זיך באנוצט מיט דער אינדאָסטאנישער רייד־שפּראך. אין 1939, ווען די צאָל ייִדן אין סינגאפור האָט דערגרייכט 1500, האָט מען צווישן זיי שוין געקאָנט טרעפן פליטים פון היטלער־דײַטשלאנד, ווי אויך אײַנוואנדערער פון ענגלאנד, האָלאנד און כינע.

דער שטארק געמישטער ייִשעוו האָט בייסן צווייטן וועלט־קריג שטארק געליטן פון דער יאפּאַנישער אָקופּאציע, ווען הונדערטער ייִדן זײַנען גענומען געוואָרן אַף צוואנגס־ארבעט און פיל פון זיי זײַנען ארײַנגעפאלן אין די טויט־לאגערן. נאָך דער מילכאָמע איז אין סינגאפור פארבליבן קימאט א העלפט פונעם געוועזענעם ייִדישן ייִשעוו.

די ייִדן פון סינגאפור האָבן בא זיך אנטוויקלט אן אייגענע לאָקאלע שפּראך, וועלכע שטעלט מיט זיך פאָר א געמיש פון העברעיִש, מאלאיִש, אראביש און אינדאָסטאניש.

אין פּאָרטוגאל

דער אמאָל בליִענדיקער ייִדישער ייִשעוו אין פּאָרטוגאל, וועלכער איז שטארק פארפאָלגט געוואָרן אין דער צײַט פון דער אינקוויזיציע, ציילט הײַנט אָן סאכאקל 500 נעפאשעס. אין סאָף 1938 האָבן דאָ געוווינט 3000 ייִדן (דערין 1800 אין ליסאבאָן), אין 1940—2000, אין 1970 — קאָרעוו 600.

אין קאָלומביע

די ייִדישע באפעלקערונג אין דעם לאנד ציילט אָן אומגעפער 10.000 מענטשן. א העלפט געפינט זיך אין באָגאָטא; 3000 — אין קאַלי; אין בארענקילא, מעדעלין — צו 1000.

די ערשטע ייִדן, וואָס האָבן זיך באזעצט אין קאָלומביע, זײַנען געקומען פון די קאראיִבישע אינדזלען, פון דזשאמײַקא און פון די קוראסאאָ־אינדזלען.

אין ניקאראגוא

אין ניקאראגוא לעבן הײַנט סאכאקל 200 ייִדן, פון זיי 120 — אין דער הויפּטשטאָט מאנאגוא. די ערשטע ייִדן זײַנען אהער געקומען אין אָנהייב 19־טן יאָרהונדערט.

פֿריילעכע שורות

וויצן פון ייִסראָעל

באַרד און פּייעס

— ייִדן זײַנען א פֿאַלק, וואָס מע קען זיי קיינמאָל ניט צופרידנשטעלן, — זאָגט איין פרוי צו דער צווייטער. — ווען מײַן מאַן איז צום ערשטן מאָל אהיים געקומען פון דער ישיעווע צו זײַן טאַטן מיט אן אָפּגעגאָלטער באַרד, האָט אים דער טאַטע ניט ארײַנגעלאָזט אין שטוב. הײַנט, ווען אונדזער זון איז אהיים געקומען פון דער שול מיט א באַרד, האָט אים מײַן מאַן ניט ארײַנגעלאָזט אין שטוב, ביז ער האָט זיך ניט אָפּגעגאָלט די באַרד מיט די פּייעס און אָפּגעשוירן די האָר פון קאָפּ.

וווּנדער פון דער שטאָט צפאס

א צפאסער לעץ זאָגט צו אן אמעריקאנער טוריסט:

— איר קאָנט זיך גאָר ניט פאָרשטעלן די וווּנדער פון דער שטאָט צפאס! ווען איך בין אהער געקומען, האָב איך ניט געהאט קיין איין האָר אפן קאָפּ, איך האָב נישט געקאָנט ניט גיין און ניט שטיין אף די פיס און ניט ארויסרעדן קיין איין וואָרט. און זעט, וואָס פאר א פעסטער מאנצבל איך בין הײַנט!

— אזוי? — וווּנדערט זיך דער טוריסט. — איר ווינט שוין לאנג אין צפאס?

— וואָס הייסט לאנג? איך בין דאָך דאָ געבוירן געוואָרן!..

די וויצן זײַנען גענומען פון דער ייִסראָעלדיקער פרעסע.

ער שנײַדט זיך אָפּ עפּעס רעכטס

א בארמיצווע־באָכער האַלט זײַן דראָשע, און, ווי געוויינלעך, זאָגט ער צו, אז ער וועט זײַן גוט און פרום און וועט אָפּהיטן אלע געבאָטן פון דער טוירע. נאָך דער דראָשע זאָגט איין גאסט צום צווייטן:

— גלייב מיר, הײַנט זאָגט ער אלץ צו, אָבער אין א צוויי־דרײַ טעג ארום וועט ער אלץ פארגעסן.

האָט דאָס דערהערט דער פאָטער פונעם בארמיצווע און האָט זיך שטארק דערפרייט:

— מײַן זון האָט א פײַערדיקן קאָפּ, איך האָב שוין לאנג באַמערקט, אז בא אים אנטוויקלען זיך דיפּלאָמאטישע פייִקייטן.

די טפילע

שטייט א ייִד אן אָרעמאן באם קויסל־מאראווי, פארהייבט די אויגן צום הימל און בעט גאָט:

— ריבוינעשעלוילעם, ווען דיר שטייט געשריבן, אז טויזנט יאָר איז בא דיר איין טאָג. איז דאָך בא דיר מיסטאמע א טויזנטער אויך ניט מער ווי א פיאסטער. טאָ שיק מיר צו עטלעכע פיאסטערס, וועל איך ווערן א גוויר!

דערהערט זײַן טפילע א ייִד א לעץ, וואָס שטייט בא דער זײַט, און ער רופט אויס:

— פון הימל האָט מען דיר געענטפערט, זאָלסט צוווארטן גאָטס א שאָ, וועט מען דיר געבן...

זײַן טאַטע איז געווען גערעכט

אין טעל־אוויוו טרעפט א ייִד זײַנעם א באַקאנטן, וואָס שטייט שטארק א פארטראכטער.

— וועגן וואָס טראכסטו אזוי?

— כ'טראכט, אז מײַן טאַטע איז געווען גערעכט.

— וואָס עפּעס מיטאמאָל?

— ער פלעגט מיר זאָגן: „מוישע, לייג ניט אָפּ אף מאָרגן, וואָס דו קענסט אָפּטאָן הײַנט". זע איך טאַקע, אז דאָס זײַנען גאָלדענע ווערטער, ווײַל מאָרגן קאָן שוין זײַן א פרישע דעוואַלוואַציע...

אין אן אנטיקן־געשעפט

א טוריסט גייט אום איבער די געשעפטן און זוכט אנטיקן. גייט ער ארײַן צו א זייגערמאכער, און יענער שלאָגט אים פאָר צו קויפן אן אלטן זייגער.

— איר זעט, דאָס איז געווען דער פערזענלעכער זייגער פונעם ראמבאם. מיט אָט דעם זייגער האָט דער ראמבאם, וואָס איז געווען א גרויסער דאָקטער, געמאָסטן די היץ בא זײַנע פאציענטן. ער האָט געבראכט דעם זייגער קיין ערעץ־ייִסראָעל פון קאיר.

— וואָס רעדט איר? — וווּנדערט זיך דער טוריסט. — ווי קאָן עס זײַן דעם ראמבאמס זייגער? אין ראמבאמס צײַטן זײַנען דאָך ניט געווען קיין קעשענע־זייגערס.

— דאָס איז דאָך טאַקע דער וווּנדער, — ענטפערט דער זייגערמאכער. — דערפאַר טאַקע קאָסט אָט דער זייגער א מאַטמען מיט געלט.



ווער איז א ייִד

אין אן ענגלישער צײַטונג איז געווען געדרוקט א באריכט פון אירן א קאָרעספּאָנדענט, וואָס האָט געוויילט אין ייִסראָעל א פּאָר וואָכן. אָט וואָס דער קאָרעספּאָנדענט שרײַבט:

— אין ייִסראָעל קאָכט זיך מיט א קאָמישער פּראָבלעם, וועלכע זיי רופן אָן „ווער איז א ייִד?״ קאָמישער פון אלץ זעט עס אויס אין ירושאָלאַיִם. איך בין דאָרט צוגעשטאַנען צו א כסידישן ייִדן מיט באָרד און פּייעס און פרעג אים צוליב נײַגעריקייט: דו ביסט א ייִד? ענטפערט ער מיר מיט כויזעק: וואָס דען בין איך, א טערק? אָבער אין טעל־אוויוו האָב איך אָנגעטראָפן אָף א טאַקסי־שאָפער, וואָס האָט בא מיר גענומען א געזאַלצענע פּרײַז פאר א רײַזע: ווען איך האָב אים געפרעגט, צי דער טאַקסאָמעטער בא זײַן מאַשין אַרבעט פּינקטלעך, האָט ער מיר געענטפערט:

— ער אַרבעט פּינקטלעך, ווי איך בין א ייִד.

א מאַרקע מאַכט דעם בריוו גרינגער

גייט א ייִד אָף דער פּאָטשט אָפּשיקן א בריוו.

— איר ווילט שיקן דעם בריוו מיט לופט־פּאָטשט? — פרעגט דער באַאַמטער.

— יאָ.

— מוזט איר צולייגן נאָך א מאַרקע פאר א האַלבן פונט, ווײַל דער בריוו איז צו שווער.

— זעט נאָר א כאָכעם, — לאַכט דער ייִד פונעם באַאַמטן. — און אז איך וועל שוין אָפּן בריוו אַרופּ־לייגן נאָך א מאַרקע, וועט דער בריוו ווערן גרינגער?

אן אָריגינעלער העברעיִשער נאָמען

א נײַער אוילע פון רוסלאַנד איז אָנגעקומען אין אן אולפּאַן אין נאַטאַניע. דער דירעקטאָר פונעם אולפּאַן רעגיסטרירט דעם נײַעם שילער.

— ווי רופט מען אײַך?

— בערל.

— און אײַער פאַמיליע?

— פּעסאָק.

— וואָס איז דאָס פאר א פאַמיליע, — וווּנדערט זיך דער דירעקטאָר, — וואָס באַטײַט דאָס?

— פּעסאָק באַטײַט זאַמד, — ענטפערט דער אוילע.

— איך וואָלט אײַך געראָטן צו בײַטן אײַער פאַמיליע אָף א מער ייִסראָעלדיקער, — אײַצעט אים דער דירעקטאָר.

— גוט, איך וועל עס טאָן, — ענטפערט דער אוילע.

נאָכן ענדיקן דעם אולפּאַן ווענדט זיך דער אוילע אין מי־שראַד האַפּנים (אינערן־מיניסטע־ריום) און לייגט פאָר צו בײַטן זײַן נאָמען פון בערל פּעסאָק אָף בערל בערל.

— צו וואָס דאַרפט איר צוויי מאָל בערל? — וווּנדערט זיך דער באַאַמטער.

— ווײַל דער צווייטער בערל איז א ריין העברעיִשער נאָמען, — ענטפערט דער אוילע.

— וויאַזוי?

— איר פאַרשטייט, — דער־קלערט יענער, — מײַן צווייטער נאָמען בערל וועט זײַן א גילגל פון מײַן ערשטן נאָמען בערל, ווײַל בערל לייגט זיך אויס אין די זעלבע אויסיעס, ווי לעבער. לעבער אין איוורית איז כבד (קאָ־וייד), כבד איז דער טײַטש שווער, שווער מיינט אָנגעבן א שוווע, א שאָוווע מיינט א וואָך, א וואָך אין העברעיִש הייסט חול (כויל), חול איז דער טײַטש זאַמד. נו, און זאַמד אָף רוסיש איז דאָך פּעסאָק — אַזויאַרום, וועל איך בלײַבן בא מײַן נאָמען סײַ אין איווריט, סײַ אין רוסיש.

א שמועס מיטן צוקינפטיקן איידעם

דער טאַטע כאַפּט א שמועס מיט זײַן טאָכטערס כאַווער, א קאַנדי־דאַט פאר אן איידעם:

— דו ווילסט טאַקע כאַסענע האָבן מיט מײַן טאָכטער?

— יאָ.

— ווען וואָלסטו געוואָלט זאָל זײַן די כאַסענע?

— דאָס וועט די קאַלע באַשטי־מען.

— וואָס פאר א כאַסענע וויל־סטו — א באַשיידענע, צי א לוק־סוסדיקע?

— דאָס וועט די מאַמע באַשטי־מען.

א ווּנדערבאַר לאַנד

אן אַמעריקאַנער טוריסט פאָרט אין זײַן מאַשין פון טעל־אוויוו קיין כײַפע. אין וועג באַמערקט ער אן אויפשריפט: פאָר לאַנגזאַם און פאָרזיכטיק, דאָס מיינט מען דיך!

וווּנדערט זיך דער טוריסט:

— אָט א ווּנדערבאַר לאַנד ייִס־ראָעל! מע האָט שוין זיך דער־וווּסט, אז איך פאָר פון טעל־אוויוו קיין כײַפע.

БЕСЕДЫ В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

גרונטיקע און געבילדעטע (פּראָדוצירטע) ווערבן[1]

ווערבן זײַנען פאראן גרונטיקע און געבילדעטע. לעמאָשל: די ווערבן גיין, שטיין, זען, הערן, נעמען, געבן, ארבעטן — זײַנען גרונטיקע; די ווערבן אוועקגיין, אָפּשטיין, דערזען, אויסהערן, ארויסנעמען, צעגעבן, באארבעטן — זײַנען געבילדעטע.

די ווערבן — סײַ די גרונטיקע און סײַ די געבילדעטע — זײַנען דאָ געגעבן, ווי געוויינט־לעך[2], אין דער אינפיניטיווישער פאָרמע — מיט די סופיקסן „־ן" אָדער „־ען".

אין א ריי פאלן[3] באגייט מען זיך[4] גאנץ גוט מיט גרונטיקע ווערבן אליין, לעמאָשל: ...איידער[5] דאָס ברויט[6] קומט צום מענטשנס מויל, דארף מען אַף דעם גוט ארבעטן: אקערן און מיסטיקן[7]; זייען, שנײַדן, טריקענען און דרעשן[8]; און ווײַטער[9] טריקענען, און מאָלן, און זיפּן[10], און קנעטן, און באקן[11] — און ערשט דעמלט[12] קומט ארויס[13] פארטיק[14] ברויט (י ע כ ע ז ק ל ק אָ ט י ק. מײַנע זיכרוינעס[15]).

אינעם דאָזיקן פראגמענט איז נאָר דער לעצטער ווערב א געבילדעטער, אלע איבעריקע[16] זײַנען גרונטיקע.

אָפט קומט מען אָבער אָן צו געבילדעטע ווערבן אויך. לעמאָשל: ...כאפּן פיש[17] האָב איך מיך אויסגעלערנט פון זיך אליין[18]. אז איר ווילט, קאָן איך אײַך אויך אויסלערנען. מע טוט אויס דאָס העמד[19] און מע פארקניפּט דעם ארבל[20] און מע גייט פּאַוואָליע ביזן האלדז אין וואסער[21]. מע דארף גיין לאנג־לאנג[22]. אז איר פילט[23], אז דאָס העמד איז שווער[24], איז א סימען[25], אז ס'איז פול[26], גייט איר ארויס וואָס גיכער[27] און טרייסלט אויס[28] דאָס גאנצע גראָז מיט דער בלאָטע[29] און קוקט זיך גוט צו[30]. אין גראָז ליגן פארפּלאָנטערט[31] אָפּטמאָל[32] קליינע זשאבקעלעך[33] — ווארפט זיי ארײַן צוריק[34] אין וואסער ארײַן (ש אָ ל ע ם־א ל ײ כ ע ם. מאָטל פּייסי דעם כאזנס).

שרײַבט ארויס פונעם פאָריקן[35] פראגמענט די געבילדעטע ווערבן (מיט פּרעפיקסן, צוגאָבן און מיטן „זיך").

Перевод: 1) основные (непроизводные) и производные глаголы; 2) как обычно; **3) в ряде случаев;** 4) обходятся; 5) прежде чем; 6) хлеб; 7) пахать и унаваживать; 8) сеять, жать, сушить и молотить; 9) и снова (дословно: дальше); 10) молоть, просеивать; 11) месить, печь; 12) лишь тогда; 13) получается; 14) готовый; 15) воспоминания; 16) все остальные; 17) ловить рыбу; 18) я научился сам (дословно: от себя самого); 19) снимают сорочку; 20) завязывают узлом рукав; 21) медленно по горло в воде; 22) долго-долго; 23) когда чувствуете; 24) тяжела; 25) значит (дословно: это признак); 26) она полна; 27) как можно скорее; 28) вытряхиваете; 29) всю траву (водоросли) и грязь; 30) хорошенько присматриваетесь; 31) запутаны; 32) порой, иногда; 33) лягушата; 34) обратно; 35) предыдущий.

באם בילדן ווערבן קומט מען אָן[1] צו פאָלגנדיקע מיטלען[2]: מע שטעלט צו צו א גרונטיקן ווערב (אָדער צו א סובסטאנטיוו, צו אן אדווערב):

1) א פּרעפיקס „אנט־, בא־, גע־, דער־, פאר־, צו־". לעמאָשל: אנטלויפן, באשרײַבן, גע־דענקען, דערגיין, פארגעבן, צושטיין...; אנטוואָפענען („וואָפן")[3], באוואָפענען, באגרענעצן[4] („גרענעץ")[5], באוועגן[6] („וועג")[7], באפרײַען[8] („פרײַ")[9], דערלאנגען[10] („לאנג")[11]... צו א ריי ווערבן פונעם אינטערנאציאָנאלן פאָנד שטעלט מען צו א פּרעפיקס „דיס־, דע(ז)־, טראנס־, עקס־, רע־". לעמאָשל: דיסקוואליפיצירן, דעמאָביליזירן, דעזאָרגאניזירן, טראנספאָרמירן, עקס־קורסירן, רעאָרגאניזירן.

2) א צוגאָב. זעט דאָס צעטל צוגאָבן און די בײַשפּילן אין דעם נומער 6 פון 1974. צוגאָבן שיידן זיך אונטער[12] פון פּרעפיקסן, ערשטנס[13], דערמיט, וואָס בא אינפיניטיוון, פּארטיציפּן און גערונדיוון ווערן זיי פּרעפיקסירט, אָבער בא פּערזאָניקע ווערבן זײַנען זיי באזונדער און נאָך די ווערבן. לעמאָשל: אָנשרײַבן, אויסשרײַבן, אונטערשרײַבן; אָנגעשריבן, אויסגע־שריבן, אונטערגעשריבן; אָנשרײַבנדיק, אויסשרײַבנדיק, אונטערשרײַבנדיק; אָבער: איך שרײַב אָן, איך שרײַב אויס, איך שרײַב אונטער. צווייטנס[14], זײַנען צוגאָבן מיט אקצענטן, אָבער די פּרעפיקסן זײַנען אָן. ווען א צוגאָב באשטייט פון צוויי אָדער פון דרײַ טראָפּן[15], איז דער

12*

אקצענט אפֿן צווייטן טראַף: אהינ׳טאָן, אוועק׳וואַרפֿן, אני׳דערשטעלן, פֿאנאנ׳דערנעמען... באַם צוגאָב „אונטער״ איז דער אקצענט אפֿן ערשטן טראַף: אונ׳טערזאָגן[16], אונ׳טערלייגן, אונ׳טער־שטעלן... (אויך באַ „הינטער״ איז דער אקצענט אפֿן ערשטן טראַף: א הינ׳טערטיר[17], א הינ׳־טערגאַס[18]; זײַן הינ׳טערשטעליק[19]...).

3) א סופֿיקס „־יק, ־ל, ־עווע, ־ער, ־צ, ־קע״. לעמאָשל: רייניקן[20], קינדלען[21], בונטע־ווען[22], לופֿטערן[23], גרילצן[24], מעקען[25], האווקען[26]... ווי אויך די אינטערנאַציאָנאַלע סופֿיקסן „־יר, ־יזיר, ־יפֿיציר״. לעמאָשל: מאָטיווירן, טעלעפֿאָנירן, טעלעפֿאָניזירן (די נײַע הײַזער), קלאַסיפֿיצירן... דער סופֿיקס „־יר״ (־יזיר, ־יפֿיציר) איז מיט אן אקצענט. ווען א ווערב מיטן דאָזיקן סופֿיקס באַקומט א צוגאָב, גייט דער אקצענט אריבער אפֿן צוגאָב. לעמאָשל: רע־מאָנטי׳רן — אָפּ׳רעמאָנטירן; קאָנטראָלי׳רן — דורכ׳קאָנטראָלירן; קלאַסיפֿיצי׳רן — אויס׳קלאַ־סיפֿיצירן.

4) מע קומט אָן צום פּאַרטיקל (הילפֿוואָרט) „זיך״. לעמאָשל: אָנטאָן זיך[27], וואַרפֿן זיך[28], פֿוילן זיך [29]. דערבײַ זײַנען פֿאַראַן ווערבן, וואָס אָן דעם „זיך״ קומען זיי ניט (אַלס ווערבן). לעמאָשל: וועטן זיך[30], סטאַרען זיך[31], פּאָרען זיך[32], אייסעקן זיך[33], אקשענען זיך[34], מיִעסן זיך[35], סאָפּעקן זיך[36], סוידען זיך[37];

5) מע קומט אָן צו א קלאַנגענבײַט אינעם וואָרצל פֿונעם וואָרט. לעמאָשל: קירצן[38] („קורץ״)[39], קרענקען[40] („קראַנק״)[41], גלעטן[42] („גלאַט״)[43];

6) מע ניצט צוויי אָדער דרײַ מיטלען פֿון די פֿאָריקע איינצײַטיק[44]. לעמאָשל:

א) א קלאַנגענבײַט און סופֿיקסאַציע: בלעטערן[45] („בלאַט״)[46], צערטלען[47] („צאַרט״)[48];

ב) פּרעפֿיקסאַציע און סופֿיקסאַציע: באַזײַטיקן[49] („זײַט״) [50];

ג) א קלאַנגענבײַט, פּרעפֿיקסאַציע און סופֿיקסאַציע: באַגיטיקן[51] („גוט״)[52];

ד) פּרעפֿיקסאַציע, סופֿיקסאַציע און „זיך״: באַטייליקן זיך[53] („טייל״)[54];

ה) סופֿיקסאַציע און „זיך״: וויצלען זיך[55] („וויץ״)[56], זאַנגלען זיך [57] („זאַנג״)[58];

ו) א קלאַנגענבײַט, סופֿיקסאַציע און „זיך״: ווערטלען זיך[59] („וואָרט״)[60].

7) מע שטעלט צו צו א סובסטאַנטיוו אָדער צו אן אַדווערב א ווערבאַלע פֿאָרמע (א ווערבאַלן סופֿיקס, א ווערבאַלע פֿלעקסיע) אָדער א פּערזאָניקן פּראָנאָם (איך, דו...). לעמאָשל: אייצע[61] — אייצען, איך אייצע[62]; דײַגע[63] — דײַגענ(ען), איך דײַגע[64]; טײַנע[65] — טײַנען, איך טײַנע[66]; מישפּעט[67] — מישפּעטן, איך מישפּעט[68]; שמועס[69] — שמועסן, איך שמועס[70]; העכער[71] — העכערן, איך העכער[72].

8) אָפֿט קומט מען אויך אָן צו באַשרײַביקע (פּעריפֿראַסטישע) ווערבן, באַ וועלכע די טוּונג ווערט אויסגעדריקט דורך א גרופּע ווערטער, וואָס בילדן איין באַגריף[73]. אינעם נומער 11 פֿון 1974 זײַנען שוין געווען בײַשפּילן פֿון א ריי באַשרײַביקע ווערבן, איצט וועלן מיר אָנמערקן עטלעכע רייען[74] פֿון אַזעלכע ווערבן, וואָס אַנטהאַלטן[75] העברעיִשע פּאַרטיציפּן:

א) גויווער זײַן[76], זוכע זײַן[77], טויפֿעס זײַן[78], כוישעד זײַן[79], מויכל זײַן[80], סויסער זײַן[81];

ב) מעגאַזעם זײַן[82], מעוואַיעש זײַן [83], מעכאַבעד זײַן [84], מעקאַנע זײַן [85], מעשאַער זײַן[86];

ג) מאַטריִעך זײַן[87], מײַריך זײַן[88], מאַפּסיק זײַן[89], מאַקפּיד זײַן[90], מאַקריוו זײַן[91];

ד) מיסאַסעק זײַן זיך[92], מיסוואַדע זײַן זיך[93], מיסיאַעץ זײַן זיך[94], מיסכאַטן זײַן זיך[95];

ה) ניפֿטער ווערן[96], ניצל ווערן[97], נעלעם ווערן[98], נערעג (נהרג) ווערן[99].

ו) נויסע־כיין זײַן[100], פֿויגייע־בעקאָוועד זײַן[101], קוינע־שעם זײַן[102]; מעוואַקער־כוילע זײַן[103], מענאַכעם־אָוול זײַן[104], מעקאַבל־פּאָנעם זײַן[105].

אין די העברעיִשע פּאַרטיציפּן, וואָס באַשטייען פֿון דרײַ טראַפֿן, איז דער אקצענט אפֿן צווייטן טראַף. אין אַזעלכע פֿאַלן, ווי אין דער לעצטער גרופּע, איז דער אקצענט (הויפּט־אקצענט) אפֿן סובסטאַנטיוו: נויסע־כיי׳ן זײַן, מעוואַקער־כוי׳לע זײַן...

Перевод: 1) применяют; обращаются; 2) средства; 3) оружие; 4) ограничи(ва)ть; 5) граница; 6) двигать; побудить (к чему-нибудь); 7) дорога; 8) освобождать; 9) свободный; 10) подавать; достигать; доставать; 11) давно; долгий; длинный; 12) отличаются; 13) во-первых; 14) во-вторых; 15) слоги; 16) подсказ(ыв)ать; 17) задняя дверь; 18) задняя улица; 19) быть отсталым; несостоятельным; 20) чистить; 21) рожать, плодить детей; 22) бунтовать; 23) проветривать; 24) сверчать, стрекотать; 25) мычать; 26) гавкать, лаять; 27) оде(ва)ться; 28) бросаться; 29) лениться; 30) держать пари; 31) стараться; 32) возиться, копошиться; 33) возиться, заниматься; 34) упрямиться, артачиться, упорствовать; 35) брезгать, гнушаться; 36) сомневаться; 37) секретничать; 38) сокращать; 39) коротко, короткий; 40) болеть; 41) больной, болен; 42) гладить (по щеке...); 43) гладко; беспрепятственно; 44) одновременно; 45) перелистывать; 46) лист; 47) нежить, ласкать; 48) нежно, нежный; 49) устранять, отстранять; 50) сторона, страница; бок; 51) одобрять; удобрять; вознаграждать; 52) хорошо, хороший, добрый; 53) участвовать; 54) часть; 55) шутить, острить; 56) шутка, острота; 57) колоситься; 58) колос; 59) шутить, острить; 60) слово; 61) совет; 62) советовать; советую; 63) забота; 64) заботиться, радеть, забочусь; 65) притязание, довод; 66) твердить, настаивать на своем; твержу, настаиваю...; 67) суд; 68) судить; сужу; 69) беседа; 70) беседовать; беседую; 71) выше; 72) повышать, повышаю; 73) одно понятие; 74) несколько рядов; 75) содержат; 76) осилить, (пре)одолеть; 77) удостоиться; 78) воспринимать, усваивать; 79) подозревать;

80) прощать; 81) противоречить; 82) преувеличивать (чрезмерно); 83) осрамить, пристыдить; 84) угощать, потчевать; 85) завидовать; 86) предполагать; 87) утруждать; 88) многословить, распространяться в разговоре; 89) прерывать (разговор, дело); 90) педантствовать; 91) (по)жертвовать, принести в жертву; 92) возиться, заниматься; 93) признаться, исповедоваться; 94) посоветоваться; 95) породниться; 96) скончаться, умирать; 97) спастись; 98) исчезать, пропадать; 99) убиться, ушибиться до смерти; 100) (по)нравиться (дословно: быть носителем обаяния); 101) задеть, обидеть; 102) стать известностью; 103) посещать больного; 104) утешать человека в трауре; 105) встречать, принимать.

א ר י י ס י נ אָ נ י מ י ש ע ו ו ע ר ב ן

גויווער זײַן — בײַקומען — באַנעמען — באזיגן; טויפעס זײַן — באנעמען — באגרײַפן — פארשטיין; מויכל זײַן — אנטשולדיקן; סויסער זײַן — ווידערשפּרעכן; מעגאזעם זײַן — זאָגן גוזמעס — איבערטרײַבן; מעווײַעש זײַן — פארשעמען; מעכאבעד זײַן — טראַקטירן; מײַריך זײַן — פאַר־ציִען — ריידן לאנג; מאפּסיק זײַן — איבעררײַסן, איבערשלאָגן (די רעדע, די טפילע); ניפטער ווערן — שטארבן; ניצל ווערן — געראטעוועט ווערן; נעלעם ווערן — פארשווינדן — ניט ווערן; נעהרעג ווערן — געהארגעט ווערן; נויסע־כיין זײַן — געפעלן, אויסנעמען; קוינע־שעם זײַן — ווערן באַוווּסט, פּאָפּולער — קריגן א נאָמען; מעוואקער־כוילע זײַן — באזוכן א (דעם) כוילע; מענאכעם־אָוול זײַן — טרייסטן א (דעם) אָוול; מעקאבל־פּאָנעם זײַן — באגעגענען — אופּ־נעמען.

נעם מיר ארויס א בער פון וואלד

— נעם מיר ארויס א בער פון וואלד[1]
און לערן אים אויס שרײַבן[2],
אָט־אָ דענסטמאָל און אָט־אָ דענסטמאָל[3]
וועל איך דײַנע בלײַבן[4].

— איך וועל דיר ארויסנעמען א בער
פון וואלד,
און איך וועל אים אויסלערנען שרײַבן,
האָב זשע מיר זיבן קינדער[5],
און זאָלסט א מיידל בלײַבן[6].

— איך וועל דיר האָבן זיבן קינדער
און א מיידל בלײַבן,
מאך זשע מיר א וויגעלע[7]
אָן האָלץ און אָן געצײַגן[8].

— איך וועל דיר מאכן א וויגעלע
אָן האָלץ און אָן געצײַגן,
ניי זשע מיר אויס זיבן העמדער[9]
אָן נאָדלען און אָן זײַדן[10].

— איך וועל דיר אויסנייען זיבן העמדער
אָן נאָדלען און אָן זײַדן,
כאפּ זשע מיר אויס אלע פיש פון יאם[11],
ס׳זאָל קיין איינע ניט בלײַבן[12].

— כ׳וועל דיר אויסכאפּן אלע פיש פון יאם,
ס׳זאָל קיין איינע ניט בלײַבן.
פּרעגל אָפּ זיבן פישעלעך[13],
זיי זאָלן לעבעדיק בלײַבן[14].

— איך וועל דיר אָפּרעגלען זיבן פישעלעך,
זיי זאָלן לעבעדיק בלײַבן.
מאך זשע מיר א לייטערל[15],
ס׳זאָל צום הימל שטײַגן[16].

— איך וועל דיר מאכן א לייטערל,
ס׳זאָל צום הימל שטײַגן.
איך בין א נאר, און דו א גרעסערער[17],
לאָמיר ביידע שווײַגן[18].

מ. ב ע ר ע ג אָ ו ו ס ק י. ייִדישע פאָלקסלידער (רוסיש), 1962.

Перевод: 1) приведи (вынь) мне медведя из лесу; 2) и научи его писать; 3) вот тогда; 4) я стану (останусь) твоей; 5) роди мне семерых детей; 6) и останься девушкой; 7) сделай мне колыбельку; 8) без дерева и без инструмента; 9) вышей мне семь рубах; 10) без иголок и без шелка; 11) вылови мне всех рыб из моря; 12) чтобы ни одной (там) не осталось; 13) зажарь семь рыбок; 14) чтобы оставались живыми; 15) лестница (уменьшительная от «лейтэр»); 16) до самого неба (чтобы к небу поднялась); 17) я глуп, а ты еще глупее; 18) помолчим лучше (будем оба молчать).

דאָצענט ע. פאלקאָוויטש

ט י ק ן ־ ט אָ ע ס

אינעם נומ. 12 פון פאָריקן יאָר, זײַט 96, דארף אין דער פינפטער שורע פונעם פערטן אבזאץ פון אויבן זײַן „גאָרדאָן” אָנשטאָט „י.־ל. גאָרדאָן”.

© Журнал «Советиш геймланд», 1975 г.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД
(Советская родина)
Ежемесячный
литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

На еврейском языке

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер, Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон,
М. Лев, Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Г. Полянкер, С. Фрай.
И. Чичельницкий (зам. главного редактора)
Ответственный секретарь И. Шустер.

Адрес редакции журнала:
Москва, Центр, ул. Кирова, 17
Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
заместитель главного редактора — 294-46-69
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
М. Сафронович, С. Черняк

Корректор М. Ландман

Подписано к печати 18.XII.1974 г. Формат 70×108 1/16.
Печ. л. 12+0,25 вкл. (17,15). Бум. л. 6+0,125.
Цена 50 коп. Зак. 1910.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» при Государственном
комитете Совета Министров СССР по делам
издательств, полиграфии и книжной торговли.
Москва, Г-19, пер. Аксакова, 13.

Цена 50 коп.
Индекс 70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 1

1 9 7 5

В НОМЕРЕ:

Л. Школьник. Магистраль дружбы (репортаж с БАМа).
Н. Забара. Средь бела дня (роман. Продолжение).
И. Кипнис. Рассказы.
Г. Гофман. Переводчик из гестапо (документальная повесть. Окончание).
Стихи Х. Бейдера, П. Киричанского, М. Грубиана.
И. Чичельницкий. У киевских еврейских писателей.
М. Поляновский. Встречи с интересными людьми.
Публицистика. Запад захлопывает дверь перед бывшими советскими евреями, покинувшими Израиль (по материалам зарубежной печати).

Литературная критика. Библиография. Вопросы искусства

Г. Ременик. Магистральная тема — современность.
И. Друкер. О поэтическом творчестве А. Вергелиса.
Биробиджан сегодня (фото-информация).
Это интересно. Разное. Хроника. Заметки на календаре.
Э. Фалькович. Беседы о еврейском языке.